STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03011

DI ROYTE KAPELYE

Leopold Trepper

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָפּאָלד טרעפּער (דאָמבּ)

די רויטע קאַפּעליע

אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון פראַנצויזיש:
מאַקס מעלמאַן

אַרויסגעבער:
"ירושלימער אַלמאַנאַך"
ירושלים, תשל"ח — 1978

Leopold Trepper (Domb)

THE RED ORCHESTRA

LE GRAN JEU

by Leopold Trepper

Published by arrangement with Editions Albin Michel, Paris.

"YERUSALAYIMER ALMANAH" Publishers, Jerusalem.

©

Printed in Israel, 1978

נדפס בישראל, 1978

דפוס "עמל", תל־אביב—יפו

טלפון : 58498

אינהאלט

ערשטער טייל — לערניארן 11

1. צוויי בילדער 13
2. נאָווי־טאָרג 15
3. ארץ־ישראל 23
4. פראַנקרייך 35
5. ענדלעך אין מאָסקווע 46
6. פנים אל פנים מיט דער ווירקלעכקייט 53
7. דער פחד 60
8. פאַרפאַלגונג פון יידן 72
9. די דערמאָרדעטע רויטע אַרמיי 80
10. דאָס שאַקאַלאַד־הויז 83
11. מען זוכט פאַנטאָמאַסן 91
12. דער אָפּשטאַם פון א לעגענדע 97

צווייטער טייל — דער אָרקעסטער שפּילט 99

1. דער געבורט פון אָרקעסטער 101
2. די בעסטע אויסלענדישע רעגן־מאנטלען 109
3. די גרויסע אילוזיע 115
4. אין שלאכט 121
5. די ערשטע שריט 127
6. אין סאמע הארץ פון רייך 136
7. די טיפע איבערצייגונג פון הויפּט־שעף 140
8. דער אָרקעסטער שפּילט 145
9. פערנאנד פאַריאַל 149
10. מיין דאָפּלט לעבן 154
11. די אטרעבאט־גאס נומער 101 160
12. די פעלערן פון צענטער 170

13. די זאַנדערקאָמאַנדאָ אויף אונדזערע שפּורן 177
14. "אלזאַ, הער אַטאַ"... 182
15. "דער גרויסער שפּיל" 192
16. זעקס דורכפאלן פון קאַרל גירינג 198
17. די שווארצע סעריע 203
18. דער אויסנאם־געפאנגענער 213
19. "די שעה פון נקמה איז נאָענט" 220
20. פיר טרעפונגען מיט זשיליעטן 223
21. דער גיהנום פון ברענדאָנק 232
22. די צענטראלע נעמט איבער די איניציאַטיוו 244
23. די זאַנדערקאָמאַנדאָ אין דער פּאסטקע 249
24. דער הענקער פון פּראג 262
25. דער גרויסער שעף איז אנטלאָפן 271
26. שארפער דועל מיט דער געסטאַפּאָ 288
27. געזוכט פון אלע פּאָליציי־אמטן 301
28. די זאַנדערקאָמאַנדאָ אונטער אויפזיכט 309
29. די תלינים האָבן געלאָזן זייערע שפּורן 316

דריטער טייל — דער צוריקקער 327

1. אן אויסטערלישע נסיעה 329
2. לוביאנקע 339
3. לעפאָרטאָווא 347
4. דאָס הויז פון די טויט־לעבעדיקע 361
5. היסטאָרישע לעקציעס 366
6. אויסטערלישע באגעגענישן 370
7. באפרייט 383
8. צוריק קיין ווארשע 392
9. דער לעצטער קאמף 400
אייניקע פאקטן און ציפערן 411
בילדער 415
דאָקומענטן און צוגאבן 433

הקדמה

דער געדאנק צו שרייבן מיינע זכרונות, איז געקומען אין משך פון די דריי יאָר, ווען איך האָב זיך געפונען אין ווארשע אין פולשטענדיקער איינזאמקייט און געוואַרט אויף דער דערלויבעניש צו פאַרלאָזן פוילן.

אין דעם מצב פון "א פרייען ארעסטאנט", וואָס איז מאָראליש שווער איבערצוטראָגן, האָט די איינציקע שטרעבונג באַשעפטיקט מיין געדאנק: ארויסברענגען די זכרונות פון דער פארגאנגענער צייט.

יעדער מענטש,ביים סוף פון זיין וועג, פארהיט א באַזונדערן פעריאָד פון זיינע איבערלעבונגען, וואָס האָבן מער ווי אנדערע געלייגט דעם חותם אויף זיין לעבן. ווען איך כאַפּ א בליק אויף די פארגאנגענע זיבעציק יאָר — האַלט איך, אז דאָס וואָס ס'איז מיט מיר פאַרגעקומען, צווישן מיינע דרייסיק און פערציק יאָר — די תקופה פון רויטן אָרקעסטער — איז פאַר מיר געווען די וויכטיקסטע.

געוויס, האָט אויף אלע וועגן געלויערט אויף מיר די סכנה. די געפאר איז געווען מיין געטרייסטער באגלייטער. פון דעסט וועגן, אויב איך וואָלט באדארפט אָנהייבן פון דאָס ניי דעם קאַמף — וואָלט איך עס געטאָן מיט פרייד.

ענדלעך היינט האָב איך שוין גאָרנישט מער וואָס צו באהאלטן. איך האָב נישט קיין אנדערע פארלאנגען, ווי צו זאָגן דעם אמת וועגן די פופציק יאָר פון מיין מיליטאנטיש לעבן.

דער אמת — דאָ איז ער...

מיין דאנק

איך וויל עפנטלעך אויסדריקן מיין דאנקבארקייט די אלע, וואָס האָבן מאָביליזירט זייער הילף פאר מיר, איך זאָל קאָנען פארלאָזן פוילן: די מיליטאנטן פון די "קאָמיטעטן פאר באפרייען טרעפערן", די פארטייען, פאראיינען און געזעלשאפטן, ווי אויך געוויינלעכע יחידים, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דעם קאמף.

די אלע בין איך שולדיק מיין דאנק פאר געבן מיר די מעגלעכקייט צו שרייבן דאָס בוך.

איך וויל גלייכצייטיק אויסדריקן מיין אָנערקענונג די אָפיציעלע און פריוואטע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן מיר פארלייכטערט די זוכונגען:

1. דעם הער גהיס, דירעקטאָר פון דער בעלגישער אדמיניסטראציע פון די קריגס־קרבנות, ווי אויך פרוי בראָעם און אירע מיטארבעטער פון דער אָפטיילונג פאר "זוכונגען, דאָקומענטירונג און טויט־פאלן" ביים בעלגישן געזונטהייט־ און משפחה־מיניסטעריום.

2. די דירעקציע פון "ברענדאָנק מעמאָריאל" און גאָר באזונדערס דעם פראָפעסאָר פאָל מ. צ. לעווי, פון דער אָפטיילונג פאר סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פאָליטישע וויסנשאפטן ביים קאטוילישן אוניווערסיטעט אין לווען.

3. דעם דירעקטאָר מ. י. וואנוועלקענהיזען און די הערן זשאן דוזשאַרדען און זשאָזע גאָטאָוויטש פון צענטער פאר זוכונגען און היסטאָרישע שטודיומס פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין בעלגיע.

4. פּראָפעסאָר זשאן־לעאָן שארל פון דער קעניגלעכער מיליטערישער אקאדעמיע אין בעלגיע.

5. איך וויל באדאנקען מיין פריינד מאקס מעלמאן פאר זיין געוויסנהאפטע איבערזעצונג פון דעם בוך אויף יידיש. עס קומט אויך א דאנק די פריינד ד״ר דוד ספארד, דוד שטאָקפיש און דעם "ירושלימער אלמאנאך".

א דאנק די אלע, איז דאָס בוך שלימותדיקער און גענויער.

און צום סוף — מיין ברודערלעכע דאנקבארקייט אלע לעבן־געבליבענע פון רויטן אָרקעסטער און זייערע משפחות פאר דער הילף, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן מיט זייער גביית־עדות.

ל. ט.

פאר לובא —
מיין מוטיקע לעבנס-באגלייטערין

ערשטער טייל

לערניאָרן

1 צוויי בילדער

אין איצטיקן מאָמענט קומען מיר אויפֿן געדאַנק צוויי בילדער, וואָס באַצייכענען זייער גוט די עטאַפּן פֿון מיין לעבן.

דאָס ערשטע בילד פֿירט מיך צוריק צו מיין פֿריער קינדהייט, אין יולי 1914, צום קליינעם שטעטעלע נאָווי־טאַרג אין פּוילן, ווו איך בין געבוירן. נאָך איצט קלינגט דער געשריי אין מיינע אויערן:

"מ'האָט געכאַפּט א רוסישן שפּיאָן!"

אין געציילטע מינוטן האָט דער קלאַנג זיך פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל. צו יענער צייט, אין יולי 1914, האָט נישט געפֿעלט קיין קלאַנגען אין גאַס, פֿון איין פֿענצטער צום אַנדערן האָט זיך פֿאַרשפּרייט די נייעס: אין דערפֿל פּאַראָנין האָט מען פֿאַרהאַלטן א רוסישן שפּיאָן און מען ברענגט אים אַהער!

ווי אַלע קינדער אין מיין עלטער, בין איך געלאָפֿן צום וואָקזאַל בייצוווינען דאָס אָנקומען פֿון שפּיאָן. דער צוג האָט זיך פֿאַרהאַלטן — — — א קליינער, פֿעסט־געבויטער מאַן, באַגלייט פֿון צוויי זשאַנדאַרן, איז אויסגעשטיגן: א געל בערדעלע, א ברייט היטל, פֿאַרבויגן איבערן שטערן. צוזאַמען מיט אַלע ייִנגלעך, בין איך נאָכגעלאָפֿן דעם אויסטערלישן דריילינג, וואָס איז אַדורך דעם צענטראַלן פּלאַץ פֿון שטעטל, פֿאַרן אָנקומען צום שטאַטראַט, ווו ס'האָט זיך געפֿונען דאָס איינציקע תּפֿיסה־קעמערל, באַשטימט פֿאַר שיכורים. דעם שפּיאָן האָט מען פֿאַרשפּאַרט אין דעם קעמערל. צו מאָרגנס האָבן די זשאַנדאַרן אים אוועק געפֿירט אין טורמע, וועלכע האָט זיך געפֿונען קעגנאיבער דער שיל.

ס'איז געווען א שבת. אין איין אויגנבליק האָבן די ייִדן פֿאַרלאָזן די שיל און אין גרופּן זיך פֿאַרזאַמלט פֿאַר דער טורמע, זיך געאַמפּערט וועגן דער מלחמה און דעם "רוסישן שפּיאָן". עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אים אַריבער געפֿירט קיין קראָקע. די איינוווינער פֿון נאָווי־טאַרג, דער עיקר די ייִדן, זענען נישט מיד געוואָרן אויסצולאַכן דעם קרעמער פֿון פּאַראָנין, וואָס האָט אין משך פֿון לאַנגע חדשים געגעבן אויף באָרג דעם שפּיאָן און זיין ווייב.

מ'האָט אַזוי לאַנג זיך געוויצלט איבערן צוטרוי פֿון דעם ייִדישן קרעמער, ביז אין א געוויסן טאָג פֿון 1918, האָט ער באַקומען א בריוו פֿון דער שווייץ. דאָס גאַנצע שטעטל האָט גלייך געוווסט וואָס דאָרט שטייט געשריבן:

"איך בעט מיר אַנטשולדיקן, וואָס כ'בין אַוועק און אייך נישט באַצאָלט אין 1914, מחמת שווערע אומשטאַנדן. באַוויליקט אָנצונעמען די בייגעלייגטע סומע, וולאָדימיר איליטש לענין".

לענין האָט נישט פאַרגעסן[1]. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט "שפּיאָנאַזש" און "קאָמוניזם". מען וואָלט געקאָנט אין דעם זען אַ רוף פון גורל, נאָר כ'בין דאַן אַלט געווען צען יאָר און נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון די פּאָר ווערטער, וואָס וועלן באַגלייטן מיין גאַנץ לעבן. און דאָך... די יאָרן זענען אַדורך אין אויסטערלישע ראַנגלענישן, די עלטער איז געקומען, און מיט איר — די איינזאַמקייט.

און אָט איז דאָס צווייטע בילד: די דאַטע — 23סטער פעברואַר 1972.

מיין געבורטסטאָג, כ'האָב איצט 68 יאָר און געפין זיך אין מיין וווינונג אין וואַרשע. די בילדער פון די יום-טובים אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, וועלכע האָבן ביי דער געלעגנהייט צענויפגעזאַמלט די משפּחה — זענען מיר געקומען אויפן זכרון און געמאַכט טרויעריק. מיר זענען דעמאָלט געווען אַ צען ביים טיש: מיין פרוי, מיינע זין, די שנורן און אייניקלעך. היינט בין איך איינער אַליין: זינט דריי יאָר, ווי די פּוילישע רעגירונג באַטראַכט מיך ווי אַ "געפאַנגענעם" אין מיין אייגענער וווינונג און דערלאָזט נישט כ'זאָל זיך פאַראייניקן מיט די מייניקע, וועלכע די אַנטיסעמיטישע העצע האָט פאַריאָגט פון פּוילן.

פיל טעג זענען שוין אַדורך, אַז דער טעלעפאָן איז שטום, כ'בין איזאָלירט. מיט אַמאָל האָט דאָס קלינגען פון טעלעפאָן מיך אויפגעציטערט: דאָס רעדט מיין פרוי, מיט ווונטשן צום געבורטסטאָג! אַ גאַנצן טאָג זענען געקומען ברכות פון פראַנקרייך, דענעמאַרק, שווייץ, קאַנאַדע, בעלגיע און די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס זענען מיינע זין, פריינד, באַקאַנטע, און אפילו אומבאַקאַנטע, וואָס באַטייליקן זיך אין דער אַקציע, וועלכע פירט זיך אין אייראָפּע כדי מיך צו באַפרייען. זיי גראַטולירן מיט סאָלידאַריטעט-ווערטער. איך בין נישט מער אַליין.

דעם 23סטן און אין די ווייטערדיקע טעג, האָט דער בריווטרעגער געבראַכט יעדן פרימאָרגן צענדליקער בריוו און טעלעגראַמעס פון אַלע עקן וועלט. צוויי פּעקלעך זענען געקומען פון האָלאַנד, מיט אַ הונדערט בריוו פון שול-קינדער: די וואַרעמע קינדערישע ווערטער פון פריינדשאַפט און זייערע צייכענונגען, האָבן מיך געשטאַרקט און גערירט ביז טרערן. ניין, כ'בין נישט מער אַליין. פאַר די אויגן לעבן אויף די בילדער פון מיין אייגענער קינדהייט: באַווי-טאַרג...

---

1) אין 1918 האָט סאָוועט-רוסלאַנד נאָך נישט געהאַט קיין דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיטן גרעסטן טייל אייראָפּעישע לענדער. לענין האָט געמוזט שיקן דעם בריוו דורך דער שווייץ: ער איז שנעל באַפרייט געוואָרן, אויף דער אינטערווענץ פון די אָנפירנדיקע פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן. דער "שפּיאָן" פון 1914 איז דערנאָך געוואָרן דער הויפּט פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע.

2 נאָווי־טאַרג

איך בין געבוירן דעם 23סטן פעברואר 1904, אין א קליין שטעטעלע פון גאליציע, וואָס צו יענער צייט איז עס שווער געווען צו געפינען אויף א מאפּע. די משפּחה טרעפער האָט געוווינט אויף דער סאָביעסקי־גאס נומער 5, אין א באשיידן הייזל, וואָס מיין פאָטער האָט אליין געבויט, צענויפזאמלענדיק ציגל און... חובות. דאָס געוועלבל, א מין קליינער באזאר, וואָס האָט פארמאָגט כל־מיני סחורות פאר די פויערים, האָט פארנומען דעם אונטערשטן טייל פון הייזל. די גרויסע לייוונטענע זעק מיט די פארזיי־קערנער, זענען געלעגן אויף דער פאָדלאָגע. די קונים האָבן זעלטן געצאָלט מיט געלט פאר דער געקויפטער סחורה, נאָר אָפט אויסגעביטן אויף זייערע אייגענע, לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטן.

איבער דעם געוועלבל, אויף דעם איינציקן שטאָק, האָט זיך געפונען אונדזער דירה, איינגעטיילט אין דריי קליינע צימערלעך, אין וועלכע ס'האָט געלעבט די משפּחה.

פון די ברעקלעך זכרונות וואָס דערוואכן, זעען מיר אויס מיינע קינדער־יאָרן גליקלעכע, מנוחהדיקע, טראָץ דער גרויסער אָרעמקייט פון די עלטערן. ווארשיינלעך, ווערן די טרויעריקע בילדער פון דער טאָג־טעגלעכער אָרעמקייט פארווישט פיל שנעלער, איידער די דערמאָנונג, וועלכע כ'זע נאָך אזוי דייטלעך איצט פאר מיינע אויגן: דאָס צוקערל, וואָס מיין פאָטער האָט יעדן פרימאָרגן, פארן גיין צו דער ארבעט, ארונטערגעלייגט אונטער מיין קישן.

מיין משפּחה איז געווען א "טיפּיש" יידישע, נאָר דאָס "טיפּישע" איז געווען כאראקטעריסטיש פאר אלע יידישע משפּחות. דער נאָמען טרעפער גיט נישט קיין שום אָנדייטונג אויף מיין אָפּשטאם. מיינע פריינד טראוענשטיין, האמערשלאג, זינגער, זאלמאן, האָבן אויך געטראָגן פארדייטשטע נעמען. א געוויסן טאָג האָב איך זיך פאראינטערעסירט מיט דעם ענין, פארלאנגט אויפקלערונגען ביים לערער, וואָס האָט איין מאָל אין דער וואָך אונדז צוזאמען געגומען און במשך א שעה צייט געלערנט די געשיכטע פון יידישן פאָלק. ער האָט מיר געגעבן צו פארשטיין, אז ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט, האָבן די יידן פון דער עסטרייך־אונגארישער אימפּעריע באקומען א דערלויבעניש צו בייטן זייערע נעמען.

אין ווין האָט מען, א סברה, געגלויבט, אז מיט א דייטש־קלינגענדיקן

פאמיליע־נאָמען, איז לייכטער צו אינטעגרירן זיך אין דער עסטרייכישער באפעלקערונג. מ׳האָט אפילו געביטן די פאָרנעמען. אָט פארוואָס אין מיין געבורט־שיין פיגוריר איך אלס לעאָפּאָלד טרעפּער.

דער יידישער ישוב אין נאָווי־טאַרג, וואָס איז אנטשטאנען נאָך אין די צייטן פון מיטלאלטער, האָט געציילט דריי טויזנט נפשות. די געגנט איז געווען באווינט פון אָן אָרעם פויערטום, וואָס האָט שווער געהאָרעוועט אויף ארויסצובאקומען פון דער אומדאנקבארער ערד זייער מאָגער אויסקומעניש.

אין דאָרף האָט מען געגעסן ברויט איין מאָל אין וואָך. פלעצלעך פון קארטאָפל און קרויט זענען געווען די הויפּטשפּייז. זונטיק זענען די פויערים, טראָגנדיק די שיך אויף די אקסלען, אין די הונדערטער געקומען אין נאָווי־טאַרג אָפּצוריכטן דאָס געבעט אין קלויסטער. די שיך האָבן זיי אָנגעטאָן ערשט פארן אריינגיין אין קלויסטער.

אויך די לאגע פון די יידישע פויערים איז נישט געווען פיל בעסער. א פּאָר שיך האָט אויך ביי זיי געדארפט אויסהאלטן דאָס גאנצע לעבן. עס זענען נישט געווען אין דעם דערפל קיין רייכע פויערים: די ספּעציאַליסטן פון קאָלעקטיוויזאַציע וואָלט זיכער שווער אָנגעקומען אויסצוגעפינען א קולאק! אין נאָווי־טאַרג גופא זענען גאָר ווייניק געווען פארמעגלעכע, בורזשואזע מענטשן.

אין צענטער פון שטעטל — דאָס איינציקע אָרט וואָס האָט זיך נישט געענדערט עד היום — האָט געוווינט א קליינע צאָל פארמעגלעכע יידן און פּאָליאַקן: סוחרים, דאָקטוירים, אדוואָקאטן. ווי נאָר מ׳איז ארויס פון צענטער און זיך אריינגעלאָזט אין די צווייטראנגיקע געסלעך, האָט א שלאָג געטאָן די אָרעמקייט פון די בעל־מלאכהשע בודקעס.

דערמיט דערקלערט זיך די גרויסע צאָל מענטשן וואָס האָבן אויסגעוואנדערט אין די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע. די צאָל האָט זיך פארגרעסערט פון יאָר צו יאָר. זיי האָבן געהאָפט צו געפינען דעם גן־עדן אין די לענדער, געגרייט זיך מיט שמחה צו דער לאנגער נסיעה.

איך זע זיי נאָך איצט מיט די ברייט־צעעפנטע קאָלנערס פון די העמדער, וועלכע האָבן זיי געדינט פאר אָן אנצוג. באלאָדן מיט די הילצערנע וואַליזעס, האָבן זיי, נישט אָן שטאָלץ, געטראָגן אויף די קעפּ גלאנציקע מעלאָנען־היטן.

אנטיסעמיטיזם אין נאָווי־טארג איז געווען אומבאקאנט. די יידישע און קאַטוילישע באפעלקערונג האָבן אָנגעהאלטן פריינדלעכע באציונגען, וואָס דערקלערט זיך אפשר מיט דעם פאקט, וואָס נאָווי־טארג האָט צו יענער צייט געהערט — דער עסטרייך־אונגארישער אימפעריע, וועלכע האָט געפירט א ליבעראַלע פּאָליטיק לגבי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דערביי וועט זיין אינטערעסאנט צו דערציילן דעם אנעקדאָט: א געוויסן טאָג האָט דער ארציביסקופּ פון קראָקע, מאגיסטער סאַפּיעהא, אָנגעזאָגט זיין באזוך אין נאָווי־טארג. איז געווען נאטירלעך, אז די קאַטוילישע באַפעלקערונג האָט זיך געגרייט אים אויפצונעמען, נאָר אינטערעסאנט, וואָס אויך די יידישע קהילה האָט פאר אים געגרייט אן אויפנאַמע, אויף אזוי ווייט, אז

יענעם טאָג, האָט דער ארציביסקופּ, אין דער אנוועזנהייט פון טויזנטער קאַטאָליקן — געבענטשט דעם רבֿ, נאָכן ארויסגיין מיט גרויס פּאראד פון דער שיל.

מיינע עלטערן זענען געווען פרום, אָבער נישט פאנאטיש. אלע פרייטיק־צו־נאכטס האָט מיין מוטער געצונדן ליכט לכבוד שבת און צו דער שבת־סעודה איז תמיד געווען פיש. די אויסערגעוויינלעכע הוצאה האָט זי אָפּטמאָל דערגרייכט מיט שפּאָרן פון די טעגלעכע מאָלצייטן. שבת זענען מיר געגאנגען מיטן פאָטער אין שיל. אָבער פאר אונדז, קינדער, האָט די רעליגיע זיך אויסגעדריקט דער עיקר אין פייערן די טראדיציאָנעלע ימים־טובֿים. מיר האָבן זיך דעמאָלט אלע געפונען ביים טיש און הנאה געהאט פון די יום־טובֿדיקע מאכלים, וואָס האָבן זיך לגמרי אונטערשיידט פון די טאָג־טעגלעכע מאָלצייטן.

געוויינלעך, האָבן מיר געגעסן כשר, נאָר ביז א געוויסער מאָס.

אָפּטמאָל האָט מיין מוטער מיך געשיקט קויפן שינקע (געריכערטע חזיר־פליייש), נאָר אָנגעזאָגט, כ׳זאָל לייגן אכט מען זאָל מיך נישט זען אריינגיין אין א קריסטלעכן וווּרשטן־געשעפט.

דאָס מנוחהדיקע לעבן, די משפּחהדיקע אידיליע איז גאָר שנעל צעשטערט געוואָרן. ס׳איז געשען אזוי, אז באלד אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, זענען די סאָלדאטן פון דעם קליינעם גארניזאָן אין נאָווי־טארג, אַוועק אויפן פראָנט. זייער אָפּמארש האָט געהאט אין זיך עפּעס יום־טובֿדיקס. בראש איז געגאנגען אן אָרקעסטער, בלימלעך האָבן באַפּוצט די ביקסן. דער עולם האָט געיובלט. כ׳האָב זיך צוגעקוקט צו די וואָס מען שיקט זיי שלאָגן זיך פארן קייסער. עס זענען פארביי טריבע און שוויגנדיקע חדשים. דערנאָך האָב איך געזען צוריק קומען די פארוווּנדעטע, וואָס האָבן פארפולט די שפּיטעלער. ווי כ׳זאָל נישט האָבן געווען דעמאָלט נאָך א קינד, האָב איך באַנומען, אז מלחמה איז נישט קיין שפּילעכל!

א געוויסן טאָג האָט זיך פארשפּרייט א קלאַנג און גאָר שנעל זיך פונאנדער־געטראָגן איבער גאַנץ נאָווי־טארג:

— די קאָזאַקן קומען!

מ׳דאַרף וויסן, אז פאר יידן, האָט דאָס בלויזע וואָרט קאָזאַק דערמאָנט אין פּאָגראָמען. אין געאייל איז אָרגאַניזירט געוואָרן די עוואַקואַציע פון די יידן קיין ווין. אויך די משפּחה טרעפּער איז ווי אלע אנדערע אוועק אהין.

אין אלגעמיין האלט מען, אז קינדער פארנעמען זיך נישט מיט פּאָליטיק. אין גרעסטן טייל איז דאָס ריכטיק. מען פארגעסט אָבער, אז דאקעגן די פּאָליטיק פארנעמט זיך מיט זיי. וואָס שייך מיר, האָב איך אין ווין אָנגעהויבן לייענען צייטונגען און אויפמערקזאַם נאָכגעפּאָלגט די געשעענישן אויף די פראָנטן. כ׳האָב גלייכצייטיק אָנגעהויבן זיך לערנען אין דער יידישער גימנאזיע און די פראגע פון רעליגיע האָט מיך אָנגעהויבן באַאומרואיקן. זיין א ייד — איז פאר מיר געבליבן עפּעס א טונקעלער באַגריף. א געוויסן שבת האָט זיך דער ענין באַזונדערס קאָמפּליצירט.

יענעם טאָג בין איך געגאנגען מיט מיין פאָטער אין א רעפאָרמירטער שיל, ווו יונגע מיידלעך האָבן זייער שיין געזונגען. ביים ארויסגיין, זענען צוויי פון זיי

פארבייגעגאנגען נאָענט פון מיר. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, הערנדיק ווי איינע פון זיי האָט געזאָגט צו דער צווייטער: „יעזוס מאריא, מיר האָבן היינט נישט גוט געזונגען שמע־ישראל!" כ'בין געוואָרן ווי צעמישט: ווי איז דאָס מעגלעך, האָב איך געטראכט, אז נישט־יידן זאָלן אין א שיל אזוי גוט זינגען די הייליקסטע יידישע תפילה?

רעליגיע, איז געווען מיין מחשבה, איז זיכער נישט אזוי פשוט.

כ'בין נאָך אלץ נישט געווען ביים סוף פון מיינע קינדערישע איבערראשונגען. כ'דערמאָן זיך: אהיימגייענדיק פון גימנאזיע, האָב איך געהאט די געוווינהייט צו קויפן א שקארמיץ אייז־קרעם ביי א איטאליענישן קרעמער. אין ווין האָבן די איטאליענער געהאט א שם פאר די בעסטע פראָדוצענטן פון אייז־קרעם. א געוויסן נאָכמיטאָג — כ'געפין נישט מער מיין שטענדיקן איטאליענישן פארקויפער פון אייזקרעם. כ'גיי פון קראָם צו קראָם און אלע זענען געשלאָסן. די סיבה: איטאליע איז אריין אין קריג מיט די צוויי אימפעראטאָרן! פון דעם טאָג אָן האָבן די ווינער, צו דער טראַדיציאָנעלער באגריסונג: „גאָט שטראָף ענגלאנד", צוגעגעבן: „און מאך חרוב איטאליע". טאָ וואָס וועט איצט טאָן דער גוטער רבונו־של־עולם? וועט ער פאָלגן די עסטרייכער? אָדער מאכן אזוי, אז די אַליאַנטן, פראנקרייך און ענגלאנד, זאָלן פארשפילן דעם קריג? צי וועט ער האנדלען להיפך? וועלכן לאגער וועט ער אויסקלייבן? אויף די פראגן האָבן מיר נישט געגעבן קיין רו.

א געוויסן טאָג, ווען די באפעלקערונג האָט געיובלט מחמת א מיליטערישן נצחון, איז מיין צערודערונג געווען אין לשער. עסטרייכיש מיליטער האָט אָקופירט די פעסטונג פשעמישל און ווין האָט געפייערט דעם נצחון מיט גרויסע פאטריאָטישע מאניפעסטאציעס. די גאסן זענען געווען באפוצט מיט פענער און דער עולם האָט געשטראָמט צום קעניגלעכן פאלאץ. פון אלע זייטן האָט מען געהערט פריידיקע אויסרופן. מען האָט זיך געקושט, געלאכט, געשריגן — און אלע זענען געלאָפן. לעבן מיר האָט אן עלטערע יידישע פרוי זיך אנגעשטרענגט נאָכצוגיין דעם עולם און ביי דער האנט מיטגעשלעפט א קליין מיידעלע. מיט אלע כוחות האָט זי געהאַלטן אין איין שרייען: „עס לעבע דער קייזער! עס לעבע דער קייזער!" פארמאטערט פון שרייען, גיט זי מיט איין מאָל א זאָג אויף יידיש: „זאָל ער איינבעמען א מיתה־משונה, כ'האָב נישט מער קיין כוח!"

אזא קללה אין דעם טאָג האָט געקענט צערודערן א יונגן בחור!

כ'האָב אויפסניי זיך אָנגעשטויסן אויף די זעלבע פראגן — וווּ איז דאָס גוטע? וווּ איז דאָס שלעכטע?

קלאָר, אז אין דער וועלט זענען פאראן מער אומזיכערע ענינים, ווי זיכערע. ביי דער זייט פון רעליגיע, האָט אויך די מלחמה געהערט צו די אומזיכערע. אוודאי זענען געווען פענער, מוזיק, ביולעטינען פון נצחונות און פאָלקס־פרייד. אָבער ווי יונג איך בין נישט געווען, טאָ ווי האָב איך נישט געקענט זען די צווייטע זייט פון דעם ספעקטאקל? די מלחמה האָט אויך נישט אויסגעמיטן אונדזער הויז, נישט בלויז דערפאַר וואָס מיינעביידע ברידער זענען געוואָרן מאָביליזירט, נאָר

איינער איז פאַרשווונדן אויפן איטאַליענישן פראָנט און דער צווייטער איז געוואָרן פאַרוווּנדעט. אין שווידערלעכע באַדינגונגען איז מיין פאָטער אוועק זוכן זיין זון. דאָס האָט אים דערפירט ביז דער ערשטער שלאַכט־ליניע. ער האָט אים געפונען אין אַ קליין דאָרף־שפּיטעלעכל און זיך דערוווּסט, אַז דער זון איז אַריינגעפאַלן אין אַ קעסלגרוב פון אַ באָמבע־אויפרייס און פון דער אומאויפהערלעכער קאַנאָנאַדע איז ער געוואָרן טויב און שטום. מיין פאָטער האָט אים אַריבערגעפירט אין אַ שפּיטאַל אין הינטערלאַנד. אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער היילונג, האָט זיך זיין לאַגע פאַרבעסערט און ער האָט צוריק באַקומען דאָס לשון. ס'איז זיך פאַרצווּשטעלן די עצבות, וואָס האָט געהערשט אין שטוב אין משך פון דער צייט.

אין סך־הכל, האָב איך אין ווין געהאַט די מעגלעכקייט צו זען דאָס קעגנזעצלעכע, וואָס מ'האָט מיך געלערנט אין גימנאַזיע.

אין דער אמתן, איז דאָס געווען אַ ביטערע לעקציע! נאָך צוויי יאָר לעבן אין ווין, האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין נאָווי־טאַרג. ווי אַזוי ס'איז פאַרגעקומען דער צוריקפאָר — דערמאָן איך זיך נישט. דאַקעגן געדענק איך, אַז אין דער צייט האָבן די רעליגיעזע ספיקות רייף געמאַכט דאָס געפיל פון רעוואָלט. ווען איך האָב אין יום־כיפּור געהערט דעם בעל־תפילה אויסרעכענען "מי לחיים מי למוות", און אַנדערע סאָרטן מיתות וואָס דערוואַרטן אונדז — האָב איך אָבסערווירט די פּנימער פון די מתפללים און געזען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכן אויף זיי די אַנשרעקנדיקע פסוקים. ביים סוף זענען אַלע פּנימער געווען אויסגעקרימט פון פּחד, וואָס האָט מיר אויסגעזען מאָנסטרועז, און כ'האָב מער נישט מסכים געווען זיך אונטערצוגעבן דעם ריטואַל פון תפילות, וואָס האָט נישט קיין אַנדערן ציל, ווי מאַכן פאַרגעסן די אָרעמעלייט אין זייער נויט.

נישט קענענדיק באַשפּייזן דאָס פאָלק, דערלאַנגט מען אים אָפּיום. דעם דאָזיקן אמת האָב איך נישט געלייענט ביי מאַרקסן, זיין נאָמען איז מיר נאָך נישט געווען באַקאַנט. אָבער דאָס לעבן אויף דער פּוילישער פּראָווינץ איז געווען אַ גוט לערן־בוך פאַר יעדן, וואָס האָט נאָר געוואָלט דערפון לערנען.

אין 1917, אין עלטער פון 47 יאָר, איז מיין פאָטער פּריצייטיק געשטאָרבן פון אויסגעמאַטערטקייט און פון אַ האַרץ־אַטאַק. אַ גרויסער עולם איז געקומען צו דער לוויה. אויפן בית־הקברות, האָט דער רבי אין זיין דרשה באַגיטיקט דעם רצון פון רבונו־של־עולם, וואָס איז פול מיט חסד. לויט דער טראַדיציע, האָט אין די ערשטע זיבן טעג נאָך זיין טויט, אַלץ זיך אָפּגעשטעלט. אין שטוב זענען די לאָדנס געבליבן פאַרמאַכט; דער שפּיגל — איבערגעדעקט; די גאַנצע וואָך זענען מיר אין דער טונקל געזעסן אויף נידעריקע בענקעלעך.

איך האָב ווידער אַמאָל באַנומען, אַז דאָס אונטערגעבן זיך דער פאַטאַליטעט איז אַן אומדערלאָזבאַרע אומגערעכטיקייט. כ'האָב פאַרענדיקט מיט דער רעליגיע, זיך אָפּגעטיילט פון דעם אומזעבאַרן גאָט און זיך פאַרבונדן מיט גוטע און ברידערלעכע מענטשן, וועלכע כ'האָב אַנטדעקט אין דער געמיינזאַמער נויט. פאַרלירנדיק די אמונה, האָב איך אָנגעהויבן גלויבן אין דער מענטשהייט. באַנעמענדיק די לאַגע, האָב איך באַשלאָסן זי צו ענדערן, ווי קליין עס זאָל נישט

זיין די צאָל וואָס שטרעבן דערצו. כ׳בין געווען איבערצייגט, אז דער מענטש דאַרף זיך אליין העלפן און נישט פאַרלאָזן זיך אויף צווייפלהאפטע, איבערערדישע כוחות. ״העלף זיך אליין, דער הימל וועט דיר נישט העלפן!״ די אידעע איז פאַר מיר געוואָרן א זעלבפאַרשטענדלעכקייט און האָט זיך מאַטעריאליזירט אין דעם אויסערגעוויינלעכן קוראַזש פונעם אקראָבאַט, וואָס פלעגט אין דער לופט, אָן א נעץ, אויספירן זיין פּראָגראַם אין קראַנע־צירק, אין וועלכן אונדזער פאָטער האָט טיילמאָל אונדז מיטגענומען.

אזוי האָט מיר אויסגעזען דאָס לעבן, ווען כ׳האָב זיך געשיידט מיט מיינע קינדער־יאָרן — א סכנהדיקע איבונג פון גלייכגעוויכט, א שטענדיקע ריזיקע. כ׳האָב דערגרייכט די רייפע יאָרן, ווען די וועלט האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך נאָך לאַנגע יאָרן פון באַרבאַריזם.

אין דעם נייעם פּוילן, אנטשטאַנען נאָך דער מלחמה, האָבן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס האָבן פריער זיך געפונען אונטער דער דייטשער, עסטרייכישער אָדער רוסישער הערשאַפט, פאַרגעשטעלט מיט זיך א דריטל פון דער באַפעלקערונג. פאַר דער מלחמה איז דער באָדן נישט גרייט געווען איינצוגלידערן דריי מיליאָן פּוילישע יידן: דאַקעגן איז אַלץ געטאָן געוואָרן כדי צוריק אויפלעבן דעם אנטיסעמיטיזם. עטלעכע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן זיך אָפן דעקלארירט ווי אנטיסעמיטישע און באאיינפלוסט די רעגירונג. מיט דער לאָזונג ״יידן קיין פּאַלעסטינע!״ האָט מען איינגעשטעלט א נומערוס קלאַוזוס אויף די אוניווערסיטעטן. די רעגירונג האָט פאַרעפנטלעכט דעקרעטן, וועלכע האָבן פאַרבאָטן דעם צוטריט פון יידן אויף מלוכהשע פּאָסטנס. מען האָט געגרינדעט האַנדלס־קאָאָפּעראַטיוון צו קאָנקורירן מיטן יידישן האַנדל און אנטוויקלט אַן אַקציע צו דערמוטיקן די באַפעלקערונג זי זאָל ״קויפן בלויז ביי פּאָליאַקן!״

מיט דער איבערצייגונג, אז יידישקייט לאָזט זיך נישט דעפינירן בלויז דורך רעליגיע, נאָר לעבט און אנטוויקלט זיך אין א נאַציאָנאַלער מינדערהייט, וואָס האָט דורך יאָרהונדערטער זיך באהאַפטן אין פאַרפאָלגונגען און ליידן, באזיצט איר שפּראַך, קולטור און טראַדיציעס — האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין דער יידישער יוגנט־באַוועגונג ״השומר הצעיר״.

געגרינדעט פון ציוניסטישער אינספּיראַציע, דורך א גרופּע יונגע יידישע אינטעלעקטואַלן אין ווין, בעת דער מלחמה, אין 1916, האָט דער ״השומר הצעיר״ זיך שנעל אנטוויקלט אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל צו געפינען אין ארץ־ישראל די ענדגילטיקע לייזונג פאַר דער צוקונפט פון יידישן פאָלק: האָט דען די באַלפור־דעקלאַראַציע דעם 2טן נאָוועמבער 1917 נישט פאַרזיכערט, אז די ענגלענדער זענען דעצידירט צו שאַפן אין פּאַלעסטינע א יידישע נאַציאָנאַלע היים?

״השומר הצעיר״ האָט געהאַט די אמביציע צו פאָרמירן נייע מענטשן, וואָס איבערהייסנדיק מיטן קליינבירגערלעכן לעבנס־שטייגער, וועלן זיי איינשטעלן צווישן זיך ברידערלעכע באציונגען.

דער מאַרקסיסטישער איינפלוס איז געווען זייער שטאַרק אין אונדזער

אָרגאַניזאַציע, אויף וועלכער די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געהאַט איר השפעה.

דעם 22סטן יולי 1918, איז אין טאַרנאָוו, גאַליציע, אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער קאָנגרעס. דער עיקרדיקער פּונקט אויפן טאָג־אָרדענונג איז געווען: ווי אַזוי לייזן די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע?

אַרום דעם פּראָבלעם זענען געווען דריי מיינונגען. די פאָרשטייער פון דער ערשטער מיינונג האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אַריינטרעטן אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווייל נאָר די סאָציאַלע רעוואָלוציע, לויטן באָלשעוויסטישן מאָדעל, איז מסוגל צו לייזן די פראַגע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די צווייטע מיינונג איז געווען, אַז מען דאַרף פאָרן קיין פּאַלעסטינע און דאָרטן שאַפן אַ מלוכה — פריי פון קאַפּיטאַליזם. די אָנהענגער פון דעם, זענען מחויב צו פאַרלאָזן די שול־בענק און די פאַבריקן, זיך נעמען צו ערד־אַרבעט און איינשטעלן אַ ביי לעבן פון גלייכהייט. די דריטע גרופּע, צו וועלכער איך האָב באַלאַנגט, האָט געהאַלטן, אַז איינהיטנדיק די אָנגעהעריקייט צום "השומר הצעיר", דאַרף מען קאָאָפּערירן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

צו קיין ענדגילטיקן באַשלוס אויף דעם קאָנגרעס איז מען נישט געקומען, אויסער דעם, אַז איך ווער באַשטימט אַלס דער ראש פון "השומר הצעיר" אין נאָווי־טאַרג. אויפן צווייטן קאָנגרעס, פאַרגעקומען אין לעמבערג אין 1920, בין איך שוין געוויילט געוואָרן אין דער נאַציאָנאַלער אָנפירונג.

דעם זעלבן יאָר, אין עלטער פון 16 יאָר, האָב איך פאַרלאָזן די גימנאַזיע און אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס לערן־יינגל ביי אַ זייגערמאַכער. מיין הויפּט־אַרבעט איז באַשטאַנען אין לאָזן גיין יעדן טאָג דעם זייגער פון קלויסטער. כ'האָב נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע פעיקייט אין דעם פאַך.

אין 1921 איז ביי אונדז פאָרגעקומען אַ וויכטיקע ענדערונג. מיינע עלטערן האָבן פאַרלאָזן נאָווי־טאַרג און זיך באַזעצט אין דאָמבראָווע, שלעזיע. ווי באַקאַנט, איז די געגנט געווען שטאַרק אינדוסטריאַליזירט און אין גאַנצן באַדעקט מיט קוילן־שטויב. די אַרבעטער האָבן געלעבט אין שרעקלעכע באַדינגונגען.

דאָ האָט זיך ווירקלעך אויסקריסטאַליזירט אין מיר ביסלעכווייז דער באַוווסטזיין פון אָנגעהעריקייט צום אַרבעטער־קלאַס. נאָך דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָב איך אַנטדעקט דעם קלאַסן־קאַמף. כ'האָב אָנגעפירט מיט דער אָרגאַניזאַציע פון "השומר הצעיר" און אין דער זעלבער צייט, מיטגעאַרבעט אין געהיים מיט דער קאָמוניסטישער יוגנט. אין יענער תקופה האָב איך פאַר מיין פּאָליטישער טעטיקייט אויסגעקליבן דעם פּסעוודאָנים "דאָמב" — גענומען פון די ערשטע פיר אותיות פון דאָמבראָווע — וועלכן איך האָב פאַרהיט מיין גאַנץ קעמפעריש לעבן.

ביי אונדז אין דער היים איז מען בוכשטעבלעך געשטאָרבן פון הונגער און איך האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַקומען קיין סטאַבילע באַשעפטיקונג. אַ קורצע צייט געאַרבעט אין אַ מעטאַל־פאַבריק, דערנאָך אין אַ זייף־פאַבריק, אָבער צו פאַרדינען אַ ביסל געלט, האָב איך זיך גענומען צו דער ערשטער פאַרבאָטענער באַשעפטיקונג. צוליב לאָקאַלע שטייערן, איז אַלקאָהאָל געווען פיל ביליקער אין דאָמבראָווע, ווי אין קראָקע. דעריבער האָט דער שמוגל פון בראָנפן פון איין שטאָט

אין דער אנדערער געגעבן א לייטישן ריווח. היות די פּאָליציי האָט דורכגעפירט אָפטע רעוויזיעס, האָב איך זיך אויסגעארבעט א ספּעציעלן פּאַסיק, אין וועלכן כ'האָב פארשטעקט פלאַכע פלעשלעך מיט דער משקה און זיי געטראָגן אונטערן העמד אזוי, אז מ'האָט עס נישט באמערקט.

אויסנוצנדיק מיינע רייזעס קיין קראָקע, האָב איך יעדעס מאָל, ווען ס'איז נאָר געווען מעגלעך, באזוכט פּאַרלעזונגען אין אוניווערסיטעט. מיין דורשט נאָך וויסן איז געווען זייער גרויס, באזונדערס האָט מיך געצויגן צו די וויסנשאפטן וועגן מענטש: פּסיכאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע. מיט גרויס אינטערעס האָב איך געלייענט פרוידן, כדי צו באנעמען די געהיימע אימפּולסן וואָס רעגן אונדז אָן.

אין די שמועסן מיט די חברים פון "השומר הצעיר", האָבן מיר געטרוימט וועגן פאָרמירן א נייעם מענטש, וואָס זאָל זיין באפרייט פון פאָראורטיילן און דאָגמעס.

כ'האָב נישט פארנאכלעסיקט מיין פּאָליטישע טעטיקייט, פארקערט. כ'בין וואָס אמאָל געוואָרן מער אקטיוו. פארזאמלונגען, מאניפעסטאציעס, רעדאגירן און פארשפּרייטן אויפרופן, האָבן פארנומען דעם גרעסטן טייל פון מיין צייט. די ארבעטער-באוועגונג האָט אין יענעם פּעריאָד שטארק זיך אנטוויקלט און געפירט גרויסע קאמפן.

אין 1923 זענען די קראָקעווער אָרבעטער, אָלס פּראָטעסט קעגן זייער בויט-לאגע, ארויס אין אן אלגעמיינעם שטרייק און באזעצט די שטאָט. די רעגירונג האָט ארויסגעשיקט קעגן די אָרבעטער רייטער-פּאָליציי. די בלוטיקע קאמפן האָבן אָנגעהאלטן עטלעכע טעג נאָכאנאנד.

באטייליקנדיק זיך אקטיוו אין דער אקציע, האָב איך צום ערשטן מאָל זיך באקאנט מיט פּאָליצייאישער ברוטאליטעט. פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך שוין געפונען אויף דער "שווארצער ליסטע" און נישט געהאט קיין שום אויסזיכטן צו באקומען ארבעט.

כ'האָב באדארפט אויסקלייבן: אָדער ווערן אומלעגאל, אָדער אוועקפאָרן קיין ארץ-ישראל, מיט דער האָפענונג צו בויען דאָרט א סאָציאליסטישע געזעלשאפט, ווו דאָס יידן-פּראָבלעם וועט מער נישט עקזיסטירן.

3 ארץ־ישראל

פארזען מיט א נאַרמאלן פאספאָרט, בין איך אין אַפריל 1924, צוזאמען מיט א גרופע פון 15 חברים פון זעלבן, צוואנציק־יעריקן עלטער, אַוועק קיין ארץ־ישראל. מיר האָבן נישט פארמאָגט קיין גראָשן אין טאש און אונדזער אַרעמען באגאזש געטראָגן אין א לייוונטענעם זעקל, פארוואָרפן אויף די אקסלען. דער ערשטער עטאפּ איז געווען ווין. מיט פיל עמאָציעס האָב איך דערמאָנט די צייטן, ווען כ'האָב דאָ געלעבט מיט מיין פאָטער, אָבער דאָס איז שוין געווען ווייט! מ'האָט אונדז איינקוואַרטירט אין א געוועזענער קאזארמע. דאָס ערשטע — מיר זענען ארומגעלאָפן פון איין עק שטאָט ביז דעם אנדערן, באזוכנדיק מוזעאומס, מאָנומענטן, מיט דער התפעלות פון פראָווינצער, וואָס אנטדעקן צום ערשטן מאָל א מעטראָפּאָליע.

א אינסטיטוציע צו העלפן עמיגראנטן, האָט אונדז געגעבן די נייטיקע סומע פארצוזעצן די נסיעה. נאָך 8 טעג פארברענגען אין דער הויפּטשטאָט פון עסטרייך, האָבן מיר גענומען די באַן קיין טריעסט, פון דאָרטן — קיין ברינדיזי, ווו מיר זענען איינגעשטיגן אין אן אַלטער, טערקישער פראכט־שיף, וואָס האָט זיך געשלעפּט 10 טעג, ביז זי האָט דערגרייכט ביירוט.

אונדזער שיף האָט זיך פארהאַלטן נעבן א שיף, אויף וועלכער מ'האָט אנגעלאָדן קוילן. הונדערטער אראבער, נאקעטע ביז די לענדן און שווארצע פון שטויב, געבויגענע אין דרייען אונטער דער שווערער משא — זעק אויף די פּלייצעס, האָבן אין א גלייכער ליניע פּאַמעלעך זיך באַוועגט אויפן דעק פון דער שיף. די לאנגזאמע, סיסטעמאטישע באַוועגונגען פון די מענטשן, האָבן מיר אויסגעזען ווי א דערשיינונג פון א פארגאנגענער, היסטאָרישער תקופה. אזוי, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, האָט מען געבויט די פּיראמידן אין מצרים.

— וויפיל צאָלן זיי פאר דער שקלאפן־ארבעט? — האָב איך געפרעגט א מאַטראָס.

— זייט וויסן, מיין הער, — האָט ער געענטפערט, — איר קומט אריין אין א אנדערער וועלט ווי די וועלכע איר האָט געקענט. דאָ פארטרעטן מענטשן די בהמות. וויפל זיי פארדינען? איר וועט האָבן א געלעגנהייט צו זען, ווען זיי וועלן דאָס שפּעטער אויפעסןביים מיטאָג!

א ווײַלע שפּעטער האָט זיך דערהערט א פּייף, די ריי פון די טרעגערס האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך פונאנדערגעשפּרייט אין קליינע גרופּן. די מענטשן, זיצנדיק אויף די שפּיץ פינגער, האָבן שנעל געשלונגען א שטיקל ברויט מיט טאָמאטן.

אין פּוילן האָב איך געקענט די אָרעמקייט, אין מיין ערשטן באריר מיטן נאָענטן מזרח, האָב איך אנטדעקט די נויט. די שיף איז אָפּגעשווומען און מיר זענען ענדלעך אויסגעשטיגן אין יפו.

אראָפּגייענדיק פון שיף, בין איך געבליבן שטיין אומבאוועגלעך אויפן ברעג, איבעראשט פונעם אויסזען פון פּאָרט, א פּארגאָסענער מיט זון — א פּארכאַפּנדיק בילד פאר א יונגן אייראָפּעער, וואָס איז געווינט צו א נידעריקן, גראָען הימל. די שאַרפע פאַרבלענדנדיקע ליכט האָט מיך געצווונגען צו פארזשמורען די אויגן. דורך די האלב פארמאכטע וויעס, האָב איך אָבסערווירט די אומגעוויינלעכע באוועגלעכקייט פון דער מאַסע, וואָס האָט מיר אויסגעזען, ווי זי ענדערט זיך כסדר, מחמת איר אומאויפהערלעכע, איראַציאָנעלע באוועגונג.

די מענער, אָנגעטאָן אין פילפארביקע דזשעלאַבאָס, די קעפּ באדעקט מיט קעפיעס, אָנשטויסנדיק זיך איינער אין אנדערן, פאַרהאַוועטע, אייליקע, נערוועזע — האָבן זיך איבערגערופן מיט אזא אימפּעט, ווי זיי וואָלטן נישט אויפגעהערט צו אַמפּערן זיך. דער גאנצער ארום פון יפוער פּאָרט האָט אויסגעזען ווי א גיגאַנטישע, צעקריגטע מענטשן־מאַסע.

— זיי זענען פון זעלבן אָפּשטאַם ווי מיר — האָב איך געזאָגט צו א חבר, וואָס האָט זיך געפונען לעבן מיר.

— פאַר וואָס ?

— אויך זיי רעדן מיט די הענט !

מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין שטאָט און מיט אַמאָל זיך דערזען אין א פּולשטענדיק אנדערער וועלט : צעדרייטע געסלעך, טומלדיקע קרעמלעך מיט א פילפאַרביקער באַפעלקערונג, דער רוב אראבער. די פרויען זענען ארומגעגאנגען מיט פאַרדעקטע פּנימער. אומאויפהערלעכער געפילדער, געשרייען, שאַרפע ריחות פון פרוכטן און א שטיקנדיקע היץ, וועלכע איז אומדערטרעגלעך פאַר יונגעלייט פון צפון, מיט פאַרבלייכטע פּנימער, ווי מיר זענען עס געווען... מיך האָט גלייך פארכאַפּט דאָס פילקאָלירטע לעבן. תל־אביב איז געווען אונדזער צווייטער עטאַפּ. דעמאָלט איז עס נאָך געווען א באשיידן שטעטל. דאָס הויז פאַר עולים — וווּ ס'איז געווען פאַרויסגעזען מיר זאָלן זיך אויפהאלטן עטלעכע טעג — האָט זיך געפונען אויסער דער שטאָט ; בײַנאכט האָט דער געוואָי פון די ארומבלאָנקנדיקע שאקאלן א דערשראָקענעם מיך אויפגעוועקט פון שלאָף.

מיר איז נאָך פאַרבליבן צו אנטדעקן פיל זאכן : די "גאַסטראָנאָמיע" איז נישט געווען פון די קליינע סיורפּריזן וואָס האָט מיך דערוואַרט. א סיורפּריז מיט א הנאה צוזאמען : כ'האָב צום ערשטן מאָל טועם געווען די אויסלענדישע פּירות : איילבירטן, פייגן, קאקטוס־פּרוכט — "סאבּרעס", וועלכע אן אראבער האָט מיך אויסגעלערנט עפענען און ניט צעשטעכן די הענט. דאָס אלץ איז געווען א שטאַרקער קאָנטראַסט צו די קאַרטאָפל און קרויט, מיין הויפּט־דערנערונג אין פּוילן.

פאַר אונדז האָט זיך געשטעלט דאָס פּראָבלעם פון געפינען אַרבעט. די אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט עולים, האָט פאַרגעלייגט דעם קליינעם ישוב חדרה, ווו עטלעכע רייכע יידן האָבן פאַרמאָגט אַראַנזשן־פּלאַנטאַציעס. צו יענער צייט האָט מען די פּריש געקומענע צוגעטיילט צו שאַסייען־אַרבעט, און די פּערספּעקטיוו אָנצוהייבן אין גיכן קולטיווירן פּרוכטן־ביימער, האָבן מיר אויפגענומען מיט פרייד.

ווען מיר, אָנקומענדיק קיין חדרה, האָבן דערזען דאָס ווונדערלעכע הויז אין מיטן פון דער נחלה, האָט אונדזער תמימותדיקער ענטוזיאַזם נאָך מער זיך פאַרגרעסערט. אָבער דאָס איז געווען פּריצייטיק. דער בעל־הבית האָט אונדז צוגעפירט צום ראַנד פון אַ ברייטער, זומפּיקער געגנט:

— קלויבט אויס אַן אָרט ווו אויפצושטעלן אייערע לייוונטענע געצעלטן — האָט ער געזאָגט, אוועקשאַרנדיק מיט דער האַנט אַ ביסל שמוציקע זומפּן־בלאָטע, וואָס איז געווען פאַר אונדז אויסגעשפּרייט, און צוגעגעבן: — דאָס וועט איר דאַרפן אויסטריקענען!

מיר האָבן באַקומען פיר געצעלטן; איין געצעלט האָט געדינט פאַר אַ קיך און עסצימער, אין די אַנדערע דריי האָבן מיר געלעבט. מ׳האָט אונדז געשאָנקען אַן אייזל צו ברענגען טרינק־וואַסער פון אַ ברונעם, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע קילאָמעטער ווייטער. אָבער גאָר אַפּט האָט דאָס אייזל פון גאָרנישט געוואָלט וויסן און זיך אָפּגעזאָגט צו גיין. מ׳האָט זיך געקענט אויף אים בייזערן, בעטן, שטופּן — ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ביז אַן אַראַבער, וואָס האָט זיך פריילעך געמאַכט מיט דעם ספּעקטאַקל, האָט דעם אייזל געגעבן אַ פעסטן צי ביים עק — און די בהמה האָט גערירט פון אָרט.

זאָגן, אַז די אַרבעט מיט די פיס אין די בלאָטע־גריבער פון באַגינען ביזן צופאַלן פון דער נאַכט איז געווען אַ פאַרגעניגן — וועט זיין איבערגעטריבן. ביינאַכט, צעביסן פון טויזנטער מאָסקיטן, האָבן מיר נישט געקאָנט געפינען קיין מנוחה. יעדן טאָג האָט די מאַלאַריע אוועקגעלייגט דריי אָדער פיר פון אונדזער חברה. אָבער נישט די מדברדיקע שטחים, נישט די האַרבקייט פון קלימאַט און אפילו נישט די קראַנקייטן האָבן אונדז אַנטמוטיקט.

אונדזער יוגנט און התלהבות האָבן אויף דעם אַלעמען קיין אַכט נישט געלייגט, מיר זענען געקומען אין דעם לאַנד בויען און זענען גרייט געווען צו פאַרשאַרצן די אַרבל.

אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, שווער־פאַרמאַטערטע אָבער גליקלעכע, האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט צו דיסקוטירן איבער דער פאָרם פון לעבן, וועלכע מ׳האָט זיך אויסגעקליבן און האָבן זי ליב. אין דער קאָלעקטיווער קאָמונע, ווו ס׳האָט געהערשט אַבסאָלוטע גלייכהייט, זענען מיר געווען איבערצייגט, אַז זייענדיק ווייט פונעם אויפגעצוווּנגענעם, בורזשואַזן לעבנס־שטייגער, פאָרמירט זיך ביי אונדז אויס אַ נייע עטיק, אַ ברידערלעכע, עס אַנטשטייט אַ יושרדיקע געזעלשאַפט.

אונדז האָבן אינטערעסירט דער עיקר פּראָבלעמען פון מאָראַל און אידעאַליזם, און נישט קיין סאָציאַלע פראַגן, ווי מערקווירדיק דאָס זאָל נישט אויסזען.

אָבער די סאָציאַלע פראַגן האָבן לאַנג נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. כ'האָב באַמערקט, אַז דער רייכער יידישער אייגנטימער וואָס פירט אַ באַקוועם, ברייט לעבן, באַשעפטיקט אויף זיינע פּלאַנטאַציעס אויסשליסלעך אַראַבישע ערד־אַרבעטער, וואָס ווערן דורך אים מוראדיק עקספּלאָאַטירט.

אין אַ געוויסן אָוונט, בעת אונדזערע שטענדיקע ויכוחים, האָב איך אויפגעהויבן די פראַגע פאַר מיינע חברים:

— פאַרוואָס אונדזערע בעלי־הבתים, וואָס פּרעטענדירן צו זיין גוטע ציוניסטן, באַנוצן זיך נאָר מיט אַראַבישע אַרבעטס־הענט?

— ווייל זיי צאָלן זיי ווייניקער.

— פאַר וואָס?

— ס'איז גאָר פּשוט. די הסתדרות נעמט אַריין אין אירע רייען נאָר יידן און צווינגט די אייגנטימער צו צאָלן די אַרבעטער אַ מינימום־לוין, ווילן בעסער די אייגנטימער צונעמען אַראַבישע אַרבעטער, וואָס ווערן נישט פאַרטיידיקט פון קיין שום פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע.

די אַנטדעקונג האָט שטאַרק צערודערט מיין תמימותדיקן אידעאַליזם. כ'בין געקומען קיין ארץ־ישראל בויען אַ נייע וועלט, און דאָ זע איך, ווי די ציוניסטישע בורזשואַזיע, אַ פּריווילעגירטע, פאַרפעסטיקט אירע סאָציאַלע פּאָזיציעס, וועלכע מיר ווילן אָפּשאַפן. אונטערן דעקמאַנטל פון יידישער נאַציאָנאַלער אחדות, האָב איך אויסגעפונען דעם קלאַסן־קאַמף.

עטלעכע חדשים נאָך מיין אָנקומען אין יפוער פּאָרט — דאָס איז געווען אין סוף פון יאָר 1924 — האָב איך באַשלאָסן צו באַקענען דאָס לאַנד, גייענדיק צופוס.

צו יענער צייט האָט געלעבט אין ארץ־ישראל אַ האַלבער מיליאָן אַראַבער און בערך הונדערט און פופציק טויזנט יידן. כ'האָב באַזוכט ירושלים, חיפה, וועלכע איז שוין געווען אינדוסטריאַליזירט, כ'האָב אַדורכגעוואַנדערט דעם עמק־יזרעאל, געווען אין גליל, ווו כ'האָב אין פיל קיבוצים געטראָפן אַרבעטן מיינע חברים פון "השומר הצעיר".

ווי איך, האָבן אויך מיינע חברים אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל, מיטן ציל צו שאַפן אַ נייע געזעלשאַפט, אין וועלכער די אומגערעכטיקייט זאָל אויף תמיד פאַרשווינדן. זיי האָבן געגלויבט, דורך אומקערן זיך צו דער נאַטור, צו ערד־אַרבעט, דעראַבערן דעם געהעריקן מוט און די קרבנות־גרייטקייט פאַר אַ בשותפותדיקן לעבן.

אייניקע האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן די אילוזיע וועגן דער מעגלעכקייט צו שאַפן די באַזע פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך אונטער דער בריטישער הערשאַפט. ס'איז גענוג געווען זיך איבערצוצייגן אין דעם, כאַפּנדיק אַ בליק אויף דער גרויסער צאָל פעסטע יונגען פון דער ענגלישער זשאַנדאַרמעריע, וואָס שפּאַצירן איבער די גאַסן. זיי האָט אָנגעהויבן אויסצוזען לעכערלעך, אילוזאָריש, און אַפילו געפערלעך, צו וועלן בויען אַ סאָציאַליסטיש אינדזעלע אין דעם ווינקל פון דער וועלט, ווו מיט פאַרשפּיצטע נעגל וואַכט דער בריטישער לייב.

— אונדזער אקציע קאָן נאָר דאן האָבן א זין, אויב מיר זאָלן זי איינשליסן אין קאמף קעגן אימפעריאליזם — האָט מיר געזאָגט א חבר בעת א לענגערן שמועס.

— כל־זמן די ענגלענדער וועלן דאָ זיין, וועלן מיר גאָרנישט אויפטאָן.

— אָבער אין דעם קאמף בייטיקן מיר זיך אין דער שטיצע פון די אראבער! — האָב איך אים אָפּגעענטפערט.

— ריכטיק, די נאַציאָנאַלע פראגע וועלן מיר לייזן נאָר דורך א סאָציאַלע רעוואָלוציע.

— אָבער אין קאָנסעקווענץ פון דער לאָגישער מסקנה, דארפן מיר זיך אָנשליסן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי.

— איך האָב זיך שוין אָנגעשלאָסן.

כמעט אלע מיינע חברים האָבן געטאָן דאָס זעלבע. אָנהייב 1925 בין אויך איך אריינגעטראָטן אין דער פארטיי.

פון 1917 איז מיין בליק געווען געווענדט צו דער אומגעהויערער שיין, וואָס האָט געלויכטן פון מזרח און מיך פארבלענדט. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט איבערגעדרייט דעם לויף פון דער געשיכטע און איינגעשטעלט א נייע תקופה — די פון דער וועלט־רעוואָלוציע. זינט א לענגערער צייט בין איך אין הארצן שוין געווען א באָלשעוויק, נאָר די יידן־פראגע האָט מיך אָפּגעהאַלטן אריינצוטרעטן אין דער פארטיי. איבערצייגנדיק זיך, אז נאָר דער סאָציאַליזם איז מסוגל צו באפרייען די יידן פון זייער טויזנט־יעריקער אונטערדריקונג, האָב איך זיך געוואָרפן אין קאמף.

פון די גרויסע איבערקערענישן, וואָס לויט מיין מיינונג, דארפן זיי פאָרקומען אין דער נאָענסטער צייט, וועט געבוירן ווערן די נייע, גלייכע און ברידערלעכע געזעלשאפט, פון וועלכער איך האָב געחלומט. איך דארף צוהעלפן, אז דער שווערער, אָבער געוווּנטשענער געבורט, זאָל צושטאנדקומען. כ׳האָב פארלאָזן די נאַיווע אידעאַליסטישע מאָראַל, כדי איין מאָל פאר אלע מאָל אריינגיין מיט ביידע פיס אין דער געשיכטע. וואָס פאר א ווערט האָט די אינדיווידועלע פרייהייט, אויב מיר וועלן נישט ענדערן די וועלט?

יוסף בערגער האָט אין 1920 געגרינדעט די פאַלעסטינער קאָמוניסטישע פארטיי, וועלכע איז אָפיציעל אנערקענט געוואָרן פון קאָמינטערן אין 1924. דער רוב מיטגלידער פון דער נייער פארטיי, איז געקומען פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער פון דער פארטיי, דוד אווערבוך איז א לענגערע צייט געווען פירער פון די לינקע פועלי־ציון. פון 1923, אויפן צווייטן קאָנגרעס פון דער הסתדרות, האָט ער פארטיידיקט די קאָמוניסטישע טעזע קעגן בן־גוריונען. ווי אן אויסגעצייכנטער רעדנער, האָט ער באוויזן צו באגרינדן די אבסורדאַלע טעזע וועגן שאפן א קלאסנלאָזע געזעלשאפט, אָפּהיטנדיק די געזעצן פון קאפּיטאַליסטישן מארק. זיין רעדע, געבויט מיט פעסטער לאָגיק, האָט געמאכט א שטארקן איינדרוק אויפן קאָנגרעס, ער האָט אָבער איבערצייגט נאָר א קליינעם טייל פון די דעלעגאטן, אז דער ציוניזם פירט אומפארמיידלעך צו א טעמפּן ווינקל.

וואָס שייך מיר, האָב איך צו יענער צייט נישט געגלויבט, אז עס זאָל גאָר זיין מעגלעך, און אפילו געוואונטשן, צו שאפן א יידישע מדינה.

כ'האָב נישט באנומען, נאָך וואָס דארפן די פינף מיליאָן יידן פון אמעריקע, די דריי מיליאָן יידן פון ראטן־פארבאנד, די מיליאָנען יידן צעשפרייט איבער דער גאָרער וועלט — פארלאָזן זייערע לענדער און אויסוואנדערן קיין ארץ־ישראל, צו שאפן א צווייפלהאפט פאַטערלאנד. אין יענער צייט בין איך געווען ביי דער מיינונג, אז יעדער ייד דארף באשטימען פאר זיך. די וואָס באטראכטן זיך ווי אנגעהעריקע צום יידישן פאָלק, דארפן אין יעדן לאנד געניסן פון די רעכט פון א נאציאָנאַלער מינדערהייט. נישטאָ קיין שום בארעכטיקונג צו שטערן די וואָס ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

צום סוף, פאר וואָס אזעלכע יידן וואָס ווילן זיך פולשטענדיק אסימילירן (אזא לייזונג, האָט מיר אויסגעוויזן, האָט א שייכות נאָר צו א באשטימטן שיכט פון אינטעלעקטואלן און בורזשויען) — פאר וואָס זאָלן זיי דאָס נישט קענען טאָן? דאַקעגן בין איך געווען איבערצייגט, אז די יידישע קולטור־טראַדיציעס וועלן זיך נאָך דורות־לאנג אויפהאלטן און אויב מען וועט זיי לאָזן פריי זיך אנטוויקלען, וועלן זיי זיין מסוגל צו באַרייכערן די אלמענטשלעכע קולטור.

באלד ביי איר אנטשטיין, האָט די פאלעסטינער קאָמוניסטישע פארטיי (פ.ק.פ.) זיך אָנגעשטויסן אויף דעם פראָבלעם: ווי אזוי באפרייען די ארבעטער־מאסן פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע? איך בין געווען דערפאר, אז די פארטיי דארף ארויסשטעלן א מינימום־פראָגראַם פון באלדיקע, טעגלעכע פאָדערונגען, ווייל בלויז אזעלכע פאָדערונגען זענען ביכולת, מחמת זייער רעאַליזם, אונדז העלפן צוקומען צום יידישן ארבעטער.

גאָר אין קורצן האָט די פארטיי זיך אָנגעטראָפן אויף א פיל גרעסערער שוועריקייט: די ענגלענדער. זיי האָבן לגמרי נישט געהאט בדעה צו לאָזן אנטוויקלען א קאָמוניסטישע פארטיי. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און די אראבישע רעאקציאָנערן האָבן געהאָלפן דער פאָליציי אונדז צו פארפאָלגן. מיר זענען געווען עטלעכע הונדערט אקטיווע מיטגלידער, א טוץ — צוזאַמען מיט די סימפאַטיקער, אלע איבערגעגעבן דער באוועגונג, נישט אָפּגעשטעלט זיך פאר אומלעגאַלער טעטיקייט און קרבנות. מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף א קעגנערשאפט פון אלע זייטן. אין דער צייט, איז די קאָמוניסטישע מינדערהייט אין דער הסתדרות, "די ארבעטער־פראַקציע", געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער הסתדרות און זיך אָנגעשלאָסן אין דעם "פראָפינטערן" [1]. די פארטיי האָט געמאכט פרוּוון צו געווינען די אראבישע באפעלקערונג, נאָר ס'איז איר נישט געלונגען זי ארויסצורייסן פון אונטער דער השפעה פונעם גרויס־מופטי פון ירושלים, געשטיצט פון די ענגלענדער.

כ'האָב פאָרגעשלאָגן דער אָנפירונג פון דער פארטיי — אווערבוכן, בערגערן און בירמאנען, צו שאפן א באוועגונג "איחוד" (איינהייט), "איטאַהאַד" אויף אראביש, וואָס זאָל באשטיין פון יידן און אראבער.

---

1) דער רויטער, פראָפעסיאָנעלער אינטערנאַציאָנאַל.

דער פּראָגראַם פון דער באַוועגונג האָט זיך אויסגעדריקט אין עטלעכע פּשוטע פאָרמולירונגען:

1) קעמפן פאַר אַריינגעמען אַראַבישע אַרבעטער אין דער הסתדרות און שאַפן אַן איינהייטלעכע, אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג.

2) צוגרייטן דעם באָדן פאַר געמיינזאַמע צוזאַמענטרעפן פון יידן און אַראַבער, אויפן קולטורעלן געביט.

דער "איחוד" האָט תיכף געהאַט גרויס דערפאָלג. סוף 1925 האָבן שוין עקזיסטירט בשותפותדיקע קלובן אין ירושלים, חיפה, תל־אביב, און אפילו אין עטלעכע דערפלעך, ווו ס'האָבן געאַרבעט צוזאַמען יידישע און אַראַבישע אַרבעטער. אַלץ אָפטער זענען פאָרגעקומען געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען, מיט פרייען אַריינגאַנג.

דער איינפלוס פון דער באַוועגונג אין די קיבוצים האָט באַאומרואיקט די פירער פון דער הסתדרות. זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי קענען יידן און אַראַבער קעמפן צוזאַמען.

סוף 1926 איז פאָרגעקומען די ערשטע אַלגעמיינע לאַנד־קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג, מיטן אָנטייל פון העכער הונדערט דעלעגאַטן, צווישן זיי — פערציק אַראַבער. ווי דערשטוינט זענען געוואָרן די דעלעגאַטן, דערזעענדיק אין אָוונט פון ערשטן טאָג פון דער קאָנפערענץ, אָנקומען בן־גוריונען, דעם נאַציאָנאַלן פירער פון דער הסתדרות, און שערטאָקן — דעם מומחה פאַר אַראַבישע פּראָבלעמען. ביידע זענען געווען שטאַרק איבערגענומען פון דעם בילד, ווי יידן און אַראַבער זיצן אין דעם זעלבן זאַל.

מיר האָבן זיך געפונען אין אַ שווערן מאַטעריעלן מצב. עס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן צו באַקומען אַרבעט, ווען מ'איז פאַרדעכטיקט אין קאָמוניזם... אין משך פון דעם גאַנצן יאָר 1925, האָבן מיר צען געוווינט אין אַ באַראַק אין תל־אביב. מיר זענען געווען ניין בחורים און איין מיידל. זי האָבן מיר איינגעאָרדנט אין אַן אָפּגעזונדערט ווינקל אין באַראַק. די וואָס האָבן געאַרבעט, האָבן דעם פאַרדינסט אוועקגעגעבן אין דער אַלגעמיינער קאַסע. אָבער דאָס האָט נישט געגנוגנט אויף אויסצוהאַלטן אַלעמען. מיר האָבן געלעבט "מיט דער רעוואָלוציע" און מיט עטלעכע טאָמאַטן. מיר פלעגן אויך אַמאָל גיין אָפּעסן אין קליינעם, תימנישן רעסטאָראַנדל. כדי דער תימנער זאָל צו אונדז האָבן צוטרוי און לאָזן עסן אויף קרעדיט, האָבן מיר אָנגעטאָן די אַרבעט־מלבושים. דאָס איז פאַר אים געווען אַן "אומבאַשטרייטבאַרער" באַווייז, אַז מיר זענען נישט אַרבעטלאָז.

מיר האָבן געליטן פון די פאַר אונדז נייע, קלימאַטישע באַדינגונגען, פון די פּלוצימדיקע ענדערונגען פון דער טעמפּעראַטור, פון דער שטיקנדיקער היץ אין זומער און איבערגאַנג צו שאַרפער קעלט אין ווינטער. איך דערמאָן זיך, אויף וועלכן אופן איינער פון מיינע פריינד, אַן אָפּשטאַמיקער פון קראָקע [1]), האָט

1) זיין נאָמען איז שטאָקשטיל, אַ געוו. קעמפער אין שפּאַניע, געוואָרן דאָרט פאַרוווּנדעט. בשעת דער אָקופּאַציע געלעבט אין פראַנקרייך. אָנטייל גענומען אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אין 1943 געשטאָרבן אין טולוז.

געלייזט די פראגע פון באהייצונג אין דער צייט פון די קעלטן. ער האָט מיר צו וויסן געגעבן, אז ער האָט געפונען באשעפטיקונג, וואָס איז צו יענער צייט געווען שווער אפילו פאר א פראָפעסיאָנעלן מויערער, און מיך איינגעלאדן כ'זאָל קומען "אין זיין באשיידן באראקל..."

— זע ווי כ'האָב זיך איינגעאָרדנט, אז איך זאָל נישט ליידן פון קיין קעלט — זאָגט ער צו מיר. — איך שלאָף אויף איין טיש און מיטן צווייטן טיש דעק איך זיך צו; דאָס איז בעסער פון אלע קאָלדרעס!

צו אונדזער קליינער גרופע, וועלכע איז באשטאנען פון סאָפיע פאָזנאנסקאַ, הלל כּץ און איך, זענען צוגעקומען לעאָ גראָספאָגעל און שרייבער (מיר וועלן זיך מיט זיי אלע צוריק אָפּגעפינען, אין די אַקציעס פון די מלחמה־יאָרן און בשעת דער אָקופּאציע). זייער אָפט זענען מיר זיך צוזאמען געקומען ביי די כּצ'ס, וואָס האָבן געוווינט אין אביידל פון שלעכט־צונויפגעקלאפּטע ברעטער. אונטער דער אָנפירונג פון הללן, וואָס האָט זיך באטראכט פאר א מויערער, האָבן מיר באשלאָסן אויפשטעלן אויף דעם אָרט א געמויערט הייזל.

מיר זענען געווען זייער שטאָלץ, וואָס מיר האָבן מיט די אייגענע הענט זיך אויפגעבויט א נייע, באקוועמע דירה, וועלכע איז געוואָרן אונדזער געמיינזאמע היים.

אין 1926 האָב איך אין תל־אביב ענדלעך זיך געדונגען א דירה, וואָס האָט זיך געפונען איבערן לאָקאל פון "איחוד", בכדי קענען בעסער זיך ווידמען דער אָנפירונג פון דער באוועגונג. דאָ, אויף א פולשטענדיק נישט פאָרויסגעזעענעם אופן, האָב איך זיך באקענט מיט דער וואָס איז געוואָרן מיין לעבנס־באגלייטערין: לובא ברוידע.

א געוויסן אָוונט האָב איך דערהערט, ווי עס רודערט זיך עפּעס אין לאָקאָל. איך בין אַראָפּ זען וואָס איז געשען, טראַכטנדיק, אז כ'וועל זיך אפשר אָנטרעפן אויף א גנב, אָדער אויף עטלעכע נייגעריקע פּאָליציי־לייט... א שיין יונג מיידל איז געזעסן און געלייענט צייטונגען. איך האָב זי געפרעגט:

— ווי אזוי זענט איר דאָ אריין?

— דורכן פענצטער, און דאָס נישט ס'ערשטע מאָל. אין אָוונט, ווען כ'קום אויף די פארזאמלונגען, מאכן אייערע דיסקוסיעס אָן אזא טומל, אז ס'איז מיר אוממעגלעך צו קענען רויק לייענען.

לובא איז געקומען פון לעמבערג, ווו זי האָט געארבעט אין א פאבריק און געווען טעטיק אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. א פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט אויסגעגעבן א גרויסע צאָל קאָמוניסטן דער פּאָליציי, איז געוואָרן דעמאסקירט און די פּארטיי האָט באַשלאָסן אים אומצוברענגען. א יונגער יידישער קאָמוניסט, נפתלי באָטווין, האָט אויף זיך גענומען די אויפגאבע און אָרגאַניזירט אָ גרופּע, אין וועלכער לובא האָט גענומען אנטייל, אויסבאהאלטנדיק ביי זיך דעם רעוואָלווער. דעם פּראָוואָקאַטאָר האָט מען געטויט, אָבער באָטווינען האָט מען ארעסטירט און דערשאָסן. די וואָס האָבן אנטייל גענומען אין דער אקציע, זענען געזוכט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. לובא איז געווען געצוואונגען צו פארלאָזן פּוילן. זי איז געקומען

קיין ארץ־ישראל, ווו זי האָט אין אָנהייב געארבעט אין א קיבוץ. שפּעטער האָט זי געארבעט אלס שטובן־מאלער אין ירושלים. זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין ״איחוד״ און אין דער ארבעטער־פראקציע, וואָס איז אויך געווען טעטיק אין ״מאָפּר״ (אָרגאַניזאַציע צו העלפן פּאָליטישע ארעסטירטע). זי האָט זיך אָפּגעזאָגט ארייננצוטרעטן אין דער פּאלעסטינער קאָמוניסטישער פּארטיי, ווײלכער זי האָט פּאָרגעוואָרפן, אז זי באגרייפט נישט די היסטאָרישע נויטווענדיקייט צו שאפן א יידישע מלוכה.

די טעטיקייט פון ״איחוד״ האָט באאומרואיקט די ענגלענדער. זיי האָבן דורך א פאראָרדענונג פארבאָטן די פארזאמלונגען פון דער אָרגאַניזאַציע. דער סעקרעטאר פון דער ארבעטער־פראקציע איז געוואָרן ארעסטירט. איך האָב אים פארטרעטן.

אין 1927 איז די יידישע פּאָליציי, קאָנטראָלירט פון די ענגלענדער, באַפאלן אונדזער פארזאמלונג אין תל־אביב. זיי האָבן מיך ארעסטירט און געלאָזט זיצן עטלעכע חדשים אין דער יפוער תפיסה. זיצנדיק דעם ערשטן מאָל אין א תפיסה־קאמער, האָב איך גלייך באנומען, אז טורמע־קראטן זענען נישט תמיד ביכולת פולשטענדיק צו פארמאכן די וועלט. מיר איז געלונגען איינצושטעלן א פארבינדונג מיט דער חברטע אננא קליימאן [1]), וועלכע איז געווען זייער איבערגעגעבן אונדזער באוועגונג. כדי צו ברענגען עפעקטיווע הילף, איז זי געוואָרן אן אויפרוימערין ביים יידישן פּאָליציי־קאָמיסאר, וואָס האָט אדורכגעפירט די ארעסטן. זי האָט רעגולער אדורכגענישטערט די קעשענעס פון אירע בעלי־בתים. ווען זי האָט געפונען א ליסטע מיט נעמען פון פארדעכטיקטע מיטגלידער, האָט זי גלייך צו וויסן געטאָן. דעם קאָמיסאר האָבן מיר שוין נישט אראָפּגעלאָזט פון אויג. בעת א מאניפעסטאציע, האָבן מיר אים צעבראָכן א פּוס.

אויך לובא האָט פאר איר איבערגעגעבנקייט באקומען איר חלק: אין 1926—1927 האָט מען זי צוויי מאָל ארעסטירט: אין חיפה און ירושלים.

די קאָמוניסטישע פארטיי האָט מיך באשטימט אלס סעקרעטאר פון דער חיפהער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען די שטאַרקסטע אין ארץ־ישראל; מיר האָבן געהאט פעסטע פּאָזיציעס אין די פאבריקן און ביי די באַן־ארבעטער. כ׳בין אזוי ארום געוואָרן א פּארטיי־טוער. באוואָפנט מיטן כוח פון מיין אידעאל, האָב איך דעם קאמף געפירט מיט דער ענערגיע פון א נעאָפיט. זייענדיק אומלעגאַל, האָב איך געקאָנט ארויסגיין נאָר אין אָוונט און זיך באוועגן פּאָרזיכטיק, כדי אויסצומיידן די פּאָליציי וואָס האָט אונדז כסדר פארפּאָלגט. ווי א גוטער רעדנער, האָב איך אָנגעפירט מיט דער פּראָפּאגאנדע, אָרגאַניזירט די פּאָליטישע טעטיקייט, רעדאגירט אויפרופן און פלוג־בלעטלעך און טראָץ די פּאָליצייאישע פארבאָטן, אָפּגעהאלטן פארזאמלונגען מיט די ארבעטער. אויף איינער פון זיי, פּאָרגעקומען אין די לעצטע טעג פון 1928, בין איך ווידער ארעסטירט געוואָרן, מיט נאָך 23 חברים און איינגעזעצט אין דער תפיסה אין חיפה. מיר האָבן געהאט גענוג צייט

1) ווידערשטאנד־קעמפערין אין פראנקרייך. געוואָרן ארעסטירט און דעפּאָרטירט. אומגעקומען אין אוישוויץ.

צו פאַרניכטן קאָמפּראָמיטירנדיקע פּאַפּירן, אַזוי, אַז די פּאָליציי איז געבליבן אָן פּאַרמעלע באַווייזן וועגן אונדזער אַקטיוויטעט.

מ'האָט אונדז אַריבערגעפירט אין דער מיטלאַלטערלעכער פעסטונג פון עכו און געהאַלטן אין באַדינגונגען פון קרימינעלע פאַרברעכערס. נישט האָבנדיק קיין פאַרמעלע באַווייזן וועגן אונדזער אָנגעהעריקייט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָבן די ענגלענדער זיך אָפּגעזאָגט צו באַטראַכטן אונדז ווי פּאָליטישע אַרעסטאַנטן און אָנגעוועגדט דאָס געזעץ פאַר קרימינעלע. גאַנץ ארץ־ישראל האָט געקענט צו יענער צייט די געשיכטע פון דעם קאָמוניסטישן בעקער־אַרבעטער, וואָס האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אָנצוטאָן די תפיסה־מלבושים פון די קרימינעלע פאַרברעכער און וואָכן־לאַנג געבליבן אין זיין קאַמער אַ פולשטענדיק נאַקעטער.

אונדזער אַרעסט האָט זיך פאַרצויגן, אָן דער אויסזיכט, אַז ס'זאָל פאָרקומען אַ פּראָצעס. זיי האָבן בפירוש נישט געוווסט, וועלכע יורידישע פּאַראַגראַפן אָנווענדן לגבי אונדז. דורך אונדזערע פאַרבינדונגען מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר, סער הערבערט סעמועל, גרייט אַ דעקרעט, וועלכער זאָל דערלויבן יעדן פאַרדעכטיקטן אין קאָמוניסטישער טעטיקייט, צו דעפּאָרטירן קיין ציפּערן.

מיר האָבן באַשלאָסן אָנצוהויבן אַ הונגער־שטרייק, מיט דער פאָדערונג: אָדער באַפרייען, אָדער משפטן. אויפן פינפטן טאָג פון שטרייק האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען יעדן מין געטראַנק — און אונדזער עקשנות האָט געזיגט. די ידיעה וועגן דעם הונגער־שטרייק האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין גאַנץ ארץ־ישראל. עטלעכע לייבאָר־דעפּוטאַטן האָבן אין ענגלישן פּאַרלאַמענט אינטערפּעלירט די בריטישע רעגירונג וועגן איר פּאָליטיק אין ארץ־ישראל און פאַראורטיילט די אונטערדריקונג־מעטאָדן.

אויפן דרייצנטן טאָג האָט מען אונדז צו וויסן געטאָן, אַז דער פּראָצעס הויבט זיך אָן. מ'האָט מיך באַשטימט צו רעדן אין נאָמען פון מיינע דריי און צוואַנציק חברים.

אין ערשטן טאָג פון פּראָצעס איז דער רוב חברים געווען אַזוי דערשעפּט, אַז מ'האָט זיי געבראַכט אין געריכט־זאַל אויף טראָג־בעטלעך. אָבער אַ צווייטער געריכט־טאָג איז שוין נישט פאָרגעקומען. דער פּראָצעס האָט קוים באַוויזן זיך צו עפענען, און דער ריכטער, אַרומגערינגלט פון צוויי בייזיצערס, האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַן איראָנישן טאָן דערקלערט:

— איר גלויבט באמת, אַז איר זייט מסוגל צו באַאומרואיקן דעם בריטישן לייב? איר מאַכט אַ טעות! דער פּראָצעס וועט נישט פאָרקומען. איר זייט פריי!

מיט אַ האַנט־באַוועגונג האָט ער געגעבן אַ באַפעל דער פּאָליציי צו באַזייטיקן אונדז פון זאַל: מיר האָבן געוווּנען!

אין 1928 זענען אויפגעקומען ערנסטע שוועריקייטן, אין רעזולטאַט פון אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן קריזיס — אַרבעטלאָזיקייט. פיל יידישע אַרבעטער, בערך אַ דריטל — זענען געטראָפן געוואָרן פון קריזיס — און זיי האָבן מאַסנווייז

פאַרלאָזט דאָס לאַנד. אויף די פינף טויזנט, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט אין דעם יאָר, זענען אריינגעקומען אין לאַנד נאָר צוויי טויזנט זיבן הונדערט.

אין 1929 זענען אויסגעבראָכן אַנטי־יידישע עקסצעסן, באַגלייט מיט מאָרדן. די עקסצעסן האָבן ארויסגערופן א דראַמאַטישע מיספאַרשטענדעניש צווישן דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דעם קאָמינטערן, נעמלעך: לויט דעם קאָמינטערן, זענען די פּאָגראָמען געווען דער אָנהייב פון אן אראַבישן אויפשטאַנד און די פּאַרטיי דאַרף דאָס פאַר יעדן פּרייז אויסנוצן פאַר אירע צילן. די פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט באַקומען אָנווייזונגען צו פירן אן אַנטי־אימפּעריאַליסטישע אַגיטאַציע אין די אַראַבישע דערפער, פאַרוואָרפנדיק דערביי דער פּאַרטיי, אַז ביז איצט איז איר נישט געלונגען צו ווירקן צווישן די אַראַבישע מאַסן.

דער קאָמינטערן האָט געוואָרפן די לאָזונג „אַראַביזאַציע און באָלשעוויזאַציע", גלייך דאָס אויטאָמאַטישע פּאַרטרעטן מיט אַראַבער די יידן אין די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־אינסטאַנצן, וועט דערמעגלעכן צו פאַרגרעסערן דעם פּאַרטיי־איינפלוס צווישן דער מוסולמענישער באַפעלקערונג. אַזאַ אַנאַליז פון דער לאַגע, האָט אָנגעטראָפן אויף א שאַרפע קעגנערשאַפט מצד דער פּאַלעסטינער פּאַרטיי; א גרופּע פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן פאַראורטיילט דעם באַשלוס פון קאָמינטערן און אים באַצייכנט אַלס אַן אוואַנטוריסטישן. איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער מיינונג...

ווילנדיק אַדורכפירן די לאָזונג פון קאָמינטערן, איז דערמאָרדעט געוואָרן א פּאַרטיי־מיטגליד פון חיפה. מיר זענען געווען געצוווּנגען אָנצונעמען אויסערגעוויינלעכע מאָסמיטלען צו באַשיצן דעם פאָרשטייער פון קאָמינטערן, דעם טשעך סמעראַל, וואָס האָט געלעבט אומלעגאַל נאָענט פון ירושלים.

די אַבסורדאַלע פּאָליטיק האָט דערפירט דערצו, אַז אויך צווישן די יידישע אַרבעטער איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט דער איינפלוס פון דער פּאַרטיי. פון איר זייט האָט די פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי גופא דערפירט צו א פאַרוויסטונג אין אירע רייען, זייענדיק מסכים מיט די סאָוועטישע אופנים פון לייזן די יידן־פראַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד.

ווי אַזוי האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע? נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז געווען פאַרויסגעזען, אַז דאָס נאַציאָנאַלע יידישע לעבן וועט זיך אַנטוויקלען אין די ראַיאָנען, וווּ יידן געפינען זיך אין קאָמפּאַקטע מאַסן: קרים, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד. אָבער אין 1927, האָט די סטאַליניסטישע אָנפירונג געשאַפן אויף א קינסטלעכן אופן אן אויטאָנאָמען יידישן ראַיאָן אין בירא־בידזשאַן, ביי דער מאַנדזשורישער גרענעץ. דאָס איז געווען א ביוראָקראַטישער באַשלוס אויפצושטעלן, אויף א נישט נאָרמאַלן וועג, א מלוכה אין א סיבירער געגנט, אין שווערע קלימאַטישע באַדינגונגען, וווּ ס'איז קיין מאָל נישט געווען אפילו א סימן פון א יידיש לעבן.

אַזוי אַרום זענען עטלעכע טויזנט מענער און פרויען, געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייער היימלאַנד אין אוקראַינע און קרים, וווּ זיי האָבן גענאָסן פון די רעכטן ווי א נאַציאָנאַלע מינדערהייט. די פּאַלעסטינער פּאַרטיי איז געוואָרן

אויפגעפּאַדערט, אויפן זעלבן אופן ווי די פּארטייען פון אנדערע לענדער, צו באווייזן די ריכטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאָליטיק לגבי די מינדערהייטן און אַנרעגן די יידישע ארבעטער צו פאָרן זיך באזעצן אין ביראָ־בידזשאַן.

הונדערט פופציק מיטגלידער פון ״גדוד־עבודה״ האָבן אויסגעוואנדערט, מיטן ציל צו גרינדן אין קרים א קאָלעקטיוו — ״די נייע שטים״.

זייער ווייניק פון זיי זענען געבליבן ביים לעבן, נאָך די סטאַלינישע רייניקונגען. וואָס שייך די אַנפירנדיקע טוערס פון דער פּאלעסטינער פּארטיי, זענען זיי שלעכט באלוינט געוואָרן פאר זייער טריישאפט. מ׳האָט געהאלטן אין מאָסקווע, אז מען דאַרף זיי ״איבערדערציען״... די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט זענען געפּאָרן קיין ראטן־פארבאנד צו שטודירן אין KUTV (קאָמוניסטישער אוניווערסיטעט פאר מזרח פּראָבלעמען). מען דאַרף אָננעמען, אז די ״איבערדערציונג״ האָט נישט געגעבן די געווונטשענע רעזולטאטן, ווייל פון יאָר 1935, זענען אלע געוואָרן ארעסטירט.

פאר מיר, אין ארץ־ישראל, אין דער קאמף ווייטער אָנגעגאנגען. כ׳בין כסדר געווען פארפאָלגט פון דער פּאָליציי. נישט תל־אביב און נישט ירושלים, זענען פאר מיר געווען זיכערע ערטער.

אין א קליין לאנד איז כמעט אוממעגלעך דאָס אומלעגאלע לעבן פאר פּארטיי־אקטיוויסטן, וואָס זענען באקאנט. לויט א דעציזיע פון בריטישן הויך־קאָמיסאַר, האָט מען מיך ארויסגעשיקט פון לאנד. איך בין אָפּגעפאָרן קיין פראנקרייך, מיט אן אָרעמען באגאזש, נאָר מיט צוויי דאָקומענטן, וועלכע זענען פאר מיר ווערט געווען גאָלד: א רעקאָמענדאציע פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער ארץ־ישראלדיקער קאָמוניסטישער פּארטיי, וועלכע האָט בעשטעטיקט מיין אָפּפאָר, און א טראנזיט־וויזע.

4 פראנקרייך

עס איז געווען סוף 1929, ווען כ'בין אַראָפּ פון דער שיף אין מאַרסיי. די נסיעה האָט געדויערט א קאַרגע וואָך. אויסגעצויגן אויפן דעק פון דער פּראַכט־שיף, דעם קאָפּ — אויף א בערגל שטריק, האָב איך געהאַט צייט נאָכצוטראַכטן. כ'האָב קוים דערגרייכט די עלטער פון א פערטל יאָרהונדערט, און שוין געמוזט צום צווייטן מאָל נעמען דעם וואַנדער־שטאָק. כ'האָב גענומען פאַר ליב מיין גורל. די פּאַרפּאַלגערס פון א רעוואָלוציאָנער, רעכענען זיך נישט מיט זיין עלטער. די אויסוואָרצלונג קען נאָר דעמאָלט פאַרשאַפן צער, ווען מ'איז שוין איינגעוואָרצלט — און די שטיינער פון ארץ־ישראל האָבן פאַר מיר נאָך נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם פּרוכטבאַרן באָדן צו קולטיווירן א גאָרטן.

ווען כ'האָב דערזען אויפן האָריזאָנט דעם פראַנצויזישן ברעג, האָט די פרייד פון רעאַליזירן ענדלעך אַן אַלטן חלום, אָפּגעווישט די לעצטע געפילן פון באַדויער — פראַנקרייך!

שווער צו באַגרייפן די עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג פון דעם וואָרט פאַר א שטעטלאָזן יונגערמאַן, ווי איך בין דאָס געווען.

ווי געוויינלעך אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט אַן עמיגראַנט פון מזרח־אייראָפּע פאַרלאָזט זיין היימלאַנד מיטן געדאַנק צו ווערן דער "אַמעריקאַנער פעטער" פאַר די משפּחות, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזן אין וואַרשע אָדער אין בוקאַרעשט. דער קליינער שיף־פּוצער פון בראָדווי, וואָס איז מיט איין מאָל געוואָרן א גרויסער ביזנעסמאַן, האָט דערוועקט דעם ווילן ביי א נישט קליינער צאָל בעלי־חלומות...

אָבער פאַר א יונגן קאָמוניסט, וואָס ביי זיינע 25 יאָר איז ער אין 1930 אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון זיין געבוירן־לאַנד דורך דער פּאָליציי, און א דאַנק פאַרשידענע אומשטאַנדן און צופאַלן זיך אַנגאַזשירט אין קלאַסן־קאַמף, געוואָרן א "קאַמיוואָיאַזשער" פון דער רעוואָלוציע — איז צווייפלען נישט דערלויבט. זיין בליק איז געווענדט צום רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע, אָדער צום באַסטיליע־פּלאַץ אין פּאַריז.

כדי אָנצוקומען קיין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו א דאַנק מענטשלעכער אַרבעט ווערט רעאַליזירט א טויזנטיעריקע האָפענונג — דאַרף מען זיך פאַרדינען, דאַרף מען באַווייזן, אַז מ'איז עס ווערט.

דערווייל געפינט זיך נאָך דער יונגער דאַמב אין אָנהייב פון א שווערן וועג,

אויף וועלכן מען קאָן פאַרויסגיין נאָר א דאנק עקשנות, געדולד און קרבנות־גרייטקייט. פאר פּאַליטישע עמיגראנטן גראמט זיך כמעט דאָס וואָרט פראנקרייך מיט רעוואָלוציע. אין א לאנד, ווו די קאָמונארן האָבן געשטורעמט די הימלען און די זעלבער האָבן זיך געברידערט מיטן אויפגעצאַרנטן פאָלק — פלאַטערט תמיד הויך די פאָן פון רעוואָלט. מען זעט זי פון ווייט און אין אלע צייטן האָט זי צוגעצויגן צו זיך די פארפאָלגטע פון פארשידענע לענדער.

פארשטענדלעך, אז פראנקרייך פון דער דריטער רעפובליק, איז שוין מער נישט געווען דאָס ריכטיקע אזיל־לאנד פאר רעוואָלוציאָנערן. די פּאָליציי, ווי ס׳איז נאַטירלעך פאר א דעמאָקראַטיש לאנד, איז געווען זייער פעדאנטיש. און וואָס שייך באשעפטיקונג, האָבן די אזיל־לייט פון דער רעפובליק גרויסמוטיק פאַרגעלייגט די עמיגראנטן די סאמע שווערסטע ארבעטן.

אָבער דער ענין פון לעגאליזירן די וווינרעכט אין דעם לאנד, האָט נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין באזונדערע שוועריקייט פאר דעם, וואָס האָט געוווּסט ווי אזוי זיך אַן עצה געבן. א קאָמוניסט האָט געוווּסט, אז אין פראנקרייך קאָן ער רעכענען אויף דער הילף פון זיינע פארטיי־חברים. אויך א ייד האָט געוווּסט, אז אין די יידישע פאָלקס־ארגאניזאציעס, קאָן ער תמיד געפינען פריינד.

איך האָב זיך דעריבער באמיט צו זיין טעטיק אין דער יידישער ארבעטער־סביבה, ווו כ׳האָב געוווּסט, אז די פארטיי ברייטערס אויס איר איינפלוס און נייטיקט זיך אין אקטיווע חברים. דער עיקר: איך באזיץ א טראנזיט־וויזע, וועלכע עפנט פאר מיר די טויערן פון פראנקרייך. איצט האנדלט זיך וועגן דאָ פארבלייבן.

נישט האָבנדיק גענוג געלט פאַרצוזעצן די רייזע, בין איך פארבליבן צוויי וואָכן אין מארסיי. איך וואָלט ווארשיינלעך געווען צופרידן פון דער לופט פון דער קאנאביער־גאס [1], נאָר כ׳האָב געפונען באשעפטיקונג אין א קליינעם רעסטאָראַן און דאָרט געארבעט גאנצע טעג, אין א פארמאכטן צימער, אָן לופט. פאר דער ארבעט האָב איך באקומען עסן און עטלעכע פראַנק. פון דעם לוין האָב איך נאָך עפּעס אָפּגעשפּאָרט און געקויפט אַן אַנצוג. דער פּרט קאָן היינט אויסזען לעכערלעך!

ביי פינף און צוואנציק יאָר האָב איך נאָך נישט געהאט אָנגעטאָן אויף זיך א נייעם אנצוג. אין ארץ־ישראל איז מיין גאנצע גארדעראָב באשטאנען פון א פאָר קורצע הייזלעך און א לייכט העמדל. איצט איז נישט געקומען אין באטראכט צו פאָרן קיין פאריז אין א הילוך פון א שלעפער.

אָנגעטאָן אין נייעם אנצוג, בין איך נישט מיד געוואָרן צו באטראכטן דעם נייעם מענטש וועלכן כ׳האָב געזען אין שפּיגל. דערביי זענען מיר געקומען אויפן זכרון די נייע מלבושים, וועלכע עס האָבן זיך אויפגענייט די יידן פון באָווי־טאָרג, פאר זייער אָפּפאָרן קיין אמעריקע.

מיט א געוויסן שטאָלץ האָב איך געשטעלט מיינע ערשטע טריט אין פאַריז. אין האנט האָב איך געהאלטן א קליינע וואליזקע; זי איז געווען האלב ליידיק, אָבער וועמען איז דאָס אנגעגאנגען! כ׳האָב געוווּסט וווהין איך גיי. מיין חבר

1) די באלעבטסטע גאס פון מארסיי ביים ברעג ים.

פון דער קינדהייט, אלטער שטראָם, האָט פאַרלאָזן ארץ־ישראל א יאָר פאַר מיר און זיך באַזעצט אין פראַנקרייכס הויפּטשטאָט. א פאַכמאַן פון פּאַרקעט־פּאָדלאָגעס, האָט ער לייכט באַקומען אַרבעט. דער אַדרעס וועלכן ער האָט אויפגעגעבן, האָט מיך ממש פאַרשיכורט: ״האָטעל דע פראַנס״, 9 רי ד'אַראַס, פּאַריז 5. דער פינפטער אַראָנדיסמאַן פון פּאַריז, איז דאָך דער לאַטיינישער קוואַרטאַל, דער קוואַרטאַל פון סטודענטן. ״האָטעל דע פראַנס״! — מיט אַזאַ נאָמען קאָן עס זיין נאָר א פּאַלאַץ. וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? איז מיין חבר שטראָם געוואָרן א קאַפּיטאַליסט? האָט ער דען נישט צו וויסן געטאָן אין א בריוו, אַז אין די ערשטע טעג פון מיין קומען, וועל איך קאָנען ביי אים וווינען?

כ'בין אַריין אין א שמאָל, טונקל געסל, דער נומער 9 איז געווען א קליינע געביידע, מיט א גרויען שמוציקן פאַסאַד, דער אויפשריפט ״האָטעל דע פראַנס״ — האַלב אָפּגעמעקט פון די רעגנס.

כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט אויפן צימער פון הער שטראָם: ער האָט זיך געפונען אונטערן סאַמע דאַך. כ'האָב א שטויס געטאָן די טיר און תיכף אַנטדעקט זיין גאַנץ פאַרמעגן. א גרויס בעט, וואָס האָט פאַרנומען כמעט דאָס גאַנצע שטיבל, אין א ווינקל א קליינע וואַש־שיסל, נאָענט צום פענצטער א זיך שאָקלדיק טישל, און אַנשטאָט א הענגער — עטלעכע טשוועקעס אויף דער טיר. אָט דאָס איז געווען די מעבל־איינריכטונג. כ'האָב זייער שנעל באַנומען די סיבות פון מיין חבר אַלטער שטראָמס אויסוואַל — ״האָטעל דע פראַנס״ איז געווען איינער פון די ביליקסטע האָטעלן, וווּ די פּאָליציי האָט זייער ווייניק קאָנטראָלירט. דאָס צימער איז תמיד געווען אָפן פאַר חברים, דאָס בעט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר פלעגן אויף דעם שלאָפן אין דער ברייט. גאָר אָפט האָבן מיר אין דער פרי זיך אָפּגעפונען פינף אָדער זעקס אין דעם בעט. די חברים וואָס האָבן נישט געהאַט וווּ צו שלאָפן, האָבן מיט א ביסל קליין־געלט אָפּגעקויפט דעם נאַכט־וועכטער און פאַרנומען די פרייע ערטער.

די איינציקע צרה זענען געווען די וואַנצן, וועלכע האָבן פאַרפלייצט דאָס צימער. א געוויסן טאָג האָבן מיר געקויפט צוויי פלעשלעך ווייַן און פייערלעך געענדערט דעם נאָמען פון האָטעל. אַנשטאָט ״האָטעל דע פראַנס״, האָבן מיר אים א נאָמען געגעבן ״האָטעל דע וואַנץ״.

כ'האָב באַשלאָסן צו פאַרשרייבן זיך ווי א פרייער צוהערער אויפן אוניווערסיטעט. ווען איך קען באַוויזן דער פּאָליציי־פּרעפעקטור, אַז כ'האָב מעגלעכקייטן זיך אויסצוהאַלטן, באַקום איך דעם דאָקומענט אויף וווין־רעכט.

אגב, שוין א לענגערע צייט, ווי מיינע חברים האָבן געלייזט דאָס פּראָבלעם: זיי האָבן איבערגעשיקט אין זייער געבוירן־שטאָט די גייטיקע סומע, אויף א חודש לעבנס־הוצאות, וועלכע די פראַנצויזישע פּאָליציי האָט געפאָדערט פון יעדן, וואָס האָט געוואָלט בלייבן אין לאַנד. די עלטערן, אָדער חברים, האָבן די סומע תיכף צוריקגעשיקט קיין פּאַריז, וואָס האָט אויך אָפט געניצט פאַר אַנדערע. אין דער פּרעפעקטור האָבן מיר באַוויזן די קבלה פון דער פּאָסט, וועלכע האָט באַשטעטיקט, אַז מיר באַקומען רעגולער סובסידיעס פון פּוילן!

עטלעכע וואָכן נאָך מיין אָנקומען קיין פּאַריז, האָב איך באַקומען מיין ערשטע קאַרטע פון וווין־רעכט, גילטיק אויף 6 חדשים.

גלייך פון ערשטן טאָג, האָב איך אָנגעבונדן א קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי. אין א שטיקל שטאָף איינגענייט אין א מאַנטל, האָב איך באַהאַלטן די רעקאָמענדאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. כ׳האָב זי איבערגעגעבן א פאַראַנטוואָרטלעכן פון צענטראַל־קאָמיטעט פאַר אויסלענדישע אַרבעטער.

מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז ווי נאָר כ׳וועל אָנהייבן אַרבעטן, דאַרף איך אַריינטרעטן אין אַקטיווער טעטיקייט. ס׳איז אָבער בפירוש געווען א חלום צו באַקומען סטאַבילע באַשעפטיקונג: אימיגראַנטן האָבן העכסטנס געקאָנט האָפן אויף צווייטראַנגיקע, נישט רעגולערע אַרבעטן. ביי די בוי־אַרבעטן זענען אויסלענדער געוואָרן באַשעפטיקט אויף קורצע טערמינען און נאָר ווי געהילפן.

די אויפזעערס (מייסטערס) אויף די געביידעס, האָבן ביים צונעמען איינגעוואַנדערטע אַרבעטער, אַראָפּגענומען א פּראָצענט פון זייער לוין און דערפאַר זיך נישט געמאַכט וויסן, וואָס דער אַרבעטער באַזיצט נישט קיין לעגאַלע אידענטיטעט־קאַרטע, מיט רעכט אויף אַרבעט.

אין משך פון עטלעכע יאָר האָב איך געאַרבעט אויף א הויז, וועלכן ס׳האָט דעמאָלט געבויט אין פּאַריז די פאַרלאַג־פירמע ״האַשעט״. באַלד דערנאָך האָב איך באַקומען אַרבעט אין דער פאַרשטאָט פּאַנטען, ביים טראַנספּאָרטירן אייזערנע שינעס. כ׳האָב די אַרבעט אַזוי לאַנג געטאָן, ביז א געוויסן טאָג, האָט אַן אייזערנע שטאַבע צעריבן א טייל פון מיין פוס. עד־היום זענען פאַרבליבן דערפון סימנים.

אין יענער צייט האָבן די גרויסע פּאַריזער מאַגאַזינען צוגענומען יעדן אָוונט געהילפס־אַרבעטער צו רייניקן ביינאַכט די פּאָדלאָגעס. צוזאַמען מיט עטלעכע צענדליק סטודענטן, אָנגעבונדן אויף איין פוס א באַרשט, אויפן צווייטן — א שמאַטע, האָבן מיר פון דער שעה, ווען מען פאַרמאַכט דאָס געשעפט אין אָוונט, ביז אין דער פרי, ״געטאַנצט״ אויף די פּאָדלאָגעס פון ״סאַמאַריטען״ און ״באָן־מאַרשע״. ס׳איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט, אָבער א גוט באַצאַלטע. מיט דעם לוין פון איין נאַכט אַרבעט, האָב איך זיך געקענט דערנערן צוויי אָדער דריי טעג. פיל שווערער איז געווען די אַרבעט פון איבערטראָגן פּעק אויף די וואָקזאַלן. גאַנצע נעכט האָב איך געלאָדן וואַגאָנען מיט סחורות אויפן ״גאַר דע לא שאַפּעל״. אין דער פרי, האָב איך פון מידקייט קוים דערשלעפּט די פיס צום בעט. נאָר אפילו די אַרבעט איז אויך נישט געווען סטאַביל.

טראָץ דעם אַלעם, האָט עס מיר נישט געשטערט צו זיין פּאָליטיש טעטיק. מיין פּאָליטישע אַקטיוויטעט האָב איך געפירט אויסשליסלעך צווישן די איינגעוואַנדערטע יידישע אַרבעטער, ווו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך באַמיט אויסצובררייטערן איר איינפלוס.

בנוגע די יידן אין פראַנקרייך — זיי זענען צו יענער צייט געווען אין פּאַריז בערך הונדערט טויזנט — וועט זיין ריכטיקער צו רעדן פון קהילות, ווי וועגן איין קהילה. צו די שיכטן פון דורות איינגעזעסענע יידן (פון עלזאַס, לאָטרינגען, דרום־

פראַנקרייך, באָרדאָ, וואָס האָבן פאַרן פּרייז פון שווערע גערעאַנגלען דערגרייכט די עמאַנציפּאַציע, אָבער אויך שטופנווייז דעראָבערט העכערע סאָציאַלע פּאָזיציעס), זענען צוגעקומען כסדרדיקע כוואַליעס פון ניי־איינגעוואַנדערטע.

די יידן פון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט, הויפּטזאַכלעך נאָך די צאַרישע פּאָגראָמען, אָנגעהויבן וואַנדערן אויף מערב, זענען אין רוב געווען פון פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג. א גרויסער טייל פון זיי האָט שוין געהאַט אנטייל גענומען אין די לינקע באַוועגונגען פון זייערע געבוירן־לענדער. קומענדיק קיין פראַנקרייך, האָבן זיי פאָרגעזעצט זייער פּאָליטישע אַקטיוויטעט. די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן גערן וועררבירט אָנהענגערס פאַר זייערע באַוועגונגען פון דער דאָזיקער סביבה: די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, דער ״בונד״, די ציוניסטישע גרופּירונגען, ״השומר־הצעיר״.

וואָס שייך מיר, בין איך געווען אַקטיוו אין דער יידישער סעקציע פון M.O.E.,[1] און צוזאַמען געפירט די טעטיקייט מיט פיל אַנדערע חברים, ווען די פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען האָבן פאַריאָגט פון זייערע לענדער. כמעט יעדן אָוונט האָבן מיר געהאַט פאַרזאַמלונגען, וואָס האָבן זיך געענדיקט זייער שפּעט. דער טראָצקיסטישער איינפלוס איז געווען זייער גרויס ביי די יידישע קאָמוניסטן. מיר האָבן באַקומען א פאַראָרדענונג אויסצורייניקן די יידישע סביבה פון פּאָליטישע קעגנערס. מיר האָבן געפירט אָפט שטורמישע דיסקוסיעס, און דער טראָצקיסטישער איינפלוס האָט זיך ביסלעכווייז פאַרקלענערט. דאָך האָבן קליינע, אַקטיווע טראָצקיסטישע גרופּן פאָרגעזעצט זייער טעטיקייט.

ווי יידן און קאָמוניסטן, האָבן מיר אנטייל גענומען נישט נאָר אין פּאַרטיי־לעבן, נאָר אויך אין אַלגעמיינעם פּאָליטישן קאַמף. מיר זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט די גערעאַנגלען פון אַרבעטער־קלאַס. הגם ס׳איז תמיד געווען א סכנה אנטייל צו נעמען אין די ״הארטע״ מאַניפעסטאַציעס, ווייל אין פאַל פון אן אַרעסט, האָט געדראָט די איינגעוואַנדערטע, נאָך נישט נאַטוראַליזירטע, צו ווערן אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך, האָבן מיר מאַסנווייז זיך באַטייליקט נאָר אין די גרויסע פּאָלקס־דעמאָנסטראַציעס אין יאָרטאָג פון דער פּאַריזער קאָמונע און פון 1טן מאַי.

אויסער דער פּאָליטישער אַקטיוויטעט, זענען פיל איינגעוואַנדערטע יידן געווען טעטיק אין די קולטור־געזעלשאַפטן. די ״קולטור־ליגע״, למשל, האָט זיך שטאַרק אנטוויקלט אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די פאַרזאַמלונגען פלעגן יעדן זונטיק צונויפברענגען אין לאַנקרי־זאַל הונדערטער מענטשן. די פאַראַנטוואָרטלעכע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פראַנקרייך, פּיער סאַמער און דער שמייכלדיקער זשאַק דיקלאָ, פלעגן אָפט קומען אָפּהאַלטן באַראַטונגען. איך גופא בין פון צייט צו צייט געפאָרן קיין שטראַסבורג, אָדער אַנטווערפּן, כדי אדורכפירן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען מיט די יידן פון דער געגנט.

---

1) די דריי לאַטייניש בוכשטאַבן באַדייטן ״אויסלענדישע אַרבעט־קראַפט״ — די אָפּטיילונג, וועלכע האָט גרופּירט פאַרשידענע נאַציאָנאַלע סעקציעס פון אויסלענדישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געלעבט אין פראַנקרייך, אָנגעפירט פון א ספּעציעלער אָפּטיילונג ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען איז אונדזער אנוועזנהייט געווען זייער אן אקטיוועס, יידן זענען צאָלרייך געווען פארטראָטן אין די סינדיקאטן פון פוטערוואַרג און קאָנפעקציע (באקליידונג). לאָזאָווסקי, וואָס איז אין 1912 געווען דער סעקרעטאר פון די היטל־מאכערס, איז געוואָרן איינער פון די פירער פון פּראָפינטערן.

איך וויל דערביי עדות זאָגן וועגן דער הויכער פּאָליטישער האלטונג פון די יידישע קאָמוניסטן, אונטערשטרייכנדיק באזונדער דעם כאראקטעריסטישן פאקט: דאָס באשיינפערלעכע זיין פריי פון סעקטאנטישקייט. מיר אלע האָבן זיך געניייטיקט אין ברייטער אויפקלערונג. אין קעגנזאץ צו די טראדיציאָנעלע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך באנוגנט בלויז מיט דער "הימאניטע", זענען אונדזערע אינפאָרמאַציע־קוועלן געווען פארשידנארטיקע, אָנהייבנדיק פון סאָציאליסטישן "פּאָפּולער", ביז צום שטארק קאָנסערוואטיוון "לא טאָן", נישט פארגעסנדיק אויך דעם "קאָנאר אָנשענע". עד היום איז מיר פארבליבן א יוגנטלעכע צוגעבונדנקייט צום "קאָנאר אָנשענע".

פּאראלעל מיט דער פּאָליטישער טעטיקייט, האָט זיך אויך איינגעשטעלט מיין פּערזענלעך לעבן. אין 1930 האָב איך געהאט די פרייד צוריק צו זען לובאָן. געזוכט דורך דער ענגלישער פּאָליציי, האָט זי געמוזט פארלאָזן ארץ־ישראל אונטערן נאָמען פון איר שוועסטער שרה, אדורכפירנדיק א "פיקטיווע חתונה" מיט א חבר, וואָס האָט שוין געהאט די בירגערשאפט פון לאנד. דער סטאטוס האָט איר געגעבן די זעלבע רעכט ווי א בריטישן בירגער צו באקומען א וויזע קיין פראנקרייך. ווי איינגעוואנדערטע, וועלן מיר אויפסניי זיין געצוווּנגען צו מאכן קאָנטשאפט מיט דער פּאָליציי.

עטלעכע וואָכן נאָך לובאס אָנקומען, גאנץ באגינען — מען קלאפט אין טיר פון דעם צימער אין "האָטעל דע וואנז", אין וועלכן מיר וווינען. איך עפן און זע פאר זיך א מאן, אין וועמענס אויסזען מען קאָן נישט מאכן קיין טעות.

— איך בין געשיקט פון דער פּאָליציי פון דער געגנט. שוין א חודש, ווי אייער פרוי איז געקומען און זי האָט נאָך נישט לעגאליזירט איר מעמד.

— אנטשולדיקט, — האָב איך געענטפערט, צובייגנדיק זיך צו אים נאָענט און איינגערוימט אין אויער, ווי נישט געוואָלט אז ווער אנדערש זאָל הערן. — ס'איז נישט מיין פרוי, ס'איז מיין געליבטע! אין 48 שעה ארום וועט זי זיך דאָ מער נישט געפינען.

— נו, אויב אזוי, — האָט ער צעצויגן די ווערטער און דערביי שעלמיש צוגעוווּנקען מיט אן אויג...

אין קורטעלינס לאנד[1] האָבן פּיקאנטע געשיכטעס תמיד זייער ווערט, הויפּטזעכלעך ביי דער פּאָליציי.

אונדזער מאטעריעלע לאגע איז געווען א שווערע. מיטן דערנענטערן זיך פון געבורט פון אונדזער ערשט קינד, זענען די דאגות געוואָרן גרעסער. צום גליק,

1) זשאָרזש קורטעלין (1858—1929), פראנצויזישער דראמאטורג.

האָט א קליינער יידישער אונטערנעמער פון שטובן־מאָלעריי מיר געטאָן א טובה און צוגענומען צו דער ארבעט. דער פענדזל מאכט נאָך נישט דעם פּאכמאַן. איך בין נישט געווען מסוגל צו באהערשן דאָס פאך און פארבליבן א פשוטער שמירער, דאקעגן מיין בעל־הבית האָט געמאכט פארשריט און געוואָרן א גרויסער אונטערנעמער.

מיין פרוי לובא האָט ארויס געגומען ביי א קירזשנער צו נייען פוטער־מאנטלען אין דער היים. צוויי מאָל אין דער וואָך האָט זי געבראָכט צו שלעפּן גרויסע פעק פוטערוואַרג און געארבעט צען־צוועלף שעה אין מעת־לעת. גלייכצייטיק איז לובא געווען טעטיק אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי, זי איז אפילו דעלעגירט געוואָרן פון דער יידישער סעקציע צו דער ערשטער אנטי־פאשיסטישער קאָנפערענץ, פאָרגעקומען אין פּאריז אין יאָר 1931. איך בין באשטימט געוואָרן ביים צענטראל־קאָמיטעט, ווי דער פארשטייער פון דער יידישער סעקציע אין דער M.O.E.

מיט נאָך א חבר זענען מיר געוואָרן איינגעלאדן אין צענטראל־קאָמיטעט, צו טרעפן זיך מיט מאַרסעל קאַשען. דער דירעקטאָר פון דער „הימאַניטע" האָט אונדז הארציק אויפגענומען:

— גוט מאָרגן, ווי גייט די ארבעט ביי די יידן? — גיט ער מיך א פרעג. און נישט ווארטנדיק אויף אן ענטפער, זעצט ער פאָר: — די נאצי־געפאַר פארשטארקט זיך; מען דארף אויסברייטערן די אויפקלערונג אין דער יידישער סביבה. מיר נייטיקן זיך ס'זאָל דערשיינען א צייטונג אין יידיש פאר פראנקרייך און בעלגיע. צוליב דעם האָב איך אייך געוואָלט זען.

— זייער גוט, אָבער ווער וועט דאָס פינאנסירן?

— וואָס איז מיט דיר? — האָט מיר איבערגעריסן קאשען. — האָסט נישט געלייענט לעניגען? דו ווייסט נישט ווי אזוי עס ווערט פינאנסירט א קאָמוניסטישע צייטונג? מען אָרגאַניזירט באשטייערונגען צווישן די ארבעטער...

— מיר זענען גרייט אונטערצונעמען א גרויסע אקציע פאר די באשטייערונגען, אָבער צי וועט איר אנטייל נעמען אין א מיטינג וועלכן מיר וועלן אָרגאניזירן, אויף אונטערצוהאלטן די אקציע?

— נאטירלעך, מיט פארגעניגן. איך וועל דאָס טאָן יעדעס מאָל, ווי נאָר ס'וועט זיין מעגלעך.

קורץ נאָך אונדזער טרעפונג איז פאָרגעקומען אן עפנטלעכע פאָלקס־פארזאמלונג אין מאָנטרוי (א פארשטאט פון פאריז), ווו עס האָט געלעבט א געדיכטע יידישע האָרעפאשנע באפעלקערונג. דער איינציקער פרייער זאַל, וועלכן מיר האָבן געקענט באקומען פאר דעם, איז געווען די שיל. דער רב האָט מסכים געווען צו שטעלן צו אונדזער דיספאָזיציע דעם זאַל פון דער שיל.

אין טאָג פון דער פארזאמלונג, האָט א גרויסער עולם פון בעלי־מלאכות און קליינהענדלער פארפולט דעם זאַל. כ'האָב פארנומען אן אָרט אויף דעם בעלעמער נעבן קאשענען. דער אלטער קאָמוניסטישער מנהיג האָט זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן זיין רעדע מיט א שטארקער, איינדרוקספולער שטים:

— ס'איז פאר מיר א גרויסער כבוד, טייערע פריינד, צו געפינען זיך דאָ,

מיט אייך, מיט די פאַרשטייער פון א פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט גרויסע רעוואָלוציאָנערן, איך מיין צו זאגן — ישו, שפינאָזא, מארקס!

א שטורעם פון אפּלאָדיסמענטן האָט איבערגעריסן דעם רעדנער. כ׳בין געוואָרן שטאַרק פאַרוווּנדערט פון דעם וואָס כ׳האָב געהערט רייד, וועלכע געהערן צום אַרסענאַל פון קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם. איך האָב אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, נישט געוואגט אויפצוהויבן די אויגן צו דעם עולם אין זאל. אָבער מארסעל קאשען האָט פאַרגעזעצט אין זעלבן נוסח: — ס׳איז פאר אייך זיכער נישט קיין נייעס, מיינע פריינד, אז דער זיידע פון קארל מארקס איז געווען א רב!

ס׳איז צום לאכן, ווייל וואָס איז וויכטיק דאָס צו דערמאָנען, האָב איך זיך געטראכט. אָבער דער עולם, עלעקטריזירט פון זיינע רייד, האָט, זעט אויס, אויסגעפונען דעם פּרט וויכטיקער ווי דאָס שאפן פון ״קאפּיטאל״ דורך דעם אייניקל פון דערמאָנטן רב!

קאשען האָט פאַרענדיקט זיין רעדע מיט עטלעכע נייע לירישע טענער, פאַר וועלכע דער באַגייסטערטער עולם האָט אים וואַרעם באַדאַנקט.

די זאמלונג פאַר דער צייטונג, וועלכע מ׳האָט אדורכגעפירט ביים ארויסגאנג, איז אדורך מיט דערפאָלג. א גליקלעכער, האָט קאשען מיר צוגעוואָרפן ביים אוועקגיין: — דו זעסט, דאַמב, מיר האָבן דערגרייכט. די צייטונג וועט דערשיינען!

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז ווירקלעך דערשינען דער ערשטער נומער פון דער צייטונג, וועלכער מיר האָבן א נאָמען געגעבן ״דער מאָרגן״. די צייטונג איז דערשינען יעדע וואָך אין פיר זייטן און האָט זיך גוט פאַרשפּרייט. כ׳האָב אָפט געשריבן ארטיקלען, טיילמאָל — די לייט-ארטיקלען. אָבער די צייטונג האָט זיך כסדר געפונען אין פינאנסיעלע שוועריקייטן. א רעדאקציע-מיטגליד האָט פאָרגעשלאָגן צו עפענען א זייט פאַר אנאָנסן. ביז איצט, האָט זיך דאָס, צוליב מאָראַלישע סיבות, נישט פראקטיצירט אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע. דאַרפן מיר, יאָ אָדער ניין, עפענען אונדזערע שפּאלטן פאַר די קאָפּיטאַליסטישע אנאָנסן־געבערס? מיר האָבן געשטעלט די פראגע פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאלטן, אז מיר דאַרפן פּרווון טאָן מיטן באַדינג, אז מיר גיבן אנאָנסן נאָר פון קליינהענדלער און בעלי־מלאכות. דער חבר, וועלכן מיר האָבן באַשטימט אדורכצופירן די ארבעט, האָט עס אזוי גוט געמאכט, אז די פּארטיי האָט אים פאַרגעשלאָגן צו טאָן דאָס זעלבע פאַר דער ״הימאַניטע״.

אונדזער זון איז געבוירן געוואָרן דעם דריטן אפּריל 1931. דעם זעלבן טאָג איז אנדרע מאַרטי ארויס פון טורמע, און אין אָוונט איז פאָרגעקומען אין גראַנזש־אָ־בעל א מיטינג, אין וועלכן די יידישע ארבעטער האָבן באַדאַרפט אנטייל נעמען.

אויף אָפּצומערקן די דרייפאַכיקע געשעעניש, האָבן לובא און איך באַשלאָסן צו רופן אונדזער זון ״אַנמאַרטי״... איך גיב זיך אָפּ א חשבון, אז היינט קאָן מען זיך וווּנדערן איבער דעם, אָבער די דאָזיקע איניציאַטיוו, אין קאָנטעקסט פון יענער צייט, באַווייזט די פאַרערונג מיט וועלכער מיר האָבן ארומגערינגלט די קאָמוניסטישע

פירערס. דאָס איז פאָרגעקומען מיט יאָרן פריער, איידער דער באַרימטער פערזאָנען־קולט איז געוואָרן פאַראורטיילט!

איך זע זיך נאָך איצט אין דער מערי (געגנט־ראַט) פון 19טן אַראָנדיסמאַן, נאָענט צו דער קליינער דירה, וווּ מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט. כ׳האָב זיך געמאָלדן צום באַאַמטן וועגן דעם געבורט פון מיין זון, ווען כ׳האָב אים געזאָגט דעם פאָרנאָמען, איז ער (טראָץ דעם וואָס ר׳איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געגנט פון קאָמוניסטישן איינפלוס...) אויפגעשפּרונגען:

— אַנמאַרטי, אַנמאַרטי, אַזעלכעס עקזיסטירט נישט!

— אָבער דאָס האָבן מיר געטאָן לכבוד דער באַפרייונג פון אַנדרע מאַרטי!

— איך האָב דאָס גוט פאַרשטאַנען, נאָר כדי אויסצומיידן אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָלט איך אויף אייער אָרט אים געגעבן אַן אַנדערן פאָרנאָמען!

איך בין אַוועק זיך באַראַטן מיט לובאַן און מיר האָבן באַשלאָסן לכבוד דער ערשטער געגנט פון פאַריז, וואָס האָט אונדז אויפגענומען — געבן אים דעם נאָמען מישעל...

לובאַ, איז פּונקט ווי איך, געווען טעטיק אין דער באַוועגונג און עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווער וועט בלייבן מיט מישעלן אין די אָוונטן. אָבער חברים האָבן אונדז געהאָלפן.

— איר דאַרפט אונדז נישט דאַנקען — האָבן זיי געזאָגט. — דאָס איז נאַטירלעך, ס׳איז אַ באַשטימטע פאָרם צו זיין נוצלעך דער פּאַרטיי. — געוויסע חברים האָבן פאַרנאַכלעסיקט די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, מיטן אויסרייד, אַז זיי בלייבן אין אָוונט צו זיין מיט מישעלן.

ווי עס זאָל נישט זיין — האָבן מיר איינגעאָרדנט אונדזער ביי לעבן: פּאַרדינט גענוג אויף חיונה און ווי געהעריק זיך פאַרנומען מיט דער פּאָליטיש־קולטורעלער טעטיקייט, וועלכע האָט אונדז גייסטיק באַפרידיקט. אָן ספק, ס׳איז אייגנטימלעך פאַר דעם רעוואָלוציאָנער צו באַטראַכטן אַלץ ווי צייטווייליק. דער וועג צו רעוואָלוציעס איז פאַרזייט מיט שטרויכלונגען, און דער וואָס פאַרנעמט זיך צו גיין אויף דעם וועג, דאַרף אויף אַלץ זיין גרייט, הויפּטזאַכלעך אויף דעם אומגעריכטן!

אין אַ יוני־פרימאָרגן 1932, איז צו מיר געקומען אַ פאַרזאָרגטער מיין חבר אַלטער שטראָם, וואָס זיין אוואַנטורע וועט באַזונדערס באַשטעטיקן דעם אויבנדערמאָנטן אמת. ער פרעגט, צי איך האָב נישט באַקומען אַ בריוו פאַר אים.

— ס׳איז אַ פּריוואַטער בריוו? — פרעג איך.

— ניין, ניין, ס׳איז וויכטיק.

זיין ענטפער האָט מיך פאַרוווּנדערט. ס׳איז אַן אומפאַרזיכטיקייט צו שיקן בריוו וועגן אומלעגאַלער טעטיקייט צו אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פון .M.O.E. שטראָם איז צוזאַמען מיט מיר געווען טעטיק אין דער קולטור־ליגע. אין 1931 האָט ער באַקומען געלט פון די עלטערן און זיך פאַרשריבן אין אינסטיטוט ״אַרט ע מעטיע״

צו ווערן א צייכענער. אין דער זעלבער צייט איז ער פארשווונדן פון דער אויבערפלאך. כ׳האָב ביי אים נישט פארלאנגט קיין אויפקלערונגען, נאָר זיך אָריענטירט, אז ער נעמט אנטייל אין דער אומלעגאלער טעטיקייט פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פארטיי.

צוויי טעג שפּעטער איז אלטער שטראָם ווידער געקומען פרעגן, צו כ׳האָב נישט באקומען א בריוו פאר אים.

ביים אוועקגיין, זאָגט ער מיר: — אלנפאלס, זיי פאָרזיכטיק!

כ׳האָב זיך נישט געקענט דערטראכטן, פון וואנען קען קומען די געפאר; אין עטלעכע טעג ארום האָבן די צייטונגען מיר געגעבן דעם ענטפער. אלטער שטראָם איז ארעסטירט געוואָרן פאר שפּיאָנאַזש לטובת דעם ראטן־פארבאנד. מען דארף גלויבן, אז דער שעף פון דער שפּיאָנאַזש־נעץ, ביר, האָט געהאט געוויסע פעיקייטן. א באווייז — די פּאָליציי האָט אים גערופן „פאָנטאָמאָס". א זשורנאליסט פון דער „הימאניטע", ריקיע, איז געווען פארמישט אין דער געשיכטע, וועלכע האָט זיך פארוואנדלט אין „ענין פאָנטאָמאָס".

די פאריזער צייטונגען זענען געווען פול מיט דער געשעעניש. דאָס האָט זיי געגעבן א געלעגנהייט אויפצוהויבן א העץ־קאמפּאניע קעגן דער קאָמוניסטישער פארטיי, אז זי געפינט זיך „אויפן אויסהאלט פון אויסלאנד". ווי תמיד אין אזא פאל אין פראנקרייך, מיט איר נייגונג צו קאַלאַמבורן, האָט מען דעם ענין א נאָמען געגעבן „די פארשווערונג פאָנטאַ־מאַרקס".

מיין אייגנציקע פארבינדונג מיט דער גרופּע „פאָנטאָמאָס" איז געווען מיין פריינדשאפט מיט שטראָמען. ווי אן אקטיווער מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, האָב איך געהאלטן פאר מיין חוב איבערצוגעבן דעם ענין דער אָנפירונג. נאָכן דורכטראכטן די זאך, האָט מען מיר געראטן, אז צוליב דער געפאר די פּאָליציי זאָל נישט אויסנוצן מיין פריינדשאפט מיט שטראָמען אויפצוהויבן א העץ־קאמפּאניע קעגן די איינגעוואנדערטע יידן — זאָל איך פארלאָזן פאריז.

אזא מיינונג אין יענער צייט איז נישט געווען אין גאנצן גרונטלאָז, ווען די רעאקציאָנערע פרעסע האָט נישט אויפגעהערט צו אלארמירן וועגן דער „ווילדער איינוואנדערונג" און איז נישט מיד געוואָרן צו בלאזן אויף די הייסע קוילן פון ווולגארסטן אנטיסעמיטיזם.

איך בין געווען אין אָרדענונג מיט מיינע דאָקומענטן און געקאָנט פאָרן קיין בריסל, כדי דאָרט איבערצווארטן, ביז עס וועט זיך בארויקן. איך האָב אָבער געטראכט, אז איצט איז די שעת־הכושר, איך זאָל ארויסברענגען מיין פארלאנג צו פאָרן אין ראטן־פארבאנד. נאָך אין 1931 האָב איך אָנגעגעבן א ווענדונג צו פאָרן אהין. פארוואָס ראטן־פארבאנד? ווייל זייט כ׳האָב פארלאָזט פוילן, האָב איך נישט געהאט קיין רו: אויב כ׳האָב זיך דערוואָרבן פּאָליטישע דערפארונג, וועלכע איז פון גרויסן ווערט, האָבן מיר אָבער געפעלט די טעאָרעטישע קענטענישן. איצט איז געקומען די צייט כ׳זאָל דאָס דערגרייכן.

מיין קאנדידאטור, רעקאָמענדירט פון דער אָנפירונג פון דער פראנצויזישער

קאָמוניסטישער פּארטיי, איז געוואָרן באשטעטיקט אין מאָסקווע דורך דער קאדערן־סעקציע ביים קאָמינטערן, מיט וועלכער ס'האָט זיך פארנומען מאנואילסקיס פרוי, לעבעדיעווא.

לובאַ וועט קומען שפּעטער.

ס'איז געווען אָנהייב זומער 1932, ווען כ'בין אוועק אין דער הויפּטשטאָט פון ראטן־פארבאנד.

5 ענדלעך אין מאָסקווע!

אויפן וועג קיין מאָסקווע, האָב איך זיך פאַרהאַלטן עטלעכע טעג אין בערלין. די מענטשן פון לינקן לאַגער, מיט וועלכע כ׳האָב זיך געטראָפן, האָבן אונטערשאַצט די געפאַר פון נאַציזם.

קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן האָבן באַגרינדעט זייער שטעלונג מיט אויסשליסלעך פאַרלאַמענטאַרישע און עלעקטאָראַלע אַרגומענטן. זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז היטלער וועט קיין מאָל נישט האָבן קיין מערהייט אין רייכסטאַג. ווען איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די נאַציס קענען ריזיקירן צו נעמען די מאַכט מיט כוח, און זענען צו דעם בעסער צוגעגרייט ווי אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען צוזאַמען, האָבן זיי נישט גענומען ערנסט די טענה.

האָבן דאָך די ס. א. וואָס אַמאָל שטאַרקער זיך געלאָזט הערן מיט זייער שטיוול־קלאַפּעריי איבער די גאַסן. גאַסן־קאַמפן זענען געוואָרן א טעגלעכע דערשיינונג. היטלערישע שטורעם־טרופּן האָבן זיך נישט געוואַקלט צו אַטאַקירן מיטגלידער פון לינקע אָרגאַניזאַציעס.

אין דער זעלבער צייט האָבן די צוויי גרויסע אַרבעטער־פּאַרטייען, די סאָציאַליסטישע און די קאָמוניסטישע, וועלכע האָבן צוזאַמען פאַרגעשטעלט מיט זיך 14 מיליאָן וויילערס, זיך אָפּגעזאָגט צו שאַפן א בשותפותדיקן פראָנט. דער נאַצי־בוים, לויט דער באַקאַנטער פאָרמולע פון טעלמאַנען, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער דײַטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דאַרף נישט פאַרדעקן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן וואַלד. זעקס חדשים שפּעטער, האָט דער נאַצי־בוים שוין אויסגעשפּרייט זיין שאָטן איבער גאַנץ דײַטשלאַנד...

מ׳האָט באַדאַרפט וואַרטן ביז 1935, אַז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל זאָל אויף זיין 7טן קאָנגרעס מאַכן די אויספירן פון דעם שרעקלעכן דורכפאַל און וואַרפן די לאָזונג פון אייניקייט־פראָנט, וועלכן קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן האָבן אייגנטלעך שוין געהאַט אַדורכגעפירט אין לעבן, נאָר דאָס מאָל... הינטער די שטעכל־דראָטן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

כ׳האָב פאַרלאָזט בערלין מיט דער איבערצייגונג, אַז די קאַטאַסטראָפע איז נאָענט. זייער ווייניק רייזנדע האָבן זיך געפונען אין צוג, וואָס האָט מיך געפירט קיין מאָסקווע. ביים דערנענטערן זיך צו דער סאָוועטישער גרענעץ, בין איך

איינער אליין געבליבן אין גאנצן צוג. דער ראטן־פארבאנד האָט נאָך פאַרגעשטעלט מיט זיך א רעטעניש פאר דער איבעריקער וועלט. דער קאַשמאר פאר די באזיצערס פון אלע קאָנטינענטן, און פאר מיר — דאָס פאַטערלאנד פון די ארבעטער.

ווען כ׳האָב דערזען די גרויסע אויפשריפט, וועלכע האָט אָנגעזאָגט דעם ארייננאנג אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע — דעם בארימטן לאָזונג פון מארקסן ״פּראָלעטאריער פון אַלע לענדער פאראייניקט אייך״ — האָבן מיך באהערשט אומבאשרייבלעכע געפילן. מיין הארץ איז געוואָרן איבערפולט פון שטאָלץ — אנטייל צו נעמען אין דער בויונג פון דער נייער וועלט, ווו מענטשן צעברעכן זייערע קייטן און רייסן פולשטענדיק איבער מיט דער פארגאנגענהייט.

כ׳האָב דאָך געחלומט פון סאָציאליסטישן פאָטערלאנד, און אָט געפין איך זיך דאָ! מ׳האָט מיך אָפּגעווארט אויפן גרענעץ. כ׳האָב פאַרגעזעצט מיין וועג אין א וואגאָן, מיט צוויי פערזאָן. צוויי אָדער דריי שעה שפּעטער איז אריין געקומען אין מיין קופּע אן אָפיציר פון דער רויטער ארמיי. ער האָט אויסגעדריקט זיין פרייד זיך צו טרעפן מיט אן אויסלענדישן קאָמוניסט. מיר האָבן געשמועסט מיט דער הילף פון מימיק, געמישט מיט רוסישע, פוילישע און דייטשישע ווערטער. באַנעמט צו מאָסקווע, האָט ער געבערענגט אין אָרדענונג זיין באגאזש. ווי גרויס איז געווען מיין פארוווּנדערונג, ווען כ׳האָב דערזען, אז זיינע צוויי וואליזן זענען אָנגעפילט מיט שטיקלעך געטריקנט ברויט... ביים פארמאכן די וואליזעס, זאָגט ער צו מיר: — איר זעט, כ׳ברענג מתנות מיין משפחה, וועלכע וווינט אין דאָרף!

אָנקומענדיק קיין מאָסקווע, האָב איך געהאט פאר זיך א זעלטענעם, אומפארשטענדלעכן ספּעקטאקל. דער וואָקזאל און ארום אים איז געווען באזעצט פון טויזנטער און טויזנטער פויערים מיט זייערע משפחות. דערשלאָגענע, האָבן זיי געהאלטן זייערע זעק פעסט צוגעדריקט צו זיך און געוואַרט אויף זייער באַן. ״וווּהין גייען זיי?״ האָב איך זיך געפרעגט. ארויסגעיאָגט פון זייערע דערפער, זענען זיי געלאָפן ווייט, זייער ווייט, אויף מזרח, קיין סיביר, ווו ס׳איז פאראן פרייער באָדן צו באארבעטן.

ארויסגייענדיק פון וואקזאל, כדי פרעגן א פּאָליציאנט דעם וועג, האָב איך דאָרט געלאָזן מיין טשעמאָדאָן.

— איר זייט אן אויסלענדער? — האָט ער מיך געפרעגט. איך האָב א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— אויב אזוי, וועל איך אייך געבן א גוטע עצה. איר זאָלט תמיד האלטן דעם טשעמאָדאָן אין האנט, ווייל קיין גנבים פעלן נישט!

גנבים אין מאָסקווע, פופצן יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע! ס׳האָט מיר אָפּגענומען דאָס לשון. כ׳האָב גענומען א טאָקסי און געבעטן מיך פירן צו מיין אלטן פריינד עלענבאָגן, וועמען כ׳האָב נאָך געקענט פון ארץ־ישראל. ער איז געווען א קלוגער, באגאבטער מענטש, א גוטער אָרגאניזאטאָר. ער איז געווען טעטיק אין דער גרופּע ״איחוד״. אין 1927 איז ער געוואָרן קראנק, כמעט פּאראליזירט און באקומען די דערלויבעניש צו פאָרן קיין ראטן־פארבאנד.

פון בערלין האָב איך אים צו וויסן געטאָן פון מיין קומען און ער האָט אויף

מיר געוואָרט. אויפן טיש אין געווען אָנגעגרייט ברויט, פּוטער, וווּרשט, אַפילו וואָדקאַ. דאָס בילד פון די צוויי פולע טשעמאָדאַנעס מיטן פּאַרדאַרטן ברויט ביי דעם אָפיציר פון דער רויטער אַרמיי איז מיר נאָך געווען פריש אין זכרון. עלענבאָגן, ווייזט אויס, האָט באַמערקט די פאַרווונדערונג אויף מיין פּנים:

— דו ווונדערסט זיך אוודאי — זאָגט ער — צו געפינען ביי מיר אויפן טיש די אַלע פּראָדוקטן? זיי קומען פון שוואַרצן מאַרק. אַזעלכער ווי איך, וואָס פאַרדינט גוט (ער איז געווען אַן אינזשעניער, געגעבן לעקציעס אין צוויי אינסטיטוטן), קאָן זיך דערלויבן צו קויפן וואָס ער וויל.

מיר האָבן געשמועסט אַ גאַנצע נאַכט. הגם ער האָט נישט אָנגעהערט צו דער פּאַרטיי, איז ער נישט געווען קיין קעגנער פון סאָוועטישן רעזשים. אָבער דאָס וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן דער קאָלעקטיוויזאַציע, וועגן לעבן אין מאָסקווע, וועגן די פּראָצעסן — איז געווען פולשטענדיק אין קעגנזאַץ צו דעם וואָס כ'האָב געלייענט און געהערט. באַלד פון דער ערשטער מינוט האָב איך דערזען דעם ריזן־תהום צווישן דער פּראָפּאַגאַנדע און דער ווירקלעכקייט.

צו מאָרגנס בין איך אוועק אין וואָראָנעזש־אָבלאַסט, ווו מ'האָט איינקוואַרטירט די פּאָליטישע עמיגראַנטן — אַ גרויסע געביידע, נאָענט צום צענטער פון שטאָט.

אין דער געביידע איז אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטע באַוועגונג. דאָרט האָבן זיך געפונען לאַנגיאָריקע קעמפּערס פון אַלע לענדער: פּאָלאַקן, אונגאַרן, ליטווינער, יוגאָסלאַוון און אַפילו יאַפּאַנער. געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייערע לענדער, האָבן זיי דאָ געוווינט. היות ס'איז אויסגעקומען צו וואַרטן לאַנגע וואָכן, אַפילו חדשים, ביז מען האָט באַקומען באַשעפטיקונג, האָבן די עמיגראַנטן פאַרפולט די צייט מיט אַנסופיקע וויכוחים. אַ טייל האָט פאַרטיידיקט די קאָלעקטיוויזאַציע, אַנדערע האָבן באַוויזן, אַז די קאָלעקטיוויזאַציע האָט געבראַכט דעם הונגער אין אוקראַינע. — כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז אין יענער געגנט גייט מען ממש אויס פון הונגער.

די פאַרביסנקייט און פרייהייט פון די דיסקוסיעס, האָבן מיר דערמאָנט די פאַרזאַמלונגען אין פּאַריז, די אומאויפהערלעכע וויכוחים מיט די סאָציאַליסטן און טראָצקיסטן.

מיר מיט נאָך צוויי חברים האָט מען געגעבן אַ צימער.

כ'האָב אָנגעהויבן צו באַקענען זיך מיט מאָסקווע... אין צענטער פון שטאָט האָט זיך געפונען דאָס הויז פון קאָמינטערן — אַ ריזן־געביידע, וואָס איז שטאַרק געהיטן. פאַרן אַריינגיין, האָט מען באַדאַרפט פאַרבינדן זיך טעלעפאָניש מיט דער פּערזאָן, וועלכע מען וויל זען. די סעקציעס פון אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיך איינגעטיילט מיט די שטאָקן. אַ גאַנצע וועלט האָט זיך געפונען אין דעם הויז. כ'בין געוואָרן אויפגענומען דורכן סעקרעטאַר פון דער פראַנצויזישער סעקציע, וואָס האָט שוין געוווּסט פון מיין קומען. ער האָט דערליידיקט, כ'זאָל ווערן אויפגענומען אין קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט.

צו יענער צייט האָבן אין מאָסקווע עקזיסטירט פיר אוניווערסיטעטן. דער ערשטער איז געווען די לענין־שול. דער אוניווערסיטעט איז געווען באַשטימט פאַר פירנדיקע פּאַרטיי־מיטגלידער, וואָס האָבן שוין געהאַט פּאָליטישע דערפאַרונג,

אַבער נישט געהאַט קיין בילדונג. אַלע צוקונפטיקע מנהיגים פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, זענען דורכגעגאַנגען דעם אוניווערסיטעט. דעמאָלט האָט זיך דאָרט געלערנט אויך טיטאָ.

דער צווייטער אוניווערסיטעט איז געווען דער, אין וועלכן איך האָב זיך געלערנט. דאָס איז געווען דער מאַרכלעווסקי־אוניווערסיטעט, אויפן נאָמען פון זיין ערשטן רעקטאָר. ער איז געווען באַשטימט פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אין דעם אוניווערסיטעט האָבן זיך געפונען אַרום צוואַנציק סעקציעס: פּוילישע, דייטשע, אונגאַרישע, בולגאַרישע, אאַז״וו. יעדן איינעם פון די לענדער, זענען אונטערליגן גרופּעס מיטגלידער, וועלכע געהערן צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון די געגעבענע לענדער. אַזוי, למשל, האָט די יוגאָסלאַווישע סעקציע געהאַט אונטער איר השגחה א גרופּע סערבן, א גרופּע קראָאַטן.

וואָס שייך דער יידישער סעקציע, האָבן זיך דאָ גרופּירט קאָמוניסטן פון אַלע פעלקער, אויך די יידישע קאָמוניסטן פון ראַטן־פאַרבאַנד. דערפאַר האָבן מיר מער פון אַנדערע געוווּסט, וואָס ס׳קומט פאָר אין לאַנד, ווייל א טייל סטודענטן פון אונדזער סעקציע, זענען זומער געפאָרן צו זיך אַהיים.

דער דריטער, איז געווען דער אוניווערסיטעט ״קוטוו״ (״KUTV״), באַשטימט פאַר סטודענטן פון גאָענטן מזרח; און דער אוניווערסיטעט סון־יאַט־סען — פאַר כינעזער.

פון צוויי ביז דריי טויזנט געקליבענע קאָמוניסטן זענען געווען פאַרשריבן אויף די פיר אוניווערסיטעטן.

אין 1932 איז דאָס לעבן פון א סטודענט נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. דער גרעסטער טייל איז געווען איינקוואַרטירט זייער ווייט און באַדאַרפט פאָרן איבער א שעה צו די לימודים. ערשט אין 1934 האָט מען אָנגעהויבן בויען לעבן אוניווערסיטעט א גרויסע געביידע פאַר טויזנט צוויי הונדערט סטודענטן.

וואָס שייך באַשפּייזונג, פלעגט זי א לענגערע צייט זיין פון איין און דעם זעלבן מאכל. אַזוי, למשל, האָט מען אונדז וואָכנלאַנג געשפּייזט נאָר מיט קרויט. די קומענדיקע וואָכן — נאָר מיט רייז. ווען איינער פון אונדז ווערט אָפּערירט, וואָלט דער כירורג געפונען אין זיין בויך א שיכט פון רייז, א שיכט פון קרויט, א שיכט פון קאַרטאָפל אאַז״וו. דער אוניווערסיטעט האָט אויך גענומען אויף זיך צו באַקליידן די סטודענטן. דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אונדזער באַקליידונג האָט געקויפט זיבן הונדערט פאָר די זעלבע הויזן. אַזוי האָבן די מאָסקווער אונדז גלייך דערקאַנט: דאָס איז א סטודענט פון מאַרכלעווסקי־אוניווערסיטעט! די דיסקרעציע איז געווען פאַרזיכערט...

כ׳האָב פון יענער צייט אויפגעהיט מיין לעצטן אוניווערסיטעט־דאָקומענט. שוין דעמאָלט האָבן זיך אין דעם ביכעלע געפונען די בילדער פון לענין און סטאַלין, און אויף דער צווייטער זייט — דאָס בילד פון רעקטאָר מאַרכלעווסקי. אונטער די בילדער זענען געווען ציטאַטן. פון לענינען: ״פאַר אונדז שטייט די אויפגאַבע צו קעמפן און צו בויען דעם סאָציאַליזם. איר וועט זיין מסוגל דאָס צו

פארווירקלעכן אין לעבן נאר דאן, ווען איר וועט באנעמען דעם מארקסיסטישן מעטאָד".

די ציטאטע פון סטאלינען האָט געלויטעט: "די טעאָריע קאָן ווערן א גרויסע קראפט פון דער ארבעטער־באוועגונג, ווען זי גייט צוזאמען מיט דער רעוואָלוציאָנערער פראקטיק". די דאָזיקע שיינע פאָרמולע האָט זיך ביי אים אוודאי ארויסגעכאפט אין א נישט פארטראכטן מאָמענט.

דער פראָגראַם פון לערנען האָט ארומגענומען דריי שטודיר־ציקלען: סאָציאַל־עקאָנאָמישע וויסנשאפטן, איינגעשלאסן די געשיכטע פון די ראטן־פארבאנדישע פעלקער; די געשיכטע פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי, פון קאָמינטערן און לעניניזם. דער צווייטער ציקל איז געווען געווידמעט דעם אָפּשטאם פון לענדער, פון דער ארבעטער־באוועגונג, פון דער קאָמוניסטישער פארטיי און אירע נאַציאָנאַלע באזונדערקייטן. דערלערנען שפראכן, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער דריטער ציקל. און די וואָס האָבן קיין שול נישט דורכגעמאכט, האָבן געהאט א מעגלעכקייט צו לערנען מאטעמאטיק, פיזיק, כימיע, ביאָלאָגיע. די לימודים זענען געווען אינטענסיווע, 12—14 שעה א טאָג.

אין אונדזער סעקציע האָב איך זיך באזונדער פאראינטערעסירט מיט דער יידן־פראגע. אונדזער פראָפעסאָר דימענשטיין איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס האָט אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט זיך אָנגעשלאסן אין דער באָלשעוויסטישער פארטיי. נאָך דער רעוואָלוציע איז ער געווען וויצע־קאָמיסאר פון סטאלינען פאר די נאציאָנאליטעטן. ער האָט גוט געקענט לענינען, וועמענס פראזע ער האָט אָפט ציטירט: "אנטיסעמיטיזם איז קאָנטער־רעוואָלוציע". פון די פילמאָליקע דיסקוסיעס וועלכע ער האָט געפירט מיט לענינען, האָט דימענשטיין געהאט די איבערצייגונג, אז לענין איז אן אָנהענגער פון שאפן א יידישע נאציע אין ראטן־פארבאנד, וואָס זאָל געניסן פון די זעלבע רעכט ווי אלע אנדערע רעפובליקן.

די סטודענטן פון די קאָמוניסטישע אוניווערסיטעטן האָבן אויך באדארפט אדורכמאכן א מיליטערישן קורס: באנוצן געווער, שיס־איבונגען, ציוויל־פארטיידיקונג און גרונט־קענטענישן פון א כימישן קריג. איך האָב נישט געהאט קיין געפיל און פארשטענדעניש פאר געווער־איבונגען. ביים שיסן — קיינמאָל נישט געטראָפן אין ציל.

פירערס פון דער קאָמפארטיי פון ראטן־פארבאנד און פון קאָמינטערן, האָבן אָפט געהאלטן רעפעראטן. שפעטער איז דאָס געוואָרן זעלטענער. מיר האָבן אויך אנטייל גענומען אין די אָוונטן, וועלכע ס'האָט אָרגאניזירט די "געזעלשאפט פון די אלטע באָלשעוויקעס". זיי זענען געוואָרן טאָלערירט ביז מאי 1935. אָנגעזעענע, בכבודיקע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן שוין געהערט צו דער געשיכטע, און אזעלכע וואָס האָבן נאָך פאָרגעזעצט צו מאכן געשיכטע. ראדעק, זינאָוויעוו, קאמענעוו האָבן אָנגעפירט מיט די דעבאטן. זינאָוויעוו האָט אויף מיר געמאכט א מאָדנעם, אומפארשטענדלעכן איינדרוק. דאָס איז, ווארשיינלעך, געקומען פון זיין צעשטרייטקייט און פונעם דיסאָנאנס צווישן זיינע פלאמיקע, אָנגרייפערישע רעדעס

און גרילצנדיקן קלאַנג פון זיין שטימע. כ׳קען נישט פאַרגעסן דעם אָוונט, ווען ער האָט, באַגלייטנדיק זיינע רייד מיט זשעסטיקולאַציע, זיך צעשריען:

— כ׳לייג צו דאָס אויער צו דער ערד, הער איך דעם אָנקום פון דער רעוואָלוציע. איך האָב אָבער מורא, אַז דער הויפּט־כּוח פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע זאָל נישט זיין די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע!

בוכארין האָט מיך פאַרכאַפּט. א גלענצנדער רעדנער, מיט א הויכער קולטור, האָט ער פאַרלאָזט די פּאָליטיק, כדי זיך ווידמען דער ליטעראַטור. צום סוף פון יעדן אויפטריט זיינעם, האָט ער תמיד באַקומען אויפריכטיקע אָוואַציעס, וועלכע ער האָט קאַלטבלוטיק אויפגענומען. א געוויסן טאָג האָט ער מיט א טרויעריקן בליק זיך געווענדעט צום עולם וואָס האָט אים באַגריסט און געלאָזט פאַלן די ווערטער: ״יעדער פון די אַפּלאָדיסמענטן — דערנענטערט מיך צום טויט!״

אויך ראַדעק איז געווען גייסטרייך, אָבער דאָס איינגעהילט אין א בייסיקער און צינישער איראָניע. ער האָט תמיד מסכים געווען מיט אַלע פּאָליטישע ענדערונגען, נישט גלויבנדיק אין קיין וואָרט פון די לאַנגע אַרטיקלען, וואָס ער גופא האָט געשריבן אויף צו באַרעכטיקן די אָפיציעלע ליניע. אָבער קיינער האָט זיך נישט געלאָזט נאַרן. ווען זיינע וויצן, מיט וועלכע גאַנץ מאָסקווע האָט זיך אַרומגעטראָגן, האָבן איבערגעשטיגן יעטוועדע גרענעץ, האָט אים סטאַלין אַרויסגערופן צו זיך: ״ס׳איז נישט יושרדיק מיך צו באַשולדיקן — האָט ראַדעק זיך פאַרטיידיקט, — אַז איך אַליין בין דער מחבר פון די אַנטי־סאָוועטישע אַנעקדאָטן. פאַראַן אויך אַנדערע״...

די שטודירנדיקע אויסלענדישע קאָמוניסטן האָבן געלעבט אין מאָסקווע אין א שטרענג איזאָלירטער וועלט. מיר האָבן זעלטן געהאַט א געלעגנהייט אַרומצופאָרן און זיין אין פאַרבינדונג מיט דער רוסישער באַפעלקערונג. אָפּגעריסן פון דעם רוסישן סאָציאַלן לעבן, האָבן מיר נאָך אין די יאָרן 1932—1935 אויסגעמיטן די ביוראָקראַטישע מאַשין, וועלכע האָט אומאויפהערלעך אויסגעשפּרייט איר מאַכט איבערן לאַנד. אונדזערע פּאָליטישע דיסקוסיעס האָבן מיר נאָך געפירט אויף טעמעס, וועלכער קיינער אין דער פּאַרטיי האָט מער נישט געוואַגט אויפצוהייבן.

דורך אונדזערע פאָרשטייערס אין די נאַציאָנאַלע סעקציעס פון קאָמינטערן, האָבן מיר מערער געוווּסט וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד, ווי די סאָוועטישע בירגער. און ווען מיר האָבן מיט עפּעס נישט מסכים געווען, האָבן מיר זיך נישט געוואַקלט דאָס צו זאָגן.

עטלעכע חדשים נאָך מיין אָנקומען, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז סטאַלינס פרוי איז באַגאַנגען ״זעלבסטמאָרד״. די סטודענטן וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין דער לוויה, האָבן זיך געשושקעט: ״איז זי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אָדער האָט זי סטאַלין אומגעבראַכט?״

אָנהייב 1933 איז לובאַ אָנגעקומען קיין מאָסקווע מיט אונדזער אָנדערהאַלב־יאָריקן זון מישעל. די פראַנצויזישע סעקציע פון קאָמינטערן האָט זי פאַרשריבן אויפן מאַרכלעווסקי־אוניווערסיטעט, ווו זי האָט שטודירט ביז 1936. אין דער זעלבער צייט איז זי אויך געווען פּאַרטייאיש אַקטיוו אין דעם באַומאַן־ראַיאָן פון

מאָסקווע, ווו סעקרעטאר איז געווען ניקיטא כרושטשאָוו. יעדן זומער, ביז 1936, האָט מען אויסלענדישע קאָמוניסטן, צווישן זיי אויך לובאן, געשיקט אין די סאָווכאָזן ווי פּאָליטישע קאָמיסארן וואָס טראָגן די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר אויספירן דעם פּלאן פון אראָפּנעמען די תבואה. איר אויפהאלט אויפן לאנד האָט גאָר שנעל געעפנט די אויגן און פארשארפט איר קריטיש געפיל.

6 פנים אל פנים מיט דער ווירקלעכקייט

די פּאָליטישע האָריזאָנטן וועלכע כ'האָב געהאַט פאַר זיך אין יענער צייט, זענען נישט געווען אָן וואָלקנס... פאַרקערט.

ווען כ'בין אָנגעקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט מען געהאַלטן, אַז דאָס פּראָבלעם פון דער קאָלעקטיוויזאַציע איז שוין געלייזט. אָבער די עלטערע פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן נאָך אַלץ גערעדט וועגן דעם, אַזוי ווייט זענען זיי געווען דערפון באַווירקט פון דער דערפאַרונג.

אין אָנהייב האָט סטאַלין געהאַט באַשלאָסן, אַז די קולאַקן, ווי אַ קלאַס, דאַרפן ווערן ליקווידירט. גאַר שנעל האָט די דאָזיקע שטעלונג נאָך מער זיך פאַרשאַרפט. אין מערץ 1930, ווען די קאַמפּאַניע פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע איז געווען אין פולן גאַנג, איז דערשינען אַן אַרטיקל פון סטאַלינען "דער קאָפּ־שווינדל פון דערפאָלגן", אין וועלכן ער האָט פאַראורטיילט דעם פּרינציפּ פון פרייוויליקן אָנשלוס. פון דעמאָלט אָן, זענען די פּויערים אינטעגרירט געוואָרן אין די קאָלכאָזן, ווען בייטיק — אפילו אונטער דער דראָונג פון צעשיסונגען.

מיר, יונגע סטודענטן, וואָס האָבן געלייענט לענינען, האָבן געוווסט, אַז די קאָלעקטיוויזאַציע קאָן האָבן אויסזיכטן אויף דערפאָלג, נאָר דורך אַ געהעריקער דערציִונג און איבערצייגונג פון די פּויערים. אויסער דעם, איז מעגלעך צו פאַרווירקלעכן די קאָלעקטיוויזאַציע נאָר ביי אַ געוויסן ניוואָ פון אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, וועלכע איז אימשטאַנד צו ליפערן דער לאַנדווירטשאַפט די נייטיקע מאַטעריעל־טעכנישע אויסשטאַטונג.

אין די אוניווערסיטעטן האָבן קורסירט קלאַנגען, אַז די קאָלעקטיוויזאַציע האָט שוין דערפירט צו פינף מיליאָן קרבנות. מ'האָט איבערגעגעבן, אַז גאַנצע דערפער זענען געוואָרן פאַרשיקט און געציילטע פּויערים זענען געבליבן.

דעם 1טן מאַי 1934, האָב איך באַגלייט אַן אויסלענדישע קאָמוניסטישע דעלעגאַציע קיין קאַזאַכסטאַן... אין קאַראַגאַנדאַ זענען מיר געוואָרן אויפגענומען דורך דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט אונדז געפירט ווייזן די שטאָט.

אָנגעקומען אין אַ פאָרשטאָט, ווייזט ער אונדז אַ גרויסן לאַגער, צעלייגט אויף אַ פליין, אין אַ טאָל.

— איר זעט דאָרטן, — זאָגט ער צו אונדז. — דאָס איז אַ לאַגער פון געוועזענע קולאַקן, מ׳האָט זיי געבראַכט אַהער מיט זייערע פאַמיליעס, צו אַרבעטן אין די קוילן־גרובן.

מיט ציניזם, ווי דאָס וואָלט געווען נאַטירלעך, האָט ער פאָרגעזעצט:
— די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער בויונג פונעם לאַגער האָבן פון אַלץ געטראַכט, אויסער פון וואַסער און סאַניטאַרע איינריכטונגען. האָט זיך דערפון אַנטוויקלט אַ טיפוס־עפּידעמיע און עס זענען געווען עטלעכע טויזנט קרבנות. די וואָס איר זעט איצט, זענען שוין פון דער צווייטער שיכט!

לכבוד דער דעלעגאַציע איז געוואָרן איינגעאָרדנט אַ גרויסער אָוונט. אין פּרעזידיום האָט מען אונדז אוועקגעזעצט צווישן דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און אַ קאָלאָנעל פון דער ג.ק.וו.ד. דער קאָלאָנעל האָט אָנגעוויזן אויף פיר גוט געקליידעטע מענער, וואָס געהערן נאָך צום פאַר־רעוואָלוציאָנערן דור:

—דאָס זענען אונדזערע אינזשעניערן, וואָס פירן אָן מיט די קוילן־גרובן אין קאַראַגאַנדאַ. די גרובנס דאַרפן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ צווייטן קוילן־צענטער פון ראַטן־פאַרבאַנד!

די פיר אינזשעניערן האָבן זיך פאָרגעשטעלט. דערהערנדיק זייערע נעמען, האָב איך אויפגעציטערט: אין 1928 זענען עלף אינזשעניערן באַשולדיקט געוואָרן אין סאַבאָטאַזש, מ׳האָט זיי געמשפּט און דערשאָסן נאָך אַ פּראָצעס, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס סענסאַציע אין ראַטן־פאַרבאַנד. און דאָ, געפינען זיך איצט עטלעכע פון זיי!

איך ווענדע זיך צום קאָלאָנעל פון דער ג.ק.וו.ד.: — הערט זיך איין, כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס זענען די הויפּט־באַשולדיקטע אין שאַכטן־פּראָצעס!

— איר האָט רעכט, דאָס זענען זיי...

— אָבער זיי זענען דאָך פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט, און איך האָב געגלויבט אַז מ׳האָט זיי דערשאָסן...

דער קאָלאָנעל האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט: — דערשיסן עמעצן קאָסט נישט טייער. היות זיי זענען געווען קאָמפּעטענטע פאַכלײַט, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז זיי קענען אונדז נאָך ברענגען נוצן. מיר האָבן זיי דאָ אַהערגעבראַכט און געזאָגט אָט וואָס: „אונטער אײַערע פיס ליגן גרויסע שיכטן קוילן־רעזערוון... דער ראַיאָן פון קאַראַגאַנדאַ, דאַרף נאָכן דאָנבאַס ווערן דער צווייטער קוילן־צענטער פון ראַטן־פאַרבאַנד. איר דאַרפט איבערנעמען די אָנפירונג. אויב אײַך געלונגט דאָס אַדורכצופירן, בלײַבט איר לעבן". צו מאָרגנס נאָך זייער אורטייל, זענען זיי געקומען אַהער, זיי זענען פרײַ און האָבן אַפילו געבראַכט זייערע פאַמיליעס...

מיר זענען דערשטוינט געוואָרן פון די רעוועלאַציעס: אויב די עלף אינזשעניערן זענען טאַקע באַגאַנגען די פאַרברעכנס, אין וועלכע מ׳האָט זיי באַשולדיקט, פאַרדינען זיי הונדערט מאָל דעם טויט. אָבער דער טריק, וועלכן מ׳האָט לגבי זיי אָנגעווענדט — איז נישט דערלאָזבאַר.

איינע פון די אַנוועזנדיקע פּערזענלעכקייטן, האָט זיך באַמיט אונדז ברייטער אויפקלערן דעם ענין:

— לאָמיר אייך זאָגן אויפריכטיק: די אינזשעניערן פון וועלכע מ׳רעדט דאָ, זענען נישט געווען קיין אָנהענגער פון רעזשים. אין דאָנבאַס זענען זיי געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אַרויסבאַקום פון קוילן, נאָר די פּראָדוקציע האָט זיך שטאַרק פאַרלאַנגזאַמט, עס זענען אויך פאָרגעקומען פאַרפלייצונגען אין די גרובנס. מעגלעך, אַז די פאַרפלייצונגען זענען געווען נאַטור־קאַטאַסטראָפעס, און אויך מעגלעך, אַז פּרווון פון סאַבאָטאַזש האָבן דערפירט צו דעם... ריכטיק אָדער פאַלש, מ׳האָט זיי געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך און אַנטוויקלט אַ געוואַלדיקע פּראָפּאַגאַנדע אַרום דעם פּראָצעס, וועלכן מ׳האָט קעגן זיי פאַרפירט, כדי דערקלערן דעם פאַלק די שוואַכקייטן פון דער פּראָדוקציע. מיר דאָ, אין קאַראַגאַנדאַ, האָבן נישט מורא געהאַט און זענען געווען איבערצייגט, אַז זיי זענען פעיק אויסצופירן מיט דערפאָלג דעם קוילן־אַרויסבאַקום אין דעם ראַיאָן.

די קוילן־עקספּלאָאַטאַציע פון דעם צווייטן קוילן־ראַיאָן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט מען פאַרטרויט אינזשיניערן, וואָס זענען געוואָרן פאַראורטיילט צום טויט פאַר "סאַבאָטאַזש". מ׳האָט פאַרוואַנדלט אין קוילן־גרעבערס געוועזענע קולאַקן, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי איז אין די לאַגערן אויסגעשטאָרבן צוליבן פעלן פון היגיענישע איינריכטונגען!

ווי שטודירנדיקע קאָמוניסטן, האָבן מיר מיט אַמאָל דערזען דעם תהום צווישן דער טעאָריע, וועלכע עס פּרעדיקט אונדזער אוניווערסיטעט, און דערווירקלעכקייט — אַ ריזיקער תהום, נישט איבערצושפּרייזן.

אין 1930 איז אויך פאָרגעקומען אַ פּראָצעס קעגן דער אַזוי גערופענער "אינדוסטריעלער פּאַרטיי" און דעם הויפּט־באַשולדיקטן ראַמזין, אַז ער שטייט אין פאַרבינדונג מיטן פראַנצויזישן שפּיאָנאַזש־דינסט, מיטן ציל צוריק איינצופירן קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. פינף יאָר שפּעטער איז ער אַרויס פון תפיסה און געוואָרן באַשטימט אַלס דירעקטאָר פון אַ גרויסן וויסנשאַפטלעכן פאָרש־אינסטיטוט אין מאָסקווע. ער האָט באַקומען דעם לענין־אָרדן און אין 1948 געשטאָרבן אין זיין אייגענעם בעט...

די אַלע פאַקטן, פון וועלכע איך בין געווען אַן עדות, האָבן אָנגעהויבן איינבּרעכן מיין זיכערקייט... איך בין געקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד, טראָגנדיק אין זיך די חלומות פון אַ נעאָפיט. כ׳בין געווען יונג, אַ פלאַמיקער קאָמוניסט, געהאָפט בייצושטייערן אין ענדערן דאָס פנים פון דער וועלט, הגם פון דער דערפאַרונג פון מיין קאָמוניסטישער טעטיקייט אין די עטלעכע יאָר האָב איך געוווסט, אַז דער דירעקטער קאָנטאַקט מיט דעם קאָנקרעטן, וועט אומפאַרמיידלעך דערפירן צו רעווידירן אַ סך פון מיין התלהבות.

גליקלעך זענען די, וואָס זענען געווען ביכולת מיט דער צייט צו מאַכן זייער חשבון־הנפש, אַנאַליזירן, פאַרגלייכן און פאַרשטיין. איך געהער איצט צו די פּריווילעגירטע, וועמען די עלטער האָט געגעבן דעם זכות — און איך רעד איצט דערפון מיט מער וויסן, אויף וויפל כ׳האָב אַליין געהערט צו די קאָמוניסטן, וואָס

האָבן פון די יונגע יאָרן מקריב געווען זייער לעבן פאר דער באפרייאונג פון ארבעטער.

מיר האָבן טאָג־טעגלעך איבערגעלעבט די געשעענישן, נישט באנעמענדיק זייער אומפארמיידלעכן צוזאמענהאנג. פארשטענדלעך, אז מיין רעוואָלוציאָנערער באוווסטזיין האָט דערפון געליטן, איך בין אָבער געווען צו ווייט אנגאזשירט אין דעם קאמף, אז כ'זאָל חרטה האָבן אויף דעם אויסוואל. כ'האָב זיך פארופן אויף די אומפארמיידלעכע, מענטשלעכע שוואכקייטן און אויף דער מאָכט פון צופעליקייטן.

אין דער צייט איז מיר געוואָרן באקאנט "לענינס צוואה" [1]. דאָס איז געווען א העקטאָגראפירטער עקזעמפלאר, וואָס האָט אין געהיים צירקולירט צווישן די סטודענטן אין אוניווערסיטעט. די צוואה איז פאר מיר געווען א רעוועלאציע:

"סטאלין — האָט געשריבן וולאדימיר איליטש — איז אויסערגעוויינלעך ברוטאל, און דער דאָזיקער פעלער, וועלכער קאָן טאָלערירט ווערן צווישן אונדז און אין קאָנטאקטן מיט קאָמוניסטן, ווערט א חסרון נישט צום טאָלערירן ביי אזעלכן וואָס פארנעמט דעם אמט פון א גענעראל־סעקרעטאר. דעריבער שלאָג איך פאָר, אז די חברים זאָלן דורכטראכטן די מעגלעכקייט צו באזייטיקן סטאלינען פון דעם אמט..."

אין קעגנזאץ צו דעם, האָט לענין אונטערגעשטראָכן די גרויסע מעלות פון טראָצקין, נישט ארויסלאָזנדיק דערביי פון אויג אויך זיינע חסרונות.

דער רעזשים וועלכער האָט באלזאמירט לענינען און זיינע שריפטן, האָט, וויינעקסטנס אויף דעם פונקט, ארויסגעוויזן אומטריישאפט: טראָצקין פאראורטיילט און סטאלין — ביי דער מאכט.

זייער גערירט, און אפילו צעטומלט פון די אויספירן, האָב איך זיך פארטיפט אין דער נאָענטסטער געשיכטע פון דער פארטיי, איבערלייענענדיק די סאָוועטישע פרעסע פון די לעצטע יאָרן, מיט דער האָפענונג עפּעס צו באנעמען. איך דערמאָן זיך, אז כ'האָב דעמאָלט פעסטגעשטעלט, אז דער קולט פאר סטאלינען האָט זיך אנגעהויבן אין יאָר 1929, פונקט צו זיין פופציקסטן געבוירן־יאָר.

דאן האָבן זיך באוויזן אין די צייטונגען די סופערלאטיוון "געניאל", "גרויסער שעף", "קאָנטינוּאירער פון לענינען", "אומפעלערהאפטער פירער". די וואָס האָבן זיך באנוצט מיט די עפּיטעטן און אונטערגעשריבן די ארטיקלען אין דער "פּראַוודאַ" און "איזוועסטיאַ", זענען געווען די געוועזענע פירערס פון דער אָפּאָזיציע!

זינאָוויעוו, קאמעניעוו, ראדעק, פּיאַטאַקאָוו, האָבן איבערגעשטיגן איינער דעם אנדערן אין די שבחים און זיך געמאכט פארגעסן, אז זיי האָבן געהאט דעם מוט זיך קעגנצושטעלן סטאלינען. אין 1929 האָבן נישט עקזיסטירט מער קיין פראקציעס אין דער פארטיי. די אָפּאָזיציעס זענען געוואָרן אויפגעלייזט און די

1) "לענינס צוואה" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די לעצטע ארטיקלען, וואָס ער האָט געשריבן פאר זיין טויט. מיר האָבן באדארפט ווארטן אויף כרושטשאָווס רעדע, אויפן צוואנציקסטן קאָנגרעס אין 1956, אין וועלכער ער האָט באשטעטיקט די ריכטיקייט פון די טעקסטן.

אָפּאָזיציע־פירערס האָבן צוריק באַקומען פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן. בוכאַרין איז געוואָרן שעף־רעדאַקטאָר פון דער "איזוועסטיא"; ראַדעק איז באַשטימט געוואָרן ווי איינער פון די הויפּט־רעדאַקטאָרן פון דער "פּראַוודאַ" און ראַטגעבער ביי סטאַלינען איבער דער אויסלענדישער פּאָליטיק.

א שווערע קראַנקייט האָט באַהערשט די פּאַרטיי — צוויי־פּנימדיקייט. כל זמן לענין האָט געלעבט, איז אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אָנגעגאַנגען א זייער לעבהאַפטער, פּאָליטישער און אידעאָלאָגישער געראַנגל. אויף די קאָנגרעסן, פּלענומס און זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט, האָבן די מיטגלידער פריי אַרויסגעזאָגט זייערע מיינונגען. דער דעמאָקראַטישער אופן פון וויכוחים, פון מיינונג־פאַרשידנהייטן, אָפּט — אפילו גאַנץ שאַרפע, האָט געשאַפן די איינִיקייט און וויטאַליטעט פון דער פּאַרטיי.

פון דעם מאָמענט ווען סטאַלין האָט אויסגעשפּרייט זיין מאַכט איבערן פּאַרטיי־אַפּאַראַט, האָבן אפילו די אַלטע באָלשעוויקעס נישט געוואָגט זיך קעגנצושטעלן די באַשלוסן, אָדער אפילו איבער זיי דיסקוטירן.

א טייל איינגעבראָכענע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, אַנדערע האָבן זיך צוריק געצויגן פון אַקטיוון פּאָליטישן לעבן. פיל ערגער איז געווען, וואָס פיל חברים וואָס זענען פריער געווען קעגן, האָבן עפנטלעך אונטערגעהאַלטן סטאַלינס איינשטעלונגען. אָט די אומווירדיקע צוויי־פּנימדיקייט האָט צוגעאיילט די אינערלעכע דעמאָראַליזאַציע פון דער פּאַרטיי.

די מיטגלידער זענען געווען געצוווּנגען אויסצוקלויבן צווישן זייער פּערזענלעכער זיכערקייט און רעוואָלוציאָנערן געוויסן. פיל האָבן מסכים געווען מיט געשלאָסענע מיילער און געבויגענע רוקנס. וואַגן אַרויסצוזאָגן א מיינונג איבער טאָג־פּראָבלעמען — איז געווען א העלדנטאַט. אַראָפּרעדן זיך פון הארצן האָט מען געקענט נאָר פאַר זיכערע פריינד. פאַר אַנדערע האָט מען רעציטירט די אָפיציעלע פסוקים פון דער "פּראַוודאַ".

אָנהייבנדיק פון 1930, האָבן אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג זיך געפונען נאָר אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן תמיד און מיט אַלעמען, מסכים געווען מיט סטאַלינען, אפילו אין אַזעלכע פראַגן, אין וועלכע ס'האָט זיך געפאָדערט א מיינונג־אויסטויש. אויסנאַמען זענען געווען זעלטענע: לאַנגיאָריקע קאָמוניסטן, וואָס האָבן נישט געקענט צוזען, ווי לענינס פּאַרטיי פאַרוואַנדלט זיך אין א רעליגיעזער סעקטע, האָבן אין געוויסע פאַלן געוואָגט צו זאָגן ניין! אַזעלכע זענען געווען לאָמינאַדזע און לונאַטשאַרסקי...

אין 1935 איז לאָמינאַדזע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווי אָרדזשאָניקידזע, סטאַלינס אַלטער פריינד, וואָס האָט אין 1937 א סוף געמאַכט צו זיין לעבן, נאָך א רעוויזיע פון דער נ.ק.וו.ד. אין זיין ביוראָ. ער האָט טעלעפאָניש פּראָטעסטירט פאַר סטאַלינען, וואָס האָט אים געענטפערט מיט אויפרעגונג:

— זיי האָבן רעכט, זיי האָבן אַלע רעכט דאָס צו טאָן, ביי דיר ווי ביי אַנדערע!...

ביז 1930 האָט נאָך לונאַטשאַרסקי אינטערווענירט לטובת פאַרמשפּטע אינטעלעקטואַלן.

אין דער ארמיי, האָט גענעראַל יאַקיר אין 1929 זיך נישט געוואַקלט צו נעמען אונטער זיין שוץ א גרופּע אומשולדיקע אָפיצירן, וועלכע די נ.ק.וו.ד. האָט ארעסטירט. ס'איז נאָך געווען מעגלעך אין א געוויסער מאָס זיך קעגנצושטעלן דער פּאָליציייאישער מאַשין. מיר גופא איז אויסגעקומען דורכצומאכן אזא דערפארונג.

א געוויסן טאָג, אין נאָוועמבער 1934, איז מיין פרוי גערופן געוואָרן עדות צו זאָגן אין דער לוביאַנקע. צו מאָרגנס איז געקומען מיין ריי. דער קאָלאָנעל, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אויספאָרשונג, האָט אונדז איבערגעגעבן, אז א געוויסער קאַניעווסקי, וועמען מיר האָבן גוט געקענט אין ארץ־ישראל, איז געוואָרן ארעסטירט. ער איז געווען א זייער גוטער קאָמוניסט, א דרייסטער און איבערגעגעבענער. תמיד גרייט געווען אויסצופירן יעדע שווערע אויפגאַבע. פיל מאָל געוואָרן איינגעזעצט דורך די ענגלענדער אין תפיסה, זיך דאָרטן מוטיק אויפגעפירט. אין 1930 האָט אים די ענגלישע מאַכט מיט כוח ארויסגעזעצט אויף א רוסישער שיף.

— קאַניעווסקי איז באשולדיקט אין מיטארבעטן מיט דער אינטעליזשענס־סערוויס (ענגלישער שפּיאָנאַזש־דינסט) — דערקלערט דער קאָלאָנעל.

— הערט זיך איין — זאָג איך צו אים, — מען דאַרף זיכער נישט אונטערשאַצן אונדזערע קעגנערס; אָן שום ספק, אז די אינטעליזשענס־סערוויס זוכט צו רעקרוטירן אַגענטן, זי וועט זיך אָבער מאַכן לעכערלעך, אויב זי וועט זיך שפּילן אין מאָביליזירן אזעלכע מענטשן ווי קאַניעווסקי, וואָס זענען לגמרי אומפּעיק צו טאָן די ארבעט.

— דאָך, — האָט ווייטער געזאָגט דער קאָלאָנעל, — פארלאַנג איך די עדות פון געוועזענע פירערס פון דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: איינער קען נישט קאַניעווסקין, בעת דער אנדערער האָט געזאָגט, אז אַלץ איז מעגלעך!

עטלעכע חדשים שפּעטער, זאָגט מען מיר און מיין פרוי, אז א מאַן וואַרט אויף אונדז אין אוניווערסיטעט. מיר גייען אריין אין וואַרטע־זאַל: ס'איז קאַניעווסקי, וואָס איז מיט טרערן אין די אויגן געקומען אונדז דאַנקען פאַרן עדות זאָגן, וואָס האָט געראַטעוועט זיין לעבן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אזא עדות־זאָגן שוין געווען אוממעגלעך.

אין 1937 האָב איך זיך דערוווּסט, אז מיין פריינד אַלטער שטראָם, וואָס האָט געארבעט אין דער טאַסס־אַגענטור, איז געוואָרן ארעסטירט. גלויבנדיק אז דאָס איז א מיספארשטענדעניש, האָב איך זיך פאָרגעלייגט אלס עדות לטובת אים.

איך האָב געהאַט אומגעהויערע שוועריקייטן, ביז כ'האָב געקענט אָנקומען צום קאָלאָנעל, וואָס האָט געפירט די אויספאָרשונג. דאָס צו דערגרייכן, האָב איך געמוזט זיך דערשלאָגן צום פּאָליטישן פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער מיליטערישער אויסשפּיר־דינסט, ער זאָל אינטערווענירן ביים קאָלאָנעל מיך אויפצונעמען. דערהערנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער געגלויבט, אז איך בין משוגע געוואָרן: נעמען אין שוץ אַן ארעסטירטן קען נאָר דער וואָס האָט פארלוירן דעם פארשטאַנד.

דער אויספאָרשער, אין ראַנג פון א קאָלאָנעל, האָט מיך אויפגענומען מיט פיל כבוד. מכבד געווען מיט קאַפע, סיגאַרעטן, צום סוף גיט ער א זאָג:

— נו חבר, ביסט געקומען עדות זאָגן אין ענין שטראָם?

— טאקע וועגן דעם בין איך געקומען.

— אלזא, איך הער דיך.

— כ'בין געקומען גאָר פשוט זאָגן, אז אלטער שטראָם איז אומשולדיק...

דערהערנדיק דאָס, איז אים די פעדער ארויסגעפאלן פון צווישן די פינגער. דער פריערדיקער שמייכל האָט זיך געביטן אין א פאַרקרימטער גרימאַסע, דאָס גאנצע פנים האָט זיך פאַרענדערט...

— אויף דאָס צו זאָגן ביסטו געקומען?

— יאָ, איך קען אלטער שטראָמען פון זיינע יונגע יאָרן, איך ווייס, אז ער איז נישט קיין שונא — איז נאָרמאַל, איך זאָל קומען דאָס זאָגן.

דער קאָלאָנעל האָט מיך לאַנג באַטראַכט:

— לאָמיר רעדן אויפריכטיק, — זאָגט ער צו מיר. — די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אין געפאַר, און אויב פון הונדערט מענטשן וועלכע מיר ארעסטירן, ווייזט זיך נאָר איינער ארויס ווי א שונא, באַרעכטיקט דאָס דעם ארעסט פון אַלע אַנדערע. דאָס אויפהאַלטן די רעוואָלוציע איז ווערט דעם פּרייז.

אין איין פראַזע, האָט ער רעזומירט די גאַנצע פילאָזאָפיע פון דער אונטערדריקונג־פּאָליטיק פון דער מאַכט.

— איך זע נישט מיט וואָס די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז באַדראָט — האָב איך אים געענטפערט. — איך וווּנדער זיך, אז נאָך צוואַנציק יאָר עקזיסטענץ, זאָל א מיניסטעריום ווי אייערס נישט קאָנען אונטערשיידן צווישן א פריינד און א פיינד?

7 דער פחד

אין דער זעלבער צייט, ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט דער קולט פאַר סטאַלינען, האָט זיך אויך אַנטוויקלט דער קולט פאַר דער פּאַרטיי: די פּאַרטיי קאָן זיך נישט טועה זיין; די פּאַרטיי מאַכט קיין מאָל נישט קיין טעות; מען קאָן נישט זיין געזעכט קעגן דער פּאַרטיי; די פּאַרטיי איז קדשי־קדשים; דאָס וואָס די פּאַרטיי זאָגט דורכן מויל פון איר גענעראַל־סעקרעטאַר, איז הייליק. ווער עס וואָגט זיך קעגנשטעלן, — ווערט באַטראַכט ווי אַ כופר בעיקר. אויסערהאַלב דער פּאַרטיי, איז נישט פאַראַן קיין שום לייזונג. אויב מ׳איז נישט מיט דער פּאַרטיי, איז מען קעגן איר... דאָס זענען געווען אומדיסקוטירבאַרע אמתן, וועלכע מ׳האָט "אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ" אַלע סקעפּטיקערס. וואָס שייך אַפּיקורסים, איז פאַר זיי נישט געווען קיין שום פאַרגעבונג, זיי האָט מען געלייגט אין חרם!

די גאָט־פּאַרטיי און איר נביא סטאַלין זענען געוואָרן אַרומגערינגלט מיט אומבאַגרענעצטן קולט. אויך זיינע יוצאי־משרתים האָבן זיך דערפון נישט אָפּגעזאָגט. שוין נאָך לענינס טויט איז געוואָרן אַ מאָדע אָנצורופן שטעט: "לענינגראַד", "סטאַלינגראַד", "זינאָוויעווסק", אַפילו טראָצק. די טראַמווייען־דעפּאָס האָבן געהאַט אַ באַזונדערן כבוד זיך אָנצורופן "בוכאַרין".

פּונקט ווי מען האָט אין די רעליגיעזע פּראָצעסיעס, הינטער דעם קרייץ מיט ישוֹן, געטראָגן די בילדער פון די הייליקע, אַזוי האָט מען אין די אָפיציעלע מאַניפעסטאַציעס, נאָך דעם פּאָרטרעט פון סטאַלינען, געטראָגן די פּאָרטרעטן פון די וויכטיקסטע פּאַרטיי־פירערס. כדי צו וויסן די היעראַרכיע פון דער אָנפירונג, איז גענוג געווען צו אָבסערווירן אויף די גרויסע פאַרזאַמלונגען דאָס באַווייז זיך אין פּרעזידיום, לויט דער ריי, די מיטגלידער פון פּאָליט־ביוראָ.

אין חודש מערץ 1934, בעת דעם 17טן פּאַרטיי־קאָנגרעס, איז קיין איין רעזאָלוציע נישט געוואָרן אָפּגעשטימט. מיט אויפהויבן די הענט, האָבן די דעלעגאַטן גופא אָנגענומען אַ פאָרשלאַג, וועלכער פאָדערט "אויספירן אין דער אַרבעט די טעזן און אָנווייזונגען, וועלכע ס׳האָט אַרויסגעבראַכט דער חבר סטאַלין אין זיין רעדע".

אַזוי אַרום האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר באַקומען די אַבסאָלוטע הערשאַפט איבער דער פּאַרטיי. אָבער יעדע מטבע האָט אויך איר צווייטע זייט. די דעספּאָטיש־

טיראַנישע הערשאַפט, וועלכע האָט ביסלעכווייז זיך אָנגעוואָרפן דער פּאַרטיי אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָרצענדליק, האָט אויפגערודערט אַ טייל פון די דעלעגאַטן. די וואַלן צום צענטראַל-קאָמיטעט, אַדורכגעפירט דורך אַ געהיימער אָפּשטימונג, האָבן דערמעגלעכט אַ לעצטן ווידערשטאַנד מצד די דעלעגאַטן. דער אָפיציעלער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג, וועלכער איז געמאָלדן געוואָרן פון דער טריבונע, האָט בראָש פון דער פּאַרטיי אָנוועקגעשטעלט סטאַלינען און קיראָוון. זיי ביידע זאָלן האָבן באַקומען די זעלבע צאָל שטימען פון אַלע דעלעגאַטן, אויסער דריי אָפּגעהאַלטענע. אָבער דער אמתדיקער רעזולטאַט איז געווען גאָר אַן אַנדערער: 260 דעלעגאַטן, ד.ה. מערער פון אַ פערטל פון אַלע אַנוועזנדיקע, האָבן אויסגעשטראָכן סטאַלינס נאָמען. קאַגאַנאָוויטש, דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם קאָנגרעס, האָט אַ דערשראָקענער פון דעם רעזולטאַט, פאַרברענט די שטים-צעטלען און געמאָלדן, אַז סטאַלין האָט באַקומען די זעלבע צאָל שטימען וואָס קיראָוו.

פאַרשטייט זיך, אַז די הינטערקוליסן זענען נישט געווען פאַרהוילן פאַר סטאַלינען: די אָפּשטימונג האָט געגעבן דעם סיגנאַל צו בלוטיקע אָפּרעכענונגען, וועלכע האָבן דערפירט צו די גרויסע רייניקונגען. גלייך נאָך דעם קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן די ראָטאַציע פון די קאַדערן. דורך דער ברייט צעעפנטער פון דעמאָלט קלאַפּע, האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן די לעבעדיקע כוחות פון דער רעוואָלוציע. בראָש פון דער ליסטע זענען געווען די דעלעגאַטן פון 17טן קאָנגרעס. אויף די הונדערט ביין און דרייסיק געוויילטע מיטגלידער פון צענטראַל-קאָמיטעט, זענען הונדערט און צען געוואָרן אַרעסטירט אין די קומענדיקע יאָרן. אויף אָנצוהויבן די פּאַרטיי-רייניקונגען, זענען נייטיק געווען סיבות, און ווען קיין סיבות זענען נישט געווען — האָט מען זיי תמיד געקענט אויסגעפינען.

דעם 1טן דעצעמבער 1934 איז דערמאָרדעט געוואָרן קיראָוו. זייט לאַנגע יאָרן איז ער געווען דער פּאַרטיי-סעקרעטאַר פון לענינגראַדער ראַיאָן. אין 1925 האָט אים סטאַלין געשיקט אַהין, אין דער "וועגעדיק פון צפון" צו באַקעמפן דעם איינפלוס פון די "זינאָוויעוויסטן". ער איז געווען אַ פּשוטער, צוגעלאָזענער מענטש, זייער פּאָפּולער. הינטער זיין נאָמען האָט זיך אויסקריסטאַליזירט די אַנטי-סטאַלינישע אָפּאָזיציע. דער 17טער קאָנגרעס האָט דאָס באַשיימפּערלעך באַוויזן. אָן שום ספק, אַז דעמאָקראַטישע וואַלן וואָלטן אַוועקגעשטעלט קיראָוון אין שפּיץ פון דער פּאַרטיי. און קיינער האָט זיך דעמאָלט נישט פאַרטראַכט, אַז דאָס איז געווען די פאַקטישע סיבה פון דעם מאָרד.

סטאַלין האָט אָפּגערוימט אַ קאָנקורענט און דערמיט אויך באַרעכטיקט די "רייניקונגען". קיראָוו, וואָס איז מיט איין מאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַרטירער, האָט געדינט ווי אַ פּרעטעקסט אָפּצורוימען זיינע אָנהענגערס! עס האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן בלוטיקע רעפּרעסיעס, אָנגעפירט פון סטאַלינען גופא. אַ הונדערט אַרעסטירטע, באַשולדיקט אין באַוואָפנען דעם מערדער ניקאָלאַיעוו, זענען תיכף דערשאָסן געוואָרן.

גאָר שנעל, דעם 15טן און 16טן יאַנואַר 1935, איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס: זינאָוויעוו און קאַמעניעוו, געשלעפּט אויף דער באַשולדיקונג-באַנק, האָבן

אנערקענט, אז ווי געוועזענע אָנפירער פון דער אָפּאָזיציע, טראָגן זיי די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אַטענטאַט. זיי זענען געוואָרן פאַראורטיילט: דער ערשטער אויף 10 יאָר, דער צווייטער אויף 5 יאָר תפיסה.

איך דאַרף זאָגן אויפריכטיק, אַז אויפן אוניווערסיטעט, האָבן מיר אין יענער צייט נישט געגלויבט, אַז אַן אָרגאַניזירטע גרופּע האָט אַדורכגעפירט דעם מאָרד, נאָר אַז דאָס איז גיכער געטאָן געוואָרן פון אַן עקזאַלטירטן פאַנאַטיקער. אַלנפאַלס, האָט קיינער זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, וואָס דערוואַרט אונדז אין דער צוקונפט. קיראָווס מאָרד איז געווען סטאַלינס רייכסטאַג־שריפה.

דעם 18טן יאַנואַר 1935 האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי־אָנפירונג אַרויסגעשיקט אַ דירעקטיוו צו די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס: ״אָרגאַניזירן אַלע כוחות צו פאַרניכטן די פיינדלעכע עלעמענטן״. דורך דעם צעשוווּמענעם באַגריף ״פיינדלעכע עלעמענטן״, האָט די נ.ק.וו.ד. באַקומען פרייע הענט, און כדי זיי צו אַנטדעקן, האָט זי געלאָזן אין גאַנג פאַרדאַכטן און מסירה: אויף באַפעל, האָט די פּרעסע פאַרלאַנגט שולדיקע און אין הונדערטער אַרטיקלען אויפגעפאָדערט די סאָוועטישע בירגער ״אויפצודעקן דעם אמת״, וואָס האָט געהייסן, אַז דער שכן, דער חבר ביי דער אַרבעט, דער רייזנדער אין אויטאָבוס, דער פּוסגייער וואָס איילט זיך — האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פאַרדעכטיקטע. אָבסערווירן, נאָכקוקן, דענונצירן. די פּלאָג פון נאָכשפּיאָנירן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן לאַנד.

אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג זענען דערפון געטראָפן געוואָרן. מיין זון מישעל, וואָס איז געווען אַ שילער אין דעם פּענסיאָנאַט פאַר די קינדער פון די ״קאָמינטערנאָווצעס״, האָט מיר דערציילט אַ באַלערנדיקע געשיכטע, וואָס באַווייזט, אויף ווי ווייט ס׳האָט זיך אַנטוויקלט דער פּסיכאָז פון נאָכשפּיאָנירן.

אַ געוויסן טאָג איז איינער פון די באָלשעוויסטישע שליחים אין אויסלאַנד צוריק געקומען קיין מאָסקווע און באַזוכט די שול, כדי זען זיין זון מישאַ. ווי ביי יעדן וויזיט פון עלטערן, האָט מען אויך פאַר מישאַס פאָטער אָרגאַניזירט אַ יום־טוב. פאַרן אַוועקגיין, האָט דער פאָטער געזאָגט צו מישאַן:

— כ׳וועל דיך קומען זען אין אַ פּופּצן טעג אַרום.

צו מאָרגנס איז ער געוואָרן אַרעסטירט. די פּופּצן טעג זענען פאַריבער. דאָס קינד פרעגט זיך נאָך אויפן פאָטער. דער דירעקטאָר פון דער שול מיידט אויס צו ענטפערן, אַנשטאָט דעם פאַרזאַמלט ער די קינדער און גיט זיי אַזאַ אויפקלערונג:

— איר דערמאָנט זיך דעם יום־טוב, וואָס מיר האָבן אָרגאַניזירט מיט אַ צייט צוריק לכבוד מישאַס פאָטער? אַלזאָ, דעם וועלכן איר האָט געזען, איז נישט געווען מישאַס פאָטער, דאָס האָט אַ שפּיאָן זיך פאַרשטעלט אויף זיין אָרט. מישאַס פאָטער איז דערהרגעט געוואָרן דורך די קאַפּיטאַליסטן! יאָ, מיינע קינדער, ווי זאָגט דער חבר סטאַלין: מיר דאַרפן פאַרדאָפּלען אונדזער אויפמערקזאַמקייט צו אַנטדעקן די שונאים פון פאָלק.

די קינדער האָבן גענומען ערנסט די עצה פון דירעקטאָר און באַשלאָסן צו זוכן שפּיאָנען אין דער סביבה. אַ געוויסן טאָג באַמערקן זיי אויף דער גאַס אַ מאָדנעם פאַרשוין. הויך, ברייט, שטאַרק, טראָגט אַ לאַנגן מאַנטל, דעם קאָלנער

אויפגעשטעלט, דעם קאַפּעלוש אַריבערגעבויגן, די אויגן פאַרמאַסקירט מיט ברילן און אין האַנט האַלט ער אַ שוואַרצן טאַש. אָן ספק, ס׳איז אַ שפּיאָן! די קינדער זענען אים נאָכגעגאַנגען; זיי זעען אים אַריינגיין דורך דער גרויסער טיר אין אַ פֿאַבריק. גלייך נאָך אים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די דעטעקטיוון אין די קורצע הייזלעך, זיך צוגעאײַלט, און אַריין צום וועכטער פֿון דער פֿאַבריק...

— איר זייט משוגע! — זאָגן זיי צו אים. — איר האָט געלאָזט אַריינגיין אַ שפּיאָן.

דער וועכטער באַטראַכט לכתחילה די יאַטלעך אַ ביסל פֿאַרוווּנדערט און צעשרייט זיך אויף זיי:

— אייער שפּיאָן איז דאָך דער דירעקטאָר פֿון דער פֿאַבריק!

עס זענען אָנגעקומען די פּראָצעסן. אַלטע באָלשעוויקעס, לעניִנס קאַמפּס־חברים, ווערן באַשולדיקט אין אומגלויבלעכסטן: אַז זיי זענען שפּיאָנען — ענגלישע, פֿראַנצויזישע, פּוילישע, אָן אונטערשייד פֿון וועלכן לאַנד! באַוויזן זענען געוואָרן קינסטלעך צענויפֿגעשטעלט. אויף יעדן פּראָצעס האָט מען אויסגערעכנט די מיטגלידער פֿון פּאָליט־ביוראָ, וואָס זיי האָט געדראָט דערמאָרדעט צו ווערן דורך די באַשולדיקטע. די רשימה האָט זיך כסדר געביטן. גאָר אָפֿט האָט מען אין די שפּעטערדיקע פּראָצעסן געפֿונען אויף דער באַשולדיקונג־באַנק די וואָס זענען מיט עטלעכע חדשים פֿריִער אַליין געווען די ״באַדראָטע״. איצט איז געקומען זייער ריי — און זיי גופֿא זענען באַשולדיקט געוואָרן אין דעם זעלבן. דער טראַגישער ספּעקטאַקל, דער גראָבער אופֿן פֿון אינסצעניזירן די פּראָצעסן, האָט דאָך אייגנטלעך באַדאַרפֿט עפֿענען די אויגן אַפֿילו פֿון די, וואָס האָבן זיי געהאַלטן שטאַרק פֿאַרמאַכט. אָבער דאָס איז ניט געשען, ווייל די פּראָצעסן האָבן טעראָריזירט און אָנגעוואָרפֿן אומגעהויערן פּחד אויף דעם סאָוועטישן בירגער. אָן אומגלויבלעכער מאַסן־פּסיכאָז, אונטערגעהאַלטן דורך דעם מלוכהשן אַפּאַראַט, האָט אַרומגענומען דאָס לאַנד.

איבערגעטריבנקייט און איראַציאָנעלקייט האָט באַהערשט אַלץ. פֿאַר וואָס האָבן אַזעלכע קאָמוניסטן ווי קאַמעניעוו, זינאָוויעוו, בוכאַרין זיך מודה געווען? אַ זייער לאַנגע צייט איז די פֿראַגע געבליבן אָן ענטפֿער פֿאַר מיליאָנען מענטשן אין דער וועלט. דער דיקער פֿאָרהאַנג פֿון ליגן און פֿעלשונגען איז אין ראַטן־פֿאַרבאַנד גופֿא אויפֿגעהויבן געוואָרן ערשט פֿיל שפּעטער, און דאָס נאָר טיילווייז.

אין 1964, אין דעם קורצן פּעריאָד פֿון סאָוועטישן פֿרילינג, איז דערשינען דער נייַנטער באַנד געשיכטע פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, פֿאַרעפֿנטלעכט דורך דער סאָוועטישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע. מען לייענט דאָרט:

נאָכן מאָרד פֿון קיראָוו, זענען פֿאָרגעקומען פֿיר פּראָצעסן פֿון געוועזענע מיטגלידער פֿון די פֿאַרשידענע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּן אין יאַנואַר 1935, אויגוסט 1936, יאַנואַר 1937 און מערץ 1938. דריי פֿון די פּראָצעסן זענען געווען עפֿנטלעכע. מ׳האָט זיי אַלע באַשולדיקט אין פֿאַראַט, שפּיאָנאַזש, טעראָר־אַקטן קעגן סטאַלינען און מאָלאָטאָוון, אין דערמאָרדן גאָרקין און אַנדערע פּערזענלעכקייטן. דער גרונט־אַנאַליז פֿון די מקורות באַווייזט, אַז דער אופֿן פֿון דער אויספֿאָרשונג איז געווען

אַ באַשיימפּערלעכע פאַרגוואַלטיקונג פון די לעגאַלע נאָרמעס, און דאָס האָט אַפילו אַ שייכות צו די פּראָצעסן, וועלכע זענען פאָרגעקומען עפנטלעך. די באַשולדיקונגען האָבן זיך באַזירט אויף דעם מודה זיין זיך פון די באַשולדיקטע, וואָס איז אין דירעקטן קעגנזאַץ צום פּרינציפּ פון אומשולד, כל זמן די שולד איז נישט באַוויזן געוואָרן.

אין גאַנג פון פּראָצעס, האָט קאַרל ראַדעק דערקלערט, אַז די באַשולדיקונג שטיצט זיך נאָר אויף דערקלערונגען פון צוויי מענטשן — פון פּיאַטאַקאָוון און פון אים אַליין. איראָניש פרעגט ער ווישינסקין, ווי אַזוי קאָן מען אָננעמען די דערקלערונגען אַלס באַווייזן, אַז די וואָס האָבן געמאַכט די דערקלערונגען, זענען באַנדיטן און שפּיאָנען? "אויף וואָס שטיצט איר אייער גלויבן — פרעגט ער ווישינסקין — אַז דאָס וואָס מיר האָבן געזאָגט, איז דער אמת, דער ריינער אמת?"

איצט איז פעסטגעשטעלט, אַז די גבית־עדות אויפן פּראָצעס פון די טראָצקיסטן און רעכטע אָפּנויגלערס, איז געווען גרונטלאָז.

דער הויפּט־פּראָקוראָר ווישינסקי האָט געפירט דעם פּראָצעס, פאַרגוואַלדיקנדיק פולשטענדיק די כללים פון דער פּראָצעדור. אַזוי למשל, ווען קרעסטינסקי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די באַשולדיקונגען קעגן אים, האָט ווישינסקי איבערגעריסן דעם פּראָצעס און ערשט אויף צו מאָרגנס אים פאָרגעזעצט. צו מאָרגנס האָט קרעסטינסקי דערקלערט, אַז ער האָט מעכאַניש זיך אַרויסגעכאַפּט "אומשולדיק", ווייל אייגנטלעך האָט ער גאָר געוואָלט זאָגן "שולדיק".

בוכאַרין האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט אָנטייל גענומען אין וועלכע ס'איז מאָרד־צוגרייטונגען און סאַבאָטאַזש־אַקטן. דאָס געריכט האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום באַווייזן אים צו באַשולדיקן. "וועלכע באַווייזן האָט איר?" — האָט ער געפרעגט. "די דערקלערונגען פון אַ כאַראַגאָנוויטש, וואָס איז פאַר מיר לחלוטין אומבאַקאַנט?"

אויף דעם אַרגומענט, האָט ווישינסקי אין זיין לעצט וואָרט ציניש דערקלערט, אַז ס'איז נישט נייטיק צו ברענגען באַווייזן אויף אַלע פאַרברעכנס, כדי צו באַשולדיקן. אין ליכט פון די אומשטאַנדן, וועלכע מיר האָבן דאָ איבערגעגעבן, דאַרפן מיר קומען צום אויספיר, אַז די געזעצלעכקייט פון די פּראָצעסן זענען געוואָרן פאַרגוואַלדיקט אויף דעם העכסטן אופן.

אַזאַ איז געווען אין 1964 דער אָפיציעלער שטאַנדפּונקט פון דער מאַכט. און דאָס איז נאָך ווייט פון אמת. זיי האָבן באַדאַרפט דערציילן וועגן די פיזישע און מאָראַלישע פּייניקונגען, דער סיסטעמאַטישער שאַנטאַזש לגבי די פאַמיליעס פון די באַשולדיקטע. דער ביטערער גורל פון די עטלעכע צענדליק קרבנות פון די פּראָצעסן, טאָר אונדז נישט לאָזן פאַרזען די רעפּרעסיעס, וועלכע האָבן אַרומגענומען מיליאָנען סאָוועטישע בירגער: לגבי זיי איז נישט נייטיק געווען, זיי זאָלן זיך מודה זיין.

סטאַלינס אָנפירונג איז דורכגעפאַלן אויף אַלע געביטן: זאָל דאָס האָבן געווען די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, די קאָלעקטיוויזאַציע, אָדער די אינדוסטריאַליזאַציע. דאַקעגן איז דער פּלאַן פון אומברענגען די קאַדערן, אויסגעפירט געוואָרן מערער ווי ס'איז געווען פאָרויסגעזען. סטאַלינס דעקרעט וועגן דער "ראָטאַציע פון די קאַדערן", האָט פאַרפליכטעט צו ליקווידירן יעדן, וואָס האָט נאָר פאַרנומען וועלכן ס'איז אַמט. די רייניקונג איז געוואָרן "וויסנשאַפטלעך" אָרגאַניזירט. קאַטעגאָריע נאָך קאַטעגאָריע, געגנט נאָך געגנט, פּראָפעסיע נאָך פּראָפעסיע, יעדער קרבן האָט

מיטגעשלעפּט אין תהום זיינע חברים, פריינד און באַקאַנטע. פּיאַטאַקאָוו, למשל, האָט געאַרבעט אין מיניסטעריום פאַר דער שווער־אינדוסטריע. נאַטירלעך, אַז ביי דער אַרבעט איז ער געקומען אין באַרירונג מיט הונדערטער מענטשן. נאָך זיין אַרעסט, זענען די אַלע געוואָרן פאַרדעכטיקט.

דער פאַל פּיאַטניצקי אילוסטרירט אַמבעסטן דעם אונטערדריקונג־סיסטעם. פּיאַטניצקי איז געווען אַן אַלטער באָלשעוויק, לעניִנס נאָענטער מיטאַרבעטער. נאָכן אַנטשטיין פון קאָמינטערן, איז ער געוואָרן איינער פון זיינע הויפּט־פירער. ווי אַ גרויסער אָרגאַניזאַטאָר, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס שעף פון דער קאַדערן־אָפּטיילונג. ער האָט אויסגעקליבן און פאָרמירט קאַדערן פאַר דער טעטיקייט פון קאָמינטערן און זיי געשיקט אין אַלע לענדער.

אָנהייב 1937 איז ער געוואָרן אַרעסטירט און געמשפּט ווי אַ דייטשער שפּיאָן. דעם אמת פון דער געשיכטע האָב איך זיך דערוווּסט פיל שפּעטער, ווען איך אַליין האָב זיך געפונען אין די נעגל פון דער געסטאַפּאָ. דאָס איז געווען אין 1942, ווען מיך האָט געפאָרשט דער זעלבער מאַן, וואָס האָט צונויפגעשטעלט די פּראָוואָקאַציע קעגן פּיאַטניצקין. אַלע דאָקומענטן וועלכע האָבן באַדאַרפט באַווייזן פּיאַטניצקיס שולד, זענען געווען פאַלשע, פאַבריצירט דורך דעם דייטשן קאָנטר־שפּיאָנאַזש. די פירערס פון נאַצישן קאָנטער־שפּיאָנאַזש, קענענדיק די פאַרהעלטענישן וועלכע האָבן געהערשט צו יענער צייט אין ראַטן־פאַרבאַנד — פון נאָכשפּיאָנירן איינער דעם אַנדערן — האָבן צוגעטראַכט, אַז אַ דייטשער אַגענט געפינט זיך אין דער העכסטער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי. פאַרוואָס עפּעס פּיאַטניצקי ? פּשוט דערפאַר, ווייל דורך אים וועט די גאַנצע קאַדערן־סעקציע פון קאָמינטערן ווערן ליקווידירט.

פּיאַטניצקי איז געווען גוט באַקאַנט אין דייטשלאַנד. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ער דאָרט געווען אין שליחות מיט ראַדעקן. די געסטאַפּאָ האָט געהאַט אַרעסטירט צוויי מיטגלידער פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, געשיקט פון קאָמינטערן. דער אַרעסט איז דורך דער געסטאַפּאָ געהאַלטן געוואָרן בסוד. מיט אַמאָל האָבן זיי באַפרייט די צוויי קאָמוניסטן, וואָס האָבן פאַרגעזעצט זייער טעטיקייט אין דער ד.ק.פּ. איינער פון זיי האָט צו וויסן געגעבן דער נ.ק.וו.ד., אַז ער האָט באַווייזן וועגן פאַראַט פון געוויסע פירערס פון קאָמינטערן, איבערשיקנדיק קיין מאָסקווע פאַבריצירטע אַקטן וועגן פּיאַטניצקין, וועלכע "באַווייזן", אַז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער דייטשער געהיים־דינסט. ביי דעם קלימאַט, וואָס האָט געהערשט צו יענער צייט אין מאָסקווע, איז דאָס געווען גענוג צו פאַרמשפּטן אַן אַלטן באָלשעוויק... די מאַשין איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג, און דאָס ראָד האָט זיך שוין אַליין געדרייט... צוזאַמען מיט פּיאַטניצקין זענען פאַרשוווּנדן הונדערטער פאַראַנטוואָרטלעכע טוערס פון קאָמינטערן. דאָס איז געווען איינע פון די בעסטע געפעליקייטן, וואָס סטאַלין האָט געטאָן היטלערן !

אין קיין שום פאַל איז ניִשט געפירט געוואָרן קיין ריכטיקע אויספאָרשונג. אַן אַרעסטירטער איז גלייך באַצייכנט געוואָרן ווי אַ שולדיקער — און אַ שולדיקער איז מחויב זיך מודה צו זיין : אויב ער לייקנט, איז ער אַ דאָפּלטער פאַרעטער. גלייך

פון ערשטן פארדאכט, איז דער מעכאניזם געלאָזן געוואָרן אין גאנג, ביז ער איז געוואָרן פארמשפט. די עלעמענטארסטע רעכט פון פארטיידיקונג האָט בכלל נישט עקזיסטירט.

גאנץ ראטן־פארבאנד האָט זיך פארוואנדלט אין א ריזיקן פלאצדארם פאר די מעשים פון דער נ.ק.וו.ד. אָנהייבנדיק פון 1935, זענען די תפיסות פון יעדער שטאָט, פון יעדן דערפל, פארפולט געוואָרן מיט אומשולדיקע מענטשן. היות אין די תפיסות איז געוואָרן צו ענג, האָט זיך געשטעלט די פראגע: אָדער זיי פארגרעסערן, אָדער אויפבויען נייע. די אינדוסטריע פון די קאָנצענטראציע־לאגערן האָט פאר דעם צוועק מאָביליזירט הונדערטער טויזנטער סאָוועטישע בירגער.

ווי פריווילעגירטע צושויערס, האָבן מיר, אויסלענדישע קאָמוניסטן, צוגעזען די אויסשפרייטונג פון דער כוואַליע. די מנהיגים פון די קאָמוניסטישע פארטייען, וואָס זענען געשטאנען בראש פון קאָמינטערן, האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט די מעשה־תעתועים. להיפך, זיי האָבן צוגעגעבן קוראזש די מאַכט־אָרגאנען, וואָס האָבן שוין נישט געהאט קיין שום שייכות מיט סאָציאַליזם.

אָן באוואָרענישן האָבן די קאָמוניסטישע פארטייען פון דער גאנצער וועלט, זיך סאָלידאַריזירט מיט דער סטאַליניסטישער פאָליטיק.

ווי מיר וועלן זען שפעטער, ביז איך געווען אין פאריז, ווען מארסעל קאשען און וואַיאַן־קוטיריע האָבן בייגעווווינט דעם צווייטן מאָסקווער פראָצעס, בראש פון א דעלעגאציע פון דער פראנצויזישער קאָמוניסטישער פארטיי. צוריק קומענדיק, האָבן זיי אָפּגעגעבן א באריכט אויף א גרויסן מיטינג אין זאל וואגראם אין פאריז. איז וואָס, מיינט איר, האָבן איבערגעגעבן די צוויי פירער פון דער פראנצויזישער קאָמוניסטישער פארטיי? זיי האָבן געלויבט סטאַלינען פאר זיין קלאָר־זעעוודיקייט, וואָס ער האָט דעמאסקירט און פארניכטעט די "טעראָריסטן־גרופע".

— מיר האָבן געהערט זינאָוויעוון און קאמעניעוון אליין זיך באשולדיקן אין די אומגלויבלעכסטע פארברעכנס — האָט זיך צעשריען וואַיאַן־קוטיריע. — איר גלויבט, אז די פארשוינען וואָלטן זיך מודה געווען, ווען זיי זענען אומשולדיק?

קאשען, וואַיאַן־קוטיריע, און מיט זיי די גאנצע קאָמוניסטישע פארטיי אין פראנקרייך, האָבן געשעפּט זייער גלויבן פון סאָוועטישע קוועלן. האָבן זיי דען געקענט וויסן, אז די דריי גרויסע פראָצעסן זענען נאָר געווען א ספעקטאקל פאר דער פאָדערבינע, בעת הינטער די קוליסן, זענען אָן געריכטן, אָן משפטים, אָן מודה זיין זיך, אומגעקומען טויזנטער קאָמוניסטישע מיליטאנטן?

די פירער פון די קאָמוניסטישע פארטייען, די אויסלענדישע פאראנטוואָרטלעכע פון קאָמינטערן, האָבן יעדן טאָג געזען די אויסברייטערונג פון דער אונטערדריקונג. ווי אזוי האָבן זיי דאָס געקענט גרינגשעצן, בעת אין דער זעלבער צייט זענען אויך פארשוואונדן פאָרשטייערס פון די אויסלענדישע קאָמוניסטישע פארטייען, וואָס האָבן זיך געפונען אין מאָסקווע. עטלעכע טויזנט אויסלענדישע קאָמוניסטן פון פארשידענע לענדער, וואָס זענען געווען טעטיק אין קאָמינטערן, אין פראָפינטערן, אין פויערים־אינטערנאַציאָנאַל, אין יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, אין די פרויען־

אָרגאַניזאַציעס — האָבן צו יענער צייט געלעבט אין דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט: נײַנציק פּראָצענט פון זיי זענען געוואָרן ליקווידירט!

נאָך מער, טויזנטער פּאָליטיש־פּאַרפאָלגטע פון דער גאַנצער וועלט, האָבן געטראָפן אין ראָטן־פאַרבאַנד פײַניקונגען און דעם טויט, פאַר וועלכע זיי זענען אַנטלאָפן פון זייערע לענדער. מיט וועלכע רעכט האָבן זיי פאַרמשפּט מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט אָנגעהערט צו דער ראָטן־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי? דאָס איז געשען מחמת דעם, וואָס די אָנפירנדיקע קרײַזן אין ראָטן־פאַרבאַנד האָבן געהאַט אַספּיראַציעס, נישט בלויז אידעאָלאָגיש באַאײַנפלוסן די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג, נאָר אויך זיך צוגעאײגנט די פּריווילעגיע צו געבן דירעקטיוון די "ברידער־פּאַרטייען" צו באַשטימען זייערע קאַדערן — און דערנאָך זיי שיקן צום טויט!

אין הויז פון קאָמינטערן האָבן מיר געהאַט די בכורה אויפצוכאַפּן פאַרשידנאַרטיקע ידיעות, וועלכע האָבן צירקולירט בסוד, נאָר אין רוב פאַלן, ליידער זיך באַשטעטיקט. דורך די קלאַנגען, האָבן מיר זיך אויך באַקענט מיט דער אמתדיקער לאַגע אין לאַנד. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט דעם ענין בעלא קון. אין 1921, איז ער געווען דער פירער פון דער אונגאַרישער רעוואָלוציע. ווי אַ מיטגליד אין דער אָנפירונג פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, איז ער געווען דער באַפולמעכטיקטער פאַר די באַלקאַן־לענדער.

אין פרילינג 1937, איז בעלא קון געקומען צו דער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון קאָמינטערן, צו וועלכער ס'האָבן אָנגעהערט מיטגלידער, וואָס ער האָט זיי געקענט אַ סך יאָרן. אַרום דעם טיש זענען געזעסן: דימיטראָוו, מאַנואילסקי, וואַרגאַ, פּיק, טאָגליאַטי און אַ פירער פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מאַנואילסקי נעמט דאָס וואָרט און זאָגט אָן, אַז ער האָט איבערצוגעבן אַ וויכטיקע דערקלערונג:

— די נ.ק.וו.ד. האָט דאָקומענטן וועלכע באַווײַזן, אַז פון 1921 זאָל בעלא קון זײַן אַ רומעניִשער שפּיאָן.

אַלע אַנוועזנדיקע האָבן גוט געקענט בעלא קונען און זײַן איבערגעגעבנקייט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. מיט אַ שעה פריער האָבן אים אַלע געדריקט די האַנט מיט פיל פרײַנדשאַפט. קיינער האָט אָבער איצט נישט פּראָטעסטירט, אפילו נישט פאַרלאַנגט קיין אויפקלערונגען. נאָך דער זיצונג, האָט אַן אויטאָ פון דער נ.ק.וו.ד. אָפּגעוואַרט ביים אַרויסגאַנג בעלא קונען, וועמען מען האָט שוין מער קיין מאָל נישט געזען.

עטלעכע חדשים שפּעטער... די סצענע האָט זיך נישט געביטן, אויך די אַרטיסטן־באַשולדיקער זענען די זעלבע. אַרום דעם טיש — צוויי ליידיקע שטולן, עס פעלן פאָרשטייער פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער אומדערמידלעכער מאַנואילסקי קלערט אויף מיט אַן ערנסטער מינע, אַז פון 1919 זענען אַלע פירערס פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געווען אַגענטן פון דיקטאַטאָר פּילסודסקי... היות דער ווערסאַלער טראַקטאַט האָט נישט געהאַט פעסטגעשטעלט די מזרח־גרענעצן פון דער נייער פּוילישער מלוכה, האָט פּילסודסקי,

רעכענענדיק אויף די אינערלעכע שוועריקייטן פון סאָוועטישן רעזשים, אויסגענוצט די קאָניוקטור, געעפנט אַן אָנגריף אויף א פראָנט פון העכער 500 קילאָמעטער און פאַרנומען ברייטע שטחים. גאָר שנעל איז די רויטע ארמיי איבערגעגאנגען אין א קאָנטער־אטאקע און אין חודש יוני זענען די פאַלאַקן געצוווּנגען זיך צוריק צו ציען. קיעוו און אוקראינע זענען עוואקוירט, סוף יולי געפינט זיך שוין טוכאטשעווסקיס קאוואלעריע צוויי הונדערט און פופציק קילאָמעטער פון ווארשע...

אין דער צייט, "אנטדעקט" מאנואילסקי, איז א גאנצער רעגימענט פון פוילישע סאָלדאטן גענומען געוואָרן אין געפאנגענשאפט, זיי האָבן זיך פרייוויליק איבערגעגעבן. דאָס זענען אָבער געווען באַצאָלטע פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע פראנקרייך און ענגלאנד האָבן אויסגעשולט צו פירן א שפּיאָנאַזש־טעטיקייט, מיטן ציל צו צעשטערן דעם סאָוועטישן רעזשים. צווישן דעם בינטל פארעטערס פיגורירן די מנהיגים פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פּארטיי.

דער אומגעהויערער ליגן איז געוואָרן אָנגענומען אָן וועלכע ס'איז פאַרבאהאלטן. די מיטגלידער פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פּארטיי, וואָס האָבן זיך געפונען אין שליחות אין פאריז, אָדער ווי קעמפערס אין שפּאניע, האָט מען איינגעלאדן קיין מאָסקווע. זייענדיק הייסע אָנהענגער פון שאפן אַן איינהייטלעכן, אנטי־פאשיסטישן פראָנט קעגן דעם פארשטארקטן ווּקס פון נאציזם, זענען זיי געווען זיכער, אז די איינלאדונג האָט א שייכות נאָר מיט דעם ענין און זיי ווערן גערופן צו באהאנדלען דאָס פּראָבלעם מיט די סאָוועטישע חברים. נישט חושד־זייענדיק אין אנדערע כוונות, זענען זיי געקומען קיין מאָסקווע. דער איינהייטלעכער אנטי־פאשיסטישער פראָנט האָט זיך פאר זיי פארענדיקט אין די קעלערן פון דער ג.ק.וו.ד., ווו עס זענען אומגעקומען די לאנגיאריקע, אויסגעפּרוווטע קעמפערס, ווי ווארסקי אָדער לענסקי, וועמען מ'האָט באצייכנט ווי דער "פוילישער לעניןײ [1]

אונטערן אויסרייד, אז די פוילישע פּארטיי איז א נעסט פונעם קאָנטער־שפּיאָנאַזש פון פוילנס נאַציאָנאַל־רעוואנזשיסטן, האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל אָפיציעל אויפגעלייזט אין יאָר 1938 די פוילישע קאָמוניסטישע פּארטיי. א פּאַרפירערישער אויסרייד! סטאלין, וואָס האָט שוין צו יענער צייט געגרייט די דערנענטערונג מיט נאצי־דייטשלאנד, האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, אז די פוילישע קאָמוניסטן וועלן קיין מאָל נישט געבן זייער הסכמה אויף אַן אָפּמאַך מיט דייטשלאנד, ווייל אזא פאַקט וועט רעאליזירט ווערן נאָר אויפן חשבון פון זייער אייגן לאנד.

אין דער זעלבער צייט זענען געוואָרן אויפגעלייזט די פּארטייען פון מערב־אוקראינע און מערב ווייס־רוסלאנד.

די באשלוסן זענען געוואָרן אנגענומען אויף די אָפיציעלע זיצונגען פון קאָמוניסטישן אינטערנאציאנאל. ווי איז דאָס געווען מעגלעך, אז קיין איין פירער

1) וועגן אומקום פון בעלא קון און פון די פירערס פון דער פוילישער פּארטיי, האָב איך זיך דערוווּסט פון די לעבן־געבליבענע, וואָס האָבן געטיילט מיט מיר די קאַמער אין דער לוביאנקע נאָך דער מלחמה.

פון די גרויסע אייראָפּעישע פּאַרטייען, זאָל נישט אויפהייבן קיין פינגער קעגן זיי? זאָל נישט פאָדערן קיין אויספאָרשונג־קאָמיסיע? ווי אַזוי האָבן זיי געקענט מסכּים זיין צו לאָזן פאַראורטיילן, אָן באַווייזן, זייערע קאַמפּס־חברים? נאָכן צוואַנציקסטן פּאַרטיי־קאָנגרעס אין 1956, האָבן די אַלע מנהיגים זיך געמאַכט תּמעוואַטע, גלייך זיי ווייסן פון גאָרנישט. כרושטשאָווס באַריכט איז פאַר זיי געווען אַ פולשטענדיקע רעוועלאַציע. אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי געווען באַוווּסטזיניקע מיטבאַטייליקטע פון דער אויסראָטונג, איינגעשלאָסן די מיטגלידער פון זייערע אייגענע פּאַרטייען!

פון יענער טרויעריקער צייט זענען מיר פאַרבליבן זכרונות, וועלכע לאָזן זיך נישט אָפּמעקן... אין אונדזער אוניווערסיטעט, ווו ס'האָבן געוווינט קאָמוניסטן פון אַלע לענדער, זענען מיר ביז דריי בייַנאַכט געווען וואַכזאַם. אין באַשטימטע שעהן האָבן ליכט־וואַרפערס, מיט זייערע בינטן שיין אויף די ווענט פון די הייזער דורכגעבויערט די נאַכט־פינצטערניש...

— זיי זענען דאָ! זיי זענען דאָ! — ווען ס'האָט אָפּגעהילכט דאָס געשריי, איז אַן אומרויִקער ציטער אַדורך די צימערן. אַרומגענומען פון אַ שוידערלעכן פּחד, האָבן מיר דורך די פענצטער נאָכגעפאָלגט, ווו עס פאַרהאַלטן זיך די וועגענער פון דער נ.ק.וו.ד.:

— דאָס איז נישט צו אונדז, זיי גייען צום צווייטן עק הויז!

מיט דעם געפיל פון פּחדנותדיקער פאַרלייכטערונג, זענען מיר איבערגעקומען די נעכט: אונדז האָבן געפייניקט שווערע חלומות וועגן הויכע מויערן און קראַטן. אַ צווייט מאָל האָבן מיר, אומפעיִק צו רעאַגירן, ווי היפּנאָטיזירט פון דער געפאַר... נאָכגעפאָלגט די טריט וואָס האָבן בייַנאַכט אָפּגעקלאַפּט אין די קאָרידאָרן.

— זיי קומען — מיר הערן אַ געקלאַפּעריי, טויבע קלעפּ אין די ווענט, געשרייען, אַ קלאַפּן פון טירן...

— זיי זענען נאָר פאַרבייגעגאַנגען! אָבער מאָרגן?

דער פּחד פאַרן מאָרגן, די שרעק אַז מיר לעבן אפשר די לעצטע שעהן פון אונדזער פרייהייט, האָט באַגלייט אַלע אונדזערע מעשים. דער פּחד איז געוואָרן אונדזער צווייטע נאַטור, אויפגעצוווּנגען צו זיין פאַרזיכטיק, דערפירט צו אונטערטעניקייט. כ'האָב געוווּסט, אַז מיינע פריינד זענען שוין אַרעסטירט — און איך האָב געשוויגן. פאַר וואָס זיי? פאַר וואָס נישט איך? כ'האָב געוואַרט אויף מיין ריי און זיך געגרייט צו דעם עפילאָג.

וואָס האָבן מיר געקענט טאָן? פאַרלאָזן דעם קאַמף? איז דאָס געווען אַנבאַמבאַר פאַר קאָמוניסטן, וואָס האָבן דעם סאָציאַליזם אַוועק געגעבן זייער יוגנט, זייערע כּוחות, זייערע האָפענונגען? פּראָטעסטירן, אינטערוועגירן? אין שייכות דערמיט וויל איך ברענגען אַ בייַשפּיל פון די בולגאַרישע פאָרשטייערס. זיי האָבן פאַרלאַנגט צו זען דימיטראָוון, און דערביי באַנוצט דראָענדיקע רייד:

— אויב איר וועט נישט טאָן דאָס בייטיקע אויף אָפּצושטעלן די אויסראָטונג — האָבן זיי צו אים געזאָגט, — וועלן מיר אָפרוימען דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנער יעזשאָוו. [1]

[1] יעזשאָוו איז געווען דער שעף פון דער נ.ק.וו.ד.

דער פאַרזיצער פון קאָמינטערן האָט זיי געענטפערט קלאָר און דייטלעך:
— איך האָב נישט קיין מעגלעכקייטן צו טאָן די מינדסטע זאַך, אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער נ.ק.וו.ד. . . .

אַפּצורוימען יעזשאָוון, איז די בולגארער נישט געלונגען, אָבער לויט זיין באשלוס האָט מען זיי אַלע דערשאָסן ווי די קראַליקעס.

אַלע זענען פאַרשוונדן: פּאַלאַקן, יוגאָסלאַוון, ליטווינער, טשעכן. אויסער ווילהעלם פּיק און וואַלטער אולבריכט, האָט מען אין 1937 שוין נישט געפונען קיין איין פאַראַנטוואָרטלעכן פירער פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די אויסראָטונג־משוגעת אין געווען אָן גרענעצן. צעשטויבט איז געוואָרן די קאָרעאַנישע סעקציע; עס זענען פאַרשוונדן די דעלעגאַטן פון אינדיע; מ'האָט אַרעסטירט די פאַרשטייערס פון דער כינעזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין 1935, אויפן 7טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, האָב איך זיך געפונען אין זאַל, ווען ס'איז מיט גרויס פּאַראַד אַריין געקומען די סאָוועטישע דעלעגאַציע. בראש זענען געגאַנגען: סטאַלין, נאָך אים — מאַלאָטאָוו, זשדאַנאָוו און יעזשאָוו. די ערשטע צוויי זענען געווען באַקאַנט, די אַנדערע צוויי האָבן שוין געשפּילט אַ צווייטראַנגיקע ראָל. ביים פאַרשטעלן דאָס פּרעזידיום, וויזט אָן דימיטראָוו אויף יעזשאָוון און צעשרייט זיך: — דאָס איז דער חבר יעזשאָוו, וואָס איז גוט באַקאַנט פון זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג!

דימיטראָוו איז עטוואָס פאַרלאָפן פאַרויס. אין 1935 האָט נאָך יעזשאָוו נישט געהאַט קיין "גרויסע פאַרדינסטן" פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ערשט אין 1938 איז מאָסקווע געוואָרן "אויסגערייניקט" פון קאָמוניסטישע קעמפערס. דאָס אָקטאָבער־ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן אין די קאַרצער־צעלן. די רעוואָלוציע האָט דעגענערירט, אויף איר אָרט איז אַנטשטאַנען אַ סיסטעם פון טעראָר און שווידערלעכקייטן. די אידעען פון סאָציאַליזם זענען געוואָרן אויסגעלאַכט אין נאָמען פון פאַלשע דאָגמעס, וועלכע די הענקערס האָבן נאָך געהאַט די חוצפּה אָנצורופן מאַרקסיזם.

דאָך זענען מיר זיי נאָכגעגאַנגען, פאַרצווייפלט, אָבער געהאַרכזאַם. מיר זענען געוואָרן צעמאָלן פון די ציין־רעדער, וועלכע מיר האָבן געלאָזט אין באַוועגונג מיט די אייגענע הענט.

ווי טיילן פון דעם אַפּאַראַט, טעראָריזירט — ביזן פאַרלירן דעם שכל, זענען מיר גופא געוואָרן דער מכשיר פון אייגענעם אונטערגאַנג. די אַלע וואָס האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט סטאַלינס טויט־מעכאַניזם, זענען מיטשולדיק, קאָלעקטיוו מיטשולדיק. דער דאָזיקער פּסק־דין איז חל אויך אויף מיר גופא.

ווער האָט דען צו יענער צייט פּראָטעסטירט? ווער האָט געוואָגט אויסצושרייען דעם דאָזיקן עקל?

די טראָצקיסטן קענען פּרעטענדירן אויף דעם כבוד, צוליב דער אומבויגזאַמקייט פון זייער פירער, וואָס האָט פאַר זיין עקשנות באַקומען באַצאָלט מיט אַ רידל איבערן קאָפּ. זיי האָבן פולשטענדיק באַקעמפט דעם סטאַליניזם. זיי זענען אָבער געבליבן

אליין. אין דער תקופה פון די גרויסע רייניקונגען, האָבן זיי געקאָנט אויסשרייען זייער רעוואָלט נאָר אין די אייביק פארפרויענע שטחים, ווו סטאלין האָט זיי פארשיקט, כדי זיי לייכטער אומצוברענגען.

אין די לאגערן איז זייער אויפירונג געווען א מוסטערהאפטע, אָבער זייער פראָטעסט איז פארלוירן געגאנגען אין די טונדרעס. היינט האָבן די טראָצקיסטן א רעכט צו באשולדיקן די אלע וואָס האָבן גערופן צום טויט, צוזאמען מיט די הענקערס.

זיי דארפן אָבער נישט פארגעסן, אז זייער איבערוואָג איבער אונדז איז געווען זייער איינהייטלעכער פּאָליטישער סיסטעם, וואָס איז געווען מסוגל צו פארטרעטן דעם סטאליניזם און געקענט אויפהאלטן דעם גלויבן אין דער טיפער פיין פון דער פאראטעגער רעוואָלוציע.

זיי האָבן זיך נישט מודה געווען, ווייל זיי האָבן געוווסט, אז זייער מודה זיין, וועט נישט זיין לטובת דער פארטיי און נישט לטובת דעם סאָציאַליזם.

8 פאַרפאָלגונג פון יידן

די געוועזענע פירערס פון דער פאַלעסטינער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וואָס איך האָב זיי אַלע געקענט, זענען אומגעקומען בעת די רייניקונגען. דאָס איז פאַר מיר געווען א ווייטיקלעכע איבערלעבונג.

מ׳יר דערמאָנען זיך, אז אין 1929 האָט די אָנפירונג פון קאָמינטערן געוואָרפן די לאָזונג "באָלשעוויזאציע פּלוס אראביזאציע". אזוי ווי אין דער פאַלעסטינער פאַרטיי־אָנפירונג זענען געווען אַלע יידן, האָט מען זיי אַלע גערופן קיין מאָסקווע. איינער נאָכן אנדערן זענען מיינע אַלטע קאמפּס־חברים — בירמאַן, לעשטשינסקי, בן־יהודה, מאיר קופּערמאַן, בערגער און אנדערע — געוואָרן אומגעבראַכט.

איך וויל באַזונדערס דערציילן וועגן דניאל אווערבוך, וואָס איז געבוירן אין מאָסקווע און איז געשיקט געוואָרן אויפן נאָענטן מזרח אויפצושטעלן די קאָמוניסטישע באַוועגונג. ער איז מיט דער צייט געוואָרן די דאָמינירנדיקע פּערזענלעכקייט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין פאַלעסטינע.

מ׳האָט אויך אים צוריק גערופן, ווי אַלע אנדערע. נאָכן אומקערן זיך, האָט מען אים געשיקט קיין רומעניע. שפּעטער — האָט מען אים בכלל פאַרבאָטן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. דאָס לעצטע מאָל וואָס כ׳האָב אים געזען, איז געווען אין מיטן פון זיבן און דרייסיקסטן יאָר. ער איז געווען — אָ, ביטערע איראָניע! — שעף פון דער פּאָליטישער סעקציע אין א סאָווכאָז אין פּיאטיגאָרסק. די נאָמינירונג איז באמת געווען לעכערלעך, ווייל ער האָט זיך קיין מאָל נישט פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע ענינים. דאָס געבעט איז אים געווען לחלוטין אומבאַקאַנט. פאַר דער אָנפירונג, וועמענס איינציקע כוונה איז בלויז געווען אים צו פאַרניכטן, אים און זיינע חברים — האָט דאָס פּראָבלעם פון זיינע אַגריקולטור־קענטענישן נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג...

דעם געוועזענעם רעוואָלוציאָנער איז שוין מער נישט געווען צו דערקענען; צוזאַמענגעבראָכן, אָבער ביים פולן באַוווסטזיין פון דעם וואָס קומט פאָר, האָט ער געלעבט ווי א מענטש, וואָס זיין טויט־אורטייל איז בלויז געוואָרן אָפּגעלייגט.

א געוויסן טאָג, — האָט ער זיך פאַר מיר פאַרטרויט — וועל איך באַקומען א טעלעפאָן צו קומען קיין מאָסקווע...

ער האָט זיך נישט טועה געווען. אין א קורצער צייט ארום, האָבן זיך פארמאכט הינטער אים די טויערן פון דער בארימטער לוביאנקע.

אווערבוכס זון איז געקומען מיך זען. אונטערן איינדרוק פון דעם געשעענעם, האָט ער צו מיר גערעדט מיט צאָרן און בזיון. אָבער גלייכצייטיק איז ער געווען זייער קלאָרזעעוודיק:

— מיין פאָטער — זאָגט ער מיר — ווערט באשולדיקט אין קאָנטער־רעוואָלוציע. אָבער איך האלט, אז דאָס זענען די פירער פון לאנד, אָנהייבנדיק פון סטאלינען, די ריכטיקע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן...

אויך ער איז געוואָרן ארעסטירט אונטער דער באשולדיקונג, אז ער האָט אנטייל גענומען אין א גרופע, וועלכע האָט געהאט פאר א ציל אָפצורוימען סטאלינען. מ'האָט ביי אים פארלאנגט, ער זאָל אָנערקענען, אז זיין פאָטער איז געווען א שפיאָן. ער האָט אָפּגעזאָגט און פארשיקט געוואָרן אין איינעם פון די שווערסטע ארבעטס־לאַגערן, ווו ער איז אומגעקומען. דער ברודער פון דניאל אווערבוך, אלעקסאנדער (כאַשין), וואָס האָט געארבעט אין דער זעלבער צייטונג וואָס איך, אין אויך געוואָרן ארעסטירט.

מאריא, אווערבוכס פרוי, איז אוועק ווינען צו איר ברודער עפשטיין, וויצע־מיניסטער פאר בילדונג. זיי האָבן געהאט א פאָרגעפיל, אז אויך זיי וועלן ווערן ארעסטירט, און יעדע נאכט געוואַרט ביז צוויי־דריי, מען זאָל זיי קומען נעמען. אין דער אָנגעשטרענגטער אטמאָספער האָבן די נערוון פון מאריאס ברודער נישט אויסגעהאלטן און ער האָט נישט געקענט מער שלאָפן, נאָר ארומגעלאָפן איבער די צימערן און געשריען:

— מיין גאָט, מיין גאָט, וועלן מיר אַמאָל וויסן פאר וואָס מען וויל אונדז ארעסטירן?

ער האָט זיך דאָס קיינמאָל נישט דערוווסט. אין איינעם א פרימאָרגן האָט מען אים צוגענומען — און אויך איבער אים האָט זיך אראָפּגעלאָזט די נאכט.

ווען איך האָב שפעטער, נאָך דער מלחמה זיך געטראָפן מיט מאריא אווערבוך, איז איר נישט געווען צו דערקענען. זי האָט זיך פארוואנדלט אין א זייער אלטע פרוי. מיט אַ האנט־זשעסט פון פארטיידיקונג, וואָס איז איר משמעות פארבליבן פון די שווערע איבערלעבונגען, האָט זי פעסט געדריקט צו זיך אן אלטן, אָפּגענוצטן האנט־טאש; ער האָט אין זיך פאַרבאהאלטן אן אוצר, וועלכן זי האָט געראַטעוועט פון דעם שטורעם — די בילדער פון זייער פארגאנגענהייט, משפחה־פאָטאָגראַפיעס...

— מיין מאן, מיינע זין, מיין ברודער, דער ברודער פון מיין מאן — אלע זענען געוואָרן ארעסטירט און דערמאָרדעט — האָט זי מיר געזאָגט — נאָר איך אליין בין געבליבן לעבן... אָבער טראָץ דעם אלעם וואָס איז פאָרגעקומען, האָב איך נישט אויפגעגעבן מיין גלויבן אין קאָמוניזם...

צו מיר זענען דערגאנגען נאָך ידיעות פון דעם שרעקלעכן יסורים־וועג, וועלכן ס'האָבן אדורכגעמאכט די פאלעסטינער קאָמוניסטן. צום ביישפיל, סאָניא ראָגינסקא, איינע פון די פעיקסטע אקטיוויסטינס. א קלוגע, אינטעליגענטע פרוי. זי האָט אין תפיסה פארלוירן דעם באוווסטזיין און אומגעקומען. שאַרפער איז דער פאל מיט

אפרים לעשצינסקי. ער איז געווען א מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין משך פון לאַנגע יאָרן זיך געווידמעט מיט קענטעניש און איבערגעגעבנקייט דער דערציונג פון דער יוגנט אין מאַרקסיסטישן גייסט. איידער מ׳האָט אים געפירט צום אויספאַרשונג־אָפיציר, האָט מען רעגולער אריינגעוואָרפן אין זיין קאַמער מערדערלעך צעשלאָגענע, פאַרחלשטע און צעבלוטיקטע ארעסטאַנטן פון דער אויספאָרשונג. דאָס איז געווען איינער פון די מעטאָדן, וועלכע די נ.ק.וו.ד. האָט אָנגעווענדן אויף צו באַאיינדרוקן די יעניקע, וואָס דאַרפן ערשט גיין אויפן פאַרהער.

— נו, האָסט געזען יענעם? — האָט צו אים געשריען דער אויספאָרשער. — האָסט געזען אין וואָס פאַר א צושטאַנד ער איז געווען? דו ווילסט מ׳זאָל אויך מיט דיר אזוי זיך פאַרנעמען?

אפרים לעשצינסקי איז נישט געווען בכוח אויסצוהאַלטן דעם שוידערלעכן שאַנטאַזש. ער איז אַראָפּ פון זינען און ארומגעלאָפן אין תפיסה־קאַמער פון איין וואַנט צו דער אַנדערער, זיך געקלאַפּט קאָפּ אין וואַנט, איבערחזרנדיק אומאויפהערלעך:

— וועלכן נאָמען האָב איך שוין ווידער פאַרגעסן? וועלכן נאָמען האָב איך שוין ווידער פאַרגעסן?!

אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַלעסטינער פּאַרטיי זענען ליקווידירט געוואָרן, אויסער ליסט און קנאַסאָוו, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן קיין רוסלאַנד.

נאָך איין־און־צוואַנציק יאָר ארומוואַלגערן זיך אין די לאַגערן, איז נאָר איינער פון זיי, יוסף בערגער (ברזילי) געבליבןביים לעבן. פון די צוויי הונדערט ביז דריי הונדערט פּאַרטיי־חברים, האָבן נאָר צוואַנציק אויסגעמיטן דעם טרויעריקן גורל.

ערשט אין 1968, צען יאָר נאָכן 20סטן קאָנגרעס פון דער ראַטן־פאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט די ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (מק״י) אָפּגעגעבן כבוד די דערמאָרדעטע פּירערס, וואָס זענען אומגעקומען בעת די סטאַלינישע רייניקונגען.

די רעפּרעסיעס אין ראַטן־פאַרבאַנד קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָבן נישט אויסגעמיטן די יידישע יישובים, נישט געקוקט אויף די טיפע ענדערונגען, וועלכע די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אריינגעבראַכט אין יידישן לעבן. אין אונדזער אַנטי־ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע האָבן מיר, קאָמוניסטן־יידן כסדר אונטערגעשטראָכן די אויסגעברייטערטע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטן־פאַרבאַנד און זענען געווען שטאָלץ דערמיט. איך דערמאָן זיך, ווען איך בין אין 1932 געקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט די יידישע נאַציאָנאַלע מינדערהייט, ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, גענאָסן פון ברייטע רעכט. אין די געגנטן, ווו ס׳האָט געלעבט א יידישע מינדערהייט, איז אָנגעגאַנגען א בליענדיק יידיש־קולטורעל לעבן. אין די יידישע ראַיאָנען פון אוקראַינע און קרים, וועלכע איך האָב באַזוכט, איז יידיש געווען די אָפיציעלע

שפּראַך, די יידישע פּרעסע איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט, עס זענען אויפן שטח פון גאַנץ ראַטן־פאַרבאַנד דערשינען פון פינף ביז זעקס טאָג־צייטונגען, מערערע וואָכן־זשורנאַלן. א צענדליק יידישע שריפטשטעלערס האָבן פאַרעפנטלעכט זייערע ווערק אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן. אין צאָלרייכע אוניווערסיטעטן האָט עקזיסטירט א קאַטעדרע פאַר יידישער ליטעראַטור.

די זעלבע איינדרוקן מיינע זענען געווען אויפן עקאָנאָמישן געביט. אין קרים, למשל, האָבן אויסגעצייכנט גוט פונקציאָנירט די קאָלכאָזן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ראַיאָנען מיט אַן איבערוויגנדיקער יידישער באַפעלקערונג. צוליב זייער נאָענטקייט פון שטעט מיט הייל־וואַסער, האָבן זיי קולטיווירט ציטרוס־פּרוכטן און זיי פאַרקויפט דער באַפעלקערונג.

פּאַראַלעל דערמיט, איז אויך געווען פריי דער וועג פון אַסימילאַציע פאַר די יידן, וואָס האָבן דאָס פאַרלאַנגט. עס האָבן נישט עקזיסטירט קיין באַגרענעצונגען פאַר די אַקטיוויטעטן און אַספּיראַציעס פון די יידן אין די גרויסע שטעט, ווי מאָסקווע, לענינגראַד, מינסק. עס זענען נישט געווען קיין דיסקרימינאַציעס אין סאָציאַלן לעבן, קיין שום נומערוס־קלאַוזוס האָט נישט געשטערט אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט. אין פאַרגלייך מיט דער אָבסקוראַנטישער פּאָליטיק פון צאַר, איז דאָס געווען אַן אומגעהויער גרויסער פּאָרשריט. ערשט אין 1935 האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער מאַסן־טעראָר אויף יידן. אָנהייבנדיק פון די ראַיאָנען מיט א געדיכטער יידישער באַפעלקערונג, האָט זיך די אונטערדריקונג גיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

נאָכן פאַרענדיקן מיין שטודיום אין מאַרכלעווסקי־אוניווערסיטעט, ווו כ׳האָב אויך אַדורכגעמאַכט א קורס פאַר זשורנאַליסטיק, בין איך, לויט א באַשלוס פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַריין אַרבעטן אין דער יידישער טאָג־צייטונג ״דער עמעס״, די יידיש־אויסגאַבע פון דער ״פּראַוודאַ״. באַרימטע יידישע שרייבערס האָבן באַלאַנגט צו דער רעדאַקציע, אָנגעפירט פון באַקאַנטן זשורנאַליסט און ליטעראַטור־קריטיקער משה ליטוואַקאָוו. זייענדיק פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רובריק ״דאָס פּאַרטיי־לעבן״, איז מיר אָפט אויסגעקומען צו שרייבן פאַרשיידענע אַרטיקלען, אפילו דאָס לייט־אַרטיקל.

א געוויסן טאָג פאַרהאַלט מיך דער בוכהאַלטער אין קאָרידאָר:

— און אייער געלט, — זאָגט ער מיר — האָט איר בדעה לאַנג צו לאָזן שלאָפן ביי אונדז ?

— א וואָסער געלט ? כ׳האָב דאָך באַקומען רעגולער מיין שכירות...

— נישט וועגן דעם רעד איך, כ׳מיין דעם האָנאָראַר פאַר אייערע אַרטיקלען.

אויף צומאָרגנס האָט ער מיר אויסגעצאָלט א סומע געלט, וועלכע איז געווען פיל העכער ווי דער לוין. די גאַנצע רעדאַקציע האָט געאַרבעט אויף דעם סיסטעם פון פּרעמיעס. מיר זענען געווען ווייט פון לענינס אָנווייזונגען, אַז דער לוין פון א פּאַרטיי־פונקציאָנאָר, טאָר נישט זיין העכער פון דעם לוין פון א פאַך־אַרבעטער.

צו די וועכנטלעכע זיצונגען פון פּרעסע־ביוראָ פון צ.ק., האָט יעדער זשורנאַל וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע, געשיקט זיינעם א פאָרשטייער. דער שעף־

רעדאַקטאָר האָט מיך אָפּט געשיקט אויף די זיצונגען, צו רעפּרעזענטירן דעם "עמעס". דאָס איז געווען אין 1935, ווען צו דער זיצונג איז געקומען סטעטסקי, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן פּרעסע־דעפּאַרטאַמענט ביים צענטראַל־קאָמיטעט און געמאָלדן, אַז ער האָט אַ וויכטיקע מיטטיילונג:

— כ'מוז ציען אייער אויפמערקזאַמקייט אויף אַ פּערזענלעכער אינטערווענץ פון חבר סטאַלין — האָט ער אָנגעהויבן. — דער חבר סטאַלין איז זייער נישט צופרידן פון דעם קולט וואָס ווערט געטריבן ארום זיין פּערזאָן. יעדעס אַרטיקל אין די צייטונגען הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט זיינע ציטאַטן. דער חבר סטאַלין האָט דאָס נישט גערן. ער האָט אַדורכגעפירט אַן אויספאָרשונג איבער די קאָלעקטיווע לויב־בריוו, וועלכע קומען אָן אין די רעדאַקציעס און זענען אונטערגעשריבן פון צענדליקער טויזנטער בירגער און פעסטגעשטעלט, אַז דאָס ווערט געטאָן אויף דער איניציאַטיוו פון די פּאַרטיי־אינסטאַנצן, וועלכע באַשטימען פאַר יעדער אונטערנעמונג און פאַר יעדער געגנט אַ געוויסע קוואָטע. איך בין באַפולמעכטיקט אייך צו זאָגן, — האָט פאַרגעזעצט סטעטסקי — אַז דער חבר סטאַלין איז נישט קיין אָנהענגער פון אַזעלכע מעטאָדן און ער פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל צו דעם נעמען אַ סוף.

שטאַרק באַאיינדרוקט פון דער מיטטיילונג, האָב איך באַריכטעט דעם שעף־רעדאַקטאָר; ער האָט מיר געענטפערט שמייכלענדיק:

— דאָס וועט נאָר דויערן עטלעכע וואָכן...

— וואָס, איר גלויבט נישט אַז ס'איז ערנסט?

— וואַרט־צו אַ ביסל און איר וועט שפּעטער זען...

אויף אַ זיצונג, וועלכע איז פאָרגעקומען דריי וואָכן שפּעטער, האָט דער זעלבער סטעטסקי איבערגעגעבן אַ באַשלוס פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג:

— די פּאָליט־ביוראָ באַנעמט אויסגעצייכנט די אויפריכטיקע ווונטשן פון חבר סטאַלין נישט צו דערלאָזן דעם קולט ארום זיין פּערזאָן. די פּאָליט־ביוראָ איז נישט מסכים מיט זיינע פאַרבאָהאַלטן. אין דעם שווערן מאָמענט וועלכן מיר מאַכן איצט אַדורך, האַלט דער חבר סטאַלין די פירונג פון לאַנד פעסט אין זיינע הענט און מיר דאַרפן אים דאַנקען און באַגריסן פאַר גובר זיין די שוועריקייטן. די פּרעסע דאַרף אַלץ טאָן, כדי רעגולער אַרויסצוהייבן די ראָל פון סטאַלינען...

ליטוואַקאָוו האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דעם וועג, אויף וועלכן די רעוואָלוציע האָט זיך פאַרנומען. די אַרבעט, פאַר וועלכע ער האָט געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָט ער אויסגעפירט בשלימות. זיין פּראָפעסיאָנעל געוויסן האָט אים נישט געשטערט אויפצונעמען די געשעענישן מיט אָפענע אויגן — און ווען ער האָט געהאַט חשק, האָט ער געקענט אָפן אַרויסברענגען זיין מיינונג.

איך דערמאָן מיך, אַז אין 1935 האָט ער געבעטן ראַדעקן, ביי וועמען די פעדער איז תמיד געווען גרייט, אָנצושרייבן אַן אַרטיקל פאַרן "עמעס" לכבוד דעם יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. פאַרשטייט זיך, אַז ראַדעק האָט אַריינגעשיקט דאָס

אַרטיקל. איך זע נאָך איצט ליטוואַקאָוון לייענען און הער זיין קאַלטבלוטיקע באַמערקונג:

— מיר וועלן קיין מאָל אין אונדזער צייטונג אַזאַ מין טינופת נישט פאַרעפנטלעכן!

דאָס דערמאָנטע אַרטיקל איז געווען איין לויבגעזאַנג פאַר סטאַלינען... עטלעכע שעג שפּעטער האָב איך זיך צופעליק געפונען אין ביוראָ פון שעף־רעדאַקטאָר, ווען ראַדעק האָט טעלעפאָניש זיך אָנגעפרעגט, פאַרוואָס איז זיין "מייסטער־אַרטיקל" נישט דערשינען...

— הערט זיך איין, ראַדעק, — האָט אים ליטוואַקאָוו געזאָגט. — ס'איז דאָס לעצטע מאָל וואָס כ'האָב ביי אייך געבעטן אַן אַרטיקל. איר האָט אַ גרויסן טעות, אויב איר האָט געמיינט, אַז איך וועל דאָס אַרטיקל פאַרעפנטלעכן בלויז צוליב אייער אונטערשריפט. דאָס אַרטיקל האָט נישט קיין שום ווערט, דער מינדסטער אָנפאַנגער וואָלט עס בעסער געמאַכט...

ליטוואַקאָוו איז נישט אַרויס אומבאַשטראָפט פאַר נישט דרוקן די לויב־געזאַנגען וועגן דעם אַלמעכטיקן פון דער פּאַרטיי. ער איז געווען איינער פון די ערשטע קרבנות וואָס זענען געוואָרן "אויסגערייניקט". פון יענעם טאָג, האָט שוין יעדער חודש געהאַט זיינע קרבנות; אַזוי איז פאַרשוווּנדן אוּוערבוכס ברודער, כאַשין, וועמען מ'האָט פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט געלעבט אין דייטשלאַנד; אַזוי איז אויך פאַרשוווּנדן שפּראַך, ליטוואַקאָווס פאַרטרעטער אין דער רעדאַקציע, קעגן וועמען ס'איז נישט געווען קיין שום פאָרוואָרף. אויפן אָרט פון דער אַמאָליקער אַנטשפּאַנטער אַטמאָספער פון פרייע, אָפענע דיסקוסיעס, האָט זיך איינגעשטעלט אַן אַטמאָספער פון חשד און אומצוטרוי. אין זיבן־און־דרייסיקסטן יאָר האָט אַ פּחד אַרומגענומען די רעדאַקציע. די זשורנאַליסטן, וואָס זענען געקומען אין דער פרי, האָבן זיך פאַרמאַכט אויף דער צייט פון זייער אַרבעט אין זייערע צימערן און אין אָוונט זענען זיי אַוועק אַהיים, נישט אויסריידנדיק דעם גאַנצן טאָג צו קיינעם קיין וואָרט.

אָנהייב 1938 זענען מיר געוואָרן איבערראַשט און פול מיט שווערע פאָרגעפילן, צוליב דעם אַרעסט פון אַלטן זשורנאַליסט סטרעליץ, וואָס האָט בעת דעם בירגער־קריג געקעמפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי.

דאָס פאַרשוווּנדן פון אַן אונדזעריקן, האָט געגעבן אַ געלעגנהייט אַדורכצופירן אַן עקלדיקע צערעמאָניע, וואָס איז שטאַרק ענלעך געווען צו אַ "לוויה". ס'האָבן זיך צונויפגענומען די מיטאַרבעטער פון דער צייטונג אויף אַ פאַרזאַמלונג פון זעלבסט־קריטיק. איינער נאָכן אַנדערן האָט איבערגעחזרט דעם זעלבן פּזמון און זיך געשלאָגן עפנטלעך על־חטא. דער איינגעחזרטער פּזמון איז געווען חל אויף יעדער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג פון זעלבסט־קריטיק און זיין נוסח האָט זיך נישט געביטן אפילו מיט קיין איין וואָרט:

"חברים, מיר האָבן פאַרנאַכלעסיקט אונדזער וואַכזאַמקייט, אַ שפּיאָן האָט אין משך פון יאָרן געאַרבעט צווישן אונדז און מיר האָבן אים נישט דעמאַסקירט..."

כדי ניט אָפּצוווייכן פון דעם איינגעשטעלטן נוסח, האָט מען אונדז איינגעלאַדן

צו דער "לוויה" פון סטרעליצן — און די זעלבסט־קריטיק האָט זיך אָנגעהויבן... איינער האָט זיך דערמאָנט אין עפּעס א פּראַזע, וואָס ער זאָל האָבן געהערט פון דעם "באשולדיקטן" גופא. ער האָט דאָס אָבער פאַרגעסן איבערצוגעבן. א צווייטער האָט באַמערקט אן אומפאַרשטענדלעכע אויפפירונג און נישט געצויגן דערויף קיין אויפמערקזאַמקייט. ווען מיר זענען געווען אין גאַנג פון איבערחזרן די קנאַפּע בכבודיקע פזמונים און געהאַלטן אין סאַמע מיט פון דער "קריטיק", האָבן מיר פּלוצים באַמערקט דעם חבר סטרעליץ. ער איז אַזוי מינוטן־לאַנג געשטאַנען ביי דער טיר און זיך איינגעהערט אין אונדזערע באשולדיקונגען, וועלכע דעמאַסקירן אים אלס "שפּיאָן". די אומדערוואַרטע קאָנפראָנטאַציע איז, פאַרשטייט זיך, אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער ב.ק.וו.ד., וועלכע האָט אים צו דעם צוועק בכיוון ארויסגעלאָזט. זיין פּלוצימדיק דערשיינען האָט אָנגעוואָרפן א פּראַסטיקע קעלט. מיט איין מאָל זענען אַלע, באַדעקט מיט חרפּה, שטום געוואָרן.

סטרעליץ האָט די גאַנצע צייט געשוויגן... פאַרשעמטע, האָבן מיר נישט געהאַט די העזה אויפצוהייבן די אויגן צו אונדזער חבר און מיט אָראָפּגעלאָזטע קעפּ, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, האָבן מיר פאַרלאָזט דעם זאַל. אין דער מינוט האָב איך באַנומען, צו וואָס פאַר א נידעריקע מדריגה מיר זענען דערגאַנגען; אויף ווי ווייט מיר האָבן זיך פּשוט פאַרוואַנדלט אין אויטאָמאַטן, מיטבאַטייליקטע אין די סטאַלינישע רעפּרעסיעס. דער פּחד האָט זיך איין אונדז באַזעצט און פאַרטעמפּט דעם מוח; מיר האָבן אויפגעהערט צו דענקען זעלבשטענדיק. די ב.ק.וו.ד. האָט מנצח געווען, זי האָט זיך שוין מער נישט געניייטיקט לגבי אונדז אין קיין פיזישע דראָונגען, זייי זענען געוואָרן די בעלי־בתים פון אונדזער שכל און פון אונדזערע מעשים.

מער ווי אַלע אַנדערע, האָבן יידן באַצאָלט זייער חלק אין די רעפּרעסיעס, אַזוי גוט אין לאַנד, ווי אין דער סביבה פון אונדזער אוניווערסיטעט. כ'האָב שוין דערמאָנט, אין וואָס פאַר א באַדינגונגען די פּאַרטיי האָט סטימולירט — דער עיקר אין די יאָרן צווישן 1931 און 1932 — די איבערוואַנדערונג פון יידן אין ביראָבידזשאַנער געגנט. הויפּטזאַכלעך זענען געוואָרן אָנגערעגט צום פאָרן דער פּאַרטיי־קאַדער און אינטעלעקטואַלן. פיל סטודענטן, וואָס האָבן פאַרענדיקט אונדזער אוניווערסיטעט, ווי אויך פּראָפעסאָר ליבערבערג, — א שטאַרק באַקאַנטער וויסנשאַפטלער אין ראַטן־פאַרבאַנד — זענען אַוועק אין דער געגנט.

אָבער מיט אַמאָל האָבן זיך אָנגעהויבן שוידערלעכע רעפּרעסיעס, אַנגעפירט דורך א ספּעציעל געשאַפענער גרופּע פון דער ב.ק.וו.ד.

פון צוויי עדות, וואָס זענען לעבעדיקע ארויס פון די אומברחמנותדיקע רייניקונגען, האָב איך זיך דערוווּסט וועגן די מעטאָדן, מיט וועלכע די ב.ק.וו.ד. האָט זיך באַנוצט בעת די אַרעסטן און עקזעקוציעס. מיט דער באַגרענעצטער לאָגיק פון מעכאַנישע אינקוויזיטאָרן, ווי אַמתע ראָבאָטן, וואָס דערהויבן אומרעכט צו א דאָגמע, האָבן די אַגענטן פאַראָרדנט, אַז אַלע יידן, אָפּשטאַמיקע פון פּוילן, זענען באַצאָלטע שפּיאָנען פון דער פּוילישער רעגירונג און די וואָס קומען פון ארץ־ישראל

— זענען ענגלישע שפּיאָנען. לויט דער הנחה, האָבן אַלע אורטיילן אומפאַרמיידלעך זיך תּמיד פאַרענדיקט מיט עקזעקוציע.

אַזוי איז אויך אומגעקומען אונדזער אַלטער חבר פון דער פּוילישער פּאַרטיי שוואַרצבאַרט (ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון פּאַרטיי־סעקרעטאַר אין אונדזער אוניווערסיטעט און שפּעטער פאַרנומען אַ וויכטיקן אַמט אין ביראָבידזשאַן). מ׳האָט אים אַריינגעוואָרפן אין תּפיסה, ווו ר׳איז כמעט בלינד געוואָרן. אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מען אים אַרויסגעפירט אויפן טורמע־הויף און אַוועק געשטעלט ביים עקזעקוציע־סלופּ. פאַרן שטאַרבן, האָט ער אויסגעשריען זיין גלויבן אין דער רעוואָלוציע. אין מאָמענט ווען די ביקסן־סאַלוועס האָבן אַוועקגעלייגט דעם אַלטן קאָמוניסטישן קעמפער, האָט פון די קאַמערן זיך געלאָזט הערן אַ מעכטיק געזאַנג פון "אינטערנאַציאָנאַל".

פּונקט ווי שוואַרצבאַרט, זענען טויזנטער קאָמוניסטן געשטאָרבן מיט אויפגעהויבענע קעפּ.

אסתר פרומקינא, אַ פּלאַמיקע קעמפערין, איז לאַנגע יאָרן געווען רעקטאָר פון אונדזער אוניווערסיטעט. נישט געקוקט וואָס זי איז געווען שווער קראַנק, האָט מען זי אין 1937 אַרעסטירט און איינגעזעצט אין דער לוביאַנקע. בעת דער אויספאָרשונג האָט מען זי געוואָלט קאָנפראָנטירן מיט אַן עדות פון דער באַשולדיקונג. אסתר האָט זיך קעגנגעשטעלט די ריכטער און די וועכטער, און דעם עקלדיקן מסור אָנגעשפּיגן אין פּרצוף. זי איז אומגעקומען אין דער לוביאַנקע.

דעם זעלבן יאָר 1937 האָט מען פאַרמאַכט דעם אוניווערסיטעט פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און אים פאַרטרעטן מיט אַ פּסעוודאָ־אינסטיטוט צו שטודירן אויסלענדישע שפּראַכן, קאָנטראָלירט דורך אַ שטאַלענער פויסט.

די טירן פון אוניווערסיטעט האָבן זיך פאַרמאַכט אויף די קברים פון אונדזערע חברים.

9 די דערמאָרדעטע רויטע ארמיי

איך האלט פאר מיין חוב איבערגעבן מיין עדות־דערקלערונג וועגן ליקווידירן טוכאטשעווסקין מיט זיינע חברים. דעם עלפטן יולי 1937, האָבן די מאָסקווער צייטונגען איבערגעגעבן וועגן ארעסט פון מארשאל טוכאטשעווסקי און זיבן גענעראלן. זיי, פירער פון דער רויטער ארמיי, העלדן פון בירגער־קריג, לאנגיאָריקע קאָמוניסטן, זענען געוואָרן באשולדיקט אין באוווסטזיניק צוגרייטן די מפלה פון ראטן־פארבאנד און עפענען דעם וועג פארן קאפיטאליזם. צו מאָרגנס האָט די גאנצע וועלט זיך דערוווסט, אז טוכאטשעווסקי און די גענעראלן יאָקיר, אובערעוויטש, פרימאַקאָוו, איידערמאַן, פעלדמאַן, קאָרק און פוטנא זענען פארמשפּט געוואָרן צום טויט, און דער אורטייל איז געוואָרן אויסגעפירט. א ניינטער הויכער אָפיציר, גענעראל גאַמארניק, [1] שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער ארמיי, איז באַגאַנגען זעלבסטמארד. די רויטע ארמיי איז געבליבן געקעפּט.

אין דער אמתן, האָט לאנגע יאָרן עקזיסטירט א טיפע מיינונג־פארשידנהייט צווישן טוכאטשעווסקין מיט זיין הויפּט־שטאב פון איין זייט, און דער פּארטיי־אנפירונג — פון דער צווייטער זייט. די אָפיציעלע טעאָריע פון סטאלינען איז געווען: אויב ס'וועט אויסברעכן א מלחמה, וועט זי אויסמיידן די סאָוועטישע טעריטאָריע. טוכאטשעווסקי דאקעגן האָט מיט זאָרג נאָכגעפאָלגט די שטארקע מיליטערישע צוגרייטונגען פון דריטן רייך און געהאלטן, אז א וועלט־מלחמה איז אומפארמיידלעך און ס'איז א חוב צו איר זיך צו גרייטן. אין 1936, אויף א זיצונג פון העכסטן סאָוועט, האָט דער מארשאל ארויסגעברענגט זיין אנטשלאָסענע מיינונג, אז די מלחמה קען אָבסאלוט אויך זיך אָפּשפּילן אויף דער סאָוועטישער ערד.

די געשיכטע האָט באוויזן, אז טוכאטשעווסקי איז באגאנגען א פעלער דערמיט, וואָס ער איז געווען גערעכט פאר דער צייט... אין דער תקופה פון באשולדיקן אים, זענען שוין אלע אָפּאָזיציעס געווען ליקווידירט און סטאלין האָט אייזן־פעסט געהאלטן דאָס לאנד. די רויטע ארמיי איז געבליבן די לעצטע פעסטונג, וועלכע ער האָט באדארפט דעראָבערן. פאר דער סטאלינישער אָנפירונג איז געוואָרן דרינגענד די ליקווידירונג פון די ארמיי־קאַדערן. היות ווי די פּאָטענציעלע קרבנות זענען געווען די אלטע באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין

1) גאַמארניק איז געווען דער שוואגער פון חיים נחמן ביאליק.

דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָלט די באַשולדיקונג אין "טראָצקיזם" אָדער "זינאָוויעוויזם", קעגן א טוכאטשעווסקין, נישט געהאט קיין שום ווירקונג, איז נייטיק געווען צו דערלאַנגען א שווערן און שטאַרקן קלאַפּ. דעריבער האָט סטאַלין ארויסגעהאָלפן זיך מיט היטלערן, כדי געבן א טויט־קלאַפּ דער רויטער ארמיי.

אין 1943 האָט דער געסטאַפּאָ־אַגענט קאַרל גירינג, געוועזענער שעף פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ, וועלכע האָט געהאט די אויפגאַבע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה צו קעמפן קעגן "רויטן אָרקעסטער", מיר איבערגעגעבן פּרטים פון דער מאכינאציע צו ליקווידירן טוכאטשעווסקין, ווי דאָס איז בשעתו געטאָן געוואָרן קעגן פּיאַטניצקין.

אין 1936 אין בערלין, האָט היידריך, דער שעף פון דער זיכערהייט־דינסט, אויפגענומען דעם געוועזענעם אָפיציר פון דער צארישער ארמיי, גענעראַל סקאָבלין. דער דאָזיקער גענעראַל אָן אַן ארמיי, האָט זיך אליין באַשעפטיקט מיט איינשטעלן דאָפּל־אַגענטן אין גרויסן מאסשטאַב. א סך יאָרן האָט ער געאַרבעט פאַרן סאָוועטישן געהיים־דינסט אין די קרייזן פון די רוסישע עמיגראַנטן אין פּאַריז, און אין דער זעלבער צייט "געפלירטעוועט" מיט דער דייטשער געהיים־דינסט. מיט איין וואָרט, דער דאָזיקער צוויי־פּנימדיקער פאַרשוין, האָט געבראַכט היידריכן די איבעראַשנדיקע נייעס: אים איז באַוווּסט פון אַבסאָלוט זיכערע קוועלן, אַז מאַרשאַל טוכאטשעווסקי גרייט א באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן סטאַלינען. היידריך גיט איבער די נייעס דעם נאַצישן הויפּט־שטאַב, פאַר וועלכן עס שטעלט זיך די פראַגע, ווי אַזוי באַציען זיך צו דעם ענין. פאַראַן צוויי מעגלעכקייטן: אָדער לאָזן דעם שעף פון דער רויטער ארמיי דאָס טאָן — אָדער וואָרענען סטאַלינען, און אַלס פּרעמיע אויסגעפינען באַווייזן, ווענן דער קנוניה פון מאַרשאַל מיט דער ווערמאַכט.

די צווייטע לייזונג איז געוואָרן אָנגענומען. מיט דער הילף פון געפעלשטע דאָקומענטן איז צונויפגעשטעלט געוואָרן די באַשולדיקונג, אַז טוכאטשעווסקי גרייט א מיליטערישע איבערקערעניש מיט דער הילף פון די שעפן פון דייטשן מיליטער. דאָס באַזאָרגן די רעוואָלאַציע־דאָקומענטן, האָט נישט געדויערט מער ווי דריי טעג. ס'איז נישט שווער געווען צו באַווייזן טוכאטשעווסקיס קאָנטאַקטן מיט דער ווערמאַכט, ווייל פאַרן קומען פון די נאַציס צו דער מאַכט, זענען פאָרגעקומען רעגולערע טרעפונגען צווישן די שטאַבן פון ביידע ארמייען. די סאָוועטישע רעגירונג האָט אפילו אויפגעשטעלט מיליטערישע שולן צו אינסטרואירן דייטשע אָפיצירן. נאָך דעם ווי די "באַווייזן" האָבן זיך געפונען אין היטלערישע הענט, איז געבליבן בלויז צו אינסצעניזירן א שפּיאָנאַזש־שפּיל, אַז עס זאָל דערגיין צו דער ראַטן־מאַכט. אויב גלויבן אין דעם וואָס ס'דערציילט אין זיינע מעמוארן שעלענבערג [1], וואָס איז צו יענער צייט געווען שעף פון דייטשן קאָנטער־שפּיאָנאַזש, איז דאָס הויז, וווּ עס האָבן זיך געפונען די דאָקומענטן, געוואָרן אונטערגעצונדן, און א טשעכישער אגענט, וועמען מ'האָט דערפון צו וויסן געטאָן, זאָל האָבן ארויסגעראַטעוועט פון אַש די פאַרבליבענע דאָקומענטן. לויט אַן אַנדערער ווערסיע, האָבן די דייטשן פאַרקויפט די דאָקומענטן די רוסן, דורך דער פאַרמיטלונג

1) "דער שעף פון נאַצישן קאָנטער־שפּיאָנאַזש רעדט", פאַרלאַג זשיליאַרד.

פון די טשעכן. די פאַרשידענע ווערסיעס ענדערן נישט דעם עצם פאַקט, אַז די טעטיקייט קעגן טוכאַטשעווסקין און זיינע העלפּערס, איז געפירט געוואָרן סיי דורך סטאַלינען, סיי דורך היטלערן, יעדער פאַר זיך, מיט זיין ציל.

סוף חודש מאַי 1937, האָבן די טוכאַטשעווסקי־אַקטן זיך געפונען אויף סטאַלינס שרייבטיש. דער באַוואָגצלטער גרוזינער האָט געהאַט גוטע סיבות צו זיין צופרידן: אויף זיין פאַרלאַנג האָבן אים די דייטשן געליפערט די נייטיקע מאַטעריאַלן צו באַזייטיקן דעם מענטש, וועמען ער האָט באַשלאָסן אומצוברענגען. אַלזאָ, אין דער ווירקלעכקייט האָט סקאָבלין, ווי גירינג האָט מיר איבערגעגעבן, נישט באַזוכט היידריכן אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו. סטאַלין און היטלער האָבן זיך איינגעטיילט די ראָלן: דער ערשטער האָט צוגעטראַכט די אידעע פון דער פאַרשווערונג, די רעאַליזירונג איז שוין געווען די מלאכה פון צווייטן. סטאַלין האָט דערמיט געוואָלט איינברעכן די לעצטע אָרגאַניזירטע קראַפט, וועלכע האָט זיך קעגנגעשטעלט זיין פּאָליטיק. היטלער האָט אויסגענוצט דעם פּאַר אים אומדערוואַרטן צופאַל אומצוברענגען די אָנפירונג פון דער רויטער אַרמיי. פון דעם ענין פּיאַטניצקי האָט דער ״פירער״ פאַרשטאַנען, אַז די רייניקונג וועט זיך נישט באַגרענעצן מיט עטלעכע העכערע אָפיצירן. ער איז געווען איבערצייגט, אַז די בלוטיקע כוואַליע פון רעפּרעסיעס וועט פאַרפלייצן די גאַנצע רויטע אַרמיי און ס׳וועט נעמען לאַנגע יאָרן צוריק אויפצושטעלן די צעבראָכענע ראַמען. אַזוי אַרום וועט היטלער האָבן פרייע הענט אויפן מזרח און גענוג צייט אויף צו געווינען די מלחמה אויפן מערב. פון יאָר 1937 האָבן זיך געצייכנט סימנים פון דער דערנענטערונג, וועלכע האָט באַקומען איר אָפענע באַשטעטיקונג דורך דעם דייטש־סאָוועטישן פּאַקט.

אין אויגוסט 1937, צוויי חדשים נאָך דער באַזייטיקונג פון מאַרשאַל טוכאַטשעווסקי, האָט סטאַלין גערופן אַ קאָנפערענץ פון די פּאָליטישע קאָמיסאַרן פון דער אַרמיי, מיט דער טענדענץ צוצוגרייטן די באַזייטיקונג פון מיליטער די ״שונאים פון פאָלק״. דאָס האָט געגעבן דעם סיגנאַל אָנצוהויבן דעם יאַגד. פּילפּאַכיק רויט איז דאָס מאָל געוואָרן די רויטע אַרמיי פון דעם בלוט פון אירע מענטשן. דרייצן אויף ניינצן שעפן פון אַרמיי־קאָרפּוסן, הונדערט צען אויף הונדערט פינף־און־דרייסיק שעפן פון דיוויזיעס, אַ העלפט פון פּאָלקן־קאָמאַנדירן, אַ גרעסערע צאָל פּאָליטישע קאָמיסאַרן — זענען דערשאָסן געוואָרן. נאָך אַזאַ מעכטיקן בלוט־אַפּלוס, איז די רויטע אַרמיי געוואָרן אומפעיק צום קאַמף אויף יאָרן.

די דייטשן האָבן ביזן סוף אויסגענוצט די לאַגע און פאַראַרדנט זייער געהיים־דינסט איבערצוגעבן פּאַריז און לאָנדאָן די איבעראַשנדיקע נייעס, וועלכע איז אין דעם פאַל געווען ריכטיק, וועגן דער שוואַכקייט פון דער רויטער אַרמיי נאָך דער רייניקונג. איך בין נוטה צו גלויבן, אַז די פראַנצויזישע און ענגלישע גענעראַל־שטאַבן האָבן זיך נישט געאיילט צו שליסן מיליטערישע אָפּמאַכן מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, ווען זיי איז געוואָרן קלאָר דער אָפּגעשוואַכטער כוח פון דער רויטער אַרמיי. דער וועג איז, דעריבער, געוואָרן פריי אויף אונטערצושרייבן דעם פּאַקט צווישן סטאַלינען און היטלערן.

10 דאָס שאָקאָלאַד־הויז

איך בין געוואָרן אַ קאָמוניסט, ווייל איך בין אַ ייד.

קומענדיק אין באַרירונג מיט די אַרבעטער פון דאָמבראָווע, האָב איך זיך געקענט איבערצייגן אין דעם פאַרנעם פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע. פון דער אַנדערער זייט האָב איך אין מאַרקסיזם געפונען אַן ענדגילטיקע תשובה אויף דער יידן־פראַגע, וועלכע האָט מיך געמאַטערט זינט מיין קינדהייט. כ'האָב געהאַלטן, אַז נאָר אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט איז מסוגל אַ סוף צו מאַכן צום ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם און געבן דער יידישער באַפעלקערונג אַ מעגלעכקייט זיך פריי אויסצולעבן אין איר קולטור. כ'האָב געפאָרשט די סיבות פון אַנטיסעמיטיזם, זיינע גורמים און דערשיינונגען, פון די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד, ביז דער דרייפוס־אַפערע. דער נאַציזם איז פאַר מיר געווען דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון אַנטיסעמיטיזם אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. כ'האָב געזען ווי דאָס שרעקלעכע געשפּענסט האַלט אין איין וואַקסן און געווען באַזאָרגט פון דער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט. די דייטשע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן געפירט צווישן זיך אַ ברודער־קאַמף, אַנשטאַט דערלאַנגען זייערע קלעפּ דעם בשותפותדיקן שונא. פיל האָבן געגלויבט, אַז מיטן מאָמענט ווען היטלער וועט קומען צו דער מאַכט, וועט ער אָפּשטעלן דאָס פּאָכן מיט דער שווערד, ער וועט פאַרגעסן "מיין קאַמף" און זיינע ס. אַ. פאַרוואַנדלען אין שומרים פון זומער־קאַלאָניעס. נאָך אַלעמען איז די דייטשע און אינטערנאַציאָנאַלע בורזשואַזיע געווען ביי דער מיינונג, אַז אין אַ לאַנד ווו די "רויטע" טומלען, וועט נישט אויסמאַכן איינצושטעלן אַ ביסל "אָרדענונג".

דעם 30סטן יאַנואַר 1933 האָט זיך די וועלט דערוווסט, אַז אַדאָלף היטלער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס רייכס־קאַנצלער. פאַר אַ קאָמוניסטישן קעמפער ווי איך, איז דאָס געווען ווי אַ וואָרענונג־סיגנאַל. דער טויער פאַר באַרבאַרישקייט האָט זיך געעפנט. די דעמאָקראַטישע מאַסקע, וועלכע מ'האָט אָנגעהאָנגען דעם קליינעם עסטרייכישן קאָרפּאָראַל, איז אַראָפּגעפאַלן. פון איצט אָן וועט דייטשלאַנד, און אין קורצע גאַנץ אייראָפּע, זיך געפינען אונטער זיין שטיוול.

דעם 27סטן פעברואַר 1933, איז דער רייכסטאַג שוין געשטאַנען אין פלאַמען. עטלעכע מינוטן נאָכן אויסברוך פון דער שריפה, זענען געבעלס און גערינג געווען

אויפֿן אַרט. א נאכט שפּעטער זענען צען טויזנט קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן געוואָרן ארעסטירט. די וואלן זענען פֿאַרגעקומען דעם 5טן מערץ. גערינג האָט פֿון פּאַרויס געוואָרנט: "אין מיינע צוקונפֿטיקע האנדלונגען, וועל איך זיך נישט רעכענען מיט וועלכע ס'איז יורידישע פאראורטיילן. מיר דארפֿן זיך נישט באַשעפֿטיקן מיט פּיקטיוווער יוסטיץ. איך באַפֿעל צו צעשטערן אלץ וואָס פֿאָדערט צעשטערונג — און געענדיקט"... טראָץ דער אטמאָספֿער פֿון טעראָר, האָבן די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן צוזאמען באקומען 12 מיליאָן שטימען. די אנדערע פּארטייען — צען מיליאָן און די נאציס האָבן דערגרייכט 17 מיליאָן. אויף היטלערס באַפֿעל זענען די קאָמוניסטישע מאנדאטן געוואָרן געפּסלט. ערנסט טעלמאַן, גענעראַל־סעקרעטאר פֿון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּארטיי, איז געוואָרן ארעסטירט. א קורצע צייט נאָך דעם איז אויך דימיטראָוו געוואָרן ארעסטירט. דעם 23סטן מערץ איז אויך אנולירט געוואָרן די וויימארער קאָנסטיטוציע.

דייטשלאנד האָט אויפֿגעהערט זיך וואקלען צווישן רויט און ברוין. איצט האָט דער בלוטיקער שטראָם באַדאַרפֿט אלץ פֿאַרפֿלייצן. היטלער האָט זיך פֿאַרנומען אומצוברענגען די דייטשע ארבעטער־באַוועגונג. ער האָט געשיקט די שטורעם־אָפּטיילונגען קעגן די ארבעטער. דעם 2טן מאַי 1933, האָבן די ס.א. באַזעצט דאָס הויז פֿון דער צענטראַלע פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, ווו מ'האָט נאָך תמימותדיק געגלויבט, אז א גענעראַל־שטרייק וועט זיין בכוח איינצוהימען היטלערן. טויזנטער פּראָפֿ־טוערס זענען אוועק טיילן דעם גורל פֿון די קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן הינטער די שטעכל־דראָטן. בלויז איין אָרעם האָט געפֿעלט, וואָס זאָל איינפֿירן דעם טעראָר. אין אפּריל 1934 איז אנטשטאַנען די געסטאַפּאָ.

אזא איז געווען די אומפֿאַרמיידלעכע אנטוויקלונג פֿון די געשעענישן.

א קורצע צייט איידער היטלער איז געקומען צו דער מאכט, האָב איך געלייענט "מיין קאַמף", הגם מיינע חברים האָבן געחוזקט. פֿיל שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, אז די אנטוויקלונג פֿון נאציזם, איז אוועק לויט די גענוי־אָנגעצייכנטע פּרטים אין דעם בוך. צוויי טעמעס חזרן זיך כסדר איבער אין היטלערס בוך: "צעשמעטערן דאָס אינטערנאַציאָנאַלע יידנטום" און "אומברענגען דעם קאָמוניזם".

ווי א ייד און קאָמוניסט האָב איך זיך געפֿילט אין א דאָפּלטער געפֿאַר. פֿון איין זייט איז אין יאַנואַר 1935 איינגעפֿירט געוואָרן דאָס געזעץ וועגן ראַסן־ריינקייט און פֿון די רדיפֿות האָבן געליטן אונדזערע דייטשע חברים. פֿון דער צווייטער זייט האָב איך פֿעסט געוווּסט, אז דער נאציזם וועט נישט לאַנג בלייבן אין די גרענעצן פֿון דריטן רייך, נאָר ברענגען טויט און פֿאַרוויסטונג אין אנדערע לענדער. ס'האָבן נישט געפֿעלט קיין סימנים, וואָס האָבן אָנגעזאָגט די דערנענטערונג פֿון שטורעם. דעם 13טן יאַנואַר 1935, האָט די נאַצי־רעגירונג איינגעפֿירט אָבליגאַטאָרישן מיליטער־דינסט. דעם ווערסאַלער טראַקטאַט האָט היטלער אריינגעוואָרפֿן אין פּאַפּירן־קויש. דעם זעלבן יאָר האָבן ניינציק פּראָצענט איינוווינערס פֿון סאַאַר־געביט באַשטעטיקט זייער אָנגעהעריקייט צום דריטן רייך.

די מערב־דעמאָקראַטיעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו זען די ריכטיקע געפֿאַר,

זיי האָבן געוואָרט, געהאָפּט אויף אַ נס. זיי זענען געזעסן מיט פּאַרלייגטע הענט און געגלויבט, אַז פּאַראַוואָרטיילונגען מצד דער עפנטלעכער מיינונג, וועלן אָפּהאַלטן דעם נאַציזם. און וואָס מער די מערב־דעמאָקראַטיעס האָבן זיך געוואַקלט, אַלץ חוצפּהדיקער איז געוואָרן היטלער. דעם 17טן מערץ 1936 זענען די דײַטשע טרופּן אַרײַן אין ריין־געביט, — און ווידער איז נישט געווען קיין שום רעאַגירונג. אָנהייב יולי דעם זעלבן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגער־קריג אין שפּאַניע, ווי אַן אַרײַנפיר צו דער צווייטער וועלט־מלחמה. די נישט־אינטערווענץ פּאָליטיק, וועלכע ס׳האָבן אָנגעווענדעט די פראַנצויזישע און ענגלישע רעגירונגען, האָט דערלאָזט די דײַטשע און איטאַליענישע לעגיאָנען צו דערשטיקן די שפּאַנישע רעוואָלוציע. אין יאָר 1936 האָבן דײַטשלאַנד און איטאַליע אויך געשלאָסן דעם אַנטי־קאָמינטערן פּאַקט.

די וועלט האָט נישט געוואָגט צו דערשטיקן די ברוינע פּעסט באַלד בײַם געבוירן; זי האָט דערלאָזט די געפערלעכע קראַנקייט אַנטוויקלען און אָנשטעקן אַנדערע. דעם 1טן מאַי 1937, בעת מײַן ערשטע שליחות אין פראַנקרייך, בין איך דורכגעפאָרן בערלין. סאַראַ ספּעקטאַקל! כ׳האָב נישט געקענט פאַרטראָגן דעם אויסזען פון די גאַסן, די טויזנטער אַרבעטער אין קאַסקעטן, די טויזנטער יוגנטלעכע וואָס מאַרשירן אונטער נאַצישע לאָזונגען און זינגען הויך היטלערס הימנען. כ׳בין געבליבן שטיין אויפן טראָטואַר אַ דערשטוינטער, כ׳בין נישט געווען מסוגל דאָס אַלץ צו באַנעמען. וועלכע קאָלעקטיווע משוגעת האָט פאַרכאַפּט די דײַטשן? אין דעם מאָמענט, ווען ס׳האָבן אַזוי אָפּגעהילכט די קלאַנגען פון די מאַרשן, מיט וועלכע אייראָפּע וועט בקרוב זיך באַקענען, בין איך געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז נאָר אַ שרעקלעכע דערשיטערונג און נאָר אַ וועלט־שריפה וועלן זײַן דער רעזולטאַט פון נאַציזם. אין דעם אומברחמנותדיקן פּאַרמעסט אין וועלכן עס וועט זיך אַנטשיידן דער גורל פון דער מענטשהייט, האָב איך באַשלאָסן זיך געפינען צווישן די קעמפערס אין דער פאָדערשטער ליניע.

די מעגלעכקייט זיך אײַנצושפּאַנען אין דעם געראַנגל, איז מיר געגעבן געוואָרן דורך דעם שפּיאָנאַזש־דינסט פון דער רויטער אַרמיי, וועמענס אָנפירונג האָט זיך געפונען נישט ווײַט פון רויטן פּלאַץ, אויף דער זנאַמענסקאַיאַ גאַס נומער 19. ס׳איז געווען אַ קליינע געביידע, וואָס מחמת איר קאָליר האָט מען זי גערופן „שאָקאָלאַד־הויז". בשעתו האָט די מיליטערישע סאָוועטישע געהיים־דינסט נישט פונקציאָנירט לויט דעם מאָדעל פון די געהיים־דינסטן פון די מערב מדינות. דער עיקר האָט ער זיך געשטיצט אויף אַקטיווע קאָמוניסטן אין פרעמדע לענדער. דער סאָוועטישער שפּיאָנאַזש איז אַנטשטאַנען אין די טעג פון בירגער־קריג און נישט געהאַט גענוג צײַט אויסצושולן ממשותדיקע אַגענטן.

די סאָוועטישע מיליטערישע געהיים־דינסט האָט אָנגעווענדט דעם כלל פון רעקרוטירן אַגענטן אין דעם לאַנד גופא, אין וועלכן מען פירט די שפּיאָנאַזש־טעטיקייט. אין דער היניזיכט האָט די רויטע אַרמיי דיספּאָנירט מיט טויזנטער קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך נישט באַטראַכט ווי שפּיאָנען, נאָר ווי קעמפערס וואָס געפינען זיך אין אַוואַנגאַרד פון דער וועלט־רעוואָלוציע. וועגן די אַקטיוויסטן, וואָס

האָבן אַנטייל גענומען אין דער געהיים־דינסט, מעג איך עדות זאָגן, ווייל כ'האָב זיי גוט געקענט, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן מיט זעלבסט־אָפּפּערונג און אַבסאָלוטער פּרייוויליקייט, נישט באַלוינט צו ווערן דערפאַר. זיי האָבן קיינמאָל נישט גערעדט וועגן באַלוינונג. דאָס זענען געווען בירגער, וואָס האָבן זיך געווידמעט דעם ענין מיט איבערגעגעבנקייט, גלייך ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין די ראַמען פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין.

גענעראַל בערזין, אַן אַלטער באָלשעוויק, האָט צו יענער צייט אָנגעפירט מיט דער געהיים־דינסט פון דער רויטער אַרמיי. פאַר דער רעוואָלוציע איז ער צוויי מאָל פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט — און ביידע מאָל אַנטלאָפן. בעת דעם בירגער־קריג איז ער געווען קאָמאַנדיר פון אַ רעגימענט, וועלכער איז באַשטאַנען פון קאָמוניסטן פון לעטלאַנד און עסטאָניע, וועמענס אויפגאַבע איז געווען צו באַוואַכן לענינען און די רעגירונג. די באָלשעוויסטישע אָנפירונג איז געווען אויף אַזוי ווייט אינטערנאַציאָנאַליסטיש, אַז די באַוואַכונג פון אירע פירנדיקע מענטשן האָט זי אָנפאַרטרויט אין "פרעמדע" הענט.

גלייכצייטיק האָט דער קאָמינטערן געהאַט זיין אייגענע דינסט אין יעדן לאַנד. די נאַציאָנאַלע סעקציעס האָבן צענויפגעזאַמלט ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע ידיעות. די עיקרדיקע סיבה פון דער טעטיקייט איז געווען די, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט לאַנגע יאָרן נישט געהאַט קיין דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונגען מיט דער איבעריקער וועלט. און ווי באַוווּסט, איז דער דיפּלאָמאַטישער וועג, גאָר אָפט אויך דער וועג פאַר שפּיאָנאַזש־ידיעות. פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד האָבן די אָרטיקע קאָמוניסטישע פּאַרטייען אויסגעפּילט דעם בלויז.

די דריטע צווייג פון דער סאָוועטישער געהיים־דינסט איז געווען די נ.ק.וו.ד. זייענדיק פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אינערלעכער זיכערקייט, איז אין אָנהייב באַשטאַנען איר טעטיקייט אין זוכן אויסלענדישע אַגענטן אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע. מיט דער צייט, איז די מאַכט פון דער נ.ק.וו.ד. געוואַקסן. מען האָט איר אָנפאַרטרויט די באַשיצונג פון סאָוועטישע בירגער, וואָס האָבן זיך געפונען אין אויסלאַנד, ווי אויך האַלטן אויפן אויג די ווייסע רוסן, וועלכע האָבן אומעטום פאָרגעזעצט זייער אַנטי־סאָוועטישע אַרבעט. אין רעזולטאַט, האָט זיך די טעטיקייט פון דער נ.ק.וו.ד. אויף אַזוי פיל אויסגעברייטערט, אַז זי האָט קאָנקורירט מיט דער מיליטערישער געהיים־דינסט, וואָהין זי האָט אַריינגעשיקט אירע אַגענטן.

גלייך נאָך דער רעוואָלוציע, האָבן די אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס אין מאָסקווע זיך פאַרוואַנדלט אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע נעסטן. ספּעציעל אין דער ענגלישער אַמבאַסאַדע האָט אַרומגערודערט אַ געוויסער לאָקאַרט פון דער "אינטעלידזשענס־סערוויס", וואָס זיין אַמביציע איז געווען (ס'איז תמיד דערלויבט צו חלומען...) צו שטירצן די סאָוועטישע אָרדענונג. לאָקאַרט האָט זיך פאַרבונדן מיט די עקסטרעמע עלעמענטן, וואָס האָבן געשטרעבט "אַ סוף צו מאַכן מיט די באָלשעוויקעס". בערזין האָט זיך דערוווּסט, אַז לאָקאַרט פּרובירט רעקרוטירן זעלנער און אָפיצירן, וואָס זאָלן מסכים זיין אַנטייל צו נעמען אין דער פאַרשווערונג. האָט ער אַליין זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט און געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז

קאָמאַנדיר פון א בריגאַדע און וואַרט בלויז אויף א צייכן איבערצוגיין אויף דער צווייטער זייט. ער האָט אים דערציילט, אַז זיינע מענטשן זענען אומצופרידן מיטן נייעם רעזשים. ״די פאָלקס־מאַסן זענען אנטוישט, פילן זיך אָפּגענאַרט פון די רעוואָלוציאָנערן, רוסלאַנד גייט צו א קאַטאַסטראָפע, דעריבער פאָדערן זיך דרינגענדע מיטלען צו פאַרבעסערן די לאַגע...״ — און בערזין האָט תמימותדיק געשטעלט די פראַגע פאַר זיין צוהערער בנוגע די מיטלען, וועלכע מ׳דאַרף אָנווענדן אויף אָפּצושטעלן דעם באַרג־אַראָפּ פון דער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע.

לאָקאַרט, וואָס איז אין אָנהייב פון שמועס געווען פאָרזיכטיק, איז לסוף אַריינגעפאַלן אין דער נעץ. פון וואָרט צו וואָרט, האָבןביידע צוגעטראַכט א פּלאַן, ווי אַזוי אַרויסשטויסן די באָלשעוויקעס פון דער מאַכט. אַדורכפירן אַן אַקציע פון אַזאַ פאַרנעם, האָט געפאָדערט אויסנעמלעכע מיטלען. קודם־כל דער בלויזער לוין פאַר די סאָלדאַטן, וואָס דאַרפן אַנטייל נעמען אין דער אַקציע, פאָדערט שוין צו אינוועסטירן א באַדייטנדיקע סומע. בערזין האָט דעריבער פאַרלאַנגט תיכף איבערצוּווייזן די סומע פון צען מיליאָן רובל. לאָקאַרט האָט אים דאָס געלט געגעבן, און דערביי אַפילו נישט קיין פינטל געטאָן מיטן אויג.

נאָך דעם האָבן זיי אויסגעאַרבעט די פּרטים פון דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַקציע, וועלכע האָט באַדאַרפט זיין פּשוט, נאָר ראַדיקאַל: מ׳האָט באַשלאָסן אַרומרינגלען דאָס הויז, דאָס זיץ־אָרט פון דער רעגירונג און אַרעסטירן די מיניסטאָרן, בעת א זיצונג. עס איז אַפילו געווען פאָרויסגעזען דער גורל פון לענינען. אַן אָרטאָדאָקסישער גלח, וועמענס נאָמען איז געווען באַקאַנט, האָט צוגעזאָגט אין זיין קלויסטער אַדורכפירן די לוויה־צערעמאָניע פון דעם קאָמוניסטישן מנהיג...

בערזין האָט דאָס באַקומענע געלט אוועקגעלייגט אויף א זיכער אָרט. אין דעם באַשטימטן טאָג, איז אַלץ פאָרגעקומען ווי ס׳איז געווען פאָרויסגעזען. די גרופּע אויפשטענדלערס איז געקומען באַזעצן דאָס רעגירונג־הויז, נאָר א רעגימענט פון דער רויטער אַרמיי האָט זיי אָפּגעוואַרט און אַרומגערינגלט. לאָקאַרט איז געוואָרן אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט... קיין ענגלאַנד.

דאָס איז געווען דער ערשטער, גרויסער אויפטו פון בערזינען. נאָך דעם האָט ער זיך געווידמעט דער אָרגאַניזירונג פון מיליטערישן סאָוועטישן שפּיאָנאַזש־דינסט. ווען איך האָב אים באַקענט אין דעצעמבער 1936, איז ער שוין פון לאַנג געווען דער ביי אַלעמען אָנערקענטער ״באָס״. זיין פּערזענלעכקייט האָט גאָרנישט געהאַט אין זיך פון די באַקאַנטע טיפּן־ראָבאָטן פון די ספּעציאַליסטן פאַר שפּיאָנאַזש. ער האָט געלייגט גרויס אַכט אויף דער מענטשלעכער קוואַליטעט פון די, וועלכע ער האָט רעקרוטירט פאַר דער אַרבעט. ער האָט גערן אונטערגעשטראָכן: ״אַן אַגענט פון דער סאָוועטישער געהיים־דינסט דאַרף פאַרמאָגן דריי אייגנשאַפטן: קאַלטבלוטיקייט, א וואַרעם האַרץ און שטאָלענע נערוון״. אין קעגנזאַץ צו די איינשטעלונגען אין די געהיים־דינסטן, האָט ער קיין מאָל נישט געלאָזן אויף הפקר זיינע מענטשן, ווען זיי האָבן זיך געפונען אין אַן עת־צרה. ער וואָלט קיין

איינעם פון זיי נישט מקריב געווען, אין זיינע אויגן זענען זיי געווען מענטשן, און קודם־כל — קאָמוניסטן.

צווישן בערזינען און זיינע אגענטן אין אויסלאנד האָבן זיך תמיד איינגעשטעלט פערזענלעכע פארבינדונגען. אזוי האָט ער אויך פארוואנדלט זיינע באציונגען מיט איינעם פון די גדולים פון סאָוועטישן שפּיאָנאזש, רישארד זאָרגע, אויף דער באזע פון טיפער, פערזענלעכער פריינדשאפט.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין בריסל אין יאָר 1938, האָט מיר זאָרגע דערציילט וועגן זייער ערשטער טרעפונג.

זאָרגע איז געווען א זייער ווערטפולער, אינטעליגענטער מענטש, אקטיוו אין דער דייטשער קאָמוניסטישער פארטיי און מחבר פון עטלעכע ביכער אויף עקאָנאָמישע טעמעס. בעת א שליחות אין כינע אין 1933, האָט מען פון אים פארלאנגט צו קומען קיין מאָסקווע. בערזין האָט באשטימט די טרעפונג אין א שטארק באזוכטן שאך־קלוב פון דייטשן. זאָרגע האָט מיר דערציילט, אז בערזין איז גלייך צוגעטרעטן צום ענין:

— לויט דיין מיינונג, וועלכע איז איצט די גרעסטע געפאר פארן ראטן־פארבאנד?

— אומאָפּהענגיק פון דער מעגלעכקייט פון א קאָנפליקט מיט יאפאן, שיינט מיר, אז די סאמע ממשותדיקע געפאר קומט פון נאצי־דייטשלאנד. (דער שמועס איז פאָרגעקומען עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי היטלער איז געקומען צו דער מאכט). און בערזין האָט פארגעזעצט:

— טאקע צוליב דעם האָבן מיר פארלאנגט פון דיר זאָלסט קומען... מיר ווילן, זאָלסט זיך באזעצן אין יאפּאַן...

— פאר וואָס דווקא אין יאפאן?

— ווייל מיט דער דערנענטערונג, ווי זי צייכנט זיך אָן, צווישן דייטשלאנד און יאפאן, וועסטו אין טאָקיאָ זיך קענען דערוויסן זייער א סך וועגן די מיליטערישע צוגרייטונגען...

זאָרגע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו כאפּן זיך וועלכע ארבעט מען פארלאנגט פון אים, האָט איבערגעריסן בערזינען:

— ווי אזוי קום איך קיין יאפאן צו ווערן דאָרט א שפּיאָן? איך בין דאָך א זשורנאליסט!

— דו זאָגסט, אז ווילסט נישט זיין קיין שפּיאָן? ווייסטו דען גענוי וואָס ס'איז אזוינס א שפּיאָן? וועלכע באגריפן האָסטו וועגן דעם? דאָס וואָס דו רופסט אָן "שפּיאָן", איז א מענטש וואָס זוכט ידיעות, וועלכע זאָלן דערמעגלעכן זיין רעגירונג אויסצונוצן די שוואכע זייטן פון שונא. מיר, די סאָוועטן, זוכן נישט קיין מלחמה, מיר ווילן נאָר וויסן די צוגרייטונגען פון שונא, אנטפלעקן די שוואכע פונקטן אין זיין פאנצער, כדי נישט ווערן איבערראשט, ווען מ'וועט אונדז אטאקירן...

און בערזין האָט צוגעגעבן:

— אונדזער ציל איז צו שאפן אין יאפאן א גרופּע, וועלכע זאָל זיין דעצידירט צו קעמפן פאר שלום. דו וועסט זיך ווידמען צו געווינען פאר דעם ציל

אַנגעזאָגטע יאַפּאַנישע פּערזענלעכקייטן, און איר דאַרפט מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, אז זייער לאַנד זאָל זיך נישט לאָזן ארייַנשלעפּן אין א מלחמה קעגן ראַטן־פאַרבאַנד...

— אונטער וועלכן נאָמען דאַרף איך דאָרט אהין קומען?

— אונטער דיין אייגענעם נאָמען...

זאָרגע האָט נישט רעאַגירט, נאָר בערזינס געהילפן, וואָס האָבן בייגעווינט די טרעפונג, זענען געווען דערשטוינט:

— ער איז פאַררעגיסטרירט אין דער דייטשער פּאָליציי ווי א קאָמוניסטישער טוער! און נישט פון נעכטן. (זאָרגע איז געווען אקטיוו אין דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די יאָרן 1918—1919). איר קענט זיין זיכער, אז זיי האָבן אים נישט פאַרלוירן פון אויג...

— איך ווייס אויסגעצייכנט — האָט געענטפערט בערזין — אז ס'איז פאַראַן אין דעם א סכנה, איך בין אָבער ביי דער מיינונג, אז אין די אייגענע שיך גייט זיך תמיד בעסער. פאַר מיר איז קלאָר, אז די געסטאַפּאָ האָט געירשנט די קאַרטאָטעקע פון דער פּאָליציי... ביז זאָרגעס אקטן וועלן זיך אנטפּלעקן, וועט נאָך א סך וואַסער פליסן אונטער די בריקן פון טייך מאָסקווע! און אויב טאַקע דער געסטאַפּאָ וועט פריער געלינגען אים צו אנטדעקן, ווי מיר מיינען, צי קאָן דען נישט א מענטש, וואָס איז געווען א קאָמוניסט מיט פופצן יאָר צוריק, ענדערן זיין פּאָליטישע אנשויונג?

בערזין ווענדעט זיך דאַן צו דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דייטשלאַנד: — זאָרג דערפאַר, אז ער זאָל געשיקט ווערן קיין טאָקיאָ ווי דער קאָרעספּאָנדענט פון דער "פראַנקפורטער צייטונג" (איינע פון די פאַרשפּרייטסטע צייטונגען) — און זאָגט דערנאָך צו זאָרגען:

— דו זעסט, אזוי וועסטו זיך פילן אין דיין הויט ווי א זשורנאַליסט און נישט האָבן דאָס געפיל, אז דו שפּילסט דעם שפּיאָן!

בערזין האָט געהאַט איינגעשטעלט א פעסטן כלל, אז די דעקונג פאַר אן אַגענט זאָל נישט זיין בלויז אן אויבערפלעכלעכע. דאָס וואָס ער האָט פאָרויסגעזאָגט — איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. זאָרגע איז געשיקט געוואָרן ווי א קאָרעספּאָנדענט פון דער "פראַנקפורטער צייטונג" קיין טאָקיאָ — זיינע ארטיקלען זענען הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך די אָפיציעלע יאַפּאַנישע קרייזן און פאַר אים געעפנט אלע וויכטיקע און פאַרשלאָסענע טירן. ער האָט געשלאָסן קאָנטשאַפט מיטן דייטשן אַמבאַסאַדאָר אין טאָקיאָ און מיטן מיליטערישן אטאַשע, ביז מ'האָט לסוף אים אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי "אן אייגענעם". די סאַמע סודותדיקע ידיעות פון בערלין צו אירע פאַרשטייערס אין אויסלאַנד, זענען דערגאַנגען צו אים.

צוויי־דריי יאָר פאַרן אויסברוך פון קריג, האָט די געסטאַפּאָ געשיקט קיין טאָקיאָ אן אַגענט, וואָס זאָל האַלטן אן אויג אויף דעם אמבאַסאַדע־פּערסאָנאַל. זאָרגע האָט גאָר שנעל זיך מיט אים באַפריינדעט. א געוויסן טאָג איז געשען דאָס וואָס בערזין און זיינע מיטאַרבעטער האָבן פאַרגעפילט: דער געסטאַפּאָ־אַגענט

אין טאַקיאָ האָט באַקומען פון בערלין "זאָרגעס אַקטן", אין וועלכע ס'ווערט דערמאָנט זיין קאָמוניסטישע פאַרגאַנגענהייט...

— נו — זאָגט ער צו אים, — האָסט שיינע מעשים אָפּגעטאָן אין יענע טעג!

זאָרגע דערמאָנט זיך די עצה פון זיין שעף און ענטפערט:

— יאָ, ריכטיק... דאָס זענען נאַרישקייטן פון מיינע יוגנט־יאָרן, אָבער אַלץ איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען.

ער איז אַזוי ווייט אַוועק מיט דעם שפּאַס, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט ער זיך פאַרשריבן ווי אַ מיטגליד אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זיין שפּיל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי ווייט עפעקטיוו, אַז ווען די יאַפּאַנער האָבן אַנטדעקט זיין ריכטיקע טעטיקייט, האָט דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר אָפיציעל פּראָטעסטירט קעגן דעם אַרעסט פון "איינעם פון זיינע בעסטע מיטאַרבעטער".

11 מען זוכט פאַנטאָמאַסן

די אפערע פאַנטאָמאַס האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס ביר און שטראָם זענען געוואָרן פאַרמשפּט צו דריי יאָר תפיסה. סוף 1936 זענען זיי געוואָרן באַפרייט און זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע. ביז איצט האָט די אָפיציעלע ווערסיע פון דער פראַנצויזישער זיכערהייט־פּאָליציי, באַשטעטיקט דורך דער אָנפירונג פון סאָוועטישן געהיים־דינסט געלויטעט, אַז די גרופּע ביר איז דורכגעפאַלן, א דאַנק דעם פּראָוואָקאַטאָר ריקיע, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין דער גרופּע. ריקיע האָט געאַרבעט ווי א זשורנאַליסט אין דער "ל'הימאַניטע" (די קאָמוניסטישע טאָג־צייטונג אין פראַנקרייך). שטראָם און זיינע פריינד, איבערצייגט אין ריקיעס אומשולד, האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער שווערער באַשולדיקונג, וועלכע האָט, אגב, אויך אָנגערירט די פראַנצויזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי און געפאָדערט א נייע אויספאָרשונג אין פּאַריז. די אָנפירונג פון קאָמינטערן, וועלכע איז געווען פאַראינטערעסירט אויסצורייניקן דעם געשוויר, האָט אָנגעפרעגט ביי שטראָמען, צי ער האָט א קאַנדידאַט און שטראָם האָט אָנגערופן מיין נאָמען:

— דאָמב פאַרמאָגט דערצו אַלע פעיקייטן — האָט ער דערקלערט. — בשעת דער אַפּערע, האָט ער זיך געפונען אין פּאַריז, אָבער נישט געווען אין דעם פּאַרמישט. ער רעדט פראַנצויזיש, א לאַנגיאָריקער קאָמוניסט און ער איז מסוגל אויפצוקלערן דעם טונקעלן ענין.

דער קאָמינטערן האָט געגעבן זיין הסכמה און איבערגעגעבן דעם פאָרשלאָג צום גענעראַל בערזין, וואָס האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, גרייטנדיק מיין שליחות קיין פראַנקרייך, בין איך צום ערשטן מאָל געקומען אין קאָנטאַקט מיטן סאָוועטישן שפּיאָנאַזש־דינסט. איך האָב א צוויי אָדער דריי מאָל זיך געטראָפן מיטן קאָלאָנעל סטיגאַ ("אָסקאַר"), שעף פון דער סאָוועטישער מיליטערישער געהיים־דינסט פאַר מערב־אייראָפּע, כדי אים באַקענען מיט די פּרטים פון דער פּרשה.

— דאָס וואָס איר דאַרפט טאָן — האָט מיר געזאָגט סטיגאַ, — איז שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט די אַדוואָקאַטן פּערוטשי און אַנדריי פיליפּ. איר דאַרפט פונדאָסניי אַדורכקוקן אַלע אַקטן פון פּראָצעס און פּרובירן צו אַנטדעקן דעם אמת.

ביים סוף פון אונדזער לעצטן שמועס, האָט סטיגאַ מיר געגעבן אַ פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון אַ לוקסעמבורגער סוחר און געפרעגט:

— און וואָס שייך אָנטאָן — האָט איר דאָס וואָס מען דאַרף?

— ניין.

— אַ מלבוש איז זייער וויכטיק. מערערע פון מיינע אַגענטן זענען אַדורכגעפאַלן צוליב דעם קנייטש אין דעם וועסטל, וואָס אַ וואַרשעווער שניידער איז געווינט געווען צו מאַכן!

— איך האָב פריינד אין אַנטווערפּן, איך וועל זיך פאַרהאַלטן ביי זיי אַ צוויי טעג און ביי אַ גוטן שניידער באַשטעלן זיך אַן אַנצוג לויט דער בעסטער פראַנצויזישער מאָדע.

— אויסגעצייכנט. און איצט וועלן מיר זען דער "באָס".

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסער ביוראָ, וווּ אין ווינקל פון צימער איז געווען פאַרנומען מיט אַ לאַנגן אַרבעטס־טיש און אויף דער גאַנצער ברייט פון אַ וואַנט איז געהאַנגען אַ וועלט־מאַפּע. בערזין האָט מיך געבעטן זיצן, אָנגעהויבן שמועסן וועגן פּאַריז, איידער ר'איז איבערגעגאַנגען צום עיקר.

— איר וועט אין די אַרכיוון פון יוסטיץ־פּאַלאַץ געפינען אַן אומגעהויערע צאָל דאָקומענטן — זאָגט ער מיר. — איר וועט זיך דאַרפן באַמיען צו אַנטדעקן פון זיי דעם אמת. איך וועל קיין עצות נישט געבן, ווייל אין דער אונטערשטער שורה, איז עס אַ זייער פּשוטער ענין. נאָר איין זאַך זייט וויסן: איר זאָלט זיך נישט וווּנדערן, אויב איר וועט אין די פּאַריזער האָטעלן אָנטרעפן באַקאַנטע פּנימער. זייט וויסן, אַז עס האַלט אָן אַ שטאַרקע באַוועגונג, אין דער ריכטונג פון שפּאַניע...

זייענדיק איבערצייגט, אַז דער שמועס איז געענדיקט, האָב איך פּרובירט זיך אויפצושטעלן. ער האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט איך זאָל נאָך פאַרבלייבן און צוגעגעבן: — אויב איר איילט זיך נישט, וואָלט איך גערן פאַרגעזעצט אונדזער שמועס...

און ער שלאָגט אָן אין אַ דירעקטן טאָן:

— וויפל צייט, מיינט איר, איז אונדז פאַרבליבן ביז צו דער מלחמה?

כ'בין געוואָרן דערשטוינט פון דעם צוטרוי, וועלכן ער האָט מיר אַרויסגעוויזן, אויפהייבנדיק אַ פראַגע, וואָס איז אויך מיר געלעגן אויפן האַרצן. כ'האָב אים דעריבער געענטפערט אָפנהאַרציק:

— אונדזער גורל איז אין די הענט פון דיפּלאָמאַטן, און די פראַגע איז, צי זיי וועלן זיך ווייטער בוקן פאַר היטלערן.

פון בערזינס מינע האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער צווייפלט נישט בנוגע די אויסגעגלייכטע רוקנס פון די דיפּלאָמאַטן, און אַז די מלחמה איז אומפאַרמיידלעך.

— לויט אייער מיינונג, וווּ וועט זיך אָפּשפּילן די קומענדיקע מלחמה? — פרעגט ער.

אָן שום ספק, אַז בערזין האָט מיר אַרויסגעוויזן צוטרוי. כ'בין געווען פאַרוווּנדערט, ווייל די אַטמאָספער, וועלכע האָט זיך איינגעשטעלט צווישן אונדז,

איז נישט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר מאָסקווע אין יאָר 1936. נאָך א קורצן ישוב־הדעת, האָב איך באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך אין דעם שפּיל:

— הערט, חבר בערזין, דער עיקר־פּראָבלעם, ווערליק מיר, איז נישט אינעם פאָרויסזען ווו די מלחמה וועט זיך אָנהויבן, אין מזרח, אָדער אין מערב. דער קאָנפליקט, אפילו אויב אָנגעמען, ער וועט זיך אָנהייבן אין מערב, וועט גאָרנישט ענדערן, ווייל אַלע פעלקער וועלן ווערן אריינגעצויגן, קיין שום זאַך וועט נישט אָפּהאַלטן די דייטשע ארמיי... היטלער האָט צוויי צילן — און קיין שום מכשול וועט אים דערפון נישט אָפּהאַלטן: איינס, אָנגרייפן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, כדי אַנעקסירן אוקראַינע; און צוויי — אומברענגען די יידן.

— הלוואי זאָלן אַלע אונדזערע פּאָליטישע קאַדערס זיך אויסצייכענען מיט אייער לאָגיק — האָט בערזין געזאָגט מיט אַנטשלאָסנקייט און באַדויערן: — דאָ רעדט מען די גאַנצע צייט וועגן דער נאַצי־געפאַר, מען זעט אָבער נישט ווי זי רוקט זיך אָן. די פאַרבלענדעניש קאָן אונדז טייער קאָסטן.

האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, האָב איך באַמערקט:

— נאָך אַלעמען האָט איר דאָך אייער געהיים־דינסט, און איך גלויב נישט, אַז אייערע אַגענטן אינפאָרמירן נישט וועגן די דייטשע קריגס־צוגרייטונגען. מען דאַרף נישט זיין קיין נביא, כדי פאָרויסצוזען מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן.

— אונדזערע אַגענטן, זאָגט איר?... ווייסט איר דען ווי אַזוי זיי אַרבעטן? פריער לייענען זיי די ״פּראַוודאַ״ און נאָכן אויסשטרייכן אַלץ, וואָס זיי האָבן אַ חשד, אַז דאָס וועט אויפרעגן די פּאַרטיי־אָנפירונג, שיקן זיי די באַריכטן. מיר זענען שטאַרק באַגרענעצט פון דעם פּאַרטיי־באַשלוס, וועלכער פאַרווערט אונדז צו שיקן אַגענטן קיין דייטשלאַנד. אויפן וועג וועט איר איצט אַדורכפאָרן דייטשלאַנד. נוצט אויס די געלעגנהייט, כדי מיט די אייגענע אויגן צו זען וואָס קומט דאָרט פאָר. ווען איר וועט פאַרענדיקן אייער שליחות, קומט מיך זען, וועלן מיר כאַפּן א שמועס... אגב, וואָס טוט איר איצט?

— איך בין א זשורנאַליסט אין ״עמעס״.

— יאָ, אָבער איר דאַרפט זיך נישט זאָרגן. ווען נייטיק, וועלן מיר געפינען ווער עס זאָל אייך פאַרטרעטן... — אונדזער שמועס האָט זיך געענדיקט.

אַרויסגייענדיק פון בערזינען, בין איך געווען שטאַרק באַאיינדרוקט פון זיין ניכטערן, קלאָרן צוגאַנג און מיר איז שווער געווען שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איצט האָב איך געמאַכט דעם ערשטן שריט פון מיין נייער, סטאַבילער באַשעפטיקונג...

די דאַטע פון מיין אָפּפאָר קיין פּאַריז האָט זיך דערנענטערט, אין צווישן־צייט איז פאָרגעקומען א געשעעניש, אגב א דערוואַרטע, וואָס האָט עטוואָס אויפגעהאַלטן די נסיעה: אונדזער צווייטער זון, עדגאַר, איז געקומען אויף דער וועלט...

דעם 26סטן דעצעמבער 1936 בין איך איינגעשטיגן אין דעם צוג וואָס האָט מיך געפירט קיין פינלאַנד — און דורך שוועדן האָב איך דערגרייכט אַנטווערפּן, ווו כ׳האָב זיך באַקליידט מיט נייע מלבושים. דעם ערשטן יאַנואַר 1937 בין איך ענדלעך אָנגעקומען קיין פּאַריז. גלייך צו מאָרגנס בין איך אוועק צום

אדוואָקאט פערוטשי. ער האָט מיך אויפגענומען זייער פריינדלעך און לכבוד מיר אָנגעשטעלט שפּילן א פּלאַטע מיט לידער פונעם כאָר פון דער רויטער ארמיי...

— איך בין געקומען אויספאָרשן דעם ענין פאַנטאָמאַס — האָב איך אים דערקלערט.

— איר דארפט וויסן, אז די גאנצע געשיכטע איז פארדעכטיקט, אָבער אין איין זאך בין איך איבערצייגט, אז ריקיע איז אומשולדיק. עס האנדלט זיך אין א קלאסישער מאכינאציע פון ווארפן די שולד אויף אן אומשולדיקן, כדי ריינצוואשן דעם שולדיקן.

— אפשר קען איך האָבן א צוטריט צו די פּראָטאָקאָלן פון פּראָצעס?

— יאָ, אָבער נישט פריער, ווי אין א חודש ארום. איך וועל האָבן די מעגלעכקייט ארויסצונעמען די אקטן אויף איין טאָג.

זייענדיק פריי פון וועלכער ס'איז אויפגאבע, בין איך אוועק אויף א קורצן באזוך אין דער שווייץ און הנאה געהאט פונעם קלעטערן אויף די מיט שניי באדעקטע אלפּן ווי א טוריסט און טועם זיין פון די געשמאקע געבעקסן. דאָס זענען זעלטענע מאָמענטן אין לעבן פון אן אקטיוויסט, און מ'דארף פון זיי געניסן ביזן סוף. צוריק קומענדיק א דערפרישטער קיין פאריז, האָבן מיר די אדוואָקאטן פערוטשי און אנדריי פיליפּ איבערגעגעבן די געריכט־אקטן פאַנטאָמאַס. איך האָב זיך פארטיפט אין די דאָקומענטן און אנטדעקט דריי און צוואנציק בריוו, וועלכע זענען, צוליב עפּעס־וואָס לגמרי נישט דערמאָנט געוואָרן אויפן פּראָצעס. דאָס איז געווען א בריוו־אויסטויש צווישן א געוויסן דאָפּל־אגענט און דעם אמעריקאנער מיליטער־אטאשע.

דער דאָפּל־אגענט איז געווען א האָלענדער, וואָס האָט זיך גערופן סוויץ. ווי עס האָבן געוויזן די בריוו, האָט ער אויסגעגעבן די גרופּע צו דער פראנצויזישער פּאָליציי — און ער גופא, איז א דאנק זיין איינפלוסרייכן פּראָטעקטאָר באפרייט געוואָרן. די בריוו, וועלכע כ'האָב אדורכגעלייענט, האָבן באשיינפערלעך אויפגעוויזן די פּראָוואָקאַציע.

סוויצס פארגאנגענהייט האָט אויך קלאָר געמאכט די סיבות פון זיינע מעשים. ער האָט געארבעט פאַרן סאָוועטישן געהיים־דינסט און איז געשיקט געוואָרן אין די פאראייניקטע־שטאטן, נאָר איז דאָרט שנעל דעמאסקירט געוואָרן און מ'האָט אים צוריק געשיקט. אין פּאַנאַמע האָט דער אמעריקאנער קאָנטר־שפּיאָנאַזש זיך געכאַפּט, אז זיין פּאַספּאָרט איז א פאלשער. צו יענער צייט, האָט פאר פּרווון אריינקומען אין אמעריקע אומלעגאַל, געדראָט מיט צען יאָר תפיסה — און סוויץ האָט לאנג נישט געטראכט: אז מ'האָט אים אוועקגעשטעלט פאר דער ברירה, האָט ער מסכים געווען צו ארבעטן פאר די אמעריקאנער, נאָר גלייכצייטיק געבליבן פארבונדן מיט די סאָוועטן. ער האָט אפילו געשיקט א באריכט קיין מאָסקווע, אין וועלכן ער האָט דערציילט, אז אים איז געלונגען אריינצוקומען אין אמעריקע "אָן שוועריקייטן". מאָסקווע איז געווען שטארק צופרידן פון דעם טשעמפּיאָן פונעם דאָפּל־שפּיל און מיט צוויי יאָר שפּעטער באשלאָסן צו שיקן אים מיט זיין פרוי קיין פאריז, ווי דעם

שעף פון דער לאַנד־נעץ פונעם געהיים־דינסט און אַזוי אַרום איז ער געקומען אין פאַרבינדונג מיט בירן.

ווען די פּרשה פאַנטאָמאַס האָט זיך אַנטדעקט, האָט סוויץ צו וויסן געטאָן מאָסקווע, אַז אים איז געלונגען צו באַווייזן זיין אומשולד און ער מוז פאַרשווינדן אויף אַ געוויסער צייט. ער איז אַזוי נעלם געוואָרן, אַז מ'האָט אים שוין מער נישט געזען.

די פראַנצויזישע פּאָליציי, וועלכע האָט געזוכט אַ שעיר־לעזאַזל, איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט געקענט שיסן צוויי האָזן מיט איין מאָל, וואַרפנדיק די שולד אויף אַן אַקטיוון קאָמוניסט, און אין דער זעלבער צייט קאָמפּראָמיטירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויף ריקיע, צוליב אַ פּשוטע סיבה: ער האָט רעדאַגירט די אָפּטיילונג "ראַבקאָרס" [1] אין דער "ל'הימאַניטע".

ווען איך בין אין פרילינג 1937 צוריק געקומען קיין מאָסקווע, האָט בערזינס געהיים־דינסט זיך באַצויגן סקעפּטיש צו מיינע אויפקלערונגען. עס האָבן געפעלט פאַרמעלע באַווייזן, צו באַשטעטיקן ריקיעס אומשולד. מיר זענען געקומען צו אַ הסכם, אַז איך דאַרף זיך אומקערן קיין פּאַריז. ביים צווייטן מאָל זיין דאָרט, האָב איך באַקומען אַ מעגלעכקייט פונעם אַרכיוויסט פון יוסטיץ־פּאַלאַץ (ווענען כ'האָב גוט באַלוינט פאַר זיין פאַרשטענדעניש...) צו פאָטאָגראַפירן די דאָקומענטן. ער האָט דערצו גערן מסכים געווען, אויך דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געפונען אַ חודש־צוויי פאַר זיין גיין אויף עלטער־פּענסיע און איז געווען כמעט אויסער יעדער געפאַר.

היות ס'איז ניט געווען געוואונטשן איך זאָל אַדורכגיין די גרענעצן מיט די דאָקומענטן, איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז איך זאָל זיי איבערגעבן אַ מיטאַרבעטער פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע, און ער וועט זיי איבערשיקן מיט דער דיפּלאָמאַטישער פּאָסט. מיר האָבן באַשטימט אַ טרעפונג מיט דעם אַמבאַסאַדע־אָנגעשטעלטן אין אַ קאַפע־הויז ביים פּאַרק מאָנסאָ.

אין באַשטימטן טאָג בין איך געקומען אַהין און באַמערקט ביי אַ טיש זיצן אַ מאַן, וואָס זיין אויסזען האָט געשטימט מיט די סימנים, וועלכע מ'האָט מיר אָנגעגעבן. ער איז געווען אין די פערציקער יאָרן, געטראָגן ברילן און געלייענט די צייטונג "לע טאַן". אין מאָמענט ווען כ'האָב זיך צו אים דערנענטערט, האָב איך באַמערקט, אַז ער טראָגט נישט אויפן פינגער קיין באַנדאַזש, ווי ס'איז געווען אָפּגעשמועסט, כדי איך זאָל אים קענען אידענטיפיצירן און נישט מאַכן קיין טעות. איך האָב אַרויסגעמורמלט עטלעכע אַנטשולדיקונג־ווערטער און אַ שטאַרק צערודערטער פאַרלאָזן דאָס קאַפע־הויז. אכט טעג שפּעטער בין איך ווידער אַמאָל

---

1) די "ראַבקאָרס" (ראשי־תיבות פון רוסישן "ראַבאָטשי קאָרעספּאָנדענט") זענען געווען פּריוויליקע אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענטן אין הונדערטער פאַבריקן, וועלכע האָבן געשיקט באַריכטן אין דער "ל'הימאַניטע" וועגן זייערע אַרבעט־באַדינגונגען, שטרייקן, אאַז"וו. באַריכטן פון אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער אַרמיי און געטראָגן אַ קאָנפידענציעלן כאַראַקטער, זענען געשיקט געוואָרן אויף אַן אַנדערן אַדרעס...

געקומען אויף דער טרעפונג און דאָרט איז געזעסן א מאן מיט א באנדאזש, וועמען כ'האָב איבערגעגעבן די דאָקומענטן, איינגעוויקלט אין א צייטונג. מיר האָבן זיך אריינגעלאָזט אין א שמועס. ער פרעגט מיך, צי איך בלייב נאָך עטלעכע טעג אין פאריז. איך האָב אים געענטפערט, אז דאָס איז פאַרויסגעזען.

— אויב אזוי, גיט מיר אייער טעלעפאָן־נומער, כ'זאָל קענען אָנרופן, אויב כ'וועל זיך אין אייך נייטיקן.

כ'האָב אים געגעבן דעם נומער, מיט וועלכן מ'האָט זיך געקענט באנוצן, נאָר אין פאל פון א געפאר, דערביי האָב איך פעסטגעשטעלט, אז מיין דיפלאָמאַט־שפּיאָן, פארשרייבט אין זיין ביכעלע די ציפערן, נישט באמיענדיק זיך אָנצווענדן א שיפער (קאָד).

דער פאל האָט מיר געעפנט די אויגן לגבי דער עפעקטיווקייט פון סאָוועטישן געהיים־דינסט. ווי איז דאָס מעגלעך, אז שליחים פון דער סאָוועטישער אמבאסאדע, זאָלן זיך פירן אזוי נאַיוו? כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט די קאָנסעקווענצן פון אזעלכע אומבארעכנטע מעשים, אין פאל פון א וועלט־מלחמה.

כ'בין צוריק געקומען קיין מאָסקווע אין יוני 1937. בערזין האָט זיך געפונען אין שפאניע, ווי דער מיליטערישער ראטגעבער פון דער רעפובליקאנישער רעגירונג. מיך האָט אויפגענומען סטיגאא און אים האָב איך באריכטעט פון מיין שליחות. ער האָט פארזיכערט, אז לויט אים, איז דער ענין פאנטאָמאס ענדגילטיק דערליידיקט.[1]

כ'האָב שפּעטער אָפט זיך געטראָפן מיט סטיגאַן און פון די טרעפונגען איז געבוירן געוואָרן מיין אנגאזשירן זיך אין דער געהיים־דינסט, צו וועלכער כ'האָב געגעבן מיין פרינציפיעלע הסכמה. איך האָב נישט געהאט קיין שום נייגונג און סימפאַטיע צו "שפּיאָנאַזש". נאָך ווייניקער בין איך געווען אָ מיליטער־מאן. מיין איינציקער פארלאנג איז געווען — קעמפן קעגן פאשיזם. כ'האָב זיך געלאָזט איבערצייגן פון דעם ארגומענט, אז די סאָוועטישע ארמיי נייטיקט זיך אין קעמפערס, וואָס זענען איבערצייגט, אז די מלחמה איז א ו מ פ א ר מ י י ד ל ע ך; נישט אין ראַבאָטן און אונטערלעקערס.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער שפּיל...

---

1) נאָך דער אוואנטורע, פון וועלכער ריקיע איז ארויס פולשטענדיק רעהאביליטירט, האָט די אָנפירונג פון קאָמינטערן באשלאסן, אז די סאָוועטישע געהיים־דינסט זאָל זיך מער נישט באנוצן מיט קיין פארטיי־מיטגלידער. די פונאנדערטיילונג צווישן דער געהיים־דינסט און דער פארטיי, איז געווען אן אבסאלוטע. א פארשפעטיקטער באשלוס, נאָר א בארעכטיקטער.

12 דער אָפּשטאַם פון א לעגענדע

איך דאַרף אויפקלערן די סיבות פון וועלכע ס׳איז געבוירן געוואָרן די לעגענדע "טרעפּער — א סאָוועטישער אַגענט". לויט מיינע באַשמוצערס, זאָל איך האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער סאָוועטישער געהיים־דינסט פון יאָר 1930, און אפילו נאָך פריער.

ווי יעדע לעגענדע, האָט אויך די איר אָפּשטאַם, אין פאַרקריפּלטע און אויפגעבלאָזענע פאַקטן, כדי פון זיי צושניידן באַווייזן. אין די אַרכיוון פון דער פראַנצויזישער געהיים־פּאָליציי און פון דער געסטאַפּאָ, האָט מען ווירקלעך אַנטדעקט דעם "באַווייז" פון מיין אַנטייל אין דער פאַנטאָמאַס־נעץ. נאָר פון וועלכע דאָקומענטן איז דאָ א רייד?

ווען איך בין אין 1942 אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, האָבן די דייטשן געוווּסט נאָר מיין צוגעטראַכטן נאָמען: זשאַן זשילבער. זיי האָבן אָבער געפונען, בעת א רעוויזיע אין בעלגיע, מיין אמתדיקן פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון לעאָפּאָלד טרעפּער. אָבער פונעם אָנהייב פון מיין קאָמוניסטישער טעטיקייט, האָב איך זיך גערופן דאָמב. אונטער דעם נאָמען בין איך באַזונדערס געווען באַקאַנט דער פּאָליציי. פאַר דער געסטאַפּאָ איז דער נאָמען דאָמב געווען אומבאַקאַנט, און איך האָב געוואָלט, ער זאָל פאַר יעדן פּרייז בלייבן אומבאַקאַנט, עס זאָל נישט אויפגעדעקט ווערן דער צוזאַמענהאַנג צווישן דאָמב און טרעפּער, ווייל צענדליקער קאָמוניסטן, וואָס זענען אין 1930 געווען פאַרצייכנט אין דער פּאָליציי, אַז זיי שטייען אין פאַרבינדונג מיט דאָמבן — וואָלטן זיך געפונען אין א באַלדיקער געפאַר.

דאָס יאָר 1932 איז צופעליק געווען א יאָר פון נאָכלעסיקייט אין דער פראַנצויזישער פּאָליציי. אויך זי האָט אין איר קאַרטאָטעק נישט געשאַפן קיין פאַרבינדונג צווישן טרעפּער און דאָמב, אַז דאָס איז איין און די זעלבע פּערזאָן. פון איין זייט האָט זי נאָכשפּיאָנירט א קאָמוניסטישן אַגיטאַטאָר מיטן נאָמען דאָמב, וואָס איז געווען טעטיק אין די יידישע קרייזן; פון דער אַנדערער זייט, האָט זי אויפגעכאַפּט צוויי בריוו, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר שטראָמען און אַדרעסירט צו א געוויסן טרעפּער.

די געסטאַפּאָ, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף די אַרכיוון פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי, האָט נאָר פעסטגעשטעלט, אַז דער אַרעסטירטער טרעפּער

איז שוין אין 1932 געווען פארמישט אין אן ענין פון סאָוועטישן שפּיאָנאַזש. נאָך מער: פון דעם פּאַספּאָרט, וועלכן זי האָט אנטדעקט נאָך דער רעוויזיע, האָט זי פעסטגעשטעלט, אז דער זעלבער טרעפּער איז געווען אין ארץ־ישראל פון 1924 ביז 1929. די דייטשן, וואָס זענען געווען פאראינטערעסירט אויפצובלאָזן פאר זייערע שעפן אין בערלין די ״מציאה״ וואָס זיי האָבן געכאַפּט, האָבן מיר צוגעשריבן אן אויסערגעוויינלעכן ״יחוס״: אז פון מיינע יוגנט־יאָרן בין איך געווען א סאָוועטישער אגענט — צו ערשט אין ארץ־ישראל און שפּעטער אין פראנקרייך.

בעת די אויספאָרשונגען, האָב איך באשלאָסן צו אידענטיפיצירן זיך מיט דער דאָזיקער אויסגעפאנטאזירטער געשטאלט, ווייל וואָס מערער חשיבות די געסטאַפּאָ וועט מיר צושרייבן, אלץ מערער וועל איך קאָנען מאנעווורירן. אזוי, צ.ב., איז די געסטאַפּאָ געווען איבערצייגט, אז כ׳האָב אין מאָסקווע אדורכגעמאכט א שפּיאָנאַזש־שול. איך האָב זיי געלאָזן ביי דער מיינונג און געגעבן אָנצוהערן, אז כ׳האָב שטודירט אין פאָדראָווסקי־אוניווערסיטעט.

נאָך היינט לייענט מען אין געוויסע ביכער, אז כ׳בין געווען א תלמיד אויפן שפּיאָנאַזש־פאקולטעט פון דער מיליטערישער אקאדעמיע א.נ. פון פאָדראָווסקי, בעת אזא אקאדעמיע מיט דעם נאָמען האָט נישט עקזיסטירט...

צוליב דער נויטווענדיקייט אין מיין קאמף מיט דער געסטאַפּאָ, האָב איך געלאָזן וועבן די לעגענדע, אז כ׳בין געווען א סאָוועטישער אגענט נאָך אין די קינדער־יאָרן — און די דאָזיקע לעגענדע באגלייט מיך ביזן היינטיקן טאָג...

צווייטער טייל

דער אָרקעסטער שפּילט

1 דער געבורט פון אַרקעסטער

כ'האָב זיך געזעגן מיטן גענעראַל בערזין, ווען ער האָט אין לויף פון בירגער־קריג זיך אומגעקערט פון שפּאַניע. ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון א מענטש וואָס האָט זיך געענדערט.

נאָך אין שפּאַניע האָט ער זיך דערוווּסט, אַז טוכאַטשעווסקי און דער גענעראַל־שטאַב זענען געוואָרן ליקווידירט. ער האָט געוווּסט, אַז די ״באַווייזן״ קעגן זיי זענען געווען געפעלשט און דאָס האָט אים האָט זייער דערשלאָגן. בערזין איז געווען געוווּג פאַרשטענדיק, נישט צו שאַפן זיך אילוזיעס לגבי זיין אייגענעם גורל. די כוואַליע וואָס האָט אַראָפּגעשווענקט זיינע נאָענטע חברים, האָט געהאַלטן אין איין דערנענטערן זיך: נישט געקוקט אויף דער געפאַר, איז ער אויף אייגענער איניציאַטיוו צוריק געקומען קיין מאָסקווע צו פּראָטעסטירן פאַר סטאַלינען קעגן דער שחיטה פון קאָמוניסטן, וועלכע ס'האָט דורכגעפירט די ג.פּ.או. אין שפּאַניע.

גענעראַל בערזין האָט געוווּסט, אַז מיט דער אינטערווענץ, חתמעט ער זיין אייגענעם גזר־דין. אָבער ווי אַן איבערציי‌גטער קאָמוניסט, וואָס איז געוויסנהאַפט און פאַראַנטוואָרטלעך, האָט ער נישט געקאָנט משלים זיין מיטן פאַרשווייגן — מיט פּסולע מיטלען — פון זיינע בעסטע קאַדערן, וועלכע ער גופא האָט אויסגעקליבן און פאָרמירט.

די צייט האָט געאַרבעט קעגן אים. ער האָט, ווינציקסטנס, געהאָפט צו זיין נאָך בוצלעך כאָטש דאָס ביסל צייט וואָס מ'האָט אים געלאָזן.

ער האָט באַוויליקט מיך אויפצונעמען. פון דעם שמועס האָב איך אויפגעהיטן פּינקטלעכע זכרונות. ווי קען דען זיין אַנדערש, אַז דער טאָג איז געווען דעציידירנדיק לגבי מיין צוקונפט ווי א מענטש און קאָמוניסט ?

— מיר דאַרפן אייך האָבן. איך שלאָג פאָר, איר זאָלט קומען מיטאַרבעטן מיט אונדז — זאָגט ער מיר. — אָבער נישט דאָ, אין אַפּאַראַט. דאָס אָרט איז נישט פאַר אייך, ניין. איר דאַרפט אויפשטעלן באַזעס פאַר אונדזער טעטיקייט אין מערב־אייראָפּע.

פון מיין ערשטן שמועס מיט בערזינען, האָב איך תמיד געטראַכט וועגן דער פּערספּעקטיוו צו אַרבעטן אין מיליטערישן שפּיאָנאַזש־דינסט און קעמפן אין איר

ראַם. כ׳בין געווען איבערציַיגט, אַז עס דערנענטערט זיך דער מאָמענט, ווען די היטלערישע האָרדעס וועלן פאַרפליצן אייראָפּע.

אין די פאַרויסגעזעענע קאַמפן, וועט אַנטשיידן דער כּוח פון ראַטן־פאַרבאַנד. אַ פאַרצווייפלטער, האָב איך געזען די דעגענערירונג פון דער רעוואָלוציע, פאַר וועלכער איך, ווי מיליאָנען קאָמוניסטן, האָבן אַלץ מקריב געווען. מיר וואָלטן גערן אַוועקגעגעבן אונדזערע צוואַנציק יוגנט־יאָרן, כּדי פאַרסירן דאָס שאַפן אַ נייַע, יונגע וועלט. די רעוואָלוציע איז געווען אונדזער לעבן; די פּאַרטיי — אונדזער משפּחה, וואָס אין איר ראַם האָט ברידערלעכקייט געהאַט אַ ממשותדיקן זין, און איז געקומען צום אויסדרוק אין אַלע אונדזערע מעשׂים.

מיר האָבן געוואָלט זיין נייַע מענטשן. גרייט געווען אַליין זיך צו שמידן אין קייטן, כּדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך באַפרייען פון זיינע קייטן. אונדזער אייגן גליק איז אונדז קנאַפּ וואָס אָנגעגאַנגען. מיר האָבן זיך געאָפּפערט דער געשיכטע, אַז זי זאָל מוותר זיין פון אונטערדריקונג און דיקטאַטור. ווער נאָך ווי מיר האָבן אַזוי גוט געוווסט, אַז דער וועג צום גן־עדן איז נישט באַצירט מיט רויזן. מיר זענען געקומען צום קאָמוניזם, ווייל נאָך אין די יונגע יאָרן, האָבן מיר דערפילט די אימפּעריאַליסטישע באַרבאַרישקייט!

אָבער דער וועג, באַדעקט מיט אַרבעטער־הרוגים, פירט נישט, און וועט נישט דערפירן, צום סאָציאַליזם. אונדזערע חברים זענען פאַרשוווּנדן, די בעסטע צווישן אונדז זענען געפייניקט געוואָרן אין די קעלערן פון דער נ.ק.וו.ד.; דער סטאַלינישער רעזשים האָט פאַרקריפּלט דעם סאָציאַליזם, נישט צום דערקענען. סטאַלין, דער גרויסער באַגראָבער, האָט אומגעבראַכט צען מאָל, הונדערט מאָל מערער קאָמוניסטן ווי היטלער.

די סטעזשקע צווישן היטלערס האַמער און סטאַלינס קאָוואַדלע איז געווען שמאָל פאַר אונדז, פאַרגלייבטע אין סאָציאַליזם. טראָץ אונדזער צער און צאָרן, האָט זיך פאַר אונדז געשטעלט די אויפגאַבע צו באַשיצן די זיכערקייט פון ראַטן־פאַרבאַנד, הגם ער האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד, ווי מיר האָבן געחלומט. דער פאַקט האָט אויף מיר אויפגעצווּנגען דעם אויסוואַל. דער פאָרשלאַג פון גענעראַל בערזין, האָב איך געטראַכט, וועט מיר דערמעגלעכן צו ראַטעווען מיין געוויסן. ווי אַ פּוילישער בירגער, אַ ייד וואָס האָט געלעבט אין ארץ־ישׂראל, אַ שטאַטלאָזער, אַ זשורנאַליסט פון אַ יידישער צייטונג — פאַר דער נ.ק.וו.ד. בין איך געווען פאַרדעכטיקט פון אַלע שטאַנדפּונקטן.

מיין גורל איז שוין געווען געחתמעט. ער וואָלט זיך פאַרענדיקט אין אַ טורמע־קעלער, אין אַ לאַגער, און אין בעסטן פאַל — ביים ווענטל... דאַקעגן קעמפנדיק ווייט פון מאָסקווע, געפינענדיק זיך אין די ערשטע רייען פון אַנטי־נאַצישן קאַמף, וועל איך ווייטער קענען זיין דער, וואָס איך בין תּמיד געווען: אַ רעוואָלוציאָנערער מיליטאַנט.

נישט אָן וואַקלענישן בין איך געקומען צו דעם באַשלוס, און אָנגעצייכנט די פּלענער, וואָס דאַרפן מיט זיך פאָרשטעלן אַ נעץ פון געהיים־דינסט אין קאָנטינענטאַלע דימענסיעס און זיי פאָרגעשטעלט פאַר בערזינען. איך האָב

פאַרגעלייגט „פאַרפלאָנצט" צו ווערן אין דייטשלאַנד גופא און אין די שכנותדיקע לענדער. די קרייזלעך אַנטיפאַשיסטישע קעמפערס וועלן נישט אָנהייבן זייער טעטיקייט, נאָר ווען דייטשלאַנד וועט אָנהייבן די מלחמה אין אייראָפּע און קיין שום אַנדערע אויפגאַבן, אויסער קאַמף קעגן נאַציזם, וועט מען אויף זיי נישט אַרויפלייגן. שוין איצט, אין ערשטן עטאַפּ, דאַרפן מיר שאַפן די באַזעס צו אָרגאַניזירן די שפּיאָנאַזש-טעטיקייט, כדי פאַרזיכערן די פאַרבינדונגען, דעקונג און פינאַנסירונג.

דער עיקר איז וויכטיק, אין דעם איבערגאַנג-פּעריאָד, צו אַנטוויקלען די פאַרלייגטע נעץ אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, כדי צו פאַרזיכערן די פאַרבינדונג מיט דעם שפּיאָנאַזש-צענטער פון דער רויטער אַרמיי. אין צייט פון מלחמה, וועלן די אָנטיילנעמערס פון דער נעץ זיך רעקרוטירן אויסשליסלעך פון קעגנער פון פאַשיזם, אומאָפּהענגיק פון זייערע פּאָליטישע און רעליגיעזע איינשטעלונגען, וועמענס אידעאָלאָגישע טרײַשאַפט איז אויסער יעטוועדן ספק, און זאָלן האָבן פאַרבינדונגען, אָדער מעגלעכקייטן איינצושטעלן אַזעלכע קאָנטאַקטן מיט וויכטיקע קרייזן פון דייטשן גענעראַל-שטאַב, דייטשע מלוכהשע און עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, פּאָליטישע פאַקטאָרן, כדי באַקומען ידיעות פון ערשטראַנגיקער באַדייטונג פאַר מיליטערישע אָפּעראַציעס.

עס קאָן נישט זיין קיין רייד פון באַנוצן זיך מיט באַצאָלטע אַגענטן. דער הויפּט-ציל דאַרף זיין: צושטעלן אין דער געהעריקער צייט דעם גענעראַל-שטאַב אויסקריסטאַליזירטע, קאָנטראָלירטע און אָלזייטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן די פּלענער און אונטערנעמונגען פון נאַצי-דייטשלאַנד.

כ'האָב אויפגעקלערט דעם גענעראַל בערזין, אַז כ'וועל זיך באַנוצן אין יעדן לאַנד אין דריי מיטאַרבעטער. איינער — וואָס איז נישט מחויב צו זיין אַ רוס — ער מוז אָבער פאַרמאָגן נייטיקע אייגנשאַפטן פון אַ מנהיג. דער צווייטער דאַרף זיין אַ טעכניקער, וואָס איז מסוגל אויפצושטעלן אַ נעץ פון ראַדיאָ-קאָמוניקאַציע און צענויפשטעלן ראַדיאָ-אַפּאַראַטן. דער דריטער מוז זיין אַ ספּעציאַליסט אין מיליטערישע ענינים, וואָס זאָל אויפן אָרט זיין פעיק אַדורכצופירן די ערשטע קאָנטראָל פון צענויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל.

דער גענעראַל האָט באַשטעטיקט דעם גלאָבאַלן פּראָיעקט, אָבער דערביי באַמערקט:

— מיר פאַרמאָגן שוין אין דייטשלאַנד אַן אויסגעצייכנטן עקיפּ, נאָר כדי אויסצומיידן פּראָוואָקאַציעס, וועלן מיר, לויט די אינסטרוקציעס פון דער פּאַרטיי-אָנפירונג, זיין שטאַרק באַגרענעצט צו אַנטוויקלען אויף דער טעריטאָריע פון דריטן רייך אַ שפּיאָנאַזש-נעץ. באַזונדערס בין איך סקעפּטיש לגבי אייער פּלאַן וועגן די האַנדלס-אונטערנעמונגען, וועלכע איר ווילט אויפשטעלן ווי אַ דעקונג און וואָס זאָלן אויך געבן די פינאַנסיעלע און מאַטעריעלע מעגלעכקייטן אויסצוהאַלטן די גרופּן. איך צווייפל אין דעם, ווייל אין מיין צוואַנציק-יעריקער פּראַקטיק, האָט דאָס גאָרנישט געגעבן. דאָס אינוועסטירטע געלט אין די געשעפטן, איז תמיד געגאַנגען לאיבוד.

— גיט א קוק — האָב איך געענטפערט, — דאָס פּראָבלעם איז נישט ווי אַזוי איינצושפּאָרן געלט דער סאָוועטישער רעגירונג. אין מלחמה־צייט וועט זיין שווער צו באַקומען געלט פון מאָסקווע אויף אויסצוהאַלטן די נעץ. מעגלעך, אז די מענטשן וואָס האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט געשאַפן האַנדלס־פירמעס, זענען נישט געווען גענוג קאָמפּעטענט אין מסחר. איך גלויב, אז אין א קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, קענען נאָר פעיקע סוחרים פאַרדינען געלט. מיין פאָרשלאַג איז: שאַפן אין בעלגיע אַן עקספּאָרט־אימפּאָרט געזעלשאַפט, וועלכע זאָל אויך האָבן אָפּטיילונגען אין פאַרשידענע לענדער.

— אין וויפל געלט נייטיקט איר זיך, צו פאַרלייגן אַזאַ אונטערנעמונג?

— אָ, מיר וועלן אָנהייבן קליין. איך וועל צוטרעטן ווי א שותף צו אַן עקזיסטירנדיק געשעפט און אינוועסטירן א צען טויזנט דאָלאַר.

— איר גלויבט, אז צען טויזנט דאָלאַר וועלן ברענגען אַזעלכע גרויסע רווחים, וואָס וועלן דעקן די אויסגאַבן אין משך פון דער מלחמה?

— איך האָף אַז יאָ!

— אַלנפאַלס, אויב איר וועט אין עטלעכע חדשים אַרום פאַרלאַנגען נאָך געלט, וועלן מיר באַשטעטיקן.

מיר דערגענטערן זיך צום סוף פון אונדזער שמועס; גענעראַל בערזין זעט אויס צו זיין אין א גוטער שטימונג, כמעט גליקלעך. ער זאָגט:

— איר האָט פאַר זיך א צוויי יאָר, ביז די מלחמה וועט אויסברעכן. קודם כל זאָלט איר רעכענען אויף זיך אַליין. אייער אויפגאַבע באַשטייט אין קעמפן קעגן דריטן רייך, אויסשליסלעך קעגן אים. נעמט אָן אַלע פּאָרזיכט־מיטלען, אז ביז צום אָנהייב פון דער מלחמה, זאָל אייער נעץ בלייבן אומבאַקאַנט, נישט אַנגאַזשירן זיך אין אַנדערע ענינים. אונדזער איינציקער ציל איז צו שלאָגן דעם נאַציזם. מיר האָבן אַגענטן אין די אַלע לענדער, אָבער אייער גרופּע בלייבט פולשטענדיק אומאָפּהענגיק. מיר וועלן זיך באַמיען צו שיקן פון דאַנען ראַדיאָ־אַפּאַראַטן מיט דער נייטיקער אויסשטאַטונג. אָבער אַפילו בנוגע דעם פּונקט, דערוואַרט נישט פון אונדז צו פיל. הויבט תיכף אָן צו רעקרוטירן און פאָרמירן דעם עקיפּ. וואָס שייך די אָנפירערס פון די גרופּן אין יעדן לאַנד, מוזט איר זיי מאָביליזירן אויפן אָרט גופא.

אין טאָן פון זיין ריידן האָבן זיך געלאָזט מערקן עמאָציעס, וואָס פיל שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען זייער זין: א גרויסער טייל פון די טאַלאַנטירטע קאַדערן, וואָס זענען געווען פעיק דערפילן די אויפגאַבע, זענען שוין געווען אַרעסטירט און געפּאַרשט פון דער נ.ק.וו.ד.... צום סוף זענען מירביידע מסכים געווען, אז ביי דער ערשטער מעגלעכקייט זאָל מיין פאַמיליע צושטיין צו מיר (א מאַן וואָס וווינט אַליין, איז תמיד פאַרדעכטיקט). אין דער אמתן, האָב איך אויך געוואָלט דערגיין צו א געוויסער מנוחה, אין געשטאַלט פון א באַזעסענעם, איינפלוסרייכן אינדוסטריעלער.

— איך פאַרלאָז זיך אויף אייך, — האָט צוגעגעבן בערזין, — און בין איבערצייגט, אז איר וועט מצליח זיין. אז איר וועט איבערראַשן ידיעות, זאָלט איר זיך נישט זאָרגן, ווי אַזוי מאָסקווע וועט זיי אויפנעמען; באַמיט זיך נישט געפעלן

צו ווערן דעם ממונה, אויפן חשבון פון דער קוואַליטעט פון דער אַרבעט.

און ווי אַ פעסטן באַווייז פון זיין צוטרוי צו מיר, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— טוכאַטשעווסקי האָט געהאַט רעכט: די מלחמה איז אומפאַרמיידלעך און זי וועט זיך אָפּשפּילן אויף אונדזער טעריטאָריע...

צום ערשטן מאָל האָב איך אין מאָסקווע, ווו ס׳האָט געהערשט דער סטאַליניסטישער טעראָר, געהערט אַ מענטשן לויבן זיין חבר, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן פאַר ״פאַראַט״!

ער האָט מיך באַגלייט צו דער טיר און געגעבן די לעצטע עצה:

— איר זאָלט נאָר הערן אייער אייגן געוויסן. פאַר אַ רעוואָלוציאָנער — איז דאָס דער העכסטער ריכטער.

איך בין איבערצייגט אַז די עטלעכע ווערטער האָבן אַנטהאַלטן זיין פּאָליטישע צוואה, ווייל זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך געפירט לויט זיין געוויסן.

אין יענער צייט האָט גענעראַל בערזין געוווּסט, אַז זיינע טעג זענען געציילטע. ער האָט אָבער נישט געהאַט וואָס צו באַדויערן. אַ פאַראורטיילונג דורך סטאַלינס טריבונאַל, האָט אין דער צוקונפט באַדאַרפט זיין אַ רעהאַביליטאַציע דורכן משפט פון דער געשיכטע — און פאַר אַ קאָמוניסט איז נאָר דער מאָטיוו וויכטיק.

ענדלעך איז געוואָרן באַשטימט, אַז איך וועל אָפּפאָרן ווי נאָר די צוגרייטונגען וועלן זיין פאַרענדיקט. ס׳איז אַדורך אַ חודש, צוויי — און ס׳איז גאָרנישט פאָרגעקומען. וואָס ס׳איז געוואָרן פון אונדזערע פּלענער, האָב איך לחלוטין נישט געוווּסט. כ׳האָב זיך אומגעקערט אַרבעטן אין דער צייטונג.

אין די לעצטע טעג פון יאָר האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס זענען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין געהיים־דינסט. די באַדייטונג און קאָנסעקווענצן פון די ענדערונגען, זענען מיר געווען פולשטענדיק קלאָר. מען האָט אונדזער ענין אין גאַנצן בטל געמאַכט, ווייל שאַפן שפּיאָנאַזש־באַזעס קעגן דייטשלאַנד, פון וועלכע בערזין און סטיגאַ האָבן זיך אַזוי שטאַרק באַגייסטערט, איז געווען אין קעגנזאַץ צו דער אויפפאַסונג און כוונות פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג.

כ׳האָב שוין געהאַט אויפגעגעבן מיינע האָפענונגען צו פאַרווירקלעכן די פּלענער, ווען אין חודש מערץ 1938, האָט מיך טעלעפאָניש אָנגערופן אַ קאַפּיטאַן, אַן אַדיוטאַנט פון סטיגאַן, אַ נידעריקער אין ראַנג אָפיציר פון געהיים־דינסט. דער קאַפּיטאַן האָט פאַרלאַנגט, כ׳זאָל צוקומען אין דער דירעקציע.

כ׳בין שוין פיר מאָל געווען אין דעם ״שאָקאָלאַד־הויז״ און גוט אויפגעהיט אין מיין זכרון פנימער, וואָס כ׳האָב דאָרט געזען, אַז כ׳זאָל תיכף נישט באַנעמען די וויכטיקע ענדערונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען. ניין, נישט דער צופאַל איז געווען די איינציקע סיבה.

מ׳האָט מיך אַריינגעפירט אין ביוראָ פון קאַפּיטאַן, כ׳האָב נאָך נישט באַוויזן זיך אָוועקצוזעצן, ווי ער זאָגט צו מיר:

— הערט זיך איין, מיר דאַרפן זיך תיכף נעמען צו דער אַרבעט! מיר האָבן פאַרלוירן זעקס חדשים, און איצט טאָר מען נישט פאַרלירן קיין איין מינוט. לאָמיר פאַרקאַשערן די אַרבל!

— אויף אַ טרעפונג פון אַזאַ באַדייטונג, — האָב איך באַמערקט, — האָב איך געגלויבט אַרומצורעדן דעם ענין מיטן קאָלאָנעל סטיגאַ גופא!

דער אומהיימלעכער בליק און זיין פאַרלעגנהייט, האָבן מערער גערעדט פון ווערטער. דאָך האָט ער זיך דעצידירט צו געבן עטלעכע אויפקלערונגען:

— איר פאַרשטייט, מיר האָבן געמוזט ענדערן די סטרוקטור פון דער געהיים־דינסט... אַ געוויסע צאָל מיטאַרבעטער האָט מען געביטן און זיי אַנפּאַרטרויט אַנדערע אויפגאַבן... איצט דאַרפן מיר צוגרייטן אייער פּאַספּאָרט און דעם פּלאַן פון אייער נסיעה, אַ האַלבער טאָג דאַרף פאַרנעמען אייער באַקענען זיך מיטן קאָד (געהיים־שריפט).

— איך בין צו יעדער צייט גרייט — האָב איך געענטפערט.

יאָ, כ'בין צו יעדער צייט געווען גרייט. קיין אַנדערן אויסוועג האָב איך נישט געהאַט.

כ'האָב זיך אומגעקערט אַהיים אַ שטאַרק דערשלאָגענער. פאַר וואָס האָט מיך די רייניקונג ביז איצט אויסגעמיטן? און פאַר וואָס װענדן זיי זיך איצט צו מיר? דאָס באַזײטיקן בערזינען, אין וואָס כ'האָב שוין מער נישט געצווייפלט, האָב איך שטאַרק באַדויערט. דאָך האָט עס מיך נישט אָפּגעהאַלטן פון צו זאָגן "יאָ". (אַגב, ווען כ'בין שוין געווען אין בעלגיע, האָב איך זיך דערוווּסט פון אַבסאָלוט זיכערע קוועלן, אַז גענעראַל בערזין און די אָנפירערס פון שפּיאָנאַזש־דינסט, זענען ליקווידירט געוואָרן אין דעצעמבער 1938). כ'בין געווען איבערצייגט, אַז אויך גענעראַל בערזין וואָלט מיר אַנדערש נישט געראָטן, ווייל די שליחות וואָס איז מיר געוואָרן אַנפּאַרטרויט, איז געווען די זעלבע וואָס בערזין גופא האָט באַשטעטיקט און צוגעגרייט. איך בין פאַרבליבן טריי זיין פּלאַן און אונדזערע פאַרפליכטונגען. נאָר דאָס איז פאַר מיר געווען וויכטיק. מער ווי אַלע מאָל, דאַרף איצט דער קאַמף קעגן נאַציזם זיין אַבסאָלוט דאָמינירנדיק. ווי עס זאָל נישט זיין, גיי איך אַנטייל נעמען אין קאַמף — און דער דאָזיקער קאַמף איז דער עיקר. די עקיפן וואָס איך וועל שאַפן, דעם אונטערערדישן קאַמף וועלכן כ'וועל לאָזן אין גאַנג און טראָגן פאַר אים די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועט קיין שום זאַך נישט זיין בכוח אָפּצושטעלן.

ווען כ'האָב זיך ווידער אַמאָל געטראָפן מיטן קאַפּיטאַן, האָט מיין באַשלוס נאָך מער זיך פאַרשטאַרקט און כ'האָב אים געשטעלט נאָר איין באַדינג:

— מיר איז נישט באַקאַנט דער מעמד פון אייערע מיטאַרבעטער, אָבער פאַר מיר איז קלאָר, אַז איך ווידמע זיך דער דאָזיקער אַרבעט, ווייל איך בין אַ קאָמוניסט: איך בין נישט קיין מיליטער־מאַן און האָב נישט בדעה אַריינצוטרעטן אין אַ מיליטערישער ראַם.

— ווי איר ווילט, — האָט ער מיר געענטפערט. — צי איר וועט יאָ אָדער נישט געהערן צו די אַרמיי־קאַדערן, פאַר אונדז וועט איר זיין אין ראַנג פון אַ קאָלאָנעל.

— איר קענט מיר געבן וועלכן ראַנג איר ווילט. דאָס אינטערעסירט מיך נישט און ענדערט גאָרנישט.

דער קאַפּיטאַן האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ ספּעציאַליסט פון שיפערס. מיר

האָבן איינגעשטעלט אונדזער קאָד לויט דעם נאָמען פון באַלזאַקס א ראָמאַן "די פרוי פון דרייסיק יאָר". אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה האָט ער מיך אויסגעלערנט צו שיפרירן דעפּעשעס. ס'זענען פאַרבליבן צו רעגולירן נאָך עטלעכע ענינים: כ'וועל באַקומען א פּאַספּאָרט פון א קאַנאַדער פון קוויבעק (כ'זאָל נישט מוזן רעדן ענגליש) און מיין פאַרבינדלער אין בריסל האָט באַדאַרפט זיין אַן אַנגעשטעלטער פון דער סאָוועטישער האַנדלס-מיסיע.

מ'האָט מיר צו וויסן געטאָן, אַז פאַר מיין אָפּפאָר וועל איך זיך דאַרפן טרעפן מיט דעם נייעם שעף פון דער שפּיאָנאַזש-דינסט. ער האָט מיך אויפגענומען אין ביוראָ פון בערזינען. קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט: א גענעראַל ווי ער, אָבער ווי איז געווען מעגלעך, כ'זאָל אים אַרויסווייזן די זעלבע סימפּאַטיע און שעצונג ווי צו בערזינען? ער האָט אויסגעזען פון א יאָר פינף-און-פערציק. ער האָט מיך אויפגענומען געגנוג העפלעך און זיך באַמיט צו פאַרזיכערן:

— מיר וועלן זיך פירן לויט דעם פריער אויסגעאַרבעטן פּלאַן. — ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו א גרויסער וועלט-מאַפּע, וואָס האָט זיך תמיד געפונען אויף דער וואַנט און פאַרגעזעצט:

— איך פאַרשטיי אויסגעצייכנט, אַז פאַרלויפיק וועלן מיר אין דייטשלאַנד קיין גרויסע אַרבעט נישט טאָן (כ'האָב זיך דערמאָנט, ווי בערזין האָט מיר בשעתו געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס איז א באַפעל פון סטאַלינען, כדי כלומרשט אויסצומיידן פּראָוואָקאַציעס), אָבער מיר קענען פּאָרויסזען דאָס שאַפן א גרופּע אין א דייטשער שטאָט, נישט ווייט פון דער גרענעץ...

אזוי רעדנדיק, האָט ער מיטן פינגער געזוכט א פּונקט אויף דער מאַפּע. אָט דער פּרט איז מיר א סך יאָרן שפּעטער געקומען אויפן זכרון, ווען כ'האָב געלייענט כרושטשאָווס באַריכט אויפן צוואַנציקסטן קאָנגרעס, אַז סטאַלין האָט געהאַט די געוווינהייט צו רעדן וועגן סטראַטעגיע, טייטלענדיק מיטן פינגער אויף דער וועלט-מאַפּע...

פּלוצים גיט דער גענעראַל א זאָג:

— אַלזאָ, כ'האָב געפונען א פּאַסיקע שטאָט אין דייטשלאַנד: שטראַסבורג קומט אין באַטראַכט.

וווּנדערלעך, טראַכט איך ביי זיך, אויב דער שעף פון שפּיאָנאַזש-דינסט האַלט שטראַסבורג פאַר א דייטשע שטאָט. איך האָב צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די רעזולטאַטן — און דעם ניוואָ פון דער "ראָטאַציע" וועלכע סטאַלין האָט אַדורכגעפירט. כ'האָב נישט אויפגעהערט באַדויערן די באַזייטיקונג פון גענעראַל בערזין. כ'בין געווען איבערצייגט, אַז די נ.ק.וו.ד. האָט אוועקגעשטעלט איינעם פון אירע פאַרשוינען בראש פון מיליטערישן געהיים-דינסט. אויב זיין בקיאות אין געאָגראַפיע איז די זעלבע ווי אין שפּיאָנאַזש, דערוואַרטן מיך אין מיין אַרבעט זייער פיל שוועריקייטן. צום באַדויערן, האָב איך נישט געמאַכט קיין טעות.

צווישן מיר און דעם גענעראַל האָט זיך געשאַפן א פייגלעכער מאָמענט פון שטילשווייגן. ביים קאַפּיטאַן, וואָס איז געווען אַנוועזנד אויף דער טרעפונג, האָבן זיך געביטן די פאַרבן אויפן פּנים פון שניי-ווייס אויף בלוט-רויט. דער גענעראַל

האָט זיך געכאפּט, אז ער איז געשטרויכלט געוואָרן מיט דער צונג און מיט זיינע קענטעניש. האָב איך נישט געהאט קיין אנדערן אויסוועג, ווי אים העלפן ארויסקריכן פון דער בלאָטע:

— איר האָט פולשטענדיק רעכט! — האָב איך אויסגערופן, דערנענטערנדיק זיך צו דער מאַפּע. — שטראסבורג פארמאָגט אלע אייגנשאפטן פון א דייטשער שטאָט, הגם זי געפינט זיך אין פראנקרייך. מיר וועלן פּרוּוון דאָרטן אָרגאַניזירן א נייעם עקיפ.

מיט א געפיל פון פארלייכטערונג האָט ער אויפסניי גענומען רעדן:

— אָט דאָס וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן: א פראנצויזישע שטאָט, זייער נאָענט צו דער דייטשער גרענעץ.

ווען מיר האָבן זיך שוין געפונען אין דרויסן, האָט דער קאפּיטאַן צו מיר געמורמלט:

— איר האָט עס גוט געמאכט. דאָס איז געווען א פארדריסלעכע עם־הארצות!

— אָ, — ענטפער איך אים ערנסט. — יעדער קען מאכן א טעות...

אָבער מיין מיינונג וועגן אים איז געווען אן אנטשלאָסענע: מיט אַזעלכע "קאָמפּעטענטע מענטשן" דערוואַרטן מיך גענוג צרות.

פאַר מיין פארלאָזן דעם ראטן־פארבאנד, בין איך אוועק זיך געזעגענען מיט מיין זון מישעל. מיר האָט פארקלעמט דאָס הארץ, צו לאָזן אים אין דעם קינדער־אינטערנאט, וואָס האָט אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק פון א יתומים־הויז.

— מישעל, — זאָג איך צו אים, — איך מוז אויספירן א שליחות פון דער פארטיי און וועל דאָ נישט זיין א געוויסע צייט.

ער האָט מיר גאָרנישט געענטפערט, און איך האָב געהאט דעם ווייטיקלעכן איינדרוק, אז איך פארלאָז אים. איך האָב אים צוגעדריקט צו זיך און אוועק. אז כ'בין אָנגעקומען אויף דער באן־סאציע, וואָס האָט זיך געפונען א צוויי קילאָמעטער פון דעם קינדער־הויז, האָב איך געהערט שרייען הינטער מיר. איך דריי זיך אויס און באמערק א קליינע געשטאלט, וואָס יאָגט זיך נאָך מיר. ס'איז געווען מישעל, מיין זון, וואָס האָט געלאָזט פאלן ווערטער, וועלכע איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן:

— לאָז מיך נישט איבער! לאָז מיך נישט איבער! איך וויל נישט בלייבן אליין!

ערשט מיט זעכצן יאָר שפּעטער, האָב איך אים ווידער געזען...

איך בין געפאָרן קיין בעלגיע דורך לענינגראד און שטאָקהאָלם. אין אנטווערפּן האָב איך געהאט א פון פריער באשטימטע טרעפונג. מ'האָט מיר געגעבן א נייעם פאספאָרט אויפן נאָמען פון אדאם מיקלער, אן אינדוסטריעלער פון קאנאדע, וואס וויל זיך באזעצן אין בעלגיע.

2 די בעסטע אויסלענדישע רעגן־מאַנטלען

דער ״קאַנאַדער פאַבריקאַנט״ אדאם מיקלער, האָט נישט צופעליק דעצידירט אָנצוהייבן זיין טעטיקייט דווקא אין בעלגיע.

דאָס קליינע לאַנד, וואָס איז אין פּרינציפּ געווען נייטראַל, האָט געהאַט אירע גרענעצן, וואָס האָבן כמעט אין ערגעץ נישט עקזיסטירט — און געגעבן מעגלעכקייטן צו פירן די אויסשפּיר־טעטיקייט מיטן באַדינג, אַז זי זאָל נישט געפירט ווערן קעגן דער ״גאַסטגעבערישער״ מדינה גופא.

די געאָגראַפישע לאַגע פון בעלגיע דערמעגלעכט שנעלע פאַרבינדונגען מיט דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ווי אויך מיט די סקאַנדינאַווישע לענדער. דאָס וויכטיקסטע: אין בעלגיע האָט אדאם מיקלער געהאַט גינסטיקע באַדינגונגען אוועקצושטעלן זיין אונטערנעמונג.

ווען איך האָב דעם גענעראַל בערזין פאָרגעשלאָגן צו גרינדן האַנדלס־געזעלשאַפטן אין מערב־אייראָפּע, האָב איך דערביי געהאַט אויסגעקריסטאַליזירטע פּלענער. צוריק פאָרנדיק קיין מאָסקווע אין 1937, נאָך מיין צווייטן אויפהאַלט אין פּאַריז, האָב איך אויף א קורצער צייט זיך אָפּגעשטעלט אין בעלגיע, כדי צו באַזוכן מיין לאַנגיאָריקן פריינד לעאָ גראָספּאָגעל. קומענדיק איצט קיין בריסל, בין איך שנעל אַוועק צו אים.

פון די צייטן אין ארץ־ישראל, ווען מיר האָבן פאַרברענגט צוזאַמען, האָב איך געהאַט פיל געלעגנהייטן צו זען זיך מיט לעאָנען צוליב מיינע נסיעות פון פּאַריז קיין בריסל, אין שייכות מיט מיינע פאַרטראָגן דאָרט אין די יאָרן 1932—1929.

לעאָ גראָספּאָגעל האָט געשטאַמט פון א יידישער משפחה פון שטראַסבורג. ער האָט אָנגעהויבן שטודירן אין בערלין, אָבער אין 1925 האָט ער אַלץ פאַרלאָזן, כדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט אַרויסגעוויזן פעיקייט און איבערגעגעבנקייט אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין יאָר 1928 האָט ער זיך באַזעצט אין בעלגיע, ווו ער האָט געהאַט קרובים, אייגנטימער פון אַן אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך גערופן ״ביים גומי־קעניג״ און גאָר שנעל איז ער באַשטימט געוואָרן ווי דער האַנדלס־דירעקטאָר פון דער פירמע. דאָך האָט לעאָ גראָספּאָגעל נישט פאַרלייקנט זיינע פּאָליטישע אַנשויונגען. דער דאָזיקער אָנגעזעענער, בכבודיקער פאַבריקאַנט און דערפאָלגרייכער סוחר, וואָס גאַנץ בריסל האָט אים גוט געקענט,

איז געווען דער פֿאַרבינדלער צווישן קאָמינטערן און די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אויפֿן נאָענטן מזרח. אָבער איצט האָט ער פֿאַרלאָזן די וויכטיקע פֿונקציע און זיך באַדאַרפֿט ווידמען דעם סאָוועטישן שפּיאָנאַזש־דינסט.

פֿאַר אַלעם האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע פֿון אָרגאַניזירן די ״דעקונג״, איידער מען הייבט אָן די טעטיקייט.

אַזוי ווי דער ״גומי־קעניג״ האָט אויך פּראָדוצירט רעגן־מאַנטלען, האָט לעאָ געהאַט בדעה צו שאַפֿן אַן עקספּאָרט־אימפּאָרט געזעלשאַפֿט צו פֿאַרקויפֿן די פּראָדוקציע דורך די אָפּטיילונגען, וועלכע מ׳וועט אויפֿשטעלן אין אויסלאַנד. אַזוי איז אין האַרבסט 1938 געגרינדעט און יורידיש פֿאַרפֿיקסירט געוואָרן די געזעלשאַפֿט מיט דעם ענגלישן נאָמען ״דע פֿאָריין עקסאַלאַנט טרענטש־קאָט״ (״דער אויסדערוויילטער רעגן־מאַנטל פֿון אויסלענדישער פּראָדוקציע״), וועלכע האָט זיך גאָר שנעל אַנטוויקלט, אַ דאַנק די פֿאַכמענישע קענטעענישן פֿון לעאָען.

די אָנפֿירונג פֿון דער געזעלשאַפֿט האָט איבערגענומען אַ באַוווּסטע בעלגישע פּערזענלעכקייט, זשיל זשאַספּאַר, וועמענס פֿאַמיליע איז געווען באַקאַנט אין די פּאָליטישע קרייזן, ווייל זיין ברודער איז געווען פּרעמיער־מיניסטער און ער גופֿא איז געווען בעלגישער קאָנסול אין פֿאַרשידענע לענדער, וווּ ער האָט געהאַט גרויס דערפֿאָלג אַ דאַנק זיינע אויסגעצייכנטע קאָנטשאַפֿטן אין די אָנפֿירנדיקע קרייזן. אין אַ גאָר קורצער צייט זענען אין שוועדן, דענעמאַרק, נאָרוועגיע און אין בעלגיע גופֿא, אַנטשטאַנען פֿיליאַלן פֿון דער פֿירמע. און אין בעלגיע גופֿא האָט ער געהאַט די אונטערשטיצונג פֿון די אָפֿיציעלע אינסטאַנצן, וועלכע זענען צו יענער צייט געווען פֿאַראינטערעסירט צו דערמוטיקן דעם שוואַכן עקספּאָרט פֿון בעלגיע.

שוין אַ לענגערע צייט ווי זשיל זשאַספּאַר איז געווען דער פֿאַרטרויונג־מאַן פֿון לעאָ גראָספֿאָגעל און דאָס זעלבע — מיט דעם הויפּט־בוכהאַלטער נאַזארען דריילי, אַן ענערגישער און פֿאַרטרוילעכער מאַן, אַן איבערצייגטער אַנטי־נאַצי. ער האָט זיך אָריענטירט, אַז די רווחים פֿון די געשעפֿטן דינען צו פֿינאַנסירן די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קעמפֿן קעגן פֿאַשיזם.

לעאָ גראָספֿאָגעל, ווי דערמאָנט, איז געווען גענעראַל־דירעקטאָר פֿון דער פֿירמע ״דער אויסדערוויילטער רעגן־מאַנטל פֿון אויסלענדישער פּראָדוקציע״ און אַדאַם מיקלער איז געוואָרן זיין שותף. דאָס געשעפֿט אַנטוויקלט זיך שנעל. אין מאַי 1940 האָבן שוין פּראָספּערירט אַלע אָפּטיילונגען אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. ס׳האָבן זיך איינגעשטעלט פֿאַרבינדונגען אויך מיט איטאַליע, דייטשלאַנד, פֿראַנקרייך, האָלאַנד און אַפֿילו מיט יאַפּאַן, ווו מיר האָבן געקויפֿט קינסטלעכע זייד. אין אַלע אָרטיקע פֿיליאַלן זענען געווען באַשעפֿטיקט בכבודיקע סוחרים, וואָס זיי איז אַפֿילו נישט געקומען אויפֿן געדאַנק די פֿאַקטישע צילן פֿון דער הויפּט־פֿירמע.

אָנהייב זומער 1938 איז מיין פֿרוי לובאַ געקומען קיין בעלגיע מיט אונדזער אָנדערהאַלב־יעריקן זון עדגאַר. אַרומגערינגלט מיט מיין פֿאַמיליע, האָב איך געשאַפֿן דעם איינדרוק פֿון אַ מיושבדיקן, ערנסטן און בכבודיקן אינדוסטריעלער.

פאַרשטענדלעך, אַז לובאַ האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גוטע מוטער און ענערגישע בעל־הביתטע. זי איז אויך געווען די פאַרבינדלערין מיט דעם פאַרשטייער פון צענטער, דער מיטגליד פון דער סאָוועטישער האַנדלס־דעלעגאַציע אין בריסל. מיר האָבן זיך באַזעצט אין אַ באַשיידענער בריסעלער וווינונג אויף אַוועניו רישאַר נויבערג, אין שכנות מיט די גראָספּאַגעלס, וואָס האָבן געוווינט אויף 117 אַוועניו פּרודען־באָלס. צווישן די משפּחות גראָספּאַגעל, דריילי און מיקלער האָבן זיך איינגעשטעלט ענגע, פריינדלעכע באַציונגען, ווי עס פּאַסט פאַר שותפים וואָס פּלעגן זיך אָפט צוזאַמען קומען.

פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז געווען אומפאַרמיידלעך, אַז וועלכער ס׳איז אַבן־נגף זאָל נישט באַשווערן פון צייט צו צייט דעם וועג, וועלכן מיר האָבן אויסגעקליבן. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט לובאַ געהאַט אַזאַ איבערלעבונג בעת איר רייזע פון ראַטן־פאַרבאַנד קיין בריסל: כדי אויסמיידן קאָמפּליקאַציעס, האָט מען איר אין מאָסקווע געגעבן אַ פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון אַ פראַנצויזישער לערערין, נאָר ווייזט אויס, אַז מ׳האָט נישט אַלץ פאָרויסגעזען, ווייל אין העלסינקי האָט דער שאָפער פון דער טאַקסי, אַן עמיגרירטער ווייסרוס, זיך געוווּנדערט:

— איר זאָגט אַז איר זייט אַ פראַנצויזין, טאָ ווי קומט עס, וואָס דער קליינער (געמיינט אונדזער זון) רעדט רוסיש?

לובאַ האָט אויף דעם נישט געלייגט קיין אכט. ווייל אין דער אמתן האָט עדגאַר קוים געקענט עטלעכע ווערטער אין רוסיש.

— ס׳איז ריכטיק, — האָט זי אים געענטפערט. — דער קליינער נעמט לייכט אויף שפּראַכן. פאַר דער צייט וואָס מיר זענען געווען אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט ער באַוויזן אויפצוכאַפּן עטלעכע ווערטער.

מ׳איז קיינמאָל נישט גענוג פאָרזיכטיק! אַ ביסל שפּעטער האָב איך עס דערפילט אויף דער אייגענער הויט...

מיין אינדוסטריעלע טעטיקייט אין בריסל האָט זיך אַנטוויקלט נאָרמאַל. איך האָב געעפנט אַ קאָנטע אין איינער פון די גרויסע בענק אין שטאָט. אין אַ צייט אַרום, נישט באַקומענדיק צוגעשיקט דאָס טשעקן־ביכל, בין איך און לעאָן אוועק אין באַנק צו אינפאָרמירן זיך וועגן דער סיבה פון דער פאַרשפּעטיקונג.

דעם ענטפער איז געווען פאַר אונדז זייער אומאַנגענעם: זייט אַ געוויסע צייט, האָט די באַנק־דירעקציע באַשלאָסן אָדורכצופירן פאַר אויסלענדער אַן אַנקעטע אין זייערע אָפּשטאַם־לענדער. ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן דעם רעזולטאַט פון דער אַנקעטע פאַר דעם, וועלכן מ׳רופט אַדאַם מיקלער, "בירגער פון קוויבעק"!

איך און לעאָ האָבן זיך בּאַראַטן און באַשלאָסן איינצולאַדן אויף אַ מאָלצייט דעם דירעקטאָר פון באַנק. ווען מיר האָבן זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון דער סעודה, האָב איך אים דערציילט מיין קליינע געשיכטע:

— איך בין אַ ייד, און אויסער מיין טעטיקייט ווי אַן אינדוסטריעלער, באַמי איך זיך צו העלפן יידן, וואָס ווילן ראַטעווען זייערע פאַרמעגנס פון די דייטשע

בענק. אַזעלכע געלט־טראַנזאַקציעס פאַרלאַנגען, זיי זאָלן אַדורכגעפירט ווערן אין געהיים. מחמת דעם האָב איך פאַרלאַנגט פון די בענק אין קוויבעק צו ענטפערן אויף אַנקעטעס, וואָס קענען אָנקומען וועגן מיר — "אומבאַקאַנט".

דער בריסעלער באַנקיר האָט מיר געגלויבט. נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעדריקט זיין באַדויער, הלמאי כ'האָב אים פריער נישט אינפאָרמירט וועגן דעם, האָט ער תיכף געשיקט א דעפּעשע קיין קאַנאַדע צו אַנולירן די פאָרמאַליטעטן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען מיין טשעקן־ביכל. אויף צו באַווייזן דעם דירעקטאָר, אַז כ'האָב אים נישט געזאָגט קיין ליגן, האָב איך אַריינגעלייגט אין באַנק א גרעסערע סומע געלט — "צונויפגענומען ביי יידיש־דייטשע פאַמיליעס".

ווען די האַנדלס־אָרגאַניזאַציע איז אַנערקענט געוואָרן פאַר א גענוג זיכערע דעקונג, האָט מאָסקווע אָנגעהויבן אַריינשיקן פאַרשטאַרקונגען אין מענטשן. פרילינג 1939 איז צו אונדז געקומען דער "אורוגווייער בירגער" קאַרלאָס אַלאַמאָ, וואָס איז אין רוסלאַנד גיכער באַקאַנט געווען ווי דער אָפיציר מיכאיל מאַקאַראָוו.

ער איז צו אונדז געקומען מיטן אָרעאָל פון א העלדישן קעמפער אין שפּאַניע. ער האָט זיך מוטיק געשלאָגן אין אן איינהייט פון דער רעפּובליקאַנישער אַוויאַציע, מיט יענער אומפאַרזיכטיקער דרייסטקייט, וועלכע קומט פון יוגנט און אידעאַליזם. א פאַל, וועלכער האָט באַדאַרפט כאַראַקטעריזירן דעם מענטש און דעם סאָלדאַט: א געוויסן טאָג, ווען די פראַנקיסטישע טרופּן זענען שטאַרק פאָרויס געגאַנגען און מ'האָט געפאָדערט, אַז די אַוויאַציע זאָל אינטערווענירן, זענען צוליב אומפאַרשטענדלעכע סיבות, נישט געווען קיין פליערס. אַלאַמאָ מעלדעט זיך פרייוויליק אויסצופילן די מיסיע, שפּרינגט אַריין אין אן עראָפּלאַן, פליט אַוועק צום פראָנט, דערגרייכט דעם ציל, וועלכן מ'האָט אים אָנגעצייכנט — און קומט בשלום צוריק. נאָר איין קליניקייט: אַלאַמאָ איז נישט געווען קיין פליער, נאָר א מעכאַניקער פונעם טעכנישן פּערסאָנאַל אויף דער ערד...

א געוויסן פרימאָרגן, האַלב ניין אין דער פרי, האָט אין אַנטווערפּענער זאָאָלאָגישן גאָרטן באַדאַרפט פאָרקומען אונדזער ערשטער קאָנטאַקט. ער איז טאַקע געקומען צו דער באַשטימטער שעה, אָבער נאָר פאַר מיר פאַרביי געגאַנגען, געמאַכט זיך נישט זען.

מיט דריי טעג שפּעטער, באַשטים איך מיט אים א נייע טרעפונג אויפן זעלבן אָרט. ער איז ווידער געקומען, אָבער נישט געוואָנדן זיך צו מיר און שנעל זיך דערווייטערט. דורך דעם פאַרבינדלער פון דער סאָוועטישער האַנדלס־דעלעגאַציע, באַלשאַקאָוו, האָב איך זיך דערוווּסט די סיבה. אַלאַמאָ האָט מיך אויסגעמיטן בעת די טרעפונגען, ווייל מ'האָט אים נאָכשפּיאָנירט. היות איך אַליין האָב גאָרנישט באַמערקט, האָב איך פאַרלאַנגט מערערע פּרטים. אויף דעם האָט מיר באַלשאַקאָוו דערקלערט:

— יעדעס מאָל, ווען איר האָט זיך באַדאַרפט טרעפן, האָט ער דאָרט געזען פאַרשידענע טיפּן וואָס לויפן אין אַלע ריכטונגען.

— זאָג דיין פאַרשוין, אַז ער איז א אידיאָט! די מענטשן לויפן שוין אַזוי צען

יאָר! דאָס זענען ספּאַרטלער, וואָס יעדן פרימאָרגן מאַכן זיי לויף־איבונגען אין זאָאָלאָגישן פּאַרק.

כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן, אַז מ׳האָט צו פיל געלויבט אַלאַמאַן, אָבער אינגיכן האָט מיין איינדרוק וועגן אים זיך פאַרבעסערט.

אָן שום ספק, אַז עס האָבן זיך באַוויזן בולטע סימנים, אַז ער איז אומדערפּאַרן פאַר די אויפגאַבן, וועלכע מ׳וויל אים פאַרטרויען. זיין אַ מלחמה־העלד, הייסט נאָך נישט זיין אויך אַ גוטער אַגענט פון שפּיאָנאַזש־דינסט. אין משך פון דריי חדשים, האָט ער באַקומען אין מאָסקווע זיין אויסבילדונג ווי אַ ראַדיסט, ס׳איז אָבער אַ צו קורצע צייט אויף צו ווערן אַ מומחה. נאָר זיינע גוטע אייגנשאַפטן האָבן אים געהאָלפן גובר זיין די שוועריקייטן.

זעלבפאַרשטענדלעך, אַז אַלאַמאַ איז געוואָרן "געדעקט" פון דער האַנדלס־צענטראַלע. די פירמע "דער קעניג פון קאַוטשוק" האָט אים באַשטימט אַלס דירעקטאָר פון איר אָפּטיילונג אין אָסטענד. ער האָט אַרויסגעוויזן גאָר ווייניק חשק צום מסחר פון רעגן־מאַנטלען... כ׳האָב אים פאַרשטאַנען: אַראָפּפאַלן פון די הימלען אין אַסטוריע צו אַ געוועלב אין בעלגיע — איז צו האַסטיק. מיר האָבן געלייזט דעם ענין דורך געבן אים אַן אויסגעצייכנטן געהילף, די פרוי האַריקס, וועלכע האָט איבערגענומען צו פירן דאָס געשעפט אין קאָמערציעלן זין.

זומער 1939 איז צו אונדז אָנגעקומען דער צווייטער סאָוועטישער אָפיציר, וויקטאָר סאָקאָלאָוו, אויך ווי אַן אורוגווייער בירגער, אונטערן נאָמען "ווענסען סיעראַ". אין ווייטערדיקן גאַנג פון אונדזער געשיכטע וועלן מיר זיך מיט אים אָפּט טרעפן אונטערן פּסעוודאָנים "קענט". ס׳איז פריער באַשלאָסן געוואָרן, אַז פאַרן איבערנעמען זיין אויפגאַבע אין דער פיליע אין דענעמאַרק, דאַרף ער בלייבן אין בעלגיע אַ יאָר. אין קעגנזאַץ צו אַלאַמאַן, וואָס האָט זיך נישט געקענט שיידן מיט זיין דילעטאַנטישקייט, האָט קענט זיך גענומען מיט עקשנות צו דער אַרבעט. ער איז אַוועק שטודירן בוכהאַלטעריע און האַנדלס־רעכט אין בריסעלער פרייען אוניווערסיטעט. לובאַ, וואָס האָט אויפן זעלבן אוניווערסיטעט שטודירט ליטעראַטור, האָט פאַרזיכערט די פאַרבינדונג מיט אים.

סיעראַ־קענט, וואָס האָט פּונקט ווי זיין חבר אַלאַמאַ אַדורכגעפירט אין שפּאַניע פאַרשידענע שווערע, פאַרטרוילעכע אויפגאַבן, האָט מיר נישט אויסגעוויזן צו זיין דער, וואָס כ׳זאָל קענען צו אים האָבן צוטרוי. כ׳האָב אים חושד געווען, אַז ער האָט אין דער זעלבער צייט געדינט דער נ.ק.וו.ד., בעת ער האָט זיך געפונען אין שפּיאָנאַזש־דינסט פון דער אַרמיי. "דער רויטער אַרקעסטער" איז אין דעם פאַל נישט געווען קיין אויסנאַם. כ׳האָב זיך אין דעם פיל מאָל איבערצייגט.

אָנהייב 1940, האָט באַלשאַקאָוו, פון דער סאָוועטישער האַנדלס־דעלעגאַציע, וואָס האָט אונדז פאַרבונדן מיט מאָסקווע, צו וויסן געטאָן, אַז ער וועט נישט קאָנען ווייטער אָנגיין מיט דער טעטיקייט, ווייל פון דער נ.ק.וו.ד. שפּיאָנירט מען אים נאָך אומאויפהערלעך. כ׳האָב תיכף אויפמערקזאַם געמאַכט וועגן דעם דער אָנפירונג — און דאָס שפּיאָנירן האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס זעלבע האָב איך באַמערקט אין 1941, ווען אַ קוריער פון דעם סאָוועטישן מיליטער־אַטאַשע ביי דער ווישי־

רעגירונג, האָט זיך צו פיל פארנומען מיט ענינים, וועלכע האָבן אים נישט באדארפט אָנגיין.

איך בין בכלל געווען ביי דער מיינונג, אז אזעלכע פארבינדונגען זענען פאר קיין פאל נישט בארעכטיקט. ווי נאָר איך האָב איבערגענומען די אחריות פאר דער מיליטערישער שפּיאָנאַזש־דינסט אין מערב־אייראָפּע, האָב איך געהאלטן פאר אַנאָרמאַל און געפערלעך, אז די פארבינדונג פון די געהיים־דינסטן מיט מאָסקווע זאָל פארקומען דורך דער פארמיטלונג פון די אָפיציעלע סאָוועטישע אינסטאנצן אין אויסלאנד, צוליב דער פשוטער סיבה, וואָס אַלע אָנגעשטעלטע פון די סאָוועטישע פלאַצוווקעס, ווערן נאָכשפּיאָנירט פון דעם קאָנטער־שפּיאָנאַזש און ס׳איז פאר זיי גאָנץ לייכט אויפצוכאַפּן די דעפּעשעס, וואָס ווערן געשיקט פון די אמבאסאדעס.

ס׳איז געווען א שרעקלעכער פעלער, וואָס מיר האָבן נישט גענאָסן פון די עטלעכע חדשים שלום, וועלכע זענען אונדז פארבליבן, אויפצושטעלן דירעקטע ראַדיאָ־פארבינדונגען, זיכערע קוריערן און פאָסט־פאַכן אין די נייטראַלע לענדער. מיר האָבן דערפאר שפּעטער זייער טייער באצאָלט.

פון זומער 1938, ביזן אָנהייב פון דער מלחמה, האָבן מיר זיך אָפּגעהאלטן צו פירן וועלכע ס׳איז שפּיאָנאַזש־טעטיקייט. אונדזער ציל איז געווען צו פארפעסטיקן דורך די האנדלס־אונטערנעמונגען, וועלכע מיר האָבן אויפגעשטעלט, די מאַסקירונג פון דער געהיים־דינסט, וועלכע האָט באדארפט זיין גרייט ביים ערשטן קאָנאָנען־שאָס.

מיר האָבן נישט געהאט קיין איין מינוט צייט צו פארלירן: דער טאָג פון באצאָלונג האָט זיך דערנעענטערט!

3 די גרויסע אילוזיע

שלום!

דעם ערשטן אָקטאָבער 1938, איז די פראַנצויזישע אָוונט־צייטונג "פּאַרי־סואַר" ארויס אויף דער ערשטער זייט, און אין דער גאַנצער ברייט, מיט דער "גוטער בשורה", אַז פאַרגאַנגענע נאַכט, האָבן דאַלאַדיע און טשעמבערליין נאָכגעגעבן אין מינכען די פאָדערונגען פון היטלערן וועגן סודעטן־לאַנד. זיי האָבן קאַפּיטולירט פאַרן פירער און צוריק קומענדיק אין זייערע הויפּטשטעט, זענען זיי אויפגענומען געוואָרן ווי זיגערס... די וועלט האָט אויסגעמיטן א מלחמה־געפאַר! און כדי אויפצוהאַלטן דעם דאָזיקן "שלום", האָבן די פראַנצויזישע און ענגלישע רעגירונגען, פאַרבלענדט פון אייגענער פחדנות, געחתמעט א נישט־אָנגריף פּאַקט מיט נאַצי־דייטשלאַנד. היטלער האָט מיט ביידע הענט אונטערגעשריבן דעם פּאַקט — און אריין קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. די "דעמאָקראַטיעס" האָבן געלאָזט פאַלן קראָקאָדיל־טרערן, וועלכע זענען באַלד אָפּגעווישט געוואָרן מיטן קאַפּיטולאַציע־פּאַן, און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זייערע קאָמפּראָמיסן. נאָר אין דעם אויסטערלישן געיעג, איז סטאַלין געלאָפן צום שנעלסטן.

אין די פריע שעהן פון 24סטן אויגוסט 1939, איז אין קרעמל אונטערגעשריבן געוואָרן דער נישט־אָנגריף פּאַקט צווישן היטלער־דייטשלאַנד און ראַטן־פאַרבאַנד. מיין שפּעטערדיקער "מלאך־השומר", דער געסטאַפּאָ־אַגענט בערג, וואָס האָט געהערט צו ריבענטראָפּס לייב־וואַך, האָט מיר דערציילט אין א וואָסער אַטמאָספער פון פריילעכקייט איז פאַרגעקומען די צערעמאָניע פון אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך. לכבוד דער געשעעניש האָבן זיי געטרונקען שאַמפּאַניער און סטאַלין, אויפהויבנדיק זיין כוס, האָט געהאַלטן אַן אומפאַרגעסלעכע באַגריסונג־רעדע:

— מיר איז באַוווּסט, אויף וויפיל דאָס דייטשע פאָלק האָט ליב זיין פירער. דעריבער וועל איך מיט פאַרגעניגן טרינקען פאַר זיין לעבן! — דעם פאַרגעניגן האָבן זיכער נישט געטיילט די טויזנטער דייטשע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געשמאַכט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, א דאַנק דעם באַליבטן פירער... פאַר מיר, בעצם, איז אין דעם בונד נישט געווען קיין שום איבעראַשונג. נאָך די אַלע רייניקונגען, נאָכן ליקווידירן די בעסטע קאַדערס פון דער פּאַרטיי, פון דער אַרמיי, איז געווען אומפאַרמיידלעך דער קאָמפּראָמיס, וועלכן סטאַלין האָט יאָרן געזוכט צו

פארווירקלעכן. אין די לעצטע חדשים וואָלט אַן אויפמערקזאמער אָבסערוואַטאָר גלייך באמערקט דאָס צוויילן פון שליסן דעם הסכם.

דעם 16טן אַפּריל 1939, האָט דער סאָוועטישער אויסערן־מיניסטער מאקסים ליטווינאָוו פאָרגעשלאָגן דעם בריטישן אמבאסאדאָר צו שליסן א קעגנזייטיקן פאַקט צווישן פראנקרייך, ענגלאנד און ראטן־פארבאנד. צוויי וואָכן שפּעטער האָט שוין מאָלאָטאָוו פארטרעטן ליטווינאָוון. דעם 5טן מאי, צוויי טעג נאָכן אראפּזעצן ליטווינאָוון, האָט דער סאָוועטישער שארזשע ד'אפער אין בערלין, אַסטאַקאָוו, זיך געטראָפן מיטן דייטשן דיפּלאָמאָט יוליוס שנור. אסטאקאָוו דערקלערט קלאָר און דייטלעך דעם נאצי־דיפּלאָמאָט, אז ליטווינאָווס "דעמיסיע", צו וועלכער ס'האָט גורם געווען זיין אליאנס־פּאָליטיק מיט פראנקרייך און ענגלאנד, האָט א ברירה צו שאפן א נייע סיטואציע אין די באציונגען צווישן דייטשלאנד און ראטן־פארבאנד. אסטאקאָוו האָט צוגעגעבן:

— פון איצט אָן, וועט איר מער נישט האָבן צו טאָן מיט ליטווינאָוו־פינקעלשטיין... כדי אונטערקומען היטלערן, האָט סטאלין געזאָרגט פאר דער "ראסן־ריייניקייט" אין די דיפּלאָמאַטישע באציונגען. די נאאיווע און פארבלענדטע, וואָס האָבן זיך געשפּייזט מיט דער אילוזיע, אז דער פאקט מיט היטלערן איז א דערפאָלגרייכער פינאַל פון סטאלינס א "געניאלן" מאנעווער, האָבן גאָר שנעל דערזען זייער טעות. דעם 30סטן אָקטאָבער 1939, האָט מאָלאָטאָוו געהאלטן א רעדע פארן העכסטן סאָוועט, אין וועלכער ער האָט צעשטערט די לעצטע ספיקות:

— אין די לעצטע חדשים האָבן די באגריפן פון "אגרעסיע" און "אגרעסאָרן" באקומען א נייעם אינהאלט... דייטשלאנד געפינט זיך אין דער לאגע פון א מלוכה, וואָס שטרעבט צו שלום, בעת ענגלאנד און פראנקרייך ווילן פאָרזעצן די מלחמה. ווי איר זעט, האָבן די ראָלן זיך געביטן...

ס'איז ממש געווען אומגלויבלעך דאָס וואָס מיר האָבן דערזען און דערהערט:

— די אידעאָלאָגיע פון היטלעריזם, ווי יעדער אנדערער אידעאָלאָגישער סיסטעם, קען ווערן אנערקענט, אָדער אָפּגעוואָרפן. ס'איז א פראגע פון א פּאָליטישער איינשטעלונג. נאָר יעדער איינער פארשטייט, אז עס קאן נישט זיין קיין רייד פון צעשטערן אַן אידעאָלאָגיע מיט כוח... דעריבער איז זינלאָז, אפילו פארברעכעריש, צו פירן אזא סאָרט מלחמה אויף צו פארניכטן דעם היטלעריזם, אונטער דער פאַלשער פאָן פון דעמאָקראַטיע...

פאר די, וואָס האָבן נאָך אלץ נישט פארשטאנען מאָלאָטאָוון, האָט ער צוגעגעבן:

— מיר זענען תמיד געווען ביי דער מיינונג, אז א שטארקע דייטשלאנד איז א נייטיקער באדינג פאר א דויערהאפטן שלום אין אייראָפּע...

לייענענדיק די רעדע, האָב איך זיך געפרעגט: וואָס, אייגנטלעך, בין איך געקומען טאָן אין אייראָפּע? כ'האָב אָבער נישט געהאט קיין צייט צו טראכטן לאנג וועגן דעם.

סוף 1939 האָב איך באקומען מערערע פאראָרדענונגען, וואָס האָבן באוויזן, אז די נייע אָנפירונג אין מאָסקווע איז נישט מער פאראינטערעסירט אין אויפשטעלן

דעם רויטן אָרקעסטער. נישט נאָר וואָס מאָסקווע האָט אָפּגעשטעלט דאָס שיקן פרישע אגענטן פאַר די האַנדלס־אָפּטיילונגען פון דער פירמע ״קעניג פון קאַוטשוק״, נאָר אין די פילצאָליקע דעפּעשן, ווו יעדעס וואָרט איז געוואָרן אויפמערקזאַם דורכגעטראַכט און קאָנטראָלירט, האָט מען פון מיר פאַרלאַנגט, איך זאָל אַלאַמאַן און קענטן צוריק שיקן קיין מאָסקווע און לעאָ גראָספאָגעלן — אין די פאַראייניקטע שטאַטן... וואָס שייך מיר גופא, האָט מען פאַרגעלייגט... זיך אומצוקערן קיין מאָסקווע.

מיין תשובה איז געווען א קלאָרע און קאַטעגאָרישע: א מלחמה צווישן דייטשלאַנד און ראַטן־פאַרבאַנד איז אומפאַרמיידלעך. אויב די צענטראַלע פאַרלאַנגט, וועלן אַלאַמאַ און קענט זיך אומקערן קיין מאָסקווע. אָבער פאַר קיין פאַל זאָלט איר נישט רעכענען אויף מיר, אָדער אויף גראָספאָגעלן צו צעשטערן דאָס וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט.

דער דאָזיקער עקספּערימענט איז נישט געווען קיין פאַראיינצלטער פאַל. די צענטראַלע האָט אויך געהאַט דעצידירט צוריק צו ברענגען קיין מאָסקווע רישאַרד זאָרגע און אים פאַרטרעטן מיט אַן אומבאַקאַנטן קאָלאָנעל. צום סוף האָט די אָנפירונג זיך איבערצייגט, אז ס'איז נישט אזוי לייכט צו פאַרטרעטן אזא ווי זאָרגע און אים איבערגעלאָזט אין טאָקיאָ. פון דעם מאָמענט אָבער, האָט מאָסקווע אויף אים געוואָרפן א חשד, אז ער איז א דאָפּל־אגענט און אפילו — ווײ צו דער חרפה — א טראָצקיסט. זיינע ראַדיאָגראַמעס זענען וואָכן לאַנג געבליבן ליגן, נישט דעשיפרירט.

מאַנואילסקי האָט צו אַלע סעקציעס פון קאָמינטערן ארויסגעשיקט דירעקטיוון צו באַשטעטיקן און אויספירן סטאַלינס פּאָליטיק, וואָס לאָזט זיך רעזומירן אויף אזא אופן: די מלחמה צווישן נאַצי־דייטשלאַנד און די אַליאַנטן פראַנקרייך—ענגלאַנד איז א מלחמה צווישן צוויי אימפּעריאַליזמען. דער אַרבעטער־קלאַס האָט נישט צו דעם קיין שייכות.

אין משך פון יאָרן, האָט די אָנפירונג פון אינטערנאַציאָנאַל אויפגעקלערט, אז דער קאַמף קעגן היטלערן איז א קאַמף פון דעמאָקראַטיע קעגן באַרבאַריי. ווי נאָר ס'איז געשלאָסן געוואָרן דער פּאַקט, איז די מלחמה מיט אַמאָל געוואָרן אימפּעריאַליסטיש. די קאָמוניסטן דאַרפן פירן א געוויסע אויפקלערונג־קאַמפּאַניע קעגן קריג און שטעמפּלען די אימפּעריאַליסטישע צילן פון ענגלאַנד.

אפילו דימיטראָוו האָט זיך נישט געשעמט צו שרייבן: ״מען מוז צעשטערן די לעגענדע פון דעם כלומרשט באַרעכטיקטן כאַראַקטער פון דער אַנטי־פאַשיסטישער מלחמה״.

איך האָב געקענט פעסטשטעלן, אויף ווי ווייט די פּאָליטיק האָט דעזאָריענטירט די מיטגלידער פון דער בעלגישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. א טייל האָבן מיט א שווער געמיט זיך אונטערגעוואָרפן די דירעקטיוון. אַנדערע האָבן פאַרלאָזן די פּאַרטיי אין פאַרצווייפלונג.

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, 4.45 אין דער פרי, איז די ווערמאַכט אריין קיין פּוילן. דורך אונדזערע פאַרבינדונגען, האָבן מיר געוווסט וועגן דעם

פּאַרויסמאַרש פון די דייטשן און וועגן די אומאויפהערלעכע פאַרברעכנס, וועלכע עס זענען באַגאַנגען די היטלערישע סאָלדאַטן. ספּעציעלע ס. ס.־טרופּן האָבן אויסגעמאָרדעט טויזנטער יידן און פּאַלאַקן. דעם 18טן אָקטאָבער, בעת דעם באַזוך פון געבעלסן אין לאָדזש, האָבן לויט די אינפאָרמאַציעס וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען, היטלערישע באַנדיטן אָרגאַניזירט אַ פּאָגראָם און געוואָרפן יידישע קינדער דורך די פענצטער.

אין דער זעלבער צייט, האָט די רויטע אַרמיי, וועמען איך האָב געהאַט דעם כבוד צו דינען, פאַרנומען דעם אַנדערן טייל פון דער צעטיילטער פּוילן. מאָלאָטאָוו האָט געשיקט אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע ריבענטראָפּן, אין שייכות מיט דעם אויסערגעוויינלעכן נצחון פון דער דייטשער אַרמיי, וועלכע האָט אַזוי אָרום „אָפּגעווישט די שאַנדע פון ווערסאַלער טראַקטאַט". ווי קלאָר האָבן איצט אויסגעזען די סיבות, וואָס האָבן באַוויגן סטאַלינען מיט אַ יאָר פריער צו ליקווידירן די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. די פּוילישע קאָמוניסטן וואָלטן בשום אופן ניט מסכים געווען מיט אַזאַ פּאַראַט. זיי האָבן דאָס באַוויזן אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, בעת די אַרעסטירטע קאָמוניסטן האָבן געפאָדערט זייער באַפרייונג, כדי גיין אויפן פראָנט צו קעמפן קעגן די דייטשן.

סטאַלינס כוונות האָבן זיך אַרויסגעוויזן נאָך קלאָרער, ווען איין חודש נאָכן אונטערשרייבן דעם פּאַקט, דעם 28סטן סעפּטעמבער 1939, האָבן ראַטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד געשלאָסן אַ פריינדשאַפט־אָפּמאַך. אין די לעצטע 3 חדשים פון 39סטן יאָר, זענען געפירט געוואָרן כסדרדיקע פאַרהאַנדלונגען צווישן דריטן רייך און דעם ראַטן־פאַרבאַנד, וועגן איינטיילן די איינפלוס־ספערן צווישןביידע לענדער נאָך דייטשלאַנדס נצחון איבער ענגלאַנד.

אין דעם דאָזיקן שטורעם, אין וועלכן אמונות און אידעאַלן האָבן באַקומען זייער אָפּלייקענונג פון דער געשיכטע, האָבן מיר, וואָס האָבן געשאַפן דעם קערן פון דער רויטער קאַפּעליע, געקלאַמערט זיך פעסט אין איין געדאַנק: אַ וועלכע עס זאָל נישט זיין סטאַלינס אַקראָבאַטיק, די מלחמה מיט דייטשלאַנד איז אומפאַרמיידלעך. דאָס איז געווען דער קאָמפּאַס, וואָס האָט אונדז נישט געלאָזט דערטרונקען ווערן אין דעם שטורעם. וואָס עס זאָל נישט פּאַסירן, דאַרפן מיר זיך אויפהאַלטן.

מיר האָבן געקענט אַריינפאַלן אין פאַרשידענע שטימונגען, אָבער פון דער שליחות, וועלכע מיר האָבן גענומען אויף זיך, האָט מען נישט געטאָרט דעזערטירן. נאָך מער: עס קאָן גרייליך זיין, אַז גראָד דאָס האָט זיך מאָסקווע געוווּנטשן!

די פּרוּוון פון דער צענטראַלע אונדז איבערצוצייגן, מיר זאָלן אויפגעבן אונדזער אַרבעט, זענען געבליבן אָן רעזולטאַטן. מיין פרוי וואָס האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, איז געוואָרן אינפאָרמירט פון דער צענטראַלע סוף 1940, אַז בקרוב קום איך צוריק... פון יענער צייט און שפּעטער, האָב איך באַקומען דירעקטיוון, וואָס האָבן גאָר נישט געהאַט צו טאָן מיטן רויטן אָרקעסטער און אַפילו געשטעלט אין געפאַר זיין עקזיסטענץ און צילן.

די ערשטע אויפגאַבע, וואָס מ'האָט פון מיר פאַרלאַנגט איז געווען, כ'זאָל

איבערשיקן די געלטער קיין טאָקיאָ פאַר רישאַרד זאָרגע. אויסנוצנדיק מיינע פאַרבינדונגען מיט די האָלענדישע בענק, האָב איך מיט פאַרגעניגן אויסגעפירט די מיסיע. איך האָב געקענט זאָרגען און אָפּגעשאַצט זיין חכמה און קלאָר־זעעוודיקייט.

סוף 1939 האָט דער צענטער געשיקט פיר אַגענטן מיט אורוגווייער פּאַספּאָרטן און פאַרלאַנגט איך זאָל זיי אַריבערפעקלען קיין אַמעריקע. די אָפּשטאַמיקע פון דרום־אַמעריקע, וואָס האָבן געוואָלט פאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן געמוזט בעטן אַ דערלויבעניש ביי די קאָנסולאַטן פון זייערע לענדער. מאָסקווע איז דער פּרט נישט געווען באַקאַנט. פון די פיר כלומרשטע אורוגוואַיער בירגער, האָט נאָר איינער גערעדט שפּאַניש און געקענט אַ ביסל דאָס לעבן פון לאַנד. ער האָט ריזיקירט צו בעטן זיין וויזע אין קאָנסולאַט, אָבער וואָס טוט מען מיט די אַנדערע דריי, אַלע יונגע אָפיצירן, וואָס אויסער שפּאַניע, האָבן זיי נאָך קיינמאָל נישט געררייזט אין אייראָפּע? אין דער אונטערשטער שורה האָט מאָסקווע באַפוילן זיי צוריק צו שיקן.

די פעלערן האָבן געשטאַרקט מיין מיינונג, אַז די אָנפירונג פון דער געהיים־דינסט שטייט נישט אויף דער געהעריקער הויך. די יונגע מענטשן, וועלכע זיי האָבן געשיקט צו מיר, זענען געווען פעיקע, אינטעליגענטע, מוטיקע, אָבער לגמרי נישט צוגעגרייט פאַר שפּיאָנאַזש־טעטיקייט.

ענדלעך האָב איך באַקומען דירעקטיוון, וואָס האָבן מיך דערשטוינט. מאָסקווע פאַרלאַנגט ביי מיר אויפצושטעלן אַ "פאַבריק פון שיך". אין דער שפּראַך פון דער געהיים־דינסט ווערן דורך "שיך" באַצייכנט פאַלשע דאָקומענטן, און דעם פעלשער רופט מען "שוסטער".

אַזאַ אונטערנעמונג איז פון איר עצם כאַראַקטער געפערלעך. עס בלייבן שפּורן, אַזאַ "געזוילטער" פּאַספּאָרט, פריער אָדער שפּעטער, פאַלט אַריין אין די הענט פון דער פּאָליציי. די הויפּט־געפאַר איז געווען, וואָס די "שיך־פאַבריקאַציע" וועט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם בעלגישן קאָנטער־שפּיאָנאַזש אויף אונדזער גרופּע. באַפעל איז אָבער באַפעל — אין דער געהיים־דינסט, ווי אין דער אַרמיי — און ס'איז נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה, ווי דאָס אויסצופירן.

גראָספּאָגעל, וואָס האָט צו אונדזער מזל, תמיד געהאַט פאַרבינדונגען אומעטום (מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז ער האָט זיך געפונען אין בעלגיע פון יאָר 1928) האָט גלייך אויסגעפונען אַ זעלטענע "פּערל", אַ געוויסער אַבֿרהם רייכמאַן, וואָס איז אָן שום ספק, געווען אין בעלגיע דער טאַלאַנטירטער "שוסטער". אויב איך מאַך נישט קיין טעות, האָט דער רייכמאַן זיך אויסגעלערנט דאָס פאַך נאָך אין בערלין, אין דעם אַפּאַראַט פון קאָמינטערן, ווו די פאַבריקאַציע פון פאַלשע דאָקומענטן איז דערהויבן געוואָרן צו אַ ממשותדיקער אינדוסטריע. מיט זיין דערפאַרונג, האָט אַבֿרהם רייכמאַן זיך איינגעאָרדנט אַ זעלבשטענדיקע "שיך פאַבריקאַציע" אויף זיין אייגענעם חשבון, העלפנדיק מיט דאָקומענטן די אימיגרירטע יידן פון דייטשלאַנד. טראָץ זיין התחייבות צו פאַרלאָזן די "פּערזענלעכע" באַשעפטיקונגען, האָב איך צוליב פּאַרזיכטיקייט באַשלאָסן צו האַלטן אים אויסער אונדזער גרופּע. מיר האָבן געהאַט באַוויזן, אַז ער האָט אונטערגעקויפט פיל

באַאמטע פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנסולאַטן, וואָס האָבן אים געליפערט נישט נאָר ריכטיקע פּאַספּאָרטן, נאָך אויך בירגערשאַפט־פּאַפּירן. זיין מסחר האָט ער דערגרייכט מיט צוריק נעמען די פּאַספּאָרטן פון די אייראָפּייער, נאָך זייער אָנקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דאָס בעסטע שטיקל אַרבעט האָט ער, אָן צווייפל, אָפּגעטאָן אין לוקסעמבורג, וווּ ער האָט אין א מלוכהשער דרוקערײַ באַקומען א פּעקל נײַע פּאַספּאָרטן. נאָר פון "צו פיל קלאַפּן טשוועקעס אין די זוילן", האָט זיך רײַכמאַן צעקאַלעטשעט. אַן אײַפערזיכטיקער קאָנקורענט האָט אים געמסרט און ער איז געוואָרן אַרעסטירט. די פּאָליצײַ האָט בעת דער רעוויזיע אַנטדעקט נײַע, נאָך נישט גענוצטע פּאַספּאָרטן.

אויפן פּראָצעס האָט ער דערקלערט די ריכטער, אַז ער איז א קאָלעקציאָנער פון פּאַספּאָרטן, פּונקט ווי אַנדערע קאָלעקציאָנירן זומער־פייגעלעך אָדער פּאָסט־מאַרקן. צוליבן מאַנגל אין באַווײַזן, איז ער געוואָרן באַפרײַט. פאַר דער צײַט וואָס ער האָט זיך געפונען אין תּפיסה, האָבן מיר אים געהאָלפן צו דינגען דעם בעסטן אַדוואָקאַט און גלײַכצײַטיק זיך פאַרנומען מיט זיין פאַמיליע, וועלכע איז געבליבן אָן מיטלען צום לעבן. שטאַרק גערירט פון אונדזער זאָרג פאַר אים, האָט ער דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן. מיר האָבן אויסגעמיטן קאָנסעקווענט אים אײַנצושליסן דירעקט אין אונדזער גרופּע. מיר האָבן אָבער ברייט אָפּגעשאַצט זיין חכמה, זיין עקשנותדיק שווײַגן און אים גענומען באַטראַכטן ווי א נוצלעכן עלעמענט.

אַלנפאַלס, דאָס איז געווען דער סוף פון דער "שיף פאַבריקאַציע", צו וועלכער כ'האָב זיך אָגב כּסדר באַצויגן מיט אומצוטרוי: דער צענטער האָט באַקומען אַזוי פיל פּאַספּאָרטן, אַז ס'איז שוין געבליבן א רעזערוו אויף יאָרן.

4 אין שלאכט

אין פרילינג 1940 איז געוואָרן קלאָר, אז די "זיץ־מלחמה" וועט נישט אויסהאַלטן ביז זומער.

פאַרשידענע פּרטים פון דייטשן אַנגריף־פּלאַן זענען צו אונדז דערגאַנגען און אונדז איבערצייגט אין דער עפעקטיוויקייט פון דער פאַרויסגעזעענער אַטאַקע. די אומגליקלעכע בעלגער האָבן געוווּסט אויף וואָס פאַר א געפאַרן זיי זענען אויסגעשטעלט. די נייטראַליטעט פון זייער לאַנד איז געווען בלויז א דינער רויך־פאַרהאַנג קעגן די טאַנקען פון דער ווערמאַכט. נאָכן לאָזן אויף הפקר די אומגליקלעכע פּוילן, האָט זיך שוין קיינער נישט געמאַכט קיין אילוזיעס וועגן דער מיליטערישער הילף פון פראַנקרייך און ענגלאַנד. ווען די דייטשן האָבן זיך געוואָרפן אויף פּוילן, האָט די פראַנצויזישע אַרמיי אפילו קיין איין מינוט נישט געטראַכט צו אַטאַקירן די כמעט אויסגעליידיקטע זיגפריד־ליניע. אזא אָפענסיווע וואָלט דאָך געווען די איינציקע מעגלעכקייט צו פאַרלייכטערן דער פּוילישער אַרמיי, אַנטקעגן דעם איבערוויגנדיקן און אַנטשיידנדיקן כּוח פון דער ווערמאַכט. מעגלעך, אז אין טאַקטישן הינזיכט, וואָלט אזא אינטערווענץ געהאַט ערנסטע קאָנסעקווענצן. היטלער, געפינענדיק זיך פאַר צוויי פראָנטן, וואָלט געווען געצוווּנגען זיך צוריק צו ציען.

ביי דער געלעגנהייט האָלט איך פאַר נייטיק צו מאַכן א וויכטיקע דערקלערונג קעגן א באַשולדיקונג, וואָס געוויסע "ספּעציאַליסטן" פון רויטן אָרקעסטער האָבן קעגן אים אַרויסגעבראַכט: לויט יענע "גוט אינפאָרמירטע", זאָלן מיר האָבן אויפגעדעקט פאַר מאָסקווע די מלחמה־פּלענער פון פראַנקרייך, באַזונדערס דעם פּלאַן פון גענעראַל וויגאַן צו אַטאַקירן באַקו דורך ביירוט. איך פּראָטעסטיר ענערגיש קעגן אַזעלכע באַשולדיקונגען. אויף צו באַווייזן די לעכערלעכקייט פון אַזעלכע השערות, איז גענוג צו דערמאָנען, אז די פראַנצויזישע צייטונגען פון יענער צייט זענען פול געווען מיט פאַרשידענע פּלענער און פּראָיעקטן און ס'איז נישט געווען נייטיק אז א שפּיאָנאַזש־פאַקטאָר זאָל זיך דערמיט פאַרנעמען. פון אזא אָפענעם שקר, האָפט מען, וועט דאָך עפּעס בלייבן... דערקלער איך איין מאָל פאַר אַלע מאָל: ניין, ניין און ניין! ביז מאַי 1940, האָט מאָסקווע קיין איין מאָל נישט פאַרלאַנגט ביי מיר קיין שום ידיעות וועגן פראַנקרייך. וואַרשיינלעך, האָבן זיי געהאַט אַנדערע אינפאָרמאַציע־קוועלן.

אפילו די ווייניקער אָביעקטיווע היסטאָריקערס וועלן מודה זיין, אז נאָך מינכען, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג זיך געגרייט צו נאָך א קאַפּיטולאַציע. באַשיצט פון דער מאַזשינאָ-ליניע (א פאַרטיידיקונג-ליניע, וועלכע האָט זיך געענדיקט ביי דער בעלגישער גרענעץ, צוליב דער נייטראַליטעט פון דעם לאַנד) האָט דער פראַנצויזישער גענעראַל-שטאַב זיך געפילט גאָר זיכער. האָבן די פראַנצויזן דען נישט געוווּסט וועגן די דייטשע פּלענער? אין דער אמתן, האָבן נישט געפעלט קיין באַריכטן, וועלכע האָבן אויפגעדעקט די דייטשע כוונות, אָבער די פראַנצויזישע רעגירונג האָט זיי נישט גענומען אין באַטראַכט. דאָס איז ווי די מעשה פון יענעם בעל-הבית, וועמענס הויז הייבט אָן ברענען, נאָר ער פאַריאָגט די פייערלעשער, זיי זאָלן אים נישט באַלעסטיקן...

אוודאי זענען אונדז געווען באַקאַנט אַנדערע דראַמאַטישע ביישפּילן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין משך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. טראָץ די וואָרענונגען פון רישאַרד זאָרגע און א יוגאָסלאַווישן זשורנאַליסט, וואָס האָט אים געהאָלפן, וועגן דעם נאָענטן איבערפאַל פון יאַפּאַן אויף פּירל האַרבאָר, האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג נישט אָנגענומען קיין פאַרטיידיקונג-מיטלען. (פאַראַן א השערה, אז רוזוועלט האָט באַוווּסטזיניק אריינגעצויגן יאַפּאַן אין פּירל האַרבאָר, כדי צו שאַפן א פּרעטעקסט פאַר א קאָנפליקט).

דעם 10.5.1940, באַגינען, האָט די ווערמאַכט אַטאַקירט אויף מערב. דעם זעלבן אין דער פרי האָט זי באָמבאַרדירט בריסל. כ׳בין גראָד געזעסן ביי קענטן, כדי רעדאַגירן מיין ערשטע שיפרירטע דעפּעשע וועגן די פיינטלעכע אָפּעראַציעס.

בעת מיין אָפּוועזנהייט, זענען דריי בעלגישע פּאָליציי-אָפיצירן געקומען אין אונדזער דירה אויף רישאַר-נויבערג, וווּ כ׳האָב געוווינט מיט לובאַן פון יאָר 1938, און דערקלערט, אז זיי האָבן א פאַראָרדענונג צו אינטערנירן אונדז אין א לאַגער. מיר דאַרפן מיטנעמען וועש און שפּייז אויף א טאָג-צוויי. די סיבה? הגם מיר זענען נאַטוראַליזירטע קאַנאַדער, זענען מיר, לויט זיי, אָפּשטאַמיקע פון דייטשלאַנד. בעלגיע האָט באַשלאָסן צו אינטערנירן אַלע אָפּשטאַמיקע פון דריטן רייך, וואָס געפינען זיך אויף איר טעריטאָריע. דאָס איז געווען א קריטישער מאָמענט.

נישט פאַרלירנדיק דעם קאָפּ, האָט לובא פאַרבעטן די דריי פּאָליציי-לייט אין סאַלאָן און זיי אויפגעקלערט, אז די שטאָט סאַמבאָר פון וואַנען מיר שטאַמען, געפינט זיך אין פּוילן, אויף דער פּוילישער טעריטאָריע. זי האָט זיי געוויזן די ענציקלאָפּעדיע "לאַרוס", אין וועלכער די אינספּעקטאָרן האָבן זיך געקענט איבערצייגן. נישט זייענדיק אין גאַנצן זיכער, זענען זיי אוועק "נעמען אינסטרוקציעס".

מיר האָבן געהאַט מזל... כ׳בין אָנגעקומען נאָך זייער אַוועקגיין. דערוויסנדיק זיך פון מיין פרוי די געשיכטע, האָב איך זי קודם געלויבט פאַר דער שכלדיקער האַנדלונג און באַשלאָסן מערער נישט וואַרטן, נאָר תיכף פאַרלאָזן די וווינונג. די פּאָליציי וועט זיכער צוריק קומען און דאָס מאָל וועלן זיי אונדז נישט אָפּלאָזן. מיר האָבן אויף שנעל פאַרפּאַקט די טשעמאָדאַנעס און פאַרלאָזן דאָס הויז. די ערשטע אויפגאַבע וואָס האָט זיך פאַר מיר געשטעלט: באַזאָרגן לובאַן מיטן זון אויף א

זיכער אָרט. נאָך א באראטונג מיט גראָספּאָגעלן, איז אונדזער אויסוואל געפאלן אויף דער סאָוועטישער האנדלס־דעלעגאציע. דער פארבינדונגס־מאן מיט וועמען כ׳האָב זיך געשטעלט אין קאָנטאקט, האָט אָרגאניזירט דעם איבערגאנג. די סאָוועטישע האנדלס־דעלעגאציע און די אמבאסאדע, זענען פון דער פרי געווען ארומגערינגלט פון דער בעלגישער פּאָליציי. לובא מיטן זון זענען אדורך די וואָכן אין אן אויטאָ פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, און דאָרט פארבליבן צוויי וואָכן, ביז כ׳האָב זיי איינגעאָרדנט אין א געהיימער וווינונג. אין א צייט ארום, זענען זיי צוריק געפארן קיין ראטן־פארבאנד. דאקעגן איך בין אוועק צו לעאָנען, וואָס האָט געוווינט נישט ווייט פון מיר און פון אים ארויס מיט נייע דאָקומענטן, אויפן נאָמען זשאָן זשילבער, אינדוסטריעלער, געבוירן אין אנטווערפּן. אויך לעאָ איז פארוואנדלט געוואָרן אין א סוחר מיטן נאָמען פּיפּער, א געבוירענער אין אנטווערפּן. אזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער אונטערערדיש לעבן.

ווי ס׳איז געווען פּאָרויסצוזען, איז צו מאָרגנס געקומען די בעלגישע פּאָליציי מיט א פּאָרמעלער פאראָרדענונג אונדז צו נעמען. נאָר ס׳איז שוין געווען שפּעט. עס האָט נישט געפעלט קיין סך, אז מיין קאריערע אלס געהיים־אגענט זאָל זיך געווען ענדיקן באלד אין ערשטן טאָג פון קאמף.

די פּאָליציי האָט מיך נאָך געזוכט עטלעכע טעג. זיי האָבן אָנגעלאפט אין טיר ביי מיין אמעריקאנער פריינדין, זשעאָרזשי דע־ווינטער, מיט וועמען כ׳האָב זיך באקענט מיט א קורצער צייט צוריק און אָפּט באגעגנט.

— איר האָט נישט געזען לעצטנס דעם הער מיקלער ? — האָבן זיי געפרעגט.

— ער איז דאָך א דייטש !

— איר מאכט א טעות, ער איז א קאנאדער !

— א קאנאדער ? ער איז אזוי א קאנאדער, ווי איר זייט א בעלגישע !

אין משך פון דער צייט האָט די מיליטערישע לאגע זיך פארשארפט. אפילו די גאָר פּעסימיסטישע אָבסערוואטאָרן האָבן נישט געגלויבט, אז דער פּאָרויסמארש פון די דייטשן זאָל פּאָרקומען מיט אזא שנעלקייט. דעם 13טן מאי האָבן די מיליטערישע איינהייטן פון דער ווערמאכט פּאָרסירט דעם טייך מעוז אין בעלגיע און אין פראנקרייך זענען די טאנקן פון גענעראל גודעריאן טיף אריינגעדרונגען קיין סעדאן. די דעמאָראליזירטע ציווילע באפעלקערונג איז געוואָרן עמפּינדלעך אויף דער קלענסטער באוועגונג און פּראָוואָקאַציע, זייענדיק באהערשט פון א קרענקלעכן שפּיאָנאַזש־פּסיכאָז. דייטשע אגענטן פון דער פינפטער קאָלאָנע, ווערן מיט פאראשוטן אראָפּגעלאָזט פון מיסטעריעזע עראָפּלאנען. זיי פאלן פון הימל ווי הארבסט־בלעטער. כ׳ווייס נישט צוליב וועלכע סיבות — פּסיכיאטערס און ספּעציאליסטן פון מאסן־פּסיכאָלאָגיע וועלן עס אפשר קענען דערקלערן — מ׳האָט חושד געווען גלחים, אז זיי זענען איבערגעטוענע היטלער־אגענטן... דעם 11טן מאי, אויפן ברוקער־פּלאץ אין בריסל, בין איך געווען אן עדות פון אזא אומגלויבלעכן ספּעקטאקל : א היסטערישער און צעיושעטער עולם, האָט זיך געוואָרפן אויף א יונגן גלח, אים אויפגעהויבן די סוטאנע צו זען צי ער טראָגט נישט אַמאָל א דייטשן אוניפאָרם. ענלעכע סצענעס מיט נאָנעס — האָב איך נישט

געזען, נאָר איך האָב געוווּסט, אַז אויך זיי ווערן פאַרדעכטיקט, אַז אונטער זייערע מלבושים באַהאַלטן זיך אויס דייטשע אַגענטן.

אונטערן איינדרוק פון דער פּאַניק, מיט וועלכער ס'האָט זיך אָנגעשטעקט איינער פון אַנדערן, האָבן די בעלגער אַלץ איבערגעלאָזן און אין די טויזנטער געלאָפן קיין פראַנקרייך. די אָפיציעלע קאָמוניקאַטן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג. שטעט, וועלכע זענען שוין געווען אָקופּירט, זענען געוואָרן אָנגעגעבן ווי פריי. די ענגלישע סאָלדאַטן, וועלכע איך האָב געזען מיט א צען טעג פריער, האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אויפרייסן די בריקלעך איבער די קליינע קאַנאַלן אין בריסל און אַזוי אַרום געהאַפּט איינצוהאַלטן דעם פאַרויסמאַרש פון די דייטשן. אָבער מיט די בריקן האָבן אויך עקספּלאָדירט די הייזער אַרום, וואָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די דעמאָראַליזאַציע פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט איינגעזען, אַז די אַליאַנטן זענען שוין נישט בכוח צו העלפן.

דאָס געבויע באַכפאַלגן נאָך דעם דאָזיקן בליץ־קריג, איז פאַר מיר געווען א ווערטפולע לעקציע, וועלכע איך האָב באַשלאָסן איבערצושיקן אין א געבויעם באַריכט דעם צענטער. אָבער פאַר אַלעמען איז געוואָרן נייטיק צו לאָזן אין גאַנג אונדזער ראַדיאָ־סטאַציע. דער זענדער איז געווען באַהאַלטן אין קנאָקע, אין א ווילע, וועלכע מיר האָבן געדונגען פאַר דעם צוועק. איבערפירן דעם זענדער קיין בריסל, אין סאַמע ברען פון קריג, איז געווען פאַרבונדן מיט קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. קנאָקע איז נאָך נישט געווען אָקופּירט, און מיר האָבן נאָך געהאַט אַלע שאַנסן דאָס אַדורכצופירן, בתנאי, אַז עס זאָל געמאַכט ווערן וואָס שנעלער. כ'האָב פאַרלאַנגט פון אַלאַמאַן, ער זאָל ברענגען דעם זענדער מיט דער איינריכטונג. ער אָבער האָט זיך נישט געאײַלט און געמאַכט אַן אומוועג דורך אָסטענדע, וווּ ער האָט זיך פאַרהאַלטן ביי זיין פריינדין, מאַדאַם האַריקס, וואָס האָט נאָך דאָרט געפירט אונדזער פיליע. ווען אַלאַמאָ איז גרייט געווען צו לאָזן זיך קיין קנאָקע, איז שוין געווען צו שפּעט...

לעאָ גראָספאָגעל און איך האָבן דעריבער געמוזט אָנהייבן אָרגאַניזירן אַלץ פון דאָס ניי. מיר האָבן נאָך אַמאָל דורכגעטראַכט די אופנים, ווי אַזוי אויסצומיידן די געפאַרן ביים ברענגען דעם זענדער. נאָך א ישוב־הדעת, האָבן מיר זיך געוואָנדן צו א מיטאַרבעטער פון בולגאַרישן קאָנסולאַט אין בריסל, מיט וועמען מיר האָבן זיך געפונען אין גוטע באַציונגען. פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט נישט געוווּסט פון אונדזער טעטיקייט. בולגאַריע איז צו יענער צייט געווען א פאַרבינדעטע פון דייטשלאַנד. דאָס האָט געמיינט, אַז ער קען אומגעשטערט זיך באַוועגן מיט זיין אויטאָ. מיר האָבן געבעטן, אַז ער זאָל מיט אונדז פאָרן אַרויסנעמען ווערטפולע זאַכן, וועלכע מיר האָבן געלאָזן אין א ווילע ביי קנאָקע, ווייל מיר שרעקן זיך, מ'זאָל זיי נישט צערויבן. ער האָט מסכים געווען — און מיר פאָרן נאָך קנאָקע.

קנאָקע איז געווען פולשטענדיק אויסגעליידיקט, אין די הייזער האָט שוין ווער אַדורכגעפירט זוכונגען. אויך אונדזער הויז איז געוואָרן פולשטענדיק אויסגערויבט, ליידיק פון מעבל. די שאַנק, אין וועלכער מיר האָבן איינגעאָרדנט א באַהעלטעניש

פאַרן זענדער, איז וואַרשיינלעך צוליב איר אומנאַטירלעכער גרויס, געבליבן אויפן אָרט. די שאַנק איז געווען ליידיק און די באַהעלטעניש מיט דעם זענדער האָבן זיי נישט אַנטדעקט. די ווערטפולע וואַליזע האָט מען נישט גערירט פון אָרט.

מיר האָבן אַריינגעלייגט אונדזער באַגאַזש אינעם אויטאָ פון בולגאַרישן דיפּלאָמאַט. אויפן וועג צוריק, האָבן מיר אָנגעטראָפן נאָר דייטשע אויטאָס. אויף געוויסע ערטער זענען געווען קאָנטראָל־פונקטן, וועלכע מיר זענען אַדורך בשלום, אפילו מיט כבוד, ווייל די דייטשע סאָלדאַטן האָבן סאַלוטירט, דערזעענדיק דאָס דיפּלאָמאַטישע שילדל...

אויפן מיטן וועג קיין בריסל, איז דער אויטאָ מיט אַמאָל געבליבן שטיין און נישט געקענט ווייטער פאָרן. מיר זענען אַרויס פון אויטאָ מיט דעם טשעמאָדאַן און פּרובירט כאַפּן אַ "טרעמפּ". וואָס פאַר אַ ספּעקטאַקל! צוויי סאָוועטישע אַגענטן, באַלאָדן מיט אַ געהיימען זענדער־אַפּאַראַט, אין באַגלייטונג פון אַ בולגאַרישן דיפּלאָמאַט, פּרובירן אָפּשטעלן פאַרבייפאָרנדיקע דייטשע אויטאָס. צום סוף האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ לוקסוס־אויטאָמאָביל, אָנגעפּאַקט מיט העכערע ס.ס.־אָפיצירן. זיי האָבן אונדז אויסגעפרעגט, באַפרידיקט זיך מיט די ענטפערס — און מיר זענען אַריין אינעווייניק. איינער פון די אָפיצירן האָט געהייסן דעם שאָפער אַריינלייגן אונדזער טשעמאָדאַן אין דעם באַגאַזש־קאַסטן. מיר זעצן פאָר דעם וועג אין אַ פריינדלעכן שמועס. ווי זאָגט מען דען אָפּ אַן אַליאירטן בולגאַר? נאָכן איבערצייגן אונדזערע אַרויסהעלפערס, אַז ס'האָט נישט קיין זין צו באַגלייטן אונדז צו דער וווינונג, זענען מיר אַריין אין אַ קאַפע־הויז, וווּ מיר האָבן די באַגעגעניש און אויך די צעשיידונג מיט זיי, געפייערט מיט אַ שטאַרקן קאָניאַק! ענדלעך האָט אַ טאַקסי אונדז צוגעפירט צו דער וווינונג, וועלכע איז געוואָרן דער פרישער מקום מקלט. ווען אָבער אַלאַמאָ האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז דער זענדער־אַפּאַראַט פונקציאָנירט נישט. מיר האָבן זיך ווידער געמוזט ווענדן צום האַנדלס־אַטאַשע, ער זאָל איבערשיקן אונדזער באַריכט וועגן די מיליטערישע אַנטוויקלונגען.

אונדזער "עקספּעדיציע" נאָך קנאַקע האָט געהאַט די מעלה, וואָס זי האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק פון אַנדערע אויספלוגן: היות מיר האָבן אָן שטערונגען געררייזט מיט דעם אויטאָ פון אונדזער בולגאַרישן פריינד, טאָ פאַרוואָס נישט באַזוכן דעם פראַנט גופא, וווּ ס'גייען אָן די שלאַכטן? כ'האָב וועגן דעם געשמועסט מיט אונדזער דיפּלאָמאַט און אים אויפגעקלערט, אַז פאַר אונדז איז וויכטיק צו באַזוכן די אָפּטיילונגען פון אונדזער פירמע "דער קעניג פון קאַוטשוק", וועלכע געפינען זיך אין פאַרשידענע שטעט פון צפון־פראַנקרייך. היות דער מאַן איז געווען אַ ליבהאָבער פון אויספלוגן, געהאַט פרייע צייט און איז אויך גרייט געווען צו טאָן אַ טובה, האָט ער זיך געשטעלט צו אונדזער דיספּאָזיציע, צוגעבנדיק, אַז ער וועט גלייכצייטיק אויסנוצן די געלעגנהייט צו באַזוכן זיינע לאַנדסלייט אין דער געגנט. אַזוי האָבן מיר דעם 18טן מאַי פאַרלאָזן בריסל, אויסגעשטאַט מיט אַ רייזע־דערלויבעניש, וועלכע האָט פאַר אונדז געעפנט טירן און וועגן.

די נסיעה האָט געדויערט צען טעג. מיר האָבן אויסגענוצט דעם דורכברוך

פון דער ווערמאכט אין סעדאן, האָבן נאָכגעפאָלגט די שלאכטן ארום אבעוויל און דעם אָנגריף אויף דיונקערק. צוריק קומענדיק אין דער בעלגישער הויפּטשטאָט, האָב איך אָנגעשריבן א ראַפּאָרט פון 24 זייטן, אין וועלכן כ'האָב רעזומירט אלץ וואָס כ'האָב געזען און געלערנט פון דעם בליץ־קריג: די טיפּע דורכריסן פון פּאנצער־געווער אין הינטערלאנד פון שונא. דאָס באָמבארדירן סטראטעגישע פּונקטן. דער מעכאניזם פון פארבינדונגען פונעם פראָנט מיטן היבטערלאנד אאז״וו. די צען טעג, וועלכע מיר האָבן אדורכגעמאכט צוזאמען מיט די טעווטאָנישע זעלנער האָבן מיך איבערצייגט, אז ס'איז זייער לייכט צו שטעלן זיך מיט זיי אין פארבינדונג. די פּשוטע סאָלדאטן און אָפיצירן שיכורן און פלאפלען א סך, די מאָראַל פון זיגערס שטויסט זיי צו בארימעריי. זיי האָפן, אז סוף יאָר וועט די מלחמה מיט פראנקרייך און ענגלאנד זיין געענדיקט. נאָך דעם וועלן זיי זיך נעמען צום ראטן־פארבאנד. דער פּלאן איז געווען פיקס־און־פארטיק...

ביי די ס.ס. אָפיצירן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך שפּעטער געטראָפן, איז די מיינונג געווען אַן אנדערע. לויט זיי, וועט די מלחמה מיטן ראטן־פארבאנד נישט צושטאנד קומען. די דאָזיקע מיינונג איז ווארשיינלעך געווען א רעזולטאט פון דער נאצי־פּראָפּאָגאנדע, וועגן וועלכער ס'האָט אויך געשריבן די סאָוועטישע פּרעסע. צו יענער צייט איז געווען א מאָדע אין רוסלאנד אונטערצושטרייכן די פריינדשאפט מיט דייטשלאנד [1]. די זעלבע דערשיינונג איז אויך געווען אויף דער צווייטער זייט; געבעלס גופא האָט פון זיינע דעמאגאָגישע רעדעס אויסגעמעקט יעטוועדן סימן פון אנטי־סאָוועטיזם. אין משך פון די טרויעריקע חדשים, איז אונדז נישט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן פון דייטשע אָפיצירן דעם אומדערטרעגלעכן פארגלייך פון היטלער־רעזשים מיטן סטאלינישן רעזשים. ווערליק זיי, איז נישט פאראן קיין גרונטיקער חילוק צווישן נאציאָנאל־סאָציאליזם און דעם ״נאציאָנאלן סאָציאליזם״. זיי האָבן אונדז אויפגעוויזן, אז ביידע האָבן דעם זעלבן ציל, הגם די וועגן צו אים זענען נישט די זעלבע.

מיר ווילן בעסער נישט וויסן, וועלכע אָפּשטויסנדיקע כוונות האָבן זיך באהאלטן אונטער זייער באגריף וועגן סאָציאליזם. איך זע נאָך פאר מיר דעם דייטשן אָפיציר, וואָס האָט פאטשנדיק מיט דער האנט איבערן דעק פון זיין אויטאָ זיך צעשריגן:

— אויב אונדז איז געלונגען די אָפענסיווע, וועלכע האָט איבערגעשטיגן אלע דערוואַרטונגען, איז דאָס צו פארדאנקען דער הילף פון ראטן־פארבאנד, וועלכע האָט געליפערט ברענשטאָף פאר אונדזערע טאנקען, לעדער פאר אונדזערע שיך און תבואה פון אונדזערע שפייכלערס!...

---

1) אין די אינטערנירונגס־לאַגערן אין רוסלאנד איז ארויסגעשיקט געוואָרן א צירקולאַר, וועלכער פארווערט די וועכטערס צו רופן די פּאָליטישע געפאנגענע ״פאשיסטן״. דער אויסדרוק איז געוואָרן פארבאטן!

5 די ערשטע שריט

די מלחמה האָט זיך דערווייטערט אויף דרום און מיר האָבן געטראַכט, ווי אַזוי איר נאָכצופאָלגן מיט אַ צווייטער "אינספּעקציע־רייזע". דאָס מאָל פאַרנעמען מיר זיך אויף פּאַריז. אונדזער טרייער בולגאַרישער פריינד פּעטראָוו פירט ווידער דעם אויטאָ.

מיר זענען אָנגעקומען אין פראַנקרייכס הויפּטשטאָט עטלעכע טעג נאָך דעם ווי עס זענען דאָרט אַריין די דייטשן. דאָס איז געווען אַ דערדריקנדיק בילד: פענער מיט די האַקנקרייצן האָבן געפלאַטערט אין שטאָט, אין וועלכער מ'האָט נאָר געזען די גרין־גרויע אוניפאָרמען פון דייטשן מיליטער. און די פּאַריזער גופא, ווי זיי וואָלטן אַליין פאַרשווונדן פון די גאַסן, כדי נישט צוזען די חרפּה פונעם אַריינמאַרש פון די אָקופּאַנטן.

מיר האָבן נאָך פריער באַשלאָסן איינצושטעלן אין פּאַריז דעם הויפּט־שטאַב פון רויטן אָרקעסטער און אָנגעהויבן טראַכטן וועגן די ערשטע פאַרבינדונגען. גראָספּאָגעל און איך האָבן סוף חודש יוני אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון איינעם פון אונדזערע פאַרבינדלערס, אַן אָנגעשטעלטער אין דער שוועדישער אַמבאַסאַדע אין בעלגיע, איבערצופירן קיין ווישי, אין שליחות פון רויטן קרייץ, עטלעכע הונדערט פּאָסט־קאַרטלעך פון פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע צו זייערע פאַמיליעס.

די רייזע האָבן מיר געמאַכט אין אַן אויטאָ פון שוועדישן רויטן־קרייץ. אין ווישי, האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט געלייענט די קאַרטלעך, פול מיט הארבע באַשולדיקונגען קעגן גענעראַל־שטאַב און דער פראַנצויזישער רעגירונג; טייל סאָלדאַטן האָבן זיך אפילו נישט אָפּגעהאַלטן פון באַשולדיקן די ציווילע און מיליטערישע אָנפירונג אין פאַראַט. אין ווישי האָט געהערשט אַ שרעקלעכער באַלאַגאַן. די פּאָליטיקער האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע דאגות, שעפנדיק פרישע כוחות אין די הייל־קוואַלן. ליידער, האָט די דאָזיקע קוראַציע נישט געהיילט די וווּנדן פון פראַנקרייך.

אין דער הויפּטשטאָט פון דער "פראַנצויזישער מדינה", ווי מ'האָט אָפיציעל באַצייכנט די ווישי־ממשלה, האָבן מיר אויף גיך איינגעשטעלט אונדזערע ערשטע קאָנטאַקטן. אין משך פון דעם זומער 1940, זענען מיינע אָנשטרענגונגען סיי־ווי געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אויפשטעלן די פּאַריזער גרופּע און אין דעם האָט מיר פיל געהאָלפן הלל כץ. אים, פונקט ווי לעאָ גראָספּאָגעל, האָב איך געקענט נאָך

פון ארץ־ישראל, דערנאָך האָבן מיר זיך אָפּט געטראָפן אין די יאָרן 1929—1932, בעת מיין אויפהאלט אין פראנקרייך. אָבער פון יענער צייט, האָבן מיר זיך נישט געזען.

ער איז געווען פון מיטעלן וווקס, אונטער זיינע דיקע ברילן־גלעזער האָבן געלויכטן א פּאָר אינטעליגענטע, לעבנספולע אויגן, איבער דעם הויכן שטערן — א געדיכטע טשופּרינע. ער האָט זיך לייכט פארבונדן מיט מענטשן און זיי אנגעשטעקט מיט זיין לעבנס־פרייד. ער, ווי זיין פּאָטער, איז געווען א מוזיקער. גלייכצייטיק האָט ער געוווסט ווי אזוי צו באגיין זיך מיט דער קעלניע און בויען א הויז. ער איז גאָר יונג געוואָרן אָנהענגער פון קאָמוניזם, און די זיכערקייט אין דעם ענדגילטיקן זיג פון זיינע אידעען, האָבן זיך קיין מאָל נישט אָפּגעשוואַכט, אפילו אין צייטן פון שטארקע שטורעמס. ער האָט זייער ליב געהאט קינדער, און אריינגעבראכט לעבן אין די קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאניזאציעס. ער האָט געוווּנען סימפּאטיע מיט זיינע גלייכע און אויפריכטיקע האנדלונגען, אומעטום געהאט פריינד, וואָס האָט אים שפּעטער פיל געהאָלפן אין זיין ארבעט. זייענדיק אַן אויסלענדער, האָט ער אין 1940 זיך געמאָלדן פריוויליק אין דער פראנצויזישער ארמיי און נאָך דער דעמאָביליזאציע, באקומען א מיליטעריש ביכל אויפן נאָמען פון אנדרע דיבוא.

הלל כץ האָט זיך גלייך געשטעלט ביי מיין זייט צו דער ארבעט. טריי אונדזער איינשטעלונג, האָבן מיר געשאפן האנדלס־געזעלשאפטן, וואָס האָבן געדעקט אונדזער טעטיקייט. דעם 13טן יאנואר 1941 איז אנטשטאנען דער ״סימעקסקאָ״ אין בריסל און ״סימעקס״ אין פאריז. אַלפרעד קאָרבען האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון ״סימעקס״.

כץ און קאָרבען האָבן זיך געקענט. זייער פריינדשאפט האָט זיך אָנגעהויבן אין מלחמה־צייט, בעת זיי האָבן זיך געפונען אין געפאנגענשאפט, פון וואנען מ׳איז צוזאמען אנטלאָפן און אדורכגעשווומען דעם טייך סאָם. אזא איבערלעבונג פארגעסט זיך נישט...

נאָכן דעמאָביליזירן זיך, האָט קאָרבען אויפגעשטעלט אין דער געגנט פון זשיווערני, אין א בנין פון א מיל, א פאבריק פון שפּייז פאר עופות.

שוין אונדזער ערשטער צונויפטרעף איז געווען א צופרידנשטעלנדיקער. כ׳האָב איינגעזען, אז מען קאָן אויף אים רעכענען און געפרעגט:

— מיינט איר, אז מען דארף פאַרזעצן דעם קאמף?

ער האָט געענטפערט מיט א שמייכל:

— פארשטייט זיך, אז מען דארף. די פראגע איז נאָר: ווי אזוי?

— די פאָרמען און מעטאָדן דארפן זיך ענדערן, — זאָג איך אים. — פון איצט אָן מוז דער קאמף געפירט ווערן פון אינעווייניק. זייט איר גרייט?

וואָס פאר א פראגע! ער לייגט פאָר שוין איינשטעלן אונדזער ערשטע ראדיאָ־סטאציע אין זיין הויז אין זשיווערני! נאָכן באשטימען קאָרבענען ווי דעם הויפּט־דירעקטאָר פון ״סימעקס״, האָבן מיר אויפגעלייזט דאָס ״מוזיק־געשעפט״, ווייל אונדזער קאָמערציעלע דעקונג דארף זיין אָן שטרויכלונגען.

אונדזער עקיפּ האָט זיך ביסלעכווייז קאָמפּלעטירט. דער דענטיסט ראָבער ברייער, קאַרבענס א פריינד, איז געוואָרן אונדזער הויפּט־אקציאָנער, נאָר ער האָט נישט געוווסט פון אונדזער אונטערערדישער ארבעט.

סוזאַן קוואַנט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן ווי די פאַרוואַלטערין פונעם ביוראָ פון דער געזעלשאַפט, איז לאַנגע יאָרן געווען אַן אקטיווע קאָמוניסטין. זי האָט געקענט כּצ׳ן, ווען זי איז געווען לערערין פון פּיאַנאָ און האָט אָנגעפירט אין פּאַריז מיטן כאָר פון יונגע קאָמוניסטן "לאַ קאָראַל מוזיקל". כּץ האָט נאָך צוגעצויגן דעם דרוקער־ארבעטער, עמנואל מינאָן. פאַר אונדז איז געווען אומבאַוווּסט, אַז מינאָן איז שוין געווען פאַרבונדן מיט דער ווידערשטאַנד־גרופּע "פאַמיליע מערטען", וואָס האָט געהאַט אַן אויפגאַבע צו האַלטן אַן אויג אויף די אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן.

מינאָן האָט איבערגעגעבן א געוויסן שאַרבאָניע — וואָס איז נאָך דער מלחמה דערשאָסן געוואָרן ווי אַן אַגענט פון דער געסטאַפּאָ — אַז די געזעלשאַפט "סימעקס" קאָלאַבאָרירט מיטן אָקופּאַנט. אַזוי אַרום האָבן מיר זיך געפונען אויסער יעטוועדן פאַרדאַכט.

דער הויפּט־שותף פון "סימעקס" (וועמענס ביוראָען האָבן זיך געפונען אויף שאַנז עליזיי), איז געווען די דייטשישע טאָדט־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אַלע בוי־ארבעטן און פאַרפּעסטיקונגען פאַר דער ווערמאַכט. די ביוראָען פון דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך געפונען פונקט אַנטקעגן אונדזערע. „סימעקס" האָט אינטערעסירט די לייט פון "טאָדט", וואָס זענען געווען ממשותדיקע סוחרים אין מונדירן, אויף וויפל מיר האָבן געקאָנט באַזאָרגן פון שוואַרצן מאַרק די פאַר זיי נייטיקע מאַטעריאַלן.

די פרוי ליקאַנין האָט זיך פאַרבונדן מיט "סימעקס", ווי נאָר זי האָט זיך דערוווּסט פון איר עקזיסטענץ. דאָס איז געווען א פערזענלעכקייט, די דאָזיקע פרוי! ווי נאָר מיר האָבן מיט איר איינגעשטעלט די פאַרבינדונגען, האָט זי זיך פאַרנומען מיט איינקויפונגען פאַר דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע. שפּעטער איז זי אויך געוואָרן די פאַרשטייערין פון "סימעקס" אין דער אָרגאַניזאַציע. זי איז געווען די פרוי פון לעצטן רוסישן מיליטער־אַטאַשע אין פראַנקרייך, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווי א פאַרביסענע אַנטי־קאָמוניסטין, האָט זי זיך נישט אומגעקערט קיין ראַטן־פאַרבאַנד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. זי איז געווען אַן אינטעליגענטע פרוי, וואָס שרעקט זיך נישט פאַר קיין איניציאַטיוון. זי האָט שנעל באַנומען, א וואָסער נוצן זי קאָן האָבן פון דער דייטשער אָקופּאַציע — און זיך איבערגעגעבן דעם ענין מיטן גאַנצן האַרצן.

זוכנדיק גוטע איבערזעצערס פאַר דער קאָרעספּאָנדענץ מיט די דייטשישע אונטערנעמונגען, זענען מיר געקומען אין פאַרבינדונג מיט וולאַדימיר קעלער. געבוירן אין רוסלאַנד, האָט ער א לענגערע צייט געוווינט אין דער שווייץ, וווּ ער האָט זיך צוגעאייגנט א פעסטע דיסציפּלין און ערנסטקייט אין זיינע האַנדלונגען. איבערצייגט, אַז ער ארבעט אין א זייער בכּבודיקער געזעלשאַפט, פלעגט ער אויפהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אַריינשרייען: "הייל היטלער!"

איך אליין האָב נישט פאַרנומען קיין שום אָפיציעלן אמט אין "סימעקס". די דייטשן האָבן אָבער געוווּסט, אַז "מיסיע זשילבער" איז דער וואָס פינאַנסירט דאָס געשעפט.

אין הארבסט 1941 האָבן מיר זיך אינסטאַלירט אין מארסיי, אויף דער דראגאָן־גאַס, א דאַנק די באַמיונגען פון זשיל זשאַספּאַר און לעאָ גראָספּאָגעל. אין בריסל האָט ווענסען סיעראַ (קענט) אָנגעפירט מיט "סימעקסקאָ".

חוץ אים און נאַזאַרען דריילי, זענען די אַנדערע אַקציאָנערן (שאַרל דריילי, הענרי זעגערס, ווילי טעוועגע) געווען איבערצייגט, אַז זיי אַרבעטן אין א געוויינלעכער פירמע פאַר אימפּאָרט און עקספּאָרט.

לעאָ גראָספּאָגעל האָט געהאַט די עיקרדיקע אויפזיכט איבערן פונקציאָנירן פון ביידע אונטערנעמונגען, אין פאַריז און אין בריסל.

אויב דער ערשטער ציל פון די צוויי אונטערנעמונגען איז געווען אויף צו שאַפן דעקונג און פינאַנסירן די נעץ, האָבן מיר זיך שנעל איבערצייגט, אַז דאָס גיט אויך א מעגלעכקייט, אויף א נישט־פאַרויסגעזעענעם אופן, אַריינצודרינגען אין די אָפיציעלע דייטשישע אינסטאַנצן.

אין רעזולטאַט פון די פאַרבינדונגען מיט דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע, האָבן די הויפּט־אָנגשטעלטע פון "סימעקס" און "סימעקסקאָ" גאַנץ שנעל באַקומען "אויסווייזן" — דערלויבענישן זיך צו באַוועגן, וואָס האָט פאַר זיי געעפנט אַלע טירן. די געשעפטלעכע באַציונגען מיט די דייטשישע אָפיצירן האָבן זיך פאַרפילפאַכט.

ביי געשמאַקע מאָלצייטן, באַגלייט מיט א סך אַלקאָהאָל־געטראַנקען, האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע נאַציס גערעדט גערן און פיל... און מיר, מיטן גלאָז אין האַנט און שמייכל אויף די ליפּן, צושאָקלענדיק מיט הסכמה צו זייערע רייד, האָבן געשלונגען זייערע ווערטער און פאַרגעדענקט זייערע אינפאָרמאַציעס. דער סך־הכל פון ידיעות, וועלכע מיר האָבן אויפגענומען, איז געווען אומגעהויער וויכטיק.

צום ביישפּיל: אַן אינזשעניער פון דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע, א געוויסער לודוויג קיינץ, וואָס האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט לעאָנען, האָט אונדז איבערגעגעבן די ערשטע אינפאָרמאַציע וועגן די מלחמה־צוגרייטונגען אויף מזרח. צום ערשט האָט ער געאַרבעט ביים בויען באַפעסטיקונגען אויף דער דייטש־רוסישער גרענעץ אין פּוילן; דערנאָך, אין פרילינג 1941, ביי דער געלעגנהייט פון זיין רייזע אין דער געגנט, האָט ער געזען ווי די ווערמאַכט גרייט דעם אָנגריף קעגן ראַטן־פאַרבאַנד. קומענדיק צוריק, האָט ער אונדז דערציילט וועגן דעם און דערביי אומשולדיק צוגעגעבן, אַז ער האָט בייגעוווינט א שוידערלעכע זאַך — די בלוט־באָד אין באַבי־יאַר אין קיעוו — דעם טויט פון טויזנטער יידן.

אין ווישי האָט זשיל זשאַספּאַר איינגעשטעלט א סך פאַרבינדונגען, וואָס האָבן געגעבן פּרוכט. זייענדיק אָפיציעלער דירעקטאָר פון דעם "סימעקס"־פיליאַל אין מאַרסיי, האָט ער צו יענער צייט אָרגאַניזירט מיט דער הילף פון א בעלגישן סענאַטאָר, דורכגאַנג־וועגן צו אַנטלויפן דורך אַלזשיר און פּאָרטוגאַל, מיט וועלכע ס'האָבן זיך באַנוצט הונדערטער ווידערשטעַנדלער.

אין דעם זודיקן קעסל מיט דעם באַוועגלעכן ערב־רב, אין וועלכן ס'האָבן זיך אויסגעמישט קאָלאַבאַראַטאָרן, ווידערשטענדלער און שפּיאָנען, האָבן אָנגעשפּיצטע אויערן, אָנגעשטעלט אויפן ריכטיקן אָרט, געקאָנט אויפכאַפּן פאַרשידנאַרטיקע גערוישן, אפילו — מלוכה־סודות.

דער "צענטער" האָט גאָרנישט געוווּסט פון דער הינטער־קוליסן־פּאָליטיק פון ווישי, די געהיימע אונטערהאַנדלונגען און די דיפּלאָמאַטישע שפּיל מיט איטאַליע, שפּאַניע און וואַטיקאַן. צום בײַשפּיל: אין רעזולטאַט פון וואַפנשטילשטאַנד, האָט ווישי גענומען אויף זיך, אויסצוהאַלטן די דײַטשישע אַרמיי. יעדן חודש זענען מיר געוואָרן אינפאָרמירט, וויפל דאָס האָט געקאָסט. אין די באַדינגונגען, איז שוין נישט געווען שווער פעסטצושטעלן דעם פאַרנעם פון דער אַרמיי.

כ'האָב זיך רעגולער געטראָפן מיטן פאָרשטייער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מישעל, און דורך אים אײַנגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס. מיר זענען פולשטענדיק געווען אינפאָרמירט וועגן די איבערגרופּירונגען פון די דײַטשע כוחות אין פראַנקרײַך, א דאַנק די באַן־אַרבעטער. די אימיגרירטע אַרבעטער פון די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן, מיט וועלכע כ'האָב אָנגעהאַלטן באַציונגען, האָבן מיר איבערגעגעבן ווערטפולע ידיעות וועגן דער פּראָדוקציע. אַגענטן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די געהעריקע ערטער, האָבן געהאַט אומאויסשעפּלעכע אינפאָרמאַציע־קוואַלן.

איך וועל קודם איבערגעבן וועגן באַראָן וואַסילי דע מאַקסימאָוויטש, וועלכן מישעל האָט מיר פאָרגעשטעלט סוף 1940 ווי אַן אימיגרירטן ווײַס־רוס, וואָס וויל אַרבעטן פאַר דער רויטער אַרמיי!

מאַקסימאָוויטש איז אַן אײַגנאַרטיקער פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפט צווישן ביידע וועלט־מלחמות. זײַן פאָטער, א גענעראַל פון דער צאַרישער אַרמיי, האָט געהערט צו די באַרימטע געשטאַלטן אין צאַרישן הויף. בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָבן וואַסילי און זײַן שוועסטער אַננאַ פאַרלאָזן רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין פראַנקרײַך. וואַסילי איז אַרײַן אין א טעכנישער־שול און געענדיקט ווי אַן אינזשעניער. ביים אויסברוך פון דער מלחמה, איז ער ווי פיל אַנדערע אויסלענדער וואָס האָבן געוווינט אין פראַנקרײַך, געוואָרן פאַרדעכטיקט און מ'האָט אים אינטערנירט אין לאַגער פון ווערנע.

דער גורל האָט אים צוגעשפּילט. ווען א דײַטשע דעלעגאַציע, אָנגעפירט פון קאָלאָנעל קופּריאַן האָט נאָכן וואַפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך באַזוכט דעם לאַגער אין ווערנע, כדי צו רעקרוטירן דאָרט אַרבעטער פאַרן דריטן רײַך, האָט זי אַנטדעקט און זיך פאַראינטערעסירט מיט וואַסילין, און באַדויערט וואָס ער, דער רוסישער באַראָן, געפינט זיך "צווישן אַזא וווּלגאַרער חברה". ער האָט אים באַפרײַט און פאַרבונדן מיט די אָפיצירן, וואָס האָבן געאַרבעט אין הויפּטשטאַב, אין האָטעל "מאַזשעסטיק".

לויט קופּריאַנען, האָט מאַקסימאָוויטש, ווי אַ באַראָן און רוסישער עמיגראַנט, באַדאַרפט זײַן א דעצידירטער אַנטי־קאָמוניסט. אוודאי האָט אים קופּריאַן באַפרײַט מיט דער כוונה, אַז ער וועט צונוץ קומען. און נישט אָן א סיבה האָבן די דײַטשן

אזוי געטראכט. אָבער אין קעגנזאץ צו זייערע דערוואַרטונגען, האָט וואסילי נישט געאַרבעט אין זייער ריכטונג. ער האָט זיך ארומגעדרייט אין האָטעל "מאַזשעסטיק" ווי ביי זיך אין דער היים און אָבסערווירט. א פאַרביסענער אַנטי־נאַצי, האָט ער זיך געשטעלט מיט אונדז אין פאַרבינדונג.

עס האָט זיך אויך אַריינגעמישט א ליבע, וואָס איז גראָד געווען לטובה. די סעקרעטאַרין פון קופּריאַנען, אננא מאַרגאַריט האָפמאַן־שאַלצע, האָט זיך פאַרליבט אין דעם באַראָן, און אין דער זעלבער צייט איז זי אַריבער אַרבעטן אין דער אַמבאַסאַדע פון דריטן רייך אין פאַריז, ביי אָטאָ אַבעץ. די קוואַלן פון אינפאָרמאַציע זענען איצט געוואָרן אומאויסשעפּלעך. קאָנפידענציעלע דאָקומענטן, אין דער פאָרם פון דעפּעשן, האָבן גענומען שטראָמען קיין מאָסקווע.

אויך אננא, די שוועסטער פון וואַסילין (זי איז געווען א פּסיכיאַטרין און אַנגעפירט מיט אַן אָפּרו־הויז אין ביאַראַן) איז געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער טעטיקייט. דורך אירע פאַמיליע־פאַרבינדונגען, האָט זי זיך געפונען אין פריינדלעכע באַציונגען מיטן מאַנסיניאָר שאַפּטאַל און גענעראַל ווייגאַן. דער עיקר איז געווען וויכטיק איר אַנשטאַלט, וואָס האָט זיך געפונען אין א שלאָס, וועלכער איז געוואָרן באַזוכט פון מיטאַרבעטער פון דייטשע אינסטיטוציעס, דערפאַר וואָס ר׳איז געווען רעקאָמענדירט פון מאַקסימאָוויטשן. די פרוי, א מעטער אכציק די הייך און א פיגור פון א האָלצהעקער, איז פון פאַך געווען דאָקטער־מעדיצין און אָנגעווענדט לגבי די קראַנקע אַן אָריגינעלע באַהאַנדלונג: די פריילעכע אננא איז געווען אומפאַרגלייכלעך אין דער קונסט פון מאַכן רעדן די סעקרעטאַרינס און אָנגעשטעלטע פון דער ווערמאַכט. באַזונדערס איז דאָס געשען מיט דער יונגער, פינף־און־דרייסיק יעריקער דייטשקע קעטע פעלקנער, סעקרעטאַרין פון דירעקטאָר פון דער זאַוקעל־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַזאָרגן דייטשלאַנד מיט אַרבעט־קראַפט.

דאָס האָט מאַקסימאָוויטש געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף קעטע פעלקנער. נאָך עטלעכע פּרוּוון האָט ער אַנפאַרטרויט אננאַן, אַז זי זאָל זי עקזאַמינירן. די באַהאַנדלונג האָט באַוויזן, אַז מ׳קאָן מיט איר גלייך אָנהייבן דירעקטע פאַרהאַנדלונגען (וואָס דאָס האָט זיך נישט געלאָזט אָנווענדן אין יעדן פאַל).

אזוי אַרום האָבן מיר באַקומען אינפאָרמאַציע פון ערשטן קוואַל וועגן דער דרינגלעכקייט פון אַרבעט־קראַפט פאַר דער דייטשער אינדוסטריע, און וועגן די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דריטן רייך. באַזונדערס האָט קעטע באַזאָרגט די נעץ מיט פאָרמולאַרן און אַרבעט־סערטיפיקאַטן, וואָס האָבן אין פאַל פון א קאָנטראָל באַדאַרפט באַשטעטיקן, אַז דער אייגנטימער פון דאָקומענט אַרבעט אין דייטשלאַנד, וואָס מיינט — א "פאַרטרוילעכער אייראָפּעער", וואָס געפינט זיך איצט אויף אורלויב.

אזוי ווי ס׳איז תמיד גלייכער "צו הערן צעזאָרן גופא", איידער זייַנע באַדינערס, האָבן מיר באַפולמעכטיקט א ספּעציעלע גרופּע טעכניקערס איינצושטעלן אונטער־הערערישע טעלעפאָן־ליניעס, וואָס ציען זיך פון האָטעל "לוטעציא" — דאָס זיצאָרט פון פאַריזער אַבווער. אזוי אַרום האָט דער דירעקטאָר אין מאָסקווע געקענט

הערן שמועסן פון דייטשישן קאָנטער־שפּיאָנאַזש אין פּאַריז מיט דער אָנפירונג אין בערלין.

אַן אַנדערער מעטאָד פון אַריינדרינגען, הגם ווייניקער טעכניש, נאָר מער ווירקזאַם, איז געווען — אויסנוצן די פּרויען פון די פּאַריזער קאַבאַרעטן, וועלכע זענען באַזוכט געוואָרן פון די נאַציס. יעדן טאָג זענען הונדערטער דייטשע סאָלדאַטן געקומען אין "פריילעכן פּאַריז", כדי צו פאַרגעסן אַ ביסל דעם גיהנום פון די שלאַכטן. איינער פון אונדזערע מענטשן, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין דער ביוראָ און האָט אָרגאַניזירט זייער אויפהאַלט אין פּאַריז, האָט געקאָנט פעסטשטעלן, פּאַרצייכנדיק די נעמען פון די דיוויזיעס, די מאַרשרוטן און ריכטונג פון דער ווערמאַכט. אַ צווייטער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט איינאָרדענען די באַזוכן פון די סאָלדאַטן אויפן מאָנמאַרטר און אויפן אייפעל־טורעם, דעם געוויינלעכן "אָפּרו־פּראָגראַם" פאַר די שלאַכטלייט — איז אויך געווען פון אונדזערע אַגענטן. ער האָט רעקאָמענדירט די סאָלדאַטן צו באַזוכן אייניקע קאַבאַרעטן, ווו ס'האָבן געאַרבעט אונדזערע "אינפאָרמאַטאָרינס" און זיי האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די פּראָבלעמען און צרות פון דייטשן מיליטער. זיכער איז דאָס נישט קיין קלאַסישער מעטאָד, אָבער איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז פון די אָנגערויכערטע קעלערן, זענען צו אונדז דערגאַנגען צאָלרייכע און אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן צושטאַנד פון די דיוויזיעס, פאַרלוסטן, שפּייז־ליפערונג, מאָראַל אין דער אַרמיי אאַז"וו.

אין בעלגיע האָט קענט, ווי מיר דערמאָנען זיך, אָנגעפירט מיט "סימעקסקאָ". ער האָט דאָרט זיך געחברט מיט הויך־ראַנגיקע דייטשע אָפיצירן און אָרטיקע אינדוסטריעלער, צענויפזאַמלענדיק אַן אומגעהויערע צאָל ידיעות פון מיליטערישן און עקאָנאָמישן כאַראַקטער. דאָס הויז פון זיין פריינדין, מאַרגאַרעט באַרטשאַ, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ סאַלאָן, ווו מ'האָט אויפגענומען אָפיציעלע נאַצי־פּערזענלעכקייטן.

די בעלגישע גרופּע האָט פאַר איר טעטיקייט געוווּנען אַ זעלטענעם מיטאַרבעטער אין דער פּערזאָן פון איזידאָר ספּרינגער. איך האָב אים פּערזענלעך געקענט נאָך פון די דרייסיקער יאָרן, פון דער צייט, ווען ער איז געווען טעטיק אין "השומר הצעיר" און אויף מיינע פאָרלעזונגען אין בריסל איז ער געקומען מיר אָפּאַנירן. שפּעטער האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און זיך מאָביליזירט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. זיין אויסערגעוויינלעכער מוט האָט אַרויסגערופן שטוינונג אַפילו אין יענע קרייזן, וואָס זענען געווען געוווינט צו זען דעם טויט פּנים אל פּנים!

דער דייטש־סאָוועטישער פּאַקט איז פאַר אַזאַ אַנטי־פאַשיסט ווי ער געווען אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע. אין 1940 האָט ספּרינגער געדינט אין דער בעלגישער אַרמיי ווי אַ אָפיציר. ווי נאָר מיר האָבן זיך מיט אים קאָנטאַקטירט, האָט ער מסכים געווען מיטצואַרבעטן מיט אונדז. זיין פרוי פלאָר וועלאַגסט, וואָס האָט אים צוגעהאָלפן, איז זיך אַליין איבערגעשטיגן. ער פּערזענלעך האָט איינגעשטעלט זיין אייגענע, קליינע נעץ פון טעכניקערס און אינפאָרמאַטאָרן, אָפיצירן, וועלכע ער האָט געקענט פון דער מלחמה־צייט — אַזעלכע וואָס האָבן באַזיצט די קענטעניש

אָפּצושאַצן דעם ווערט פון מאַטעריאַלן, און אויך געקענט פיל אינדוסטריע־ספּעציאַליסטן. ער גופא איז געווען פון פאַך א כימיע־אינזשעניער. צווישן די אינדוסטריע־טעכניקער דאַרף אויך ווערן דערמאָנט זשאַק גינציג („צאַלי“), א קאָמוניסטישער טוער פון 1932, געוועזענער קעמפער אין שפּאַניע, ווו ער האָט זיך באַקענט מיט טיטאָן און מאַרטין. סוף 1940 אָרגאַניזירט גינציג סאַבאָטאַזש־גרופּן און ער מיט זיין פרוי ראַשעל שטעלן צו ספּרינגערן ידיעות וועגן די אַמוניציע־פאַבריקן.

ווערא אַקערמאַן, וואָס האָט שוין אין אירע 32 פרילינגס א לאַנגיאָריקע דערפאַרונג פון אן אַקטיווער קאָמוניסטין, העלפט ספּרינגערן אין זיין אַרבעט. זי איז געווען טעטיק אין שפּאַניע אין א שפּיטאָל, ביז פעברואַר 1939. אין 1936 איז איר מאַן געפאַלן ביים פאַרטיידיקן מאַדריד.

אין דער בעלגישער גרופּע איז אויך טעטיק הערמאַן איזבוצקי („באָב“), וועמענס יחוס איז נאָך עלטער. זיינע עלטערן האָבן געשטאַמט פון פוילן, נאָר ער איז געבוירן אין אַנטווערפּן אין 1914 און געאַרבעט מיט אונדז פון 1939. אן איבערגעגעבענער קאָמוניסט, וואָס האָט נישט געקאַרגט קיין צייט. מיר האָבן אים פאַרוואַנדלט אין א שטענדיקן וואַיזאַשאַר פון רויטן אָרקעסטער. אויף זיין דריי־רעדלדיקן וועלאָסיפּעד איז ער אַרומגעפאָרן אין אַלע ריכטונגען, ווו ער האָט איינגעשטעלט קאָנטאַקטן אין די פּראָוואָרפנסטע דערפער, אין אָפּגעזונדערטע הייזער און ווערבירט אַגענטן־פאַרבינדלערס.

באָב האָט מיר רעקאָמענדירט א יונגמאַן, פון זיינע פריש ווערבירטע מיטאַרבעטער, און פאַרזיכערט, אז ער וועט זיין אן אויסגעצייכנטער אַגענט. איך האָב זיך געטראָפן מיטן בחור און ווי די ערשטע אויפגאַבע אים אָנפאַרטרויט א שווערע, פאַרשלאָסענע וואַליזע (אים איז נישט געווען באַקאַנט, וואָס דאָרט געפינט זיך), וועלכע ער דאַרף איבערפירן פון אַנטווערפּן קיין גאַנט. באָב וועט אים באַגלייטן. עטלעכע טעג שפּעטער זענען צו מיר דערגאַנגען שטאַרק באַאומרויקנדיקע קלאַנגען: דער יונגער „קאַנדידאַט“ האָט זיך געטראָפן מיט זיינעם א פריינד און אים אַנטדעקט דעם סוד (ס'איז באַקאַנט דער נוסח: „איך זאָג דיר, נאָר זאָג נישט קיינעם“. אזוי אַרום ווערן די פאַרטרוילעכסטע סודות אָפן פאַר אַלע), אז ער האָט איבערגעפירט געווער.

פּלאַפּלעריי און באַרימעריי איז די ערגסטע אייגנשאַפט פון א געהיים־אַגענט. איך האָב איבערגעגעבן דעם בחור און באָבן דעם שליסל פון דער וואַליזע און געזאָגט, אז גענויע אַנווייזונגען געפינען זיך אינעווייניק. דער חברהמאַן האָט זיך געאיילט צו עפענען די וואַליזע: זי איז געווען פול מיט שטיינער.

דער קאַנדידאַט איז דורכגעפאַלן. אזא אופן פון אויספּרווון, האָט אונדז געהאָלפן פעסטצושטעלן אויף וועמען מיר קענען רעכענען.

מער מזל האָט געהאַט באָב, ווען ער האָט אונדז געבראַנגט שרה גאָלדבערג („לילי“), ווי א ראַדיאָ־איבערגעבערין. זי האָט געהערט צו א ווידערשטאַנד־גרופּע פון יונגע קאָמוניסטן, וואָס דער דייטש־סאָוועטישער פּאַקט האָט זיי דעזאָריענטירט. באָב האָט זיך צו איר געווענדעט מיט די ווערטער: „מיר שלאָגן

דיר פּאָר א זייער געפּערלעכע ארבעט. בעסער זאָלסט גלייך וויסן, אז גאָר ווייניק ראטעווען זיך״.

שרה האָט מסכים געווען זיך אָנצושליסן. זי איז אָבער געווען פּארפּליכטעט צו געבן אן אויפקלערונג אירע קאמפּס־חברים, וואָס זאָל זיך לייגן אויפן שכל. האָט זי זיי געזאָגט, אז זי גיט זיך אָפּ א חשבון פון דער געפאר, און היות זי איז א שרעקעוודיקע, קאָן זי מער נישט פאַרזעצן: קיינער האָט איר נישט געגלויבט — אָבער וועמען איז דאָס אָנגעגאנגען!

מיר האָבן זי אויסגעלערנט די ארבעט, אזוי שנעל ווי מעגלעך, אז אויב באָב וועט ארייַנפאלן, זאָל זי אים קענען פארטרעטן.

מארגארעט בארטשא האָט ארייַנגעפירט אין ״סימעקסקאָ״ איינעם פון אירע ווייטע טשעכישע קוזינען, העגרי ראוף. ער האָט אונדז אָפּט געבראכט מיליטערישע אינפאָרמאציעס פון גרויסן ווערט. איך האָב אים גאָר שנעל חושד געווען, אז אין דער זעלבער צייט ארבעט ער אויך פאר די ענגלענדער. הגם פּרינציפּיעל האָב איך נישט געהאט קעגן דעם, דאָך האָב איך פון אים פארלאנגט, ער זאָל פונאנדערטיילן זיין טעטיקייט.

דער קונסט־מאָלער ביל האַריקס, א פריינד פון אַלאַמאַן, האָט פיל געהאָלפן דער גרופּע, דינגענדיק פאר איר וווינונגען.

אויגוסט סעסע, א פארברענטער פּאַטריאָט, פון פאך א ראַדיאָ־ספּעציאַליסט, האָט אין אָסטענד אויפגעשטעלט א ראַדיאָ־סטאַציע אין רעזערוו. ער האָט דערגענצט די בעלגישע גרופּע.

אין האָלאַנד האָבן מיר דיספּאָנירט מיט א גרופּע פון צוועלף אקטיוויסטן אונטער דער אָנפירונג פון ווינטערינק. די דריי טעטיקע ראַדיאָ־סטאַנציעס האָבן איבערגעגעבן ידיעות, געזאמלטע אויפן אָרט גופא, אָבער גאנץ באזונדערס — די מאַטעריאַלן וואָס זיי האָבן באקומען פון דער בערלינער גרופּע.

6 אין סאַמע האַרץ פון רייך

אין 1933, א קורצע צייט נאָך דעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, איז א יונגער דייטשער אַריסטאָקראַט מיטן נאָמען האַרראָ שולצע־בויזען, א קרוב פון באַרימטן אַדמיראַל טירפּיץ, און זיין יידישער פריינד ערלאַנגער, געוואָרן אַרעסטירט דורך א גרופּע ס. א. פון מערץ 1932, האָט שולצע־בויזען אַרויסגעגעבן א צייטשריפט, אין וועלכער ס׳האָט מיטגעאַרבעט זיין פריינד ערלאַנגער. די צייטשריפט איז געווען אָפן פאַר אַלע פּאָליטישע ריכטונגען. בלויז איר נאָמען איז געווען אַן אויסנאַמלעכער — ״דער קעגנער״. דער ״קעגנער״ האָט געמיינט — דעם נאַציזם.

דער נאַציזם טריומפירט אין דייטשלאַנד, די ס.ס. טרופּן פון דער ״הערן־ראַסע״ זענען אַנטשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין שולצע־בויזען און אין די ערלאַנגערס, וואָס האָבן אין משך פון חדשים געפירט אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן דיקטאַטאָר און זיין באַוועגונג. אויף דעם געביט האָבן די ס. ס. געהאַט פאַרויסגייערס און לערערס: די איטאַליענישע פאַשיסטן און זייערע ״שטראָף־עקספּעדיציעס״.

די ס.ס.־קאָמאַנדאָ וואָס האָט אַרעסטירט שולצע־בויזענען און ערלאַנגערן, האָט זיך מיט זיי אַכזריותדיק באַנומען: אויסגעטאָן נאַקעט ביז אין דער העלפט און געצוווּנגען דורכצוגיין צווישן רייען פאַנאַטישע נאַצים, וואָס האָבן זיי געשמיסן מיט ריטערס. נאָך עטלעכע מאָל אַדורכגיין, זענען זייערע קערפּערס געוואָרן באַדעקט מיט ווונדן. דעמאָלט ווענדעט זיך שולצע־בויזען צו זיינע פּייניקערס:

— איר קענט עס מאַכן נאָך א מאָל!

ווען ער איז אָנגעקומען צום סוף פון דער ריי, סאַלוטירט ער דעם ס.ס.־קאָמענדאַנט, זאָגנדיק:

— כ׳האָב נישט מער ווי דערפילט מיין ערן־רונדע!

די אָנווועזנדע זענען געוואָרן דערשטוינט פון זיין האַלטונג. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו שולצע־בויזען: — שליס זיך אָן צו אונדז, — האָבן זיי פאַרגעלייגט. — פאַרהאַרטעוועטע ווי דו, דאַרפן געהערן צו אונדז.

אין דער זעלבער צייט, האָבן די נאַצי־הענקער זיך געוואָרפן אויף ערלאַנגערן און אים דערמאָרדעט פאַר זיינע אויגן. ערלאַנגער איז דאָך געווען א ייד...

שפּעטער האָט שולצע־בויזען אָנפאַרטרויט זיינע פריינד: ״ערלאַנגערס טויט

האָט מיר געהאָלפן צו מאַכן דעם דעצידירנדיקן שריט״. פון יענעם טאָג דאַטירט זיך דער ענדגילטיקער אָנשלוס פון שולצע־בויזען אין אונדזער טעטיקייט.

דאָס קומען פון די נאַציס צו דער מאַכט, האָט אַזעלכע מוטיקע מענער באַוויגן אַריינצוטרעטן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. די ערשטע ווידערשטאַנד־גרופּע, וואָס האָט זיך פאָרמירט אַרום שולצע־בויזען, זענען געווען: דער שרייבער גונטער ווייסענבאָרם, ד״ר עלווירא פּאול, זשיזעל פאָן פּערניץ, וואַלטער קוכענמייסטער, קורט און עליזאַבעט שומאַכער. פיל אַנדערע זענען דערנאָך צוגעקומען און פאַרשטאַרקט די גרופּע.

אין 1936 האָט שולצע־בויזען חתונה געהאַט מיט ליבערטאַס האַאַס־האַי, אַן אייניקל פון פּרינץ פיליפּ פאָן איילענבורג. איינער פון די פריינד פון דער פאַמיליע, האָט זיך גערופן... הערמאַן גערינג. דער מאַרשאַל אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט האַרראָ, ווען ער שיקט לערנען אין אַ מיליטערישן פאָרש־אינסטיטוט, וואָס טראָגט זיין נאָמען.

שולצע־בויזען גייט שנעל פאָרויס אין זיין קאַריערע. ביים אויסברוך פון דער מלחמה, פאַרנעמט ער אַ שליסל־פּאָסטן אין אוויאַציע־מיניסטעריום. מער ווי תמיד ווידמעט ער זיך דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אין 1939 האָט זיין ווידערשטאַנד־גרופּע זיך אָנגעשלאָסן אין דער פון אַרוויד האַרנאַק.

שולצע־בויזען איז אייליק און ליידנשאַפטלעך אין זיינע באַשלוסן, פּונקט ווי אַרוויד האַרנאַק איז רויק און באַטראַכט. אַרוויד האַרנאַק איז עלטער פון האַרראָ. ער געהערט צו אַ משפּחה פון אוניווערסיטעט־מענטשן. שוין זייענדיק דאָקטאָר־פילאָסאָף, האָט ער אויך שטודירט עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָרט האָט ער באַגעגנט און חתונה געהאַט מיט מילדרעד פיש, פּראָפעסאָרין פון ליטעראַטור.

צוריק קומענדיק קיין דייטשלאַנד, איז ער אַריין אַרבעטן אין ווירטשאַפט־מיניסטעריום. אין 1936, ווען די סאָוועטישע געהיים־דינסט האָט זיך מיט אים פאַרבונדן, האָט ער שוין צו יענער צייט דערפילט הויכע רעגירונג־פונקציעס. ער האָט, ליידער, נישט געהאַט די געלעגנהייט צו באַווייזן זיינע פעיקייטן אויף דעם געביט, ווייל סטאַלין האָט דעמאָלט פאַרבאָטן דער סאָוועטישער געהיים־דינסט צו זיין טעטיק אויף דער דייטשער טעריטאָריע, מיטן אויסרייד, אַז דאָס קען זיין אַ פּרעטעקסט פאַר פּראָוואָקאַציעס.

צו דער גרופּע שולצע־בויזען—האַרנאַק האָבן זיך אָנגעשלאָסן דער שרייבער אַדאַם קוקהאָף, (מחבר פון דער באַרימטער פּיעסע ״דער הפקר־יונג טיל״) און זיין פרוי גרעטאַ; דער פּרייסישער סאָציאַליסט, געוועזענער מיניסטער ד״ר אַדאָלף גרים; יאָהאַן זיג, לאַנגיאָריקער קאָמוניסט, רעדאַקטאָר פון דער ״ראָטע פאַנע״ — די צייטונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד; האַנס קאָפּי; היינריך שעל; האַנס לויטענשלעגער; אינגאַ ענדער — געוועזענע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער יוגנט.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, זענען די בעסטע קעמפּפערס פון דער גרופּע שולצע־בויזען—האַרנאַק צוגעצויגן געוואָרן צו דער געהיים־דינסט. אין דער

ווירקלעכקייט איז נישט געווען קיין ממשותדיקער אונטערשייד צווישן דער שפּיאָנאַזש-טעטיקייט און דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג. שולצע-בויזען האָט אָנגעפירט מיט ביידע. דער צענויפמיש פון דער טעטיקייט איז געווען אַן אומפאַרגעבלעכער פעלער, פאַר וועלכן מיר האָבן שפּעטער טייער באַצאָלט.

די טעטיקייט פון דער ווידערשטאַנד-גרופּע איז נישט אַדורך אומבאַמערקט אין דער הויפּטשטאָט פון רייך: מ'האָט קאָלפּאָרטירט אויפרופן דורך די פּאָסט-קעסטלעך, געקלעפּט פלוג-בלעטלעך אויף די ווענט, פאַרשפּרייט צווישן די קריגס-געפאַנגענע אַ צייטונג אין פינף שפּראַכן, "דער אינערלעכער פראָנט".

די אַרבעט האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו פּראָפּאַגאַנדע: עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן קאָנספּיראַטיווע וועגן צום אַנטלויפן פאַר יידן און געפאַנגענע, ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ פאַרבינדונג מיט אויסלענדישע אַרבעטער און אין פאַבריקן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער מלחמה, זענען אַריינגעזעצט געוואָרן אַרבעט-גרופּן צו סאַבאָטירן די פּראָדוקציע.

פון די אַקציעס, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג, איז געווען די אויסשטעלונג, וועלכע ס'האָט אָרגאַניזירט געבעלס אונטערן נאָמען "דער סאָוועטישער גן-עדן".

אין איין נאַכט זענען די ווענט אין בערלין באַדעקט געוואָרן מיט פּלאַקאַטן:

"דער נאַצי-גן-עדן — מלחמה, הונגער, ליגן, געסטאַפּאָ. — ווי לאַנג נאָך?"

מיר דאַרפן זיך אָפּגעבן אַ חשבון, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַזאַ אַקציע, אין דער הויפּטשטאָט פון דריטן רייך, אין יאָר 1942 [1].

ערשט אין 1941 איז שולצע-בויזען פאַקטיש אַריינגעטראָטן אין דער סאָוועטישער געהיים-דינסט. אייגנטלעך, האָט ער נאָך פון 1936 געהאַט אַ געוויסע דערפאַרונג אויף דעם געביט, איבערגעבנדיק דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע די רשימה פון די נאַצי-אַגענטן, וואָס זענען אין געהיים אַריינגעדרונגען אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אין שפּאַניע.

עטלעכע טעג פאַרן דייטשן אָנפאַל אויף פּוילן, האָט ער איבערגעגעבן אין דער פּוילישער אַמבאַסאַדע דעם אָנגריף-פּלאַן פון דער ווערמאַכט.

נאָך די קריג-דעקלאַראַציעס, נוצט אויס האַראָ זיינע פונקציעס אין דער לופטוואַפע, כדי צענויפנעמען אַ באַדייטנדיקע צאָל ידיעות. אין דעם העלפן אים: קאָלאָנעל יאָהאַן גראַודענץ, שעף פון דער דריטער גרופּע צוצוגרייטן קאַדערס פאַרן מיליטערישן לופט-פּלאַט; יאָהאַן גראַנבען, פון די מעסערשמידט-פאַבריקן; האָרסט היילמאַן, געוועזענער מיטגליד פון דער היטלער-יוגנט, וואָס איז איצט טעטיק אין דער גרופּע צו דעשיפרירן דעפּעשן ביי ד"ר וואָק (פון וועמען מיר וועט נאָך אויסקומען צו דערציילן); הערבערט גאַלינאָף, וואָס פירט אָן, נישט מער און נישט ווייניקער, מיט דער פּאַראַשוטיסטן-אָפּטיילונג, וועלכע איז באַשטימט פאַרן סאָוועטישן הינטערלאַנד.

1) אַ גרופּע יידישע יוגנטלעכע, אָנגעפירט פון הערבערט באַום, האָט געהאַט בדעה אונטערצוצינדן די אויסשטעלונג. זיי זענען געוואָרן אַרעסטירט און דערמאָרדעט, נאָך דעם ווי אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט זיי אויסגעגעבן.

אַרוויך הארנאק פארנעמט דעם אמט פון דער קאָנפידענציעלער אינדוסטריע־פּראָדוקציע, איינגעשלאָסן די מיליטערישע פּראָדוקציע.

דאָס באַווייזט די וויכטיקע פּאָזיציע, וועלכע עס פארנעמט די בערלינער גרופּע אין דעם גרויסן שפּיל פון רויטן אַרקעסטער.

מען דאַרף אויך געדענקען, אַז דער אינערלעכער דייטשישער ווידערשטאנד, האָט געשפּילט א באַזונדערע ראָל אין קאמף קעגן נאַציזם.

פארשטייט זיך, אַז דאָס אנגאזשירן זיך אין אזא קאמף פון א פּראנצויז, א בעלגער, א פּאָלאַק, אָדער א טשעך, האָט נישט געשאַפן קיין פּראָבלעם פון געוויסן. נאָך מער, ס׳איז גיכער געווען א חוב. אָבער פאר א דייטש — צי האָט דאָס נישט באַדייט פאַראַטן זיין פאָטערלאַנד?

איך קען פעסשטעלן, אַז די שולצע־בויזענס און די הארנאקס האָבן זיך נישט געוואַקלט בנוגע דעם ענטפער. פון דערפאַרונגען האָבן זיי געוווּסט, מער ווי יעדער אנדערער, וועגן די שוידערלעכקייטן פון נאַציזם. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן א דין־וחשבון פון די קאָנסעקווענצן, אין פאַל פון א מיליטערישן ניצחון פון דייטשלאַנד (דאָס וואָלט באַדייט אויסשפּרייטן די נאַכט איבער דער וועלט). זיי האָבן געוווּסט, אַז די אַליִירטע אַרמייען זענען אימשטאַנד אליין צו דערשלאָגן די חיה, אָבער גלייכצייטיק זיך אָפּגעגעבן א רעכענונג פון דער הילף, וועלכע זיי זענען מסוגל צו געבן, געפינענדיק זיך אין סאַמע הארץ פון דייטשן דיספּאָזיציע־צענטער. זיי האָבן געמאַכט דעם אויסוואַל.

מיר איז באַוווּסט, אַז היינט ווערט זיי פאַרגעוואָרפן זייער האַלטונג און אין מערב־דייטשלאַנד ווערן זיי באַטראַכט ווי פאַרעטער, בעת די אַגענטן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר ענגלאַנד — ווערן באַגריסט ווי העלדן. גלייך די טעטיקייט פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד, וואָלט נישט געהאַט קיין חלק אין דעם זעלבן ניצחון!

7 די טיפע איבערצייגונג פון הויפט־שעף

"וויר גייען נאך ענגלאנד!"...

נאכן צוזאמענברוך פון דער פראנצויזישער ארמיי, האט דאס באליבטע לידל פון די דייטשע סאלדאטן נישט געלאזן קיין שום ספק וועגן די צילן פון נאצישן גענעראל־שטאב.

אונטער דעם קאד־נאמען "ים־לייב", האבן היטלערס גענעראלן גענומען אייליק גרייטן דעם אינוואזיע־פלאן אויפן בריטישן אינדזל.

אין אויגוסט האט די העכסטע אנפירונג פון דער ווערמאכט פאראָרדנט אנצוהויבן די אפענסיווע קעגן ענגלאנד אויף דער יבשה, ים און אין דער לופט. דעם 7טן סעפטעמבער זענען געפאלן אויף לאנדאן די ערשטע באמבעס. אין משך פון 65 נעכט, אן איבעררייס, זענען די ענגלענדער געשלאפן אין די שוץ־קעלערן. דאס לאנדן פון די דייטשן האט יעדן אויסגעוויזן צו זיין גאר נאענט.

דעם 12טן אקטאבער — אן איבעראשנדיקע ענדערונג. אויף היטלערס באפעל, ווערן אפגעשטעלט די מיליטערישע צוגרייטונגען פון דער אפעראציע "ים־לייב". די דעציזיע איז מיר תיכף געווארן באוווסט דורך אונדזערע אגענטן, וואס א דאנק דעם דייטשן "אויסווייז" (א דאקומענט וואס האט דערלויבט פריי צו באוועגן זיך), איז זיי געלונגען צו באזוכן די ברעגן פון אטלאנטיק, ווו ס'איז לייכט געווען פעסטצושטעלן: די דייטשע צוגרייטונגען קעגן ענגלאנד האבן זיך אפגעשטעלט; מ'האט די קריגס־שיפן פארטראטן מיט אלטע פראכט־שיפן. דאס וויכטיקסטע: זיי האבן צוריק געצויגן די דיוויזיעס, וואס זענען געווען באשטימט אנטייל צו נעמען אין דער אינוואזיע. אין א דעפעשע, וועלכע כ'האב אוועקגעשיקט אין "צענטער", האב איך איבערגעגעבן, אז די דייטשן האבן אפגעשטעלט די לאנדונג אין ענגלאנד אויף אן אומבאשטימטער צייט. אין קורצן האט זיך די ידיעה באשטעטיקט; די מיליטערישע איינהייטן זענען געווארן איבערגעפירט אויף מזרח. די דריי דייטשע דיוויזיעס (די 12טע, 4טע און 18טע), זענען פון אטלאנטיק איבערגעפירט געווארן קיין פוילן, נאענט צו פויזן.

דעם 18טן דעצעמבער 1940 האט היטלער אונטערגעשריבן דעם באפעל נומער 21, מער באקאנט אונטערן נאמען "בארבאראסא". דער ערשטער זאץ פון דעם פלאן רעדט זייער קלאר: פארן סוף פון דער מלחמה קעגן ענגלאנד, דארפן די

דייטשע כוחות זיין גרייט צו אטאקירן און באזיגן דעם ראטן־פארבאנד, מיט א בליץ־קריג. אויך רישארד זאָרגע האָט געוואָרנט וועגן דעם דעם ״צענטער״ און איבערגעשיקט א קאָפּיע פון דעם באפעל. וואָך נאָך וואָך, האָט די אָנפירונג פון דער געהיים־דינסט פון דער רויטער ארמיי באקומען אינפאָרמאַציעס וועגן די צוגרייטונגען פון דער ווערמאכט. אָנהייב 1941, האָט שולצע־בויזען איבערגעשיקט דעם ״צענטער״ פּרעציזע ידיעות וועגן באַפאַרשטייענדיקן דייטשן אָנגריף: מאסיווע באָמבארדירונג פון לענינגראד, קיעוו, וויבאָרג. א גרעסערע צאָל דיוויזיעס דארפן אין דעם אנטייל נעמען. אין פעברואר האָב איך בפּרטיות אָנגעגעבן אין א דעפּעשע צום ״צענטער״ די גענויע צאָל דיוויזיעס וואָס זענען ארויסגעצויגן געוואָרן פון פראנקרייך און בעלגיע און געשיקט אויף מזרח. אין מאי האָב איך דורך דער פארמיטלונג פון סאָוועטישן מיליטער־אטאשע אין ווישי, גענעראל סוסלאָפּאַראָוו, איבערגעגעבן דער פּלאַן פון אָנגריף, אויפן 15טן מאי. דערנאָך האָט מען געענדערט דעם טאָג און באשטימט די גענויע דאטע.

דעם 12טן מאי האָט זאָרגע צו וויסן געטאָן מאָסקווע, אז 150 דייטשע דיוויזיעס זענען קאָנצענטרירט לענגאויס דער גרענעץ. דעם 15טן מאי גיט ער אָן די דאטע פון 21סטן יוני, ווי דעם אָנהייב פון אָנגריף. שולצע־בויזען האָט פון בערלין באשטעטיקט די דאטע.

די סאָוועטישע געהיים־דינסט איז נישט געווען די איינציקע, וואָס האָט באזיצט די אינפאָרמאציעס. דעם 11טן מערץ האָט רוזוועלט איבערגעגעבן דעם רוסישן אמבאסאדאָר די פּלענער, וועלכע ס׳האָבן צונויפגענומען די אמעריקאנער אָגענטן וועגן דער אָפּעראציע באַרבאַראָסאָ. דעם 10טן יוני, האָט דער ענגלישער וויצע־מיניסטער קאַדאָגאַן איבערגעגעבן ענלעכע ידיעות. די סאָוועטישע אגענטן, וואָס האָבן געארבעט אויף די גרענעצן אין פוילן און אין רומעניע, האָבן איבערגעגעבן פּינקטלעכע באריכטן וועגן דער קאָנצענטראציע פון דייטשע כוחות.

ווער עס פאַרמאכט די אויגן, וועט אפילו ביי דער ליכטיקסטער שיין גאָרנישט זען. דאָס איז דער פאַל מיט סטאלינען און זיין סביבה. דער גענעראליסימוס האָט זיך גיכער פארלאָזט אויף זיין פּאָליטישן חוש, ווי אויף די געהיימע ראפּאָרטן, וועלכע האָבן פארפולט זיין ביוראָ. זייענדיק איבערצייגט, אז דער פּאקט, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן מיט דייטשלאנד, איז אויף אייביק, האָט ער געפּיפּקעט די שלום־פּייקע. זיין מלחמה־האַק איז געווען באַגראָבן, און ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל זיך צו איר צו פרי צורירן.

דרייסיק יאָר נאָך דער מלחמה, האָט מארשאל גאָליקאָוו אָפּיציעל באשטעטיקט, אין א סאָוועטיש־היסטאָרישער אויסגאבע, דעם ווערט פון די באקומענע אינפאָרמאציעס.

״די סאָוועטישע געהיים־דינסט האָט אלארמירט און צו וויסן געטאָן אין דער געהעריקער צייט סיי דאָס אָפּלייגן און סיי די דאטע פון דער אגרעסיע קעגן ראטן־פארבאנד. די געהיים־דינסט האָט פּינקטלעך איבערגעגעבן דעם מאטעריאל, וואָס האָט א שייכות צו די מיליטערישע כוחות־פארהעלטענישן פון היטלער־

דייטשלאַנד. די גענויע צאָל פון די אײנהײטן, באַװאָפענונג, די סטראַטעגישע פּלענער פון דער װערמאַכט".

מאַרשאַל גאָליקאָװ איז אַבסאָלוט באַפולמעכטיקט צו אַזאַ דעקלאַראַציע. פון יוני 1940 ביז יולי 1941 איז ער געװען דער שעף פון שפּיאָנאַזש־דינסט פון דער רויטער אַרמײ.

אפשר װעט אויך ער קענען אויפקלערן, אויב דער גענעראַל־שטאַב איז געװען אַזוי גוט אינפאָרמירט, די סיבות פון דער מפּלה פון דער רויטער אַרמײ, נאָך דעם דײטשן אָנגריף. דער ענטפער אויף דעם געפינט זיך, אָן צװײפל, אין דער נאָטע, װעלכע דער זעלבער גאָליקאָװ האָט דעם 20סטן מערץ 1941, געשיקט צו זײנע אונטעראָרדנטע אין דער געהײם־דינסט: "אַלע דאָקומענטן װאָס טענהן, אַז די מלחמה װעט אויסברעכן אין דער גאָר נאָענטער צײט, דאַרפן באַטראַכט װערן װי פעלשונגען פון ענגלישע און אפילו דײטשע קװעלן."

אויף די װיכטיקסטע זענדונגען, װעלכע עס האָבן געשיקט זאָרגע, שולצע־בויזען אָדער טרעפּער, האָט גאָליקאָװ צוגעגעבן אַ זײטיקע באַמערקונג: "דאָפּל־אַגענט" אָדער "ענגלישע קװעלן".

מאַרשאַל גאָליקאָװ איז נישט געװען דער אײנציקער װאָס איז געװען געצװונגען איבערצושרײבן די געשיכטע. אין 1972 איז אין מאָסקװע פאַרגעקומען אַ קאָנפערענץ געװידמעט דעם בוך פון היסטאָריקער נעקריטש "1941 — 22סטער יוני". גענעראַל סוסלאָפּאַראָװ האָט אויף דער קאָנפערענץ דערצײלט, אַז ער, װי דער מיליטער־אַטאַשע אין װישי, האָט געװאָרנט מאָסקװע װעגן דער נאָענטקײט פון דײטשן איבערפאַל. אַ שאָד װאָס איך האָב נישט געהאַט קײן מעגלעכקײט אַרויסצוטרעטן װי אַן עדות אויף דער קאָנפערענץ, װאָס װאָלט אָן שום ספק געצװונגען סוסלאָפּאַראָװן צו אַ ביסל מער באַשײדנקײט. װײל יעדעס מאָל, װען איך האָב אים איבערגעגעבן אינפאָרמאַציעס װעגן די מלחמה־צוגרײטונגען קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, האָט ער מיר געקלאַפּט אין פּלײצע, זאָגנדיק דערבײ מיט ביטול: "מײן פרײנד, איך װעל זײ איבערשיקן אײערע דעפּעשן, איך טו עס נאָר פאַר אײער פאַרגעניגן".

דעם 21סטן יוני 1941, האָבן מאַקסימאָװיטש און שולצע־בויזען אונדז באַשטעטיקט, אַז די דײטשע אינװאַזיע דאַרף זיך אָנהײבן מאָרגן. ס'איז נאָך געװען צײט צו שטעלן די רויטע אַרמײ אין אַלאַרם־צושטאַנד. איך מיט לעאָ גראָספּאָגעל פאָרן אויף שנעל קײן װישי.

— אומגלויבלעך — פּרובירט סוסלאָפּאַראָװ, װי געװײנלעך, אונדז באַרויִקן.
— איר מאַכט אַ גרויסן טעות — זאָגט ער אונדז. — כ'האָב זיך הײנט געטראָפן מיטן יאַפּאַנישן מיליטער־אַטאַשע, װאָס קומט פון בערלין. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דײטשלאַנד גרײט נישט קײן מלחמה. מ'קאָן צו אים האָבן צוטרוי.

איך האָב אָבער געהאַט מער צוטרוי צו מײנע אינפאָרמאַטאָרן און צוגעשטאַנען צו סוסלאָפּאַראָװן, אַז ער זאָל אומבאַדינגט איבערשיקן מײן דעפּעשע. שפּעט אין דער נאַכט בין איך אַװעק צו מיר אין האָטעל. פיר אַ זײגער אין דער פרי — דער

בעל־הבית וועקט מיך, שרייענדיק: — שוין, ס׳איז געשען, הער זשילבער! דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבן די מלחמה קעגן ראַטן־פאַרבאַנד!

דעם 23סטן איז אָנגעקומען קיין ווישי וואָלאָסיוק, דער אוויאַציע־אַטאַשע ביים גענעראַל סוסלאָפּאַראָוו. ער האָט פאַרלאָזן מאָסקווע עטלעכע שעה פאַרן אויסברוך פון קריג. ער האָט מיר דערציילט, אַז פאַרן אָפּפאָרן, האָט מען אים גערופן צום שעף פון געהיים־דינסט, וואָס האָט אים באַאויפטראַגט מיר איבערצוגעבן:

— איר וועט זאָגן אָטאָן[1], אַז איך האָב איבערגעגעבן דעם הויפּט־שעף די אינפאָרמאַציע וועגן דער נאָענטקייט פון דייטשן אָנגריף. דער הויפּט־שעף וווּנדערט זיך, אַז אַזאַ מאַן ווי אָטאָ, אַן אַלטער קעמפער, אַ מאַן פון געהיים־דינסט, זאָל זיך לאָזן פאַרפירן פון דער ענגלישער פּראָפּאַגאַנדע. איר קענט אים זאָגן, אַז ס׳איז די טיפע איבערצייגונג פון הויפּט־שעף (סטאַלין), אַז די מלחמה מיט דייטשלאַנד וועט זיך נישט אָנהייבן פריער ווי אין 1944...

”די טיפע איבערצייגונג״ פון הויפּט־שעף סטאַלין האָט געקאָסט זייער טייער. נאָכן אָפּהאַקן די קעפּ פון די אָנפירערס פון דער רויטער אַרמיי אין 1937 — וואָס איז געווען די סיבה פון די ערשטע מפּלות — האָט דער געניאַלער סטראַטעג אויסגעליפערט זיין אַרמיי די היטלעריסטישע האָרדעס. אין די ערשטע שעהן פון דער דייטשער אַטאַקע, נישט רעכענענדיק זיך מיט דערווירקלעכקייט און גלויבנדיק כסדר, אַז ס׳איז אַ פּראָוואָקאַציע — האָט ער פאַרבאָטן זיך אַנטקעגן צו שטעלן דער אָפּענסיווע. אַ פּראָוואָקאַציע, אָבער פון וועמען און צוליב וועלכע סיבות? אַ סוד... ער איז דער איינציקער, וואָס איז אין דעם איבערצייגט, און ער צווינגט אויך אַנדערע צו טיילן זיין מיינונג... דער רעזולטאַט: די עראָדראָמען צעשטערט, די עראָפּלאַנען פאַרניכטעט אויף דער ערד, די דייטשע פליערס באַהערשן דעם לופט־רוים און פאַרוואַנדלען די רוסישע פעלדער אין אַ בית־הקברות פון טאַנקן. דער שעף פון די אַרמיי־קאָרפּוסן, וועמען סטאַלין האָט פאַרבאָטן צו שטעלן דאָס מיליטער אין אַלאַרם־צושטאַנד, האָט אין אווגוסט פון 22סטן יוני באַקומען דעם באַפעל אַרויסצושטויסן דעם שונא אויסער די גרענעצן. אין דעם מאָמענט, זענען די געפּאַנצערטע דיוויזיעס פון דער וועראַמאַכט שוין געהאַט אַריינגעדרונגען הונדערטער קילאָמעטערס אין דער סאָוועטישער טעריטאָריע.

ס׳איז געוואָרן נויטווענדיק, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך מקריב זיין, מיטן קעגנשטעלן זיך דעם אַריינדרינגלער, כדי ענדערן די ריכטונג פון דער מלחמה. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן, נאָר ערשט נאָך דעם ווי דער פעלער פון סטאַלינען האָט אָפּגעקאָסט רוסלאַנד מיליאָנען טויטע און פאַרלענגערט די מלחמה.

מיט געמישטע געפילן האָבן מיינע חברים און איך איבערגעלעבט די ערשטע טעג פון דער דייטש־רוסישער מלחמה.

די מפּלות פון דער רויטער אַרמיי האָבן אונדז באַאומרויקט, אָבער מיר האָבן גערעכנט אויף דער גבורה פון פאָלק און אויף די ריזיקע רעסורסן פון מענטשן און אויסשטאַטונג אין ראַטן־פאַרבאַנד. מאָראַליש — און איך מוז זאָגן, אַז דער דאָזיקער

---

1. מיין געהיימער קאָד־נאָמען.

אספעקט איז פאר אונדז געווען זייער וויכטיק — זענען מיר געוואָרן באפרייט פון א גרויסער לאסט. ווי קאָמוניסטן, האָבן מיר קיינמאָל נישט מסכים געווען מיטן נישט־אָנגריף פּאַקט פון 1939. ווי מענטשן פון געהיים־דינסט, האָבן מיר נישט געגלויבט, אז ער וועט לאנג אָנהאלטן.

איצט איז געוואָרן קלאָר, אז דער ראטן־פארבאנד איז צוגעשטאנען צום אנטי־פאשיסטישן קאמף. דאָס האָט פארשטארקט אונדזערע אָנשטרענגונגען און גוטן ווילן. מיר דארפן זיין גרייט איינצוזאמלען א וואס גרעסערע צאָל מיליטערישע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ידיעות. אזוי ארום וועלן מיר צוטראָגן אונדזער ביישטייער צום נצחון.

8 דער אָרקעסטער שפּילט

די אמתדיקע זיגערס פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען די רוסישע אינפאַנטעריע־זעלנער, וועמענס געפּרוּוירענע פיס האָבן געטאָפּטשעט אין די סטאַלינגראַדער שנייען; די אמעריקאַנער מאַרינס, וואָס זענען געלעגן אין די זאַמדן פון אומאַהאַ־ביטש; די יוגאָסלאַווישע צי גריכישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן פון זייערע באַרג־הויכקייטן געקעמפט מיטן שונא. קיין שום געהיים־דינסט האָט נישט דעצידירט וועגן אויסגאַנג פון דעם קריג. נישט זאָרגע, נישט ראַדאָש [1]) און נישט טרעפּער זענען געווען אַנטשיידנדיק מיט זייער השפּעה אין דעם אויסגאַנג. ווי פּאַרטיזאַנער, אַוועקגעשטעלט אויף דער ערשטער פייער־ליניע, און אין דער מאָס פון אונדזערע מעגלעכקייטן און איבערגעגעבנקייט פון די חברים, האָבן מיר בייגעשטייערט צום ענדגילטיקן דערפאָלג פון געווער [2]). מיר שיינט, אַז ס׳איז נייטיק אַוועקצושטעלן די פאַקטן אויף זייער ריכטיקן אָרט.

איך גלויב, אַז פאַר אַלעם מוז מען אויפקלערן אַ זייער וויכטיקע פראַגע. איך וועל זי רעזומירן אויף אַזאַ אופן: די רויטע קאַפּעליע איז געווען זייער גוט. אָבער מיט וואָס פאַר אַ ציל? אַ גרופּע מוטיקע קעמפערס אין שונאס לאַגער, כדי ארויסצובאַקומען אינפאָרמאַציעס און דאָקומענטן? אויך גוט. אָבער וועלכע באַשטימונג און וועלכע באַדייטונג האָבן זיי געהאַט?

איך האָב שוין געבראַכט פיל ביישפּילן. אין גאַנג פון מיינע שילדערונגען וועל איך ברענגען ביישפּילן פון דירעקטע אַקציעס און אויך די מעטאָדן, וועלכע מיר האָבן אָנגעווענדט, כדי דערוויסן זיך וואָס מערער סודות. איך גלויב, אַז דערביי איז וויכטיק אָנצוגעבן אַ גרעסערע צאָל פּרטים.

פון 1940 ביז 1943 האָבן די ״מוזיקערס״ [3]) פון דער רויטער קאַפּעליע

---

1) פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער שווייצאַרישער געהיים־דינסט.

2) דער רויטער אָרקעסטער איז געווען אייניע פון די וויכטיקסטע טיילן פון סאָוועטישן שפּיאָנאַזש־דינסט, ער איז אָבער נישט געווען אַליין. ס׳האָבן עקזיסטירט נעצן אין פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע, בולגאַריע, שווייץ, סקאַנדינאַוויע און אין די באַלקאַנישע לענדער.

3) געמיינט די ראַדיסטן, אָדער ״פּיאַניסטן״, ווי מיר האָבן גערופן די וואָס האָבן ״אויסגעקלאַפּט״ די ראַדיאָ־ידיעות.

איבערגעשיקט אין צענטער בערך טויזנט פינף הונדערט דעפּעשן. דער אינהאַלט פון די ערשטע דעפּעשן האָט זיך באַצויגן צו די מאַטעריעלע מיטלען פון שונא: מלחמה־אינדוסטריע, בוי־מאַטעריאַלן, טראַנספּאָרט און נייע מינים געווער. אויף דעם געביט, איז געלונגען דער רויטער קאַפּעליע אַדורכצופירן עטלעכע באַדייטנדיקע אַקציעס:

די אולטראַ־געהיימע פּלענער פון נייעם דייטשן טאַנק פון טיפּ "ט 6־טיגער" איז אין דער געהעריקער צייט איבערגעשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע. דאָס האָט דערמעגלעכט דער סאָוועטישער אינדוסטריע צו פּראָדוצירן דעם טאַנק "ק.וו.", וואָס איז פון אַלע שטאַנדפּונקטן געווען פיל בעסער פון דעם דייטשישן. דאָס דערשיינען פון דעם טאַנק "ק.וו." אויף די שלאַכט־פעלדער, איז געווען אַ ווייטיקלעכע איבעראַשונג פאַרן דייטשן גענעראַל־שטאַב.

האַרבסט 1941 האָט דער צענטער באַקומען די זענדונג נומער 37; "די טעגלעכע פּראָדוקציע פון דעם מעסערשמידט עראָפּלאַן "מ.ע. 110" איז פון 9 ביז 10 אַ טאָג. די פאַרלוסטן אויפן מזרח־פראָנט דערגרייכן אַ 40 שטיק יעדן טאָג". ס'איז נישט געווען קאָמפּליצירט צו מאַכן דעם חשבון.

סוף 1941 האָבן מיר צו וויסן געטאָן דעם שעף, אַז זינט 3 חדשים, אַרבעטן די מעסערשמידט־פאַבריקן אין דייטשלאַנד אויף אַ נייעם יאַגד־עראָפּלאַן מיט מאָטאָרן, וואָס וועט קענען דערגרייכן אַ שנעלקייט פון 900 קילאָמעטער אַ שעה. דער פּלאַן פון דעם נייעם עראָפּלאַן, איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע אין מיקראָ־פילמען. עטלעכע חדשים שפּעטער איז אַ נייער יאַגד־עראָפּלאַן, אַ פיל בעסערער ווי דער מעסערשמידט, פּראָדוצירט געוואָרן אין די סאָוועטישע פאַבריקן.

פון אַן אַנדערן כאַראַקטער זענען געווען די דעפּעשן, וועלכע האָבן איבערגעגעבן ידיעות וועגן דעם מיליטערישן צושטאַנד פון שונא: די צאָל דיוויזיעס, די דיספּאָזיציע פון געווער, אָפענסיווע־פּלענער. צום ביישפּיל: די דעפּעשע נומער 42 פון 10טן דעצעמבער 1941 לויטעט אַזוי: "די לופטוואַפע אין אירע ערשטע און צווייטע ליניעס באַזיצן 21,500 עראָפּלאַנען, אין דעם — 6258 טראַנספּאָרט־עראָפּלאַנען. 9000 פון זיי געפינען זיך איצט אויפן מזרח־פראָנט".

אָדער:

"נאָוועמבער 1941 — די קוועלע — סוזאַן. דער גענעראַל־שטאַב פון דער דייטשער אַרמיי שלאָגט פאָר צו סטאַביליזירן דעם גאַנצן ווינטער די פראָנט־ליניעס ראָסטאָוו — איזום — קורסק — אָריאָל — בריאַנסק — נאָווגאָראָד — לענינגראַד".

עטלעכע טעג שפּעטער קומט אַ המשך:

"היטלער האָט אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג און געגעבן אַ באַפעל, אַדורכפירן צום זעקסטן מאָל די אָפענסיווע אויף מאָסקווע, און באַנוצן זיך מיט אַלע כוחות וואָס געפינען זיך אויף דעם פראָנט־אָפּשניט".

און סוף 1942:

"אין איטאַליע האָבן געוויסע פאַקטאָרן פון דער אַרמיי־אָנפירונג אָנגעהויבן צו סאַבאָטירן די דירעקטיוון פון דער פּאַרטיי. נישט אויסגעשלאָסן, אַז מוסאָליני זאָל

ווערן אַראָפּגעזעצט [1]). די דייטשן קאָנצענטרירן מיליטערישע כוחות צווישן מינכען און אינסברוק, גרייט צו אינטערווענירן״.

אויסער דעם שיקן די פּאַראַנטוואָרטלעכע פון שפּיאָנאַזש־דינסט פון די באַזונדערע לענדער רעגולערע רעזומעס און אָפּשאַצונגען, ווי צום ביישפּיל:

״די אָנפירנדיקע קרייזן פון דער ווערמאַכט, באַטראַכטן דעם בליצקריג אויפן מזרח ווי א דורכפאַל, און דייטשלאַנד איז מער נישט זיכער אין א מיליטערישן זיג. פאַראַן א טענדענץ צו שטויסן היטלערן ער זאָל שליסן א סעפּאַראַטן שלום־אָפּמאַך מיט ענגלאַנד. גענעראַלן אין דער אָנפירונג פון דער ווערמאַכט מיינען, אז די מלחמה וועט נאָך דויערן א דרייסיק חדשים און זיך ענדיקן מיט א קאָמפּראָמיס״.

ס׳איז א טעות צו מיינען, אז מאָסקווע האָט אויפגענומען די געהיימע אינפאָרמאַציעס פון זאָרגען, שולצע־בויזען און טרעפּערן, ווי די תורה פון באַרג סיני. דער מאַטעריאַל וואָס איז אָנגעקומען אין צענטער, איז קודם כל אדורך די דעשיפרירער־אָפּטיילונג, דערנאָך — די סאָרטירונג און צום סוף זענען די ידיעות פאַרגליכן געוואָרן דורך מיליטערישע און פּאָליטישע ספּעציאַליסטן, מיט די צענויפגענומענע ידיעות וואָס זענען געקומען פון פאַרשידענע קוועלן. אזוי אַרום, ווען איך האָב אין האַרבסט 1940 צו וויסן געטאָן מאָסקווע אז דריי דייטשע דיוויזיעס זענען געוואָרן צוריק געצויגן פון אַטלאַנטישן ברעג און געשיקט קיין פּוילן, האָט דער צענטער גלייכצייטיק דערהאַלטן באַשטעטיקונגען פון דער נעץ פון באַן־מאַשיניסטן, וואָס האָבן איבערגעפירט די איינהייטן און אויך פון א פּוילישער אויסשפּיר־נעץ.

אין האַרבסט 1941 האָט די רויטע אַרמיי זיך געפונען אין א קריטישער לאַגע. אין פאַרלויף פון פינף חדשים איז די ווערמאַכט פאָרויס געגאַנגען אויף טויזנט צוויי הונדערט קילאָמעטער. דאָס פּלאַן פון קיעוו האָט פאַר זיי געעפנט דעם תבואה־שפּייכלער פון אוקראַינע. אויפן סאַמע דרום, האָט גענעראַל מאַנשטיין באַהערשט דעם גאַנצן ברעג פון שוואַרצן ים. אויף צפון איז לענינגראַד געוועזן באַדראָט, און אין צענטער פון לאַנד האָט דאָס פאַלן סמאָלענסק געעפנט דעם וועג אויף מאָסקווע.

היטלער האָט געהאַט א גרונט צו מעלדן אין א זיגערישן קאָמוניקאַט: ״די רוסישע אַרמיי איז צעקלאַפּט, דער אַריינמאַרש קיין מאָסקווע איז א פראַגע פון טעג״.

דער דייטשער גענעראַל־שטאַב האָט שוין געגרייט דעם פּלאַן צו באַזעצן די הויפּט־שטאָט און דאָרט איינשטעלן איר אַדמיניסטראַציע. היטלער איז געווען איבערצייגט, אז דאָס פאַלן פון מאָסקווע וועט אַרויסרופן אזא דעמאָראַליזאַציע אין דער אַרמיי און באַפעלקערונג, אז סטאַלין וועט קאַפּיטולירן אויף די קני. ער האָט צונויפגערופן זיינע גענעראַלן פון הויפּט־שטאַב אין ראַסטענבורג, מזרח־פּרייסן, אויסצואַרבעטן דעם פּלאַן פון דער אָפענסיווע.

1) די פאַרויסזאָגונג האָט זיך באַשטעטיקט מיט 6 חדשים שפּעטער.

דער פּירער איז געווען אַן אָנהענגער פון א פראַנטאלער אטאקע אויף מאָסקווע, דער גענעראַל־שטאב איז אָבער געווען ביי דער מיינונג פון אן ארומרינגלונג; די דריטע און פערטע ארמיי זאָלן זיך פאראייניקן אונטער מאָסקווע, דורך א ברייטערן ארומקרייז. די לייזונג איז געוואָרן אָנגענומען.

היינט מעג איך אנטפּלעקן, אַז א קעמפער פון דער רויטער קאַפּעליע האָט בייגעוווינט יענע בּאראטונג. דער סטענאָגראַפיסט וואָס האָט פּינקטלעך פארשריבן די רייד פון היטלערן און זיינע גענעראלן, האָט באלאנגט צו דער גרופּע שולצע־בויזען. דעם סאָוועטישן גענעראַל־שטאב זענען געווען באקאנט די קלענסטע פּרטים פון דער אטאקע און ער האָט באוויזן צוצוגרייטן די קאָנטער־אָפענסיווע, וועלכע האָט מיט דערפאָלג צוריק געשטויסן די ווערמאכט. [1]

דער זעלבער סטענאָגראַפיסט האָט 9 חדשים פריער געוואָרנט וועגן דער אָפענסיווע אויף קאווקאז. דעם 12טן נאָוועמבער 1941, האָט דער צענטער באַקומען פאָלגנדע דעפּעשע: ״דער פּלאַן 3, וואָס האָט א ציל צו פארכאפּן קאווקאז, פאַרגעזען צו ערשט אויף נאָוועמבער, וועט ווערן דורכגעפירט פרילינג 1942. דאָס צוגרייטן די כוחות, דארף זיך פארענדיקן דעם 1טן מאי. אלע אָנשטרענגונגען פאר דעם ציל, הייבן זיך אָן דעם 1טן פעברואר. די באזעס צו אטאקירן קאווקאז: לאָזאָוואָיא — באלאקעלעיא — טשוגויעוו — בילגאָראָד — אכטינקא — קראָסנאָגראָד. דער הויפּט־שטאב — אין כארקאָוו. איינצלהייטן קומען״.

דעם 12טן מאי, 1942, איז א ספּעציעלער שליח געקומען קיין מאָסקווע מיט דעם מיקראָפילם, אין וועלכן כ׳האָב אָנגעגעבן אלע ידיעות וועגן דער אָפענסיווע; אין אויגוסט דארף גאנץ קאווקאז ווערן פארנומען, כדי צו באזעצן באקו און די נאַפט־גרובן. דער הויפּט־ציל פון דער גאנצער אטאקע איז — סטאלינגראד.

דעם 12טן יולי איז אויפן סטאלינגראדער פראָנט אוועקגעשטעלט געוואָרן א גענעראַל־שטאב אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל טימאָשענקאָ. די פאַקטע אין וועלכער ס׳איז אריינגעפאלן די ווערמאכט — איז געוואָרן צוגעגרייט.

---

1) מען דארף אונטערשטרייכן דעם גרויסן ווערט פון די אינפאָרמאציעס, וואָס ס׳האָט איבערגעשיקט זאָרגע און אין וועלכע ער האָט פארזיכערט, אז יאפּאַן וועט זיך נישט רירן. די נייע דיוויזיעס פון סיביר האָבן געשפּילט א דעצידירנדיקע ראָל.

9 פערנאַנד פּאַריאַל

איינע פון אונדזערע עיקרדיקע אויפגאַבן, פאַר וועלכע מיר האָבן באַדאַרפט זאָרגן, איז געווען — פאַרזיכערן דאָס איבערגעבן די ידיעות. פאַרשטענדלעך, אַז ס׳וואָלט געווען איבעריק צענויפזאַמלען די אינפאָרמאַציעס, אָן דער מעגלעכקייט זיי איבערצוגעבן די, פאַר וועמען זיי זענען באַשטימט. די ראַדיאָ־פאַרבינדונג פאַר אַ געהיימער דינסט־נעץ, איז ווי זויערשטאָף פאַר אַ טויכער. אויב די שפּיצן ווערן פאַרשטאָפּט, איז אַ פּאַראַליזש אומפאַרמיידלעך.

מען דאַרף וויסן, אַז ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, זענען מיר געווען אָפּגעשניטן פון אַרום, די זענדערס זענען נישט געווען גרייט צו פונקציאָנירן, צוליב דער פּשוטער סיבה, וואָס דער צענטער האָט דעם פּראָבלעם נישט געשענקט קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. אונדז האָבן געפעלט ראַדיאָ־טעכניקערס און ״פּיאַניסטן״.

ביסלעכווייז, מיט דער צייט, האָט די ״קאַפּעליע״ איינגעשטעלט די אינסטרומענטן און זיך געשאַפן די ספּעציאַליסטן; דריי ראַדיאָ־זענדערס האָבן פונקציאָנירט אין בערלין, דריי אין בעלגיע און דריי אין האָלאַנד. פראַנקרייך איז פאַרלויפיק געווען שטיל און מיר האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד, זי זאָל צושטיין... צום ״קאָנצערט אויף די כוואַליעס פון עטער״.

דער אַנדראַטיקער טעלעגראַף איז נישט געווען דאָס אייציקע מיטל איבערצוגעבן ידיעות, און נישט אַלע ידיעות איז מעגלעך איבערצוגעבן אויף דעם וועג, ווי: פּלענער פון פאַרט־איינריכטונגען, פאָרטיפיקאַציעס, מיליטערישע מאַפּעס און דיאַגראַמעס פונעם צונויפשטעל פון די אינסטאַנצן. אויף איבערצופירן אַזעלכע דאָקומענטן, האָבן מיר זיך באַנוצט מיט אומזעבאַרן־טינט, און דער עיקר — מיט מיקראָפילמען.

ביז יוני 1941, איז דער גרעסטער טייל איינגעזאַמלטע מאַטעריאַלן אין פראַנקרייך, געוואָרן איבערגעשיקט דורך דער פאַרמיטלונג פון סאָוועטישן מיליטער־אַטאַשע אין ווישי, סוסלאָפּאַראָוו.

מיר האָבן אַבסאָלוט אויסגעמיטן, ביים אַריבערגיין די דעמאַרקאַציע־ליניע, צו האָבן די געהיימע דאָקומענטן ביי זיך. מיר האָבן צוגעטראַכט אַ סיסטעם פון אַריבערפירן דאָקומענטן, מיט וועלכן לעאָ און איך האָבן זיך באַנוצט צום ערשטן

מאָל. מיר האָבן באַשטעלט ערטער אין א שלאָף־וואַגאָן, אַן אַנדערער מיטגליד פון דער נעץ האָט געדונגען בשכנות א קופּע. דעם ערשטן האָבן מיר געלאָזן אומבאַנוצט. נאָכן אַדורכגיין פון דעם באַן־קאָנטראָלער, האָט מען אין דעם אומבאַנוצטן קופּע אָפּגעשרויפט אַן עלעקטריש לעמפּל, דאָרטן אַריינגעלייגט די פעדער, אין וועלכן ס׳איז געווען באַהאַלטן דער מיקראָפילם — און זיך אומגעקערט אין אונדזער קופּע. אין מולען, אויף דער דעמאַרקאַציע־ליניע, איז אונדזער אַגענט און זיין באַגאַזש געוואָרן קאָנטראָלירט. די דייטשישע זשאַנדאַרמעריע האָט געזען דעם ערשטן קופּע ליידיק, האָט זי זיך אַפילו נישט אומגעקוקט און געגאַנגען ווייטער. דערנאָך איז מער נישט געבליבן, ווי צוריק אַרויסנעמען די פעדער מיט די ידיעות.

די נסיעות זענען שטאַרק פאַרלייכטערט געוואָרן א דאַנק די דאָקומענטן פון דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע די אָנפירונג און די אָנגעשטעלטע פון ״סימעקס״ און ״סימעקסקאָ״ האָבן געטראָגן ביי זיך. אויך די אַנדערע אַגענטן האָבן זיך נישט ווייניקער אָן עצה געגעבן. איינע פון די פאַרבינדונגען צווישן בערלין און בריסל איז געווען פאַרזיכערט דורך דער זייער שיינער אינגאַ ענדער, וואָס איז גלייכצייטיק געווען א מאָדעלקע אין דעם שניידער־סאַלאָן, ווו עס האָט זיך געקליידט עווא בראַון (די געליבטע פון היטלערן) און די פרויען פון די נאַצי־פירערס. סימאָן פּעטער, אַן אָנגעשטעלטער אין דער פּאַריזער ביוראָ פון דער בעלגישער האַנדלס־קאַמער, האָט זיך פאַרנומען מיט איבערפירן די ידיעות פון פּאַריז קיין בריסל. פאַר איר איז געווען גענוג, מען זאָל זיינע בריוו איבערשיקן צו זיין קאָרעספּאָנדענטין אויף דער בריסלער בערזע — און זי האָט דאָס שוין ווייטער באַזאָרגט.

מיר האָבן זיך אויך באַנוצט מיט די באַן־קאָנדוקטאָרן וואָס זענען געפאָרן דורך דער דעמאַרקאַציע־ליניע און מיט אַרבעטער אויף די שיפן, וועלכע האָבן קורסירט צווישן אַנטווערפּן און די סקאַנדינאַווישע לענדער.

אָבער די אַנטוויקלונג פון אונדזער טעטיקייט נאָכן אויסברוך פון קריג אין מזרח, האָט געצווונגען נישט באַנוצן זיך מער מיט מעטאָדן פון אַמאַטאָרן. ווי איינפאַלעריש און ווירקזאַם זיי זענען געווען, זענען דאָס פאָרט געווען טריקן, וועלכע האָבן מער געערדט צו דער פאַנטאַזיע און געקענט צופרידנשטעלן בלויז די לייענער פון שפּיאָנאַזש־ראָמאַנען. זיי האָבן נישט אַנטשפּראָכן מער די באַדערפענישן פון א געהיים־דינסט, וואָס האָט באַדאַרפט אַרויסשיקן א גרויסע צאָל דעפּעשן מיט דער געהעריקער שנעלקייט.

נאָכן אַריינגיין פון ראַטן־פאַרבאַנד אין דער מלחמה, האָט דער מיליטער־אַטאַשע סוסלאָפּאַראָוו פאַרלאָזן ווישי. די איינציקע פאַרבינדונג וואָס איז אונדז געבליבן, איז געווען — די בריסעלער סטאַציע. אָבער זי האָט נישט געגעבן קיין גענוגנדע גאַראַנטיעס סיי פון שטאַנדפּונקט פון זיכערקייט, סיי פון ווירקזאַמקייט. דאַן איז געוואָרן דרינגנד נייטיק אוועקצושטעלן סטאַציעס אין פראַנקרייך. כ׳האָב פאַרלאַנגט פון צענטער, ער זאָל מיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט א ראַדיאָ־פאַראַנטוואָרטלעכן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס קאָן אונדז זיכער העלפן

אויף דעם געביט. ער האָט מסכים געווען. ס׳איז געקומען צו א טרעפונג מיט פערנאַנד פאַריאַל (״דיוואַל״).

אונדזער ערשטע באַגעגעניש איז לכתחילה געווען צוזאַגנדיק. כ׳האָב באַנומען, אז ער איז דער פּאַסיקער מאַן. אויסער דעם האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געפאַנגען דאָס האַרץ. נישט געקוקט אויף די וויכטיקע אַמטן זיינע אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, האָט ער מסכים געווען צו שאַפן די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און אויסשולן ״פּיאַניסטן״.

פאַריאַל, א פראַנצויז פון דרום־פראַנקרייך, מיט דעם ספּעציפישן פריילעכן לשון, האָט פאַרמאָגט די חכמה פון אַדורכצופירן יעטוועדע, נישט־באַקוועמע אונטערנעמונג מיט א שמייכל, אַנגעזאַפּט מיטן ליכט פון די זון־לענדער.

געבוירן אין איינער פון די משפחות, וווּ מען לערנט זיך אויס לייענען פון דער ״הומאַניטע״ [1], האָט ער זייער פרי אָנגעהויבן צו באַטייליקן זיך אין דער קאָמוניסטישער יוגנט און שפּעטער אין דער פאַרטיי. פאַרליבט אין ים־רייזעס, האָט ער שטודירט אין א הידראָגראַפישער שול אין מאַרסיי און זי פאַרענדיקט ווי א ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט פון האַנדלס־פלאָט. ער האָט געדינט דריי יאָר. נאָכן מיליטער־דינסט, האָט ער געהאַט שוועריקייטן צו באַקומען אַרבעט, צוליב זיין אָנגעהעריקייט צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

אין דער צייט נעמט זיך פאַריאַל צו זשורנאַליזם. ער ווידמעט זיין גאַנצע צייט דעם אָרגאַן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער הילף, ״לא דעפאַנס״. גלייכצייטיק איז ער לעקטאָר אויף פיל קאָנפערענצן פון דער פאַרטיי אין דעפּאַרטעמענט בוש־די־ראָן.

אין 1936 גיט אַרויס די קאָמוניסטישע פאַרטיי אין מאַרסיי א צוויי־וואָכן זשורנאַל ״רוזש מידי״ (״רויטער דרום״), פון וועלכן פאַריאַל איז דער הויפּט־רעדאַקטאָר, הגם אין דער קאַסע איז נישט געווען קיין גראָשן. ער האָט געהאַט א ליידנשאַפט פאַר זשורנאַליזם. האָט ער געשריבן, נאָר גלייכצייטיק געווען געצוווּנגען צו זוכן דרוקערס, אָדער אַליין זיך פאַרוואַנדלען אין א שיק־ייִנגל. א דאַנק אים, האָט די צאָל לייענערס פון דעם זשורנאַל זיך אויסגעברייטערט.

מ׳האָט געזאָגט וועגן ״רוזש מידי״, אַז דאָס איז ״די איינציקע טאָג־צייטונג, וואָס דערשיינט צוויי מאָל א וואָך״.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, ווערט פאַריאַל צוגעטיילט אין דער אַרמיי צו דער אָפּטיילונג פון אויפכאַפּן ראַדיאָ־עמיסיעס. די איראָניע פון גורל: דער קומענדיקער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די ראַדיאָ־זענדערס פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און דער רויטער קאַפּעליע, אַרבעט איצט ביים אויפכאַפּן געהיימע ראַדיאָ־עמיסיעס!

תיכף נאָך זיין דעמאָביליזאַציע פון דער אַרמיי, טרעט פערנאַנד אַריין אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, שטעלט איין ראַדיאָ־סטאַציעס און בילדעט אויס ראַדיסטן.

מיר האָבן הויך אָפּגעשאַצט די ווערט פון דער מתנה, וואָס די קאָמוניסטישע

---

1) די טאָג־צייטונג פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין פראַנקרייך.

פארטיי האָט אונדז געגעבן... גאַר שנעל האָט פערנאַנד איינגעשטעלט אַן אפאַראַט. וואָס שייך "פּיאַניסטן", האָט דער מיליטער־אַטאַשע סוסלאָפּאַראָוו מיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די סאָקאָלס.

הערש און מירא סאָקאָל האָבן געשטאַמט פון א געגנט, וואָס געהערט צום ראַטן־פאַרבאַנד, נאָך דעם דייטש־סאָוועטישן פאַקט און דעם פאַנאַנדערטייל פון פּוילן. זיי האָבן געבעטן, מען זאָל זיי דערמעגלעכן צו באַזעצן זיך אויף דער סאָוועטישער זייט. טראָץ דעם וואָס הערש איז געווען דאָקטער־מעדיצין, און מירא — דאָקטער פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן, האָבן זיי אין די אַנקעטעס, וועלכע זיי האָבן אויסגעפילט פאַר דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע, אָנגעגעבן די פּראָפעסיע פון ראַדיאָ־טעכניקערס. דאָס האָבן זיי געטאָן מיט א כוונה, ווייל זיי האָבן געוווּסט אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד נייטיקט זיך אין טעכניקערס און זייערע דעקלאַראַציעס זענען דורך דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין ווישי, אָנגעקומען אין די הענט פון סוסלאָפּאַראָוון. וויסנדיק, אַז מיר נייטיקן זיך אין ראַדיאָ־אַפּאַראַטאָרן, האָט ער זיי געשיקט צו אונדז. ווי לאַנג־יאָריקע קאָמוניסטן, האָבן די סאָקאָלס זיך נישט געוואַקלט אָנצונעמען מיינע פאָרשלאָגן. פערנאַנד פּאָריאַל האָט זיי אין א רעקאָרד־צייט אויסגעלערנט דאָס פאַך פון ראַדיסטן. סוף 1941 האָט פערנאַנד זיבן נייע שילערס: א גרופּע פון פינף שפּאַניער און דאָס פּאָרל זשיראָ.

אין עטלעכע חדשים — דאָס איז געווען אַן אמתער רעקאָרד — איז די פראַנצויזישע "קאַפּעליע" געווען מסוגל צו שפּילן. איך דאַרף צוגעבן, אַז פאַר וויכטיקע דעפּעשן, האָט פּאָריאַל איינגעשטעלט א באַזונדערע פאַרבינדונג, וואָס איז געגאַנגען צום צענטער דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נאָר דערפון וועט נאָך אויסקומען צו שרייבן.

אין דער זעלבער צייט האָט מיך דער צענטער פאַרבונדן מיט הארי ראָבינסאָן, געוועזענער מיטגליד פון דער "ספּאַרטאַקוס"־גרופּע פון ראָזע לוקסעמבורג, א לאַנג־יאָריקער, אויסגעפּרוווטער אונטערערדישער פּאַרטיי־טוער ביים קאָמינטערן. שוין א לענגערע צייט, ווי ער האָט זיך באַזעצט אין מערב־אייראָפּע און איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיטן צענטער. דער שעף האָט געלאָזן פאַר מיר דעם אויסוואַל, צי ס'איז כדאַי צוריק איינצושטעלן מיט אים די פאַרבינדונג.

ער האָט מיר אויפגעקלערט, אַז פון דער רייניקונג, וועלכע איז פּאָרגעקומען אין סאָוועטישן שפּיאָנאַזש־דינסט, האָט ער איבערגעריסן די פאַרבינדונג.

— אין 1938, בין איך געווען אין מאָסקווע. כ'האָב צוגעזען דעם אומקום פון די בעסטע. כ'בין מער נישט מסכים... דערווייל בין איך אין פאַרבינדונג מיט די פאָרשטייער פון דע־גאָלן און מיר איז באַקאַנט, אַז דער צענטער פאַרווערט אַזעלכע פאַרבינדונגען...

— הער זיך איין, הארי, — האָב איך אים געזאָגט. — איך בין ווייט פון צו זיין מסכים מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין מאָסקווע. אויך איך בין געווען דערשיטערט פון אומברענגען בערזינען מיט זיין גאַנצער גרופּע. איצט איז אָבער נישט די צייט צו לעבן מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיר געפינען זיך אין קריג, לאָמיר לאָזן אין א זייט דאָס וואָס איז שוין פאַרגאַנגען און קעמפן צוזאַמען. דיין

גאַנץ לעבן ביסטו געווען אַ קאָמוניסט, און נישט דערפאַר וואָס ביסט נישט מסכים מיטן צענטער, דאַרפסטו אויפהערן זיין.

מיינע אַרגומענטן האָבן אים אויפגערודערט — און איך בין דערפון געווען צופרידן. ער מאַכט דעם פאָרשלאַג:

— איך האָב צו מיין דיספּאָזיציע אַ זענדער און אַ ראַדיסט, אָבער איך קאָן זיך נישט דערלויבן צו שטעלן אים אין געפאַר. זאָלן מיר איינשטעלן רעגולערע טרעפונגען, איך וועל דיר איבערגעבן די ידיעות, וועלכע איך וועל באַזיצן און וועלכע איך גופא וועל שיפרירן, און דו וועסט זיי שוין איבערגעבן דעם צענטער.

דער שעף האָט מסכים געווען אויף זיין פאָרשלאַג. די ידיעות פון ראַבינסאָנען זענען אָנגעקומען רעגולער. איך האָב אים געהאָלפן פינאַנסיעל, ער האָט געהאַט גרויסע מאַטעריעלע שוועריקייטן. ער האָט אָבער קיין מאָל נישט געהערט צו דער רויטער קאַפּעליע.

אַ געוויסן טאָג, הארבסט 1942, גיט ער מיר צו וויסן, אַז ער דאַרף מיך דרינגענד זען. כ'האָב באַשטימט אַ טרעפונג. דאָס וואָס ער האָט געהאַט מיר איבערצוגעבן, איז געווען פון גרויס וויכטיקייט.

— דו ווייסט, — זאָגט ער מיר, — אַז איך שטיי אין פאַרבינדונג מיט לאָנדאָן. אַ פאָרשטייער פון דע־גאָלן געפינט זיך דאָ און וויל זיך טרעפן מיט דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

— מיט וועלכן ציל? איז עס דיר באַקאַנט?

— דע־גאָל פאַרלאַנגט, אַז די פּאַרטיי זאָל צו אים שיקן אַ אירס אַ באַפולמעכטיקטן. נאָר די אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אַזוי שטאַרק פאַרקאָנספּירירט, אַז שוין דריי וואָכן ווי אונדזער פאַרבינדלער געלונגט נישט דורכצופירן דעם ענין.

כ'האָב צוגעזאָגט האַרין דערמיט זיך צו פאַרנעמען. אין צוויי טעג אַרום האָב איך זיך געטראָפן מיט מישעלן, דעם פאָרשטייער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. כ'האָב אים איבערגעגעבן אין וואָס עס האַנדלט זיך, ער האָט באַשטימט אַ טרעפונג אויף שפּעטער.

אַזוי אַרום האָט לאָנדאָן צום ערשטן מאָל זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער אונטערערדישער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

10 מיין דאָפּלט לעבן

די שפּיאָנאַזש־לעגענדעס האָבן א שווער לעבן... דער אַגענט פון געהיים־דינסט ווערט פאַרגעשטעלט ווי איינער, וואָס מאַכט אַדורך די קלאַסן אין עטלעכע שולן, ווו ער ווערט אַריינגעפירט אין די סודות פון א מיסטעריעזער אויסשפּיר־וויסנשאַפט. אין ספּעציעלע אוניווערסיטעטן שטודירט דער קומענדיקער אַגענט שפּיאָנאַזש, ווי אַנדערע שטודירן מאַטעמאַטיק. ביים ענדיקן באַקומט ער א דיפּלאָם — און דער פריש־געבאַקענער דאָקטער לאָזט זיך איבער דער וועלט אויספּרובירן די טעאָריע אין דער פּראַקטיק. דערביי פאַרגעסט מען, אַז די געזעצן פון דער געהיים־דינסט זענען נישט קיין טעאָריעס און נישט קיין אַקסיאָמעס און בדרך־כלל פיגורירן זיי נישט אין קיין ביכער.

איך אַליין האָב נישט געלערנט אין קיין שום שפּיאָנאַזש־שול. אויף דעם געביט בין איך נישט מער ווי א באַשיידענער אויטאָדידאַקט. מיין שול איז געווען מיין קאָמוניסטיש, קעמפעריש לעבן. קיין שום זאַך האָט נישט געקענט מיך בעסער צוגרייטן אָנצופירן מיט דער אויסשפּיר־נעץ די רויטע קאַפּעליע, ווי מיינע 20 שטורמישע יאָרן, אָפט אונטערערדישע, וועלכע איך האָב אַדורכגעמאַכט פאַרן אַריינטרעטן אין שפּיאָנאַזש־דינסט.

אונטערערדישע טעטיקייט האָב איך געלערנט אין פּוילן און ארץ־ישראל און די לעבנס־דערפאַרונג האָט מערער ווערט, ווי אַלע קורסן אין דער וועלט. די זעלבע שול האָבן אַדורכגעמאַכט מיינע אַלטע פריינד: לעאָ גראָספּאָגעל און הלל כץ, וואָס האָבן געשפּילט א דעצידירנדיקע ראָל אין דער אַנטשטייונג און אויסבילדונג פון דער רויטער קאַפּעליע. ווי קאָמוניסטישע קעמפערס, האָבן מיר זיך אויסגעלערנט אומעטום צו באַוועגן ווי פיש אין וואַסער. אויסשפּיר־אַרבעט פאַרלאַנגט די זעלבע פרייקייט און פאַנטאַזיע. ווען קענט, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון דער "שפּיאָנאַזש־אַקאַדעמיע", איז בשעתו אַריין אין א פאָלקסטימלעכן קאַפע־הויז אין א פאַריזער פאָרשטאָט און באַשטעלט א גלאָז... טיי, האָט ער, פאַרשטענדלעך, געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, וואָס איז זייער נישט געוווּנטשן פאַר אַן אַגענט פון געהיים־דינסט. אין יענער "אַקאַדעמיע" האָט מען קענטן פאַרגעסן צו לערנען, אַז דער פראַנצויזישער פאָלקס־מענטש טרינקט רויטן וויין, און נישט קיין טיי.

אדורכגיין אומבאַמערקט, נישט שאַרן זיך ביי די ווענט, נאָר לעבן נאָרמאַל — דאָס איז דער אייזערנער געבאָט פאַר אַן אַגענט. אין דעם עטאַפּ איז די דעקונג דעציִדירנדיק. דער אַגענט דאַרף נישט „פיגורירן", ער דאַרף „זיין". אין בריסל בין איך נישט געווען אידענטיש צו אדאַם מיקלער, איך בין געוואָרן אדאַם מיקלער. אַן אויפמערקזאַמער, איינגעשפּאַרטער אָבסערוואַטאָר, וואָלט נישט געקענט אַנטדעקן קיין אונטערשייד צווישן מיר און איינעם פון די סוחרים, וואָס איך האָב באַגעגנט אויף דער בערזע, אָדער אין רעסטאָראַן.

כדי זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ באַשטימטער פּערזאָן, מוז מען גרינטלעך קענען דאָס לאַנד, די סביבה, אין וועלכער מען באַוועגט זיך, און דאָס פאַך וועלכן מען פּראַקטיצירט. אדאַם מיקלער איז געקומען פון קוויבעק. איך האָב שוין־לאַנג געקענט רעדן וועגן דער שיינקייט פון מאָנטרעאַל און פאַראינטריגירן יעדן נייגעריקן. די אַנוועזנהייט פון לובאַן און פון איינעם פון מיינע זין אין בריסל, האָט פיל פאַרלייכטערט מיין אַריינדרינגען אין אָרטיקן לעבן. די מלחמה און די אָקופּאַציע האָבן מיך געצוווּנגען צו זיין פאָרזיכטיקער.

אויסערלעך, האָט מיין לעבן אין פּאַריז זיך נישט געביטן. זשאַן זשילבער, דער אַקציאָנער פון „סימעקס", וווינט אונטער דעם נאָמען אויף דער פּאַרטוני־גאַס, אָדער אויף דער פראַני־גאַס. די שכנים און די הויז־וועכטער באַגריסן אין מיין פּערזאָן דעם בעלגישן אינדוסטריעלער. איך ווויִן אַליין איןביידע, אָפּיציעלע ווויִנונגען און נעם אויף זייער ווייניק באַזוכערס. מיין פריינדין זשעאָרזשי דע־ווינטער קומט קיין מאָל נישט אַהער. אין האַרבסט 1941 האָט זי פאַרלאָזן בעלגיע, זינט די פאַראייניקטע שטאַטן זענען אַריין אין קריג און זי לעבט אונטערן נאָמען פון טעוועניע. זי וווינט אויף פּיגאַל און דינגט שפּעטער אַ ווילע אין וועזינע. זי איז געווען באַשיידן, אינטעליגענט, און איר איז נאָר געווען באַוווּסט, אַז איך קעמף קעגן נאַציזם. צייטנווייז שפּאַצירט לעאָ פאַרביי די פראַני־גאַס. צוליבן פאַרבאָט צו גיין אין די אָוונטן, איז לעאָ אַ געוויסע נאַכט געבליבן ביי מיר נעכטיקן. די הויז־וועכטערין, וואָס איז תמיד געווען העפלעך און דינסט־גרייט, האָט פון יענעם אָוונט אָן מיט אַמאָל אָנגעהויבן דעמאָנסטראַטיוו אָפּווענדן פון מיר דעם קאָפּ. צוויי אָדער דריי וואָכן שפּעטער, האָט מיך באַזוכט אַ פרוי. צו מאָרגנס איז די הויז־וועכטערין געווען כולו שמייכל. פאַראינטריגירט, האָב איך זי געפרעגט די סיבה פון דער ענדערונג.

— הער זשילבער — האָט זי מיר געזאָגט, — איך האָב אייך געהאַלטן פאַר אַ בכבודיקן מענטשן און דאָ זע איך, אַז דער ערשטער מענטש וואָס פאַרבלייבט ביי אייך נעכטיקן, איז אַ... מאַן. נעכטן, ווען כ'האָב געזען די דאַמע, איז מיר געוואָרן לייכטער, ווייל כ'האָב אייך שוין אָנגענומען פאַר אַן אַנאָרמאַלן...

עטלעכע מאָל אין וואָך איז זשאַן זשילבער געקומען אין הויפּט־ביוראָ פון „סימעקס" אויף שאַנז־עליזע [1]. מיטן אויסנאַם פון גראָספּאַגעל, קאַרבען, כץ און

1) שפּעטער האָט „סימעקס" זיך איבערגעטראָגן אויף בולוואַר האוסמאַן.

סוזאַן קוואַנט, האָבן די אַנדערע אַנגעשטעלטע נישט געוווּסט וועגן מיין ראָל אין געשעפט. פאַר אַלע בין איך געווען אַן אינדוסטריעלער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט ביזנעס. נאַטירלעך, איז געווען פאַרבאָטן צו קומען מיט קאָמפּראָמיטירנדיקע מאַטעריאַלן אין „סימעקס", און דער עיקר — נישט רעדן וועגן ענינים פון שפּיאָנאַזש. די דעקונג דאַרף מען היטן פון יעדן פאַרדאַכט. אויף צו שליסן אונדזערע וויכטיקע טראַנזאַקציעס מיט די דייטשן, האָט לעאָ גראָספאָגעל אָרגאַניזירט אינטימע מאָלצייטן. די סוחרים פון דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע האָבן באַזונדערס ליב געהאַט דעם רוסישן רעסטאָראַן „ביי קאָרנילאָוון" און אַפילו אַ יידישן רעסטאָראַן, וועלכן דער נאַציסטישער אָקופּאַנט האָט איבערגעלאָזט אויסשליסלעך פאַר זיין באַנוץ.

פאַרן גיין אויף די נאַכט־סעודות, וועלכע האָבן פון אונדז פאַרלאַנגט אַ סך אויפמערקזאַמקייט און אָנשטרענגונג, האָבן מיר אָנגענומען פּאַרזיכט־מיטלען: אויסגעטרונקען אַ ביסעלע איילבירט־בוימל, אָדער איינגענומען אַ לעפעלע פּוטער. פעטקייט אין מאָגן אַבסאָרבירט דעם אַלקאָהאָל, פאַרהיט מיר זאָלן נישט פאַרלירן די קאָנטראָל איבער זיך, דערמעגלעכט צו פאַרבלייבן די גאַנצע צייט ביים קלאָרן געדאַנק און האַלטן זיך בכבודיק, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען דער פאַל מיט אונדזערע געסט...

מיין שניידער, מיין פריזירער, די אייגנטימערס פון די באַרן און רעסטאָראַנען, וועלכע איך האָב באַזוכט, האָבן אָפּגעגעבן כבוד דעם הער זשילבער, וואָס רויכערט ציגאַרן און טיילט מיט אַ ברייטער האַנט טרינק־געלט.

אונטער דער געשטאַלט האָט זיך באַהאַלטן, מיט שטענדיקער וואַכזאַמקייט, די אַנדערע פּערזאָן — דער שעף פון דער רויטער קאַפּעליע. צווישן זשאַן זשילבער און אָטאָ, איז די מחיצה געווען אַן אַבסאָלוטע. אין איבערגאַנג פון איינעם צום אַנדערן, האָט געשטעקט די געפאַר. קיינער האָט נישט געטאָרט נאָכפּאָלגן זשילבערן, ווען ער איז אַוועק אין שאָטן.

צוויי מאָל אין וואָך בין איך אַריבער אין איינער פון די צוואַנציק אָדער פינף און צוואַנציק געהיימע דירות, אַמיינסטן — ווילעס אין די פאָרשטעט, וועלכע לעאָ האָט אויסגעקליבן. כּץ אָדער גראָספאָגעל האָבן מיר געבראַכט די ידיעות, וועלכע זיי האָבן צוזאַמען גענומען אין משך פון די עטלעכע טעג צווישן איין טרעפונג און דער צווייטער. דעם מאַטעריאַל, אַ גרויסע צאָל פאַרשידנאַרטיקע ידיעות, האָב איך קלאַסיפיצירט און רעדאַגירט אין אַ בצימצומדיקן באַריכט, וועלכן כ'האָב איינגעטיילט אין פיר אָדער פינף זענדונגען. דאָס האָט פאַרלאַנגט, ווינציקסטנס, אַ טאָג אַרבעט. אַ פאַרבינדלער האָט גענומען דעם מאַטעריאַל און אים איבערגעגעבן צום שיפרירן. בדרך־כלל איז דאָס געווען וועראַ אַקערמאַן, וואָס האָט דאָס איבערגעגעבן דעם פאַרפאַלק סאָקאָל צו טראַנסלירן אויף דעם ראַדיאָ־זענדער. יעדער עטאַפּ פון דער אַקציע איז געווען שטרענג איינגעטיילט. די קאַפּעליע־מיטגלידער האָבן געקענט נאָר איינעם פון דער פאַרבינדונג. אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז דער אופן פון פאַרבינדונגען — לעבנסוויכטיק. דעריבער האָבן מיר גלייך פון אָנהייב געשענקט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דער טעכניק פון די טרעפונגען.

צום זיכערסטן איז געווען, ווען צוויי האָבן זיך געטראָפן אין זייער נאַטירלעכער

סביבה. אזא איז געווען די פאַרבינדונג אין 1939 צווישן לובאַן און קענטן, ווען ביידע האָבן שטודירט אויפן פרייען אוניווערסיטעט אין בריסל. די דאָזיקע "אַקאַדעמישע" פאָרם איז גאָר אַ זעלטענע. צוויי אַגענטן, וואָס דאַרפן זיך באַגעגענען, פאַרלאָזן די וווינונג אַ סך פריער פון דער באַשטימטער שעה. זיי שלעפּן זיך נישט אַרום אין גאַס, נאָר באַמיִען זיך צו פאַרנעמען מיט זייער באַטירלעכער באַשעפטיקונג און דערווייטערן זיך וואָס מער פון דעם טרעפונג־פּונקט. אין פּרינציפּ, נעמט מען די מעטראָ, תמיד אין לעצטן וואַגאָן, כדי אויסשטייגן צווישן די לעצטע און האָבן אַ מעגלעכקייט צו אָבסערווירן די פּאַסאַזשירן. מען בייט די מעטראָ און מען חזרט איבער די זעלבע שפּיל, ביז מ'האָט די אַבסאָלוטע איבערצייגונג, אַז מען גייט דיר נישט נאָך. יעדער פון די צוויי אַגענטן גייט אַריין אין אַ פון פאָרויס באַשטימטער טעלעפאָן־בודקע צו קאָנטראָלירן, צי דער אָפּגערעדטער קאָד איז אונטערגעשטראָכן אין טעלעפאָנען־בוך, למשל: דער צענטער נאָמען אין דער צווייטער קאָלאָנע. דער צייכן באַדייט, אַז דער וועג איז פריי.

די אייגנטלעכע טרעפונג, כלומרשט אַ נישט פאָרויסגעזעענע, דויערט קיין מאָל נישט לענגער פון עטלעכע סעקונדן; און ווי געוויינלעך, קומט זי פאָר אין די טונעלן פון דער מעטראָ. מיר איז אויך אויסגעקומען צו באַשטימען טרעפונגען אין אַ שווים־באַסיין. ס'איז גענוג, אַז די צוויי קאַבינעס זאָלן זיך געפינען איינע נעבן דער אַנדערער, אָפּגעטיילט מיט אַ נידעריק ווענטל. נישטאָ קיין גרינגערער אופן פון קאָנטאַקטירן זיך. דער זעלבער וואַריאַנט קען פאָרקומען אין די טואַלעטן פון קאַפע־הייזער, אָדער אין אַ שוואַך־באַזוכטן רעסטאָראַן. צוויי מיטגלידער פון דער קאַפּעליע קענען זיך אויך טרעפן אין טעאַטער. נאַטירלעך, זיי קענען זיך נישט, נאָך צופעליק טרעפן זיי זיך צוזאַמען (אַ דריטער קויפט פאַר זיי די בילעטן).

די ראַדיאָ־זענדונגען זענען געשריבן אויף דין פּאַפּיר, זיי גייען איבער דיסקרעט פון האַנט צו האַנט. פאַר וויכטיקע ידיעות ווערט באַנוצט פאַרהוילענע טינט, צווישן די שורות פון אַן אַמתדיקן, נאָר אומשולדיקן בריוו. אָפּטמאָל פּאַסירט, אַז די אַגענטן זעען זיך נישט אפילו ביים איבערגעבן דעם מאַטעריאַל. איינער לאָזט איבער דאָס פּעקעלע צופוסנס פון אַ בוים, אָדער פון אַ דענקמאָל, און דער צווייטער קומט דאָס נעמען שפּעטער. אין פּרינציפּ, זאָגן מיר קיין מאָל גאָרנישט דורכן טעלעפאָן.

אין בריסל האָב איך געגעבן מיין טעלעפאָן־נומער קענטן, אונטערשטרייכנדיק, אַז ער קאָן אים באַנוצן נאָר אין פאַל פון אַן אויסערגעוויינלעכער געפאַר. אַ געוויסן טאָג, קומענדיק אהיים, טרעף איך לובאַן ביים טעלעפאָן: דאָס איז געווען קענט, וואָס האָט אָנגעקלונגען צוליב אַ קלייניקייט. איך דערמאָן זיך, אַז דער אינצידענט האָט אַרויסגערופן איינעם פון מיינע גרעסטע און זעלטענסטע כעס־אויסברוכן. פאַר אַלעם איז דער טעלעפאָן פאַר אונדז אַ מיטל צו קאָנטראָלירן. נאָכן איבערגעבן אַ זענדונג, האָב איך אָפט געקלונגען אין דער וווינונג, אָדער אין דער ווילע, וווּ דאָס איז פאָרגעקומען. פאַר מיר איז גענוג געווען צו דערהערן די באַקאַנטע שטים — און כ'האָב גלייך אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל, ווייל דאָס האָט באַטייט, אַז אַלץ איז גוט אַדורך. איך האָב זיך אויך באַנוצט מיט אַ קאָד־פאָרמולע: "האַלאָ! דאָ

וווינט הער איקס?״ — ״ניין, איר מאַכט את טעות״. אויך דאָס האָט באַדייט, אַז ס׳איז אין אָרדענונג. אויב מיר האָבן דאָך געמוזט ריידן אין טעלעפאָן, האָב איך באַנוצט אַ פאַרקערטע שפּראַך: ״איך פאַרלאָז פּאַריז״ האָט געמיינט ״איך בלייב אין פּאַריז״; ״איך וועל זיין צוריק מאָנטיק״, האָט געמיינט ״איך וועל זיין שבת״. מיר האָבן קיין מאָל נישט אָנגעגעבן דעם ריכטיקן טאָג און שעה.

פון חודש צו חודש האָבן מיר פאַרבעסערט די טעכניק פון פאַרבינדונגען. אין 1941 זענען מיר דערגאַנגען צו אַ כמעט פולקאָמער אויטאָמאַטיזאַציע. די מאַשין מיט אירע שרייפּעלעך האָט פונקציאָנירט אָן שטערונגען. אָבער מענטשן פון דער געהיים־דינסט, ווי יעדער איינער, האָבן זייערע שוואַכקייטן, וועלכע ס׳איז שווער און נישט אַנגענעם צו באַקעמפן. אַלאַמאַ, צום ביישפּיל, האָט ליב אויטאָס. צוליב דער געפאַר פון קאַטאַסטראָפעס, פון מוזן רעגיסטרירן דעם וואָגן, האָבן מיר, אין פּרינציפּ, נישט געהאַט קיין אויטאָ צו אונדזער באַזיץ.

כ׳האָב גערן געהאַט אַלאַמאַן און מסכים געווען צו מאַכן פאַר אים אַן אויסנאַם. ער האָט זיין ״טאָרפּעדאָ״ געפירט ווי אַן עראָפּלאַן. אַ געוויסן טאָג פאָרן מיר קיין קנאָקע, און עס געשעט טאַקע אַ קאַטאַסטראָפע. איך בין אַרויס פון דער מאַשין, נישט געמאַכט אים קיין פאָרוואָרף. אַלאַמאַ קוקט אויף מיר און שרייט אויס:

— אָטאָ, זידל מיך, כ׳האָב דאָך געקענט דיך דערהרגענען!

— שוטה, וואָס ווילסטו כ׳זאָל דיר זאָגן? ביסט אפילו נישט פעיק צו פירן אַן אויטאָ.

טרינקען אַלקאָהאָל איז געווען אַבסאָלוט פאַרבאָטן, אויך קאָרטן־שפּיל. נישטאָ אַ מער שעדלעכע זאַך פאַר אַן אַגענט פון געהיים־דינסט, ווי פּטרן אַ נאַכט אין קאָרטן־שפּיל. מער דעליקאַט איז דער ענין פרויען. אַלאַמאַ (ווידער אַ מאָל ער) גיט מיך אַ געוויסן טאָג אַ שטעל אָפּ און זאָגט:

— הערט זיך איין, אָטאָ, כ׳בין פאַרזאָרגט, איך וואָלט זייער געוואָלט זיין געהאָרכזאַם, אויספירן אַלע באַפעלן, כ׳בין אָבער נישט קיין גלח.

— וואָס האָט מען דיר אָנגעזאָגט אין מאָסקווע?

— מ׳האָט מיר פאַרבאָטן צו האָבן באַציונגען מיט פרויען.

— נו, האָט מען דיך קאַסטרירט פאַרן אַרויספאָרן? טו וואָס דו ווילסט! נאָר איך גיב דיר דריי עצות: מייד אויס שאַנד־הייזלעך, פאַרליר נישט דעם קאָפּ און גלויב נישט די פרויען פון דיינע פריינד!

אַלאַמאַ האָט פּיל־ווייניק אָפּגעהיט די כללים.

די כסדרדיקע אַנוועזנהייט פון אַ פרוי, איז פאַר אַן אַגענט פון געהיים־דינסט אַ קוואַל פון נישט פאָרויסגעזעענע צרות. בייטאָג קענען מיר נאָך קאָנטראָלירן אונדזער שפּראַך און רעאַגירונגען, אָבער שלאָפנדיק — ווי אַזוי אויסמיידן צו רעדן אויפן קול, אין אונדזער מאַמע־לשון? פאַר מיר איז די שפּראַך נישט קיין שטער.

אין פראַנצויזיש האָב איך אַ שטאַרקן אַקצענט און באַהערש נישט לגמרי דעם סינטאַקס, אָבער פאַר אַ בעלגיער וואָס שטאַמט פון אַנטווערפּן — וואָס קען זיין נאַטירלעכער?

מ׳איז קיין מאָל נישט געגנוג באַשיצט פון אַן אויפמערקזאַם אויער. אַ געוויסן טאָג אין בריסל, איז קענט געקומען אויף דער טרעפונג אַ שטאַרק באַאומרויקטער:

— מען האָט מיך אַנטדעקט, — זאָגט ער מיר. — כ׳האָב טעלעפאָנירט וועגן דינגען אַ וווינונג, האָט דער בעל־הבית געפרעגט, צו כ׳בין נישט אַמאָל אַ רוס.

— חזר איבער גענוי, וואָס האָסטו אים געזאָגט?

— באַנזשור מסיע...

— גענוג! — האָב איך אים איבערגעריסן.

ווארשיינלעך האָט דער בעל־הבית געהאַט צו טאָן מיט רוסן און געקענט זייערע באַזונדערע שוועריקייטן ביים אַרויסריידן ווי געהעריק דאָס וואָרט מיסיע.

דער קליינער אינצידענט איז נישט געווען באַאומרויקנדיק. איך האָב אים אָבער נישט געטאָרט איגנאָרירן, ווייל אַזעלכע קליינע אינצידענטן האָבן אַ ברירה צו ציען די אויפמערקזאַמקיים פון דער געסטאַפּאָ אויף אונדזער טעטיקייט.

11 די אטרעבאט־גאס נומער 101

דעם 26סטן יוני 1941, א זייגער 03.58, האָט דער אויפנעמער פון דער ראַדיאָ־סטאַציע אין קראַנץ (מזרח־פּרייסן), אויפגעכאַפּט די פאָלגנדיקע זענדונג:
KLH DE PTX 2606 0330 32 WES N 14 K BV...

און דערנאָך — צוויי־און־דרייסיק גרופּן צו פינף ציפערן:
AR 50 385 KLM DE PTX...

דער אויפנעמער האָט אַלץ פאַרצייכנט: נאָר אים איז געווען לגמרי אומבאַקאַנט פון וואַנען דאָס קומט, צו וועמען איז עס געווענדעט און וואָס באַדייט עס. גלייך ס׳וואָלט געקומען פון א ווייטער פּלאַנעטע...

פונעם אָנהייב פון דער מלחמה, האָבן פיל שטימען זיך אַדורכגעשמועסט אין עטער, איבערגעבנדיק אין א פאַרבאָרגענער שפּראַך געשפּרעכן פון געהיים־דינסטן, באַפעלן, קאָנטער־באַפעלן, ידיעות פון קעגנערישע לאַגערן וועגן אונטערערדישע קאַמפן. די דייטשע אונטערהער־ראַדיאָ־סטאַציעס, ווי די פון קראַנץ, האָבן די געוווינהייט זיך צוצוהערן צו דער לייכטער נאַכט־מוזיק, וועלכע איז באַשטימט צו פאַרוויגן דאָס ענגלישע אויער. אָבער דאָס מאָל? איצט זענען די קלאַנגען נישט קיין פּאַרטיטורע, צוגעפּאַסט פאַרן ענגלישן פּובליקום...

אין משך פון דריי חדשים, ביז סוף סעפּטעמבער 1941, זענען אויפגעכאַפּט געוואָרן אַזעלכע 250 אוידיציעס. ערשט דעמאָלט האָבן די דייטשן זיך ענדגילטיק איבערצייגט, אַז די סודותפולע און אומפאַרשטענדלעכע דעפּעשן זענען באַשטימט פאַר מאָסקווע.

די דעפּעשן זענען געווען פון דער רויטער קאַפּעליע. ווען דער דייטשער גענעראַל־שטאַב האָט דערהאַלטן די ראַפּאָרטן פון זיינע ספּעציאַליסטן, האָבן זיי באַקומען א שאָק פון דערשטוינונג. זיי האָבן זיך געקענט אויף אַלץ ריכטן, אויסער דעם, אַז די מוזיק זאָל גיין פאַר די רוסן. דער אַבווער (מיליטערישער קאָנטער־שפּיאָנאַזש) און די דייטשישע זיכערהייט־אָרגאַנען האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אַז אין דייטשלאַנד און אויף די אָקופּירטע געביטן, עקזיסטירט נישט קיין שום נעץ פון דער סאָוועטישער געהיים־דינסט. אויף וועלכע יסודות האָבן זיי געבויט די דאָזיקע זיכערקייט?

זיי איז געווען באַוווּסט סטאַלינס באַפעל, וועלכער האָט פאַרבאָטן זיינע אַגענטן פון שפּיאָנאַזש־דינסט צו פירן אַ טעטיקייט אויף דער דייטשישער טעריטאָריע. דאַך, ווען זיי האָבן אין אַ נאַכט פון יוני 1941 אויפגעכאַפּט די ערשטע זענדונגען, איז געווען נישט מער ווי פינף טעג נאָך דעם מלחמה־אויסברוך צווישן דייטשלאַנד און ראַטן־פאַרבאַנד.

זענען דען פינף טעג גענוג צייט אויף אַדורכצופירן נייע אָנווייזונגען פון סטאַלינען? האָט דען היידריך גופא, ביים אַדורכפירן די "אָפּעראַציע באַרבאַראָסאַ" נישט צוגעשטעלט [1] אַ ראַפּאָרט דעם פירער, אין וועלכן ער פאַרזיכערט, אַז די גאַנצע דייטשע טעריטאָריע איז אויסגערייניקט פון דעם "סאָוועטישן אומפליי?"

נאָך אַזעלכע וויכטיקע רעוועלאַציעס, איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע זיצונג מיט היטלערן. צום ערשטן מאָל האָט די נאַצישע קליקע גובר געווען די אינערלעכע רייסערייען. היידריכס אויטאָריטעט איז פאַרבליבן אומבאַרירט און טראָץ זיינע אומפאַרזיכטיקע פאַרזיכערונגען, האָט ער באַהערשט די לאַגע. אונטער זיין אָנפירונג, האָבן דער גענעראַל קאַנאַריס פון דער אַבווער; גענעראַל טהיק פון דער פונקן־אַבווער; שעלענבערג, שעף פון דער געהיים־דינסט; מילער, דער שעף פון דער געסטאַפּאָ — באַשלאָסן צו קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט. אַלע פון דער געהיים־דינסט און פון פּאָליצײַ, זענען אַריין אין קריג קעגן סאָוועטישן שפּיאָנאַזש.

אויף דער גאַנצער טעריטאָריע, וואָס איז געוואָרן קאָנטראָלירט פון דער ווערמאַכט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גײַעג נאָך די געהיימע ראַדיאָ־זענדונגען. די זוכונגען האָבן זיך פאַרדאָפּלט. ס'איז געווען גענוג, אַז די דייטשן זאָלן אַנטדעקן אַ קליינעם שפּור, האָט ער זיי פריער אָדער שפּעטער, אַ דאַנק זייער פעיקייט און דעם צופאַל, דערפירט ערגעץ־ווו... ווירקלעך, אין חודש נאָוועמבער 1941, האָט דער קאַפּיטאַן הערי פּיפּע, שעף פון דער אַבווער אין בעלגיע, אַנטדעקט אַ ראַדיאָ־סטאַציע אין בריסל. און וואָס האָבן מיר דערווייל געטאָן? סוף 1940, האָב איך אָנגעטראָפן אויף פיל שוועריקייטן צו לאָזן אין גאַנג ראַדיאָ־סטאַציעס אין בעלגיע. דעריבער, האָב איך פאַרלאַנגט פון צענטער צו שטעלן מיך אין פאַרבינדונג מיט אַ ספּעציאַליסט, וואָס איז פעיק צו פאַריכטן אַרויסשיק־אַפּאַראַטן און אויסשולן

1) איך שטיץ זיך אויף שעלענבערגס בוך "עס רעדט דער שעף פון נאַצישן קאָנטער־שפּיאָנאַזש", פאַרלאַג זשוליאַרד, זייט 353 און די ווייטערדיקע: סוף 1941, האָט היטלער געגעבן דעם באַפעל, אַז ס'זאָל געמאַכט ווערן אַ סוף צום רוסישן שפּיאָנאַזש, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין דייטשלאַנד און אויף די אָקופּירטע געביטן. הימלער איז געוואָרן באַאויפטראַגט צו קאָנטראָלירן די דירעקטע פאַרבינדונג פון אונדזער געהיים־דינסט מיט די אינפאָרמאַציעס פון דער געהיים־דינסט פון מילערן (געסטאַפּאָ) און דעם קאָנטער־שפּיאָנאַזש פון קאַנאַריסן. די אָפּעראַציעס האָבן באַקומען דעם נאָמען "די רויטע קאַפּעליע" און געוואָרן קאָאָרדינירט דורך היידריכן. נאָכן דערמאָרדן היידריכן אין מאַי 1942, האָט הימלער איבערגענומען די אויפגאַבע צו קאָאָרדינירן דעם קאַמף מיט דער רויטער קאַפּעליע. דער אויסדרוק "רויטער אָרקעסטער" איז צוגעטראַכט געוואָרן פון די דייטשן.

ספּעציאַליסט, וואָס איז פעיק צו פאַריכטן אַרויסשיק־אַפּאַראַטן און אויסשולן פאַכלייט. דאָס האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט צו באַגעגענען יאָהאַן ווענצעל. ער האָט געוווינט אין בעלגיע זינט 1936 און אָנגעפירט מיט אַ קליינער גרופּע, וואָס איז געווען ספּעציאַליזירט אין דער געהיים־דינסט פון דער מיליטערישער אינדוסטריע.

די פאַרגאַנגענהייט פון ווענצעלן האָט אויפגעקלערט זיין קעגנוואַרט. אַן אָפּשטאַמיקער פון דאַנציק, האָט ער נאָך זייענדיק גאָר יונג זיך אָנגעשלאָסן אין דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון ״רויטן באַסטיאָן״ אין האַמבורג. ער האָט גוט געקענט טעלמאַנען, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פאַר זיין קומען קיין בעלגיע, האָט ער אין רור־געביט געשאַפן אַן אינדוסטריעלע שפּיאָנאַזש־גרופּע. דער וועטעראַן פון אונטערערדישער טעטיקייט, איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ ספּעציאַליסט פון ראַדיאָ־זענדערס, ביז גאָר קאָמפּעטענט אויף דעם געביט.

פאַר דער גאַנצער גרופּע אין בריסל, איז ווענצעל אַ ״פּראָפעסאָר״ וואָס גיט אַליין דעם ביישפּיל, ווייל אין דער צייט, ווען ער האָט אויסגעבילדעט ״פּיאַניסטן״, האָט ער זיך פאַרנומען מיט איבערשיקן דעפּעשן אויף זיין ראַדיאָ־זענדער.

זיין ערשטער תּלמיד איז געווען אַלאַמאָ. ווען אין דער העלפט פון 1941סטן יאָר, האָט דער פראַנצויזישער גרופּע אויסגעפעלט סאָליסטן, האָב איך באַשלאָסן אים צו שיקן צוויי פּראַקטיקאַנטן — דוד קאַמי און סאָפיע פּאָזנאַנסקאַ.

קאַמי איז געווען דער עכטער טיפּ פון אַ רעוואָלוציאָנער, אַ קעמפער, פאַר וועלכן עס עקזיסטירן נישט קיין גרענעצן. הלל כץ האָט אים מיר פאָרגעשטעלט. זיי האָבן זיך נאָך געקענט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פון דער סעקציע אין פינפטן אַראָנדיסמאַן אין פּאַריז. אין זיין יוגנט האָט ער געלעבט אין ארץ־ישׂראל, דערנאָך איז ער אַוועק קעמפן אין שפּאַניע, ווי דאָס האָבן געטאָן פיל, וועלכע האָבן זיך איצט געפונען אין רויטן אָרקעסטער. פאַרן קומען צו אונדז, האָט ער געאַרבעט אין טעכנישן אַפּאַראַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַליידנשאַפטלעכער ראַדיסט און גוטער כימיקער, האָט ער אָרגאַניזירט אַ קליינע, געהיימע לאַבאָראַטאָריע און פאַבריצירט פאַרשידענע מכשירים: אומזעבאַרע טינט, דאָקומענטן וואָס פאַרניכטן זיך אַליין, און ענלעכע. נאָך פאַר אַלעמען איז ער געווען אונדזער ספּעציאַליסט פון מיקראָפילמען — אַ געביט, אין וועלכן ער האָט דערגרייכט פּערפעקטע קענטענישן.

סאָפיע פּאָזנאַנסקאַ, וועמען כ׳האָב נאָך געקענט פון ארץ־ישׂראל, האָט אַרויסגעוויזן זעלטענע אייגנשאַפטן פון מוט און אינטעליגענץ. זי האָט צוזאַמען מיט אים אָנטייל גענומען אין דעם קורס פון פּראָפעסאָר ווענצעל.

דאָס הייסט, אַז איך האָב פאַרבונדן גרויסע האָפענונגען מיט מיינע צוויי פּראַקטיקאַנטן. כ׳האָב פאַרלאַנגט ביי קענטן, ער זאָל פאַר זיי געפינען אַ זיכערע באַהעלטעניש. ער האָט אָבער גאָרנישט געטאָן. סאָפיע האָט געוווינט אויף דער

אטרעבאט־גאס נומער 101, אין דעם הויז וועלכן מיר האָבן געדונגען צו עקספּעדירן דעם מאַטעריאַל, און קאַמי האָט געוווינט ביי אַלאַמאַן. די עלעמענטאַרסטע זיכערהייט־מאָסמיטלען זענען נישט געוואָרן אָפּגעהיטן. מ׳וואָלט זיך נישט געפירט אַנדערש, ווען מען וויל פּראָוואָצירן אַ קאַטאַסטראָפע.

אָנהייב דעצעמבער האָב איך דערהאַלטן אַ באַאומרויקנדיקן בריוו פון סאָפיען, כ׳זאָל קומען איינשטעלן אַ ביסל אָרדענונג. דאָס הויז אויף דער אטרעבאט־גאס איז אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס האָט אַ ברירה צו ווערן געפערלעך.

דעם 11טן בין איך געקומען קיין בריסל און מיר איז געוואָרן קלאָר, וואָס אייגנטלעך קומט דאָרט פאָר. ס׳איז טאַקע נישט געווען אין אָרדענונג. דער אומפאַרבעסערלעכער אַלאַמאָ איז געקומען אַרבעטן אין דער ווילע, מיטנעמענדיק פריינד און פריינדינס, לגמרי פרעמדע דער גרופּע!

אין די באַדינגונגען האָט ווענצעל אָפּגעשטעלט אַ געוויסע צייט די עמיסיעס אויף דער אטרעבאט־גאס, וועלכע האָבן אין חודש נאָוועמבער פונקציאָנירט עטלעכע שעה אין טאָג.

דעם 12טן דעצעמבער, מיטאָג־צייט, האָב איך זיך געטראָפן מיט סאָפיע פּאָזנאַנסקאַ, וועלכע האָט מיר איבערגעגעבן וועגן די קאַטאַסטראָפאַלע באַדינגונגען פון אַרבעט אויף דער אטרעבאט־גאס. כ׳האָב תיכף באַשלאָסן, אַז סאָפיע און קאַמי זאָלן זיך אומקערן קיין פּאַריז און קענט זאָל זיי פאַרטרעטן. איך האָב באַשטימט מיט זיי אַ טרעפונג אויף דער אטרעבאט־גאס צו מאָרגנס, אין די מיטאָג־שעהן. כ׳האָב געוואָלט זיי צוּ וויסן טאָן וועגן די נייע פאַראָרדענונגען.

אין צווישנצייט האָט קאַפּיטאַן פּיפּע פון דער אַבווער אונטערגענומען אַ געיעג. אים איז געלונגען צו אַנטדעקן די ראַדיאָ־סטאַציע. ער האָט אָבער נאָך געצווייפלט, צי זי געפינט זיך אין הויז נומער 99, 101 אָדער 103. ביינאַכט האָט ער זיך דעצידירט איבערצוגיין אין אָנגריף, ער באַזעצט מיט זיינע מענטשן דאָס הויז 101. אין אונטערשטן טייל פון הויז האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף ריטאַ אַרנאָלד, אַן אַנטי־נאַצישע האָלענדערין, אַ פריינדין פון ספּרינגערן, וואָס האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו דינגען דאָס הויז. אָבער איר איז געווען אומבאַקאַנט אונדזער טעטיקייט.

אויפן ערשטן שטאָק האָט סאָפיע געהאַלטן ביים דעשיפרירן דעפּעשן. דערהערנדיק שטיוול־טריט אויף די טרעפּ, האָט זי אייליק גענומען אַריינוואַרפן אין אויוון אַלץ וואָס איז געקומען אונטער דער האַנט. דאָס וויכטיקסטע איז געוואָרן פאַרברענט. דאָך איז די דייטשן געלונגען אַרויס צו נעמען פון פייער נישט דערברענטע פּאַפּירן.

קאַמי האָט געאַרבעט אין אַן אַנדערן צימער. הערנדיק אין זיין ראַדיאָ־זענדער די דייטשן פון אַן אַנדערער ראַדיאָ־סטאַציע (מיר האָבן קאָנטראָלירט איין ראַדיאָ־זענדער דורך אַן אַנדערן), האָט ער אָנגעהויבן אַנטלויפן. די דייטשן האָבן זיך געלאָזן נאָך אים אין אַ ווילד געיעג און אים געכאַפּט.

ריטאַ אַרנאָלד, סאָפיע און קאַמי זענען אוועקגעפירט געוואָרן אין אַרעסט און די דייטשן האָבן אוועקגעשטעלט אַ לויער.

אַלאַמאַ, וואָס האָט אין גאַרנישט חושד געווען, איז צו מאַרגנס האַלב צוועלף געקומען אויף דער טרעפונג מיט א קוישל קראַליק־פליַיש צום מיטאָג. ער האָט נישט באַוויזן אַריבערצוטרעטן די שוועל פון הויז, ווי די דייטשן האָבן זיך צו אים גענומען...

— אייערע דאָקומענטן! — ער איז געבליבן קאַלטבלוטיק, גענומען זוכן אין די טאַשן און געוויזן זיין אורוגוואַיִשן פּאַספּאָרט אויפן נאָמען קאַרלאָס אַלאַמאַ...

ס'האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה פראַגן:

— נאָך וואָס קומסטו דאָ? פון וואַנען? מיט וואָס פאַרנעמסטו זיך?

ער האָט דערציילט די קליינע, צוגעטראַכטע געשיכטע, אַז זיין געשעפט איז אַסטענד איז געוואָרן צעשטערט (וואָס איז טאַקע געווען אמת) און אויף אויסצוהאַלטן זיך, איז ער געצוווּנגען אונטערצוהאַנדלען. דעריבער איז ער טאַקע איצט געקומען פאַרשלאָגן קראַליק־פליַיש... זיין ווערסיע האָט זיך געלייגט אויפן שכל: מיט זיין אויסערלעכער אַפּגעלאָזנקייט און מיט דעם קראַליק־פליַיש, האָט ער ווירקלעך געמאַכט דעם איינדרוק פון א גאַסן־הענדלער.

די זשאַנדאַרן באַראַטן זיך און באַפעלן אים צו בלייבן צו זייער דיספּאָזיציע.

אין צווישן צייט קום איך אָן...

ס'איז געווען מיטאָג־שעה, ווען כ'האָב געקלונגען אין דער טיר. א דייטשער זשאַנדאַר עפנט — און מיר געפינען זיך איינער קעגן אַנדערן. כ'האָב דעמאָלט געהאַט דאָס געפיל, אַז מיין האַרץ האָט אויפגעהערט קלאַפּן. איך שטרענג זיך אָן צו בלייבן רויק, אָן אינסטינקטיווער רעפלעקס. איך רוק זיך א ביסל אויף צוריק און זאָג גלייכגילטיק:

— אָ! אַנטשולדיקט, כ'האָב גאַרנישט געוווּסט, אַז דאָס הויז איז פאַרנומען פון דער ווערמאַכט, כ'האָב זיך געמוזט טועה זיין מיטן אַדרעס...

כ'האָב אים נישט איבערציַיגט, ער האָט מיך אָנגענומען מיט כוח פאַר דער האַנט, אַז כ'האָב געמיינט, אַז ער צעברעכט מיר דעם ביין — און אַריינגעצויגן אינעווייניק.

איצט מוז מען שפּילן פאַרזיכטיק...

דאָס הויז איז דורכגענישטערט פון אויבן ביז אַראָפּ און געפינט זיך אין אַן אומבאַשרייבלעכער אומאָרדענונג: דאָס קלאַסישע בילד פון א רעוויזיע...

דורך דעם באַגלאָזטן ווענטל, וואָס טיילט פונאַנדער דאָס צימער, אין וועלכן איך געפין זיך — האָב איך באַמערקט אַלאַמאָן.

איך נעם אַרויס מיינע דאָקומענטן, איידער ער האָט זיי פאַרלאַנגט. איך טו עס זייער לאַנגזאַם, זיכער, און דערלאַנג זיי דעם דייטש.

ער בלייבט אין גאַנצן דערשטוינט, דאָס פּנים ווערט ביי אים אויסגעצויגן: דער דאָקומענט וועלכן איך האַלט פאַר זיינע אויגן, איז באַדעקט מיט א צאָל שטעמפּלען אין אונטערשריפטן, באַשטעטיקט, אַז דער אייגנטימער פון דעם דאָקומענט, הער זשילבער, איז באַפולמעכטיקט פון דער דירעקציע פון דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע אין פּאַריז אויפצוזוכן סטראַטעגישע מאַטעריאַלן פאַר דער

ווערמאַכט. די זעלבע דירעקציע בעט די אָרגאַנען פון דער אָקופּאַציע־מאַכט צו פאַרלייכטערן די טעטיקייט פון הער זשילבער.

כדי איבערצורייסן די שטילקייט און דערגאַנצן די אינפאָרמאַציעס — קלער איך אויף:

— אנטקעגן איז פאַראַן א גאַראַזש, ווו איך האָב געגלויבט צו געפינען אלטע אויטאָס פאַר ברוך־אייזן, נאָר אים געטראָפן פאַרמאַכט. בין איך געקומען דאָ קלינגען אין דער טיר, אפשר וועל איך זיך דערוויסן די צייט, ווען דער גאַראַזש איז אָפן.

ער איז געוואָרן העפלעכער, אָבער גענוג דיסציפּלינירט:

— איך גלויב אייך, — האָט ער געזאָגט. — איר מוזט אָבער צוווארטן, ביז עס וועט קומען מיין שעף...

— דאָס איז אוממעגלעך, אוממעגלעך, איך מוז נעמען מיין צוג. דער דירעקטאָר פון דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע וואַרט אויף מיין ראַפּאָרט נאָך היינט נאָך מיטאָג, איר דאַרפט וויסן, אז דאָס וועט שאַפן אומאַנגענעמלעכקייטן! נעמט מיך צו אייער אָפיציר, אָדער טעלעפאָנירט אים!

דער דייטשער זשאַנדאַר האָט זיך א ווײַלע געוואַקלט און ענדלעך דעצידירט צו טעלעפאָנירן צום קאַפּיטאַן פּיפּע; ער גיט אים איבער וועגן מיין דערשיינען... כ'הער נאָך די קללות, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען אין אַפּאַראַט. דער דייטשער מיליטער־מאַן בלייבט אין גאַנצן צעטומלט, ווי א דונער וואָלט אים געטראָפן;

— שוטה, פאַר וואָס האָט איר פאַרהאַלטן דעם מאַן, לאָזט אים תיכף פריי!

אַלאַמאַ, וואָס האָט זיך צו אונדז דערנענטערט, האָט אלץ געהערט און זיך פאַרשטענדיקט מיטן בליק... איך בין צוריק אראָפּ מיטן זשאַנדאַר. צוקומענדיק צו דער טיר, גיב איך א פרעג:

— וואָס קומט דאָ פאָר, ס'איז נישט אמאָל א יידישע געשיכטע?

— אָ, ניין, ס'איז פיל געפערלעכער...

— פיל געפערלעכער, וואָס איז דאָס אזוינס?

— א געשיכטע פון שפּיאָנאַזש...

כ'האָב אָנגענומען אן ערנסטע, פאַרזאָרגטע מינע, כדי אים באַווייזן, אז איך באַנעם די וויכטיקייט פון דער סיטואַציע. מיר געזעגענען זיך ווי גוטע פריינד און כ'זאָג אים:

— אז איר וועט זיין אין פּאַריז, קומט מיך זען, דאָס וועט מיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן...

אויף דער גאַס האָב איך רעזומירט די ערנסטקייט פון דער לאַגע! מיר האָבן באַקומען א שווערן קלאַפּ, מערערע פון אונדז זענען אריינגעפאַלן אין דער פּולאַפּקע פון דער אָבווער. ווו וועט זיך דאָס אָפּשטעלן? איך כאַפּ א בליק אויף מיין זייגער, ס'איז צוועלף מיט א פערטל. די גאַנצע זאַך איז פאָרגעקומען מיט א געוואַלדיקער שנעלקייט. פּלוצלינג האָב איך זיך דערמאָנט, אז נישט ווייט פון דאַנען האָב איך א טרעפונג מיט ספּרינגגערן. איך טאָר נישט פאַרלירן קיין איין מינוט, אויב איך וויל אויסמיידן זיין אריינפאַלן אין דער פּולאַפּקע אויף אטרעבאַט. צום גליק, האָט

ער אויך מיר געוואָרט. כ׳האָב אים אויף שנעל איבערגעגעבן וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען און געפֿרעגט, צי ער האָט נישט אַמאָל ביי זיך קאָמפּראָמיטירנדיקע דאָקומענטן...

— מיינע קעשענעס זענען פֿול — ענטפֿערט ער.

— מיט וואָס, אייגנטלעך?

— מיט די פּלענער פֿון אַנטווערפּענער פּאָרט!

— צום טייוול, נאָך דאָס פֿעלט!

איך דערמאָן זיך: מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט דער צענטער פֿאַרלאַנגט גענויע פּלענער פֿון אַנטווערפּענער אָרט, כּדי אונטערוואַסער־שיפֿן זאָלן זיך קאָנען אַהין אַריינשמוגלען. ספּרינגער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיי צו באַקומען...

— קיין איין רגע לענגער טאָרן מיר דאָ נישט בלייבן, עס פֿעלט נישט מער, אַז מ׳זאָל אונדז נאָך דאָ באַזוכן...

אַ שעה שפּעטער האָב איך זיך געטראָפֿן מיט קענטן. כ׳האָב נישט באַדאַרפֿט פֿיל אויפֿקלערן, אַז אויך ער זאָל באַנעמען די ערנסטקייט פֿון דער לאַגע. דריי אונדזעריקע זענען אַרעסטירט. הגם כ׳האָב געהאַט צו זיי דעם גרעסטן צוטרוי, דאַרפֿן מיר דאָך נעמען אין אַכט דאָס ערגסטע. באַזונדערס בין איך געווען אומרויק וועגן ריטאַ אַרנאָלד, וואָס האָט נישט געהאַט די זעלבע מאָטיוון צו שווייגן, ווי די אַנדערע. איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט ריידן. זי האָט געזען צוויי מאָל קענטן. זי קען זייער גוט ספּרינגערן און געהערט רעדן פֿון ווענצעלן... אַ ביסל דערפֿעשן איז געלונגען די דייטשן צו פֿאַרהאַלטן — וועלן זיי נישט אַמאָל פּרוּוון צו צעברעכן אונדזער קאָד?

מיר מוזן וואָס שנעלער אַננעמען דרינגענדיקע מיטלען: קענט און ספּרינגער דאַרפֿן שוין פֿאַרלאָזן בעלגיע, און די אַנדערע מוזן פֿולשטענדיק אַריין אין אונטערגרונט. די בעלגישע גרופּע דאַרף איינשלאָפֿן. נישטאָ קיין אַנדערע לייזונג.

מען מוז האַנדלען זייער שנעל... כ׳האָב דערגרייכט ליל מיטן שאָסיי, און פֿון דאַנען גענומען די באַן קיין פּאַריז. צו מאָרגנס האָב איך באַהאַנדלט די לאַגע מיט לעאָ גראָספֿאָגעל און פֿערנאַנד פּאָריאָל.

מיר האָבן באַשלאָסן צו שאַפֿן אַ ספּעציעלע גרופּע פֿון עטלעכע זיכערע מענטשן, אַנגעפֿירט פֿון מיינע צוויי פֿריינד, וואָס וועלן האָבן די אויפֿגאַבע נאָכצופֿאָלגן אין בעלגיע און אין פֿראַנקרייך די אַנטוויקלונג פֿון די געשעענישן און אָפּלענקן די קלעפּ פֿון שונא. ס׳איז געווען קלאָר, אַז מיטן דורכפֿאַל פֿון אַטרעבאַט, האָט זיך געענדיקט דער פּעריאָד פֿון זיכערקייט. פֿון איצט אָן, וועלן די דייטשן אונדז פֿאַרפֿאָלגן אומאויפֿהערלעך, אויף טריט און שריט.

לעאָ און פֿערנאַנד זענען אַוועק קיין בריסל און גענומען די זאַך אין זייערע הענט; ס׳איז געוואָרן דרינגענד נייטיק צו אָרגאַניזירן דעם אָפּפֿאָר פֿון קענטן קיין פּאַריז, פֿון ספּרינגערן קיין ליאָן און געבן אינסטרוקציעס איזבוצקין, רייכמאַנען און ווענצעלן. דער לעצטער האָט תּיכף געביטן זיין וווינונג, געענדערט זיינע געוווינהייטן, כּדי צו פֿאַרווישן די שפּורן און אין משך פֿון צוויי חדשים אָפּגעשטעלט דעם אויסטויש מיט מאָסקווע.

דער עיקר איז איצט פֿאַרבליבן צו אינטערעסירן זיך מיטן גורל פֿון אונדזערע

חברים, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער תפיסה סענט־זשיל אין בריסל. לעאָ און פערנאַנד האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די תפיסה־וועכטערס וואָס האָבן געהערט צו דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און פון זיי באַקומען ידיעות. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די דײַטשן האָבן נישט אַנטדעקט זייערע ריכטיקע נעמען, אַז אַלאַמאַ איז געוואָרן אײַנגעזעצט אונטער דעם זעלבן נאָמען, קאַמי אונטערן פּסעוודאָנים פון דעמעץ, און סאָפיע פּאָזנאַנסקאַ איז געוואָרן פאַרשריבן ווי ווערלינדען. אַזוי האָט אויסגעזען די לאַגע, ווען זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן אין דעצעמבער. אָנהייב אַפּריל 1942, האָבן אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן צו וויסן געטאָן, אַז די דײַטשן האָבן אַנטדעקט דעם ריכטיקן נאָמען פון סאָפיע און קאַמי — דעמעץ איז געוואָרן דאַנילאָוו. וואָס איז געשען?

בנוגע סאָפיע פּאָזנאַנסקאַ, האָבן מיר פאַרשטאַנען די סיבות, הלמאַי זי האָט אויסגעגעבן איר ריכטיקן נאָמען. אונטערן דרוק פון די פּראַגן מצד די דײַטשן, האָט זי אין אַ געוויסער מאָס געוואָלט באַווײַזן איר גוטן ווילן. אין משך פון איר קעמפעריש לעבן, איז זי תמיד געווען באַקאַנט אונטער אַ פרעמדן נאָמען. דאָס האָט נישט געדראַט מיט אַנטדעקן וועלכע ס׳איז שפּורן. צווייטנס, האָט זי וואַרשײַנלעך אָנגענומען אַלע פאָרזיכט־מיטלען אויסצובאַהאַלטן, אַז זי איז געבוירן אין פּוילן, אין קאַליש, כּדי אויסצומײַדן רעפּרעסיעס קעגן איר משפּחה.

ביי קאַמין איז שוין די לאַגע געווען אַן אַנדערע. די סיבות — נישט די זעלבע. אין משך פון זײַנע צוואַנציק יאָר אונטערערדישע טעטיקייט, איז ער געקומען אין באַרירונג מיט זייער פיל פרײַנד און ער האָט געוואָלט אויסמײַדן, אַז צוליב אים זאָלן ווערן באַדראָט מערערע קעמפער. דעריבער האָט ער, דער שטאַטלאָזער ייִד, אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג, בעת וועלכער ער איז געוואָרן מער געפּייניקט ווי אַנדערע, כלומרשט זיך מודה געווען, אַז זײַן נאָמען איז אַנטאָן דאַנילאָוו און אַז ער איז אַ לייטענאַנט פון דער סאָוועטישער אַרמיי... ער האָט אין אַ גענונגנדער מאָס באַהערשט די רוסישע שפּראַך, אַז די ווערסיע זאָל קאָנען אָנגיין. אין 1941, האָט ער זיי דערציילט — האָט ער זיך געפונען אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין ווישי ווו ר׳איז פאַרבליבן ביז דער דײַטש־רוסישער מלחמה און פון דאָרט געשיקט געוואָרן קיין בריסל, צו אַרבעטן צוזאַמען מיט אַלאַמאַן. ער האָט דערקלערט, אַז ער קען נישט קיין אַנדערע, אויסער די וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אים. די דײַטשן האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ גוטער מטבע. עטלעכע חדשים נאָך זײַן אַרעסט, האָבן די דײַטשן נאָך גערעדט מיט דרך־ארץ פון דעם סאָוועטישן אָפיציר דאַנילאָוו (דאָס אָנגעבן זיך ווי אַ סאָוועטישער אָפיציר, האָט אַלץ איבערגעשטיגן...), וואָס האַלט זיך זייער דרייסט און זאָגט זיך אָפּ צו ריידן...

נאָך אַטרעבאַט, איז פאָרגעקומען אַן איבעררייס אין די זוכונגען. ריטאַ אַרנאָלד האָט אויסגעגעבן פינפן צוויי אַדרעסן. איינעם פון זיי — פון אַן אַקטיוון ווידערשטענדלער, מיטן נאָמען דוב, אַ פרײַנד פון ספּרינגערן.

דעם 16טן דעצעמבער, ד.ה. דריי טעג נאָך די רעוויזיעס אויף דער אַטרעבאַט־גאַס, האָט דוב באַמערקט, ווי אין זײַן פּוטער־געשעפט אויף רי רואַיל, האָט זיך באַוויזן אַ מאַן פון אַן אויסטערלישן אויסזען, וואָס איז, ווי ער האָט געזאָגט, געשיקט

געוואָרן פון ״גרויסן שעף״ צו טרעפן זיך מיט ספּרינגערן. דוב האָט געמאַכט א תמעוואַטע מינע און געבעטן דעם פּאַרשוין צו קומען אין 48 שעה ארום. ספּרינגער, מיט וועמען ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג, האָט אים געוואָרנט, אז דאָס איז וואַרשיינלעך א פּראָוואָקאַטאָר און ער זאָל זיין מיט אים פאָרזיכטיק.

דער מאַן איז צוריק געקומען צו דער צייט, דוב האָט אים אריינגעפירט אין א הינטער־צימער פון געשעפט. נישט ווייט איז געשטאַנען איינער פון זיינע פריינד, גרייט צו אינטערווענירן. אין דעם מאָמענט האָט דער פּראָוואָקאַטאָר ארויס געצויגן א רעוואָלווער און אים אַוועק געלייגט נעבן זיך. דוב האָט זיך דערפון נישט איבערגענומען און אים גאַנץ קאַלטבלוטיק דערקלערט, אז ער האָט ספּרינגערן נישט געזען. עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער אין אַן אויטאָ, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן פאַרן געשעפט, באַמערקט א מענטשן, וואָס האָט אויסגעזען ווי פון דער געסטאַפּאָ. ער האָט נאָך געהאַט צייט צו פאַרשווינדן.

ריטאַ ארנאָלד האָט אויסגעגעבן נאָך אַן אַדרעס, וואָס האָט געקענט דערפירן צו ספּרינגערן, און דורך אים — צום סאַמע האַרץ פון אונדזער נעץ: צו זיין קוזינע איוואָן קיסלינגער, די פאַרבינדלערין צווישן אַטרעבאַט־גאַס און אים. דאָס מאָל האָט די געסטאַפּאָ ארויסגעוויזן מער כיטרעקייט. זיי האָבן געשיקט צו איוואָנען עטלעכע שלעכט פאַרשטעלטע פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס אַנשטאָט זי צו אַרעסטירן, איז מען איר נאָכגעגאַנגען מיט דער אויסרעכענונג, אז דאָס וועט זיי צופירן צו ספּרינגערן — אָבער אָן דערפאָלג.

באַאומרויקנדיקע ידיעות זענען צו אונדז דערגאַנגען פון דער תפיסה סענט־זשיל, אין שייכות מיט אַלאַמאָן: די וועכטערס האָבן אונדז צו וויסן געטאָן, אז מ׳האָט אים אריבערגעפירט קיין בערלין — דאָס אליין איז געווען אן אויסנאַם־פאַל — און צוריק געבראַכט, נאָר אונטערן נאָמען פון מיכאַיל מאַקאַראָוו.

אויף פאַר מיר איז געווען א נייעס צו דערוויסן זיך, אז דאָס איז זיין ריכטיקער נאָמען. א נאָרמאַלע זאַך, בעצם, ווייל די תקנות פון אונדזער געהיימער ארבעט האָבן פאַרלאַנגט, אז צוליב זיכערהייט־טעמים, זאָל די אידענטיטעט פון די מיטארבעטער בלייבן פאַר אונדז אומבאַקאַנט.

אויף יעדן פאַל האָב איך געוואָלט זיין זיכער אין דער ריכטיקייט פון דעם און זיך אָנגעפרעגט אין צענטער. מאָסקווע האָט בעשטעטיקט. כ׳האָב תיכף ארויס געשיקט א נייע זענדונג צום שעף וועגן דער דראָענדיקער סכנה.

די אָבוער האָט באַנייט אירע פאַרפאָלגונגען, אָבער געלאָזט זיך אויף פאַלשע שפּורן, באַזונדערס אין פאַל אַלאַמאָ, איז זי ווייט אַוועק פונעם ריכטיקן וועג. אומגעפער אין דער זעלבער צייט, ווען פיפע האָט אַדורכגעפירט דעם אָנפאַל אויף דער אַטרעבאַט־גאַס, זענען מערערע ווידערשטענדלער, צווישן זיי דער געוועזענער סעקרעטאַר פון אַנדריי מאַרטי בעת דעם שפּאַנישן בירגער־קריג, אַרעסטירט געוואָרן אין צפון־פראַנקרייך. די אָבוער איז געווען איבערצייגט, אז די פראַנצויזישע ווידערשטאַנד־גרופּע און די מיליטאַנטן פון רויטן אָרקעסטער אין בריסל, באַלאַנגען צו דער זעלבער נעץ פון די געוועזענע קעמפערס אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, צו וועלכע אויך אַלאַמאָ האָט געהערט.

אין דעם זין האָט פּיפּע ראַפּאָרטירט קיין בערלין, פאַרלייגנדיק צו שיקן די ארעסטירטע אין א קאָנצענטראַציע־לאגער. דאָ האָט אינטערווענירט גירינג... ווערמען איך וועל א געוויסן טאָג אָנטרעפן אויף מיין וועג.

גירינג איז געווען קרימינאַל־ראט (פּאָליציי־קאָמיסאַר). ווי אזעלכער, איז אים קאָמוניקירט געוואָרן פּיפּעס ראַפּאָרט. ער גלויבט נישט, אז די אַמאָליקע אַנגעהעריקייט צו דער אינטערנאציאָנאַלער בריגאַדע, זאָל דינען ווי אַן עפעקטיווע פאַרבינדונג צווישן די אַגענטן פון רויטן אָרקעסטער און די ווידערשטענדלער פון צפון־פראַנקרייך. ער דערמאָנט זיך אָבער, אז ווען ר׳האָט ליקווידירט די סאָוועטישע אגענטור אין טשעכאָסלאָוואַקיע, ווו ר׳איז ממשיך זיינע ״קאָמפּעטענצן״, האָבן די סאָוועטישע אגענטן וואָס זענען געוואָרן ארעסטירט, איבערגעגעבן אין זייערע דערקלערונגען וועגן א רוסישן אָפיציר, א פּליער, וואָס האָט אנטייל גענומען אין דער אינטערנאציאָנאַלער בריגאַדע.

די באשרייבונג פון דעם פּליער דערמאָנט גירינגען אין אלאַמאָן, וועגן וועלכן עס רעדט פּיפּע. כדי צו זיין אין גאַנצן זיכער, איז ער אוועק קיין בריסל און מיט אַן עראָפּלאַן געבראַכט אונדזער אגענט קיין בערלין. אנשטאט אים איינזעצן אין תפיסה, האָט ער אין משך פון פופצן טעג אים געהאַלטן ביי זיך. ווי א דערפאַרענער פּאָליציי־מאַן אין קאַמף מיט קאָמוניסטן, האָט גירינג פאַרמאָגט א חוש פאַר פּסיכאָלאָגיע. זיין זון, וואָס האָט פאַרלוירן א האַנט בעת ער האָט געדינט אין דער לופטוואפע, געפינט מיט אלאַמאָן געמיינזאמע טעמעס פאַר לייכטע שמועסן. אין משך פון דער צייט, האָט גירינג אויפגעזוכט די ארעסטירטע פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער נעץ און זיי אויסגעפרעגט, צו זיי האָבן געקענט אלאַמאָן און צי האָט ער, ווי זיי, געקעמפט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע? צו הילף זיינע פראַגן, האָט ער געוויזן זיין פאָטאָגראַפיע. יאָ, ס׳איז זיכער ער, זייער געוועזענער חבר פון דעם פאַרמאַציע־צענטער אין מאָסקווע. די שפּיל איז פאַרענדיקט.

אָן שום ספק, אז גירינג האָט דערגרייכט אַ וויכטיקן פּונקט. ער האָט צוריק געשיקט אלאַמאָן אין דער תפיסה סענט־זשיל, ווו מיר האָבן, א דאַנק די תפיסה־וועכטערס, אנטדעקט צום ערשטן מאָל אז זיין נאָמען איז מאָקאַראָוו. די אויספאָרשערס־פּייניקערס, וואָס האָבן איצט פּעסטע באַווייזן וועגן דער ראָל וועלכע ס׳האָט געשפּילט אָלאַמאָ אין אונטערערדישן קאַמף, מאַכן שוין לייכט דעם אויספיר וועגן דער צוזאַמענאַרבעט פון סאָפיע פּאָזנאַנסקאַ און קאָמי מיט אים. זיי ווילן אָבער נאָך מער דערגיין, און זענען זיכער, אז נישט אַלץ איז זיי באַקאַנט. די אינקוויזיטאָרישע אויספאָרשונגען האָבן זיך אָנגעהויבן...

אָנהייב זומער, זענען אָלאַמאָ און קאָמי אריבערגעפירט געוואָרן אין דער פעסטונג פון ברענדאָנק, ווו זיי מאַכן אדורך כסדרדיקע פּייניקונגען. מיט אויסטערלישער גבורה, האָבן זיי עקשנותדיק געשוויגן. זיי האָבן נישט אויסגעגעבן קיין איין נאָמען און אין רעזולטאַט דערפון, איז נישט פאָרגעקומען קיין איין ארעסט. פאַר די אגענטן פון אבווער, זענען די שפּורן פון רויטן אָרקעסטער פול־שטענדיק פארשוווּנדן.

12 די פּעלערן פון צענטער

אונדזער בעלגישע גרופּע איז געוואָרן אויפגעלייזט.

אויפן וועג קיין מאַרסיי, האָט זיך קענט אָפּגעשטעלט אין פּאַריז. מאַרגאַרעט באַרטשאַ, מיט וועמען ער האָט חתונה געהאַט אין חודש יוני, האָט געזאָלט קומען צו אים מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אָבער נישט ווילנדיק זיך מיט איר צעשיידן, האָט ער זי מיטגענומען מיט זיך.

ס'איז געווען אומבאַדינגט נייטיק צו באַוואָרענען די זיכערקייט פון קענטן. נאָך זיינע פּילצאָליקע רייזעס קיין דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע און שווייץ, האָט ער געוווּסט צו פיל ענינים און נישט געטאָרט זיין אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר אַרעסטירט צו ווערן.

קענט, וועמען כ'האָב איצט געהאַט פאַר מיר אין פּאַריז, האָט אויסגעזען צו זיין מאָראַליש דערשלאָגן. נאָך אַ יאָר אָנגעשטרענגטער אַרבעט, האָט די צעשטערונג פון דער בעלגישער גרופּע, פאַר וועלכער ער האָט געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, איינגעבראָכן זיין ענערגיע. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער מיר געזאָגט:

— דיין באַשלוס צו שיקן מיך קיין מאַרסיי, איז אַ ריכטיקער, כ'בין אָבער זיכער, אַז מאָסקווע וועט דאָס נישט פאַרשטיין. איך בין אַ געוועזענער סאָוועטישער אָפיציר. צוריק קומענדיק קיין ראַטן־פאַרבאַנד, וועל איך דאַרפן טייער באַצאָלן פאַר דער צעשטערונג פון דער אַטרעבאַט־גאַס.

ספּרינגער און זיין פרוי האָבן בדעה צו שאַפן אין ליאָן אַן אייגענע נעץ. כ'האָב פאָרגעשלאָגן דעם צענטער פונאַנדערשפּרייטן די איבערגעבליבענע פון דער בעלגישער גרופּע. די מער פעיקע קעמפערס: איזבוצקי, סעסע און רייכמאַן זאָלן באַקומען אייגענע ראַדיאָ־זענדערס און אָנהאַלטן אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיטן צענטער. אין דער אָנפירונג פון „סימעקסקאָ" זאָל נאָזאַרען דריילי פאַרטרעטן קענטן.

כ'בין געוואָרן דערשטוינט פון שעפּ'ס ענטפער אויף מיינע פאָרשלאָגן, וואָס האָט מיך אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט: כ'האָב באַקומען אַ באַפעל צו טרעפן זיך אין בריסל מיטן קאַפּיטאַן פון דער סאָוועטישער אַרמיי, יעפרעמאָוו (באָרדאָ) און

שטעלן אונטער זיין אָנפירונג די געוועזענע אַגענטן פון דער בעלגישער גרופּע פון קענטן און אויך וועגצעלן מיט זיין נעץ.

יעפרעמאָוון האָב איך נישט געקענט. צום ערשטן מאָל איז געטראָפן אין פרילינג 1942 אין בריסל — און מיין איינדרוק וועגן אים איז נישט געווען קיין גינסטיקער. ער האָט זיך געפונען אין בעלגיע פון 1939. ביז 1942 האָט ער זיך באַגנוגנט מיטן פאַרזיכערן זיין אייגענע דעקונג. א כימיקער — האָט ער זיך אָנגעגעבן ווי א פינלענדישער סטודענט און זיך פאַרשריבן אויפן פּאָליטעכניק.

דער ווערט פון זיינע אינפאָרמאַציעס איז געווען א נישטיקער: די ידיעות, וועלכע ער האָט איבערגעשיקט דורך זיין ראַדיאָ־זענדער, האָבן נישט געהאַט קיין ווערט. דאָס איז געווען אַן אמאַטאָרישע אַרבעט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט קאַריקאַטור. א צונויפקלייב פון פאַלשע, קאָנפידענציעלע קלאַנגען, אויפגעזאַמלט אין די נאַכט־לאָקאַלן פון דער ווערמאַכט. ער האָט זיי רעדאַגירט מיט ברעקלעך ידיעות און גרויסע „סינטעזן", אין וועלכע די פאַנטאַזיע האָט פאַרנומען א בכבודיקן אָרט. די ביוראָקראַטן פון צענטער האָבן ליבערשט אויסגעקליבן א מיליטער־מאַן, וואָס האָט דורכגעמאַכט א דריי־חדשימדיקן קורס אין א שפּיאָנאַזש־שול, איידער דעם אַלטן, אויסגעפּרוּווטן ספּעציאַליסט פון געהיים־דינסט און אונטערערדישן קאַמף, ווי ס'איז געווען וועגצעל.

איך האָב גובר געווען מיין אומרו און כעס און נאָך דעם ווי כ'האָב געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך דעם צענטער פאַר די פאַראָרדענונגען, האָב איך יעפרעמאָוון איבערגעגעבן אַלע נייטיקע אינפאָרמאַציעס. די וועטעראַנען וועגצעל, איזבוצקי און רייכמאַן זענען געווען פאַרצווייפלט פון דער אַנטשיידונג. „פאָלגן דעם אידיאָט? מיר אַלע וועלן דאָך צוליב אים פאַרשאָטן ווערן!" — האָט זיך צעשריגן רייכמאַן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט פון דער נייעס.

כ'האָב איינעם נאָכן אַנדערן באַדאַרפט איבערצייגן, אַז צוליב דיסציפּלין זענען זיי מחויב זיך אונטערצוואַרפן די פאַראָרדענונגען. כדי נישט דערלאָזן קיין צווייפל אין מיין שטעלונג האָב איך אין אַפּריל אוועקגעשיקט א ראַפּאָרט צום צענטער, אין וועלכן כ'האָב אָן וואַקלענישן קריטיקירט די אָנגענומענע באַשלוסן. צוויי חדשים שפּעטער האָב איך באַקומען א תשובה פון שעף, אַז ער האָט נאָך אַמאָל געפּאָרשט דעם גאַנצן ענין, געקומען צו מיין אויספיר, און פאַרלאַנגט ביי מיר פונאַנדערצולאָזן די בעלגישע גרופּע.

צו שפּעט! יעפרעמאָווס אַרעסט איז פאַקטיש פאָרגעקומען אין יולי 1942. זייענדיק אָן דערפאַרונג, איז ער ווי א בלינדער אַליין געלאָפן אין דער נעץ, וועלכע די אַבווער האָט פאַר אים אויסגעשפּרייט. ווען איך בין אין אַפּריל געקומען קיין בריסל צו זען זיך מיט יעפרעמאָוון, האָט רייכמאַן מיך געוואָרנט, אַז ער האָט צופעליק ווידער געזען דעם בעלגישן פּאָליציי־אינספּעקטאָר מאַטיע, מיט וועמען ער האָט אין 1940 געהאַט צו טאָן וועגן אַן ענין פון פאַלשע פּאַפּירן. מאַטיע האָט זיך פאַרטרויט פאַר רייכמאַנען, אַז ער געהערט, כלומרשט, צו דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און אים פאָרגעשלאָגן צו העלפן, דורך באַזאָרגן אויטענטישע אידענטיטעט־פּאַפּירן.

נישט האַבנדיק קיין שום צוטרוי צו דעם מאַטיע, האָב איך באַפוילן רייכמאַנען איבערצורייסן מיט אים אַלע באַציונגען. יעפרעמאָוו דאַקעגן האָט געהאַלטן פאַר נאַטירלעך צו באַקומען פון דעם זעלבן מאַטיע אידענטיטעט־קאַרטן און אין מיין אַפּוועזנהייט איינגעשטימט אויף מאַטיעס פאָרשלאַג צו באַהאַלטן ביי אים אַ געהיימען ראַדיאָ־זענדער. אין זיין אומבאַטראַכטקייט איז יעפרעמאָוו געגאַנגען נאָך ווייטער — ער האָט מאַטיען איבערגעגעבן זיין בילד, ער זאָל אים אויסשטעלן אַ פעלזענלעכע אידענטיטעט־קאַרטע און באַשטימט אַ טרעפונג ביי דער אָבסערוואַטאָריע. אָבער מאַטיע איז דאָס מאָל נישט געקומען אליין: אין אַ שווארצן אויטאָמאָביל זענען געזעסן עטלעכע מענער אין רעגנמאַנטלען.

איזבוצקי איז גלייך געקומען קיין פאַריז אונדז אָנזאָגן, אַז יעפרעמאָוו איז אַרעסטירט. לעאָ גראָספאָגעל איז תיכף אוועק קיין בריסל נאָכצופאָלגן די געשעענישן... דריי טעג שפּעטער, האָט יעפרעמאָוו זיך צוריק באַוויזן אויף דער פריי, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, אין באַגלייטונג פון אַ "פריינד". דער הויז־ווערכטערין האָט ער דערציילט, אַז די בעלגישע פּאָליציי האָט אונטערזוכט זיינע דאָקומענטן און אַלץ איז אין אָרדענונג.

אַלץ איז אַזוי לאַנג געווען אין אָרדענונג, ביז... אין עטלעכע טעג אַרום זענען סעסע, איזבוצקי און מאָריס פּעפּער (דער לעצטער איז געווען דער פאַרבינדלער מיט האָלאַנד) געוואָרן אַרעסטירט. שטאַרק געפּייניקט, האָט פּעפּער דערציילט דעם 17טן אויגוסט וועגן קאָנטאַקט מיט דעם שעף פון דער האָלענדישער גרופּע אַנטאָן ווינטערינק און אויך מיטן פּאָרל הילבאָלינג, וועלכע מ'האָט גלייך אַרעסטירט. ניין מיטגלידער פון דער האָלענדישער גרופּע און צוויי ראַדיסטן, איז די דייטשן נישט געלונגען צו אַנטדעקן. יעפרעמאָוו האָט אויך געגעבן די ערשטע אָנצוהערענישן דער אַבוער וועגן "סימעקס" און "סימעקסקאָ", נישט אָנגעבנדיק זייער גענויע ראָל, וועלכע איז אים גופא נישט געווען באַוווסט. פון יענעם טאָג, איז דיסקרעט אָבסערווירט געוואָרן די טעטיקייט פוןביידע פירמעס.

ווען מ'האָט פּיפּען אָנגעוויזן דעם אַדרעס פון "סימעקסקאָ", האָט ער געמיינט, אַז מען חוזקט פון אים. ער האָט געדונגען אַ ביוראָ אין דעם זעלבן הויז! בעת דער שילדערונג פון יעפרעמאָוון וועגן דעם גרויסן שעף, האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן און אויסגעשריגן: "מיין גאָט, כ'האָב דאָך אים געטראָפן אויף די טרעפּ, אַפילו אים באַגריסט מיט הייבן מיין הוט!"

יעפרעמאָוו האָט אַלץ דערציילט, נישט ווערנדיק אַפילו געפּייניקט; די געסטאַפּאָ־לייט האָבן געשיקט אויסגענוצט זיינע נאַציאָנאַלע געפילן און געשפּילט אויף דער אַלטער, אַנטיסעמיטישער סטרונע.

— דו, אַן אוקראַינער, אַרבעטסט אונטער די באַפעלן פון אַ ייד?!

זיי האָבן געדראָט מיט רעפּרעסיעס קעגן זיין משפחה, דערנאָך אים אַרומגעפירט ווי אַ טוריסט איבער דייטשלאַנד, צו ווייזן אים... די דערגרייכונגען פון מעכטיקן רייך... בקיצור, יעפרעמאָוו האָט גע'דבר'ט, און אין דער אונטערשטער שורה זענען צוליב אים אַרעסטירט געוואָרן מער פון דרייסיק פּערזאָן, גאַנצע משפּחות — צוויי מאָל אַזוי פיל פון דעם אַקטיוו פון דער בעלגישער גרופּע.

סוף חודש אויגוסט האָט יעפּרעמאָוו זיך געטראָפן מיט זשערמען שניידער, וואָס האָט געהערט צו ווענצעלס גרופּע — און פאַר איר אויפגעדעקט זיין שפּיל. ער האָט איר דערציילט, אַז ר׳איז געווען ארעסטירט, אַז די דייטשן וויסן פון אַלץ און ער האָט באַשלאָסן צו ראַטעווען זיין פעל. ער שלאָגט פאָר זשערמענען, זי זאָל מיט אים מיטאַרבעטן:

— דו פאַרשטייסט, אַטאַ גופא וועט זיך תמיד ראַטעווען, אָבער מיר ווען דאַרפן צאָלן. איז דאָס בעסטע וואָס בלייבט צו טאָן — איבערגיין אויף דער זייט פון די דייטשן און ראַטעווען וואָס מ׳קען.

זשערמען האָט אים צוגעזאָגט אַן ענטפער און באַלד צו מאָרגנס געקומען קיין פּאַריז און מיר איבערגעגעבן וועגן אַלץ. כ׳האָב זי געשיקט קיין ליאָן. די דייטשן, פעסטשטעלנדיק אַז זי איז פאַרשוווּנדן, האָבן אַרעסטירט איר מאַן, פראַנץ שניידער און זשערמענסביידע שוועסטער.

די שניידערס זענען געווען שווייצאַרישע בירגער, זיי האָבן העכער צוואַנציק יאָר געאַרבעט אין אַפּאַראַט פון קאָמינטערן, ווי פאַרבינדלערס, "בריוו־קעסטלעך" און קורירערן. פראַנץ און זשערמען שניידער האָבן גוט געקענט און זיך געטראָפן מיט פיל אייראָפּעישע קאָמוניסטן. ביז דער מלחמה, איז זייער הויז אין בריסל געווען אַ טרעף־פּונקט פאַר דורכפאָרנדיקע פּאַרטיי־טוערס. אויך טאָרעז און דיקלאָ האָבן זיך ביי זיי אויפגעהאַלטן. זיי זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט די וועטעראַנען פון קאָמינטערן, באַזונדערס מיט ראַבינסאָנען און זיין געוועזענע פרוי קלאַרא שאַבעל, וואָס איז איצט געווען טעטיק ווי אַ פאַרבינדלערין צווישן בערלין און ווענצעלן.

פראַנץ שניידער איז נישט געווען דירעקט פאַרבונדן מיטן רויטן אָרקעסטער, אָבער דורך זיינע פריערדיקע קאָנטאַקטן, איז אים געווען באַוווּסט זייער פיל. נישט קענענדיק אויסהאַלטן די פּייניקונגען, האָט ער אויסגעגעבן דעם נאָמען פון ראַבינסאָנס ראַדיסט, גריאָטאָ. פון יענעם טאָג אָן, האָט האַרי ראַבינסאָן זיך געפונען אונטער אַן "אַבסערווירטער פריייהייט".

כ׳האָב גלייך צו וויסן געטאָן דעם צענטער וואָס ס׳קומט פאָר — און באַקומען פון שעף אַן אומפאַרשטענדלעכע, לעכערלעכע תשובה:

— אַטאַ, איר האָט אַ פולשטענדיקן טעות. מיר ווייסן, אַז יעפּרעמאָוו איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער בעלגישער פּאָליציי, וועלכע האָט קאָנטראָלירט זיינע פּאַפּירן און אַלץ איז ווידער אין אָרדענונג. יעפּרעמאָוו זעצט פאָר צו שיקן אונדז גאָר וויכטיקע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן זיך ארויסגעוויזן, נאָך אַ שטרענגער קאָנטראָל, פאַר זייער נוצלעך.

דער צענטער גיט זיך נישט אפילו די מי צו דערגיין, פאַר וואָס עפּעס האָט דער יעפּרעמאָוו מיט אַמאָל געגומען באַווייזן אַזויפיל העלדישקייט! אין דערווירקלעכקייט איז עס געווען דער אָנהייב פון דער פאַרגיפטונג...

דער שעף, האַלטנדיק וואַרשיינלעך, אַז די ליסטע פון די אַרעסטירטע אין בעלגיע איז נישט קיין פולשטענדיקע, האָט אָנהייב סעפּטעמבער פאַרלאַנגט איך זאָל פאָרן קיין בריסל און זיך טרעפן מיט יעפּרעמאָוון.

אונדזער אָבסערוויר־גרופּע, וועלכע מיר האָבן געשיקט אויפן אָרט פון דער טרעפונג, האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין די ארומיקע קאַפע־הייזער זענען די באַזוכערס פון א באַזונדערן מין און זיי זענען מער פאַראינטערעסירט מיט דעם וואָס ס׳קומט פאָר אין גאַס, ווי מיט דעם וואָס ס׳געפינט זיך אין גלעזל. און נישט ווייט דרייען זיך ארום שווארצע אויטאָמאָבילן אין אַן אומרויִקן קאַראַהאָד...

אין דער זעלבער צייט איז מיט זעלטענעם קוראַזש — האַלטנדיק לעבן זיך דעם רעוואָלווער און א כימישן שטאָף צו פאַרניכטן די דעפּעשן אין עטלעכע סעקונדעס, האָט ווענצעל געשיקט זיינע דעפּעשן דורכן געהיימען זענדער. אַנטדעקט דורך דעם דייטשן אויסשפּיר, איז אין מיטן דער נאַכט זיין הויז באַזעצט געוואָרן דורך דער אַבווער. ער איז שנעל ארויף אויפן דאַך, שיסנדיק אומאויפהערלעך אויף די אַגענטן, וואָס האָבן אים נאָכגעיאָגט. הונדערטער מענטשן, אויפגעוועקטע פון די שיסערייען, האָבן נאָכגעפאָלגט דעם אַנטלויפנדיקן סילועט. ער איז פאַרשוונדן אין א שכנותדיק הויז, די דייטשן האָבן אים געפונען אין א קעלער... מיר איז באַוווּסט, אַז אין די דייטשע ארכיוון ווערט ווענצעל פאָרגעשטעלט ווי א פאַרעטער, וואָס זאָל נאָך זיין ארעסט האָבן מסכים געווען צו קאָלאַבאָרירן מיטן שונא. דאָס איז א נידערטרעכטיקער מאַנעווער פון פּרובירן קאָמפּראָמיטירן אַן אַלטן קעמפער, א פריינד פון ערנעסט טעלמאַן!

די ווירקלעכקייט, ווי מיר וועלן דאָס זען ווייטער, איז געווען גאָר אַן אַנדערע.

אין די לעצטע טעג פון יאַנואַר 1942, האָט אונדזער אָבסערוויר־גרופּע פעסטגעשטעלט, אַז דאָס הויז אויף דער אַטרעבאַט־גאַס, ווערט נישט מער באַוואַכט. כ׳האָב תיכף געשיקט אהין צוויי פון אונדזערע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט געסטאַפּאָ־פּאַפּירן, כדי זיי זאָלן אַרויסראַטעווען די ביכער, וואָס זענען אפשר געבליבן אין סאָפיע פּאָזנאַנסקיס צימער. מיר זענען געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די ביכער, ווייל די ציפערן, וועלכע מיר האָבן באַנוצט צום קאָד פון אונדזערע זענדונגען, זענען געוואָרן אויפגעשטעלט לויט איינעם פון די ספרים.

ד״ר וואָק, שעף פון דער דייטשישער גרופּע צו דעשיפרירן דעפּעשן, האָט פאַרשטאַנען דאָס זעלבע. ער האָט פאַרלאַנגט פון דער געסטאַפּאָ אין בריסל די ביכער, וועלכע זיי האָבן צוגענומען בעת דער רעוויזיע. די געסטאַפּאָ האָט געענטפערט, אַז זיי האָבן זיך דערמיט נישט פאַרנומען, און די ביכער וואָס ער פאַרלאַנגט, זענען נישטאָ. וואָק האָט זיך אָריענטירט וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען און דעם ענין נישט אָפּגעלאָזט. מ׳האָט נאָך אַמאָל געפאָרשט ריטאַ אַרנאָלד, וואָס האָט זיך דערמאָנט אין די נעמען פון די פינף ביכער, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט ביי סאָפיען אויפן טיש. כדי צו געפינען דאָס שליסל־ווערק, האָט ד״ר וואָק פאַרמאָגט נישט מער ווי איין וואָרט: ״פּראָקטאָר״, וואָס איז אים געלונגען צו דעשיפרירן פון די שטיקעלעך פאַרברענטע דעפּעשן, ארויסגענומענע פון אויוון. אין די ערשטע פיר ביכער האָט דאָס וואָרט ״פּראָקטאָר״ נישט פיגורירט, און דאָס פינפטע בוך — ״דער נס פון פּראָפעסאָר וואָלמאַן״ — איז געווען אוממעגלעך צו באַקומען. נאָך לאַנגע

זוכענישן ביי פּאַרשידענע פּאַריזער בוקיניסטן, האָט דער קאַפּיטאַן קאַרל פאָן ווערעל געפונען אַן עקזעמפּלאַר פון דעם בוך דעם 17טן מאַי 1942.

ד"ר וואַק האָט זיך גענומען פאַרשן די 120 ראַדיאָ־דעפּעשן שיפרירט מיט דעם קאָד. דאָס זענען געווען די דעפּעשן, וועלכע די דייטשישע אונטערהער־סטאַציעס האָבן אויפגעכאַפּט פון יוני ביז דעצעמבער 1941.

דעם 14טן יולי 1942, האָט ד"ר וואַק, ספּעציאַליסט פון קאָד־ציפערן, איבערזעצט פאָלגנדע דעפּעשע:

KL 3 DE R.T.X. 1010—1725 WDS GBT DV DIRECTEUR A KENT. PERSONNAL

"פון שעף צו קענט, פּערזענלעך. פאַרבינדט זיך גלייך מיט די דריי אָנגעוויזענע אַדרעסן אין בערלין און שטעלט פעסט די סיבות פון אָפּשטעלן זייערע ראַדיאָ־זענדונגען. אויב די ראַדיאָ־זענדונגען זענען באַנייט, נעמט איבער אַליין זייער טראַנסמיסיע. די אַרבעט פון די דריי בערלינער גרופּן און די קאָמוניקאַציע פון ידיעות איז פון גרעסטער וויכטיקייט. אַדרעסן: נייוועסטענד, אַלטענבורגער אַלעע 19, דריטער רעכטס. קאָראָ — שאַרלאָטענבורג, פּרעדריק־שטראַסע 26 א' צווייטער לינקס. וואָלף — פרידענאו, קייזערשטראַסע 18, פערטער לינקס. באַוער. דערמאָנט דאָ "איילענשפּיגל". פּאַראָל: דירעקטאָר. גיט אונדז ידיעות פאַרן 20טן אָקטאָבער. דער נייער פּלאַן (מיר חזרן איבער: נייער) איז אין קראַפט פאַר די דריי סטאַציעס".

ווי אומגלייבלעך דאָס זאָל נישט אויסזען, בלייבט אַ פאַקט, אַז דער שעף פון דער צענטראַלע אין מאָסקווע, האָט דורך אַ ראַדיאָ־זענדער געשיקט די אַדרעסן פון די דריי פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די בערלינער גרופּן: שולצע־בויזען, אַרוויד האַרנאַק און קוקהאָף.

נאָך צו יענער צייט בין איך געוואָרן אויפגעציטערט פון דער אומפאָרזיכטיקייט... גענוג, אַז די דייטשן זאָלן אַנטדעקן דעם קאָד — כ'בין געווען איבערצייגט אַז יעדן קאָד, ווי גלענצנדיק ער זאָל נישט זיין, איז מעגלעך צו "ברעכן", ד. ה דעשיפרירן — און זיי וועלן לייענען, שוואַרץ אויף וויים די אַדרעסן! דעם 14טן יולי 1942 איז עס געוואָרן אַ געשעענער פאַקט.

די געסטאַפּאָ האָט זיך נישט געאיילט אויסצונוצן די ווונדערלעכע מתנה... ניין, פאַמעלעך האָט זי פאַרלייגט די נעץ, צורעכט געמאַכט די פעדעם, באַזעצט דעם טעלעפאָן־אונטערהער. דערביי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט דאָס שלעכטע מזל: אַ מיטגליד פון דער בערלינער גרופּע, האָרסט היילמאַן, איז געווען באַשעפטיקט ביי ד"ר וואַק. אָבער אים איז די באַרימטע און דעציפירנדיקע דעפּעשע, באַקאַנט געוואָרן ערשט דעם 29סטן אויגוסט. נישט פאַרלירנדיק קיין איין מינוט, האָט ער גלייך טעלעפאָנירט צו שולצע בויזען, אָבער בויזען האָט גראָד אין דער צייט זיך נישט געפונען אין בערלין. היילמאַן האָט אים געלאָזן אַ ידיעה, ער זאָל אים אָנרופן אין ביוראָ. דעם 31סטן אויגוסט, אין די פרימאָרגן־שעהן, שולצע־בויזען קלינגט, ס'איז אָבער ד"ר וואַק גופא, וואָס נעמט דאָס טרייבל...

— שולצע־בויזען ביים טעלעפאָן...

וואָק, אין גאַנצן פאַרוואונדערט, גלויבט, אַז דאָס איז פּראָוואָקאַציע און גיט צו וויסן די געסטאַפּאָ.

דעם זעלבן טאָג איז שולצע־בויזען געוואָרן אַרעסטירט, צוויי וואָכן שפּעטער געפינען זיך שוין אַכציק מיטאַרבעטער פון דער דייטשער גרופּע אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ — און די אַרעסטן ווערן פאַרגעזעצט.

אָנהייב 1943 האָבן זיך שוין 150 געפונען אין די תפיסות. פיל פון זיי האָבן בכלל נישט געהאַט קיין שייכות צו דער רויטער קאַפּעליע.

די שוואַרצע ליסטע האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט אין רעזולטאַט פונעם דורכפאַל אויף דער אַטרעבאַט־גאַס.

13 די זאַנדערקאָמאַנדאָ אויף אונדזערע שפּורן

די ערעסטן פון דער גרופּע פון אַטרעבאַט־גאַס אין בריסל האָט אדורכגעפירט דער אבווער. כדי עפעקטיווער צו פירן דעם קאמף קעגן דעם רויטן אָרקעסטער אין פראנקרייך און בעלגיע, איז אין יוני 1942 געשאפן געוואָרן "די זאַנדערקאָמאַנדאָ רויטע קאפעליע". בראש פון דער זאַנדערקאָמאַנדאָ איז געשטאנען דער קרימינאליסט קארל גירינג, וואָס האָט ארויסגעוויזן גרויס אייפער ביים אנטדעקן אַלאמאַן. ער פירט אָן מיט אן אויסגעקליבענער גרופּע פון ס.ס.־אגענטן, ספּעציעל אויסגעשולטע צום קאמף קעגן דעם אויסשפּיר־דינסט. אָבער שטורמפירער היינריך רייזער פירט אָן מיט דער פּאריזער גרופּע. דער געסטאַפּאָ־שעף מילער קאָנטראָלירט די טעטיקייט, פאר וועלכער הימלער און באָרמאן גופא טראָגן די פאראנטוואָרטלעכקייט.

אָנהייב אָקטאָבער 1942, איז די זאַנדערקאָמאַנדאָ אָנגעקומען קיין פּאריז און זיך באזעצט אויפן פּערטן שטאָק אויף דער סאָסיי־גאַס, וווּ ס'איז פאר דער מלחמה געווען דאָס זיץ־אָרט פון דער פראנצויזישער זיכערהייט־דינסט.

דער קאמף קעגן דער פראנצויזישער גרופּע האָט זיך אָנגעהויבן... פאקטיש האָט די גרופּע שוין געהאט איר ערשטן דורכפאל:

דעם 9טן יוני 1942, זענען די צוויי ראַדיאָ־טעכניקערס, הערש און מירא סאָקאָל, וואָס האָבן זיך געפונען אין א ווילע אין דער פּאריזער פאָרשטאָט מעזאָן לאַפיט און געהאלטן ביים פארענדיקן איבערשיקן א ראַדיאָ־דעפּעשע — איבערראַשט געוואָרן פון דער געסטאַפּאָ. דער ארעסט איז פאָרגעקומען על־פּי צופאל. אן אויסשפּיר־וואָגן פון דער געסטאַפּאָ פאר ראַדיאָ־זענדערס, וועלכער איז ארומגעפאָרן פּאטראָלירן אין די מערב־פאָרשטעט פון פּאריז, האָט גראָד אין דער שעה, ווען די סאָקאָלס האָבן געארבעט, אנטדעקט דאָס הויז... די דייטשן האָבן תיכּף אינטערווענירט. צוערשט האָט די געסטאַפּאָ נישט פארבונדן דעם ארעסט מיטן רויטן אָרקעסטער, ווייל סאָקאָלס אפּאראט, צוזאמענגעשטעלט פון פערנאנד פּאָריאָל, איז געווען צו שוואך אויף איבערצושיקן זענדונגען דירעקט קיין מאָסקווע. די זענדונגען זענען געשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן און פון דאָרט — קיין ראטן־פארבאנד. די דייטשן האָבן דערפון געדרונגען, אז די סאָקאָלס ארבעטן פאר ענגלאנד. מיר האָבן זיך גלייך דערוווּסט פון דעם ארעסט פון מירא און הערש סאָקאָל. פערנאנד פּאָריאָל, וואָס האָט מיט אן אנדערן אפּאראט נאָכגעפאָלגט זייערע

עמיסיעס, האָט פּלוצים באמערקט אַן איבעררייס פון די סיגנאַלן. כ׳האָב תיכף געשיקט אהין א מיטארבעטער, וואָס האָט פעסטגעשטעלט זייער ארעסט. מיר האָבן באלד אזוי „אויסגערייניקט״ זייער וווינונג אין פאריז, אַז ווען די לייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ זענען געקומען, האָבן זיי שוין דאָרט נישט געפונען קיין וויכטיקע זאכן. דעם זעלבן טאָג פון סאָקאלס ארעסט, האָב איך אוועקגעשיקט קיין מארסיי די קאָד־אויפשטעלערין ווערא אקערמאַן און אלארמירט די ספּאַאקס וועגן דעם ארעסט פון מיראַן און הערשן. ביידע סאָקאלס זענען שוידערלעך געפּייניקט געוואָרן, אָבער העלדיש זיך געהאלטן. קיין איין נאָמען האָבן די פּייניקערס נישט געקענט פון זיי ארויסבאַקומען — און דעם קאָד האָבן זיי ביזן לעצטן לעבנס־אָטעם נישט פאַראַטן.

גירינגן איז געווען אומבאַקאַנט די ראָל פון די סאָקאלס אין רויטן אָרקעסטער, אָבער פון די דעפּעשן, וועלכע זענען דעשיפרירט געוואָרן אין בערלין דורך ד״ר וואָקס׳ אָפּטיילונג און דאָס „מודה״ זיין זיך פון עטלעכע מיליטאַנטן, וואָס זענען ארעסטירט געוואָרן אין בעלגיע — האָבן אים געגעבן א סך אינפאָרמאַציעס. אויך רייכמאַנען האָט מען שוידערלעך געפּייניקט, אָבער ער האָט זיך איינגעבראָכן, דערוויסנדיק זיך וועגן יעפּרעמאָווס פאַראַט. צוזאַמען מיט זיין געליבטער, מאַלווינאַ גרובער, איז ער איבערגעגאַנגען דינען דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. א דאַנק זיי, האָט גירינג באַקומען דעם ריכטיקן באַגריף וועגן דער פראַנצויזישער גרופּע. זיין ערשטער פּרווו איז געווען — מיך אריינציען אין א פּאַסטקע. ער האָט פאָרגעשלאָגן דער פרוי ליקאַנין, די פאָרשטייערין פון „סימעקס״ ביי דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע אין פאריז, אַ משא־ומתן בנוגע אינדוסטריעלע דימענטן און געשטעלט א באַדינג, אַז די טראַנזאַקציע קאָן ער מאַכן נאָר מיט הער זשילבער פּערזענלעך.

אזוי ארום איז באַשטימט געוואָרן די ערשטע טרעפונג אין בריסל. דאָ האָבן די אַגענטן פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, אין זייער טפּשות, אויפגעדעקט דער פרוי ליקאַנין, אַז איך בין א „סאָוועטישער אַגענט״. א סברה, זיי האָבן נישט דערשאַצט איר רוסישן פּאַטריאָטיזם... איך האָב זיך געטראָפן מיט פרוי ליקאַנין. זי האָט מיר גלייך געזאָגט:

— זייט וויסן, אַז איך בין א קעגנערין פון קאָמוניזם, אָבער פאַר אַלעם בין איך א רוסישע און וועל אייך נישט אויסליפערן דער געסטאַפּאָ!

כ׳האָב איר באַרויקט און געראַטן, זי זאָל צו וויסן טאָן די דייטשן, אַז כ׳בין קראַנק געוואָרן און מיר איז אוממעגלעך צו קומען אויף דער אָנגעזאָגטער טרעפונג.

נאָך דעם דורכפאַל, האָט גירינג געלאָזט רייכמאַנען אויף מיינע שפּורן. רייכמאַן איז אוועק אויף אַלע אַדרעסן און „פּאַסט־קעסטלעך״, וואָס זענען אים געווען באַקאַנט פון זיין קורצן אויפהאַלט אין פּאַריז, נאָכן דורכפאַל אויף דער אַטרעבאַט־גאַס. אָבער ער איז שוין געווען א „פאַרברענטער״ און אַלע טירן האָבן זיך פאַר אים פאַרמאַכט. די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט אָנגעהויבן טאַפּטשען אויף אָן אָרט. גירינג האָט געוווסט, אַז דער צענטראַלער נערוו פון רויטן אָרקעסטער געפינט זיך אין פאריז. ער האָט פיל אקטיווע מיטגלידער פון דער נעץ אריינגעוואָרפן אין תפיסה, אָבער ווייטער האָט ער נישט געקענט גיין.

גירינג האָט זיך דערוווּסט פון מאַלווינאַ גרובער, קענטס פרוי, וואָס האָט באַגלייט מאַרגאַרעט באַרטשאַ קיין מאַרסיי, אַז זי איז מיט קענטן אין שטאָט. ער האָט אַרויסגעלאָזן זיינע מענטשן זיי זוכן. דעם 12טן נאָוועמבער 1942 איז דאָס פּאָרל קענט-באַרטשאַ שוין געווען אין זיינע הענט. (דאָס איז פאָרגעקומען נאָך דעם, ווי די ווערמאַכט האָט אין דער נאַכט פון 11טן אויפן 12טן נאָוועמבער, אָקופּירט די פרייע זאָנע פון פראַנקרייך). אין דער אמתן, האָט קענט געהאַט אַלע שאַנסן צו ראַטעווען זיך פון די דייטשן. איך האָב אים געראַטן, ער זאָל אַוועק קיין אַלזשיריע. ער האָט מיך נישט געפאָלגט, הגם דאָס איז פאַר אים געווען זייער לייכט אַדורכצופירן. דער דירעקטאָר פון מאַרסייער "סימעקס", זשיל זשאַספּאַר, איז געווען אַ פריינד פון גענעראַל קאַטרוּ, דעם מושל פון אַלזשיריע. אָבער קענט, אַ דערדריקטער, איז שוין נישט געווען פעיק צו רעאַגירן און צו האַנדלען. אין אָקטאָבער בין איך ספּעציעל געפאָרן קיין מאַרסיי, כדי מיט אים זיך צו טרעפן. ער האָט זיך געפילט באַדראָט. די אָקופּאַציע פון דער פרייער זאָנע איז געווען אַ פראַגע פון וואָכן...

— איך קאָן נישט פאָרן קיין אַלזשיריע — האָט ער מיר געזאָגט, — ווייל פון אַלזשיריע וועט מען מיך אַרויסרופן קיין מאָסקווע, און איך וועל "מוזן צאָלן" פאַר דעם דורכפאַל פון דער בעלגישער גרופּע!

— אויב אַזוי, וואָס האָסטו בדעה צו טאָן?

— אויב איך ווער אַרעסטירט, וועל איך מיטשפּילן די שפּיל, צו דערגיין די צילן פון די דייטשן...

— דאָס איז אוממעגלעך. כדי מיטצושפּילן, דאַרף מען פריער האָבן די מעגלעכקייטן צו וויסן געבן וועגן דעם דער צענטראַלע. דו וועסט דאָס נישט קאָנען טאָן. להיפך, וועסט זיין געצוווּנגען אויסצוגעבן דעם קאָד, און דאָס וועלן זיין די דייטשן, וואָס וועלן מיט דיר מאַנעווירן...

כ'האָב אים נישט איבערצייגט. האָב איך אים פאָרגעשלאָגן צו אַנטלויפן אין דער שווייץ, האָט ער געענטפערט, אַז זיין פרוי, מיט וועלכער ער וויל זיך פאַר קיין פאַל נישט שיידן, וואַרט אויף איר פּאַספּאָרט. דער אַרעסט איז פאָרגעקומען צו מאָרגנס נאָך דער אָקופּאַציע פון דער דרום-זאָנע. די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט נישט פאַרלוירן קיין צייט!

און קענט האָט גענומען ריידן, אָן דעם, אַז די געסטאַפּאָ זאָל אים דערצו צווינגען. די מורא, אַז מ'וועט אים צעשיידן מיט מאַרגאַרעט, האָט אים צו דעם געשטויסן. קענט האָט געוווּסט די באַדייטונג פון "סימעקס" און "סימעקסקאָ" און די וויכטיקייט פון אַלפרעד קאָרבען.

דעם 17טן נאָוועמבער האָב איך זיך געטראָפן מיט קאָרבענען:

— איר זענט אין אַ געפאַר, אַלפרעד, איר דאַרפט אַוועק פון דאַנען — זאָג איך צו אים.

— איך? דער איינציקער וואָס קען מיך קאָמפּראָמיטירן, איז קענט. קענט איז אַ סאָוועטישער אָפיציר — און אַ סאָוועטישער אָפיציר פאַראַט נישט. נישט אַזוי?

— אלפרעד, איר זייט א גרויסער רעאַליסט אין געשעפטן, אָבער אלע אנדערע זאכן זעט איר צו פיל פון אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט! איר ווייסט נישט אויף וואָס די געסטאַפּאָ איז פעיק, איר מוזט וואָס שנעלער אוועק מיט אייער פאַמיליע אין דער שווייץ!

— דאָס איז פאַר מיר אוממעגלעך, מיין פרוי איז נישט באַקאַנט מיין אַקטיוויטעט, און זי וועט נישט וועלן פאַרלאָזן איר וווינונג!

דעם 19.11.1942 האָט די זאָנדערקאָמאַנדאָ אדורכגעפירט אן איבערפאַל אויף "סימעקס" 1) און ארעסטירט די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכע: אלפרעד קאָרבען, סוזאַן קואַנט, וולאַדימיר קעלער, פרוי מינאָן...

לעאָ גראָסספאָגעל, הלל כּץ און איך, האָבן זיך צוריק געצויגן אין א ווילע, וועלכע געפינט זיך אין אנטאָני (א פאָרשטאָט פון פאַריז), וואָס נאָר מיר דריי האָבן געוווּסט דעם אדרעס. אויף שנעל האָבן מיר געמאַכט א רעזומע פון דער געשאַפענער לאַגע (וועלכע איז ניט געווען גלענצנדיק. נאָך בריסל, אמסטערדאַם, בערלין, מאַרסיי, איז געקומען די ריי אויף פאַריז...). מיר זענען ביי דער מיינונג, אז קודם־כּל מוז מען פאַרזיכערן די מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער, וואָס זענען אונדז איבער געבליבן פון די פופציק מיטגלידער פון דער פראַנצויזישער גרופּע און זענען נאָך אויף דער פריי. זיי באַקומען אונדזערע פאַראָרדענונגען. מיט דעם פאַרשטייער פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, מישעל, האָבן מיר איינגעשטעלט א נייעם קאָד פאַר די טרעפונגען. לעאָ גראָסספאָגעל טוט דאָס זעלבע מיט פערנאַנד פּאָריאָל.

מיר געפינען זיך אָבער פאַר א פיל גרעסערער שוועריקייט; די צענטראַלע האָט בפירוש פאַרלוירן צו אונדז דעם צוטרוי. מיר באַמערקן דאָס, ווען אויף אלע אונדזערע דעפּעשן וועגן די ארעסטן, ענטפערן זיי: "איר מאַכט א טעות, די עמיסיעס גייען ווייטער אָן: פערנאַנד פּאָריאָל האָט אויפגעכאַפּט דעפּעשן, וועלכע זענען גוטע"... די צענטראַלע איז נישט אומגערעכט, ווייל ס'איז אמת, אז די עמיסיעס גייען ווייטער אָן: פערנאַנד פּאָריאָל האָט אויפגעכאַפּט דעפּעשן, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן פון יעפּרעמאָווס אפּאַראַטן, אויך פון האָלאַנד און בערלין.

דאָס באַדייט, אז די זאָנדערקאָמאַנדאָ וויל אויסמיידן אז די צענטראַלע זאָל זיך דערוויסן פון אונדזערע ארעסטן און כּדי דאָס צו מאַסקירן, לאָזט זי שפּילן דעם אָרקעסטער. מיט וועלכן ציל? דערווייל איז דאָס אונדז אומבאַקאַנט. אז א ראַדיסט, ווען ער ווערט ארעסטירט, זאָל זיך "איבערדרייען" און שיקן פאַלשע ידיעות כּדי

1) געוויסע "ספּעציאַליסטן" פון רויטן אָרקעסטער (נאָטירלעך, אויסער זשיל פּעראָ), וועמען עס האָט נישט געפעלט קיין פאַנטאַזיע, האָבן דערציילט, אז אין "סימעקס" איז געווען איינגעאָרדנט א קאָנספּירירטער צימער, אין וועלכן דער גרויסער שעף האָט באַהאַלטן געהיימע דאָקומענטן. די געשיכטע האָט ארויס גערופן געלעכטער ביי דער טאָכטער פון אלפרעד קאָרבען און איר מאַן, וואָס האָבן נאָך דער מלחמה געוווינט אין דער דירה, ווו ס'האָט זיך געפונען דאָס זיץ־אָרט פון "סימעקס"... עס וואָלט געווען אן אבסורד איינצואָרדענען אזא געהיימען צימער, ווייל ווען מען שטעלט איין א דעקונג פאַר א נעץ, איז דאָס עלעמענטאַרסטע — נישט קאָמפּראָמיטירן זי.

אַפּצונאַרן דעם קעגנער — דאָס איז וואַרשיינלעך און אויך לאָגיש, אין דעם קריג פון די שפּיאָנאַזש־דינסטן. אָבער אַז די ראַדיסטן וואָס זענען אַריינגעפאַלן צו די דייטשן, זאָלן שיקן גוטע מאַטעריאַלן, וועלכע אינפאָרמירן פּינקטלעך מאָסקווע — דאָס זעט מיר אויס אומגלויבלעך.

א סברה, אַז אונטער דעם באַהאַלט זיך אוודאי א נייע טאַקטיק, א מאַנעווער פון גרויסן פאַרנעם, וואָס אין דעם מאָמענט, איז פאַר אונדז פאַרהוילן זיין ציל. אונדזער באַלדיקער חוב איז אויפצוקלערן די סיבות און זיי באַקעמפן פאַר יעדן פּרייז. בעמענדיק אין באַטראַכט די מעגלעכקייט פון אונדזער אַרעסט, זענען מיר גרייט געווען כלומרשט מיטצואַרבעטן, כדי וואָס בעסער אַריינדרינגען צום שונא.

ס'איז ווידער געווען נייטיק פּרובירן אויפצוקלערן דער אָנפירונג די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. דעם 22סטן נאָוועמבער 1942, האָב איך געשיקט א דעפּעשע דער צענטראַלע, מיט גענויע פּרטים פון אַלץ וואָס האָט פּאַסירט. גלייכצייטיק געשריבן וועגן דעם צו זשאַק דיקלאָ. נאָך דעם האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרשווינדן אויף א געוויסער צייט. פאַרשווינדן — איז דאָס ריכטיקע וואָרט. אין רואַיאַ, א קליין שטעטל נישט ווייט פון קלערמאָן פעראַן, האָב איך צוגעגרייט מיין לוויה. די טויט־צייגעניש און דאָס מצבה־שילדל זענען אויך געווען גרייט. אין עטלעכע טעג אַרום וועט זשאַן זשילבער שטאַרבן... איך וועל פאַרלאָזן פּאַריז דעם 22סטן נאָוועמבער. עטלעכע טעג נאָך מיר וועט קומען כץ, און לעאָ וועט אַוועק קיין דרום־פראַנקרייך, ווי נאָר ער וועט דערהאַלטן זיין נייע אידענטיטעט־קאַרטע.

פאַרן אָפּפאָרן, האָב איך טעלעפאָנירט צום דענטיסט, דאָקטער מאַלעפּלאַט, וואָס היילט מיר די ציין, אַז ער זאָל מיך אויפנעמען פריער ווי ס'איז געווען באַשטימט. דעם 24סטן, האָט ער גראָד געהאַט א פרייע שעה, און ער האָט באַשטימט די טרעפונג אויף צוויי א זייגער נאָך מיטאָג.

14 ״אַלזאָ, הער אַטאַ״...

פיר און צוואַנציקסטער נאָוועמבער... איך בין פרי אויפגעשטאַנען, פאַמעלעך זיך אָנגעטאָן. צוריק שטעלנדיק אין זכרון די לעצטע געשעענישן, האָב איך אָפּגעשאַצט די שוועריקייטן, וועלכע האָבן זיך פאַר אונדז אָנגעזאַמלט. מיר מוזן זיין פאַרזיכטיק; וואָס מער איך טראַכט דערפון, אַלץ מערער קום איך צום אויספיר, אַז אונדזער באַשלוס צו פאַרשווינדן כאָטש אויף אַ קורצע צייט, איז שכלדיק און נויטווענדיק.

כ׳האָב געפרישטיקט מיט הלל׳ן. מיר רעדן ווייניק. ס׳איז נישט דער מאָמענט אויף לאַנגע שמועסן און נישט אויף אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ. מיר האָבן באַשטימט צו טרעפן זיך פיר אַ זייגער, נאָך מיין וויזיט ביים דענטיסט. שפּעטער וועל איך זיך געזעגענען מיט זשאַרזשי דע ווינטער. אין אָוונט וועלן מיר האָבן די לעצטע טרעפונג מיט לעאָנען און ביינאַכט וועל איך נעמען די באַן קיין ראַיאַ.

אין דער באַגלייטונג פון כצן, בין איך אוועק צום דענטיסט ד״ר מאַלעפּלאַט. זיין קאַבינעט האָט זיך געפונען אויף 13 רי דע ריוואָלי. מיר האָבן זיך גיך צעשיידט, און כך איז מיר נאָכגעגאַנגען אַ צענדליק מעטער. (מחמת דער געפאַר פון ווערן נאָכשפּיאָנירט, האָבן מיר איינגעשטעלט אַ סיסטעם, אַז נאָכן צעשיידן זיך, זאָל איינער נאָכפאָלגן דעם אַנדערן). פּינקטלעך צוויי בין איך אָנגעקומען פאַר דעם הויז. כ׳האָב געגעבן אַ שנעלן בליק אין אַלע זייטן, רעכטס, לינקס. איך קאָן אַרויפגיין. קיין פאַרדעכטיקטן מענטשן האָב איך נישט באַמערקט, אויך נישט קיין פאַרדעכטיקטן אויטאָמאָביל. איך בין אַרויף אויף די טרעפּ און אָנגעקלונגען אין דער טיר. דער דאָקטער גופא קומט עפענען. דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, ווייל געוויינלעך האָט דער טעכניקער געעפנט די פּאַציענטן די טיר. אַ צווייטע דערשיינונג האָט מיך פאַראינטריגירט — דער וואַרטזאַל איז געווען ליידיק, בעת אַן אַנדערש מאָל איז ער פול, וואָס האָט מיך נאָך מער דערשטוינט. דער דאָקטער האָט מיך גלייך אַריינגעפירט אין זיין קאַבינעט. איך קוק אים אָן — ער זעט אויס צערודערט און בלאַס. זיינע הענט ציטערן... איך פרעג:

— וואָס איז אייך, איר פילט זיך שלעכט?

ער האָט אַרויסגעמורמלט עטלעכע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און מיך צוגעפירט צום פאָטעל. כ׳האָב זיך אוועקגעזעצט, דעם קאָפּ פאַרלייגט אויף הינטן,

ווי ער האָט פאַרלאַנגט. ער נעמט זיינע אינסטרומענטן און באַוויזט זיי נישט רעכט צולייגן צו מיין מויל, ווי איך דערהער פּלוצים א גערויש הינטער מיר. צו שפּעט! כ׳האָב באַדאַרפט באַמערקן די אַלע אומנאָרמאַלקייטן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן און... זיך אָפּטראָגן. יאָ, צו שפּעט... א געשריי: ״הענדע האָך!״

קוים א מינוט איז פאַריבער ווי כ׳בין אַריין אין קאַבינעט — און בין שוין אַרומגערינגלט פון צוויי פעסטע יונגען, פון יעדע זייט איינער, מיט אָנגעצילטע רעוואָלווערן... זיי זענען אַזוי בלייך ווי דער דענטיסט. איך כאַפּ א בליק אויף זייער געווער און באַמערק, אַז אויך זיי ציטערן, זענען נישט זיכער מיט זיך. וואָס פאַר א בילד!

אַז דער מאָמענט פון איבערראַשונג איז ביי מיר אַדורך (כ׳בין נישט זיכער, צו כ׳בין געווען מער דערשיטערט פון זיי...), האָב איך גלייך ווידער באַקומען מיין קאַלטבלוטיקייט. דאָס בלוט איז מיר צוריק געקומען אין פּנים. איך האָב פּאַמעלעך אויפגעהויבן די הענט און רויק געזאָגט: — ״איך בין נישט באַוואָפנט״... אָן שום ספק, זיי האָבן זיך באַרויקט... א דריטער מאַן האָט זיך פלינק אַוועק געשטעלט פאַרן פענצטער נישט צו דערלאָזן, אויב כ׳האָב בדעה, פון דאָרט זיך אַראָפּצוּוואַרפן.

איך שטעל זיך אויף, זיי באַזוכן מיך און פאַרלייגן קייטלעך אויף די הענט. אין זייער בליק האָב איך אויפגענומען א מין שטוינענדיקע פראַגע. ווען זיי רעדן, וואָלט איך זיי מסתמא געהערט פרעגן: ״ווי איז דאָס מעגלעך, אַז איר זאָלט אַרומגיין אָן געווער, איר זייט אפילו נישט באַגלייט מיט קיין לייב־וואַך״... זיי האָבן נישט געקענט צו זיך קומען פון דער שנעלקייט און לייכטקייט, מיט וועלכער דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען. דאָקטער מאַלעפלאַט האָט זיך צו מיר דערנענטערט. פון אַלע, איז ער געווען דער איינציקער, וואָס האָט נאָך נישט צוריק באַקומען זיין גלייכגעוויכט. מיט א ציטערדיקער שטימע פאַרטרויט ער זיך פאַר מיר:

— הער זשילבער, כ׳פאַרזיכער אייך, איך בין אין דעם נישט שולדיק! ,

שפּעטער זיך דערוווּסט, אַז ר׳האָט ניט געזאָגט קיין ליגן. פאַרלויפיק דאַרף פאַר מיר זיין קלאָר מיין לאַגע: כ׳געפין זיך אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. ס׳איז זייער שווער, נאָר איך טאָר זיך נישט מיאש זיין. איך מוז אויפהאַלטן מיין בטחון. דער שפּיל צווישן זיי און מיר — כ׳האָב דאָס געפילט — איז נאָך נישט געענדיקט.

נאָך דעם אַרעסט פון די אָנגעשטעלטע אין ״סימעקס״, האָט די געסטאַפּאָ זיי געפאָרשט בייטאָג און ביינאַכט, אָנווענדנדיק די שווערסטע פּייניקונגען. נאָר איין פראַגע איז זיי געשטעלט געוואָרן: ״ווו געפינט זיך זשילבער?״ מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז די פרוי קאָרבען מיט איר טאָכטער, זענען אין דער זעלבער צייט און אין זייער אייגענער וווינונג, באַוואַכט פון פראַנצויזישע געסטאַפּאָ־אַגענטן, די לאַפאָנט־באַנדע. גלויבנדיק, אַז מיר איז נישט באַקאַנט דער אַרעסט פון קאָרבען, האָבן זיי אויף מיר געוואַרט ביי אים אין דער וווינונג און די פרוי מיט דער טאָכטער געהאַלטן ווי ערובניקעס.

דעם 23סטן זענען גירינג און קאַפּיטאַן פיפע פון דער אַבווער, געקומען קיין בריסל. זיי זענען געווען שטאַרק אין כעס אויף עריק יונג, פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ,

וואָס האָט זיך דערלויבט אויף אייגענער אחריות צו באַפאלן "סימעקס". גירינג, פארשטייט זיך, וואָלט בעסער געגומען דעם פערסאָנאַל פון "סימעקס" אונטער אָבסערוואַציע און פאַרשפרייט אַרום אים א נעץ. דאָס וואָלט געווען דער בעסטער אופן צו דערגיין צו מיר.

דעם זעלבן אָוונט האָט גירינג איינגעזעצט אין תפיסה פון פרען די פרוי, טאָכטער און ברודער פון קאַרבען. דעם 24סטן אין דער פרי האָט גירינג בכבודו ובעצמו געפירט די אויספאָרשונג פון פרוי קאַרבען. זייער רויק גיט ער איר צו פארשטיין, אז אויב זי וועט אים אין די נאָענטסטע שעהן נישט אָנווייזן ווו איך געפין זיך, וועט פאַר איר אין די אויגן דערשאָסן ווערן אלפרעד קאַרבען און די אנדערע פון דער משפחה וועלן פארשיקט ווערן אין א קאָנצענטראַציע־לאגער. דאָס איז א שרעקלעך דרוק־מיטל. די אָרעמע פרוי איז געווען אומבאהאָלפן; זי האָט זיך דערמאָנט, אז א געוויסן טאָג, אָנהייב זומער, האָב איך געליטן אויף די ציין און ביי איר געבעטן זי זאָל מיר געבן אן אדרעס פון א דענטיסט, האָט זי מיר געזאָגט: "גיי צו אונדזער ד"ר מאַלעפלאַט". ס'איז געווען בערך עלף אין דער פרי, דעם 24סטן נאָוועמבער, ווען פרוי קאַרבען האָט געגעבן גירינגען דעם אדרעס פון דענטיסט. איך באַטראַכט נישט די האַנדלונג ווי אַ פאַראַט. זי האָט געוווּסט, אז זי שטעלט מיך נישט אין געפאַר, ווייל עטלעכע וואָכן פאַר דעם, האָט זי מיך געפרעגט: וואָס מאַכן דיינע ציין? האָב איך געענטפערט: "זיי זענען אויסגעהיילט, איך דאַרף נישט מער גיין צו מאַלעפלאַטן..." זי האָט זיך אויפגעפירט, ווי יעדער אגענט פון געהיים־דינסט, וואָס ווייסט זיין פראָפעסיע: ער גיט אן אומנוצלעכע אינפאָרמאַציע, כדי צו ראַטעווען דעם עיקר.

בעת דער אויספאָרשונג פון פרוי קאַרבען, האָט איר מאַן זיך געפונען אין א שכנותדיק צימער און אַלץ געהערט דורך דער עטוואָס אָפענער טיר. איך שטעל זיך פאָר ווי גליקלעך ער איז געווען, הערנדיק וואָס זיין פרוי האָט צוגעטראַכט, כדי אראָפּצופירן די געסטאַפּאָ פון וועג.

גירינג און פיפּע האָבן זיך געלאָזן אויף דעם שפּור. האַלב צוועלף זענען זיי שוין געווען אין קאַבינעט פון דענטיסט. דאָקטער מאַלעפלאַט איז נישט געווען, ער האָט זיך געפונען אין שפּיטאָל. ס'האָט געענטפערט דער טעכניקער. האָבן זיי אים באַפוילן, ער זאָל תיכף טעלעפאָנירן דעם דאָקטער און אים אויפפאָדערן שוין צו קומען. היות דער דאָקטער איז געווען פאַרזאָרגט צוליב דער קראַנקייט פון זיין פאָטער, וואָס האָט געוווינט א שטאָק העכער, איבער אים, האָט ער זיך נישט געלאָזט בעטן און געקומען. אים האָבן אויפגענומען די געסטאַפּאָ־לייט, וואָס האָבן פאַרלאַנגט, ער זאָל זיי פאַרלייענען די ליסטע פון די פאַציענטן, וואָס געפינען זיך אין באַהאַנדלונג. בלית־ברירה לייענט ער אַרויס פון נאָטיץ־ביכעלע נאָמען ביי נאָמען — נאָר דער נאָמען זשילבער פיגורירט נישט. גירינג גופא קאָנטראָלירט די רשימה. אין דער לעצטער מינוט דערמאָנט זיך ד"ר מאַלעפלאַט, אז דער פאַציענט וואָס האָט באַדאַרפט קומען צוויי א זייגער, האָט אָפּגערופן דעם וויזיט און אויף זיין אָרט קומט הער זשילבער.

פאַר גירינגן און פּיפּער איז קלאָר, אַז זיי האָבן נאָך קיין מאָל נישט געהאַט אַזאַ שאַנס מיך צו דערגרייכן, ווי איצט. זיי ווילן עס מאַכן שנעל און פאַרלאַנגען פון מאַלעפּלאַטן, ער זאָל זיי שילדערן דעם פּאַציענט. "דאָס איז אַ בעלגישער אינדוסטריעלער", דערקלערט ער זיי, "וואָס האָט לכתחילה געהאַט באַשטימט זיין וויזיט אויף דעם 27סטן און אין דער לעצטער מינוט זי אָפּגערופן". זיי פאַרלאַנגען דערווייל גאָרנישט. אוועקגייענדיק, זאָגן זיי צו אים: "זאָלסט נישט פאַרלאָזן דיין קאַבינעט..."

עס איז מיטאָג־שעה, אַרום האַלב איינס. גירינג און פּיפּע רעכענען אויס די צייט, וואָס איז זיי פאַרבליבן. צו שפּעט אונטערצונעמען אַ ברייטע אָפּעראַציע. זיי באַשליסן אַלץ אַליין אַדורכצופירן. אַרום האַלב צוויי זענען זיי צוריק געקומען צום ד"ר מאַלעפּלאַט און וואָרענען אים:

— מיר וועלן ביי דיר אַרעסטירן דעם זשילבערן. ווען ער וועט קומען, דאַרפסטו זיך צו אים באַציִען ווי תמיד. זאָלסט אים אַריינזעצן אין פאָטעל...

דאָס ווייטערדיקע ווייסן מיר... מיין פריַיהייט איז געווען אָפּהענגיק פון דעם פּרט. דאָס לעבן באַשטייט פון צופאַלן — און אַן אַגענט פון געהיים־דינסט דאַרף פאָרויסזען דאָס נישט פאָרויסגעזעענע. אַזעלכע זענען געווען מיינע מחשבות, ווען גירינג און פּיפּע האָבן מיך געפירט צום אויטאָ. ווען די מאַשין האָט גערירט, זאָג איך צו גירינגן, נאָך אַ ווײַלע שווייגן:

— איר האָט מזל. ווען איר אַרעסטירט מיך נישט היינט, וואָלט איר מיך געקענט זוכן ביזן סוף פון דער מלחמה...

— איך בין זייער צופרידן — ענטפערט ער אַ פריילעכער. — שוין צוויי יאָר, ווי מיר זענען אויף אייערע שפּורן אין אַלע אָקופּירטע לענדער פון דייטשלאַנד...

מיט גרויס טומל זענען מיר אָנגעקומען אויף רי דע־סאָסיי. זיי האָבן מיך אַרויפגעפירט אויפן פערטן שטאָק, דאָס זיצאָרט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. ס'האָט זיך תיכף אָנגעהויבן אַ דעפילאַדע. די נייעס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע שטאָקן און די וויכטיקסטע געסטאַפּאָ־פירערס זענען געקומען זען די אויסטערלישע חיה... אַ דיקער, אויסגעפּאַשעטער פאַרשוין, מיטן אויסזען פון אַ שיכור, האָט זיך צעשריגן, קוקנדיק אויף מיר: "ענדלעך איז ער אין אונדזערע הענט, דער סאָוועטישער בער!"

דאָס איז געווען בעמעלבורג, שעף פון דער פאַריזער געסטאַפּאָ. גירינג איז פאַרשוווּנדן. אַ שעה שפּעטער איז ער צוריק געקומען אַ צעשטראַלטער, נאָך דעם, ווי ער האָט פּערזענלעך טעלעפאָנירט צו היטלערן און הימלערן: "דער גרויסער שעף איז אַרעסטירט". דאָס האָט ער מיר אַליין געזאָגט און צוגעגעבן, אַז הימלער האָט אַ צופרידענער אים געוואָרנט: "איצט זיי פאָרזיכטיק. דאָס בעסטע וואָלט געווען צו בינדן אים הענט און פיס און אַראָפּלאָזן אין אַ גרוב, ווייל מיט אים קען מען קיין מאָל נישט וויסן וואָס עס קען געשען!"

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן זיי מיך אַראָפּגעפירט אויף דער גאַס און אָנגענומען אַלע פאָרזיכט־מיטלען קיינעם נישט צו באַגעגענען. אויף אונדז האָבן געוואַרט אויטאָס. כ'האָב געבונדענע הענט. דריי געסטאַפּאָ־אַגענטן באַגלייטן מיך.

מיר לאָזן זיך אין וועג. אַן אויטאָ פון פאָרנט, אַ צווייטער פון הינטן. אַזוי ווי מיר האָבן זיך פאַרנומען אויף דער מען־גאַס, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיי פירן מיך אין דער תפיסה פון פרען. אָנגעקומען צו דער תפיסה, האָבן מיר געוואַרט אַ האַלבע שעה, ביז זיי האָבן אָפּגעליידיקט די גאַס. ווייזט אויס, זיי זענען דעצידירט צו האַלטן בסוד מיין אַרעסט. אַלע קאָרידאָרן, ביז דער ספּעציעלער אָפּטיילונג וווּ עס זיצן אַרעסטירט די מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער — זענען ליידיק. מען שטופּט מיך אַריין אין אַ קאַמער, און די טיר פאַרקלאַפּט זיך. כ'האָב דערזען אַ "לאַנדשאַפט", וועלכע איז מיר גוט באַקאַנט. כ'האָב זיך שוין דערמיט ערגעץ־ווו אָנגעטראָפן: אַ קליין טישל, אַ שטרויזאַק, אַ דאַך־פענצטערל.

איך מאַך אַ סך־הכל און בין באַאומרויקט פון דעם, וואָס ס'איז געשען מיט מיינע חברים. קודם־כל — כץ, מיט וועמען כ'האָב באַשטימט אַ טרעפונג פיר אַ זייגער. ס'איז געוואָרן אָפּגעשמועסט, אַז אין פאַל איך קום נישט, זאָל ער טעלעפאָנירן צום דענטיסט. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַ געסטאַפּאָ־אַגענט האָט געענטפערט אויפן אָרט פון דאָקטער: "הער זשילבער איז נישט געקומען..." אַ נאַרישער ליגן, ווייל כץ האָט מיך געזען אַרויפגיין צום ד"ר מאַלעפּלאַט. אין דער צייט, וואָס ער האָט אויף מיר געוואַרט אין די אַרומיקע געסלעך פון ריוואָלי־גאַס, איז די געסטאַפּאָ אַריין צו אים אין וווינונג.

און וואָס איז געשען מיט זשעאָרזשי? על־פּי נס, האָט זי אויסגעמיטן גירינגס פאַרשווינען. אַרום זעקס אין אָוונט, זעענדיק אַז איך בין נישטאָ, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, האָט זי באַשלאָסן גיין צו כצן. אַזוי אַרום איז זי אַליין געלאָפן אין דער נעץ. נאָר ווען זי איז אַריין אין הויז, האָט איר די הויז־וועכטערין געוואָרנט, אַז די געסטאַפּאָ איז אין דער וווינונג. זי האָט נאָך געהאַט צייט צו מאַכן ויברח...

ס'איז דער 24סטער נאָוועמבער, איך בין כסדר אין מיין קאַמער. די שעהן גייען פאַרביי, קיינער באַווייזט זיך נישט. מיר זעט אויס מאָדנע די באַזונדערקייט פון מיין לאַגע. געוויינלעך, אַז מען קומט אין אַזאַ אָרט (מיר זענען באַקאַנט די מינהגים אין די תפיסות), דאַרף מען אויספּילן פאַרשידענע פאָרמולאַרן, ווי אין אַ האָטעל: נאָמען, פאַרנאָמען, מען ווערט באַזוכט, אויסגעטאָן.

דערנאָך האָבן מיך באַהערשט שוואַרצע מחשבות. איך פרעג זיך אַליין: "אויב גירינג האָט שוין דעם צוטרוי פון צענטער אויף אַזוי פיל, אַז ער בייטיקט זיך נישט אין דיר... בעסער געזאָגט, אויב די "איבערגעדרייטע" קאַפּעליע — די ברוינע קאַפּעליע — פונקציאָנירט ווי ס'באַדאַרף צו זיין, דראָט אַ געפאַר, אַז דיין אַרעסט זאָל צעשטערן די שפּיל. זיי ווילן דיך ליקווידירן, און ביז צום סוף פון דער מלחמה, וועט די געסטאַפּאָ ווייטער אָנגיין מיט איר נאַרן מאָסקווע..."

אָבער די מחשבה, אַז מעגלעך דאָס איך לעב איצט מיינע לעצטע מינוטן, האָט מיר נישט געשטערט צו פאַרזינקען אין אַ דרימל. אָבער נישט אויף לאַנג... פּלוצים האָט זיך די טיר געעפנט, ס'איז געוואָרן ליכטיק און כ'דערהער אַ געשריי: "אויפשטיין! מיר פאָרן אָפּ!"

מיר פאָרן? טאָ געגאַנגען! ווידער ליידיקע קאָרידאָרן. די דריי אויטאָס פון נאָכמיטאָג זענען ווידער דאָ, די נסיעה הייבט זיך אָן. נאָך עטלעכע מינוט פאָרן,

שטעלן מיר זיך אָפּ. ס'איז א שטארק טונקעלע נאכט. אוממעגלעך פעסטצושטעלן, ווו איז מען. מיינע שומרים גייען ארויס פון אויטאָ. שאָטנס באוועגן זיך, מען דיסקוטירט און מען שושקעט זיך. געווי׳ אין דעם מאָמענט האָב איך נישט געצווייפלט, אז כ'בין געקומען... צום סוף פון דער רייזע. די טיר איז געבליבן אָפן, עס איז טונקל, כ'קען אויסנוצן די געלעגנהייט און אנטלויפן. די אויסזיכטן אז דאָס זאָל געלינגען, זענען זייער קליינע. אָבער איך וועל זיי כאָטש צווינגען מיך נאָכיאָגן און שיסן. כ'וועל שטארבן קעמפנדיק. אנטלויפן איז די לעצטע ברירה, דער איינציקער אופן וואָס בלייבט מיר צו זאָגן "ניין". עטלעכע סעקונדעס פון ישוב־הדעת. נאָר צו שפּעט! די דייטשן זענען צוריק אריין אין אויטאָ, שעלטנדיק:

"דער אידיאָט, דער שאָפער פון ערשטן אויטאָ, האָט נישט געפונען דעם וועג!"

צוואנציק מינוט שפּעטער, זענען מיר געווען אויף דער סאָסיי־גאָס. ווידער אַמאָל אויפן פערטן שטאָק. מיטאַמאָל — אן אומדערוואַרטעטע העפלעכקייט: מען נעמט מיר אראָפּ די קייטלעך פון די הענט און ווי א האָטעל־שעף וואָס אנטשולדיקט זיך פאר א פאמעלעכער באדינונג, אזוי האָט זיך צו מיר פייערלעך געוואָנדן אן אגענט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ:

— אנטשולדיקט, הער זשילבער, וואָס מיר האָבן אייך נישט געגעבן קיין נאכט־עסן אין פרען. מיר ווילן נישט, אז די תפיסה־אדמיניסטראַציע זאָל זיך דערוויסן, אז איר זייט דאָרט געווען.

כ'האָב געהאט דעם חשד...

מען פירט מיך אריין אין א גרויסן צימער, ווו ארום א טיש זיצן זיבן פּערזאָן. דריי פון זיי קען איך. די אנדערע פיר, ווי כ'האָב זיך דערנאָך דערוווסט — זענען ספּעציעל געקומען פון בערלין. כ'האָב דערקענט דעם געסטאַפּאָ־שעף מילער. גירינג זיצט אין דער מיט און זעט אויס צו פירן דעם פאָרזיץ. מ'האָט מיך אוועקגעזעצט ביי א קליין טישל. עס פעלט נאָר דאָס טראַדיציאָנעלע גלאָז — און כ'וואָלט געקענט האָבן דעם איינדרוק, אז איך געפין זיך אין א קאָנפערענץ־זאַל.

— נאָך אזא טאָג, ווילט איר אפשר טרינקען א קאַפע? — שלאָגט מיר פאָר גירינג.

כ'האָב געערן מסכים געווען: די הייסע פליסיקייט האָט מיר גוט געמאכט. גירינג האָט זיך אויפגעשטעלט און געוואָנדן צו מיר אין דייטש, מיט א פארשטאַרקטער שטימע:

— אלזאָ, הער אָטאָ, ווי דער ראש פון סאָוועטישן שפּיאָנאַזש אין די אָקופּירטע דורך דייטשלאַנד לענדער, האָט איר פיל נוצן געבראַכט אייער שעף. מסכים. אָבער דאָס געהערט שוין צו דער פארגאַנגענהייט. איר האָט פאַרלוירן. איך שטעל זיך פאָר, אז איר ווייסט וואָס אייך דערוואַרט. נעמט אָבער אין אכט, אז מען קאָן שטארבן צוויי מאָל. דאָס ערשטע מאָל וועט איר דערשאָסן ווערן ווי א שונא פון דריטן רייך. מיר קענען אָבער אויך מאכן, אז איר זאָלט דערשאָסן ווערן אין מאָסקווע ווי א פאַררעטער!

איך קוק אים גלייך אין די אויגן און ענטפער:

— הער גירינג...

— פארוואָס רופט איר מיך הער גירינג? — רייסט ער איבער. — איר ווייסט מיין נאָמען?

— נאָר ווי דען שטעלט איך זיך פאָר, אז מיר קענען נישט אלע נעמען פון די מיטגלידער פון דער זאָנדערקאָמאנדאָ און ווייסן נישט פון אלץ וואָס ביי אייך קומט פאָר? איר אליין האָט באוויליקט צו אנערקענען, אז איך באזיץ א געוויסע פּראקטיק אין דער געהיים־דינסט, האָב איך עס איצט באשטעטיקט...

איך אָבסערוויר דעם רושם פון מיינע ווערטער, און נאָך א ווײַלע שווייגן, ווענדע איך זיך ווידער צו אים:

— אלזאָ, הער גירינג, צום ווײַפלטן מאָל, אייגנטלעך, דערציילט איר די געשיכטע פון דאָפּלט־טויט?

א געלעכטער פון די אנוועזנדיקע. אין דער אויסטערלישער קאָנפראָנטאציע, האָב איך פארצייכנט א פּונקט לטובת מיר. איך זעץ פאָר:

— וואָס שייך מיר, קאָן איך ענטפערן, אז איך ווייס גענוי וואָס מיך דערוואַרט און בין צו דעם גרייט. בנוגע די סימבאָלישע דערשיסונגען, פון וועלכע איר גיט מיר אָנצוהערן, מעג איך אויפריכטיק זאָגן, אז כ'לאַך זיך אויס דערפון. וואָס איר זאָלט נישט טאָן, וועט פריער אָדער שפּעטער באוווּסט ווערן דער אמת. דאָס איינציקע, מיט וועלכן איך רעכן זיך, איז מיין געוויסן.

גירינג ענדערט די טעמע און פרעגט:

— אפשר ווייסט איר, ווו געפינט זיך קענט?

דאָס מאָל האָב איך זיך צעלאַכט:

— איר ווייסט אזוי גוט ווי איך, אז דעם 12טן נאָוועמבער איז ער ארעסטירט געוואָרן אין מארסיי. מיר איז נאָר נישט באקאנט אין וועלכער תפיסה איר האָט אים אריינגעוואָרפן. אָבער די אקציע, וועלכע בעמעלבורג האָט אדורכגעפירט מיט דער הילף פון דער פראנצויזישער פּאָליציי, איז א סוד פאר גאנץ בראָד.

זיי זענען געוואָרן צעטומלט און פארוואָרפן מיך מיט פראגן:

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

— א שאָד, וואָס איר לייענט נישט די פראנצויזישע פּרעסע. דעם 14טן נאָוועמבער האָט א מארסייער צייטונג אָנגעזאָגט מיט גרויס פּאראַד דעם ארעסט פון א גרופּע סאָוועטישע אגענטן, און אז איר האָט אדורכגעפירט דעם ארעסט מיט דער הילף פון דער פראנצויזישער פּאָליציי. זייט איר זיכער מיט זייער טרײַשאַפט, אז זיי רעדן נישט?

די לעצטע באמערקונג האָב איך גוט דורכגעטראכט, כדי וואַרפן א חשד אויף די פראנצויזישע געסטאַפּאָ־געהילפן. זייער מיטארבעט מיט דער דײַטשער פּאָליציי איז פאר אונדז געווען געפערלעך. די געסטאַפּאָ וואָלט אין א סך פאלן נישט געווען אזוי פיל דערגרייכט, ווען נישט די הילף און עצות פון דער פראנצויזישער פּאָליציי. די קאַרטאָטעקע מיט נעמען פון די לינקע קעמפערס, וועלכע די פראנצויזישע פּאָליציי האָט אויפגעשטעלט פאר דער מלחמה, און דער עיקר פון די שטאטלאָזע — איז נישט פארלוירן געגאנגען. באלד אין ערשטן טאָג פון דער אקופּאציע פון פּאריז, האָט די זאָנדערקאָמאנדאָ פון העלמוט קנאָכן, לויטן דירעקטן באפעל פון

היידריכן, פאַרלאַנגט פון דער פּאָליציי־פּרעפעקטור איר איבערצוגעבן די "אינטערעסאַנטע" רשימה מיט נעמען, באַזונדער די פון די פּאָליטישע פּליטים.

איך האָב נישט געגלויבט, אַז כ'וועל אַזוי טרעפן אין פּינטל. די הויכגעשטעלטע געסטאַפּאָ־לייט, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף מיין אַנוועזנהייט, האָבן פאַרלאַנגט אויפקלערונגען ביי גירינגן. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז די פראַנצויזישע, אָדער בעלגישע פּאָליציי, זאָלן אָנטייל נעמען אין אַ דייטשיש־פּאָליציייאישער אָפּעראַציע, וועלכע ווערט באַטראַכט אין בערלין ווי אַ "מלוכה־סוד"?

גירינג האָט זיך פאַרטיידיקט, אַז זייער אָנטייל איז נישט געווען מיט זיין וויסן. אַלנפאַלס, איך האָב דערגרייכט מיין ציל, וויל פון דעם טאָג אָן — דאָס האָב איך זיך דערוווּסט אַ סך שפּעטער — איז די אַגענטן פון דער זאָנדעקאָמאַנדאָ פאַרבאָטן געוואָרן צו באַנוצן זיך מיט פראַנצויזן אין ענלעכע פּאָליציייאישע ענינים.

נאָך דעם אינצידענט, פּרובירט גירינג ווידער אָנצוהויבן די אָפּענסיווע:

— פון דעצעמבער 1941, האָט מאָסקווע מער נישט קיין צוטרוי צו די ידיעות, וועלכע איר שיקט... (ער ווייזט מיר דריי פולע טעטשקעס. אויף דער ערשטער איז מיט דיקער שריפט אָנגעשריבן "רויטער אָרקעסטער — פּאַריז"; אויף דער צווייטער: "רויטער אָרקעסטער — בריסל"; אויף דער דריטער: "דער ענין פון גרויסן שעף". דעמאָלט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיט דעם דערהויבענעם טיטול באַצייכנט מען מיין פּערזאָן...).

— אין דער ערשטער טעטשקע — הייבט גירינג אָן אויפסניי, — געפינען זיך די זענדונגען פון אָנהייב 1942, וועלכע זענען דעשיפרירט געוואָרן אין בערלין און באַווייזן, אַז די צענטראַלע איז אומצופרידן מיט די מאָסמיטלען, וועלכע איר האָט אָנגענומען נאָכן 13טן דעצעמבער און קוואַליפיצירט זיי ווי צו שטרענגע. (איך דערמאָן זיך אויסגעצייכנט דעם דעפּעשן־אויסטויש מיט דער צענטראַלע. אָבער דערנאָך האָב איך פאַר דער אָנפירונג באַרעכטיקט מיינע באַשלוסן, באַווייזנדיק, אַז די געפאַר איז געווען אַ ווירקלעכע און איז נאָך ווייט נישט באַזייטיקט...).

אָבער דער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט באַשלאָסן אויסצונוצן דעם אַרגומענט ביזן סוף:

— דאָ האָט איר אַ דעפּעשע פון זומער 1942, וועלכע איר האָט געשיקט צו דער צענטראַלע, מיטן אָנזאָג וועגן דעם אַרעסט פון יעפּרעמאָוון. די תשובה פון דער צענטראַלע אויף דער דעפּעשע איז אַזאַ: "אָטאָ, איר מאַכט אַ טעות. מיר ווייסן, אַז יעפּרעמאָוו איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער בעלגישער פּאָליציי, וועלכע האָט קאָנטראָלירט זיינע פּאַפּירן און אַלץ איז גוט אַדורך". נו, איר זעט — זאָגט צו מיר גירינג — די אָנפירונג האָט פאַרלוירן צו אייך דעם צוטרוי. איבעריקנס, איר האָט געהאַט רעכט. איך וועל פאַר אייך נישט פאַרהוילן, אַז יעפּרעמאָוו אַרבעט פאַר אונדז, און ער איז נישט דער איינציקער. מיר זענען שטאַרקער פון אייך...

— הער גירינג, זאָלן מיר פאַרגעסן אַ ווײַלע, אַז איך בין אַרעסטירט און מיר רעדן צווישן זיך ווי פאַכלייט. איך זאָג אייך: זייט נישט אַזוי זיכער ביי זיך. דאָס איז דער גרעסטער נסיון, וואָס דראָט אַ ספּעציאַליסט פון שפּיאָנאַזש־

דינסט. איר זייט איבערצייגט, אז איר האָט דעם צוטרוי פון דער צענטראַלע. אַלזאָ, איר האָט אנגעהויבן מיט לייענען די דעפּעשן. טאָ זוכט אויף די דעפּעשע, אין וועלכער די צענטראַלע פאַרלאַנגט פון מיר כ׳זאָל פאָרן קיין בריסל און זיך טרעפן מיט יעפּרעמאָוון. זיי האָבן באַשטימט די דאַטע, די שעה, דאָס אָרט... איר האָט זיכער אויפגעכאַפּט די דעפּעשע. נו, בין איך געגאַנגען אויף דער טרעפונג?

— ניין, איר זענט נישט געגאַנגען.

— ווי איז דאָס מעגלעך פאַר דעם, וואָס קען די שטרענגע דיסציפּלין פון דער געהיים־דינסט? איך וועל אייך אויף דעם ענטפערן: ווייל איך האָב דערהאַלטן אַ צווייטע דעפּעשע, דורך אַן אַנדערן וועג, וועלכע האָט מיר באַפוילן, אַז איך זאָל אויף דער טרעפונג נישט גיין.

די טרעפונג איז געווען אַ פאַסטקע פון דער צענטראַלע, וועלכע האָט געוואָלט קאָנטראָלירן, צו יעפּרעמאָוו איזווירקלעך אַרעסטירט... ס׳איז אַנטשטאַנען אַ צערודערונג ביי די אַנוועזנדיקע. איך רעד ווייטער: — איר זעט, מ׳קאָן אין גאָרנישט זיין זיכער... פון וואַנען ווייסט איר, אַז דער צענטראַלע זענען נישט באַקאַנט אייערע פּלענער?

— מיר ווייסן, אַז מאָסקווע גלויבט, אַז קענט איז אויף דער פריי — ענטפערט גירינג.

— קענט איז אַריבער אויף אייער זייט?

— יאָ.

— איר זייט זיכער?

— אַבסאָלוט. דאָס איז ער, וואָס שיפרירט די דעפּעשן, וועלכע מיר שיקן דער צענטראַלע.

— דאָס איז נישט קיין באַוויין!

גירינג גייט איבער צו אַן אַנדער געביט:

— דרך אגב, אַטאַ, וועלכע איז די ספּעציעלע פאַרבינדונג מיט מאָסקווע, וואָס גייט דורך דער אָנפירונג פון דער אונטערערדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?

— איר ווייסט דעם וועג? קענט האָט אוודאי אייך דאָס איבערגעגעבן, האָט ער אייך איבערגעגעבן דעם אופן ווי אַזוי זיך באַנוצן מיט דעם וועג.

איך בין פאַראינטריגירט וואָס גירינג וועט אויף דעם ענטפערן...

— נאָך נישט, אָבער דאָס האָט נישט קיין באַדייטונג... אגב: קענט איר די גרופּע שולצע־בויזען?

— ניין, כ׳האָב נישט געהערט וועגן איר.

— ס׳איז אַ גרופּע פון קאָמוניסטישן שפּיאָנאַזש אין בערלין. מיר האָבן זי פולשטענדיק ליקווידירט. אָבער די פאַרבינדונג מיט מאָסקווע גייט ווייטער אָן, גלייך ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט...

— וואָס אייגנטלעך ווילט איר פון מיר? — פרעג איך. — איך בין אַ געפאַנגענער און וויל אייך דערקלערן, אַז דאָס וואָס איר דערציילט, באַאיינדרוקט מיך נישט. איך האָב שוין געוווּסט פון אַלעמען, און דאָס וואָס איך ווייס אויסער

דעם איז, אז איר האָט נישט דעם צוטרוי פון מאָסקווע. יעדער טאג וואָס איך וועל זיך דאָ געפינען, וועט העלפן מאָסקווע נאָך מער צו אנטדעקן אייער שפּיל.

דאָס מאָל האָט מיר גירינג נישט געענטפערט. ס'איז צווי ביינאכט. עס איז קענטיק די מידקייט אויף מיינע אויספאָרשערס. דער שמועס, פון וועלכן כ'האָב איבערגעגעבן דעם עיקר, האָט זיך לאנג געצויגן.

איך הויב אָן צו אָריענטירן זיך אין די פּלענער פון שונא. מיר ווערט קלאָר, אז איך האָב דאָ צו טאָן מיט א פּרווו פון פארבלענדן מאָסקווע אין גרויסן פארנעם, און אז דאָס איז נישט עפּעס א קליינע שפּיל אויף עטלעכע וואָכן. אָבער דער ענדציל דערפון איז נאָך אלץ פארהוילן. וועלכע זענען די צילן פונעם "גרויסן שפּיל", וועלכער הייבט אָן זיך צייכענען אויפן האָריזאָנט?

נישט גירינג און נישט די אנדערע, האָבן עס מיר אנטדעקט. גירינג האָט געשלאָסן די זיצונג:

— געגוג אויף היינט, מיר וועלן פאָרזעצן מאָרגן.

די רעשט נאכט איז מיר אדורך אין א קליינעם צימער, אויסגעצויגן אויף א קאַנאַפּע. צוויי אונטער־אָפיצירן פון די ס.ס. האָבן מיך באוואכט. דעם גאנצן פרימאָרגן איז קיינער נישט געקומען. נאָך מיטאָג האָט זיך באוויזן גירינג, אנזאָגנדיק מיר:

— דערווייל איז אונדז וויכטיק, אז אייער ארעסט זאָל נישט באוווסט ווערן. ס'קען אייך אויסזען אויסטערליש אונדזער אָפנהארציקייט מיט אייך. איר דארפט וויסן, אז די וויכטיקסטע מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער זענען ארעסטירט. א טייל ארבעטן מיט אונדז מיט, דער אנדערער טייל זאָגט זיך אָפּ. איך חזר איבער: איר האָט פארשפּילט. איין פראגע אינטערעסירט אייך זיכער... ווהין צילן מיר? אלזאָ, הער אָטאָ, דערפון וועלן מיר שמועסן היינט אין אָוונט.

15 "דער גרויסער שפּיל"

דעם 25סטן נאָוועמבער ארום ניין אָוונט, בין איך ווידער דערשינען פאר די אויספאָרשערס. נאָך די נעכטיקע גרויסע מאנעווערן און פּרוּוון פון דעמאָראַליזאציע אויף דער טעמע: "איר האָט פארשפּילט" (אויב איך האָב פארשפּילט, טאָ פאר וואָס קאָן נישט די זאָנדערקאָמאַנדאָ זיך באגיין אָן מיין "דינסט"?), וואס גרייטן זיי דאָ פאר מיר? איך גיי פון איין איבערראשונג צו דער אנדערער. ווי אין פאַריקן אוונט, אזוי אויך איצט, ווענדעט זיך נישט גירינג צום באזיגטן געפאנגענעם. ניין, ער ענדערט נאר טיילווייז דעם צוגאנג. אין א פייערלעכן, צערעמאָניאַלן טאָן, האלט ער א פּאָליטישע דרשה, ווי ער וואָלט גערעדט פאר צוהערער־דיפּלאָמאטן.

— דער איינציקער ציל פון דריטן רייך — הייבט ער אָן — איז צו דערגרייכן א שלום מיטן ראטן־פארבאנד...

די ערשטע נייעס... ער האָט אוודאי געמוזט באמערקן מיין איראָנישן בליק. נאָר וואָס איז דאָס וויכטיק? ער זעצט פאָר זיינע הויכע רייד:

— ...די בלוט־באָד צווישן דער ווערמאכט און דער רויטער ארמיי, וועלכע ווערט אלץ פארביסענער, קען נאָר דערפרייען די קאַפּיטאליסטישע פּלוטאָקראטן. דער פירער גופא האָט דען נישט באצייכנט טשערטשילן ווי אָן אלקאָהאָליקער און רוזוועלטן ווי אן אומגליקלעכן פאראליטיקער? אָבער אין דעם מצב, איז אין די נייטראַלע לענדער לייכט צו שטעלן זיך אין פארבינדונג מיט פאָרשטייער פון די מערב־מלוכות, דאקעגן איז כמעט אוממעגלעך צו באגעגענען שליחים פון דער סאָוועטישער רעגירונג. דאָס פּראָבלעם איז פאר אונדז פארבליבן אומלעזבאר, ביז דעם טאָג, ווען אונדז איז איינגעפאלן צו באנוצן זיך מיט דעם רויטן ארקעסטער. די ראַדיאָ־זענדונגען פון דער נעץ, "איבערגעדרייטע" אין א פארקערטער ריכטונג, וועלן זיין די אינסטרומענטן, וואָס וועלן פירן צום שלום...

זיכער אין זיין דערפאָלג, האָט גירינג אין דעם מאָמענט איבערגעריסן זיינע רייד, און כדי אונטערצושטיצן זיין טענה, האָט ער גענומען לייענען עטלעכע דעפּעשן, וועלכע ער האָט געשיקט קיין מאָסקווע דורך די פארכאפּטע ראַדיאָ־זענדערס. צופרידן פון זיך, שטרייכט ער אונטער זיגעריש, אז מאָסקווע האָט זיך נישט געכאפּט אויף דער ענדערונג. פאר דער צענטראַלע, זעצט ער פאָר, "איז אויף מערב נישטא קיין נייעס", אלץ גייט אָן ווי פריער. און דאָס איז לגמרי

פאַרשטענדלעך, ווייל די דעפּעשן וועלכע ווערן כּסדר אַרויסגעשיקט, זענען פון ערשטראַנגיקער קוואַליטעט, אַזוי אויפן פּאָליטישן, ווי אויפן מיליטערישן געביט. ער, גירינג, שיקט נישט איבער קיין פאַלשע נייעסן, ער וויל אויפהאַלטן דעם צוטרוי פון מאָסקווע. קיין שום זאַך קאָן נישט אין דעם מאָמענט דעצידירן, ער זאָל ענדערן די טאַקטיק.

— ... די קליינע קרבנות פאַר דער גרויסער זאַך, וועלן מיר נאָך ווייטער ברענגען במשך לאַנגע חדשים — און אין דעם טאָג, ווען מיר וועלן זיין איבערצייגט, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין שום חשד מצד רוסלאַנד לגבי די שפּיאָנאַזש־נעצן וואָס אַרבעטן אויף מערב — וועט זיך אָנהייבן דער צווייטער עטאַפּ. צו אייער אָנפירונג וועלן דערגיין אינפאָרמאַציעס פון אומגעהויערער וויכטיקייט, וואָס וועלן קומען פון די העכסטע קרייזן פון בערלין און קלאָר באַווייזן אַלעמען, אַז מיר שטרעבן צו אַ סעפּאַראַטן שלום מיטן ראַטן־פאַרבאַנד...

גירינג איז געקומען צום סוף פון זיין רעדע. ער ווענדעט זיך צו מיר און לייגט אַרויס אויפן טיש אָפענע קאַרטן:

— כ'האָב אייך אויפגעדעקט אונדזער פּראָגראַם, ווייל איר זייט נישט מער קיין שטערונג צו רעאַליזירן אים. איר קענט אויסקלייבן; אָדער איר וועט מיט אונדז מיטאַרבעטן, אָדער איר וועט פאַרשווינדן...

אַלזאָ, דאָס איז אַלץ; דאָס איז דער זין פון דער אינסצעניזאַציע, וועלכע מ'האָט פאַר מיר צוגעגרייט און די מסקנה פון זיין לאַנגער רעדע. די נאַציס גיבן מיר אַ דאָפּלטן אויסוואַל: מיטאַרבעטן מיט זיי, מיט דער פּערספּעקטיוו פון "אַן ענדערונג אין די אַליאַנסן" — אין אַזאַ פאַל בין איך אַ הויפּט־פיגור אויפן נייעם שאָך־ברעט — אָדער, גאַר פּשוט, איך ווער אָפּגערוימט.

דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעכער שאַנטאַזש. אין דער צייט, ווען דער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ איז אָנגעגאַנגען מיט זיין אייליקער און פיבערהאַפטער רעדע, האָב איך אָפּגעשאַצט דעם פאַרנעם פון זיין מאַנעווער און גוט באַנומען די פּאַסטקע, וואָס איז פאַר מיר געוואָרן אויסגעשפּרייט. כ'בין געקומען צום ערשטן אויספיר, וועלכער האָט מיך נישט שטאַרק איבערראַשט. ניין, דעם געדאַנק האָב איך שוין געהאַט אַ לענגערע צייט, אַז די דייטשן זוכן נישט אַזוי צו ליקווידירן די ראַדיאָ־זענדערס און אומברענגען די ראַדיסטן, ווי אַריבערפירן אַלץ אויף זייער זייט. די טאַקטיק איז געוואָרן אַ גאַנצבאַרער ענין אין דער צווייטער וועלט־מלחמה און די דערפאַרונג וועט באַווייזן, אַז איך וועל נישט זיין דער איינציקער אָביעקט פון אַזעלכע מאַניפּולאַציעס. נאָר גירינג מיט זיינע פריינד — דאָס איז געווען מיין צווייטער אויספיר, נישט פון אַ קלענערער באַדייטונג — זאָגן אַ חוצפּהדיקן ליגן, ווען זיי דערקלערן, אַז דער דריטער רייך שטרעבט צו אַ סעפּאַראַטן שלום מיטן ראַטן־פאַרבאַנד. אין נאָוועמבער 1942, איז מיר געווען באַוווסט — און דאָס נאָך פון הארבסט 1939 — אַז געוויסע אָנפירנדיקע פּאָליטישע און מיליטערישע נאַצי־קרייזן, ווילן נאָך אַלץ נישט אויפגעבן די האָפענונג צו געפינען אַ קאָמפּראָמיס מיטן מערב. און אויב ס'וועט דערגיין צו אַ סעפּאַראַטן שלום, וועט דאָס זיין מיט די "קאַפּיטאַליסטישע פּלוטאָקראַטן" — מעגן זיי זיין "אַלקאָהאָליקער" און

"פאראליטיקער" — אויפן חשבון פון ראטן־פארבאנד. געוויס, וואָלט אזא שטעלונג געקומען פון דער אבווער און פון קאנאריסן (זייער שפיל האָט זיך בולט אויפגעדעקט נאָך דער מלחמה) — איז זי נאָך געווען פארשטענדלעך. אָבער פון די געסטאַפּאָ־שעפן שעלענבערג, היידריך, מילער, הימלער — אומווארשיינלעך! מיר האָט זיך געוואָלט זאָגן גירינגן: "ווי אזוי ווילט איר אונדז מאכן גלויבן, אז איר זייט גרייט אונטערצוהאנדלען מיט דער ערשטער סאָציאַליסטישער מדינה"? ביי די פאנאטיקער קאָן זיך נישט האנדלען וועגן א סעפּאַראַטן שלום, נאָר פשוט — אונטערגראָבן און ליקווידירן די אנטי־היטלערישע קאָאַליציע. אָט צו וואָס עס דאַרף דינען די גאנצע מאכינאציע, צו וועלכער מ׳האָט מיר פאָרגעשלאָגן צוצושטיין. די עיקר־געפאר איז באשטאנען אינעם וועקן אומצוטרוי און שנאה צווישן די אליאנטן. דערנאָך וועלן זיי קומען אַראָפּנעמען די פירות [1].

פאר אונדז, קעמפערס פון רויטן אָרקעסטער, איז די מלחמה צווישן היטלער־דייטשלאנד און ראטן־פארבאנד געווען אומפארמיידלעך. אפילו דער דייטש־סאָוועטישער אָפּמאַך האָט נישט געענדערט אונדזער שטעלונג. מיר אלע — פראנצויזן, בעלגער, פּאָלאקן, איטאליענער, שפאניער, יידן — האָבן געהאַט איין אידעע־פיקס: פארניכטן דעם נאציזם, אויסרייסן מיטן וואָרצל די ברוינע פעסט. מיר האָבן באנומען די געפאַרן פון א סעפּאַראַטן שלום און פון א ריס צווישן די אליאנטן, וואָס וועט דערמעגלעכן דעם ראָק ווייטער זיך אויסצושפרייטן, בעת מען דאַרף אים עוקר מן השורש זיין.

אָנהייב מלחמה, האָבן די נאציס אויסגענוצט די נישט־איינשטימיקייט צווישן דעם ראטן־פארבאנד און די מערב־דעמאָקראַטיעס. די פעלקער האָבן פאר דעם טייער באצאָלט. אין יאָר 1942, האָבן זיך באוויזן סימנים פון אָפּשוואכונג אין דעם בונד צווישן די אליאירטע. די רויטע ארמיי איז געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן אויף הונדערטער קילאָמעטער, ליידנדיק שווערע פארלוסטן אין מענטשן און אין קריגס־מאטעריאל. דער צוריקטריט האָט ביי די מערב־מלוכות ארויסגערופן צווייפלען און זאָרג: ווי לאנג וועט די רויטע ארמיי אזוי קאָנען אויסהאלטן דעם אָנגריף פון דער ווערמאכט? פון דער צווייטער זייט, האָבן די אנגלאָ־אמעריקאנער זיך נישט געאיילט צו עפענען דעם צווייטן פראָנט און כסדר אים אָפּגעשלעפּט. דאָס האָט ארויסגערופן פארדאכטן אין מאָסקווע. "צי וואַרטן נישט די מערב־מלוכות — האָבן זיך געפרעגט די סאָוועטן — מיטן געווער ביי די פיס, ביז די רויטע ארמיי און די ווערמאכט וועלן אָפּגיין אין בלוט, כדי פון דער דאָזיקער שריפה ארויסנעמען געבראָטענע קאשטאנעס"? דערנאָך האָבן מיר איינגעזען, אז אונדזערע פחדים זענען געווען איבערגעטריבן. איצט איז באקאנט, אז די וואָס האָבן אין דייטשן גענעראל־שטאב, אין היטלערס סביבה, געארבעט פאר א סעפּאַראַטן שלום מיטן

---

1) "אין מאָמענט ווען מיר וועלן אונטערהאנדלען מיט די מערב־מלוכות, איז פאר אונדז ביז גאָר וויכטיק צו שטעלן זיך אין פארבינדונג מיט די רוסן. די כסדר וואקסנדע ריוואַליזאציע, וועט פארשטארקן אונדזער פּאָזיציע..." (שעלענבערג: "דער שעף פון נאצישן קאָנטער־שפּיאָנאַזש, רעדט").

מערב אויפֿן חשבון פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד "מיט אָדער אָן היטלערן", האָבן נישט געהאַט קיין גרויסן איינפֿלוס. אויסער דעם איז אויך באַוווּסט, אַז אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע האָבן אַ געוויסע צאָל פּאָליטיקער אויפֿגענומען מיט צופֿרידנקייט דעם פּלאַן פֿון אויסגלייכן זיך מיט אַ "דייטשלאַנד, באַפֿרייט פֿון היטלערן". מיר זענען געווען זיכער, אַז רוזוועלט און טשערטשיל האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט זיך אָפּצוזאָגן פֿונעם תּנאַי פֿון "באַדינגונגסלאָזער קאַפּיטולאַציע", וועלכן זיי האָבן אַרויסגעשטעלט אין זייערע פֿאָדערונגען.

נאָך לאָזן מיר זיך אומקערן צו די אויספֿאָרשערס...

גירינג און די אַנדערע האָבן זיך נישט באַפֿרייט פֿון זייערע אילוזיעס, און ווייטער, מיט פּרטים, פֿאַרגעלייגט זייערע פּלענער. אָבער אויפֿדעקנדיק פֿאַר מיר, דעם געפֿאַנגענעם, זייער שפּיל, האָבן זיי דערמיט באַוויזן, אַז זיי זענען נישט פֿולשטענדיק זיכער צו זיי איז געלונגען אָפּצונאַרן מאָסקווע. זיי האָבן אויסגעפּרוווט מיין רעאַקציע אויף דער עווענטואַליטעט פֿון מיטאַרבעט. פֿאַר מיר איז איין זאַך געוואָרן קלאָר: אין די נאָענטסטע וואָכן און חדשים, וועלן זיי אין גרויסן מאַסשטאַב אָנהייבן פֿאַרוואָרפֿן די צענטראַלע אין מאָסקווע מיט געפֿעלשטע דעפּעשן. דאָס וועלן זיין מיליטערישע, פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע ידיעות, פֿאַבריצירט דורך דעם דייטשן שפּיאָנאַזש, וועלכע מאָסקווע וועט אָננעמען פֿאַר אַ גוטער מטבע. פֿאַרלויפֿיק, האָבן מיר זיך געפֿונען אין סטאַדיום פֿון דער פֿאַרוואָרפֿענער נעץ. איין מאָל פֿאַרטשעפּעט דאָס פֿישל, וועט פֿאַר גירינגן גענוג זיין עטלעכע גוט־צוגעטראַכטע צוגן, כּדי עס צו פֿאַנגען אין דער נעץ.

טראָץ מיין צעשטורעמטן געמיט, האָב איך זיך באַמיט צו זיין רויק אין מיין ענטפֿער. מיין ערשטער ציל איז געווען — איינצוברעכן זייער זיכערקייט. כ'האָב צוגעטראַכט אַ גענוג באַגלויבטע געשיכטע, כּדי איבערצוצייגן די דייטשן, וואָס זענען באַזונדערס פֿילבאַר אויף לאָגיק:

— איר שטיצט זיך אויף אַזאַ הנחה: אַ דאַנק די "פּיאַניסטן" וואָס אַרבעטן איצט פֿאַר אייערטוועגן, גייט איר אָן מיט דער שפּיל אויף אַזוי ווייט, אַז מאָסקווע האַלט מיט אייך אָן די פֿאַרבינדונג, ווי פֿריער. מעגלעך. ס'קאָן אָבער אויך זיין אַן אַנדערע הנחה, וועלכע איז נישט ווינציקער וואַרשיינלעך. מאָסקווע איז נישט בלינד און אוודאי נישט טויב. זי האָט זיכער באַמערקט פֿאַלשע קלאַנגען אין דעם אָרקעסטער, אָבער זי מאַכט זיך נישט וויסן. גלייך זי וואָלט גאָרנישט באַמערקט... איז וועמער ציט די שטריקלעך: איר, אָדער זיי?

גירינג, וואָס האָט אויף אַ ווײַלע זיך פֿאַרלוירן, האָט איראָניש דערווידערט:

— אייערע אויפֿטוען פֿון 13טן דעצעמבער 1941, האָבן נישט פֿאַרבעסערט אייערע ענינים, איצט האָט מאָסקווע מער נישט קיין צוטרוי צו אייך. איר זענט נישט געווען מסוגל איבערצייגן די צענטראַלע, אַז דעם טאָג איז אייך געלונגען צו אַנטרינען אַ דאַנק דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע...

אַלע האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער, אויסער דעם קאַפּיטאַן פּיפּע, וואָס האָט געגעבן דעם באַפֿעל מיך צו באַפֿרייען, ווען כ'האָב זיך געפֿונען אויף דער אַטרעבאַט־גאַס.

גירינג האָט צוגעגעבן:

— איר ווייסט אויסגעצייכנט, אַז אין מאָסקווע גלויבט מען נישט די אַגענטן, וואָס האָבן זיך געפונען, מעג זיין איין מינוט נאָר, אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ...

דאָ האָב איך באַשלאָסן צו געבן אַ דעצידירנדיקן קלאַפּ:

— מיינע הערן, איר איגנאָרירט אַ וויכטיקן ענין: עס עקזיסטירט אַ קאָנטר־שפּיאָנאַזש־גרופּע, וועלכע איז פולשטענדיק אומאָפּהענגיק פון רויטן אָרקעסטער, און האָט פאַר אַן אויפגאַבע צו וואַכן איבער דער זיכערקייט פון די מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער. די גרופּע וואָרנט מאָסקווע וועגן אַלע געשעענישן אויפן אָרט, דורך אַ באַזונדערן קאַנאַל...

ווען איך וואָלט זיי אַנטדעקט, אַז היטלער איז אַ סאָוועטישער אַגענט, וואָלט זייער פאַרוווּנדערונג נישט געווען אַזוי גרויס. פאַר שפּיאָנאַזש־ספּעציאַליסטן איז די עקזיסטענץ פון אַזאַ גרופּע גאַנץ וואַרשיינלעך. אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָט באמת געקאָנט און באַדאַרפט עקזיסטירן און נישט נאָר די דייטשן זאָלן פון איר נישט וויסן, נאָר אַפילו אויך דער גרעסטער טייל אַגענטן פון רויטן אָרקעסטער.

די "פאַנטאָמאַס"־געשיכטע פון דער קאָנטער־שפּיאָנאַזש־גרופּע, האָט געענדערט די סיטואַציע. מיינע קעגנערס האָבן גענומען צווייפלען — און דער צווייפל האָט זיך ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ זיכערקייט.

איך האָב פאַרגעזעצט:

— איר פאַרשטייט, אַז אין די באַדינגונגען באַטראַכט איך מיט פאַרבאַהאַלט די מעגלעכקייטן פון מיין מיטאַרבעט מיט אייך. איך בין פולשטענדיק מסכים מיט דער פּרינציפּיעלער גרונט־איינשטעלונג פון ביסמאַרקן, לויט וועלכער דייטשלאַנד דאַרף פאַר יעדן פּרייז אויסמיידן אַ מלחמה אויף צוויי פראָנטן, און פאַר אַלעם — אַ מלחמה מיט רוסלאַנד. איך קאָן אָבער זיך נישט באַטייליקן אין אויפבויען אַ הויז אויף זאַמד. ס'איז לעכערלעך, אַז איך, דער געפאַנגענער, זאָל אַריינגיין אין אַ שפּיל, פון וועלכן דער צענטראַלע זענען פון פאַרויס באַקאַנט די כללים.

גירינגס תשובה האָט אַרויסגערופן געלעכטער:

— פון דעם אַלעם וואָס איר האָט געזאָגט, דאַרף איך, הייסט עס, אייך אַרויסלאָזן אויף דער פריי!

כ'האָב פאַרגעזעצט אין זעלבן נוסח:

— דאָס איז ס'בעסטע וואָס אייך פאַרבלייבט צו טאָן, אויב איר ווילט אויפריכטיק דערגרייכן אַ סעפּאַראַטן שלום מיטן ראַטן־פאַרבאַנד!

אונדזער צווייטער שמועס האָט זיך שוין ווייטער נישט געבונדן. כ'בין געווען פון זיך אַליין צופרידן, וואָס פאַקטיש האָב איך דערגרייכט מיין ציל, איינבערעכנדיק זייער זיכערקייט. דעם 26סטן און 27סטן נאָוועמבער, האָב איך געשמועסט מיט גירינגן אונטער פיר אויגן. פאַר מיר זענען בולט אויפגעקומען די שוואַכע פּונקטן פון דעם גרויסן שפּיל. ראשית־כל, האָט דער גאַנצער ענין זיך געפונען אין סטאַדיום פון צוגרייטן. ס'איז געווען קלאָר, אַז אין משך פון דער צייט, וועלן די דייטשן זיין געצוווּנגען צו שיקן ווערטפולן מאַטעריאַל, כדי צו פאַרזיכערן מאָסקווע,

אז קיין שום ראַדיאָ־זענדער איז נישט געוואָרן "איבערגעדרייט". דאָס האָט אונדז געלאָזן צייט צו מאַנעווורירן.

אָבער פאַר אַלעם האָט גירינג זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז די ספּעציעלע פאַרבינדונגען דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועגן וועלכע קענט האָט אים איבערגעגעבן, איז עלול אין גאַנצן צו צעשטערן דעם גרויסן שפּיל. ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז דורך דעם קאַנאַל, האָט מען צו וויסן געטאָן דער צענטראַלע אין מאָסקווע וועגן דער טיילווייזער ליקווידאַציע פון רויטן אָרקעסטער אין פראַנקרייך. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז כדי ענדגילטיק איבערצייגן מאָסקווע, מוז ער שיקן אַ זענדונג דורך דעם זעלבן וועג. קענט האָט אים דערציילט, אַז איך בין דער איינציקער, וואָס קען זיך באַנוצן מיט דעם וועג, במילא גייטיקט ער זיך אין מיר. איך האָב מיט זיכערקייט אים איבערגעחזרט, אַז זיין אָפּעראַציע איז פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל און ער גופא וועט דאָס איינזען אין דער נאָענטסטער צייט. יעדער טאָג וואָס גייט אַ דורך אָן מיינע פאַרבינדונגען מיט דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועט פאַרגרעסערן דעם חשד פון דער צענטראַלע אין מאָסקווע.

מיינע באַהויפּטונגען זענען לחלוטין נישט געווען קיין בלאָף. איך האָב געהאָפט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט גירינג זיין געצוווּנגען מיך אריינצונעמען אין דעם גרויסן שפּיל, נישט ווי אַ פיגורל צו מאַניפּולירן, נאָר ווי אַן אומבאַדינגטער פּאַרטנער. דעמאָלט וועל איך פון אינעווייניק האָבן אַ מעגלעכקייט צו צעשטערן דעם גאַנג פון דער מאַשין...

— וועלכע גאַראַנטיעס גיט איר מיר בנוגע אייער לאָיאַליטעט, אויב איר וועט אָנטייל נעמען אין דעם שפּיל? — האָט געפרעגט גירינג...

— בכלל שטעלט זיך נישט די פראַגע פון צוטרוי. איר דאַרפט ריזיקירן. אויב איר ווענדט זיך צו מיר, איז עס דערפאַר, ווייל איר דאַרפט מיך האָבן. אָן מיין אָנטייל, וועט אייער בנין זיך צעפאַלן.

אָבער גירינג איז נאָך נישט גרייט געווען צו ריזיקירן. אין משך פון זעקס וואָכן האָט ער געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כדי זיך באַגיין אָן מיין הילף.

16 זעקס דורכפאַלן פון קאַרל גירינג

גירינג האָט געליטן זעקס מפּלות, איינע נאָך דער אנדערער, וועלכע האָבן מיך דערמוטיקט ווייטער צו קעמפן.

ערשטער דורכפאַל: גירינג האָט פאַרלאַנגט, מ'זאָל זען אַלץ טאָן, אַז די אַנפירונג אין מאָסקווע זאָל זיך נישט דערוויסן פון מיין ארעסט. איך האָב אויפן אָרט אים פאָרגעשלאָגן צו טעלעפאָנירן צום אייגנטימער פון א קאַפע־הויז אויף מאַדלען־פּלאַץ אין פאַריז און איבערגעבן "אַנדרע" (כץ) פאָלגנדיקע ידיעה: "אַלץ אין בעסטן אָרדענונג. איך קום צוריק אין עטלעכע טעג". פאַר גירינגן איז דאָס געווען א לאָגישער טעקסט. ער איז אָבער נישט געווען מחוייב צו וויסן, אַז אין רויטן אָרקעסטער ווערט דער טעלעפאָן באַנוצט נאָר אין אויסנאַמלעכע פאַלן און מיט אַן איבערגעדרייט לשון: "אַלץ אין אָרדענונג" באַדייט "אַלץ איז זייער שלעכט". כץ וועט פאַרשטיין, אַז "ס'איז זייער שלעכט און אַז איך וועל נישט צוריק קומען", און אַזוי אַרום וועט ער באַקומען א נייע באַשטעטיקונג פון מיין ארעסט.

צווייטער דורכפאַל: גירינג האָט דורך קענטן געשיקט א דעפּעשע צו דער אַנפירונג אין מאָסקווע, פאַרלאַנגענדיק א פּאַראַלעלע פאַרבינדונג מיט די פאַראַנטוואָרטלעכע פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט באַרעכטיקט דעם פאַרלאַנג מיטן תירוץ, אַז איך בין נישט "זיכער" — און ס'איז נויטווענדיק צו פאַרדאָפּלען די פאַרבינדונג. מאָסקווע האָט דאָס קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן, אונטערשטרייכנדיק, אַז אויב עס הערשט אין דער גרופּע אומזיכערקייט, איז נישטאָ קיין סיבה צו ריזיקירן מיט די חברים פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דריטער דורכפאַל: דורך קענטס ראַדיאָ־אַפּאַראַט, האָט די זאָנדערקאָמאַנדאָ תמיד פאַרלאַנגט אין מיין נאָמען ביי דער אַנפירונג אין מאָסקווע, צו וויסן צו געבן די פאַראַנטוואָרטלעכע פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זיי זאָלן באַשטימען דאָס אָרט, דעם טאָג אין די שעה, צו טרעפן זיך מיט דעם פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי־אַנפירונג, מישעל. מאָסקווע האָט אויף דעם געענטפערט פּאָזיטיוו און באַשטימט זייער געגנוי דעם טאָג, שעה און אָרט פאַר דער טרעפונג. צו דער פרייד פון די לייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ — איז נישט געווען קיין גרענעץ. זיי האָבן תיכף אָפּגעהאַלטן א קריגס־ראַט און באַשלאָסן נישט ארעסטירן מישעלן.

להיפּך, דער אַגענט וואָס דאַרף זיך מיט אים פאַרבינדן, וועט ביי אים פאַרלאַנגען, ער זאָל איבערגעבן מאָסקווע, אַז טראַץ די אַרעסטן אין "סימעקס", איז אַטאָן און די פּאַריזער מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער, נישט געשען קיין שלעכטס.

די פרייד פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ איז געווען אַ פּריצייטיקע. מישעל איז צו דער טרעפונג נישט געקומען. גירינגן און זיין עקיפּ זענען געווען אומבאַקאַנט די ספּעציעלע אָפּמאַכן, וועלכע מיר האָבן איינגעשטעלט מיט די פאָרשטייער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נאָך פאַר מיין אַרעסט, אַז מיר גייען נישט אויף די טרעפונגען, באַשטימט דורך דער צענטראַלע. מיר האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז מיר טרעפן זיך צוויי טעג און צוויי שעה פאַר דער פאָרויסגעזעענער צייט, אויף אַן אָרט וואָס ווערט באַשטימט דורך אונדז אַליין.

אַזוי אַרום האָט גירינג געטאַפּט אין דער פינצטער. ווי איז דאָס מעגלעך נישט צו קומען אויף אַ טרעפונג, באַשטימט דורך דער צענטראַלע? איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז מישעל געפינט זיך דאָ, אויפן אָרט, און ער האָט זיכער דערפילט — גיכער ווי די צענטראַלע, וועלכע געפינט זיך דריי טויזנט קילאָמעטער פון דאַנען — אַז מיט מיר איז עפּעס פאָרגעקומען.

פערטער דורכפאַל: גירינג האָט געשיקט דורך קענטן אַן אַנדערע דעפּעשע, אין וועלכער ער דערציילט מאָסקווע, אַז ער האָט שוועריקייטן צו שיקן דעפּעשן דורך מאַרסיי. צוליב אומבאַקאַנטע סיבות, איז אַ געוויסע צייט נישט טעטיק די ליניע פון ראַדיאָ־זענדער פון דער קאָמוניסט׳ישער פּאַרטיי. ער פאַרלאַנגט דעריבער צו באַשטימען אַ טרעפונג מיט "דיוואַל" (פערנאַנד פּאָריאַל), דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער פאַרבינדונג. די אָנפירונג אין מאָסקווע האָט, דאָס זעלבע ווי פאַר מישעלן, באַשטימט אויך דאָסמאָל דעם טאָג, אָרט און שעה פאַר דער טרעפונג. די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט אויף ס׳ניי געגלויבט, אַז זי איז נאָענט צום ציל. אָבער אויך דאָס מאָל זענען די האָפענונגען אויסגערונען. פון נאָוועמבער האָבן מיר מיט פערנאַנדן איינגעשטעלט די זעלבע סצענאַריע ווי מיט מישעלן. בעצם, איז נאָר לעאָ גראָספּאָגעל געווען באַרעכטיקט זיך צו טרעפן מיט פערנאַנד פּאָריאָל. דער לעצטער איז געקומען אויפן אָרט און צו דער צייט, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, ער האָט אָבער קיינעם נישט געטראָפן. גראָספּאָגעל איז צו יענער צייט שוין געווען אַרעסטירט. דער פאַקט האָט באַשטעטיקט זיין חשד, אַז די צענטראַלע ווערט פאַרפירט.

גירינג האָט אַלץ מערער פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט. אים איז געלונגען אָפּצונאַרן די צענטראַלע, אָבער וואָס פאַר אַ נוצן האָט ער דערפון, בעת אויפן אָרט פירט מען מער נישט אויס די באַפעלן פון דער אָנפירונג אין מאָסקווע.

פינפטער דורכפאַל: פון 1941, האָט די קאָנדיטעריי זשאַקען אויף דער פערנעל־גאַס, נאָענט צום שאַטעלע־פּלאַץ אין פּאַריז, געדינט ווי אַ פּאָסט־קעסטל צו עקספּעדירן און אויפצונעמען דעפּעשן, וועלכע זענען געגאַנגען דורך דער קאָמוניסטישער אַרטיי.

אין דער קאָנדיטעריי האָט געאַרבעט אַ בכבודיקע עלטערע פרוי, מאַדאַם זשיליעט מוסיע, וואָס איז געווען געשעצט פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג און

פון די אָנגעשטעלטע. שוין פיל יאָרן ווי זי האָט זיך אקטיוו באטייליקט אין דער טעטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי. יעדן טאָג, פון פרי ביז ביינאכט, זענען צענדליקער קונים אדורכגעגאנגען אין דעם געשעפט. האָבן איך און פערנאנד פּאָריאָל צוגעטראכט, אז אונדז וועט זיין לייכט אויסצוטוישן די קליינע דעפּעשן־ראָלקעס, בעתן איינקויפן עפּעס. מאדאם זשיליעט מוסיע האָט מסכים געווען צו דינען אלס אגענטין־פארבינדלערין. אין משך פון אנדערטהאלבן יאָר, זענען די וויכטיקסטע זענדונגען דורכגעגאנגען דעם וועג אָן קאָמפּליקאציעס. אויסער הלל כּץ, וואָס איז געווען א פריינד פון דער פרוי זשיליעט, זענען געווען נאָך צוויי אָדער דריי חברים, צווישן זיי — אויך רייכמאן, וואָס האָבן געוווּסט פון דעם ״פּאָסט־קעסטל״. נאָך דעם ענין אטרעבאט, איז רייכמאן געקומען קיין פּאריז און געארבעט ווי א פארבינדלער מיט דער פרוי זשיליעט. נאָך זיין ארעסט און שווידערלעכע פּייניקונגען, איז רייכמאן אריבער אויף דער זייט פון דער געסטאַפּאָ און דערציילט דער זאָנדערקאָמאנדאָ וועגן דער מאדאם זשיליעט.

גירינג באשליסט פּרוּוון זיין מזל. א געוויסן טאָג אין דעצעמבער 1942, קומט רייכמאן אין דער קאָנדיטעריי און פארלאנגט פון מאדאם זשיליעט, זי זאָל אזוי גוט זיין און איבערגעבן א ידיעה דעם ״אלטן״, דאָס הייסט — מיר. זשיליעט האָט אים קאַטעגאָריש געענטפערט: ס׳איז זיכער א מיספארשטענדעניש! זי ווייסט נישט מיט וועמען זי האָט דעם כבוד צו רעדן און בכלל קען זי נישט קיין ״אלטן״, וועגן וועלכן ער גיט אָנצוהערן.

א נייע אויסוועגלאָזע לאגע פאר גירינגן: פאר וואָס זאָגט זיך אָפּ מאדאם זשיליעט צו ״דערקענען״ א מענטש, מיט וועלכן א קורצע צייט פריער איז זי געווען אין פארבינדונג? אים איז פּשוט נישט באוווּסט, אז זייט דעם ארעסט פון יעפּרעמאָוון, האָבן מיר געוואָרפן א חשד אויף רייכמאנען און פאראָרדנט איבערצורייסן מיט אים אלע פארבינדונגען. ס׳איז געוואָרן אָפּגערעדט, אז אויסער הלל כּץ און מיר, דאַרף יעדער איינער וואָס וועט צו איר קומען, איר איבערגעבן א רויט קנעפּל. רייכמאן האָט פון דעם נישט געוווּסט. גירינג האָט זיך געוואקלט, ווי אזוי האנדלען לגבי דער מאדאם זשיליעט: דאַרף ער זי ארעסטירן? דאָס איז נישט די בעסטע לייזונג, ווייל דערמיט שניידט ער ענדגילטיק איבער דעם וועג, וועלכער קען אים ברענגען צו דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי. אויסער דעם וועט איר ארעסט באשטעטיקן, אז דער ״אלטער״ איז געוואָרן ארעסטירט און אז רייכמאן ארבעט פאר די דייטשן. גירינג האָט זיך אָפּגעהאלטן פון דעם שריט. אויך דאָ איז ער געבליבן דער פארשפּילטער.

דער זעקסטער דורכפאַל איז געווען א שווערער קלאַפּ פאר גירינגן — דאָס אַנטלויפן פון ״פּראָפעסאָר״ ווענצעל...

די דייטשן האָבן געהאט פארנומען זעקס ראַדיאָ־זענדערס, אָבער נישט געוווּסט די וויכטיקייט פון יעדן פון זיי. דעם וועלכן זיי האָבן פארכאפּט אין הארבסט 1942 ביי די אגענטן־פּאראשוטיסטן פון מאָסקווע, וואָס האָבן געארבעט אין דער בערלינער גרופּע, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם ערשטן אינסטרומענט פון פאַלשן אָרקעסטער. פּאסקאלס (יעפּרעמאָוו) ״איבערגעדרייטער״ ראַדיאָ־זענדער, וועלכער

האָט פון זיין אַרעסט אין יולי געשפּילט מיט אַלע כוחות, איז זיי שטאַרק צונוץ געקומען. ס׳איז נאָך געווען דער ראַדיאָ־זענדער פון סעסע, און אין האָלאַנד — פון ווינטעריינק. אין פראַנקרייך האָבן פונקציאָנירט די ראַדיאָ־זענדערס פון קענטן: ״אייפעל״ און ״אייפעל 2״, וועלכע די דייטשן האָבן געלאָזט שפּילן, ביידע צוזאַמען, אונטערן נאָמען ״מאַרס אייפעל״. אין אָט דעם פאַלשן אָרקעסטער האָט נאָך געפעלט ווענצעלס זענדער.

גלייך נאָך זיין אַרעסט, האָבן זיי ווענצעלן פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה פון ברענדאָנק, ווו מ׳האָט אים שטאַרק געפּייניקט. אין נאָוועמבער האָט די זאָנדער־קאָמאַנדאָ באַשלאָסן, אַז ער איז זיי שטאַרק נייטיק, ווייל דאָס פעלן פון דעם ״סאָליסט״, האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון מאָסקווע. ס׳האָט נישט געקענט זיין קיין רייד פון פאַרטרעטן ווענצעלן מיט אַ ״פּיאַניסט״ פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, ווייל דער ״פּראָפעסאָר״ איז געווען אַ גרויסער ווירטואָז און זיין אייגנאַרטיקע, אינדיווידועלע ״שריפט״, איז מאָסקווע געווען באַקאַנט. די דייטשן זענען געווען זייער צופרידן, ווען ווענצעל האָט אין נאָוועמבער מסכים געווען אָנצוהייבן ״צו שפּילן״.

הגם ער האָט זיך שטאַרק געהיט, האָט ווענצעל, גלייך ביי זיין ערשטער דעפּעשע, געגעבן דעם אַלאַרם־צייכן וועגן זיין אַרעסט. אַזוי אַרום האָט מאָסקווע געוווּסט, אַז די דעפּעשע וועלכע זיי האָבן באַקומען, איז געשריבן פון שונא.

ווענצעל ״העלפט״ די דייטשן רעדאַגירן און אָפּשיקן צוויי זענדונגען אין נאָמען פון ״זשערמאַן״ (אַ צוגעטראַכטער נאָמען). אונדז איז באַקאַנט דער אינהאַלט פון די צוויי דעפּעשן פון סאָוועטישע קוועלן:

״צום שעף, דרינגענד. די געווייגלעכע פאַרבינדונג מיט דעם גרויסן שעף ווערט נאָכגעפאָלגט. גיט דירעקטיוון פאַר אַ נייער טרעפונג מיטן גרויסן שעף. איך האַלט פאַר זייער וויכטיק די טרעפונג מיטן גרויסן שעף. זשערמאַן״.

און די צווייטע:

״צום שעף, זייער דרינגענד. לויט דעם וואָס מיר האָבן זיך דערוווּסט פון דייטשע קוועלן, איז דאָס קאָד־בוך אַדורכגעפאַלן. מ׳האָט מיר נאָך נישט צו וויסן געטאָן וועגן אַ טרעפונג מיטן גרויסן שעף. מיין פאַרבינדונג מיט אייך קומט פאָר רעגולער. נישט פאַראַן קיין סימן פון ווערן אָבסערווירט. ווי אַזוי דאַרף איך אָרגאַניזירן מיינע פאַרבינדונגען מיט דער צענטראַלע? איך פאָדער שנעל אַ תשובה. זשערמאַן״.

די צוויי דעפּעשן האָבן נישט געלאָזן קיין ספק פאַר דער צענטראַלע, ווייל מיר האָבן זיך קיין מאָל נישט באַנוצט מיטן אויסדרוק ״גרויסער שעף״. ביסלעכווייז איז ווענצעלן געלונגען צו געווינען דעם צוטרוי פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, וועלכע האָט אים מיט זיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט איינגעאָרדנט אויף אָראַר־גאַס אין בריסל.

אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1943, האָט דער ״פּראָפעסאָר״ דערהרגעט זיין וועכטער, בעת ער האָט איינגעהייצט דאָס אייוועלע און געווען צו אים אויסגעדרייט מיטן רוקן. ער האָט אים פאַרמאַכט אין דעם צימער... און אַנטלאָפן, נישט איבערלאָזנדיק זיין אַדרעס. פאַר גירינגגן איז זיין אַנטלויפן געווען אַ קאַטאַסטראָפע, מחמת דער געפאַר, אַז ווענצעל וועט צו וויסן טאָן מאָסקווע וואָס ס׳איז

פאַרגעקומען מיטן רויטן אָרקעסטער אין בעלגיע פון דעצעמבער 1941! ער האָט טאַקע אזוי געטאָן. ער איז אוועק קיין האָלאנד און אויף א נישט איינגעשטעלטן ראַדיאָ־זענדער, געשיקט דער צענטראַלע אין מאָסקווע א דעפּעשע און אַלץ איבערגעגעבן.

ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט די זאָנדערקאָמאנדאָ, זינט דעם ענין אויף דער אטרעבאט־גאַס, געהאַט צו פאַרצייכענען וויכטיקע דערפאָלגן:

זי האָט פאַרכאַפּט א האַלב טוץ ראַדיאָ־סטאַנציעס, איינגעשטעלטע אין פינף לענדער און איבערגעשיקט דער צענטראַלע צענדליקער דעפּעשן. אויב מיר זאָלן אורטיילן וועדליק די תשובות, וועלכע זיי האָבן באַקומען, האָט מאָסקווע אין גאָרנישט חושד געווען. אָבער גירינג האָט אין משך פון עטלעכע וואָכן דאָך געליטן זעקס שווערע מפּלות, איינע נאָך דער אנדערער. די דירעקטיוון פון דער צענטראַלע זענען נישט געוואָרן אויסגעפירט. די מאשין האָט זיך ערגעץ־ווו פאַרהאַקט. זיין קאָרטן־פּאַלאַץ האָט געדראָט זיך פונאנדערצופאַלן א געוויסן טאָג. דעם שעף פון דער זאָנדערקאָמאנדאָ איז נישט געבליבן מער, ווי איין טריומף־קאָרט: אז דער ״גרויסער שעף״ זאָל מיט אים מיטאַרבעטן, כדי דורך דעם וועג פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, באַרויקן די צענטראַלע אין מאָסקווע. די געפאַר פאַר גירינגן איז געווען זייער גרויס, ער האָט אָבער קיין אנדערן אויסוועג נישט געהאַט.

סוף דעצעמבער, האָבן מיינע אונטערהאַנדלונגען מיט גירינגן און זיין געהילף ווילי בערג, אָנגענומען אַן אנדערע ריכטונג. די אַטמאָספער האָט זיך געביטן. איך האָב געוואַרט אויף מיין שעה — און די שעה איז געקומען...

17 די שוואַרצע סעריע

טראָץ דעם שפּאַנענדיקן "שפּיל" מײַנעם מיט גירינגן, האָב איך נישט פאַרגעסן אין מערערע פון מײַנע חברים, וואָס זענען נאָך געווען אויף דער פרײַ און באַדאַרפט זיך פאַרטיידיקן קעגן די קלעפּ פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. דער עיקר האָב איך געטראַכט פון גראָספּאַגעלן און כּצ׳ן. פאַרן ערשטן, ווי פאַרן צווייטן, האָב איך נישט געהאַט קיין באַזונדערע סיבה זיך צו שרעקן. כ׳בין געווען איבערצייגט, אַז זיי האָבן אויסגעמיטן די נעץ פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ און אַז זיי געפינען זיך אויף אַ זיכער אָרט. בנוגע הללן בין איך געווען פולשטענדיק רויק, ווײַל אויף דער ערשטער צײַט, האָט ער געהאַט אַ זיכער באַהעלטעניש אין אַנטאָני (אַ פּאַריזער פאָרשטאָט). ס׳איז אויך געווען פאָרויסגעזען, אַז ער וועט פאַרלאָזן פּאַריז, אוועק קיין מאַרסיי און דאָרטן זיצן שטיל עטלעכע חדשים.

דאָס איז געווען בערג, גירינגס געהילף, וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט די "גוטע בשורה":

— איר ווייסט, אייער כּצ׳ן האָבן מיר שוין פאַרהאַלטן!

— ווען?

— שוין אַ דריי וואָכן בערך...

הייסט עס, אויך כּץ איז אַרײַנגעפאַלן אין זייערע הענט. איך האָב דאָס נישט פאַרשטאַנען, נאָר ערשט שפּעטער זיך דערוווּסט ווי אַזוי מײַן גוטער פרײַנד איז דורכגעפאַלן, טראָץ אַלע פאָרזיכטס־מיטלען, מיט וועלכע ער איז געווען באַוואָרנט.

כּץ, וואָס האָט שטאַרק באַדויערט מײַן אַרעסט, האָט עטלעכע טעג געגרייט זײַן אַפּפאָר. אין דער זעלבער צײַט, דעם 19טן נאָוועמבער, איז זײַן פרוי סעסיל געלעגן געוואָרן — האָט ער נישט געוואָלט אוועקפאָרן, ביז ער וועט די מוטער מיטן קינד נישט אײַנאָרדענען אויף אַ זיכערן אָרט. זײַן זון זשאַן־קלאָד האָט זיך שוין געפונען בײַ דער שוועסטער מאַקסימאָוויטש אין פּאַלאַץ ביעראָן.

נאָך מײַן פאַרלאָזן פּוילן אין 1973, האָב איך זיך דערוווּסט פון סעסיל כּץ גופא, אַז דעם 28סטן נאָוועמבער 1942, איז איר מאַן געקומען זי זען אין קליניק, אין באַגלייטונג פון גראָספּאַגעלן. ביידע האָבן געוווּסט וועגן מײַן אַרעסט און געווען זייער פאַרזאָרגט. דעם 1טן דעצעמבער איז כּץ נאָך אַמאָל געקומען זי זען אין

קליניק[1]) און צו מארגנס האָט ער זי באדארפט נעמען אהיים מיטן קינד. קיין צו מאָרגנס איז שוין נישט געווען. דעם זעלבן טאָג האָט ער זיך פארשפעטיקט אין פאריז. ס'איז דעמאָלט געווען איינגעפירט דער פארבאָט צו באוועגן זיך אין די נאכט-שעהן און ער האָט נישט געוואָלט ריזיקירן זיך אומצוקערן קיין אנטאָני. איז ער אוועק צו זיין פריינדין, מאָדעסט ערליך, א פראנצויזישע לערערין, וואָס האָט חתונה געהאט מיט א יידישן אינזשעניער, געוועזענער קעמפער אין דער אינטערנאציאָנאלער בריגאדע אין שפאַניע.

פון אָנהייב מלחמה, איז די דירה פון די ערליכס געווען א טרעף-פונקט און בריוו-קעסטל. אין דער דירה האָט אָנהייב 1942 אויך רייכמאן זיך באגעגנט מיט הלל כץ. נאָך רייכמאנס ארעסט, ווען ער איז איבערגעגאנגען ארבעטן פאר די דייטשן, אין די דירה געוואָרן אָבסערווירט פון דער געסטאַפּאָ. הלל האָט נישט געלייגט קיין אכט אויף מיינע וואָרענונגען (כ'האָב קאטעגאָריש פארבאָטן צו באנוצן זיך מיט דער ווינונג) און געטראכט, אז דעם אָוונט קען ער דורכשלאָפן עטלעכע שעה אין דער ווינונג, מיטן באדינג, אז צו מאָרגנס, גאנץ פרי, וועט ער פארלאָזן דאָס אָרט. די געסטאַפּאָ-אגענטן, וואָס האָבן געהאלטן אן אויג אויף דער ווינונג, האָבן גלייך צו וויסן געטאָן דעם שעף פון דער פאריזער זאָנדערקאָמאנדאָ, רייזערן — און אין דער זעלבער נאכט, פון ערשטן אויפן צווייטן דעצעמבער, זענען זיי איבערגעפאלן די ווינונג און ארעסטירט הלל כץ און מאָדעסט ערליך. כ'האָב זיך באמיט איבערצייגן גירינגן, אז מאָדעסט האָט נישט געהערט צום רויטן אָרקעסטער, מיר האָבן נאָר אויסגענוצט איר ווינונג, נישט אויפדעקנדיק פאר איר אונדזער טעטיקייט. דאָך האָט מען זי דעפּאָרטירט אין א קאָנצענטראציע-לאגער, ווו זי איז אומגעקומען.

אויך לעאָ גראָספאָגעל איז געוואָרן ארעסטירט דורך די לייט פון דער זאָנדערקאָמאנדאָ. זיי האָבן דאָס דערגרייכט מיט א שענדלעכן שאנטאזש. דאָס איז געווען אן אויסערגעוויינלעכער צופאל. זשאָן פעזאָן, לעאָס פרוי, האָט אויך אין דער צייט געבוירן א קינד. זייענדיק אין תפיסה, איז מיר געווען אומבאקאנט דער פרט, וועלכער האָט געהאט זיין באדייטונג פון אלע שטאנדפונקטן. כ'בין נישט געווען באומרויקט פאר מיין פריינד, וויסנדיק, אז ס'איז געווען פאָרויסגעזען זיין אָפּפאָר אין דער שווייץ. זשאָן פעזאָן, וואָס האָט נישט געוווּסט אויף וויפיל די לאגע אין ערנסט, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באהאלטן אויף א זיכער אָרט. דער רעזולטאט: דעם 25סטן נאָוועמבער האָבן די אגענטן פון דער זאָנדערקאָמאנדאָ זי געפונען אין א ווינונג, וועלכע זי האָט געדונגען אין א פאָרשטאָט פון בריסל. זיי האָבן איר געדראָט — באנוצנדיק זיך מיט א כאראקטעריסטישן פאר זיי מעטאָד — צו טויטן דאָס קינד אין אירע אויגן, אויב זי וועט נישט אָנשרייבן א בריוו צו לעאָנען און באשטימען א טרעפונג. לעאָ האָט פאָרויסגעפילט די פאסטקע, אָבער געשטויסן פון פארלאנג צו זען זיינע נאָענטסטע, איידער ער גייט אוועק לעבן אין קאָנספיראציע, איז ער צוגעפאָרן אויף אוועני בריגאר אין איקקלע (בעלגיע). דאָ איז ער דעם 16טן דעצעמבער 1942 געוואָרן ארעסטירט. פיר טעג פאר דעם, האָט

1) זע אין דער ביילאגע: א בריוו פון כץ'ן צו זיין טאָכטער.

מיר בערג אַנגעזאָגט דרך־אגב: "היינט וועלן מיר ארעסטירן הארי ראָבינסאָן..." מיט מער אָפנהארציקייט, ווי ס'איז געווען זיין געוווינהייט, האָט מיר בערג פאָרגעשטעלט דעם פּלאַן פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. די טיילווייזע סימפּאַטיע, וועלכער ער האָט מיר ארויסגעוויזן, איז מיר שפּעטער זייער צונוץ געקומען...

— שוין מערערע חדשים ווי מיר האָבן אים נאָכשפּיאָנירט, — האָט מיר דערציילט בערג — און מיר האָבן באַשלאָסן אים צו ארעסטירן אויף איינעם פון די טרעף־פּונקטן, וועלכע זענען אונדז געווען באַוווּסט. רייזער, דער שעף פון דער פאַריזער זאָנדערקאָמאַנדאָ, האָט פאַר דעם צוועק צוגעגרייט א ריכטיקע מיליטערישע אקציע. צענדליקער אגענטן זענען צעשטעלט געוואָרן אויף דעם פאָרויסגעזעענעם אָרט, מיט זיין פאָטאָגראַפיש בילד ביי יעדן, כדי אים לייכטער צו דערקענען. איך וואָרן אייך — האָט מיר געזאָגט בערג: רייזער וועט אייך פאַרלייגן מיטצופאָרן, מיטן אויסשליסלעכן ציל אויסצופּרובירן אייער רעאקציע. פאַקטיש, האָט ער נישט קיין דערלויבעניש אייך דאָרטן צו ווייזן, ווייל דער גרויסער שפּיל קען פולשטענדיק קאָמפּראָמיטירט ווערן. אויב איר וועט אָפּזאָגן, וועט ער קומען צום אויספיר, אז איר זאָגט זיך אָפּ מיטצואַרבעטן...

— אויב כ'האָב ריכטיק פאַרשטאַנען, — זאָג איך צו בערגן — וויל מיך רייזער אויספּרובירן און אין דער זעלבער צייט אויפשטעלן פאַר מיר א פּאַסטקע...

מיטאָג־צייט האָט מען מיך געפירט צו רייזערן, ער האָט פאָרגעזעצט בערגס פּזמון:

— אלזאָ, אָטאָ, היינט ארעסטירן מיר ראָבינסאָנען!

עס איז א טאַקטישער כלל צו מינימיזירן אין אזעלכע פאַלן די ראָל פון חברים.

— איר מאַכט א טעות, רייזער, ער איז א גאָרנישט און ווייסט פון גאָרנישט!

— מעגלעך, — האָט ער מיר געענטפערט (ער האָט זיך נישט געלאָזט נאַרן) — אָבער לאָזט איבער פאַר אונדז צו אורטיילן וועגן זיין ווערט! — ווי ס'זאָל נישט זיין, וועט איר אונדז באַגלייטן...

— ווי אייך געפעלט!

כ'האָב דאָס געזאָגט אין אזא האַפערדיקן און איינשטימיקן טאָן, אז ער איז געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט פון דערשטוינונג.

אלנפאלס, בערג האָט נישט געזאָגט קיין ליגן.

אין דעם אויטאָ וועלכער האָט אונדז געפירט צום אָרט פון דער "טרעפונג" מיט ראָבינסאָנען, האָב איך דורכגעטראַכט ווי אזוי זיך פאַרהאַלטן — און געקומען צום באַשלוס, אז דער איינציקער אופן פון קענען מיט עפּעס העלפן ראָבינסאָנען, איז ארויסווייזן אים מיין נאָענטקייט. כ'האָב געטראַכט, אז אויב די דייטשן זענען דעצידירט מיך צו ווייזן מיט קייטעלעך אויף די הענט, האָבן זיי דעם גרויסן שפּיל אויפגעגעבן. די מענער פון דער גרופּע, וואָס היטן ראָבינסאָנען, וועלן מיך זען און מיין ארעסט וועט גלייך ווערן באַקאַנט. אָבער דער אויטאָ האָט זיך פאַרהאַלטן א צוויי הונדערט מעטער פאַר דעם אָרט פון דער "טרעפונג". א הילפלאָזער האָב איך בייגעוווינט האַריס ארעסט.

נאָך דעם ארעסט אין חודש אויגוסט פון פראנץ שניידערן אין בעלגיע, איז די געסטאַפּאָ געפאלן אויף די שפורן פון ראָבינסאָנען. אויף דעם פּראָצעס קעגן רייכמאנען, פאָרגעקומען נאָך דער מלחמה אין בעלגיע, האָט אנטייל גענומען איינער פון די אגענטן, וואָס האָבן געהאָלפן ארעסטירן ראָבינסאָנען. זיין געוועזענע פרוי, א מיטגלידערין אין דער בערלינער גרופּע, איז ארעסטירט געוואָרן צוזאמען מיט זיין זון, א סאָלדאַט אין דער ווערמאכט. פאר וואָס האָט די געסטאַפּאָ נישט אדורכגעפירט די ארעסטן פריער? ווייל זי האָט געגלויבט, אז הארי פירט אָן מיט א באדייטנדיקער גרופּע פון קאָמינטערן. צווישן זיי — דער געוועזענער סעקרעטאר פון קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאציאָנאל, זשיל הימבער־דראָז און דער געוועזענער מנהיג פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פארטיי, ווילי מינצענבערג.[1]

די דאָזיקע מעכטיקע און געהיימע גרופּע, האָט אייגנטלעך, עקזיסטירט נאָר אין דער פאנטאזיע פון געסטאַפּאָ־מילער. זיי האָבן אויפגעשטעלט פארשווערונגען, וועלכע זענען לחלוטין נישט פאָרגעקומען. צו יענער צייט איז הימבער־דראָז שוין פון לאנגע יאָרן געווען אויסגעשלאָסן פון דער קאָמוניסטישער פארטיי. ווילי מינצענבערג איז פון 1937 אויסגעשטראָכן געוואָרן פון די קאדערן פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פארטיי און פון קאָמינטערן. אין 1940 איז ער געוואָרן אינטערנירט פון דער דאלאדיע־רעגירונג אין א לאגער פאר אויסלענדער אין גירס (פראנקרייך). אין דעם לאגער האָבן צוזאמען מיט אים זיך געפונען צוויי אגענטן פון בעריאַן, וואָס האָבן געהאָט די אויפגאבע אים אומצוברענגען. די צוויי אגענטן האָבן אים פאָרגעשלאָגן, ער זאָל צוזאמען מיט זיי אנטלויפן פון לאגער. א גליקלעכער צו געניסן פון דער געלעגנהייט, האָט ער מסכים געווען: מ׳האָט אים דערנאָך געפונען אָן אויפגעהאָנגענעם א צוויי הונדערט מעטער פון לאגער.

די כוונות פון די דייטשן זענען געווען: כאפּן די מיטגלידער פון דער אויספאנטאזירטער באוועגונג. דערפאר האָבן זיי געלאָזן ראָבינסאָנען אויף דער "פריי" און געגרייט א מאָנסטער־פּראָצעס מיט הארי ראָבינסאָן אלס הויפּט־"סטאר". דער ציל איז געווען: ווייזן די פעלקער פון דער "נייער אייראָפּע" דעם "אינטערנאציאָנאלן באָלשעוויזם"!

אין דעצעמבער איז דער געסטאַפּאָ קלאָר געוואָרן, אז די שפורן פון ראָבינסאָנען פירן נישט אין ערגעץ, נאָר צו אים אליין, און זיי האָבן באשלאָסן אים צו ארעסטירן. דאָס לעצטע מאָל ווי מיר האָבן זיך געזען, איז געווען דער 21סטער נאָוועמבער, צוויי טעג נאָך די ארעסטן אין "סימעקס". כ׳האָב אים אויפגעקלערט די לאגע פון אונדזער גרופּע און מיר האָבן באשלאָסן איבערצורייסן אונדזערע קאָנטאקטן. אויף דער טרעפונג האָט הארי נישט באהאלטן פאר מיר זיין עגמת־נפש איבערן גורל פון זשערמען שניידער. ער גופא האָט אויך נישט געוווסט, אז זיין באהעלטעניש אויף דער פאסי־גאַס אין פאריז געפינט זיך שוין פון לאנג אונטער דער אָבסערוואציע פון דער געסטאַפּאָ. נישט כך און נישט איך האָבן נישט געקענט פערזענלעך דעם

---

1) די פאקטן זענען געווען אָפּגעדרוקט אין דייטשן וואָכנבלאַט "דער שפּיגעל", אין א סעריע ארטיקלען דערשינען אין 1965 א.נ. "די קאָנסטרוקציע פון 'רויטן אָרקעסטער' ".

אגענט גריאַטאַ און נישט געוווּסט זיין אדרעס. אויך דער אדרעס פון ראַבינסאָנען איז אונדז געווען אומבאַקאַנט. ער איז ארעסטירט געוואָרן דעם 21סטן דעצעמבער 1942. דעם 24סטן דעצעמבער, האָט דער געסטאַפּאָ־שעף מילער באריכטעט וועגן דעם הימלערן.

אויך וואסילי און אננא מאקסימאָוויטש זענען נאָך פון אָנהייב זומער 1942 געוואָרן נאָכשפּיאָנירט פון דער געסטאַפּאָ. אין יוני 1942, איז פריילין האָפמאַן־שאָלץ, די סעקרעטארין פון דער דייטשער אמבאסאדע אין פאריז, איינגעלאַדן געוואָרן אין דער קאָמענדאַטור, אין צוזאמענהאנג מיט איר תנאים־פייערונג מיט וואסילין. די געסטאַפּאָ האָט אדורכגעפירט אַן אויספאָרשונג וועגן מאקסימאָוויטשן אין דער אויסלאַנד־אָפּטיילונג פון דער פאריזער פּאָליציי־פּרעפעקטור. ווען מיר האָבן זיך פון דעם דערוווּסט, איז שוין געווען צו שפּעט. מיר האָבן נאָך פּרובירט, דורך אונדזערע פארבינדונגען אין דער פּאָליציי־פּרעפעקטור, אַז זיין קאַרטאָטעקע זאָל פארשווינדן. די געסטאַפּאָ האָט זיך פון דעם דערוווּסט. זי האָט זיך אויך דערוווּסט וועגן מאקסימאָוויטשעס פּראָ־סאָוועטישע סימפּאַטיעס. מ׳האָט ביי אים צוגענומען דעם דורכלאָז־שיין, וועלכער האָט אים דערמעגלעכט אריין צו גיין אין האָטעל ״מאַזשעסטיק״, דאָס זיצאָרט פון גענעראַל־שטאַב פון דער ווערמאַכט אין פראַנקרייך. דאָס האָט באַדייט, אַז ער איז מער ווי פארדעכטיקט. וואסילי איז געוואָרן ענדגילטיק אויפגעדעקט דורך דער בערלינער אָפּטיילונג פון ד״ר וואַק, וואָס האָט דעשיפרירט די דעפּעשן קיין מאָסקווע. די דעשיפרירטע זענדונגען האָבן שוין נישט געלאָזן קיין שום ספק וועגן מקור פון די ידיעות. זיין ״כלה״ איז אוועק צו איר משפחה קיין דייטשלאַנד. צוריק קומענדיק, האָט זי דערציילט פון די באָמבארדירטע און צעשטערטע דייטשע שטעט. מיר האָבן דאָס צו וויסן געטאָן מאָסקווע. די געסטאַפּאָ האָט אויך די ידיעה אויפגעכאַפּט און אידענטיפיצירט פריילין האָפמאַן־שאָלץ.

פון אָקטאָבער, האָט מען מאקסימאָוויטשן נאָך אינטענסיווער נאָכשפּיאָנירט. די אגענטן פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ האָבן זיך שוין לגמרי ניט געשעמט און אוועק אין פּאַלאַץ ביעראָן, ווו זיי האָבן אויפגעקלערט זיין שוועסטער אננא, אַז זיי האָבן אַלע באַווייזן פון זייערביידנס אָנטייל אין אַ שפּיאָנאַזש־נעץ קעגן דריטן רייך...

— איר קענט אונדז זיין נוצלעך, — האָבן זיי געזאָגט צו אננא. — איר דאַרפט אונדז דערמעגלעכן אַ טרעפונג פון אייער שעף מיט אַ דייטשער פּערזענלעכקייט. דאָס קאָן אויך פאַרקומען אין דער פרייער זאָנע. מיר גיבן אייך אַלע פארזיכערונגען, אַז איר וועט נישט ווערן באַאומרויקט, ווייל עס האנדלט זיך אין אַן ענין פון גרויסער פּאָליטישער באַדייטונג...

אננא האָט מיר תיכף צו וויסן געטאָן פון גירינגס פאָרשלאָגן. זיין פאַרלאַנג מיט אונדז זיך צו טרעפן, האָב איך דעמאָלט ניט אנדערש געקאָנט זיך אויפקלערן, ווי אַ מאַנעווער, כדי אונדז צו פאַרכאַפּן. וואַרשיינלעך, האָט ער שוין געהאַט אין געדאַנק די אידעע וועגן אונדזער צוקונפטיקער ״צוזאַמענאַרבעט״.

די אַלע פאַקטן האָבן באַוויזן, ווי ווייט וואסילי איז געווען באַדראָט. כ׳האָב אים פאָרגעשלאָגן מיין הילף אין זיין פאַרשווינדן...

— איך קאָן נישט, — האָט ער געענטפערט — צוליב מיין אלטער מוטער און דער אנדערער שוועסטער. אָן מיר — וואָס וועט פון זיי ווערן? האָט איר א טראכט געטאָן וועגן די מעגלעכע רעפרעסיעס? — און האָט צוגעגעבן: — אויב זיי וועלן מיך נעמען, וועל איך באגיין זעלבסטמאָרד!

— ניין, וואסילי, מ׳דארף אומברענגען וואָס מערער פון די מנוולים, איידער אליין אומקומען.

וואסילי האָט גאָרנישט געענדערט פון זיינע געוווינהייטן. ער איז אָנגעגאנגען מיט זיין ״ארבעט״ ווי פריער. דעם 12טן דעצעמבער איז ער ארעסטירט געוואָרן אין ביוראָ פון זיין ״כלה״.

קעטע פעלקנער, וואָס אויך זי איז געוואָרן דעקאָנספירירט צוליב די דעשיפרירטע זענדונגען, האָט געוווסט דעם גורל וואָס איר דערווארט. אין דעצעמבער איז זי געפאָרן באזוכן איר פאמיליע אין דייטשלאנד. דרייסיק יאָר שפעטער האָט מיר דערציילט אירער א פעטער, מיט וועלכן כ׳האָב זומער 1968 זיך געטראָפן אין מזרח־בערלין, אז זי האָט זיך אָפּגעגעבן א גענויעם חשבון פון דער סכנה אין וועלכער זי געפינט זיך. איר חבר פּאָדסיאַלדאָ איז ארעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און שוידערלעך געפייניקט. סוף יאנואר איז קעטע צוריק געקומען קיין פאריז, און ווי זי האָט פאָרויסגעזען, איז זי דעם 31 סטן יאנואר 1943 געוואָרן ארעסטירט.

שפרינגער איז געשטאָרבן ווי פּיער בראָסאָלעט...

פון דעצעמבער 1941, האָט ער זיך צוריק געצויגן קיין ליאָן מיט זיין פרוי פלאָרע ווילארטס. כ׳האָב שוין געהאט א געלעגנהייט צו דערציילן וועגן אים — ווי ער איז ווייטער אָנגעגאנגען מיט זיין אינטענסיווער טעטיקייט. ער האָט זיך פארבונדן מיטן געוועזענעם בעלגישן מיניסטער באלטהאזאר, און אויך מיט דעם אמעריקאנער קאָנסול, און אנטדעקט נייע קוואלן פון ידיעות. ער איז געווען אן אומדערמידלעכער קעמפער און אומגעקומען מיט א העלדישן טויט, נאָך דעם ווי ער האָט מיט געוועהר אין האנט געקעמפט קעגן די לייט פון דער געסטאַפּאָ.

אין אפריל 1942 האָב איך זיך געטראָפן מיט שפרינגערן און אים געעצהט צו זיין פאָרזיכטיק. ער האָט פון גאָרנישט געוואָלט הערן און פארלאנגט ביי מיר דעם קאָד, וועלכן כ׳האָב אים געגעבן...

— און דעם ראַדיאָ־זענדער? — האָב איך געפרעגט...

— כ׳האָב אלץ וואָס מען דארף, מיינע אמעריקאנער פריינד האָבן מיר באזאָרגט א קליינעם, וווּנדערלעכן אפאראט.

אין אָקטאָבער 1942 בין איך ווידער געקומען קיין ליאָן (מיר האָבן געוווסט, אז די אָקופּאציע פון דער דרום־זאָנע איז א פראגע פון וואָכן) און אויך ס׳ביי געווארנט שפרינגערן צו זיין פאָרזיכטיק. ער האָט אויפגעברויזט:

— איך ווייס זייער גוט, אז איך און פלאָרע (זיין פרוי) קאָנען אוועק קיין אמעריקע, נאָר כ׳זאָג זיך אָפּ דערפון, אויך פלאָרע. סאָלדאַטן אויפן פראָנט אנטלויפן פאר דער געפאר? ניין! אלזאָ, מיר זענען ווי זיי!... איך בין א קעמפער אויף

דער פֿאָדערשטער ליניע, און וועל ארבעטן ביזן לעצטן טאָג. אויב זיי וועלן קומען, האָב איך מיט וואָס זיי אויפצונעמען!...

שפּרינגער האָט זיין ראַדיאָ־זענדער אינסטאַלירט אין א קליין דערפל, 17 קילאָמעטער פון ליאָן, און אים איינגעשלאָסן אין די עלעקטרישע קאַבלען פון הויכער שפּאַנונג, וועלכע זענען געווען פאַרצויגן נאָענט אין דער סביבה.

— אויב זיי קומען, — האָט ער געזאָגט — וועל איך מאַכן, אז אלץ זאָל פליען אין דער לופטן!

ער האָט אָבער נישט באוויזן דאָס אדורכצופירן.

אין אָוונט פון 19טן דעצעמבער 1942, איז שפּרינגער געקומען צו זיך אין צימער, וועלכן ער און זיין פרוי האָבן געדונגען אין ליאָן. ביי זיי איז געווען אָפּגערעדט, אז ביים פענצטער דאַרף זיך געפינען א צייכן, וואָס זאָל אָנווייזן, צי ער קען ארויפגיין, אָדער נישט. ס'איז געווען נאכט, טונקל, אלץ פאַרלאָשן — וואָלט דאָך געווען שכלדיק, אז ער זאָל זיך היטן... אנשטאָט דעם, איז ער מיט דעם רעוואָלווער אין האנט ארויף אויף די טרעפּ. איז מעגלעך, אז די געסטאַפּאָ וואַרט אויף אים אויבן? נישט וויכטיק, ער איז דעצידירט צו ריזיקירן... ער עפנט די טיר — זיי זענען דאָ! א טייל זיצן, א טייל שטייען צוזאַמענגעדרענגט, ווי די ווערעם. ער שיסט אין זיי, פּאַרוואונדעט צוויי, פּרובירט אראָפּשלינגען א קאַפּסול ציאַנקאַלי, וואָס ער האָט תמיד געטראָגן ביי זיך...

שפּרינגער ווערט איינגעזעצט אין דער תפיסה אין ליאָן, צו מאָרגנס ווערט ער אריבערגעפירט אין דער תפיסה פרען (דרום פאַריז). אין משך פון פיר טעג ווערט ער שרעקלעך געפּייניקט. כדי א סוף מאַכן צו די יסורים, איז ער געשפּרונגען פון דריטן שטאָק, אין טאָג פון קריסטמעס 1942.

ערשט נאָך דער מלחמה, האָט דער ברודער און די קוזינע פון שפּרינגערן, איוואָן, זיך דערוווּסט אין וועלכע אומשטענדן ער איז אומגעקומען. אין דעם ווערק פון קאָלאָנעל רעמי "דאָס בוך פון מוט און פחד", קאָן מען לייענען אין צווייטן באנד, זייט 27: "דער קריסטמעס־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיט א זעלבסטמאָרד. א פאַרצווייפלטער איז ער געשפּרונגען פון באלקאָן, פון דער אויבערשטער גאַלעריע. פיל ארעסטאנטן האָבן געהערט דעם טויבן קלאַנג פון זיין קערפּער, וואָס האָט זיך צעשמעטערט אויף דער ערד..." אלץ אין דער שילדערונג איז ריכטיק, אויסער דעם, אז שפּרינגער האָט זיך אראָפּגעוואָרפן אויס פאַרצווייפלונג. ער האָט דאָס געטאָן, כדי אויסצומיידן פאַר יעדן פּרייז צו ריידן אונטער פּייניקונגען. איך האָב אים געגעבן גוט געקענט, אויף צו זאָגן עדות, אז ער איז געווען פעיק אויף אזא טאַט. ער האָט באגעגנט די געסטאַפּאָ־לייט מיטן רעוואָלווער אין האנט, געשאָסן אויף זיי, פּרובירט זיך פאַרסמען. זיין לעצטער טאַט אין תפיסה פון פרען, דעקט זיך פולשטענדיק מיט דער ליניע פון יענע מוסטער־קעמפערס, וואָס שטאַרבן מיט געווער אין האנט. זיין עקסהומירטער קערפּער איז געוואָרן אידענטיפיצירט און באערדיקט אין משפּחה־קבר. מיין פריינד שפּרינגער איז נאָכן טויט דעקאָרירט געוואָרן מיט אן אויסצייכענונג פון דער בעלגישער רעגירונג. זיין פרוי פלאָרע איז

אַרעסטירט געוואָרן דעם זעלבן טאָג און איינגעזעצט אין ליאָן. דערנאָך האָט מען זי איבערגעפירט אין דער טורמע פון פרען און פאַראורטיילט צום טויט. זי איז אומגעקומען אין יולי 1943, אין בערלין.

אין דעם זעלבן ליאָן, ווו בראש פון דער געסטאַפּאָ איז געשטאַנען דער באַרימטער באַרביע, זענען אויך אַרעסטירט געוואָרן יוסף כץ, אַ ברודער פון הלל און מיין לאַנגיאָריקער חבר יחזקאל שרייבער. דער ערשטער, ווי דער צווייטער, האָבן נישט געהאַט וועלכע ס׳איז שייכות צום רויטן אָרקעסטער. יוסף האָט ביי מיר פאַרלאַנגט מיטצואַרבעטן. איך האָב אָפּגעזאָגט, ווייל כ׳האָב נישט געוואָלט, אַז צוויי ברידער פון אַ פאַמיליע וואָס איז מיר געווען זייער נאָענט, זאָלן אין איין צייט ריזיקירן זייער לעבן.

ווי פיל אַנדערע פון מיינע אונטערערדישע קאַמפּס־ברידער, האָב איך אויך שרייבערן געקענט פון ארץ־ישראל. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־קעמפער, אָבער נישט קיין קאָנפאָרמיסט. ער האָט זיך נישט געשטערט צו קריטיקירן די אָפּיציעלע ליניע פון דער פּאַרטיי און דערפאַר נישט נושא־חן געווען ביי די פּאַרטיי־דאָקטרינערן. מ׳האָט אים אָפּגעזאָגט צו גיין זיך שלאָגן ווי אַ פרייוויליקער אין שפּאַניע, מחמת ער איז נישט געווען גענוג אויסגעהאַלטן מיט דער ״פּאַרטיי־ליניע״.

ווען איך בין אין זומער 1940 געקומען קיין פּאַריז, זענען מיינע ערשטע טריט געווען אויפצוזוכן שרייבערן. ער האָט געהערט צו די סאַמע אַנגאַזשירטע און טעטיקע חברים, אַז ער זאָל אויפגעבן דעם קאַמף. כ׳האָב זיך דערוווּסט פון זיין פרוי רעגינאַ, אַז אין יאָר 1939 האָט ער אויפגעשטעלט אַן אונטערנעמונג פון אויפקויפן אַלטע אויטאָס, וואָס האָט אים באַדאַרפט דינען אַלס ״דעקונג״ אין צייט פון מלחמה. די צענטראַלע אין מאָסקווע האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט און אים געשיקט אַ יונגן סאָוועטישן אָפיציר מיט דעם מאָדנעם נאָמען ״פריץ״, וואָס האָט באַדאַרפט באַשטימט ווערן אַלס געשעפט־פירער. ליידער איז פריץ געווען נאָך ווייניקער פעיק, ווי די אַנדערע שליחים פון דער צענטראַלע. אַ געוויסן טאָג אין האַרבסט 1939, ווען צוויי פּאָליציי־אינספּעקטאָרן האָבן אָפּגעשטאַט אַ געוויינלעכן וויזיט אין גאַראַזש (וואַרשיינלעך, ווייל שרייבער האָט פיגורירט אין דער קאַרטאָטעקע פון פרעמדע), איז דער ספּעציעלער שליח, וואָס האָט בעת דעם פּאָליציישן באַזוך זיך געפונען אין אַ הינטער־צימער, געשפּרונגען דורכן פענצטער און געלאָפן — ווי אינטעליגענט! — באַהאַלטן זיך אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע, דערציילנדיק, אַז ער האָט זיך קוים געראַטעוועט פון אַ פּאָליצייאישן איבערפאַל.

דער פאַרבינדונג־אַגענט פון פריצן אין דער אַמבאַסאַדע, איז אין דער געהיים־דינסט געווען אַזאַ ״ווירטואָז״ ווי פריץ, וואָס האָט נישט אויסגעפונען עפּעס בעסערס, ווי איינצושרייבן אין זיין טאַשן־ביכל דעם טעלעפאָן־נומער און אַדרעס פון שרייבערס אונטערנעמונג. היות ער האָט זיך געפונען אונטער דער אָבסערוואַציע פון פראַנצויזישן קאָנטר־שפּיאָנאַזש, ווי אַלע אָנגעשטעלטע פון דער אַמבאַסאַדע,

איז ער א געוויסן טאָג פאַרהאַלטן געוואָרן פון דער פּאָליציי אויף עטלעכע שעה און געוואָרן רעווידירט.

דער לאָגישער המשך פון אומדערפאַרענע אַמאַטאָרן: נאָכן אונטערשרייבן דעם דייטש־סאָוועטישן פּאַקט, איז שרייבער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער פּאָליציי און פאַרשיקט אין א לאַגער אין ווערנע. ווען די דייטשן זענען אריין, האָט זיך שרייבער נאָך אלץ געפונען אין דעם לאַגער. כ'האָב באַשלאָסן צו העלפן אים אַנטלויפן און וועגן דעם דערציילט סוסלאָפּאַראָוון (איך דערמאָן, אַז סוסלאָפּאַראָוו איז געווען דער סאָוועטישער מיליטער־אַטאַשע ביי דער ווישי־רעגירונג). ער האָט געענטפערט, אַז ער וויל דאָס בעסער אַדורכפירן מיט לעגאַלע מיטלען, אַרויפשטעלנדיק זיין נאָמען אויף דער ליסטע פון סאָוועטישע בירגער, וועלכע ער גרייט זיך פאָרצושטעלן פאַר די דייטשן, כדי צו באַקומען זייער באַפרייונג. אָבער שוין צו שפּעט. שרייבער איז טאַקע באַפרייט געוואָרן, נאָר די מלחמה פון דייטשלאַנד מיטן ראַטן־פאַרבאַנד האָט אים געטראָפן אין מאַרסיי, איידער ער האָט באַוויזן צו נעמען די שיף קיין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו אין מאָסקווע האָבן געוווינט זיין פרוי רעגינע און זיין טאָכטער. ער איז אַוועק אין אונטערערד און דערשאָסן געוואָרן בעת זיין אַרעסט. פאַראַן א צווייטע ווערסיע, אַז מ'זאָל אים האָבן פאַרשיקט אין א קאָנצענטראַציע־לאַגער און ער איז דאָרט אומגעקומען. אַלנפאַלס, נאָך דער מלחמה איז ער מער נישט דערשינען.

יוסף כץ איז אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע... אויב כ'האָב די ביידע פאַלן דערמאָנט, איז דאָס דערפאַר, ווייל איך גלויב, אַז זיי ביידע זענען פאַראַטן געוואָרן דורך דעם זעלבן פאַרשוין, אַטאָ שומאַכער.

שומאַכער האָט געהערט צו דער קליינער חבורתא פון צווייפלהאַפטע פאַרשוינען, וואָס דער שונא שיקט זיי אריין אין א "נעץ", כדי זי צו צעשטערן פון אינעווייניק. כ'האָב אַלע סיבות צו גלויבן, אַז ער איז דורך דער געסטאַפּאָ אריינגעפירט געוואָרן ווי א "טערמיט" (א וואָרעם וואָס צעפרעסט דאָס האָלץ פון אינעווייניק) אינעם רויטן אָרקעסטער. דאָס האָט ער געדונגען די ווירונג, אין וועלכער ס'איז אַרעסטירט געוואָרן ווענצעל. טראָץ אַלע דערוואַרטונגען, איז ער נישט געוואָרן באַאומרויקט. נאָך דער ליקווידאַציע פון דער בעלגישער גרופּע, איז ער געקומען קיין פּאַריז, ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי אָרלעט הימבער־לאָראָש, די פאַרבינדלערין צווישן מיר און האַרי ראָבינסאָן. אין נאָוועמבער 1942, טראָץ מיין פאַרבאָט, איז ער אַוועק קיין ליאָן און זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט שפּרינגערן (וועמענס העלדישע האַלטונג כ'האָב פריער געשילדערט) און מיט זשערמען שניידער. אין דעצעמבער איז ער צוריק געקומען צו אָרלעטן און ביי איר פאַרלאַנגט צו טרעפן זיך מיט ראָבינסאָנען (ס'איז שוין אויך באַקאַנט מיט וויפל פּאָליצייאישע כוחות די דייטשן האָבן אים אַרעסטירט). אָרלעט האָט זיך לכתחילה געוואַקלט און לסוף מסכים געווען אים צו באַקענען מיט אונדזער פריינד: זי איז שוין מער נישט צוריק געקומען.

אָרלעט הימבער־לאָראָש, א מיטגלידערין פון רויטן אָרקעסטער, האָט זיך

פארליבט אין דעם פּראָוואָקאַטאָר, ארייַנגעשיקט פון קארל גירינג און זיין באנדע...
זי איז געווען א וווּנדערלעך צארט מיידל, וואָס האָט אויך איבערגעלאָזן שיינע לידער. 1)

---

1) אין 1946 איז אין די אויסגאבן פון "רעאליטע" דערשינען א זאמלונג פון אירע פּאָעמעס, מיט אן אריינפיר פון שארל ווילדראק. "... דאָס איז געווען אין זומער 1941, ווען אַרלעט הימבער-לאַראָש האָט אנגעהויבן קומען צו מיר און ווייזן אירע פּאָעמעס. זי האָט פון מיר דערוואַרט מיינע אָפּשאַצונגען און עצות... סוף 1942 האָט זי איבערגעגעבן מיין הויז-וועכטערין א גרויסן קאָנווערט: זי האָט מיר אָנפארטרויט אלע אירע פּאָעמעס, איבערלאָזנדיק פאר מיר צו טרעפן, פאר וואָס זי האָט דאָס געטאָן. כ'האָב זי מער נישט געזען..." ווארשיינלעך, האָט זי פארגעפילט איר גורל, ווען זי האָט אין פרילינג 1939 געשריבן:

אויך איך וואָלט באגערט,
איבערלאָזן מיין אראָמאט
אויף דער ערד

און מאכן אזוי, אז די מענטשן,
מיינע ברידער,
זאָלן אין מיר געדענקען...

18 דער אויסנאַם־געפאַנגענער

דעם 25סטן נאָוועמבער 1942, נאָך דער נאַכט פון מיין ערשטער אויספאָרשונג, האָט זיך פאַר גירינגן געשטעלט די פראַגע פון מיין ווייטערדיק בלייבן אין אַרעסט. די פראַגע האָט אַנטהאַלטן צוויי מאָמענטן: ווו און ווי אַזוי?

ווו, און ווי אַזוי... ער דאַרף צוטראַכטן און געפינען אַ געצוג איזאָלירט אָרט, ווו דער סוד פון מיין אַרעסט זאָל זיין איינגעהיט און גלייכצייטיק זאָל נישט מעגלעך זיין פון דאָרט צו אַנטלויפן און קאָמוניקירן זיך מיט דער אויסערלעכער וועלט.

אין אַזאַ פאַל ווי דער רויטער אָרקעסטער, איז דער לעצטער פונקט פון אַ באַזונדערער חשיבות. אויף דעם געביט האָט די זאָנדערקאָמאַנדאַ געליטן אַ סך דורכפאַלן. איר איז קיין מאָל נישט געלונגען פולשטענדיק צו איזאָלירן די געפאַנגענע אַגענטן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין די תפיסות פון די אָקופּירטע שטעט, זענען אָפט פאַרבליבן די וועכטער פון פאַר דער מלחמה. איז נישט געווען קיין זעלטנהייט צו אינפאָרמירן דורך זיי די ווידערשטענדלער און איבערגעבן ידיעות, אפילו ווען זיי גופא זענען נישט געווען פאַרבונדן מיט וועלכער ס'איז "נעץ". איך האָב שוין דערמאָנט די אומשטענדן, אין וועלכע די וועכטער פון דער סאַן־זשיל תפיסה אין בריסל האָבן אונדז אינפאָרמירט וועגן דעם גורל פון די אַרעסטירטע פון דער אַטרעבאַט־גאַס.

די אַרעסטירטע פון רויטן אָרקעסטער אין פראַנקרייך, זענען געווען גרופּירט אין אַ באַזונדערן פליגל אין פרען. ביים איבערפירן, האָט מען זיי פאַרדעקט די קעפּ מיט אַ קאַפּישאָן. ס'איז געווען שטרענג פאַרבאָטן די אַרעסטירטע צו באַוועגן זיך אינערהאַלב דער תפיסה. זייער אידענטיטעט איז נישט געווען באַקאַנט דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע און אַנדערע דייטשע אינסטאַנצן. יעדער מיטגליד פון דער זאָנדערקאָמאַנדאַ האָט געהאַט די אויפזיכט איבער איינעם, אָדער עטלעכע ספּעציעל פאַר אים צוגעטיילטע אַרעסטירטע און אים איז געווען פאַרבאָטן צו אינטערעסירן זיך מיט אַנדערע. נאָך מיין אַרעסט, זענען די פאָרזיכט־מיטלען נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן.

אָנהייב אָקטאָבער, ווען די זאָנדערקאָמאַנדאַ איז אָנגעקומען קיין פּאַריז, האָט זי זיך איינגעאָרדנט, ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, אין דעם הויז אויף סאָסיי־גאַס,

דאָס פריערדיקע זיץ־אָרט פון דער פראנצויזישער זיכערהייט־פּאָליציי. זי האָט פארנומען דעם פערטן שטאָק. דעם 26סטן נאָוועמבער האָט מען מיך אראָפּגעפירט אין דער נידער, ווו ס׳האָבן זיך פריער געפונען די פּאָליצייאישע פינאנס־ביוראָען. דאָ, אין דעם אָרט, האָט מען געהאט בדעה מיך צו האלטן ״אינקאָגניטאָ״. צו דעם צוועק האָבן זיי אייגנעאָרדנט צוויי גרויסע צימערן ווי א קאמער פאר אן ״אויסנאם געפאנגענעם״. דאָס ערשטע צימער איז געוואָרן פונאנדערגעטיילט מיט קראטן מיט א טיר. פון איין זייט האָט זיך געפונען א טישל מיט צוויי שטולן, פאר צוויי ס.ס. אונטער־אָפיצירן, וואָס האָבן מיך געהיט טאָג און נאכט. אין צווייטן טייל, וואָס איז געווען באשטימט פאר מיר, האָט זיך געפונען א פּריטשע, א טישל און צוויי שטולן. אויך אין דעם טייל צימער איז געווען א פענצטער מיט קראטן, וואָס איז ארויסגעגאנגען אין גאָרטן. די איינגאנג־טיר איז געווען געפּאנצערט. נאָך צוויי אָדער דריי טעג, איז אין בערלין אויסגעארבעט געוואָרן א רעגולאמין וועגן דעם אופן, באציונגען און פליכטן, וועלכע די וועכטער דארפן אָנווענדן לגבי מיר. דאָס איז געווען א מייסטערווערק פון דייטשער ביוראָקראטיע: זיי איז געווען פארבאָטן אויסצורעדן מיט מיר א וואָרט, אָדער ענטפערן אויף פראגן וואָס כ׳וועל שטעלן.

נאָך דעם ווי מ׳האָט מיך ״איינגעאָרדנט״, האָט קארל גירינג מיר פאָרגעשטעלט דעם מענטש, וואָס איז ספּעציעל באשטימט געוואָרן ער זאָל זיך מיט מיר פארנעמען: ווילי בערג. ער קאָן צו מיר קומען ווען ער וויל און רעדן וואָס ער וויל, און זיך פארנעמען מיט מיין באשפייזונג, וועלכע מ׳האָט געבראכט דריי מאָל אין טאָג פון דער נאָענטער מיליטערישער קאנטינע. יעדן טאָג האָט ער מיך באגלייט בעת מיין טעגלעכן שפּאציר אין אינערלעכן גאָרטן.

ווילי בערג וועט פארנעמען א וויכטיק אָרט אין ווייטערדיקן גאנג פון אונדזער געשיכטע... ער איז געווען נידעריק, פעסט געבויט, געהאט א פול געזיכט און קרעפּטיקע הענט צו קלאַפּן, ווען נייטיק. ער האָט שווער געטראָגן אויף זיך זיינע פופציק יאָר. ער איז געווען פון א דורכשניטלעכער אינטעליגענץ, צוגעפּאסט צו דער צווייטראנגיקער ראָל, וועלכע ער האָט געשפּילט נאָך גירינגן. ווי א פריינד און פארטרויונגס־מאן פונעם שעף פון דער זאָנדערקאָמאנדאָ, איז ער געווען דער איינציקער צו טיילן זיינע סודות און אמביציעס, דער איינציקער וועמען ס׳זענען געווען באקאנט די ענינים פון דער ספּעציעלער גרופּע און די צוגרייטונגען צו דעם גרויסן שפּיל. א פּאָליציי־מאן פון בארוף, האָט ער נאָך ביים קייזער אָנגעהויבן זיין קאריערע, זי פאָרגעזעצט אין דער ווייימארער רעפּובליק און איצט געהאלטן ביים ענדיקן זיין דינסט פאר אדאָלפן. מ׳האָט אים אָפט אָנפארטרויט אויסצופירן דעליקאטע און פארדעכטיקטע שליחותן. אזוי, למשל, האָט ער באלאנגט צו ריבענטראָפּס לייב־וואך, בעת ער איז געפאָרן קיין מאָסקווע אונטערשרייבן דעם דייטש־סאָוועטישן פאקט.

אין דער ליטעראטור, געווידמעט דעם רויטן אָרקעסטער, האָבן אייניקע אָנגעגעבן, אז בערג איז געווען א דאָפּל־אגענט, וואָס האָט מיך אינפאָרמירט וועגן אלע דעציזיעס פון דער זאָנדערקאָמאנדאָ. דאָס איז פולשטענדיק פאלש, א צוגעטראכטע היפּאָטעזע: עס וואָלט געווען צו שיין!

וואָס ס׳איז יאָ זיכער, אַז איך האָב לכתחילה פאַרגעפילט פון מיינע קאָנטאַקטן מיט אים, אַז כ׳וועל זיך קאָנען מיט אים באַנוצן. כ׳האָב אויך באַמערקט, אַז ער באַליידיקט זיך שנעל, אַז דער אַדיוטאַנט פון דעם שעף פון דער זאַנדערקאָמאַנדאָ איז אַן אומגליקלעכער מענטש, וועמען דאָס פּערזענלעכע לעבן האָט צוגעטיילט בלויז דורכפאַלן. אין דער צייט פון דער מלחמה, זענען צוויי פון זיינע קינדער געשטאָרבן פון דיפטעריע, דאָס דריטע קינד איז אומגעקומען פון אַ באָמבאַרדירונג אין זיין וווינונג, וועלכע איז אין גאַנצן צעשטערט געוואָרן. זיין פרוי, וואָס האָט די אַלע נאָכאַנאַנדיקע אומגליקן נישט געקענט איבערטראָגן, האָט געפּרוּווט באַגיין זעלבסטמאָרד און לסוף פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ משוגעים־אַנשטאַלט. ער איז געווען זייער דערשלאָגן גייסטיק. סוף 1942, האָט ער, ווי זיין פריינד גירינג, שוין געצווייפלט אין דעם ענדגילטיקן ניצחון פון דריטן רייך. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, אין זיינע האַנדלונגען אין די ראַמען פון דער זאַנדערקאָמאַנדאָ, לאָזן אָרט פאַר צוויי עווענטואַליטעטן: אויב די מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן לטובת דעם ראַטן־פאַרבאַנד און אירע פאַרבינדעטע, זאָל ער אין דעם פאַל קאָנען באַווייזן זיין מענטשלעכע באַציונג צו מיר, אַז ער האָט פאַרלייכטערט מיין אויפגאַבע אין דעם גרויסן שפּיל. אויב ווידער דאָס דריטע רייך וועט אַרויסגיין ווי דער זיגער, זאָל ער זיך קאָנען אַרויסשטעלן ווי דער גרויסער העלד אין קאַמף קעגן די ״קאָמוניסטישע צעשטערערס״. ווילי בערג איז נישט לאַנג געוואָרן אַ מיטגליד אין דער נאַצי־פּאַרטיי און זיך באַנוצט מיט דער אָנגענומענער היטלעריסטישער פראַזעאָלאָגיע. ער איז געווען סקעפּטיש לגבי זייער פּאָליטיק. דעם תמצית פון זיינע ״אידעאָלאָגישע ווידויים״ וועלכע ער האָט מיר אָנפאַרטרויט, לאָזט זיך רעזומירן אויף פאָלגנדן אופן: ״איך בין געווען אַ פּאָליציי־מאַן אין קייזערס צייטן, דער זעלבער פּאָליציי־מאַן בין איך געווען אין צייט פון דער ווייַמאַרער רעפּובליק, איצט בין איך אַ היטלער־פּאָליציסט, און מאָרגן קאָן איך אַזוי גוט אויך דינען דעם טעלמאַן־רעזשים״...

אין די ערשטע טעג פון מיין אַרעסט, האָב איך אונטערן אויסרייד פון דערגענצן מיינע קענטענישן אין דער דייטשער שפּראַך, פאַרלאַנגט ביי ווילי בערגן איבערצוגעבן מיין ביטע צו באַקומען אַ ווערטערבוך, אַ בלייער, פּאַפּיר און אויך צייטונגען. מיין ביטע איז געוואָרן גינסטיק דערליידיקט. דאָס האָט דערוועקט אַ האָפענונג — אַ ביסל אַ זינלאָזע, בין איך מודה — אַז כ׳וועל קאָנען איבערשיקן באַריכטן דער צענטראַלע... ווען און ווי אַזוי — האָב איך נישט געהאַט די מינדעסטע אָנונג. דערווייל אָבער האָבן מיר צוגעגעבן אומגעהויערן מוט די צוויי מאָמענטן, וואָס פילן אויס די חלומות פון יעדן אַרעסטירטן: האָבן מיט וואָס צו שרייבן, און די האָפענונג אַז אפשר וועט זיין אַ מעגלעכקייט צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט.

פאַרשטענדלעך, אַז כ׳וועל גאָרנישט קאָנען שרייבן, כל־זמן די שומרים וועלן מיך האַלטן אויפן אויג. די וואַך האָט זיך געביטן צוויי מאָל אין טאָג: זיבן אין דער פרי און זיבן אָוונט. יעדעס מאָל האָבן זיך באַוויזן נייע פּנימער... די ס.ס. אונטער־אָפיצירן, ווען זיי האָבן זיך באַקענט מיטן רעגולאַמין, זענען געווען דערפון

אזוי שטארק באאיינדרוקט, אז לאנגע שעהן האָבן זיי אויף קיין סעקונדע נישט אראָפּגעלאָזן פון מיר דאָס אויג. אז כ׳זאָל דאָך קענען עפּעס טאָן, איז געווען בייטיק, אז די שומרים זאָלן פארבלייבן די זעלבע. דאָס איז געווען מיין איינציקע האָפענונג, איך זאָל מיט זיי אָנבינדן א קאָנטאקט. כ׳האָב באשלאָסן צו רעדן דערפון מיט קאַרל גירינג.

— זייט מסכים, — האָב איך געזאָגט — אז איר האָט פארדאָפּלט די געפאר, אז מיין ארעסט זאָל נישט אויף לאנג בלייבן א סוד, ווייל אין משך פון צוויי וואָכן האָבן פופציק שומרים זיך געביטן אין מיין קאמער. אויב צווישן זיי געפינט זיך נאָר איין פּלאפּלער — און דאָס, בין איך, פּראָפּארציאָנעל גענומען, אן אָפּטימיסט, וועט מען שוין וויסן, אז אן ״אויסנאם־ארעסטירטער״ געפינט זיך אויף רי־דע־סאָסיי!

דער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ איז געוואָרן באאיינדרוקט פון מיין אָפּענער, איראָנישער באמערקונג. פון יענעם טאָג אָן, זענען נאָר זעקס מענטשן צוגעטיילט געוואָרן מיך צו היטן.

מיינע באציונגען מיט בערגן זענען פון טאָג צו טאָג געוואָרן פריינדלעכער. ביסלעכווייז, בעת אונדזערע טעגלעכע שפּאצירן, וועלכע האָבן, אגב, דערנענטערט אונדזער ״פריינדשאפט״, האָבן זיך ביי אים ארויסגעכאַפּט ברעקלעך פון געהיימע ידיעות, וועלכע כ׳האָב צוזאמען געשטעלט, ווי קינדער שטעלן צוזאמען די טיילן פון א שפּילצייג — און מיר געגעבן א בילד פון די כוונות פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, געעפנט זייערע פּלענער. געוויסע טונקעלע פּונקטן זענען פאר מיר געוואָרן קלאָרער. בערג איז אזוי ווייט געגאנגען אין זיין דערציילן, אז ער האָט מיר איבערגעגעבן, וואָס קומט פאָר אין די הויכע פּאָליצייאישע קרייזן אין בערלין. ער האָט זייער געשיקט געקאָנט מאנעווירן מיט וואָגיקע באמערקונגען... א געוויסן טאָג, זאָגט ער מיר, אָן א שמץ פון איראָניע:

— הערט זיך איין, אָטאָ, כ׳האָף, אז מיר וועלן דערגיין צו גוטע רעזולטאטן און די מלחמה וועט זיך אין קורצן ענדיקן... אויב צופעליק וועט א דייטשער עקזעקוציע־פּלוטאָן דיך פירן צום ווענטל, וועל איך קומען דיר דריקן די האנט און זאָגן צום לעצטן מאָל — אדיע!

כ׳האָב אים געענטפערט אין זעלבן נוסח:

— אויב א סאָוועטישער עקזעקוציע־פּלוטאָן וועט דיך פירן צום ווענטל, וועל איך קומען, איך פארזיכער דיר, דריקן די האנט און זאָגן צום לעצטן מאָל — אדיע!

אין דער אנדערער העלפט דעצעמבער, האָבן עטלעכע ארעסטירטע פון רויטן אָרקעסטער פּרובירט באגיין זעלבסטמאָרד אין דער תפיסה פון פרען. פון בערלין איז אָנגעקומען א באפעל צו בינדן זיי די הענט אויף הינטן. מיט מיר האָבן זיי געטאָן א חסד און דערלויבט, אז מיינע הענט זאָלן זיין געבונדן פון פאָרנט. אין די באדינגונגען איז געווען אוממעגלעך אפילו איין וואָרט אָנצושרייבן... כ׳האָב זיך פארקלאָגט פאר בערגן אין שייכות מיט דער פאראָרדענונג. מיט א רחמנות־געפיל זאָגט ער מיר, אז ער ווייסט זייער גוט ווי שווער ס׳איז צו שלאָפן מיט

געבונדענע הענט. ער האָט מיך אויסגעלערנט ווי אַזוי מאַנעווורירן, אַז כ׳זאָל באַפרייען די רעכטע האַנט. מײַנע שומרים, וואָס האָבן געגלויבט אַז כ׳בין געבונדן ווי אַ בהמה, זענען זיך רויק אײַנגעשלאָפן. יעדע נאַכט, צווישן צוויי און דריי אַ זייגער, אַ שעה וועלכע כ׳האָב באַטראַכט פאַר די פּאַסיקסטע צײַט, האָב איך אָנגעשריבן מײַנע באַריכטן אויף קליינע שטיקלעך פּאַפּיר.

ווען כ׳האָב אויפמערקזאַם געמאַכט בערגן, אַז מײַן פּריטשע איז צו קורץ און צו האַרט צום שלאָפן, האָט ער ווידער אַמאָל געהאָלפן... און אַרײַנגעשטעלט אַ ניי אײַזערן בעטל מיט אַ גוטן מאַטראַץ. איך האָב באַמערקט, אַז די פיר פּיס פון בעטל, זענען געמאַכט פון פּוסטע רערן — אַ זעלטענער "אוצר" פאַר אַן אַרעסטאַנט.

עטלעכע טעג נאָך מײַן "אײַנאָרדענען" זיך, האָבן מיך באַזוכט דריי ס.ס.־אָפיצירן, דאָקטוירים, וואָס האָבן מיך אונטערזוכט פון קאָפּ ביז פיס. כ׳האָב זיך נאָכגעפרעגט בײַ בערגן די סיבות פון דער אונטערזוכונג. ער האָט אויפגעקלערט:

— דאָס איז פעסטצושטעלן אײַער פיזישן מצב און אויף וויפל איר זײַט פעיִק אויסצוהאַלטן אַ "פאַרשטאַרקטע" אויספאָרשונג... — וואַרשײַנלעך זענען זיי געווען באַאײַנדרוקט פון מײַן הויכן בלוט־דרוק, פון מײַן האַרץ־קראַנקייט, די נאָכווייען פון מײַן הונגער־שטרייק אין ארץ־ישראל. כ׳בין געווען נײַגעריק צו וויסן וועגן דעם מערער: — זיי זענען געקומען צום אויספיר, — האָט צוגעגעבן בערג, — אַ דאַנק די אַנטראָפּאָלאָגישע אויסמעסטונגען, אַז איר זײַט נישט קיין ייִד — און קאַרל גירינג איז דערפון געווען באַגײַסטערט...

איך האָב זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן פון געלעכטער. פיל שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, ווי אַזוי גירינג איז דערגאַנגען צו די אויספירונגען: ער האָט געהאַלטן, אַז דער פאַקט וואָס איך בין אַן עכטער אַריער, וועט אים פאַרלײַכטערן צו באַקומען די הסכמה פון בערלין צו דער פּערספּעקטיוו פון דעם "גרויסן שפּיל". אין די הויכן ספערן, וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיט מײַן פאַל, וואָלט זיך געשטעלט די פראַגע: וועלכן צוטרוי קאָן מען האָבן צו דעם וואָרט פון אַ "יודע"? וועלכע מיטאַרבעט איז מעגלעך אײַנצושטעלן מיט אַ פאַרשטייער פון דער "פאַרשאָלטענער ראַסע?"

גירינג האָט זיך געגייטיקט אין אַן אַריער. זײַנע אויפקלערונגען האָבן פאַרמאַגט הומאָר. אין מײַנע שמועסן מיט אים, האָב איך אים, אַגב אורחא, אויך דערציילט, אַז איך בין געבוירן בײַ ייִדישע עלטערן, אַז מ׳האָט מיך געמלט תיכף נאָך מײַן געבוירן. זײַן תשובה אויף דעם האָט מיך שטאַרק פאַרוווּנדערט:

— איר מאַכט מיך אויפריכטיק שמייכלען... ס׳איז אַ באַווײַז, אַז די סאָוועטישע געהיים־דינסט האָט געטאָן זייער אַ גוטע אַרבעט! איר ווייסט, אין אָנהייב פון דער מלחמה האָבן מיר געשיקט אין די פאַראייניקטע־שטאַטן אַגענטן — און כּדי צו פאַרלײַכטערן זייער אַרבעט, האָבן מיר זיי מלא געווען. ווען זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן פון אַמעריקאַנער קאָנטער־שפּיאָנאַזש, האָט מען זיי לײַכט דעמאַסקירט, ווײַל די "אָפּעראַציע" איז נאָך געווען צו פריש!

גירינג איז אויף אַזוי פיל געווען אַנגעזאַפּט מיט די געשיכטעס און מאַנעווערן פון די שפּיאָנאַזש־אַגענטן, אַז ער האָט מיין אויטענטישן פאַל אויסגעטייטשט מיט דער געשיקטקייט פון כירורגישן מעסער אין די הענט פון די טעכניקער און ספּעציאַליסטן פון דער סאָוועטישער שפּיאָנאַזש־דינסט. נאָך מער, איך האָב אים פיל מאָל איבערגעחזרט, אַז איך בין אַ ייד. פון דעם איז געדרונגען, אַז אַ מענטש וואָס איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ און זיך אויסגעגעבן ווי אַ ייד, האָט נישט געקאָנט זאָגן עפּעס אַנדערש, ווי אַ ליגן...

גירינג האָט ענדלעך זיך אונטערגענומען אַדורכצופירן אַן אויספאָרשונג. אין דער וווינונג פון גראָספּאַגעלס פרוי אין בריסל, האָט מען געפונען מיינעם אַן אַלטן פוילישן פּאַספּאָרט, מיט וועלכן כ׳האָב זיך באַנוצט אין 1924 אין ארץ־ישראל, מיט די ריכטיקע פּרטים: לעאָפּאָלד טרעפּער, געבוירן־דאַטע — 23סטער פעברואַר 1904 אין נאָווי־טאַרג. אין דעצעמבער 1942 זענען די "חכמים" פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ אַוועק קיין נאָווי־טאַרג אויפצוזוכן מיינע שפּורן. אין דער דעפּעשע, וועלכע זיי האָבן געשיקט באַריכטן פון זייער שליחות, קלערן זיי אויף, אַז זיי האָבן גאָרנישט געקענט געפונען, ווייל לויט זייערע ווערטער, איז "די שטאָט געוואָרן אויסגערייניקט פון די יידישע ווערעם און דער בית־עולם איז צעאַקערט..."

גירינג האָט זיך פּאַרפעסטיקט אין זיין איבערצייגונג, אַז איך בין נישט קיין ייד. ווען די סאָוועטישע געהיים־דינסט האָט מיך געשיקט קיין ארץ־ישראל, האָט מען מיך "פאַבריצירט" פאַר אַ ייד. טרעפּער איז אַן אויסגעטראַכטער נאָמען! דאָס וויכטיקסטע פאַר מיר איז געווען, אַז די געסטאַפּאָ זאָל נישט אַנטדעקן מיין קאָמוניסטישן פּסעוודאָנים: לייב דאָמב.

די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט געהאַט איר אייגנאַרטיקן אופן פון אָפּהיטן "סודות": אויף דער טיר פון מיין קאַמער, פאַר וועלכע עס זענען דורכגעגאַנגען יעדן טאָג צענדליקער און צענדליקער מענטשן, האָבן זיי אַרויסגעהאָנגען אַ שילדל מיט אַזאַ אויפשריפט: "פּאַרזיכטיק! אויסנאַם געפאַנגענער, איינגאַנג פאַרבאָטן!" איך האָב זיך שפּעטער דערוווסט, און דאָס האָט מיך נישט געוווּנדערט, אַז ביי די געסטאַפּאָ־מיטאַרבעטער אין גאַנץ פּאַריז האָבן צירקולירט קלאַנגען וועגן אַן "אויסנאַמלעכן סאָוועטישן געפאַנגענעם". ביי מיינע שומרים האָט די נייגעריקייט אָפּטמאָל איבערגעוואויגן די דיסציפּלין... אפילו די דייטשישע! מ׳האָט זיי אַזוי פיל אָנגעזאָגט זיי זאָלן נישט צו מיר אויסריידן קיין וואָרט, און פאַר זיי איינגעשטעלט אַזאַ דראַקאָנישן רעזשים ביים היטן דעם "אויסנאַם־געפאַנגענעם", אַז נאָך אַ געוויסער צייט, האָבן זיי נישט געקענט מערער אויסהאַלטן און דאָך אָנגעבונדן אַ שמועס מיט מיר. זיי האָבן דאָס געטאָן שפּעט אין דער נאַכט, ווען זיי זענען געווען זיכער, אַז קיינער וועט זיי נישט איבעררייסן. אָנגעהויבן צו ערשט דעם שמועס אַרום און אַרום און ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען צום ענין, געוואָלט וויסן וואָס מערער. מיר האָבן געשמועסט אין משך פון אַ שעה אָדער צוויי — און די קליינע שמועסן אויף פאַרשידענע טעמעס, האָבן מיר געבראַכט פיל נוצן. צוויי פון זיי זענען געווען פּשוטע אידיאָטן און איבערגעגעבענע הענקער־קנעכט. די אַנדערע (איך דערמאָן, אַז דאָס זענען געווען די לייט פון וואַפן־ס.ס.) זענען געשיקט

געוואָרן אין דער זאַנדערקאָמאַנדאָ, אָבער זיי האָבן נישט ארויסגעוויזן איבעריקע טריישאַפט צום נאַציזם. פאַרשטענדלעך, אז אויף א באַפעל, וואָלטן זיי זיך נישט געוואקלט אויסצופירן א פארברעכן, מיך אומברענגען אויפן אָרט. דאָך איז מיר געלונגען איינצושטעלן מיט צוויי פון זיי א געוויסע באַציונג פון סימפּאַטיע. כ׳דערמאָן זיך דער עיקר אין דעם וואָס האָט געהערט צו א רעליגיעזער סעקטע. ער האָט מיר אמאָל דערקלערט, אז האַלטנדיק א גאַנצע נאכט שמירה ביי מיר, האָט ער גלייכצייטיק געבעטן פאר מיין נשמה! ער האָט מיר אפילו פאַרגעלייגט איבערצוגעבן דורך אים א בריוול פאר מיין משפּחה...

19 "די שעה פון נקמה איז נאָענט"

אלע פּרווון פון גירינגן אַנצובינדן א קאָנטאקט מיט דער אַנפירונג פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָן מיין מיטהילף — זענען דורכגעפאַלן. היות אָבער ער איז נישט געווען דעצידירט צו נעמען אויף זיך די ריזיקע אויסצונוצן מיין מיטאַרבעט, האָט ער געשפּילט די לעצטע קאַרט וואָס איז אים געבליבן: צווינגען לעאָ גראָספּאָגעלן און הלל כּצן צו ריידן.

אין משך פון גאַנצן חודש דעצעמבער, האָבן די לייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ געפּייניקט גראָספּאָגעלן. זיי האָבן געגלויבט, אז היות ער איז געווען מיין אַדיוטאַנט, זענען אים באַקאַנט די וועגן, ווי אַזוי דערגרייכן צו דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט זיי כּסדר געענטפערט דאָס זעלבע, וואָס מיר האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט: אַז ער האָט זיך פאַרנומען נאָר מיט געשעפטלעכע פראַגן און אַלע אַנדערע ענינים איבערגעשיקט צו מיר. די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט איר שענדלעכן שאַנטאַזש: אָדער גיסט אונדז איבער אַלע ידיעות, אָדער מיר ברענגען אום דיין פרוי מיט דיין קינד פאַר דיינע אויגן. ער האָט אפילו נישט קיין פינטל געטאָן מיטן אויג, נאָר רויק, מיט א קאַלטבלוטיקייט וואָס האָט, לויט דער עדות פון בערגן, שטאַרק באַאיינדרוקט די דייטשן גופא, געענטפערט:

— איר קאָנט אָנהייבן ביי מיר, ביי מיין פרוי, ביי מיין קינד, דאָס האָט נישט קיין שום באַדייטונג. איר וועט ביי מיר גאָרנישט אַרויס באַקומען!

גירינג און זיינע געוויסנלאָזע אַגענטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז פון לעאָ וועלן זיי זיך גאָרנישט דערוויסן. איך גלויב איצט, אַז די לייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, געפּייניקט זיך פּנים־אל־פּנים מיט אַזאַ שטאַרקן כאַראַקטער, האָבן אפילו מוותר געווען פון צו פּייניקן אים. פון מיין זייט האָב איך דערקלערט גירינגן, אַז אויב ער וועט אים פאַרפּייניקן, וועל איך זיך פילן באַפרייט פון מיינע פאַרפליכטונגען לגבי דעם "גרויסן שפּיל". לעאָ איז אומבאַדינגט נייטיק פאַר אונדזערע פּלענער, האָב איך אים געזאָגט, ווייל פריער אָדער שפּעטער וועט זיך די צענטראַלע אין מאָסקווע דערוויסן, וואָס פון אים איז געוואָרן. דורכפאַלנדיק מיט לעאָ גראָספּאָגעל, האָט זיך די זאָנדערקאָמאַנדאָ גענומען צו הלל כּצן, וועמען זי האָט געוואָלט אויסנוצן ווי א פאַרבינדונגס־אַגענט מיט זשיליעטן. פיל שפּעטער, אין אַפּריל 1943, ווען איך

האָב זיך געפונען מיט הללן אין דער תפיסה פון נויאַי, האָט ער מיר דערציילט פון די יסורים וועלכע ער האָט געהאַט אויסצושטיין — אַן אמתער גיהנום.

די פאַרביסנקייט פון די הענקערס קעגן כצן לאָזט זיך דערקלערן דערמיט, וואָס רייכמאַן האָט זיי, אָן שום ספק, אינפאָרמירט וועגן דעם אָרט, וועלכן אונדזער פריינד האָט פאַרנומען אין רויטן אָרקעסטער. לכתחילה האָבן זיי פּרובירט אים נעמען מיט חניפה, פאַרלייגנדיק, ער זאָל זשיליעטן איבערגעבן דעפּעשן, וועלכע איך זאָל כלומרשט האָבן "רעדאַגירט", כדי זיי איבערוווייזן דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי...

— אַטאָ איז מיין שעף, — האָט הלל געענטפערט. — נאָר זיינע באַפעלן וועל איך אויספירן...

די לייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ האָבן געענדערט די סטראַטעגיע און צוריק אָנגעווענדט זייערע שענדלעכע מעטאָדן: געדראָאט אומצוברענגען זיין פרוי מיט זיינע צוויי קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אין פּאַלאַץ ביעראָן, באַוואַכט דורך רייכמאַנען. נאָר אַן אומזיסטע טירחה! הלל כץ האָט אויך דאָס מאָל אָפּגעוואָרפן קאַרל גירינגס אָנבאָטן. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן אומאויפהערלעכע, אכזריותדיקע פייניקונגען. דער באַפעלער אדורכצופירן די פייניקונגען איז געווען רייזער, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער פּאַריזער זאָנדערקאָמאַנדאָ. די דייטשן האָבן געביטן די טאַקטיק און פאַרלאַנגט פון כצן, ער זאָל זיי אַלץ אַרויסגעבן וואָס ער ווייסט וועגן רויטן אָרקעסטער. זיי האָבן געפילט, אז כץ ווייסט א סך. אין דער אמתן, האָט ער טאַקע געוווּסט פון אַלץ. ער איז געווען אָריענטירט אין אַלע וויכטיקע סודות. צען לאַנגע טעג האָט ער זיך געפונען אונטער שרעקלעכע פייניקונגען. דערנאָך האָט אים איבערגענומען צו פייניקן דער פּאַטענטירטער סאַדיסט עריק יונג. היות כץ האָט זיך נישט איינגעבראָכן, האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט פון בערלין א ספּעציאַליזירטע גרופּע פון "אויספאָרשערס", דיפּלאָמירטע פאַכלייט פאַר עינויים, א גענגסטער־באַנדע מיט פאַרבלוטיקטע הענט. הלל האָט זיי אומדערמידלעך געענטפערט, ווי מיר האָבן געהאַט באַשטימט נאָך פאַר אונדזער אַרעסט:

— ווענדעט זיך צו אַטאָן, נאָר ער קאָן אייך אינפאָרמירן וועגן אַלעם. איך בין געווען בלויז א קליינער אָנגעשטעלטער אין "סימעקס". מיך האָט מען נישט באַטייליקט אין די סודות...

נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן די פייניקונגען, האָט ער פּרובירט באַגיין זעלבסטמאָרד, מיט איבערשניידן זיך די אָדערן פון דער האַנט. גירינגס אַגענטן האָבן אים נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו ענדיקן מיט זיך.

אין דער צייט האָט גירינג זיך געפונען אין בערלין. צוריק קומענדיק, האָט ער געטראָפן כצן אין א שרעקלעכן צושטאַנד און געפּרוווט פאַריכטן די איניציאַטיוון פון זיינע אונטערגעאָרדנטע. גירינג האָט געוווּסט, אז הלל קען אים זיין נוצלעך אין דעם גרויסן שפּיל, און אז אָן מיין דערלויבעניש — וועט ער נישט ריידן, ס'וועט נישט גיין אָן מיר. ער איז געווען געצוווּנגען ראַפינירט צו פאַרשטיין, אז א מענטש וואָס האָט נאָך אַזעלכע פייניקונגען זיך נישט איינגעבראָכן און אויך נישט געוואַקלט זיך צו מאַכן א סוף צו זיין לעבן, קאָן נישט זיין קיין

מיטארבעטער בגוואלד. האָט ער געשיקט ווילי בערגן מיר זאָגן, אז די דעציזיע וועגן פייניקונגען פון מיין פריינד, איז געוואָרן אָנגענומען אָן אים, און ביי מיר פארלאנגט, כ׳זאָל זאָגן כצן אז ער דארף גיין צו זשיליעטן. פאר דעם צוועק האָט ער צוגעגרייט א טרעפונג צווישן אונדז ביידע. גירינג האָט פארלאנגט, אז נאָר בערג זאָל בייוווינען די טרעפונג, אָן אן איבערזעצער. כץ האָט נישט גערעדט קיין דייטש און בערג האָט נישט געקענט קיין פראנצויזיש. האָב איך פאָרגעשלאָגן, אז מיר זאָלן ריידן יידיש. גירינג האָט מסכים געווען, און זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אז דערמיט האָט ער אונדז געגעבן אן אויסערגעוויינלעכן שאנס: אין גאנג פון שמועס, האָב איך זיך באמיט אריינצוּוואָרפן עטלעכע העברעישע ווערטער, מיט וועלכע כ׳האָב אים איבערגעגעבן מיינע עצות און אָנווייזונגען.

פיל טעג זענען אדורך, איידער מיר האָבן זיך באגעגנט. גירינג האָט אָפּגעשלעפּט די קאָנפראָנטאציע. כ׳האָב פארשטאנען, אז ער וויל געווינען צייט, כדי דערמעגלעכן, אז די ווונדן פון מיין פריינד זאָלן זיך א ביסל פארהיילן...

כ׳וועל נישט פארגעסן דעם מאָמענט, ווען כ׳האָב דערזען אָנקומען הללן. מ׳האָט אים אריינגעפירט אין ביוראָ, ווו כ׳האָב געוואַרט מיט בערגן. ער איז נישט געווען צום דערקענען. אין משך פון איין חודש וואָס כ׳האָב אים נישט געזען, האָט ער זיך פארוואנדלט אין אן אנדערן מענטש. ער האָט זיך צו מיר דערנענטערט, ארויפגעפאלן אויף מיין האלדז און אויסגעבראָכן אין א געוויין. ער איז געווען אָן ברילן און ארום די אויגן איז די הויט געווען צעשניטן...

— זע — זאָגט ער מיר, — זע וואָס זיי האָבן פון מיר געמאכט — זיי האָבן מיר אריינגעהאקט די גלעזער אין די אויגן. און איצט — זע מיינע הענט!

ער האָט אויפגעהויבן זיינע פארוואונדעטע הענט מיט די ארויסגעריסענע נעגל, ארומגעבונדענע מיט באנדאזשן. ער האָט זיך דערנענטערט צו מיר גאָר נאָענט און מיט שטאָלץ איינגערוימט אין אויער:

— איך האָב קיין וואָרט נישט געזאָגט!

בערג, וואָס איז די גאנצע צייט פארבליבן אין א זייט און נישט אדורכגעלאָזט קיין איין פּרט פון דער סצענע, האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס זענען נישט מיר, — האָט ער געמורמלט. — דאָס איז דער סאדיסט יונג!

בארויקן מיין פריינד, אים שטארקן און צוגעבן מוט, ווען ער געפינט זיך אין אזא מעמד, וואָס פאר א נסיון! דאך האָב איך אים געזאָגט, ווי מעגלעך מילדער נאָר אנטשלאָסן:

— בארויק זיך, הלל, די שעה פון נקמה דערנענטערט זיך!

מיר האָבן פארבראכט צוויי שעה צוזאמען. בערגן האָט מען פיל מאָל גערופן צום טעלעפאָן. איך האָב אויסגענוצט די קורצע מאָמענטן און אויפגעקלערט הללן, וואָס ער דארף יאָ טאָן ביי זשיליעטן.

ביים סוף האָט זיין מארטירעריש פנים זיך אויסגעלייטערט. מיר וועלן פון ס׳ביי קאָנען ווירקן און דער ווילן גובר צו זיין וועט פארדאָפּלען אונדזערע כוחות.

20 פיר טרעפונגען מיט זשיליעטן

פרוי זשיליעט מוסיע איז תמיד געווען טריי אויף איר פּאָסטן. פרוי זשיליעט האָט זיך גוט געהאַלטן, וואָס האָט באַדייט אַרויסווייזן אויסערגעוויינלעכן מוט, נישט נאָכגעבן, ווען מען געפינט זיך אין די הענט פון שונא — און דאָס אַליין שטעלט שוין מיט זיך פאָר אַן אַקט פון העלדישקייט. אָבער קעגנשטעלן זיך און בלייבן אויפן אָרט, נישט טוענדיק דערביי קיין ציטער, ווען מען ווייסט, אַז מ׳ווערט נאָכשפּיאָנירט און די געפאַר אַרעסטירט צו ווערן שוועבט אומאויפהערלעך איבער דיר און אַרום דיר, אַז יעדע מינוט קענען "זיי" קומען — דאָס איז שוין אַ העלדישקייט פון גאָר אַן אַנדערן פאַרנעם.

פרוי זשיליעט האָט געוווּסט, אַז מען בייטיקט זיך נאָך אין איר, איז זי פאַרבליבן ביזן סוף, ווי אַן אמתע קעמפערין. כ׳האָב מיט איר געהאַט אָפּגערעדט, צוליב פאַרזיכטיקייט וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומבאַדינגט נייטיק, אַז יעדער וואָס וועט קומען אין מיין נאָמען, דאַרף איר ווייזן אַ רויט קנעפּל (דערמאָנט זיך, אַז רייכמאַן איז פון איר אַוועק אָן "אָפּגעשמיסענער", ווייל ער האָט נישט געוווּסט פון דעם פּרט). כ׳האָב פאַר איר נישט באַהאַלטן דעם אמת, געוואָרנט זי, אַז די קאָנדיטעריי ווערט אוודאי נאָכשפּיאָנירט, ס׳איז אָבער נייטיק זי זאָל פאַרבלייבן. פון דער צווייטער זייט איז אויך נייטיק — האָב איך צוגעגעבן — זי זאָל איבעררייסן אַלע אירע פאַרבינדונגען מיט די חברים פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. פערנאַן פּאַריאַל, וועמען כ׳האָב איבערגעגעבן פון דעם אַלעם, וועט ווייטער זי האַלטן אויפן אויג.

כץ האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער "גייט" מיט זיי. דאָס האָב איך אים געהייסן טאָן, בעת אונדזער טרעפונג אין דער אַנוועזנהייט פון בערגן. צוריק קומענדיק פון דער שליחות, זאָל ער דערציילן, אַז זשיליעט האָט אים זייער גוט אויפגענומען, נאָר זי האָט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זי וועט זיך באַמיען צוריק געפינען די פאַרבינדונג אין אין אַ וואָך אַרום אים געבן אַן ענטפער. פון דעם צווייטן באַזוך דאַרף הלל קומען מיט אַ פּאָזיטיווער תשובה, אַז דער פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי איז מסכים אויף דער טרעפונג, נאָר נישט זייענדיק באַפרייט פון חשד, פאַרלאַנגט ער, אַז דאָס זאָל זיין איך, וואָס זאָל אים ברענגען די ידיעה. כ׳האָב צונויפגעשטעלט די גאַנצע פּראָצעדור, כדי צו

צווינגען קארל גירינג, ער זאָל מסכּים זיין אַז איך זאָל גיין צו זשיליעטן. אויף דעם אופן וועל איך סוף־סוף קאָנען באריכטן דער צענטראַלע אין מאָסקווע.

צו וואָס איז געווען נייטיק דאָס גיין און קומען? כּדי די זאַך מאַכן מער באַגלייביק אין די אויגן פון גירינגען און זיינע שעפן אין בערלין...

גירינג איז נישט געווען גרייט צו אנגאזשירן כצן אין דער אָפּעראַציע און מיר אָנפּאַרטרויט די סיבות:

— אויף וויפל כץ וואָלט געווען דער אידעאלער "מיטארבעטער", איידער ער איז אדורכגעגאנגען דורך די הענט פון אונדזערע מענטשן, אויף אַזוי פיל צווייפל איך איצט, צי וועט ער אונדז נישט אָפּטאָן א שפּיצל... ווי קען מען זיין זיכער מיט א מענטשן, וועלכן מען האָט אַזוי שווער געפּייניקט, אַז ער וועט נישט טאָן דאָס קאַפּויערדיקע וואָס מען דערוואַרט פון אים...

אין גרונט גענומען, איז דאָס געווען לאָגיש. איך האָב זיך באַמיט אים צו באַרויקן:

— איר ווייסט, כץ מאַכט נישט דעם איינדרוק פון א פאַרעטער. ער איז א גרויסער אָנהענגער פון א סעפּאַראַטן שלום — און דאָס וועט דיקטירן זיין האַנדלונג.

גירינג איז פאַרבליבן ביי זיינע פאַרבאַהאַלטן. ער האָט פאַרגעלייגט הללן אונטערצושרייבן א דעקלאַראַציע, אין וועלכער ער ווערט געוואָרנט, אַז אין פאַל ווען ער וועט אַנטלויפן, אָדער וואָרענען זשיליעטן, וועלן זיין פרוי, די קינדער און איך דערשאָסן ווערן.

הלל האָט זיך נישט באַאומרויקט און אונטערגעשריבן די דעקלאַראַציע.

מערערע טעג פאַרן באַזוך פון כצן אין דער קאָנדיטעריי זשאַקען, נאָענט פון פּלאַץ שאַטעלע, איז די זאָנדערקאָמאַנדאָ געווען אין א צערייצטן צושטאַנד. רייזער האָט אונטערגענומען אַן אַקציע אין גרויסן מאַסשטאַב: די גאַנצע געגנט איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן. גרופּן פון געסטאַפּאָ־אַגענטן אין זייערע שוואַרצע "סיטראָען"־אויטאָמאָבילן, האָבן באַזעצט די אַרומיקע גאַסן ווי אין אַלאַרם־צושטאַנד.

אַלץ איז אַדורך כּשורה. הלל, באַגלייט פון בערגן, אין אַריין אין געוועלב און צוריק אַרויס מיט א פּעקעלע זיסוואַרג — אַזאַ, וואָס מ'האָט געקענט באַקומען אין אָקופּאַציע־צייט — און דערציילט גירינגן דאָס וואָס מיר האָבן אָפּגעשמועסט ער זאָל אים זאָגן. א צווייטע טרעפונג איז געווען פאַרויסגעזען אויפן קומענדיקן שבת. גירינג האָט אַרויסגעוויזן זיין צופרידנקייט און באַשלאָסן, אַז דאָס קומענדיקע מאָל וועט כץ איבערגעבן זשיליעטן א ידיעה פאַר דער צענטראַלע אין מאָסקווע, אין וועלכער ער וועט פאַרזיכערן, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג; די גרופּע איז נישט געשעדיקט; מען קאָן ווייטער אָנגיין אויפן זעלבן וועג.

מיר איז געלונגען איבערצוצייגן גירינגן, אַז כ'דאַרף פאַרלייגן דער אָנפירונג אין מאָסקווע, זיי זאָלן איבעררייסן אַלע פאַרבינדונגען אין משך פון א חודש צייט, מחמת איך וואָלט נישט אַנדערש געהאַנדלט, ווען כ'וואָלט געווען אויף דער פריי. פאַר מיר איז געווען וויכטיק, אַז דער צוגאָבלעכער חודש זאָל דערמעגלעכן זשיליעטן צו פאַרשווינדן (איך וועל אין דעם זין איר געבן אָנווייזונגען, ווען כ'וועל

זיך מיט איר טרעפן). מיין קאָנטאַקט מיט איר האָט אויסגעזען צו זיין אויף א גוטן וועג, נעמענדיק אין אכט, אז צוריק קומענדיק פון זיין צווייטן באזוך, וועט כץ זאָגן גירינגן, אז דאָס קאָן נאָר צושטאנד קומען, אויב איך פּערזענלעך וועל איבערגעבן די ידיעה.

מיין באריכט דאַרף זיין גרייט. די ארבעט, וועלכע האָט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען גענומען נאָר עטלעכע שעה, האָט אין מיין איצטיקער לאַגע, ווען כ'האָב זיך באַדאַרפט שפּילן אין באַהעלטעניש מיט מיינע שומרים, געפאָדערט א סך צייט. אָט דער קליינער שפּיל מיט מיינע שומרים, האָט נישט געטאָרט ליידן פון אימפּראָוויזאַציע, כ'האָב אים געמוזט אויספירן מיט גענויער פּינקטלעכקייט. איך האָב געמוזט זיך פּאַרווערן צו ארבעטן בייטאָג, נישט אזוי צוליב די וועכטער, וואָס זענען געוווען געוווינט מיך צו זען לערנען די דייטשע שפּראַך, ווי צוליב דער נייגעריקייט פון בערגן, וואָס האָט געקאָנט דערשיינען צו יעדער צייט. איז מיר פאַרבליבן נאָר די נאַכט (דאָס ליכט האָט כסדר געברענט, ווייל כ'האָב געליטן פון שלאָפלאָזיקייט, האָט מען מיר דערלויבט צו לייענען). כ'האָב לייכט געקאָנט טאָן די ארבעט צווישן צוויי און דריי ביינאַכט, ווען די שומרים זענען געשלאָפן, אָנגעשפּאַרט די קעפּ אויפן טיש... ווערליק דעם רעגולאַמין, האָבן זיי אומאויפהערלעך באַדאַרפט מיך אָבסערווירן דורך די שטאַכעטן און זען וואָס איך טו, אָבער פאַקטיש האָבן זיי דאָס נישט געטאָן. כ'האָב אפילו געהאַט א מעגלעכקייט שנעל צו באַהאַלטן מיינע פּאַפּירן אונטער דער קאָלדרע. כ'האָב געשריבן אויף אויסגעשניטענע שטיקלעך פּאַפּיר פון די צייטונגען, מיט קליינטשיקע אותיות, באַנוצנדיק א געמיש פון יידיש, העברעיש און פּויליש, כדי אין פאַל ווען מען אַנטדעקט דעם באַריכט, זאָל נעמען צייט, ביז זיי וועלן אַלץ איבערלייענען. כדי איבערצייגן די צענטראַלע אין מאָסקווע, האָב איך באַדאַרפט שילדערן די געשעענישן כראָנאָלאָגיש, פון דעם 13טן דעצעמבער 1941. איך האָב צונויפגעשטעלט א גענויע ליסטע פון די ארעסטן, אונטערשטרייכנדיק די דאַטעס, ערטער און אומשטענדן. כ'האָב דערציילט, וואָס נאָר מיר איז געווען באַוווּסט וועגן דער אויפפירונג פון די מיטגלידער פון דער נעץ, נאָך זייער ארעסט. כ'האָב אויסגערעכנט אלע ראַדיאָ־זענדערס, וואָס זענען אריינגעפאַלן אין די הענט פון שונא, די דורכגעפאַלענע דעפּעשן, די דעקאָנספּירירטע קאָדן. כ'האָב אויך געגעבן, ווי מעגלעך, פולשטענדיקע אויפקלערונגען וועגן דעם "גרויסן שפּיל", זיינע פּאָליטישע און מיליטערישע צילן און די מיטלען וועלכע ווערן באַנוצט. לסוף איז געקומען די ליסטע פון די אלע פּערזאָנען, וואָס זענען באַדראָאָט ארעסטירט צו ווערן.

אין צווייטן טייל פון מיין באַריכט האָב איך פאָרגעלייגט צוויי מעגלעכע פּאָרמען פון רעאַגירן:

ערשטע מעגלעכקייט — אויב די צענטראַלע האַלט פאַר נייטיק פּאָרצוזעצן דעם "גרויסן שפּיל" און נעמען אין איר האַנט די איניציאַטיוו, דאַרף מאָסקווע אונדז אַרויסשיקן דעם 23סטן פעברואַר 1943 א באַגריסונג צום יום־טוב פון דער רויטער אַרמיי און צו מיין געבורטסטאָג.

צווייטע מעגלעכקייט — אויב די צענטראַלע האַלט פאַר נייטיק נישט

פּאַרצוזעצן דעם "גרויסן שפּיל", זאָל זי דאָך ממשיך זיין, אין פאַרלויף פון א חודש־צוויי, צו שיקן זענדונגען, כדי נישט ארויסרופן פארדאכט מיט א פלוצימדיקן איבעררייס פון די קאָנטאַקטן.

אויסער דעם האָב אויך אָנגעשריבן א פּערזענלעכן בריוו צו זשאַק דיקלאָ, אין וועלכן כ'האָב אויפגעקלערט די ערנסטקייט פון דער לאַגע. איך האָב אים געבעטן, אז מיין באריכט זאָל דערגיין דירעקט צו דימיטראָוון — און ער וועט עס שוין איבערגעבן דער אָנפירונג פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּארטיי. כ'האָב אויך איבערגעגעבן א רשימה פון צוואַנציק פּערזאָן, וועלכע מען דאַרף תיכּף באוואָרענען אויף א זיכערן אָרט. פון די ערשטע אויף דער ליסטע זענען געווען די נעמען פון פּערנאַן פּאַריאַל און זשיליעט.

אין משך פון דער צייט האָט די זאַנדערקאָמאַנדאָ צוגעגרייט די צווייטע טרעפונג צווישן כּצן און זשיליעטן. גירינג האָט נישט געוווסט, אין וועלכער שפּראַך און לויט וועלכן קאָד דאַרף רעדאַגירט ווערן דער בריוו פאַר דער צענטראַלע אין מאָסקווע. קענט האָט אים געזאָגט, אז פאַר די דעפּעשן, איבערגעוויזענע דורך דער קאָמוניסטישער פּארטיי, האָבן מיר באנוצט באזונדערע ציפערן. כ'האָב עס קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט. בלית־ברירה האָט גירינג באשלאָסן זיך צו באנוצן מיט די ציפערן פון קענטן און רעדאגירט א דעפּעשע אין רוסיש. דאָס איז געווען א צוגאָבלעכער אָנווייז פאַר דער צענטראַלע: מיינע ידיעות זענען תמיד געווען געשריבן אין דייטש, מיט פאַרהוילענע טינט און שיפרירט מיט דעם קאָד פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי.

די צווייטע טרעפונג צווישן כּצן און זשיליעטן איז פאָרגעקומען לויט דעם זעלבן סצענאַריאָ: אָפּשליסן די געגנט און א שטאַרקע באוואכונג. גירינג איז געווען איבערצייגט, אז זשיליעט וועט אָננעמען די דעפּעשע פון כּצן. ווי גרויס איז געווען זיין איבעראַשונג, ווען ער האָט געזען צוריק קומען כּצן מיטן דער דעפּעשע און א צוגאָב — א פּעקעלע צוקערקעס... מיט א שמייכל, וואָס וואָלט געקאָנט איבערצייגן א פראנציסקאנער אז ער איז אן אטעיסט, האָט כּץ דערציילט, ווי ס'איז געווען פאַרויסגעזען, אז די חברים זענען זייער באזאָרגט וועגן מיין גורל, ווייל ס'האָבן אָנגעהויבן צירקולירן קלאַנגען וועגן מיין ארעסט, און זשיליעט האָט באקומען א פאַראָרדענונג נישט אָנצונעמען קיין שום זענדונג, אויב זי וועט אים נישט באקומען פערזענלעך פון מיר. כּץ האָט אויף יעדן פאַל באשטימט אן וועגנטועלע טרעפונג צווישן זשיליעטן און מיר. קאַרל גירינג, דענערווירט דערפון, פרעגט מיין מיינונג:

— מיך וווּנדערט דאָס גאָרנישט, — האָב איך אים רויק אויפגעקלערט — שוין צוויי חדשים, ווי איר האָט מיך ארעסטירט און פון דעמאָלט האָט מען מיך אין ערגעץ נישט געזען. כ'האָב נישט געגעבן קיין סימן פון לעבן, די פאַרבינדונגען מיט דער קאָמוניסטישער פּארטיי זענען איבערגעריסן. איך האָב אייך פיל מאָל געוואָרנט, אז איר ריזיקירט, דאָס די געשעעענישן זאָלן אננעמען א פאַרקערטע ריכטונג. אויך איר, אויפן אָרט פון א קעמפער פון דער פראנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָלט אין אזא לאַגע געהאַט ערנסטע פארדאכטן. דאָס וואָס קומט איצט

פּאַר, איז אייער שולד. איר האָט נישט געוואָלט מיין מיטאַרבעט אין דעם "גרויסן שפּיל" — איצט איז אַלץ איינגעשטעלט.

ער האָט מיר געענטפערט, אין אויסברוך פון אויפריכטיקייט, אַז אייגנטלעך האָט ער גלייך פון אָנהייב געוואָלט מיין מיטאַרבעט, נאָר די שעפן אין בערלין האָבן זיך קעגנגעשטעלט, הגם ער האָט אין אַלע זיינע ראַפּאָרטן אָנגעוויזן אויף מיין גוטן ווילן. אין בערלין האָבן זיי געהאַט א חשד, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט פּרובירן מיך באַפרייען מיט כוח.

— אַלנפאַלס, — האָב איך אים דערווידערט, — אויב מיין טרעפונג מיט זשיליעטן וועט נישט צושטאַנד קומען פון היינט אין א וואָך אַרום, קענט איר זאָגן "אַדיע" דעם "גרויסן שפּיל". וואָס שייך מיר, פאַרלאַנג איך, מען זאָל מיך איבערפירן אין דער טורמע פון פרען.

נאָך דעם שמועס, איז גירינג געפלויגן קיין בערלין. עטלעכע טעג שפּעטער איז ער צוריק געקומען מיט דער הסכמה פון זיינע שעפן. בעת זיין אָפּוועזנהייט, האָב איך יעדן טאָג געהאַט לאַנגע, פריינדלעכע שמועסן מיט בערגן, וועמען גירינג האָט פאַראָרדנט אויסצופאַרשן מיינע אמתדיקע כוונות. ביי דער געלעגנהייט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז הימלער איז פּערזענלעך פאַראינטערעסירט אין דעם "גרויסן שפּיל". פאַר מיר איז דאָס געווען א צוגאָבלעכער באַווייז, אַז דער ענין האַלט שמאָל.

די אַקציע מיט זשיליעטן מוז געלינגען. פאַר מיר איז געוואָרן קלאָר, אַז אין פאַל פון א דורכפאַל, וועלן אַלע אַרעסטירטע פון רויטן אָרקעסטער אומגעבראַכט ווערן.

מיין גאַנץ לעבן האָב איך געטאָן דאָס אוממעגלעכסטע צו פאַרהיטן מענטשלעכע לעבנס. אָבער פאַר דער וויכטיקייט פון דעם איצטיקן געראַנגל, האָב איך אויף קיין איין מינוט נישט געצווייפלט, אַז איך האָב רעכט צו ריזיקירן מיטן לעבן פון מיינע חברים. פאַראַן מאָמענטן, ווען אַלע אחריותן לייגן זיך אוועק אויף די פּלייצעס פון איין מענטש. כ'האָב נישט געקאָנט דערוואַרטן קיין עצה פון קיינעם. איך האָב אַליין באַשטימט — און היינט, דרייסיק יאָר שפּעטער, בין איך שטאָלץ פון מיין דעציזיע.

דאָנערשטיק אָוונט — צוויי טעג פאַר דער טרעפונג מיט זשיליעטן — האָב איך געהאַט א לענגערן שמועס מיט קאַרל גירינג. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דאָס איז פאַר אים דער לעצטער פּרוּוו. ער האָט מודה געווען, אַז אין בערלין האָט ער געהאַט פיל שוועריקייטן צו באַקומען זייער הסכמה אויף דער טרעפונג, און די גאַנצע אחריות פאַלט אויף אים.

— איך פאַרבינד זייער פיל מיט דעם דערפאָלג פון דער היינטיקער טרעפונג, ווייל אויב מיר וועלן געווינען דעם צוטרוי פון דער פּאַרטיי, וועט אַלץ בעסער אָוועקגיין מיט דער צענטראַלע אין מאָסקווע.

ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוזאָגן פאַרשידענע היפּאָטעזעס אין שייכות מיט מיין פאַרהאַלטן זיך:

— איך שליס אויס פאַראַט פון אייער זייט. יעדנפאַלס, אויב איר זענט נישט

פֿולשטענדיק איבערצייגט אין די שאַנסן פֿון אַ סעפּעראַטן שלום, האָב איך אַ חשד, אַז איר וועט אויסנוצן די טרעפֿונג מיט זשיליעטן צו וואָרענען איר, אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופֿן. איך מאַך אייך אויפֿמערקזאַם, אַז אויב איר וועט פּרובירן צו אַנטלויפֿן, אָדער וואָרענען זשיליעטן, וועל איך דערשיסן אַלע אַרעסטירטע פֿון רויטן־אָרקעסטער — די פֿון פֿראַנקרייך און די פֿון בעלגיע...

איך בין אַרויס פֿון די כּלים:

— אַזעלכע דראָונגען לגבי אַ מענטשן, מיט וועמען איר האָט בדעה צו אַרבעטן צוזאַמען, כּדי צו דערגרייכן אַ סעפּעראַטן שלום, פֿירט מיך צום געדאַנק, אַז ס'איז שוין גלייכער איר זאָלט תּיכּף אויספֿירן דאָס וואָס איך דערוואַרט אייגנטלעך, זינט מיין אַרעסט. שטעלט מיך פֿאַר אַן עקזעקוציע־פּלוטאָן!

ער האָט שוין מער נישט אָנגעווענדט קיין דראָונגען. אָבער אין דער אונטערשטער שורה האָט ער געזען די ענינים גאַנץ קלאָר. ער האָט געבלאָפֿט זיינע שפּעפּן, אַז ער האָט איבער מיר אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. ער איז שוין געווען געצווונגען צו נעמען אויף זיך די ריזיקע פֿון מיין טרעפֿונג מיט זשיליעטן, אָבער געבליבן וואַכזאַם.

די לעצטע נאַכט פֿאַר דער טרעפֿונג, האָב איך נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. כ'האָב איבערגעטראַכט אַלע מעגלעכע פֿאַלן. כ'האָב נישט געגלויבט, אַז ער וועט מיך רעווידירן, ווייל ער האָט געוווסט, אַז אין דעם פֿאַל וועל איך זיך אָפּזאָגן פֿון דער טרעפֿונג. כ'האָב זיך גיכער געשראָקן פֿאַר אַ פּראָוואָקאַציע מצד גירינגס "פֿריינד". דער שעף פֿון דער פּאַריזער געסטאַפּאָ, בעמעלבורג, און דער שעף פֿון דער פּאַריזער זאָנדערקאָמאַנדאָ, רייזער, האָבן געוואַרט אויף גירינגס מפּלה. זיי האָבן געהאַט די אויפֿגאַבע צו היטן די זיכערקייט פֿון דער טרעפֿונג. פֿאַר זיי איז געווען לייכט צו סימולירן אַ פּרווו פֿון אַנטלויפֿן און אַרעסטירן זשיליעטן. בערג האָט מיך געוואָרנט, אַז זייער פֿיל פֿון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ זענען ביי דער מיינונג, אַז דער אַרעסט פֿון זשיליעטן וועט אויפֿקלערן די לאַגע.

ענדלעך האָב איך באַשלאָסן צו גיין אויף דער טרעפֿונג מיט ליידיקע הענט. אויב אַלץ וועט אַדורכגיין כּשורה, וועל איך באַשטימען אַ צווייטע טרעפֿונג מיט זשיליעטן און איר איבערגעבן ביידע זענדונגען, מיינע און גירינגס. יענעם שבת נאָך מיטאָג איז דער הויף אויף דער סאַסיי־גאַס געווען ווי אין קריגס־צושטאַנד. אַ באַנדע געסטאַפּאָ־אַגענטן זענען אַוועק אָפּשליסן דעם פּלאַץ שאַטעלע. בערג איז געווען באַשטימט אַריינצוגיין מיט מיר אין געוועלב. כ'בין אָבער געווען איבערצייגט, אַז אויך אַנדערע אַגענטן וועלן זיך געפֿינען אין געוועלב.

זשיליעט איז געווען זייער גליקלעך מיך צו זען. מיר האָבן זיך צעקושט. דערביי האָב איך אויסגענוצט איר איינצורוימען אין אויער, אַז איך וועל אין אַ וואָך אַרום ווידער קומען און איר איבערגעבן אַ זענדונג, וועלכע זי וועט דאַרפֿן, ווי נאָר איך וועל פֿאַרלאָזן דאָס געוועלב, איבערגעבן אַן אַנדערע פּערזאָן, און ביידע וועלן דאַרפֿן גלייך פֿאַרשווינדן, ביזן סוף פֿון דער מלחמה. זשיליעט האָט אַלץ אויפֿגענומען, נישט ענדערנדיק איר נאַטירלעכן, מילדן אויסדרוק — און מיר דערלאַנגט אַ פּעקעלע שאָקאָלאַד.

נאָך מיין צוריקקער פון דער סאָסיי־גאַס, איז גירינג געווען בארויקט. ער האָט זיך בלויז געוואונדערט, הלמאי איך האָב איר נישט איבערגעגעבן די זענדונג:

— זשיליעט האָט מיר אויפגעקלערט, אַז זי פארנעמט זיך נישט מער מיט קיין פארבינדונגען. נאָר א פּארטיי־חבר, וועמען זי קען נישט פּערזענלעך, האָט זיך געפונען אין געוועלב און באַשטעטיקט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. אויף דער קומענדיקער טרעפונג וועט זי קאָנען נעמען די ידיעה — האָב איך אים דערקלערט.

די ווערסיע, וועלכע האָט אויסערלעך אויסגעזען צו זיין לאָגיש, האָט גירינגן בארויקט. ער איז געווען פולשטענדיק צופרידן פון די דריי טרעפונגען מיט זשיליעטן. די לעצטע און דעצידירנדיקע טרעפונג מיט זשיליעטן, איז באַשטימט געוואָרן אויפן לעצטן שבת פון יאַנואַר 1943, איידער מען פארמאַכט די געוועלבער. דעם אויסוואל האָב איך נישט געמאַכט צופעליק, ווייל כ'האָב געוווּסט, אַז די געשעפטן זענען זונטיק און מאָנטיק פארמאַכט, וועט אונדזער פריינדין האָבן גענוג צייט צו פארשווינדן.

אין דער נאַכט פאַר דער טרעפונג, האָב איך ארויס גענומען מיין ראַפּאָרט פון דער "אייזערנער קאַסע", די שטיקלעך פּאַפּיר באַהאַלטן פשוט אין א קעשענע און פארדעקט מיט א נאָזטיכל. גירינג איז געקומען מיך נעמען צו דער טרעפונג. מיר האָבן דעם וועג פארברענגט אין שמועסן, און אין דער זעלבער צייט, איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, אונטער זיין נאָז, גרייט געווען דער אָנצינדער. דאָס מאָל זענען די צוגרייטונגען צוגעגאַנגען פיל רויקער, די וואָך קלענער און דיסקרעטער. כ'האָבביידע ראַפּאָרטן צוזאַמען "אריינגעגליטשט" אין זשיליעטס האַנט און דערביי איר געזאָגט, אַז דער ראַפּאָרט געשריבן אויף דער שרייבמאַשין, איז פון די דייטשן און דער גרויסער ראַפּאָרט איז פון מיר — און זי זאָל ביידע איבערשיקן אין דער צענטראַלע. כ'האָב זיך מיט איר צעקושט און פאַראָרדנט זי זאָל פארשווינדן. איך האָב איר שוין מער נישט געזען. די שווערע טעג וואָס האָבן מיך דערוואַרט נאָך דער מלחמה, האָבן ביי מיר צוגערויבט די דאָזיקע פרייד.

איך בין צוריק געקומען אין מיין קאַמער מיט א לייכט געמיט. כ'בין געווען זיכער, אַז דער ראַפּאָרט וועט דערגריין ווו מען באַדאַרף און גורם זיין א ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער האַנדלונג פון דער צענטראַלע אין מאָסקווע. וועלכע דעציזיע עס זאָל נישט זיין פון דער אָנפירונג אין מאָסקווע לגבי דעם "גרויסן שפּיל", איז איין זאַך זיכער: דער שונא וועט מער נישט קאָנען אומבאַשטראָפט אויסנוצן די ראַדיאָ־זענדערס פון רויטן אָרקעסטער. די געפאַר פון פאַלשע ראַפּאָרטן איז באַזייטיקט. מיר איז מער נישט פארבליבן ווי וואַרטן אויף אַן ענטפער.

הגם גירינג איז געווען ווייניק געגויגט צו באַגייסטערונג, דאָך האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער איז צופרידן פון די דערגרייכטע רעזולטאַטן. זשיליעט האָט צוגענומען די זענדונג און ער איז געווען איבערצייגט, אַז די אַגענטן פון סאָוועטישן קאָנטר־שפּיאָנאַזש, וואָס האָבן זיך געפונען אין געוועלב, האָבן געקאָנט פעסטשטעלן, אַז איך געפין זיך אויף דער פריי.

גירינג איז געווען צופרידן. זייער גוט! איך אָבער האָב געוווּסט, אַז מיר וועט אָנקומען שווער אים אויפצוקלערן די סיבות פון זשיליעטס פארשווינדן. איך בין

געווען איבערצייגט, אַז די זאָנדערקאָמאַנדאָ וועט האַלטן וואַך ביי דער קאָנדיטעריי זשאַקען. ס'איז געווען אומבאַדינגט נייטיק, אַז זשיליעט זאָל פאַרשווינדן. כ'האָב נישט געהאַט קיין רעכט לענגער צו שטעלן איר לעבן אין געפאַר, נישט ווייניקער, ווי דאָס לעבן פון פערנאַן פאַריאַל. דינסטיק נאָך מיטאָג, אין טאָג ווען מ'האָט צוריק געעפנט די געוועלבער, איז גירינג אריין צו מיר אין קאַמער א פאַרזאָרגטער...

— איר ווייסט, — זאָגט ער — די פרוי איז נישט געקומען צו דער ארבעט...

איך, פאַרשטענדלעך, האָב פּרובירט אים באַרויקן:

— נאָך די אַלע אַרעסטן, איז דאָס א נאָרמאַלע רעאַקציע. זשיליעט האָט זיך וואַרשיינלעך געשראָקן, זי זאָל נישט האָבן צו טאָן מיט אייערע מענטשן...

דער פאַקט האָט זיך געלאָזט שווער פאַרטיידיקן, די פאַרדאַכטן ביי גירינגן זענען געוואַקסן. א וואָך שפּעטער האָט ער געשיקט אין דער קאָנדיטעריי איינעם פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, וואָס האָט גערעדט פראַנצויזיש, ער זאָל זיך דערוויסן, וואָס איז געשען מיט זשיליעטן: דער אַגענט איז צוריק געקומען מיט דער תשובה פון דער לייטערין פון געשעפט, אַז זשיליעט האָט באַקומען א טעלעגראַמע פון אירס אַן עלטערע מומע, אַז זי איז קראַנק און געמוזט צו איר פאָרן.

גירינג איז געוואָרן אַלץ מער פאַרזאָרגט...

— איר ווייסט וואָס איך טראַכט, — האָט ער מיר געזאָגט, — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געמוזט באַמערקן, אַז איר זייט נישט פריי, ווען איר האָט זיך מיט איר געטראָפן...

— איך גלויב, אַז זשיליעט האָט געהאַנדלט אין איינקלאַנג מיט איר אינסטינקט פון א פרוי. מיט זיי ווייסט מען קיין מאָל נישט... לאָמיר אָפּוואַרטן אויף דער רעאַקציע פון דער צענטראַלע, דאָס אַליין איז וויכטיק, נאָר דאָס איז דעצידירנדיק.

גירינג האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, כ'האָב אים נישט באַפרייט פון זיינע צווייפלען. מיר וועלן זען... דאָס, פאַר וועלכן כ'האָב זיך אַמיינסטן געזאָרגט, פיל מער, ווי פאַר דעם געמיט־צושטאַנד פון דעם זאָנדערקאָמאַנדאָ־שעף (אין געגעבענעם מאָמענט וועל איך תמיד געפינען א נייעם תירוץ), זענען געווען די רעאַגירונגען פון דער צענטראַלע אין מאָסקווע אויף מיין ראַפּאָרט. גאָר אָפט, ביינאַכט, בין איך באַהערשט געוואָרן פון ספיקות. איך האָב געוווסט פון אייגענער דערפאַרונג, אַז ס'איז אָפט העלדיש צו אַנערקענען די אייגענע פעלערן. און די צענטראַלע האָט אין משך פון יאָר 1942 אַזוי פיל זיי צונויפגעזאַמלט! עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַזא גרויסע צאָל פעלערן, אַז אָפּטמאָל האָב איך זיך געפרעגט, צי איז דאָס נישט צומאָל א "דורכגעטריבענער" בחור, וואָס פירט אָן מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכער ארבעט פון דער צענטראַלע, אָדער גאָר פשוט — אַן אַגענט פון שונא, וואָס האָט זיך אריין באַקומען אין דער אָנפירונג. יאָ, אין דער טיפער שטילקייט פון די לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט, וועלן געבוירן די אַלע מחשבות, פחדים און נאָסטאַלגיעס. ווי שטאַרק האָב איך באַדויערט דאָס פעלן פון בערזינען בראש פון דער געהיים־דינסט פון דער רויטער אַרמיי.

23סטער פעברואַר 1943, א דאַטע וועלכע איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן...

קאַרל גירינג איז א שיינענדיקער אריין אין מיין קאַמער, און איך הער אים

טריומפירנדיק אָנזאָגן, אַז קענט האָט אויפגעכאַפּט צוויי דעפּעשן פון דער אָנפירונג אין מאָסקווע. ער ווייזט זיי מיר — און איך לייען די ערשטע:

"צום יאָרטאָג פון דער זיגרייכער רויטער ארמיי און צו אייער געבוירן־טאָג (איך וואָלט געשריגן פאַר פרייד — עס איז געשען, די צענטראַלע איז געוואָרנט), שיקן מיר אייך אונדזערע בעסטע ווונטשן. אַלס אַנערקענונג פאַר אייערע גרויסע פאַרדינסטן, האָט די אָנפירונג באַשלאָסן פאָרצושלאָגן דער רעגירונג אייך צו באַלוינען מיט אַ מיליטערישן אָרדער".

און די צווייטע דעפּעשע:

"אָטאָ, מיר האָבן באַקומען אייער דעפּעשע, געשיקט דורך דער פאַרמיטלונג פון אונדזערע פריינד. לאָמיר האָפן, אַז די לאַגע וועט זיך פאַרבעסערן. מיר געפינען פאַר נויטווענדיק, כדי צו זיכערן אייער זיכערקייט, אָפּצושטעלן די פאַרבינדונגען דורך אונדזערע פריינד, ביז אַ נייער פאָראָרדענונג. שטעלט זיך דירעקט מיט אונדז אין פאַרבינדונג. מיר וועלן אייך אַרויסשיקן גענויע אָנווייזונגען בנוגע דער קומענדיקער אַרבעט פון דער נעץ. דער שעף".

איך האָב נישט פאַרבאַהאַלטן מיין פרייד. עס האָבן זיך געלוינט אַלע מיינע אָנשטרענגונגען. די איניציאַטיוו פון דעם "גרויסן שפּיל" איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער רויטער ארמיי.

ס'האָט געשלאָגן די שעה פון נקמה!

גירינג האָט אין גאַנצן געשטראַלט:

— אויסגעצייכנט, — זאָגט ער צו מיר — אויסגעצייכנט, מיר האָבן אַ באַוויז, אַז די צענטראַלע אין מאָסקווע האָט צוטרוי!

אין דער זעלבער צייט האָט מיין פרוי, וואָס איז געווען עוואַקוירט אין סיביר מיט די קינדער, באַקומען פון דער צענטראַלע פאָלגנדיקע ידיעה:

"אייער מאַן איז אַ העלד. ער אַרבעט פאַרן נצחון פון אונדזער פאָטערלאַנד". אונטערגעשריבן: קאָלאָנעל עפּשטיין, מאַיאָר פּאָלאַקאָוואַ, מאַיאָר לעאָנטיעוו.

21 דער גיהנום פון ברענדאַנק

ווענן גיהנום לאָזט זיך נישט דערציילן. מען דאַרף אים איבערלעבן. ס׳רוב פאַרבלייבט מען שווין אין אים. די, וואָס האָבן נישט אַדורכגעמאַכט די אַכזריותן פון דער געסטאַפּאָ, קענען זיך דאָס נישט פאָרשטעלן. די פאַנטאַזיע וועט קיין מאָל זיך נישט קאָנען אויסמאָלן די שוידערלעכקייטן, וועלכע זענען דערהויבן געוואָרן צו אַ סיסטעם. פאַר די לעבן געבליבענע פון רויטן אָרקעסטער, וואָס זענען אַרויס פון דעם גיהנום, איז נאָר פאַרבליבן דער אָנדענק פון געפּייניקטן לייב, וואָס נאָך איצט רייסט עס זיי אַרויס אין די נעכט פון שלאָף. דאָס ראָד פון דער געשיכטע דרייט זיך ווייטער, מיט נייע פאַרניכטונגען, פאַרברעכנס, פעלקער־מאָרדן און פּייניקונגען. דאָס בלוט טרוקנט גיכער אויס ווי די דרוק־פאַרב אויף די ערשטע זייטן פון די צייטונגען. אין באַוווסטזיין פון דער מענטשהייט ווערן גיך פאַרווישט דער טומל און גרויל פון דער מלחמה. נאָך מער, מען שטעלט זי פאָר ווי אַן אַמוזירנדיקע, דאַרפישע פאַרוויילונג. די ליטעראַטור, די טעלעוויזיע, דער פילם גיבן איר שענדלעכן תוך אַספּעקטן פון אומשולד, נישט פאַרטיידיקנדיק די צעטרעטענע מאָראַל. די קריגס־פאַרברעכער פּראָספּערירן און פאַרברענגען אין שווים־באַסיינען, טרינקען אין אָנדענק פון "יענע גוטע צייטן".

באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק, זענען היינט פאַראַן פיל אַדוואָקאַטן, וואָס באַמיען זיך ריינצווואַשן די ברוינע פעסט. היסטאָריקער און סצענאַריסטן נעמען אַראָפּ פון די אויסוואָרפן, פון געסטאַפּאָ־מילער, קאַרל גירינג, רייזער, פּאַנוויץ און זייערע מיטהעלפערס, די אין בלוט אייגעטונקענע קצבים־פאַרטעכער און באַקליידן זיי אין מלבושים פון דזשענטעלמענער. ווייסע הענטשקעס פאַרדעקן די פויסטן וואָס האָבן דערלאַנגט קלעפּ, זיך איזדעקעוועט, פאַרוווּנדעט און געמטשעט. וואָס ווילט איר פון זיי — שרייען די נאַיווע — פון די אַלע הויכע פונקציאָנאַרן, מיליטער־לייט, ספּעציאַליסטן פון קאָנטער־שפּיאָנאַזש? — זיי האָבן דאָך נאָר אויסגעפירט באַפעלן. ריכטיק, זיי זענען געווען געהאָרכזאַם — זיי האָבן זיך אונטערגעוואָרפן בלויז די צען געבאָט פון פאַרברעך. די טרייע דינער פון דריטן רייך שטעלט מען איצט פאָר ווי רויקע בירגער, וואָס האָבן בלויז אויסגעפירט פאַראָרדענונגען, וועלכע מ׳האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, אויסער יענע וואָס האָבן אַרויסגעוויזן גרויס אייפער ווי בלוטיקע הענקערס אין די קעלערן, ווו עס האָבן געגוסט די מאַרטירער! בלויז אויספירער, זיי האָבן בלויז אויסגעפירט.

רעהאַביליטירט מען זײ הײנט. פּרעגט־זשע בײ די לעבן־געבליבענע פון רויטן אָרקעסטער, זאָלן זײ דערצײלן וועגן דעם וואָס זײ האָבן איבערגעלעבט. מען ווערט צוריק געוואָרפן מיט גאַנצע יאָרהונדערטער, צוריק צום מיטלאַלטער, הגם דאָס איז פאַרגעקומען בסך־הכל מיט דרײסיק יאָר צוריק. די "הערן" פון דער געסטאַפּאָ באַוועגן זיך איצט פרײ און לעבן אַ גוטן טאָג. אָבער פאַר די אַרעסטאַנטן האָבן זיך די זיבן פאַרבלוטיקטע אותיות — ג ע ס ט אַ פּ אָ — אויף אײביק, ווי מיט אַ צעגליט אײַזן, אײַנגעקריצט אין זײער גוף און נשמה.

דעם 7טן דעצעמבער 1941, האָט היטלער דיקטירט זײַן באַרימטן באַפעל "נאַכט און נעפּל": "אין די אָקופּירטע געביטן, זענען דערלויבט אָנצוווענדן אַלע מאָסמיטלען לגבי די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די פאַרברעכנס קעגן דעם דריטן רײַך, מיטן ציל אַרויס צו באַקומען פון זײ ידיעות. זײ קענען דערשאָסן ווערן אָן אַ געריכט".

אין דער העלפט פון 1942 יאָר, האָבן קאַנאַריס און הימלער אונטערגעשריבן אַ פאַראָרדענונג, די אַזוי גערופענע "קאַמינטערן־ליניע", אין וועלכער זײ דערלויבן אָנצוווענדן אַלע מיטלען אויף אַרויס צו באַקומען ידיעות פון אַרעסטירטע ראַדיאָ־זענדערס, שיפרירערס און אינפאָרמאַטאָרן. דאַקעגן די שעפן פון די נעצן דאַרפן געשוינט ווערן, פאַר קײן פאַל טאָרן זײ נישט ווערן געפּײניקט. פאַרקערט, מען דאַרף אַלץ טאָן, כדי זײ אַריבערציען אויף דער דײַטשער זײַט. די צוויי דירעקטיוון האָבן פיל אינספּירירט די מיטגלידער פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. פאַר דער גאַנצער צײַט פון דער אָקופּאַציע, איז די מיליטערישע פעסטונג פון ברענדאָנק, אין בעלגיע, געווען אײנער פון די ערטער, וועלכן זײ האָבן אויסגעוויילט פאַר זײער נאַצישער באַרבאַרײ. אין דער מיליטערישער פעסטונג פון ברענדאָנק אין בעלגיע האָבן געליטן און עס זענען אומגעקומען פיל פון אונדזערע חברים.

די פעסטונג פון ברענדאָנק איז געבויט געוואָרן אין 1906, אויפן וועג וואָס פירט פון בריסל קײן אַנטווערפּן. אָנהײב מלחמה־צײַט, אין 1940, האָט ברענדאָנק געדינט, ווי דאָס זיך־אָרט פונעם הויפּט־שטאַב פון קעניג לעאָפּאָלד דער דריטער. דעם 29סטן אויגוסט איז די פעסטונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויפנעם־לאַגער און נישט קײן גאַנצן חודש שפּעטער, דעם 20סטן סעפּטעמבער, האָט דער שטורמבאַנפירער פון די ס.ס., שמידט, אַרײַנגעפירט אין דער פעסטונג די ערשטע אַרעסטאַנטן. די צאָל איז כסדר געוואַקסן (אין נאָוועמבער 1940 האָבן זיך שוין דאָרט געפונען פופציק אַרעסטאַנטן) און דערגאַנגען אין יוני 1941, בעת דעם דײַטשן אָנגריף אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, צו אַ נײַעם הויכפּונקט.

הונגער־ראַציעס, קאַטאָרגע־אַרבעט, פאַרפאָלגונגען, קלעפּ און פּײַניקונגען, זענען געווען דאָס טעגלעכע ברויט פון די אַרעסטירטע. פון סעפּטעמבער 1941, האָט די וואַך אין דער פעסטונג איבערגענומען די בעלגישע ס.ס., מיט פּאַרעטער פון אַנדערע לענדער. אײנער פון זײ האָט די פריש געקומענע אויפגענומען מיט די ווערטער: "דאָ איז דער גיהנום און איך בין דער טײַוול!" ער האָט נישט איבערגעטריבן... דער רוב פון די פאַרהאַלטענע, זענען קײנמאָל נישט געמשפּט געוואָרן. פאַר אַ טײל איז דאָס אָרט געווען נישט מער ווי אַ טראַנזיט צו אַ טויטן־

לאגער, נאָר די געסטאַפּאָ האָט געוואלט האלטן זייער ארעסט בסוד. אנדערע זענען געוואָרן אונטערגעווארפן די "אויספאָרשונגען". פאר די לעצטע האָט די ס.ס. איינגעאָרדנט דעם "בונקער", דאָס צימער פאר פּייניקונגען, וואָס האָט זיך געפונען אין א געוועזענער קאמער פון פולווער־שטויב, צו וועלכן מ׳איז צוגעקומען דורך א לאנגן, שמאָלן קאָרידאָר. אויפגעהאָנגען ביי די הענט אויף אן אייזערנע הייבשטאנג, האָבן די ארעסטירטע אדורכגעמאכט יסורים פון אן אנדערן יאָרהונדערט: דורך פינגער־שרויפן, קאָפּ־צוואנגען, עלעקטרישע נאָדלען, אָנגעגליטע אייזן־שטאנגען, האָלץ־קלינעס... אז דער קאָמענדאנט איז נישט געווען צופרידן פונעם רעזולטאט פון דער אויספאָרשונג, האָט ער אויף דעם אומגליקלעכן אָנגערייצט זיינע הינט. בעת דער עוואקואציע, האָבן די וועכטער פארווישט די שפּורן פון זייערע פארברעכנס. זיי האָבן אויסגערייניקט דאָס טאָרטור־צימער פון די קאָמפּראָמיטירנדיקע מכשירים, אָבער נישט גערעכנט זיך מיט דעם זכרון פון די לעבן־געבליבענע, וואָס האָט דערמעגלעכט, אויפן סמך פון זייער עדות־זאָגן, גענוי אויפצושטעלן דעם טאָרטור־צימער... מ׳האָט שמידטן, בעת זיין פּראָצעס, געהאלטן 24 שעה אין ברענדאָנק. ער האָט נישט ארויסגעוויזן קיין סימנים פון באדויער, נאר געהאלטן, אז אויסער די גרויל־סצענעס, האָט ער רעספּעקטירט די "ווירקלעכקייט", צוגעבנדיק פון דעסטוועגן, לשם פּינקטלעכקייט, אז די האָלץ־קלינעס, אויף וועלכע מ׳האָט געלאָזט אראָפּפאלן די אויפגעהאָנגענע ארעסטאנטן, זענען געווען עטוואָס צו הויך!

זינט דעם פאראט פון יעפּרעמאָוון, האָבן מיר פארלוירן די שפּורן פון פיל קעמפערס פון רויטן אָרקעסטער, וואָס זענען ארעסטירט געוואָרן אין בעלגיע. די דייטשן האָבן ממשיך געווען צו שיקן דעפּעשן אין זייער נאָמען און נאָך דער מלחמה האָבן די געסטאַפּאָ־לייט דערקלערט, אז זיי האָבן זיך "איבערגעדרייט" און זעצן פאָר זייער טעטיקייט... אין דער פארקערטער ריכטונג. די ווירקלעכקייט איז אָבער געווען אן אנדערע: אונדזערע ראַדיאָ־טעכניקערס, וועלכע מ׳האָט ארעסטירט און אריינגעוואָרפן אין ברענדאָנק, זענען געווען איזאָלירט און געוואָרן געפּייניקט. זיי האָבן זיך נישט באטייליקט אין קיין שום "שפּיל". אויף דעם געביט האָבן די אויספאָרשונגען, וועלכע כ׳האָב אונטערגענומען מיט דער פולער הילף פון די בעלגישע מאכט־ארגאנען, מיר געבראכט רייכע און באלערנדיקע אינפאָרמאַציעס.

איך וויל פאר אלעמען אָנהייבן מיט דעם פאל ווינטערינק. ער איז געווען, ווי דערמאָנט, שעף פון האָלענדישן רויטן אָרקעסטער. דעם 16טן סעפּטעמבער 1942 איז ער ארעסטירט געוואָרן אויפן סמך פון יעפּרעמאָווס מסירה — און פון דעמאָלט האָבן מיר פארלוירן פון אים יעדן שפּור. פיל "היסטאָריקער" פון רויטן אָרקעסטער, דער עיקר די פון מערב־דייטשלאנד, האָבן נאָך דער מלחמה געשריבן, אז אונדזער חבר האָט מסכים געווען מיטצוארבעטן מיט דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, און אין 1944 איז אים געלונגען צו אנטלויפן אין א לאַסט־אויטאָ פון שונא.[1] איך האָב נישט

1) איינער פון זיי האָט נאָך צוגעגעבן, אז ווינטערינק איז אנטלאָפן מיט דער הילף פון דער געסטאַפּאָ.

געוואָלט גלויבן אין דער טענדענציעזער ווערסיע און זיך באמת אליין אויספאָרשן דעם ענין. איך בין געווען צופרידן פון די רעזולטאַטן, מחמת דער אמת איז גאָר אַן אַנדערער: ווינטערינק איז צו ערשט אריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער טורמע סאַן־זשיל אין בריסל. דעם 18טן נאָוועמבער 1942 איז ער אריבערגעפירט געוואָרן אין ברענדאָנק. אין דער זעלבער צייט האָט זיין ראַדיאָ־זענדער צוריק אָנגעהויבן שיקן די עמיסיעס... אויב מיר זאָלן גלייבן אונדזערע "ספּעציאַליסטן" פון רויטן אָרקעסטער, האָט מען אים געצוווּנגען צו רעדאַגירן די דעפּעשן צווישן איין פייניקונג־סעאַנס און צווייטן. די וואָס זענען באמת איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די דייטשן, ווי יעפּרעמאָוו, האָבן געגעסן פון באקוועמע וווינונגען, אָן וועלכן ס'איז פאַרגלייך מיט די קאַמערן אין דער פעסטונג פון פאַרברעכן.

דעם 6טן יולי 1944, האָט מען אים צוריק געבערענגט אין דער טורמע סאַן־זשיל און אין זעלבן טאָג איז ער דערשאָסן געוואָרן. כדי צו פאַרווישן זיין טויט האָבן די הענקערס, ווי ס'איז געווען זייער געוווינהייט, אָנגעשריבן אויף זיין קבר: "אומבאַקאַנט" [1]).

איך בין ממשיך:

דער "פּיאַניסט" אויגוסט סעזע, וואָס איז אויך, אַזוי צו זאָגן, "איבערגעדרייט" געוואָרן פון די דייטשן, ווערט אַרעסטירט דעם 28סטן אויגוסט 1942 און ביז אַפּריל 1943 זיך געפונען אין ברענדאָנק. ער איז געוואָרן פאַראורטיילט צום טויט און איבערגעפירט קיין בערלין, ווו אין יאַנואַר 1943 איז דער טויט־אורטייל איבער אים געוואָרן אויסגעפירט.

איזבוצקי (באַב): דעפּעשן אין זיין נאָמען זענען כסדר געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע. אין דערווירקלעכקייט האָט מען אים נאָך זיין אַרעסט, אין אויגוסט 1942, געבראַכט קיין ברענדאָנק, ווו מ'האָט אים קאָנפראָנטירט מיט שרה גאָלדבערגס שוואָגער, מאַרקוס לוסטבאַדער. [2]) באַב איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרפּייניקט, אַז אים איז שווער געווען צו דערקענען — האָט דערציילט לוסטבאַדער נאָך זיין צוריק קומען פון אוישוויץ. איזביצקי איז געטויט געוואָרן דעם 16טן יולי 1944 אין בערלין, אין דער תפיסה פון שאַרלאָטענבורג.

אויך אַלאַמאָ און קאַמי זענען אין יוני 1942 אָנגעקומען אין ברענדאָנק. נאָך די פּייניקונגען, זענען זיי דעם 18טן פעברואַר 1943 פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורכן מיליטערישן טריבונאַל, בראש מיט רעדערן. דעם 30סטן אַפּריל איז קאַמי דערשאָסן געוואָרן און מיר איז געלונגען צו ראַטעווען אַלאַמאָ־מאַקאַראָוו. כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז זיין שוועסטער האָט געאַרבעט ביי מאַלאַטאָוון. אין אַ שמועס פאַרגעקומען אָנהייב 1943, האָב איך "אַנטדעקט" גירינגן, אַז ער איז דער קוזין

---

1) זיינע מיטאַרבעטער יאַקאָב הילבאַלינג און פרוי האָבן זיך אויך געפונען אין ברענדאָנק. יאַקאָב איז געוואָרן אומגעבראַכט אין יאַנואַר 1943, דער גורל פון דער פרוי איז אומבאַקאַנט.

2) נאָך איזבוצקיס אַרעסט האָט זיך שרה גאָלדבערג אַנגאַזשירט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, געוואָרן אַרעסטירט און דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ.

פון פּאַלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסערלעכע ענינים. דער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט דאָס איבערגעגעבן דעם מאַרשאַל גערינג, וואָס האָט באַשלאָסן אָפּצולייגן דאָס אויספירן דעם טויט־אורטייל. מאַקאַראָוו איז געוואָרן דעפּאָרטירט. אין די לעצטע טעג פון דער מלחמה, האָט מען אַנטדעקט זיינע שפּורן — ער האָט זיך געפונען אין א לאַגער נישט ווייט פון דער איטאַליעניִשער גרענעץ. באַפרייט דורך די אַמעריקאַנער, איז ער איבערגעגעבן געוואָרן דער סאָוועטישער מאַכט.

דעם 28סטן סעפּטעמבער 1942, האָט סאָפיע פּאָזנאַנסקאַ, די שיפרירערין פון אַטרעבאַט־גאַס, זיך אויפגעהאָנגען אין איר תּפיסה־קאַמער אין סאַן־זשיל.

הערש און מירא סאָקאָל זענען עטלעכע חדשים נאָך זייער אַרעסט אין מעזאָן־לאַפיט, א פאַרשטאָט אין פּאַריז, דעם 9טן יוני 1942, אויך אַוועקגעפירט געוואָרן אין דער פעסטונג פון פיִיניקונגען. פון א געוועזענער אַרעסטאַנטין אין דער פעסטונג ווייסן מיר זייער וועג פון פּיין:

”מען האָט אַנגעווענדעט אַלע פּאָליציישע מיטלען צו מאַכן מיראַן ריידעוודיק”, האָט געשריבן די פּרוי בעטי דעפּעלסענער אין איר בוך ”די ברידערלעכע סימפּאַניע”. ”נאָך לאַנגע טעג האַלטן זי מיט געשמידטע הענט אויפן רוקן, האָט מען אין דער אָנוועזנהייט פון מערערע ס.ס.־לייט איר אָפּגעשפּילט אַן אָפּשרעקונג־סצענע, כדי זי צו מאַכן ׳פאַרנונפטיק׳. דערנאָך זענען פאָרגעקומען עטלעכע ׳קאָנפראָנטאַציעס׳ מיט קלעפּ און פּייניקונגען”.

”דער אויספאָרשער האָט געבונדן מיראַן, ווי זי וואָלט געווען א ווילדע חיה, פאַרשטאָפּט איר מיט דער האַנט דאָס מויל און פאַר די האָר געשלעפּט זי איבער א שמאָלן און טונקעלן קאָרידאָר, וואָס האָט אויסגעזען ווי א קבר און געפירט אין א צימער אָן פענצטער, וואָס איז קיין מאָל נישט געוואָרן געלופטערט. א ריח פון צוגעברענט לייב און שימל איז אויפגעגאַנגען אין די נאָזלעכער און געאיבלט אויפן האַרץ. א טישל, א טאַבורעטקע איז מיט אַן אייזערנעם רינג געווען צוגעפעסטיקט און פון סופיט — א גראָבע שטריק אויף א ראָד. א טעלעפאָן־אַפּאַראַט, דירעקט פאַרבונדן מיט דער געסטאַפּאָ אין בריסל. דער אויספאָרשער באַפעלט מיראַן זיך אַראָפּלאָזן אויף די קני און אַוועקלייגן איבער דער טאַבורעטקע. די נאַהייקע פאַלט איבער איר קערפּער איין מאָל, צוויי מאָל. די פּאָליציי־לייט גיבן זיך אָפּ א רעכענונג, אַז מען מוז זיך מיט איר באַגיין האַרבער. דער לאַגער־קאָמענדאַנט, צוויי ס.ס.־לייט מיט פּאָליציי־הינט זענען אויך דאָ און דערגאַנצן דאָס בילד. נאָך דעם ווי מען האָט פון איר אַראָפּגענומען די קייטן, שליסט מען איין אירע הענט אין אַן אייזערנעם שטאַנג, צו וועלכן מען פעסטיקט צו די שטריק, ווייל אַזוי קאָן מען דעם קערפּער אויפהויבן בהדרגהדיק, אַז די שפּיץ־פינגער פון די פיס זאָלן נאָר קענען אָנרירן דעם באָדן. די שמיץ פאַלן אומאויפהערלעך אויף איר קערפּער. די נאַהייקע איז נישט געניג האַרט, נוצן זיי רימענס, און לסוף — פעסטע שטעקנס. מירא שרייט, וואָס מאַכט איר לייכטער, אָבער זי רעדט נישט. דער אויספאָרשער, א דערצאָרנטער, באַשליסט — אַרויפציִען זי העכער מיטן שטריק, אַז דער קערפּער זאָל זיך וויגן אין חלל. דער גאַנצער געוויכט פון קערפּער האַלט זיך אויף די אָרעמס און די קאַנטן פון די אייזערנע שטאַנגען שניידן זיך איין אין לייב. היות דער

קערפּער הוידעט זיך, פאַרלירן די קלעפּ פון שטעקן זייער קראַפט. אויף א צייכן פון אויספאָרשער, בינדט מען איר קערפּער, כדי אים איינצוהאַלטן אין א ווערטיקאַלער ליניע, די קלעפּ זאָלן זיך בעסער פילן. מירא קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן, זי פאַלט אין חלשות. ווען זי קומט צו זיך, דערזעט זי אירע הענט אין גאַנצן בלוי און דעפאָרמירט. זי גלייכט זיך אויס — און איז ווידער גרייט צו שטעלן א ווידערשטאַנד. דעם שונאס צאָרן לאָזט נישט לאַנג אויף זיך וואַרטן. די פריערדיקע סצענע הייבט זיך אָן פון דאָס ניי. זי פאַלט ווידער אין חלשות. אויף היינט האָבן די הענקערס געענדיקט.

אזא "באַהאַנדלונג" האָבן הערש און מירא סאָקאָל אויסגעטראָגן עטלעכע חדשים. זיי האָבן געוווּסט דעם קאָד פון זעקס הונדערט דעפּעשן, געשיקט דורך זייערע ראַדיאָ־זענדערס — און ביזן סוף געהאַלטן דעם סוד. כדי זיי איינצוברעכן, האָבן די הענקערס אויפגעצוווּנגען מיראַן און הערשן, אז יעדער איינער זאָל בייוווינען די פּייניקונגען פון צווייטן. מירא האָט געמוזט צוזען די יסורים פון הערשן, און הערש — די פּיין פון מיראַן. הערש, א קראַנקער, האָט שוין געוויגן נישט מער ווי זיבן און דרייסיק קילאָ. די דאָקטוירים פון לאַגער האָבן זיך געוווּנדערט אויף זיין ווידערשטאַנד־פעיקייט: („איר זעט, ער איז נאָך אַלץ נישט טויט, דאָס איז א פאַרהאַרטעוועטער נפש!... ס'איז וווּנדערלעך, ווי אזוי דער מענטשלעכער אָרגאַניזם קאָן אַזעלכעס אזוי לאַנג אויסהאַלטן". [1])

דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט אָבער באַשלאָסן מיט אים צו ענדיקן — און האָט עס דערגרייכט. ער האָט אויף אים אָנגערייצט די הינט, וועלכע האָבן הערשן צעריסן [2]). מירא איז אַן אויסגעשעפּטע אויסגעגאַנגען אין א לאַגער אין דייטשלאַנד.

גראָספאָגעלס פרוי, זשאַן, איז פיר חדשים געווען אינטערנירט אין ברענדאָנק, ווו זי האָט געטיילט דעם גורל פון אירע חברים. אויך מאָריס פּעפּער, דער האָלענדישער פאַרבינדונג־אַגענט, האָט זיך דאָ געפונען. ער איז דערשאָסן געוואָרן דעם 28סטן פעברואַר 1944. זשאַן זשעיסער, ביי וועמען מ'האָט געפונען א ראַדיאָ־זענדער, איז אויך דערשאָסן געוואָרן. מאָריס בעבלע, דער יורידישער עצה־געבער פון "סימעקס", האָט מערערע חדשים "פאַרבראַכט" אין ברענדאָנק, ווו ער איז פיל מאָל "איינגעלאַדן" געוואָרן אין דער טאָרטור־קאַמער, איידער זיי האָבן אים אין 1943 דערשאָסן אין בערלין. וויליאַם קרייט, מיטגליד פון דער האָלענדישער גרופּע, איז געוואָרן פאַראַשוטירט ביי זיינע דריי־און־זעכציק יאָר און מ'האָט אים פאַרהאַלטן, ווי נאָר ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. ער האָט אַראָפּגעשלונגען ציאַנקאַלי, אָבער געבליבן לעבן. די געסטאַפּאָ האָט אים געפּייניקט, ער זאָל אויסגעבן די אידענטיטעט פון צווייטן פאַראַשוטיסט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער זעלבער צייט וואָס ער. וויליאַם האָט אָבער כסדר געשוויגן... האָבן די דייטשן אים

1) ציטירט פון בעטי דעפּעלסענער.

2) די תליינים האָבן געזוכט צו פאַרמאַסקירן דאָס פאַרברעכן און פאַרשריבן אין די דייטשע אַרכיוון, אז מ'האָט אים דערשאָסן. אויף זיין קבר, ווי אויף די קברים פון דריי הונדערט ווידערשטענדלער, איז אָנגעגעבן: "דערשאָסן אויפן נאַציאָנאַלן שיס־פּלאַץ פון בריסל".

אריינגעפירט אין טויטן־קאמער, אראָפּגעריסן דאָס ליילעך וואָס האָט פאַרדעקט דעם טויטן קערפּער פון זיין חבר — דאָס איז געווען זיין אייגענער זון, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן ביים אראָפּלאָזן זיך מיטן פאַראשוט. קרייטן האָט מען געברענגט קיין ברענדאָנק און אויך אים האָט מען דערשאָסן.

אין ברענדאָנק איז אויך געפּאַרשט געוואָרן "מיט הינט" נאַזאַרען דריילי. אין 1942 איז ער געווען דירעקטאָר פון "סימעקסקאָ", אַרעסטירט געוואָרן דעם 6טן יאַנואַר 1943. מ׳האָט אים געבראַכט אין אַנטווערפּענער שפּיטאָל מיט צעפּרעסענע פיס, וועלכע מ׳האָט געמוזט אַמפּוטירן [1]. נאָך דעם ווי ער איז צוריק געקומען קיין ברענדאָנק, איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און איבערגעפירט קיין בערלין מיט דעם צוג, וועלכער האָט געפירט אויף דעפּאָרטאַציע די גרעסטע צאָל מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער, וואָס מ׳האָט אַרעסטירט אין פראַנקרייך און אין בעלגיע. מיט דעם צוג איז אויך געפאָרן זיין פרוי זשערמען. זי האָט אים געזען פירן פון צוויי געסטאַפּאָווצעס. ער איז געווען שטאַרק בלאַס, און זי האָט אים נישט דערקענט. עמעצער האָט זי אַ שטויס געטאָן מיטן עלנבויגן:

— דאָס איז דאָך אייער מאַן!

איר איז געלונגען אים צו זען פינף מינוט אין קאָרידאָר פון וואַגאָן.

— האָסט אפשר באַמערקט? כ׳האָב איין פוס קירצער פון אַנדערן — האָט ער איר געזאָגט.

זי האָט אים מער נישט געזען. דעם 28סטן יולי 1943, האָט מען אין בערלין אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. זשערמען דריילי, נאָך אַ לענגערער צייט זיין פאַרשפּאַרט אין די תפיסות פון בערלין, האָט זיך געוואַלגערט אין די לאַגערן ראַווענסבּרוק, שענפעלד, אָריאַנענבורג, ווו זי האָט געזאָלט פאַרגאַזט ווערן דעם 19טן מערץ 1945. דעם 15טן איז דער לאַגער באָמבאַרדירט געוואָרן דורך דער ענגלישער אַוויאַציע. זי איז אַנטלאָפן. הגם זי האָט נישט געקאָנט שווימען, איז זי אַדורך אַ קאַנאַל. זי האָט שפּעטער דערציילט: "כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז כ׳גיי אויפן וואַסער", די געסטאַפּאָ האָט זי ווידער געכאַפּט און פאַרשיקט אין לאַגער זאַקסענהויזן. אין די לעצטע טעג פון דער מלחמה, האָט זי אַנטייל גענומען אין טויטן־מאַרש. זי האָט דאָס איבערגעלעבט און געדענקט אַלץ...

אין דעם צוג האָבן זיך געטראָפן די אַלע וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן אין פראַנקרייך: דאָס פּאָרל קאָרבען, מאַן און פרוי זשאַספּאַר, ראָבער ברייער, סוזאַן קוואַנט, קעלער, פראַנץ און זשערמען שניידער, די גריאָטאָס — מיט אַלע אַרעסטירטע פון בעלגיע: שאַרל דריילי (ברודער פון נאַזאַרען), ראָבער קריסטען, לואי טעווענע — דער פאַבריקאַנט פון סיגאַרעטן, דער מאָלער ביל האַריקס, אַ פריינד פון אַלאַמאָן וואָס האָט אים געהאָלפן דינגען ווינונגען. העגרי ראָוך, אַ טשעך, אַ קרוב פון

[1] איינער פון די מיט־אַרעסטאַנטן האָט נאָך דער מלחמה געשריבן צו זיין פרוי זשערמאַן דריילי: "נאָך זיין אָנקומען אין ברענדאָנק האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער איז געלינטשט געוואָרן פון מאַיאָר שמידט מיט זיינע הינט, וואָס האָבן אים צעפּרעסן ביידע פיס".

מאַרגאַרעט באַרטשאַ, וואָס איז דער עיקר געווען געבונדן מיט דער ענגלישער געהיים־דינסט. מורא האָבנדיק, אַז עס וועלן פאַרווישט ווערן די תחומען צווישן די נעצן, האָט ער אין 1942 זיך צוריק געצויגן פון "סימעקס" און אין דעצעמבער דעם זעלבן יאָר ווערט ער אַרעסטירט און איז געשטאָרבן פון אויסשעפּונג אין מאַטהאַוזען.

פון די זיבן און צוואַנציק קעמפערס פון רויטן אָרקעסטער, וואָס זענען אַדורכגעגאַנגען ברענדאָנק, זענען זעכצן פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, די אַנדערע זענען פאַרשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן מיטן שטעמפּל "נאַכט און נעפּל" (וואָס האָט דערלויבט צו דערשיסן זיי אָן אַ משפּט).

אַ דאַנק דער גבית־עדות פון בעטי דעפּעלסענער, איז אונדז באַקאַנט, אַז אין אַפּריל 1943, האָבן זיך געפונען צוזאַמען אין דער קאַמער פון צום טויט־פאַראורטיילטע אין דער מאָאַביט־תפיסה אין בערלין: זשאַן גראָספאָגעל, קעטע פעלקנער, סוזאַן קוואַנט, ריטאַ אַרנאָלד און פלאָר וועלאַגסט. זיי האָבן אָפּגעוואַרט דעם טויט מיט אַ מוט, וועלכער האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי זייערע שומרים גופא... ווען דער אָווּנט איז צוגעפאַלן, האָט סוזאַן קוואַנט געזונגען און פלאָר האָט געטאַנצט. ריטאַ אַרנאָלד, וואָס האָט בעת דער אויספאָרשונג נאָך דעם אַרעסט אויף דער אַטרעבאַט־גאַס, אויסגעגעבן דעם נאָמען פון שפּרינגערן, האָט געבעטן מחילה ביי זיין פרוי פלאָר, ווען מ׳האָט זי אין פרימאָרגן פון דריטן יולי 1943 געפירט צום טויט — און זי האָט איר מוחל געווען. קעטע, אָפּוואַרטנדיק דעם טויט־אורטייל, האָט אויפגעהויבן אירע פויסטן און זיך צעשריגן צו די ריכטערס: "איך בין אַ גליקלעכע צו האָבן עפּעס געטאָן פאַרן קאָמוניזם!" סוזאַן, פלאָר, ריטאַ און זייערע חברים זענען אומגעקומען אונטער דער האַק פון הענקער...

דער פאַרשוין וואָס צוליב זיינע רציחות האָט ער באַקומען דעם צונאָמען "היטלערס בלוטהונט", דער פּראָקוראָר מאַנפרעד רעדער, איז געווען דער פּאָרזיצער פון אַלע פּראָצעסן קעגן רויטן אָרקעסטער. היינט איז ער וויצע־בירגערמייסטער פון אַ קליין דייטשיש שטעטל. דעם 16טן סעפּטעמבער 1948, בעת דער אויספאָרשונג, וועלכע איז געפירט געוואָרן קעגן אים און זיך געענדיקט מיט באַפרייען, האָט ער דערקלערט:

— איך ווייס, אַז די אַלגעמיינע צאָל פאַרמשפּטע פון רויטן אָרקעסטער איז נישט איבערגעשטיגן אין פראַנקרייך און אין בעלגיע די ציפער פון צוואַנציק ביז פינף און צוואַנציק. פון זיי איז נאָר אַ דריטל פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט... אָנהייב אַפּריל 1943, האָב איך פאַרלאַנגט פון מאַרשאַל געריגנ צו באַגנעדיקן די פאַרמשפּטע פרויען — און ער האָט געגעבן דערצו זיין הסכמה.

דער זעלבער רעדער האָט צוגעגעבן, אַז אויף די פיר און זיבעציק אַרעסטירטע אין בעלגיע, איז דער טויט־אורטייל אויסגעפירט געוואָרן נאָר איבער זיבן און פערציק.

מיינע פאָרשונגען האָבן נישט געגעבן דעם זעלבן רעזולטאַט. [1]

---

1) זע די צוגאַבע.

אכציק מענטשן זענען ארעסטירט געוואָרן אין פראנקרייך און אין בעלגיע. פון זיי זענען צוויי און דרייסיק פארמשפט געוואָרן צום טויט. פינף און פערציק זענען פארשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראציע־לאגערן, פון וועלכע דרייצן זענען נישט צוריק געקומען. פון דער רויטער קאפעליע אין דייטשלאנד, זענען אויף הונדערט און דרייסיק ארעסטירטע, אומגעבראכט געוואָרן פינף און זיבעציק. פינף זענען אומגעקומען פון די פייניקונגען און דריי זענען באגאנגען זעלבסטמארד [1].

דאָס איז דער אמת! און אלץ איז נאָך נישט באקאנט... וואָס איז געוואָרן מיט מארגעריט מאריוּוע, די סעקרעטארין פון "סימעקס" אין מארסיי, פון מאדעסט ערליך, ביי וועמען ס'איז ארעסטירט געוואָרן הלל כץ, פון שרייבער, יוסף כץ, ברודער פון הללן, הארי ראָבינסאָן, די צוויי שוועסטערס און שוואָגער פון זשערמען שניידער?

וויפל אומשולדיקע זענען ארעסטירט געוואָרן פארן כלומרשטן אָנטייל אין רויטן אָרקעסטער! גאנצע משפחות, ווי די דריילים, גראָספאָגעלס, שניידערס און די קאָרבענס — זענען שווער געפייניקט געוואָרן. אין די דייטשע פּאָליציייִשע ארכיוון האָב איך געפונען, אז נאָך אטרעבאט, זענען ארעסטירט געוואָרן פאר אָנגעהערן צום רויטן אָרקעסטער: מארסעל ווראנקס, לואי בורגען, רעגינאל גאָלדמאיער, עמיל קארלאָס, עמיל באלאנגיע — קיינער פון זיי האָט נישט געהאָט צו טאָן מיט אונדזער נעץ.

אין פרילינג 1945, זענען אויפן באפעל פון בערלין, פארברענט געוואָרן די ארכיוון פון רויטן אָרקעסטער אין שלאָס פון גאמבורג. נאָך דער מלחמה איז נאָר פארבליבן א באריכט פון מילערן, דאטירט פון דעצעמבער 1942, און די דאָקומענטן פון דער אבווער. קאפיטאן פיפּע (כ'דערמאָן: דער וואָס האָט אדורכגעפירט די ארעסטן אויף דער אטרעבאט־גאס) האָט געשילדערט די סיבות, צוליב וועלכע די דייטשע מיליטערישע שפּיאָנאַזש־דינסט, איז פון אָנהייב זומער 1942, געהאלטן געוואָרן אין א זייט, לגמרי אָפּגעזונדערט פון אלץ וואָס האָט געהאט א שייכות צום רויטן אָרקעסטער. [2] די זאָנדערקאָמאנדאָ האָט זיך באגנוגנט מיט איבערגעבן פון צייט צו צייט דער אבווער געפעלשטע, אָדער טיילווייזע אינפאָרמאציעס.

כדי צו ראטעווען זייערע קעפּ נאָך דער מלחמה, האָבן די מיטגלידער פון דער זאָנדערקאָמאנדאָ אויסגעטראכט געשיכטעס, איינע פאנטאסטישער פון דער אנדערער:

אויב גלויבן אין דעם וואָס זיי דערציילן, קומט אויס, אז די רעזולטאטן וועלכע זיי האָבן דערגרייכט, איז א דאנק דעם אייגנוויליקן מודה זיין זיך... און דער מיטארבעט פון די אגענטן פון רויטן אָרקעסטער, אריינגערעכנט דעם "גרויסן שעף". פייניקונגען? וואָס איז דאָס אזוינס? זיי האָבן דערפון נישט געהערט. זיי זענען

---

1) מ'דארף צוגעבן די 28 דערשאָסענע פון דער יידישער יוגנט־גרופּע, וואָס זענען ארעסטירט געוואָרן אויף דער אויסשטעלונג אין בערלין "דער סאָוועטישער גן־עדן".

2) זע די ביילאגע — די דעקלאראציע וועגן דעם ענין פון קאפיטאן פיפּע פארן בעלגישן אויספאָרשונג־ריכטער נאָך דער מלחמה.

נאָר געווען קעמפּערס, בראַווע ריטערס, וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט אַנשטענדיק געווער. ליידער, האָבן זיך געפונען אומדערוואַרטע פאַרבינדעטע און מיטהעלפּערס אין פאַרגוואַלדיקן דעם אמת און אין פאַרדעקן זייערע פאַרברעכנס. אָבער דער ליגן איז נישט אייביק, דעם אמת געלינגט תּמיד צו געפינען זיין וועג...

אין בערלין, אין בריסל, אין פּאַריז, האָט פאַר צענדליקער קעמפּערס פון רויטן אָרקעסטער, דער טויט זיך געפונען אויף דעם לעצטן שטאַפּל פון יסורים־לייטער, ווייל יעדער שטאַפּל האָט געבראַכט נייע ליידן. אָפּגעבנדיק זייער לעבן, כדי צו דערשלאָגן די ברוינע פּעסט, האָבן זיי אין דער טיף פון זייער פּיין געהאָפט, אַז מאָרגן וועט זיך דאָך די וועלט ענדערן, וועט עדות זאָגן, וועט זיך דערמאָנען. דער מאָרגן — דאָס איז היינט. אומדערשיטערלעך, דרייט זיך די וועלט ווייטער און די שטילקייט ווערט אַלץ געדיכטער. די פאַראַנטוואָרטלעכע פון דער "ספּעציעלער קאָמיסיע פאַר די ענינים פון דער רויטער קאַפּעליע" אין בערלין און די לייט פון דער "זאָנדערקאָמאַנדאָ" אין פּאַריז, האָבן אַ גוטע סיבה צו וועלן אָפּמעקן דאָס שוואַרצע בילד פון זייערע פאַרברעכנס. זייער נאָמען איז אויף דעם פאַרשריבן. זאָלן מיר נעמען דעם פאַל מיט דעם ס.ס. הויפּט־שטורמפירער רייזער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער זאָנדערקאָמאַנדאָ אין פראַנקרייך פון סוף נאָוועמבער 1942 ביז יולי 1943. מיט דער האַנט אויפן האַרץ, האָט ער דערקלערט: "אין מיין אָפּטיילונג האָט מען קיינמאָל נישט געפּייניקט". דער רייזער האָט שוין זיין געוויסן ריין געוואַשן. אָבער וויפיל מאָל האָט די האַנט, וועלכע האָט קיין מאָל נישט "אָנגערירט" קיין אַרעסטירטן, אונטערגעשריבן באַפעלן איבערצוגעבן דעם קרבן אין די הענט פון די ספּעציאַליזירטע הענקערס פון צוואַנג־אויספאָרשונגען? ווער האָט געגעבן דעם באַפעל צו פּייניקן אַלפרעד קאָרבען דעם גאַנצן חודש דעצעמבער 1942? ווער האָט געגעבן דעם באַפעל צו פאַרפּייניקן ביז צום טויט הערש און מירא סאָקאָל? אין רייזערס אָפּטיילונג האָט מען נישט געפּייניקט... אפשר האָבן געפעלט מענטשן צו דעם? ווען זיי, ווי ספּעציאַליזירטע הענקערס, האָבן נישט באַזיצט די נייטיקע פּייניקונגס־מכשירים, האָט מען זיי אויף דעם באַפעל פון רייזערן געבראַכט פון בערלין. ווער, אויב נישט רייזער, אָדער פּאַנוויץ, האָבן אַרויסגעגעבן די פאַראָרדענונג צו שיקן די 27 מיטגלידער פון דער רויטער קאַפּעליע קיין ברענדאָנק, דורכצומאַכן דאָרט די שרעקלעכע יסורים?

היינריך רייזער איז נישט מער ווי אַ ביישפּיל. איך קאָן אויסרעכענען די נעמען פון אַלע מיטגלידער פון דער זאָנדערקאָמיסיע אין בערלין, אַלע מיטגלידער פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ אין פּאַריז. נאָך דער מלחמה האָבן זיי שנעל געפונען נייע בעלי־בתּים, וואָס האָבן ביים אַלטאַר פון דער "גרויסער איבערבעטונג" זיי מכפּר געווען די פאַרברעכנס. ווער זענען געווען די הענקערס קעגן וועלכע מיר האָבן געקעמפט אָן איבעררייס? זיי זענען זיכער נישט געבוירן געוואָרן מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און זייער ערשטער געשריי איז נישט געווען "הייל היטלער!"

אין דער געסטאַפּאָ איז געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל נאַציס פון דער לעצטער שעה, וואָס האָבן זיך איינגעשריבן אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי

אין 1939 אָדער אין 1940, זייענדיק פריער "בכבודיקע דינערס" פון דער ווײַמאַרער רעפּובליק. היינריך מילער, וועמען מען האָט גערופן "געסטאַפּאָ-מילער", איז אין דער הינזיכט דער טיפּישער ביישפּיל. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ערשט אין יאָר 1939. אָבער נאָך פאַרן טראָגן דאָס ברוינע העמדל, איז ער שוין געווען אַ נאַצי אין דער נשמה. די ווילדע שנאה צום קאָמוניזם האָט פאַרוואַנדלט דעם קאַטאָליק און לייטיש-דענקנדיקן מענטש פון רעכטן לאַגער אין אַ פּאָטענציעלן געסטאַפּאָ-פּראָדוקט. נאָך אין דער ווײַמאַרער רעפּובליק האָט ער אַרויסגעוויזן פעיקייטן פון אַ פּאָליציאַנט. פּאָליציי — איז געווען היינריך מילערס טיפּסטער באַגער. צו נײַנצן יאָר האָט ער אָנגעהויבן זײַן קאַריערע ווי אַן אָנגעשטעלטער אין דער דירעקציע פון דער מינכענער פּאָליציי. צען יאָר שפּעטער, אין 1929, ווערט ער צוגעטיילט צו דער פערטער דיוויזיע פון דער מינכענער פּאָליציי, באַשטימט צום קאַמף קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ווען די נאַציס קומען צו דער מאַכט, האָט דער פעיקער פּאָליציסט פאַרגעשלאָגן זײַן דינסט היידריכן, וואָס האָט גאָר שנעל אים באַשטימט ווי איינעם פון זײַנע הויפּט-אַדיוטאַנטן. אין 1936 ווערט היינריך מילער דער שעף פון דער געסטאַפּאָ: דער קליינער בײַערישער פּאָליציסט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געסטאַפּאָ-מילער. נאָך זײַן אַרײַנטרעטן אין דער נאַצי-פּאַרטיי, האָט מען אים אין 1941 באַשטימט אַלס ס.ס. גרופּנפירער און גענעראַל-לייטענאַנט פון דער פּאָליציי. אין הויך פון זײַן רום, האָט ער אויף זיך גענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן "גרויסן שפּיל".

די צוויי נאָענטסטע געהילפן פון מילערן זענען געווען: פרידריך פּאַנצינגער, לייטער פון דער סעקציע "4 א", וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער מלוכהשער זיכערקייט-דינסט; האָרסט קאָפּקאָוו, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער סעקציע "קאַמף מיטן קאָמוניסטישן סאַבאָטאַזש". זיי זענען געשטאַנען בראש פון דער "זאָנדערקאָמיסיע רויטער אָרקעסטער", געגרינדעט אין אויגוסט 1942, וועלכע האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו צענטראַליזירן אַלע אַקציעס קעגן דער בערלינער גרופּע. זאָלן מיר פאַרגעדענקען די צוויי נעמען. זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע שווידערלעכקייטן, וועלכע זענען געטאָן געוואָרן מיט די קעמפערס פון דער בערלינער גרופּע. די לעבנס-געשיכטע פון די צוויי פּאָליציסטן, אונטערשיידט זיך נישט קיין סך פון דער לעבנס-געשיכטע פון זייער שעף און פרײַנד געסטאַפּאָ-מילער. פּאַנצינגער וועט בלײַבן אַ פּאָליציאַנט זײַן גאַנץ לעבן. אין 1919 האָט ער אין עלטער פון זעכצן יאָר אָנגעהויבן זײַן קאַריערע אין דער מינכענער פּאָליציי. אַ וווּנדער-קינד! ער איז כסדר געשטיגן אויפן לייטער פון דער פּאָליצייאישער היעראַרכיע. אָנהייב מלחמה איז ער אַרײַנגעטרעטן אין דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אויף צו זײַן אַ געסטאַפּאָ-גענגסטער, איז נישט געווען נייטיק צו זײַן אַ נאַצי פון דער ערשטער תקופה. געסטאַפּאָ-מילער, פּאַנצינגער, קאַרל גירינג — די דרײַ ביישפּילן באַווײַזן, אַז פאַר פּראָפעסיאָנעלע פּאָליציי-לייט, איז דאָס אַרײַנטרעטן אין דער פּאַרטיי געווען די קרוינונג פון זייער קאַריערע.

דאָס אָרט וואָס גירינג, רײַזער און זייערס גלײַכן האָבן פאַרנומען אין קאַמף קעגן רויטן אָרקעסטער, טאָר אונדז נישט מאַכן פאַרגעסן, אַז זיי זענען אויך

פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פאַרשידענע פאַרברעכנס, וועלכע די געסטאַפּאָ האָט אָפּגעטאָן אין פראַנקרייך און אין בעלגיע. רייזער, צום ביישפּיל, האָט אָנגעפירט אין פּאַריז, פון אָנהייב 1940 ביז נאָוועמבער 1942, מיט דער ספּעציעלער סעקציע, וואָס האָט געהאַט אַן אויפגאַבע אונטערצודריקן די קאָמוניסטישע באַוועגונג. עריק יונג, מיטגליד פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ אין פּאַריז, אויספירער פון אַ סך נידערטרעכטיקע מעשים, און יאָהאַן שטריבינג, אָפיציר־אויספאָרשער פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ אין בערלין, האָבן קעגן זיך אָנגעזאַמלט האַרבע באַווייזן, אַז זיי זענען געווען העכער נישט בלויז פון באַפעל, נאָר זייער "באַרוף" דערפילט מיט ווילן און ליידנשאַפט.

קאַרל גירינג, האָט אין דער פּאָליצײַ געזען אַ "שליחות", נאָר דאָס האָט אים נישט געשטערט צו באַזיצן העכערע אינטעליגענץ ווי אין דורכשניט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער טעכניק פון פּראָוואָקאַציעס. צו פינף און צוואַנציק יאָר איז ער אַריינגעטרעטן אין דער בערלינער פּאָליצײַ און זיך ספּעציאַליזירט אין קאַמף קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, קאָמינטערן און אויך קעגן דער דײַטשער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אין 1933 איז ער איבערגעגאַנגען אין דינסט פון דער געסטאַפּאָ און אויסגעפירט עטלעכע דעליקאַטע שליחותן. ער האָט באַקומען די אויפגאַבע צו אַנטדעקן די אויספירער פון די ערשטע אַטענטאַטן אויף היטלערן. אַ ביסל שפּעטער, אָרגאַניזירט ער אויפן באַפעל פון היידריכן, די פּראָוואָקאַציע קעגן דעם שעף פון דער קאַדערן־אָפּטיילונג ביים קאָמינטערן, אָסיפּ פּיאַטניצקי, דערנאָך — קעגן מאַרשאַל טוכאַטשעווסקי. ווען עס הייבט זיך אָן דער קאַמף קעגן רויטן אָרקעסטער, איז זײַן רענאָמע שוין פון אַזאַ חשיבות, אַז ער ווערט נאָמינירט ווי דער הויפּט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ אין פּאַריז און אין בריסל.

דער פאַרטרעטער פון גירינגן, ווילי בערג, איז אויך געבוירן געוואָרן אין פּאָליציײַישע שטיוול. זײַן ספּעציאַליטעט איז געווען צו פאַרזיכערן די סביבה פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ און נישט לאָזן דעם אָבווער און אַנדערע געסטאַפּאָ־אָפּטיילונגען צו שטעקן זייערע נעז אין אירע ענינים.

22 די צענטראַלע נעמט איבער די איניציאַטיוו

דעם 23סטן פעברואַר 1943, דעם זעלבן טאָג ווען ס'איז אָנגעקומען די דעפּעשע פון דער צענטראַלע, האָב איך געהאַט א לענגערן שמועס מיט גירינגן. ער האָט מיך אינפאָרמירט, אז ער האָט זיינע שעפן תיכף איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון דעם ענטפער. זיי זענען אין דער זעלבער מיינונג ווי ער, אז מ'איז שוין אַריבער דעם שווערפּונקט און איצט קאָן מען פאָרזיכגיין אין דעם "גרויסן שפּיל". גירינג האָט צו גוט באַהערשט זיין פאַך, אז ער זאָל באַשטעטיקן, אײדער ער קאָנטראָלירט די אינפאָרמאַציעס פון די צוויי דעפּעשן. דער עיקר, האָט די ערשטע באַדאַרפט ווערן באַגלויבלעך. ער האָט געפרעגט ביי קענטן, צי איז געווען איינגעפירט צו שיקן פון דער צענטראַלע באַגריסונגען צום יום־טוב פון דער רויטער אַרמיי. קענט, וואָס האָט זיך אָריענטירט, אז איך האָב שוין אויף אַזא אָדער אַנדערן אופן, צו וויסן געטאָן מאַסקווע, און וואַרשיינלעך געזוכט א געלעגנהייט זיך אויסצוקויפן — האָט באַשטעטיקט, אז ס'איז יאָ געווען אַזא מינהג. אין דער צייט האָט קענט אַרויסגעוויזן אויך אַנדערע סימנים פון גוטן ווילן: כ'האָב באַמערקט, אז ער האָט איינגעשטעלט א דיסטאַנץ צווישן אים און די דייטשן — און אַזוי זיך געפירט ביז מיין פאַרשווינדן.

גירינג איז געווען באַאיינדרוקט פון דער ידיעה, אז מאָסקווע האָט פאָרגעשלאָגן מיך צו דעקאָרירן. דער צוטרוי פון דער צענטראַלע איז פאַר אים געווען אַן אויסגעצייכנטער גוטער סימן און אים געשטעלט אין א באַקוועמער פּאָזיציע לגבי דער אָנפירונג אין בערלין, וועלכע האָט אַנערקענט, אז ער האָט געהאַט רעכט מיט זיין עקשנות אונטערצוהאַלטן מיין ראָל אין דעם "גרויסן שפּיל". ער האָט אָבער אויפגענומען מיט רעזערוואַציע די צווייטע דעפּעשע: איך האָב פאָרגעשלאָגן איבערצורייסן די פאַרבינדונגען מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי נאָר אויף איין חודש, און די אָנפירונג האָט פון מיר געפאָדערט — פולשטענדיק איבערצורייסן!

כ'האָב זיך דערקענט אויף די כוונות פון גירינגן (דורך דער פאַרמיטלונג פון זשיליעטן האָט ער געצילט צו דערגרייכן ביז צו זשאַק דיקלאָ, און צו דער אונטערערדישער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז געווען א גוטע סטראַטעגיע פאַר א פּאָליציי־מאַן, ווי ער איז פאַרבליבן). איך האָב גוט פאַרשטאַנען זיין אַנטוישונג. דער "פאַרברענטער" אַנטי־קאָמוניסט האָט געזען,

אַז עס ווערט אַנטרינען אַן ערנסטער שאַנס צו געבן אַ שווערן קלאַפּ דער פּאַרטיי פֿון זשאַק דיקלאָ, און אפשר אים אַרעסטירן. ער האָט נישט געקאָנט געפֿינען קיין טרייסט און כ'האָב געמוזט באַנוצן פֿאַרשידענע אַרגומענטן אים צו באַרויקן... איך האָב אים געזאָגט:

— איר וואָלט אויפֿן אָרט פֿון דער צענטראַלע אויך נישט געהאַנדלט אַנדערש, און געגעבן די זעלבע פֿאַראָרדענונג. אין אָנהייב זענען די פֿאַרבינדונגען מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געווען אויסדריקלעך פֿאַרבאָטן, נאָר דאָס פֿעלן פֿון אַ ראַדיאָ־זענדער האָט אונדז געצוווּנגען צו ברעכן דעם פֿאַרבאָט. איצט, ווען די פֿאַרבינדונגען מיט מאָסקווע זענען איינגעשטעלט, און איר ווערט זיך קענען פֿאַרבינדן וויפֿל אייער האַרץ גלוסט, טאָ צו וואָס איז נייטיק די ליניע פֿון דער פֿראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?

עטלעכע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אַ נייע דעפּעשע פֿון מאָסקווע, מיט אינסטרוקציעס ווי אַזוי מאַקסימאַל אויסברייטערן די באַזע פֿון די ראַדיאָ־זענדערס און באַשטימען פֿאַר יעדן איינעם נייע אויפֿגאַבן, באַגרענעצט אויסשליסלעך צו מיליטערישע אינפֿאָרמאַציעס. דער שעף פֿרעגט זיך גלייכצייטיק, וואָס איז געשען מיט "סימעקס" און "סימעקסקאָ". גירינג האָט באַשלאָסן צו ענטפֿערן, אַז די צוויי האַנדלס־געזעלשאַפֿטן זענען דורכגעפֿאַלן, זיי געפֿינען זיך אין די הענט פֿון דער געסטאַפּאָ, אָבער דער רויטער אָרקעסטער איז פֿון די אַרעסטן נישט געטראָפֿן געוואָרן. אויף דעם אופֿן האָט דער שעף פֿון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו "באַשטראָפֿן" די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿון די צוויי האַנדלס־אונטערנעמונגען און אויפֿהאַלטן דעם "שפּיל" מיט מאָסקווע. מ'האָט געקאָנט דערוואַרטן דאָס ערגסטע פֿאַר אונדזערע אַרעסטירטע חברים פֿון "סימעקס". אין מערץ 1943 איז אָנגעקומען קיין פּאַריז דער בלוטדורשטיקער פּרעזעס פֿון מיליטערישן טריבונאַל, רעדער. ער האָט אָרגאַניזירט אַ כלומרשטן פּראָצעס מיט פֿאַרויס צוגעגרייטע שחיטות. די "ריכטער" האָבן נישט געקאָנט צוזאַמענגעמען קיין שום באַווייזן, אַז די אָנגעקלאָגטע האָבן געהערט צו אונדזער נעץ — און דאָך פֿאַרמשפּט צום טויט אַלפֿרעד קאָרבען, ראָבער ברייער, סוזאַן קוואַנט, קעטע פֿעלקנער און איר מאַן פּאָדסיאַלדאָ. קעלערן האָבן זיי פֿאַרמשפּט אויף תּפֿיסה. בנוגע ראָבער ברייער, וואָס איז נאָר געווען אַ געוויינלעכער שותּף פֿון "סימעקס" און נישט געהאַט קיין שום שייכות צו אונדזער נעץ — איז דאָס געווען אַ פּשוטער מאָרד. אונדז איז געלונגען, אַ דאַנק מיינע און גראָספֿאָגעלס דערקלערונגען בעת דער אויספֿאָרשונג, צו ראַטעווען לודוויק קענץ, דעם אינזשעניער פֿון דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע אין פּאַריז. פֿיל יאָרן שפּעטער, נאָך דער מלחמה, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דעם 28סטן יולי 1943, זענען אין דער בערלינער טורמע פּלעצענזעע, געקעפּט געוואָרן: אַלפֿרעד קאָרבען, ראָבער ברייער, גריאָטאָ, קעטע פֿעלקנער, סוזאַן קוואַנט, פּאָדסיאַלדאָ און נאַזאַרען דריילי — אין איין צייט מיט דער אָנפֿירונג פֿון דער בערלינער גרופּע.

זייט מיר איז געלונגען צו וויסן צו טאָן דער צענטראַלע אין מאָסקווע וועגן דעם צוזאַמענברוך פֿון דער נעץ, האָט שוין גירינג באַוויזן אויסצוטווישן זיין

ערשטע דעפּעשע מיט מאָסקווע. די זאַנדערקאָמאַנדאָ האָט זיך פאַרנומען, אין גרויסן מאַסשטאַב, מיט אַפּנאַרן מאָסקווע. אַלץ איז געטאָן געוואָרן, אַז מאָסקווע זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן די אַרעסטן פון די אַגענטן פון רויטן אָרקעסטער (גראָספאָגעל, כץ, מאַקסימאָוויטש, ראַבינסאָן, באַזונדערס יעפּרעמאָוו און קענט). מיך גופא האָט מען איבערגעפירט פון דער סאָסיי־גאַס (ווו מיין אויפהאַלט אלס "אויסנאַם־געפאַנגענער" האָט אָנגעהויבן ווערן א סוד פאַר גאַנץ בראַד...) קיין נויאי. כ'האָב נישט אויסגעמיטן די תפיסה־תקנות, וואָס זאָגן, אַז יעדער אַרעסטאַנט ווערט צוגעוווינט צו זיין קאַמער...

דאָ, אין סאַמע האַרץ פון דער געסטאַפּאָ, איז מיר געלונגען צו רעדאַגירן מיין באַריכט. גירינג און זיינע פריינד האָבן געקאָנט דערציילן וואָס זיי האָבן געוואָלט, שיקן דעפּעשן לויט זייער אויסוואַל מיטן פאַרזעצן דעם נעפּלהאַפטן שפּיל פון א סעפּאַראַטן שלום, פון פּרוּוון אָפּנאַרן מאָסקווע מיט דער הילף פון צענויפגענומענע, אַלטע שפּיצלעך און אויסטראַכטענישן פון פאַרדאַרבענע פּראָוואָקאַטאָרן — אָבער דאָס אַלץ איז נישט וויכטיק, ווייל מאָסקווע ווייסט דעם אמת.

אין די עקן פון בולוואַר וויקטאָר הוגאָ און רווּרעי־גאַס אין נויעי, האָט בעמעלבורג, דער שעף פון דער פּאַריזער געסטאַפּאָ, קאָנפיסקירט א פּריוואַטן האָטעל, צו האַלטן דאָרט בכבודיקע אַרעסטאַנטן. מיט אירע צען צימערן, ווייסע קאָלאָנעס אין פראָנט און גערטנדלעך פון הינטן, האָט די געביידע געהאַט אַן עלעגאַנטן אויסזען.

די אייזערנע שטאַכעטן און דאָס געדיכט באַוואָקסענע גראָז, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט די געביידע, האָבן פאַרשטעלט די "באַרימטע אַרעסטאַנטן" פאַר די בליקן פון די דורכגייערס. בעמעלבורג און זיין חברותא, ווי אמתע נאַציס מיט זייער באַקאַנטער גאווה, זענען געווען שטאָלץ אויפצונעמען אין דעם הויז, אַזעלכע באַרימטע "געסט", ווי: אַלבער לעבראַן, דער לעצטער פּרעזידענט פון דער דריטער רעפּובליק, אַנדרע פראַנסוּאַ־פּאָנסע, וואָס איז געווען פראַנקרייכס אַמבאַסאַדאָר אין בערלין; קאָלאָנעל דע־לאַ־ראָק, פירער פון די "פייער־קרייצן" (פראַנצויזישע פאַשיסטישע פּאַרטיי) און לאַרגאָ קאַבאַלעראָ, געוועזענער פּרעמיער פון דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנער רעגירונג. אויף וויפל איך דערמאָן זיך, האָב איך אויסער די פּערזענלעכקייטן, אויך געזען א קאָלאָנעל פון דער אינטעלעזשענס סערוויס, וואָס האָט, ווי איך האָב פאַרשטאַנען, מיטגעמאַכט אויף זיין שטייגער עטלעכע "שפּילן". בעמעלבורג האָט געוווינט אין דער זעלבער ווילע און פאַרבראַכט די צייט אין שיכרות. דער הויז־וועכטער, הער פּראַדאָם מיט זיינע צוויי טעכטער, האָבן זיך פאַרנומען מיט דער קיך און געפּלעגט דעם גאָרטן. הגם ער האָט נישט געוואָגט אויסצורעדן צו זיי א וואָרט, איז אויך ער געווען שטאָלץ זיך צו געפינען אין דער סביבה פון די באַרימטע פּערזענלעכקייטן. מיך האָט מען באַזעצט אויפן ערשטן שטאָק, אין א מעבלירט צימער אין דאָרפישן סטיל. דאָס פענצטער איז נישט געווען פאַרקראַטעט, די טיר — תמיד פאַרמאַכט. מ'האָט מיר אָנגעזאָגט, אויב כ'וועל וועלן אַרויסגיין, זאָל איך קלינגען צום זעלנער, וואָס געפינט זיך אויף דער וואַך. איך האָב אויך רעכט א שעה אָדער צוויי שעה צו

שפּאַצירן יעדן טאָג אין גאָרטן. מיר איז אָבער שטרענג פאַרבאָטן צו ריידן מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטן. דאָס הויז האָט זיך געפונען אונטער דער שמירה פון אַ קליינער גרופּע סלאָוואַקישע מיליטער־לייט, וואָס לויטןביישפּיל פון זייער שעף, האָבן זיי כּסדר געשיכּורט און שרעקלעך געטומלט. הערנדיק זיי שנאָרכן און זינגען, האָב איך גענומען טראַכטן פון אַנטלויפן... כ'האָב דערווייל אָפּגעלייגט דעם פּרוּוו. איך האָב דאָך געמוזט שפּילן מיין ראָל אין דעם "גרויסן שפּיל". אין משך פון מיינע שלאָפלאָזע נעכט, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, ווי איך רייס אויף דעם שלאָס פון דער טיר, דערהרגע דעם וועכטער און אַנטלויף, פאַרשליסנדיק הינטער זיך די טיר.

עטלעכע טעג נאָך דעם ווי מ'האָט מיך איבערגעפירט קיין נויאַי, האָט מיר בערג מודיע געווען, אַז הלל כּץ, מיין "אַדיוטאַנט" ווי ער האָט אים גערופן, וועט בקרוב קומען אין דעם הויז און מיר האַלטן געזעלשאַפט. איך בין דערפון געווען זייער צופרידן. ווען איך האָב זיך אָבער דערוווסט, אַז מען האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ קעלער־צימער צוזאַמען מיטן פאַרעטער שומאַכער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דעם לעצטן האָט מען פאַרמשפּט צוזאַמען מיט כּצן, כּדי אויסצופּרוּוון די ריכטיקייט פון מיינע כּוונות. דער שוטה שומאַכער האָט אָנגעהויבן דערציילן כּצן, אַז איך מאַך חוזק פון די דייטשן, ער גלויבט נישט, איך זאָל האָבן פאַראַטן. איך האָב זיך פאַרקלאָגט פאַר בערגן קעגן דעם דורכזיכטיקן פּרוּוו צו צווייפלען אין מיין וואָרט. מען האָט פון הללן תּיכּף אַוועק גענומען דעם "עצה־געבער".

הללס אַנוועזנהייט אין נויאַי האָט מיך געשטאַרקט. ער האָט געהאַט רעכט צו קומען צו מיר און באַגלייטן בעת די שפּאַצירן. היות מיר זענען געווען זיכער, אַז אַן אונטערהער־אַפּאַראַט איז ערגעץ־ווו באַהאַלטן אין צימער, האָבן מיר זיך באַמיט, אויף אַ דיסקרעטן אופן, צו פאַרזיכערן גירינגן אין אונדזערע כּוונות. בעת אונדזערע שפּאַצירן אין גאָרטן, ריידנדיק שטיל יידיש אָדער העברעיש, האָבן מיר אומגעשטערט באַהאַנדלט די פּראָבלעמען. ער האָט זיך שטאַרק געזאָרגט איבערן גורל פון זייניקע, וואָס האָבן זיך געפונען אונטערן אויפזיכט פון דער געסטאַפּאָ און מען האָט אונדז געוואָרנט, אַז די משפּחות פון די קעמפערס פון רויטן אַרקעסטער וועלן באַטראַכט ווי קריגס־געפאַנגענע — אַלס ערובניקעס. אין מערץ 1943 זענען אויך קענט און מאַרגאַרעט באַרטשאַ אָנגעקומען אין נויאַי. קענט האָט געאַרבעט גאַנצע טעג צו שיפרירן דעפּעשן, וועלכע גירינג האָט באַשטימט פאַר דער צענטראַלע. זיי זענען געוואָרן געחתמעט מיט מיין נאָמען, אָבער דער קאָד איז געוואָרן איינגעשטעלט דורך אַ ספּעציאַליסט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, נאָך דעם ווי איך האָב איין מאָל פאַר אַלע מאָל דערקלערט, אַז כ'האָב נישט קיין שום אָנונג אין די ענינים און עס איז צוועקלאָז צו מיר זיך צו ווענדן וועגן דעם.

גירינג האָט זיך מיט מיר באַראַטן בנוגע די זענדונגען וועלכע ער באַקומט פון דער צענטראַלע, און די תּשובות וועלכע מ'דאַרף אויף זיי געבן. בערג איז פון צייט צו צייט געקומען מיך נעמען אויף דער סאָסיי־גאַס. איך האָב אָפּט געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט מיין "גאַסט־געבער" בעמעלבורג, לאַנגיאָריקער "קאָלעגע" פון גירינגן און בערגן. זיי האָבן אָפענערהייט שטאַרק פיינט געהאַט

איינער דעם אנדערן. די שנאה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אומגעצוימטן כעס פון דעם טאָג, ווען בערלין האָט צו וויסן געטאָן בעמעלבורגן, ער זאָל ניט שטעקן זיין נאָז אין די ענינים פון דער זאָנדערקאָמאנדאָ. בערג האָט מיר אָנגעזאָגט: "האַלט אייך פון דער ווייטנס פון בעמעלבורגן, דער עיקר ווען ער איז אָנגעשיכורט!"

די עצה איז געווען איבעריק, ווייל איך האָב אים סיי־ווי קיין מאָל נישט געטראָפן אין אַן אַנדערן מצב...

א געוויסן נאָכמיטאָג, ווען כ'בין מיט בערגן צוריק געקומען פון דער סאָסיי־גאַס האָב איך דערהערט שיסן. בערג, זעענדיק מיין פאַרוואונדערונג, האָט מיך אַריינגעפירט אין גאָרטן. בעמעלבורג איז דאָרט געשטאַנען א וואַקלדיקער, פולשטענדיק שיכור, מיטן רעוואָלווער אין האַנט...

— אויף וועמען שיסט ער אַזוי? — האָב איך געפרעגט.

— קוקט אייך גוט צו! — ענטפערט בערג.

בעמעלבורג האָט זיך איינגעאָרדנט א ציל־ברעט, אויף וועלכן עס זענען געהאָנגען די בילדער פון די פירער פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און נעבן זיי — א ריי קאַריקאַטורן פון יידן. אָט מיט וואָס ס'האָט זיך פאַרנומען דער שעף פון דער פּאַריזער געסטאַפּאָ צווישן איין שיכרות און זיינע שטראַף־עקספּעדיציעס!

בעמעלבורג האָט פאַרגעזעצט זיין שיסעריי־איבונג... ביי יעדן שאָס האָבן די וועלף־הינט, וואָס האָבן אים באַגלייט, שרעקלעך זיך צעבילט. פּלוצעם האָט בעמעלבורג גענומען שלאָגן איין הונט, שרייענדיק: "פאַרמאַך דעם פּיסק, סטאַלין, שווייג!" אין דעם מאָמענט האָט ער מיך באַמערקט און געזאָגט:

— איר זעט דעם שיינעם נאָמען וועלכן כ'האָב געפונען פאַר מיין הונט? סטאַלין!

— אויב אַזוי, — האָב איך געענטפערט, — מיין איך, אַז דאָס איז פון א זייער שלעכטן געשמאַק! איך האָב אין מאָסקווע געזען הינט, וועלכע מען האָט גערופן היטלער...

שיכור און ווילד פון צאָרן האָט בעמעלבורג זיך געריסן צו מיר, אָנצילנדיק זיין געווער...

— גאָט איז מיט אייך, אָטאָ!

בערג האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן אונדז, מיך פאַרשטעלט מיט זיין קערפּער... שפּעטער האָט ער מיר פאַרגעוואָרפן מיין אומפאָרזיכטיקייט:

— מיר זענען געווען א טראָט פון א קאַטאַסטראָפע און דער "גרויסער שפּיל" וואָלט זיך אַזוי נאַריש געענדיקט!

23 די זאַנדערקאָמאַנדאָ אין דער פּאַסטקע

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן מיין ארומפאָרן, פון איין אָרט אויפן צווייטן, אין פּאַריז און אומגעגנט. איך האָב דאָס געקענט דערגרייכן ערשט נאָך דעם, ווי איך האָב פאַרגעשטעלט גירינגן אן איבערצייגנדיקן אליבי, אין וועלכן ער האָט תמימותדיק געגלויבט. בעת מיין ערשטער אויספאָרשונג האָב איך איבערצייגט גירינגן, אז שוין יאָרן עקזיסטירט א ספּעציעלע גרופּע פון קאָנטער־שפּיאָנאַזש, אויפגעשטעלט בסוד סודות, כדי צו וואַכן איבער דער זיכערקייט פון רויטן אָרקעסטער. איך האָב אים דערציילט, אז כ'האָב געמוזט באַקאַנט מאכן מאָסקווע די ערטער פון מיינע באַזוכן (קאַפע־הייזער, פריזירערס, רעסטאָראַנען, שניידערס, מאַגאַזינען) און אויך די צייט פון די באַזוכן. אזוי ארום האָבן די אַגענטן פון דער זיכערהייט־גרופּע, וועלכע איך האָב נישט געקענט, נאָכגעפאָלגט מיינע טריט.

מאָסקווע, האָב איך דערקלערט גירינגן, דאַרף זיך וווּנדערן, הלמאי איך בין זינט א לענגערע צייט נישט געקומען אויף די אָנגעגעבענע ערטער, מחמת מיין אַרעסט, היות איך האָב אויסדריקלעך געשריבן אין מיינע ראַפּאָרטן קיין מאָסקווע, זיי זאָלן פאַרלאַנגען אין זייערע דעפּעשן, אז איך זאָל קומען אויף די געוויינלעכע טרעף־פּונקטן. אזא דעפּעשע מיט דער אָנווייזונג, איז צוריק געקומען פון דער צענטראַלע אין מאָסקווע. גירינג האָט שוין אנדערש נישט געקאָנט האַנדלען, ווי מסכים זיין מיך צו צולאָזן צו די אָנגעגעבענע ערטער, וואָס איז געוואָרן א געוווינהייט. דאָס ערשטע מאָל האָבן צוויי אויטאָס פון דער געסטאַפּאָ באַגלייט דעם אויטאָ, אין וועלכן איך האָב זיך געפונען. דערנאָך בין איך ארויסגעגאַנגען, נאָר אין דער באַגלייטונג פון בערגן און דעם שאָפער — און דער פּשוטער אופן פון באַוועגן זיך, ווי דאָס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, איז געווען כדאי... אזוי זענען מיר געפאָרן צו די צוגעטראַכטע ערטער: צו א שערער אויף פּאַרטיני־גאַס, צו א שניידער אין דער געגנט פון מאָנפּאַרנאַס, אין א וועש־געשעפט אויף בולוואַר האוסמאַן. דעסגלייכן אויך צו קאַפע־הייזער, רעסטאָראַנען אין פאַרשידענע ערטער אין פּאַריז און אומגעגנט.

די אַגענטן פון דער זאַנדערקאָמאַנדאָ האָבן פאַרלוירן פיל צייט, כדי אויסצוגעפינען די מענטשן פון דעם קאָנטער־שפּיאָנאַזש. זייערע אומזיסטיקע

אַנשטרענגונגען האָבן מיך שטאַרק געפרייט. אין דער צייט ווען רייזערס פּאָליציי־מאַשין האָט זיך געדרייט אין דער פוסטקייט, האָט מען דערוויייל צורו געלאָזן די אַגענטן פון רויטן אָרקעסטער, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אויף דער פריי. די כסדרדיקע שפּאַצירן האָבן געווירקט אויף אָפּצושוואַכן די וואַכזאַמקייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ און צעשטרייען איר אויפמערקזאַמקייט. ס'האָט זיך אויך געעפנט אַ קליין טירעלע צו דער פרייהייט.

בעת די "קאָנטראָלירטע באַזוכן" האָב איך באַמערקט, אַז מיינע שומרים זענען נישט פאַרזען מיט דייטשישע אידענטיטעט־פּאַפּירן, נאָר מיט פאַלשע דאָקומענטן (ווי בעלגער, האָלענדער, אָדער סקאַנדינאַווער). כ'האָב זיך דיסקרעט אינפאָרמירט, וועלכע זענען די מאָטיוון וואָס האָבן געשטויסן גירינגן צו באַנוצן זיך מיט דער קאָמבינאַציע, און זיך דערוווּסט זיין כוונה: אַזוי אַרום וועלן זיינע מענטשן אַדורכגיין אומבאַמערקט, זיין בעסער באַשיצט אין פאַל פון אַן אָנגריף פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אויך אין פאַל פון אַ פראַנצויזישער פּאָליציי־קאָנטראָל, וועלן זיי זיך נישט אָריענטירן אין דער ריכטיקער נאַציאָנאַליטעט און... פּראָפעסיע פון מיינע שומרים.

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין דעם מאַנעווער און געפרוווט געניסן פון דער סיטואַציע. איך האָב געזאָגט גירינגן:

— אויב איר ווילט, ס'זאָל נישט אויסזען אויסטערליש אין פאַל פון אַ פראַנצויזישער פּאָליציי־קאָנטראָל, איז נייטיק איר זאָלט אויך מיר געבן אַן אידענטיטעט־קאַרטע...

ער האָט איינגעשטימט מיט מיין פאַרלאַנג. יעדעס מאָל, ווען מיר זענען אַרויס אין גאַס, האָט מיר בערג געגעבן אַן אידענטיטעט־קאַרטע און אַ געוויסע סומע געלט, וועלכע איך האָב אומגעקערט, צוריק קומענדיק קיין נויאי. דער אופן פון האַנדלען, האָט אים איבערצייגט אין מיין ערלעכקייט און געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער צוקונפט.

ביז צו דער זשיליעט־אַקציע, האָט דער "גרויסער שפּיל" זיך פאָרגעשטעלט אויף אַזאַ אופן: די דייטשן זענען געווען אויפן פערד... און די צענטראַלע האָט זיך געפונען פון אונטן. די צענטראַלע האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז דער רויטער אָרקעסטער האָט געביטן די פאַרב און אַז זיינע זיבן "איבערגעדרייטע" ראַדיאָ־זענדערס נאָרן איצט מאָסקווע. די צענטראַלע איז געווען אויף אַזוי פיל פאַרבלענדט, אַז דער מאַטעריאַל, וועלכער איז צו איר כסדר אָנגעקומען, האָט נישט פאַרלוירן פון זיין קוואַליטעט. אויסער דעם האָבן די דייטשן אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז אַפילו נאָך דעם ענטפּער פון מאָסקווע דעם 23סטן פעברואַר 1943, וועלן זיי נאָך לאַנגע חדשים מוזן איבערשיקן דער צענטראַלע מיליטערישע אינפאָרמאַציעס. פון דעם מאָמענט, ווען די אָנהענגערס פון אַ סעפּאַראַטן שלום מיטן מערב האָבן געקאָנט באַווייזן, אַז זיי זענען באַקאַנט די פּרוּוון, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן אין דער ריכטונג, און במילא זענען זיי גוט אינפאָרמירט וועגן די דיפּלאָמאַטישע און פּאָליטישע פּלענער — איז געווען נייטיק, אַז דאָס זאָל אויך געשען אויפן מיליטערישן געביט.

היינט איז פעסטגעשטעלט, אז די אָנשטרענגונגען פון הימלערן צו דערגרייכן א סעפּאראטן שלום מיטן מערב, זענען כראָנאָלאָגיש געגאנגען אין איינקלאנג מיט די פּרוּוון פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ צו לאָזן אין גאנג דעם "גרויסן שפּיל". צוויי ביישפּילן וועלן באשטעטיקן די הנחה:

אין חודש דעצעמבער 1942, האָט אדוואָקאט לאנגבען, מיט דער הסכמה פון הימלערן, זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט די אַליאירטע אין ציריך און שטאָקהאָלם.

אין חודש אויגוסט 1943 — געגנט דעם 23סטן אויגוסט — האָט זיך הימלער געטראָפן אין געהיים מיט פּאָפּיצן, וואָס האָט געארבעט אין אינערן־מיניסטעריום אין בערלין און באלאנגט צו דער אנטי־נאצישער ווידערשטאנד־באוועגונג. פּאָפּיץ האָט פאָרגעשלאָגן הימלערן מקריב צו זיין היטלערן, כדי צו דערגרייכן א סעפּאראטן שלום. דער "טרייער היינריך" האָט זיך באגנוגנט מיט אן אומבאשטימטן ענטפער, וואָס לויט פּאָפּיצס איינזען, האָט דאָס באדייט אז הימלער איז מסכים אויף אזא לייזונג. לאנגבען איז גלייך אוועק אין דער שווייץ אָנזאָגן די גוטע בשורה זיינע אַליאירטע קאָרעספּאָנדענטן. דעם זעלבן חודש אויגוסט 1943, האָט דער נייער שעף פון דער זאָנדערקאָמאנדאָ — פּאַנוויץ — זיך באמיט אויפסניי אָנצוגיין מיט דעם "גרויסן שפּיל".

דער טעות פון הימלערן איז באשטאנען אין איבערשאצן די קעגנזאצן צווישן די אַליאירטע. דער צווייטער פראָנט האָט טאקע געלאָזט אויף זיך ווארטן, און ס'האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אז די פּערספּעקטיקונג פון די אנגלאָ־אמעריקאנער ארייַנצוטרעטן אין קריג, וועט ווארפן א שאָטן אויף די באציונגען מיט די רוסן. אָבער פון דעם ביז דער האָפענונג אז די קאָאַליציע וועט זיך פונאנדערפאלן — איז געווען זייער ווייט. אין דער מאָס ווי די מלחמה איז ווייטער אָנגעגאנגען און די אויסזיכטן פון א דייטשן נצחון האָבן זיך פארקלענערט, האָט א באדייטנדיקער טייל פון די ווערמאכט־גענעראלן, וואָס נאָך דער מפּלה ביי סטאַלינגראַד האָבן זיי געעפנט די אויגן, אָנגעהויבן צו גלויבן, אז די איינציקע לייזונג פאר דייטשלאנד איז — א סעפּאראטער שלום. דאָס איז דער פּרוּוו פון א טרינקענדיקן, וואָס כאפּט זיך אָן אין א צעפוילט, שווימענדיק ברעטל, כדי זיך ראטעווען, הגם דער פּרוּוו איז פון פאָרויס פארשפּילט. גלויבנדיק ביז דער לעצטער מינוט אין א סעפּאראטן שלום און אז זייער פארלאנג וועט ווערןווירקלעכקייט, האָבן הימלער און זיין חברותא זיך איבערצייגט, אז אויף דעם באָדן איז נייטיק צו נארן מאָסקווע.

וועלכע איז געווען די טאקטיק פון דער צענטראַלע, נאָך דעם ווי זי האָט באקומען מיין ראַפּאָרט?

קודם כל שאפן דעם איינדרוק, אז די "איבערגאנג־אָפּעראציע" איז זיי לחלוטין אומבאקאנט.

די דעפּעשן, וועלכע זענען געקומען פון דער צענטראַלע, זענען תמיד געווען אדרעסירט צו פארשידענע שעפן פון דער גרופּע. איך האָב דאָס אויסגענוצט אויף איבערצוצייגן גירינגן, אז ער זאָל נישט אדורכפירן קיין פּראָצעס קעגן כצן,

גראַספאַגעלן און די אַנדערע. מיין באַגרינדונג האָט אים אויסגעוויזן לאָגיש. איך האָב אים געזאָגט:

— איר זעט, מאָסקווע קאָן צו יעדער צייט פאַרלאַנגען מיט זיי זיך פאַרבינדן. אויב איר וועט זיי משפטן און פאַראורטיילן, וועט איר גופא זיך פאַראַטן. . .

ער איז מיט דעם איינפאַרשטאַנען.

די צענטראַלע האָט אויסגעצייכנט אויסגענוצט דעם "גרויסן שפיל" און אומאויפהערלעך פאַרלאַנגט וואָס מערער מיליטערישע ידיעות. אָנהייבנדיק פון פעברואַר 1943, זענען די דייטשן געווען געצוווּנגען צו שיקן מאָסקווע אַזעלכע ידיעות, וואָס די בעסטע נעץ וואָלט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען געהאַט שוועריקייטן זיי צו באַקומען. ענדלעך האָט די צענטראַלע אויך אַ סוף געמאַכט צו דער דייטשער אינפילטראַציע אין די נעצן, וועלכע זענען נאָך נישט אַנטדעקט געוואָרן.

אַן אינטערעסאַנטע פראַגע: מאָסקווע האָט פאַרלאַנגט מיליטערישע אינפאָרמאַציעס — אָבער ווער האָט דעצידירט וועלכע ידיעות מעג מען יאָ אָדער נישט שיקן? פאַר אַלעם האָט מען באַדאַרפט די הסכמה פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דעם "גרויסן שפיל" אין בערלין: געסטאַפּאָ-מילער און מאַרטין באָרמאַן. די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט דערנאָך באַדאַרפט באַקומען די באַשטעטיקונג פונעם אָבווער אין פּאַריז, וואָס האָט ווידער איבערגעשיקט די ווענדונגען דעם הויפּט-שטאַב פון דער ווערמאַכט אויפן מערבֿ-פראָנט — דאָס איז געווען מאַרשאַל פאָן רונדשטעט בכבודו ובעצמו, וואָס האָט יעדעם מאָל געגעבן די "גרינע ליכט" אויף איבערצושיקן די מאַטעריאַלן. היות ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע פריינדשאַפט צו הימלערן און דער געסטאַפּאָ — דאָס איז ס'ווינציקסטע וואָס מען קען וועגן דעם זאָגן — און אויסער דעם, האָט אויך ער, נישט געוווּסט מער ווי די אָבווער די צילן פון דעם "גרויסן שפיל", האָט ער אָפּט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון בערלין אויף דעם שטרענג-סודותדיקן כאַראַקטער פון די פאַרלאַנגטע אינפאָרמאַציעס.

פאָן רונדשטעט האָט זיך געוווּנדערט — און מען קאָן אים פאַרשטיין. וואָס שייך די שעפן אין בערלין, וואָס זענען געווען די איניציאַטאָרן, איז זייער אייניציקע זאָרג געווען, אַז די מיליטערישע ידיעות וועלכע מען שיקט קיין מאָסקווע, זאָלן נאָר האָבן אַ שייכות צום מערבֿ-פראָנט. די צענטראַלע האָט אָבער אַלץ מערער געשטעלט פראַגן וועלכע זענען געווען וויכטיק פאַר דער רויטער אַרמיי.

אין די אַרכיוון פון דער אָבווער אין בערלין, זענען פאַראַן זייער באַלערנדיקע דאָקומענטן פון די זענדונגען, וועלכע עס האָט געשיקט מאָסקווע, באַזונדערס אין שייכות מיט די צילן, וועלכע די צענטראַלע האָט זיך געשטעלט. דאָס לאָזט זיך רעזומירן אין עטלעכע פּשוטע ווערטער: צונויפזאַמלען דעם מאַקסימום ידיעות פון מיליטערישן כאַראַקטער.

אָט זענען עטלעכע ביישפּילן:

צוואַנציקסטער פעברואַר 1943, דעפּעשע געשיקט צו אָטאָן.

"פאַרלאַנגען ביים פאַבריקאַנט צו שיקן אינפאָרמאַציעס וועגן טראַנספּאָרט פון די מיליטערישע איינהייטן און זייער באַוואָפענונג, וואָס ווערן געשיקט פון

פראַנקרייך אויף אונדזער פראָנט".

און צו מאַרגנס — די פאָרזעצונג פון דער דעפּעשע:

"וועלכע דייטשע דיוויזיעס ווערן געהאַלטן אין רעזערוו און וווּ? די פראַגע איז פאַר אונדז זייער וויכטיק".

דעם 9טן מערץ, האָט די צענטראַלע פאַרלאַנגט צו וויסן, וועלכע איינהייטן שטייען איין אין פּאַריז און אין ליאָן, די נומערן פון די דיוויזיעס און זייער באַוואָפענונג.

אַזעלכע פראַגן האָבן אַרויסגעשטעלט די זאָנדערקאָמאַנדאָ אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט. איר איז געווען אוממעגלעך צו ענטפערן — און ענטפערן מיט פאַלשע אינפאָרמאַציעס, איז געווען געפערלעך. ס'איז געווען קלאָר, אַז מאָסקווע גלייבט זיך נישט אַזוי אין די אינפאָרמאַציעס, ווי זי וויל קאָנטראָלירן די ידיעות, וועלכע זענען שוין אין איר באַזיץ. די קומענדיקע דעפּעשע האָט דאָס פאָרמעל באַשטעטיקט:

"וועלכע דיוויזיעס געפינען זיך אין שאַלאָן־סיר־מאַרן און אין אַנגולעם? לויט אונדזערע אינפאָרמאַציעס, געפינט זיך אין שאַלאָן די נייַנטע אינפאַנטעריע דיוויזיע און אין אַנגולעם — די צענטע טאַנקן דיוויזיע. קאָנטראָלירן".

די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג, ווי געבן דעם צווייטן אַפּריל אַ גענויעם ענטפער:

"די נייַע ס.ס. דיוויזיע אין אַנגולעם, האָט נישט קיין נומער. די סאָלדאַטן טראָגן אוניפאָרמען פון גרויען קאָליר מיט שוואַרצע עפּאָלעטן — דער ס.ס. צייכן". דעם פערטן אַפּריל איז געקומען אַ המשך פון דער דעפּעשע, מיט פּרטים וועגן דער באַוואָפענונג פון דער דיוויזיע.

כמעט יעדן טאָג זענען געקומען פון דער צענטראַלע פּרעציזע דעפּעשן, אויף וועלכע די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט געענטפערט אויפן זעלבן, קאָנקרעטן אופן. אַזאַ איז געווען דער פּרייַז, וועלכן די בעל־מלאכות פון "סעפּאַראַטן שלום" האָבן באַדאַרפט צאָלן.

ענלעכע אויסטוישן פון זענדונגען זענען פאָרגעקומען בנוגע די דייטשע טרופּן, וואָס געפינען זיך אין האָלאַנד און אין בעלגיע. די זענדונגען האָבן געפאָדערט די נעמען פון די אָפיצירן וואָס שטייען בראש פון די איינהייטן און די רעזולטאַטן פון די ענגלישע באָמבאַרדירונגען.

פאַן רונדשטעט האָט מיט אַלץ גרעסערן אומצוטרוי און אומצופרידנקייט אויפגענומען דעם אינפאָרמאַציעס־אויסטויש, וואָס איז געוואָרן מער פּינקטלעכער; די דעפּעשע פון 30סטן מאַי 1943 איז געווען דער טראָפּן וואָסער וואָס איז אַריבער דעם בעכער און אַרויסגערופן אַ קאָנפליקט צווישן דעם הויפּט־שטאַב פון דער ווערמאַכט און דער דייטשער שפּיאָנאַזש־דינסט.

די צענטראַלע האָט פון מיר פאַרלאַנגט אַזאַ אויפגאַבע:

"אָט, פאַרבינדט זיך מיטן פאַבריקאַנט, כדי זיך דערוויסן, צי גרייט זיך די אָקופּאַציע־אַרמיי צו באַנוצן מיט גאַז? צי ווערט איצט טראַנספּאָרטירט דער סאָרט מאַטעריאַל? צי זענען מאַגאַזינירט געוואָרן גאַז־באָמבעס אויף די

עראַדראָמען? ווו און וויפל? דער קאַליבער פון די באָמבעס? וועלכן גאז באַנוצט מען? זיין פּאַרסמונג־קראַפט? צי ווערט אויסגעפּרוווט דער נייער טיפּ באַוואָפענונג? האָט איר געהערט פון אַ נייעם גיפט פאַר מיליטערישע צוועקן, וועלכער טראָגט דעם נאָמען "גיי־העלע"? איר דאַרפט שטעלן די אויפגאַבע פאַר אַלע אַגענטן וואָס אַרבעטן אין פראַנקרייך..."

דאָס מאָל איז שוין געווען צו פּיל. אין די הויפּט־שטאַבן פון דער ווערמאַכט האָט געהערשט צערודערונג. זיי האָבן דיסקוטירט צווישן זיך און צו וויסן געטאָן בערלין, אַז ס'איז אוממעגלעך צו ענטפערן אויף די פראַגן... פאַרשטייט זיך, אַז די זאָנדערקאָמאַנדאָ איז נישט געווען ביי דער מיינונג. גירינג האָט זיך באַקענט מיט די דעפּעשן, וועלכע איך האָב געשיקט פאַר מיין אַרעסט. זיי זענען דעשיפרירט געוואָרן אין בערלין. איך האָב שוין אין זיי געגעבן געוויסע אינפאָרמאַציעס וועגן גאַז. באַזונדערס זענען קעטע פעלקנער און מאַקסימאָוויטש געווען גוט אינפאָרמירט, דורך דער אָנפירונג פון דער סאָוקעל־אָרגאַניזאַציע, וועגן די אַנטדעקונגען פון דער כימישער אינדוסטריע אין דייטשלאַנד.

לויטן איינזען פונעם שעף פון דער זאָנדערקאָמיסיע אין בערלין, דאַרף מען ענטפערן אויף דער דעפּעשע, כאָטש טיילווייז. דער הויפּט־שטאַב פון דער ווערמאַכט האָט פון זיין זייט געזוכט אויסצונוצן דעם ענין, כדי אויפן הויכן קול ברענגען צום אויסדרוק זיין קעגנערשאַפט. צוויי דאָקומענטן פון די דייטשע אַרכיוון, באַשטעטיקן דעם קאָנפליקט.

דעם 20סטן יוני 1943, האָט די דירעקציע פון אָבווער קודם כל אינפאָרמירט בערלין, אַז "די העכסטע אָנפירונג פון דער אַרמיי איז ביי דער מיינונג, אַז זייט אַ געוויסער צייט, שטעלט מאָסקווע צו פּיל פּרעציזע פראַגן... די אויבער־אָנפירונג פון דער אַרמיי קאָן נישט מער געבן קיין גענויע תשובות, ווען מאָסקווע פאַרלאַנגט, צום ביישפּיל, די נומערן פון די דיוויזיעס, רעגימענטן, נעמען פון די קאָמאַנדירן אאז"וו. די אַרמיי־אָנפירונג שטייט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז זי קאָן נישט מער געבן קיין תשובות פון דעם כאַראַקטער, וועלכע שטעלן אין געפאַר זיכערקייט־פּראָבלעמען"... און פאָן רונדשטעט גופא האָט צוגעגעבן: "איך זע נישט די נויטווענדיקייט פאַרצוזעצן דעם שפּיל..."

ווי מיר זעען, האָט די העכסטע דייטשע אַרמיי־אָנפירונג דייטלעך אָנגעצילט אירע באַטעריע־שאָסן קעגן דעם "גרויסן שפּיל". זיי האָבן דאָס געטאָן עפנטלעך און מיט טומל. זיי זענען אוועק נאָך ווייטער און דעם 25.6.1942 דערקלערט, אַז "די ווערמאַכט־אָנפירונג האַלט, אַז זי קען מער נישט געבן קיין שום אינפאָרמאַציעס, ווייל זי איז פולשטענדיק זיכער, אַז דער שונא האָט אויפגעדעקט דעם שפּיל..." דאָס איז געווען, גלייך אַ באָמבע וואָלט אויפגעריסן.

ביי דער מיינונג איז באַזונדערס געווען דער שעף פון דער אַבווער, אַדמיראַל קאַנאַריס, וואָס האָט מיט אַ שלעכט אויג געקוקט אויף די גרויסע מאַנעווערס פון דער קליקע געסטאַפּאָ־מילער און הימלער. אין דער אמתן, זענען נישט דער אָבווער, נישט שעלענבערג (שעף פון דייטשן קאָנטער־שפּיאָנאַזש) און אפילו נישט רונדשטעט, געווען אינפאָרמירט וועגן די צילן פון דעם "גרויסן שפּיל". אין די

באַדינגונגען, איז זייער חשד און אומצוטרוי געווען באַרעכטיקט. מען האָט זיי אַפילו געזאָגט, אַז דער "גרויסער שפּיל" האָט דערמעגלעכט צו דעמאַסקירן די סאָוועטישע שפּיאָנאַזש־נעצן אין די אָקופּירטע לענדער. אָבער פאַרן הויפּט־שטאַב פון דער ווערמאַכט, איז דאָס נישט געווען קיין גענוגנדער אַרגומענט אויסצוגעבן געהיימע, וויכטיקע און פּרעציזע מיליטערישע ידיעות. די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט נישט געהאַט די זעלבע מאָטיוון זיך צו ווונדערן איבער דער וויכטקייט און פּרעציזקייט פון די אינפאָרמאַציעס, וועלכע מאָסקווע האָט פאַרלאַנגט, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז דער רויטער אָרקעסטער האָט תמיד איבערגעשיקט אַהין ידיעות פון גרויסן מיליטערישן ווערט. לסוף האָבן די אַרגומענטן פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ גענומען די אויבערהאַנט, און די מיליטער־לייט זענען געווען געצווּנגען, ווי פריער, צו געבן פּרעציזע תשובות אויף די געשטעלטע פראַגן. דעם נײַנטן יולי איז אָנגעקומען פון בערלין אַ פאָרמעלער באַפעל וועגן דעם.[1] די צענטראַלע אין מאָסקווע איז אויך פאַראינטערעסירט אין אַנדערע פּראָבלעמען, וועלכע געפינען זיך נישט אין די אויסשליסלעכע ראַמען פון מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. עס זענען אויך אָנגעקומען זענדונגען מיט פראַגן וועגן גענעראַל וולאַסאָווס אַרמיי.

וולאַסאָוו איז געווען אַ יונגער, אויסגעצייכנטער גענעראַל פון דער רויטער אַרמיי, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין דײַטשער געפאַנגענשאַפט מיט זיין דיוויזיע. ער האָט געוווּסט דעם גורל וואָס דערוואַרט די געפאַנגענע, ווען זיי קומען צוריק קיין רוסלאַנד. די־אַ פּערספּעקטיוו האָט אים געשטויסן אַריבערצוגיין אויף דער דײַטשער זייט. ווערמאַכט־אָפיצירן האָבן אים פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַ רוסישע אַרמיי, וועלכע זאָל זיך שלאָגן ביי זייער זייט. בראש פון די איינהייטן זענען אוועקגעשטעלט געוואָרן דעמאָראַליזירטע אָפיצירן, וואָס ווילן פאַר קיין פאַל נישט זיצן אין די געפאַנגען־לאַגערן.

אַ ספּעציאַליזירטער, נאַציסטישער פּראָפּאַגאַנדע־עקיפּ האָט איבערגענומען די אויפזיכט איבער וולאַסאָוון און זיין אַרמיי. אָבער דער הונגער האָט מער געווירקט ווי דער אידעאָלאָגישער, נאַציסטישער סם. די סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך געפילט פאַרלאָזענע, אָפּט פאַראַטענע, אָפּגעשוואַכטע — האָבן מסכים געווען צו טראָגן דעם דײַטשן אוניפאָרם, נאָר כדי צו דערהאַלטן דאָס לעבן. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען די "רוסישע באַפרייונג־אַרמיי" (ר.אָ.אַ.). די וולאַסאָוו־אַרמיי איז געווען פון אַן אומבאַדײַטנדיקן מיליטערישן ווערט. די מאַטעריעלע פאַרגיטיקונג האָט נישט פאַרטרעטן די איבערצייגונג, אַז זיי שלאָגן זיך פאַר אַ ריכטיקער זאַך און אַז זיי פאַרטיידיקן זייער היימלאַנד. די דײַטשן האָבן זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס וועגן זייער קאַמפּס־ווילן. די ווערמאַכט האָט אויסגענוצט די

[1]) דעם טעקסט פון דעם באַפעל זע אין דער ביילאַגע, צום סוף פון בוך. רייזער טענהט, אַז מאָסקווע האָט אָפּגעשטעלט דעם "גרויסן שפּיל" פון דעם מאָמענט, ווען איר איז קלאָר געוואָרן די דײַטשע סטראַטעגיע. אָבער דאָס איז נישט די מיינונג פון זיינע שעפן אין בערלין.

וולאסאָוו־ארמיי אויפן מערב־פראָנט, דער עיקר — צו אונטערדריקונג־אקציעס.

אָן שום ספק, אז זומער 1943, איז פאר דער סאָוועטישער מיליטערישער געהיים־דינסט געווען וויכטיק צו קענען די ווירקלעכע לאגע פון דער וולאסאָוו־ארמיי, די צאָל איינהייטן, אירע געאָגראַפישע פּאָזיציעס, די נעמען פון די אָפיצירן, זייער באוואָפענונג, דער באנוץ פון געווער, דער כאראקטער פון זייער פּאָליטישער אויסשולונג. די צענטראלע האָט געוואָלט וואָס מערער אינפאָרמאציעס, דעם מאקסימום פרטים און פארלאנגט צו קאָנטראָלירן די ידיעות, וועלכע זענען שוין אין איר באזיץ. בערלין האָט נישט געמאכט קיין שוועריקייטן צופרידן צו שטעלן מאָסקווע אויף דעם געביט. דער הויפּטשטאב פון דער ווערמאכט, להיפך צו זיינע געוווינהייטן, האָט זיך אויך נישט קעגנגעשטעלט, צוליב דער פשוטער סיבה, וואס ער האָט זיך נישט געמאכט קיין שום אילוזיעס וועגן דער שלאָגפערטיקייט פון וולאסאָווס סאָלדאַטן.

אין חודש אפריל 1943, האָט די זאָנדערקאָמאנדאָ באקומען א לאנגע דעפּעשע אדרעסירט צו מיר, מיט גענויע אינפאָרמאציעס וועגן די פארלוסטן פון דער דייטשער ארמיי אין סטאלינגראד. גירינג, א שטארק פארוווּנדערטער, האָט געפרעגט, נאָך וואָס האָט מאָסקווע געפונען פאר נייטיק צו אינפאָרמירן מיך וועגן דעם. איך האָב אים געזאָגט:

— פון צייט צו צייט האָט די צענטראלע מיר געשיקט אויפקלערונגען, כדי צו האָבן א גענויע פאָרשטעלונג פון דער מיליטערישער לאגע אויף דעם אָדער אן אנדערן פראָנט־אָפּשניט.

— אַ שאָד, — ענטפערט גירינג. — איך ווייס פון קענטן, אז דאָס ערשטע מאָל באקומט איר א דעפּעשע פון אזא כאראקטער...

איך האָב זיך נישט פארלוירן און צוריק געוואָרפן דעם באלעם: — געוויסע ענייניםן פון א באזונדערער וויכטיקייט האָבן באדארפט אויסמיידן קענטן.

שפּעטער האָב איך פארשטאנען דעם זין און ציל פון דער דעפּעשע. די צענטראלע, אָנגעבנדיק העכערע ציפערן פון די דייטשישע פארלוסטן ביי סטאלינגראד, ווי די וועלכע האָבן צירקולירט אין דער הויפּט־שטאָט פון דריטן רייך — האָט געצילט ארייננצוברענגען אין בערלין א צעמישונג אין די מוחות. די באריכטן פון הויפּט־שטאב, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן צו די אָנפירנדיקע דייטשע קרייזן, האָבן פארקלענערט די ווירקלעכע פארלוסטן. אויף אזא אופן האָט הימלער, א דאנק דער צענטראלע, געהאט א וויכטיקע דערגרייכונג ביי היטלערן, פאָרשטעלנדיק אים א גענוי בילד פון די גרויסע פארלוסטן פון דער ווערמאכט. די זאָנדערקאָמאנדאָ, זייענדיק זיכער, אז זי האָט דעם צוטרוי פון מאָסקווע, האָט אָנגעהויבן צו פירן א פּראָפּאגאנדע, וועלכע האָט געצילט צו צעשטערן די אנטי־נאצישע קאָאַליציע און אראָפּפירן פון וועג דעם שונא. די שטעך זענען געווען גראָב גענייט, זיי האָבן אָבער באוויזן מיט וועלכע מיטלען די אָנהענגערס פון א סעפּאראטן שלום ווילן דערגרייכן זייער ציל. אין מיין נאָמען זענען געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע א ריי דעפּעשן וועלכע האָבן אינפאָרמירט וועגן אן אנקעטע, וועלכע געבעלס זאָל האָבן אדורכגעפירט צווישן דער דייטשער באפעלקערונג

וועגן אויסגאַנג פון דער מלחמה. די אנקעטע זאָל האָבן באַוויזן, אַז די עפנטלעכע מיינונג איז באַהערשט פון שטאַרקע אַנטי־סאָוועטישע שטימונגען. די דעפּעשן האָבן אויך „אַנטדעקט", אַז אין דער גרעסטער מערהייט, גלויבן די דייטשן אין ענדגילטיקן נצחון. נאָר אין פאַל ווען נייטיק צו פירן אונטערהאַנדלונגען, האָבן אַלע אויסגעפּרעגטע זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיטן מערב.

אַנדערע דעפּעשן זענען געשיקט געוואָרן אין דער צענטראַלע בנוגע די שטימונגען צווישן די אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן און אָפיצירן. מיר האָט מען געהייסן זאָגן, אַז די אַגענטן פון רויטן אָרקעסטער, וואָס האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די ענגלישע פּליערס, וועלכע מ׳האָט אַראָפּגעשאָסן אין דער געגנט פון פּאַריז און ווערן איצט געהיילט אין שפּיטאָל פון קלישי, האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן שוין גענוג צו שטאַרבן פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד, און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זיי זענען אָנהענגערס פון אַ שלום מיט דייטשלאַנד.

כ׳האָב נישט געקענט בלייבן ערנסט, ווען גירינג האָט מיר אונטערגעטראָגן די דעפּעשן. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז ווען די צענטראַלע וועט באַקומען די „שטרענג געהיימע דאָקומענטן", וועט דאָס אַרויסרופן חוזק ביי אַלעמען. מען דאַרף באמת זיין קליינקעפּלדיק צו גלויבן, אַז אַזעלכע פּלוידערייען וועלן זיין ביכולת צו שעדיקן די סאָוועטישע מאָראַל. אין דער צענטראַלע האָט מען געוווּסט אַפּצושאַצן דעם ווערט פון די אַנקעטעס, אָרגאַניזירט פון געבעלסן, דעם ספּעציאַליסט פון באַהערשן מוחות. גלייך אין נאַצי־דייטשלאַנד וואָלט מעגלעך געווען ברענגען צום אויסדרוק אַ נייעם געדאַנק!

קאַרל גירינג האָט מיר „אָנגעטאָן דעם כבוד" און זיך באַראַטן. איך האָב אים געגעבן די פולע הסכמה בנוגע דעם אינהאַלט פון די דעפּעשן, און אפילו צוגעוואָרפן, מיט אַ סך ערנסטקייט, אַז אַזעלכע אינפאָרמאַציעס וועלן „צווינגען מאָסקווע נאָכצוטראַכטן..." ער איז געווען פון זיך צופרידן און ווייטער געגאַנגען מיט דעם וועג: פּראָוואָצירן אַ ריס צווישן די אַליאירטע — און רעדאַגירט אַן אַנדערע דעפּעשע, וואָס האָט זיך באַמיט אויפצווייזן, אַז די ענגלענדער פאַרקויפן געווער די דייטשן. גירינגס באַווייזן האָבן זיך געשטיצט אויף דעם פאַקט, וואָס דייטשע זשאַנדאַרן אין קאַלע (אַ שטאָט אין צפון פראַנקרייך) זענען באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער פון ענגלישער פּראָדוקציע. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די דייטשן קויפן דאָס געווער אין נייטראַלע לענדער, מיטן באַדינג נישט צו באַנוצן דאָס אויפן סאָוועטישן פראָנט.

די דאָזיקע אינפאָרמאַציע האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. ער האָט נישט באַוויזן, אַז די ענגלענדער האָבן געגעבן זייער הסכמה צו פאַרקויפן געווער דעם שונא. די מאַשין־געווער האָט געקענט אַריינפאַלן אין דייטשע הענט, בעת אַ שלאַכט. די צוגעטראַכטע מעשה איז געווען נאָך לעכערלעכער דערמיט, וואָס אין דער זעלבער צייט האָבן די אַליאַנטן געשיקט גרויסע קוואַנטומס געווער דעם ראַטן־פאַרבאַנד.

אין יענער תקופה האָט גירינג זיך געוואָלט באַנוצן מיטן רויטן אָרקעסטער, כדי אַריינדרינגען אין דער סאָוועטישער שפּיאָנאַזש־דינסט אין דער שווייץ.

די נעץ איז אנטשטאנען נאָך פאר דער מלחמה און געוואָרן אָנגעפירט דורך אלעקסאנדער ראַדאָ, א קאָמוניסטישער קעמפער פון זיינע יונגע יאָרן. ער האָט זיך אקטיוו באטייליקט אין אונגארישן אויפשטאנד פון בעלא קון. דער עיקר איז ראַדאָ געווען א וויסנשאפטלער, א געאָגראַף און באזיצט עטלעכע שפראכן. אלע אָנשטערענגונגען פון דער נעץ, זענען געווען געווענדט צו נאצי־דייטשלאנד. דער רויטער אָרקעסטער האָט אין פרינציפ נישט געהאט קיין שום פארבינדונג מיט דער נעץ. אָבער אין 1940, האָט די צענטראלע אָנפארטרויט קענטן די שליחות צו פאָרן אין דער שווייץ, כדי אויסלערנען ראַדאָן די טעכניק פון ראדיאָ־זענדונגען און אים איבערגעגעבן דעם קאָד. דער עצם געדאנק פון דער שליחות איז געווען א גרויסער פעלער, ווייל אין 1940 האָט די צענטראלע געהאט אנדערע מעגלעכקייטן, ווי שיקן א שעף פון א נעץ אין אַן אָקופירטן געביט. צוויי יאָר שפעטער, ווען קענט איז געוואָרן ארעסטירט און איבערגעגאנגען אויף דער דייטשער זייט, האָבן די אינפאָרמאציעס, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן וועגן דער גרופּע ראַדאָ, געגעבן זייער שווערע רעזולטאַטן. ער האָט דאָך געקענט ראַדאָס אדרעס, זיין קאָד, די לענג פון די ראדיאָ־זענדונגען.

די דעפּעשן, געשיקט פון ראַדאָן און וואָס זענען געקומען פון דריי ראַדיאָ־זענדערס („די דריי רויטע"), זענען געוואָרן אויפגעכאפּט פון די דייטשן. טראָץ דער מיטארבעט פון קענטן, האָבן זיי געהאט שוועריקייטן צו דעשיפרירן די דעפּעשן און באשלאָסן צו שיקן אַן אגענט אויפן אָרט.

פארשטענדלעך, אז די שווייצארישע נייטראליטעט איז געווען א פּראָבלעם פאר די דייטשן. גירינג האָט געהאט בדעה צו באנוצן זיך מיט פראנץ שניידער. ער און זיין פרוי זשערמען זענען געווען שווייצארישע בירגער און געהערט צו יעפרעמאָווס גרופּע, וואָס איז ארעסטירט געוואָרן אין בעלגיע און געשטאנען אין פאַרבינדונג מיט פיל וויכטיקע ראַדאָ־אגענטן. א דאנק שניידערן, איז גירינג געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דעם צוזאמענשטעל פון דער שווייצאַרישער גרופּע. אָבער דריי כסדרדיקע פּרוּוון אריינצודרינגען אין דער גרופּע — זענען דורכגעפאלן.

דאָס ערשטע מאָל האָט זיך גירינג באנוצט מיט דעם אגענט איוו ראַמאָ, וואָס האָט אַמאָל געקענט ראַדאָן. ראַמאָ האָט זיך געטראָפן מיט ראַדאָן און אים פאָרגעשלאָגן זיין מיטארבעט, באַרימענדיק זיך, אז ער האָט פיל פארבינדונגען מיט דער פראנצויזישער ווידערשטאנד־באַוועגונג און אז ער געהערט צו קענטס גרופּע. ראַדאָ האָט דערשמעקט די פּאסטקע און גלייך א סוף געמאכט צו דעם שמועס.

דער צווייטער פּלאַן פון גירינגען איז געווען: שיקן אין דער שווייץ די שיפרירערין פון דער פראנצויזישער גרופּע אין רויטן אָרקעסטער, וועלכע איך האָב דערווייטערט נאָך סאָקאלס ארעסט און לכתחילה געשיקט צו קענטן קיין מארסיי. אָבער מחמת דער געפאר פון ארעסטן, האָב איך זי איינגעאָרדנט אין א קליין דערפל, נאָענט צו קלערמאַן־פעראַן (א שטאָט אין פראנקרייך). פון קענטן האָט גירינג געוווּסט, אז מיר איז באקאנט ווערא אקערמאנס אדרעס. ער האָט געהאט בדעה זי צו ארעסטירן און איזאָלירן ביזן סוף פון קריג, גלויבנדיק, אז א דייטשע אגענטין, וואָס וועט זיך אָנגעבן פאר ווערא אקערמאַן, וועט לייכט

אַריינדרינגען אין ראַדאָס נעץ און עס וועט גענוג זיין צו מעלדן דער צענטראַלע, אַז זי איז געשיקט געוואָרן אין דער שווייץ צוליב זיכערהייט־טעמים. דער דאָזיקער פּלאַן, ווי ר'האָט זיך פאַרגעשטעלט, האָט געהאַט ערנסטע שאַנסן ער זאָל געלינגען. איך האָב נאָך אַמאָל געמוזט אויסמיידן דעם קלאַפּ:

— די אַגענטין וועט תיכּף אַנטדעקט ווערן — האָב איך געזאָגט גירינגן. — קענט האַלט, אַז איך בין דער איינציקער וואָס ווייסט ווערא אַקערמאַנס אַדרעס. ריכטיק, זי געפינט זיך אין זשענעווע...

אַזוי איז אויך דער צווייטער פּלאַן פון גירינגן אַדורכגעפאַלן און ווערא איז ביזן סוף פון דער מלחמה פאַרבליבן אין איר דערפל, אין די בערג פון צענטראַל־פראַנקרייך.

דער דריטער פּלאַן — אויסגעאַרבעט פון קענטן — איז באַשטאַנען אין אַרויסשיקן א שליח צו אַלעקסאַנדער פוט, ראַדאָס רעכטע האַנט. גירינג האָט זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט, ווי אַזוי האָבן פריער אויסגעזען אַזעלכע טרעפונגען. איך האָב אים געגעבן אַזעלכע אָנווייזונגען, אַז גלייך ביי דער ערשטער טרעפונג האָט פוט פאַרשטאַנען מיט וועמען ער האָט צו טאָן.

אויסער דעם דערציילט פוט אין זיינע מעמואַרן 1), אַז די צענטראַלע האָט אים געוואָרנט פאַר דער געפאַר, אים באַפוילן נישט באַשטעטיקן קיין אַנדערע טרעפונגען און לייגן אַכט, אַז דער דייטשער "שליח" זאָל זיך נישט דערוויסן זיין אַדרעס, ער זאָל אים נישט קענען נאָכשפּיאָנירן.

גירינג, פון זיין זייט, האָט געגעבן אינסטרוקציעס זיין אַגענט, אַז דעם מאַן מיט וועלכן ער דאַרף זיך טרעפן, זאָל ער איבערגעבן א דיק בוך, איינגעוויקלט אין א פּאַפּיר פון אָראַנזש־קאָליר, וואָס איז זייער אָנזעבאַר. אינעווייניק, אין בוך, צווישן צוויי פאַרקלעפּטע זייטלעך, וועלן זיך געפינען שיפרירטע זענדונגען און ער דאַרף פון אים פאַרלאַנגען, ער זאָל זיי איבערשיקן דער צענטראַלע און באַשטימען מיט אים א נייע טרעפונג. אַזאַ אופן פון האַנדלען איז גענוג געווען צו דעמאַסקירן זיך און באַווייזן, אַז דער "שליח" האָט נאָך קיין ריכטיקע שליחות נישט אויסגעפירט. מען האָט באמת באַדאַרפט פאַרלירן דעם שכל, כּדי בשעת א מלחמה אַדורכפירן דורך א גרענעץ שיפרירטע דעפּעשן, פאַרשטופּטע אין א בוך, וואָס וואַרפט זיך אַזוי אין די אויגן און געקענט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פאַרשלאָפנסטער גרענעץ־וואַך.

אין יענער צייט זענען אַלע מאַטעריאַלן איבערגעפירט געוואָרן אין דער פאָרם פון מיקראָפילמען, באַהאַלטן אין די מלבושים. ווי כ'האָב שוין פריער דערמאָנט, וואָלט קיין שום אַגענט נישט איינגעפאַלן אַזאַ אַבסורדאַלער געדאַנק, צו באַשטימען א טרעפונג אָן די געהעריקע רעקאָמענדאַציעס. די אַלע אומבאַרעכנטע אַקטן האָבן דערפירט דערצו, אַז פוט האָט אָפּגעזאָגט אויפצונעמען דעם געפעלשטן אַמבאַסאַדאָר און יענער איז צוריק געקומען מיט ליידיקע הענט.

פופצן טעג שפּעטער האָט די צענטראַלע געשיקט א דעפּעשע צו קענטן,

---

1) "האַנטבוך פאַר שפּיאָנען", דערשינען אין לאָנדאָן אין מוזעום־פּרעס.

וואונדערנדיק זיך, הלמאי דער "שליח" איז געווען א געסטאַפּאָ־אַגענט. גירינג האָט פּרובירט ראַטעווען די לאַגע מיט אַן אויפקלערונג, אַז דער ריכטיקער שליח איז ארעסטירט געוואָרן און אַז די געסטאַפּאָ האָט אויף זיין אָרט געשיקט איינעם פון אירע אגענטן. די פּרוּוון אַריינצודרינגען דורכן רויטן אָרקעסטער אין ראַדאָס נעץ, זענען כסדר דורכגעפאַלן. אָבער די אַרבעט פון ראַדאָס נעץ אין דער שווייץ איז געווען פון אַזא וויכטיקייט, אַז בערלין האָט נישט געקענט פון איר רעזיגנירן. שעלענבערג גופא איז באַאויפטראַגט געוואָרן צו קעמפן קעגן דער ראַדאָ־נעץ. נאָך לאַנגע און געדולדיקע אָנשטרענגונגען, איז אים געלונגען אַריינצופירן אין דער נעץ איינעם פון זיינע אַגענטן. דער אַגענט האָט זיך "פאַרליבט" אין דער יונגער שיפרירערין ראָז ב., וואָס האָט געאַרבעט אין איינעם פון "די דריי רויטע" זענדערס. שפּעטער האָט דאָס פּאָרל מאַסאָן, וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי לאַנגיאָריקע סאָוועטישע אַגענטן און אָפּגעשוואַכט די וואַכזאַמקייט פון אונדזערע שווייצארישע פריינד, איבערגעשיקט קיין בערלין גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דער טעטיקייט פון דער נעץ. שעלענבערג האָט שטאַרק געדריקט אויף דער שווייצאַרישער געהיים־דינסט צו ליקווידירן די ראַדאָ־אָרגאַניזאַציע. די אַלע מאַנעוורעס האָבן אָבער פאַרלאַנגט צייט. ביז 1944 האָט ראַדאָ געשיקט קיין מאָסקווע וויכטיקע מיליטערישע ידיעות, וועלכע האָבן געשטאַמט פון הויכראַנגיקע אָפיצירן פון דער ווערמאַכט.

גירינג האָט אויך געהאַט שוועריקייטן מיטן פינאַנסירן דעם רויטן אָרקעסטער. ביזן אַרעסט, האָבן די האַנדלס־געזעלשאַפטן "סימעקס" און "סימעקסקאָ" געדעקט די הוצאות פון רויטן אָרקעסטער און מאָסקווע האָט נישט באַדאַרפט פאַר אים זאָרגן. היות גירינג האָט מודה געווען אין זיינע זענדונגען צו דער צענטראַלע, אַז די צוויי האַנדלס־געזעלשאַפטן זענען אַריינגעפאַלן צום שונא, איז לאָגיש, אַז ער זאָל פאַרלאַנגען די הוצאות פאַרן רויטן אָרקעסטער.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט, אויף דעם געביט, ווי אויף פיל אַנדערע, צו באַהאַנדלען די פראַגע מיט גירינגען, און אים געגעבן עצות, וועלכע האָבן אים אויסגעשטעלט צו לייטיש געלעכטער אין מאָסקווע. איך האָב אים פאַרגעלייגט אָנצוהייבן פון בעלגיע און האָלאַנד און פאַרלאַנגען אַן אַדערויף פון די רווחים פון ווענצעלן. פון בולגאַריע איז פאַר אים אָנגעקומען א "מתנה" (ווען ער איז, אַגב, אַנטלאָפן) — א גרויסע פּושקע קאָנסערווירטע אַרבעס, אונטער וועלכע ס'האָט זיך געפונען א באַנקנאָט פון צען פונט סטערלינג. די לייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ האָבן אָן וועלכן ס'איז חוש פאַר הומאָר געזוכט א לאָגישע אויפקלערונג בנוגע דער לעכערלעכער סומע. איך האָב זיי געגעבן א צופרידנשטעלנדיקן פירוש:

— די צענטראַלע האָט פּשוט געוואָלט פריער אויספּרובירן די פאַרבינדונג, איידער זי שיקט אַרויס א באַדייטנדיקע סומע...

זיי האָבן לאַנג געוואַרט, אַז די "באַדייטנדיקע סומע" זאָל אָנקומען.

פאַר האָלאַנד האָט די זאָנדערקאָמאַנדאָ פאַרלאַנגט א היפּשע סומע, אין נאָמען פון ווינטערינק. די צענטראַלע האָט געענטפערט, אַז זי איז מסכים, מיטן באַדינג, מען זאָל איר אָנווייזן א זיכער "פּאָסט־קעסטל". די לייט זענען געווען שטאַרק

באגייסטערט פון ענטפער און תיכף איבערגעגעבן דעם אדרעס פון א געוועזענעם מיטגליד פון דער האָלענדישער קאָמוניסטישער פּארטיי... אָבער דער ענטפער פון מאָסקווע האָט זיי דערשלאָגן: "ווי איז דאָס מעגלעך, איר זאָלט אונדז שיקן אן אדרעס וואָס איז באקאנט דער געסטאַפּאָ?" די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט זיך "פארפּלאָנטערט" אין די תשובות. האָט די צענטראַלע גענומען די איניציאטיוו און געעצהט ווינטערינקן, ער זאָל זיך קאָנטאקטירן מיט א געוויסן באַהדאַן סערווינקא, א בריסעלער אינזשעניער, וואָס וועט אים איבערגעבן פינף טויזנט דאָלאר. די זאָנדערקאָמאַנדאָ איז געווען אויסער זיך פון פרייד און געשיקט אן אגענט צו דעם אינזשעניער. דער ווידער, א שטארק פארוואונדערטער, האָט געגלויבט, אז דאָס איז אן ערשטער אפּריל־וויץ. די זאָנדערקאָמאַנדאָ איז ווידער געבליבן ביי אירע אילוזיעס.

די צענטראַלע האָט זיך דערלויבט דאָס פארגעניגן פון א נייער מיסטיפיקאציע, אָנגעבנדיק יעפּרעמאָוון דעם אדרעס פון א סוחר פון מצבות, וואָס זאָל זיין כלומרשט א בעל־חוב פון פופציק טויזנט פראנק דער מאָסקווער אדמיניסטראציע. אין דער אמתן איז עס געווען פארקערט. די צענטראַלע האָט געוואָלט פון זיי חוזקן און אָנגעגעבן דעם אדרעס פון א סוחר פון מצבה־שטיינער, אָנדייטנדיק סימבאָליש, אז ס'איז שוין די העכסטע צייט קובר צו זיין די פרשה פון פאַדערן געלטער. נאָר אויף דעם זענען די לייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ נישט געווען גענוג פארשטענדיק צו כאפּן זיך...

24 דער הענקער פון פּראַג

אין חודש יוני 1943 האָט זיך דער געזונט־צושטאַנד פון גירינגן פאַרערגערט, זיין האַלדז־קאַנסער האָט זיך פאַרשטאַרקט. אַפילו מיין רפואה — כ׳האָב אים רעקאָמענדירט צו טרינקען קאָניאַק, הגם כ׳בין איבערצייגט, אַז אויך אָן מיין עצה וואָלט ער דאָס געטאָן — האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר נישט ווירקזאַם. ער האָט וואָס אַמאָל געטרונקען אַלץ מער, פאַרגעפילט אַז ר׳איז פאַראורטיילט און וועט מוזן בקרוב פאַרלאָזן זיין אַרבעט. נישט געקוקט אויף די אָפּטימיסטישע באַריכטן וועלכע ער האָט מיטגעטיילט בערלין, איז געווען קלאָר, אַז ער גופא איז נישט פולשטענדיק איבערצייגט אין דעם. דער ציל פון די האָפּערדיקע באַריכטן איז געווען: פאַרזיכערן זיינע עלטסטע, אַז דער „גרויסער שעף" איז איבערגעגאַנגען אויף דער דייטשער זייט. נאָר בעת די לאַנגע שמועסן וועלכע כ׳האָב מיט אים געפירט, איז ער כסדר צוריק געקומען צו דער זעלבער טעמע, וועלכע האָט ארויסגעוויזן זיין אומזיכערקייט. ער האָט געוואָלט וויסן: וועלכע זענען די אמתדיקע סיבות, וואָס האָבן מיך באַוויגן אַנטייל צו נעמען אין דעם „גרויסן שפּיל"? מיין תשובה אויף דעם האָט זיך נישט געענדערט: די פּערספּעקטיוו פון אַ סעפּאַראַטן שלום צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד.

דאָס האָט אים נישט איבערצייגט, ווייל ער האָט דאָך געוווּסט, אַז איך בין אַ ייד, געבליבן אַ קאָמוניסט און אַ פאַרביסענער אַנטי־נאַצי.

גירינג איז געווען אַן אינטעליגענטער פּאָליציי־מאַן. אָבער ווי אַ גוטער דייטש, איז ער ניט געווען ביכולת צו אַרגומענטירן אַנדערש, ווי אין לאָגישע טערמינען. אויב אים וואָלט ווער געזאָגט, אַז מיר איז געלונגען צו רעדאַגירן אַ ראַפּאָרט און אים איבערגעבן זשיליעטן, וואָלט ער געענטפערט: אוממעגלעך! דאָס זעלבע בנוגע דער אויסגעטראַכטער „סאָוועטישער קאָנטר־שפּיאָנאַזש גרופּע", פאַר וועלכער ער האָט זיך געשראָקן אימת־המוות. ער האָט אויף קיין איין מינוט נישט געצווייפלט אין דער עקסיסטענץ פון דער גרופּע: דאָס האָט אים אויסגעזען לאָגיש.

איין געדאַנק האָט תמיד אָנגעפירט מיט זיינע מעשים: נאָר דער שעף פון דער זאַנדערקאָמאַנדאָ דאַרף וויסן דעם גאַנג פון די אָפּעראַציעס. ער האָט מיר אָפט געזאָגט, נאָכן אַראָפּלאָזן עטלעכע פולע גלעזער קאָניאַק, דעם פּרינציפּ פון זיין טעטיקייט: „אַ מאַן וואָס פירט אָן מיט אַ גרויסן שפּיל ווי מיינער דאַרף וויסן די מאָס פון אמת און שקר אין זיינע באַציונגען מיט די אַנטיילנעמערס אין דער

אונטערנעמונג... וואָס שייך די פּאַראַנטוואָרטלעכע אין בערלין, איז דאָס וויכטיקסטע זיי צו באַרויקן און איבערצייגן, אַז וואָס ס׳זאָל נישט פּאַרקומען, גייט אַלץ צום בעסטן. בנוגע מיליטער־לייט, וואָס וועלן סיי ווי נישט פאַרשטיין צו פיל אין די סובטעלע פּרטים פון דעם ענין, איז בעסער, זיי זאָלן וויסן וואָס וויניקער און בלויז דאָס וואָס איך האַלט פאַר נייטיק זיי צו זאָגן. דער איינציקער באַזיצער פון דעם גאַנצן אמת — בין איך אַליין..."

ווען פּאַנוויץ האָט פאַרטרעטן גירינגן בראָש פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערע מאַטעריאַלן צו באַקענען זיך מיט דער טעטיקייט, ווי נאָר די ראַפּאָרטן, וועלכע גירינג האָט געשיקט קיין בערלין. די ראַפּאָרטן זענען אָבער געווען זייער ווייט פון דער פּאַקטישער לאַגע. איך האָב זיך צוגעוווינט צו גירינגן ווי צו אַן אומברחמנותדיקן שונא, וואָס איז כיטרע און קלוג. דאָך האָב איך זיך געשראָקן, אַז זיין נאָכפאָלגער זאָל נישט דערפירן דעם "גרויסן שפּיל" צו אַ מער בלוטיקן אויסגאַנג. איך דאַרף קלאָר מאַכן, אַז אין דער זעלבער צייט איז רייזער באַפרייט געוואָרן פון זיין אַמט און באַשטימט געוואָרן אין דער געסטאַפּאָ־אַנפירונג אין קאַרלסרוהע. מיינע הויפּט־מיטשמועסערס האָבן זיך געביטן.

אָנהייב יולי 1943 האָב איך זיך באַקענט מיט פּאַנוויצן. איך דערמאָן זיך אויסגעצייכנט דעם טאָג, ווען ער איז אַריין צו מיר אין צימער אין נויאי. איך האָב מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און נייגעריקייט באַטראַכט דעם נייעם שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, וואָס וועט זיין מיין הויפּט־שונא. פיזיש איז ער געווען פיל אַנדערש פון זיין פאָרגייער. יונג, דיק, אַ קיילעכיק, ראָזעווע פּרצוף, אַ שאַרפער בליק באַהאַלטן הינטער דיקע ברילן־גלעזער, אָנגעטאָן מיט געשמאַק, געהאַט דעם אויסזען פון אַ קליינבירגער. ער איז אין דער זעלבער צייט געווען רויק און צעריצט, געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קלעפּיקן באַלעם, וועלכן ס׳איז שווער אַנצונעמען.

פּאַנוויץ איז געבוירן אין 1911 אין בערלין. זיין אַנטוויקלונג ביז דעם טאָג, ווען ער איז באַשטימט געוואָרן "קרימינאַל־ראַט", וואָלט געקענט דינען פאַר פּסיכיאַטערס ווי אַ וווּנדערלעך פעלד פון פאָרשונגען. נאָך ווי אַ קינד, האָט ער אָנגעהערט צו אַ קריסטלעכער סקויטן־אָרגאַניזאַציע. די שטרענג קריסטלעכע דערציונג וועלכע ער האָט באַקומען ביי זיינע עלטערן, האָט אים געפירט צו שטודירן טעאָלאָגיע דריי יאָר צייט. נאָר אַנשטאָט ווערן אַ גלח, האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ תלין. אויסטערליש זענען די וועגן פון רבונו־של־עולם!

ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט פּאַנוויץ געהאַט צוויי און צוואַנציק יאָר. ער ווערט באַאַמטער אין דער אָפּטיילונג פון דער קרימינאַל־פּאָליציי (קריפּאָ), סעקציע פון "שווערע פאַלן". אָבער די ציווילע פאַרברעכנס מיט וועלכע ער דאַרף זיך פאַרנעמען, זענען נישט פאַר זיינע אַמביציעס. אים אינטערעסירט דאָס געביט פון פּאָליטישע רעפּרעסיעס. דאָ וועט ער זיך קענען באַווייזן. כדי צו ווערן דערהויבן ביים נאַצי־רעזשים, האָט דער זיכערסטער און שנעלסטער וועג געפירט דורך דער געסטאַפּאָ. דעריבער, פאַרויס צו דער געסטאַפּאָ! דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט, ער האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט און געוואָרן אָנערקענט. דער יונגער וואָלף האָט זיך דערנענטערט צום מלך פון די חיות, ער

ווערט א מיטאַרבעטער פון היידריכן, וואָס האָט געזאַמלט אַרום זיך יונגע, פעיקע חברהלייט, אוואַנטוריסטן, פּאַטענציעלע ווילדע חיות. זיי וועלן שפּעטער פון זיך לאָזן הערן, ווי: אייכמאַן, שעלענבערג.

דעם 29סטן סעפּטעמבער 1941 ווערט היידריך באַשטימט אַלס וויצע־גאַולייטער פון טשעכאָסלאָוואַקיע און באַזעצט זיך אין פּראַג. זיין רעכטע האַנט איז פּאַנוויץ. א תקופה פון שרעקלעכע יסורים האָט זיך אָנגעהויבן פאַרן טשעכישן פאָלק. די קאָנצענטראַציע־לאַגערן ווערן שנעל פאַרפולט, אין די הונדערטער ווערן די קעגנערס פון נאַציזם דערשאָסן, דעפּאָרטירט און געפּייניקט. לאָנדאָן און די טשעכישע עמיגראַציע־רעגירונג באַשליסן פאַראַשוטירן פּאַרטיזאַנער צו ענטפערן אויפן ברוינעם טעראָר. נאָך א געהעריקער צוגרייטונג, איז דעם 27סטן מאַי 1942 אַטאַקירט געוואָרן דער אויטאָ וועלכער האָט געפירט היידריכן, וואָס איז געוואָרן שווער פאַרוואונדעט. דעם 4טן יוני איז ער געשטאָרבן.

די רעוואַנזש־אַקציע איז געווען א שרעקלעכע. פּאַנוויץ, דער פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר היידריכס זיכערקייט, האָט א פאַרביטערטער פון זיין דורכפאַל, אונטערגענומען א יאַגד אויף מענטשן. געבעלס האָט דערקלערט, אַז די יידן זענען די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכע — און עטלעכע הונדערט פון זיי האָט מען צוזאַמען געטריבן אין לאַגער טערעזינשטאַט און דערמאָרדעט. אויף דער גאַנצער טשעכישער טעריטאָריע זענען אַרעסטירט געוואָרן דריי טויזנט מענטשן. נאָכן טויט פון היידריכן, דעם 4טן יוני, האָט דער טעראָר זיך פאַרדאָפּלט. ממש א בלוט־באָד. בלויז אין דער פּראַגער תפיסה זענען אומגעבראַכט געוואָרן טויזנט זיבן הונדערט טשעכן; אין בּרנאָ — טויזנט דריי הונדערט. דעם צענטן יוני זענען אַלע מענער און קינדער פונעם דערפל לידיצע געוואָרן דערמאָרדעט און די פרויען האָט מען דעפּאָרטירט קיין ראַווענסבריק.

פּאַנוויץ האָט פּערזענלעך אָנגעפירט מיט דער אויספאָרשונג צו אַנטדעקן די אַטענטאַטלערס. דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די אַלע מאָרדן איז געווען ער גופא. און ער האָט דאָס זיכער נישט פאַרגעסן, ער זעט אוודאי פאַר זיינע אויגן די אומצאָליקע קרבנות און די בילדער פון אומאויפהערלעכע פּייניקונגען אין די קעלערן פון דער פּראַגער תפיסה. ער איז אויך דער וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַטאַקע פון א רעגימענט ס.ס. קעגן דעם קלויסטער פון הייליקן באַראָמעאוס, ווו די גרופּע פּאַרטיזאַנער וואָס האָבן אויסגעפירט דעם אַטענטאַט, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן.

נאָך די געשעענישן, האָט פּאַנוויץ געהאַט א ביסל צרות מיט מיינע שעפן אין בערלין. ער האָט געזוכט א וועג, מען זאָל א געוויסע צייט אין אים פאַרגעסן און איז אוועק אויפן רוסישן פראָנט. בסך־הכל איז ער פאַרבליבן אין זיין מיליטערישער איינהייט פיר חדשים, האַלטנדיק וואַרשיינלעך, אַז דער רוסישער קלימאַט איז צו שווער פאַר זיין ווערטפול געזונט. אָנהייב 1943, איז ער צוריק געקומען קיין בערלין, ווי א מיטאַרבעטער פון געסטאַפּאָ־מילער. ער האָט באַקומען די אויפגאַבע אויסצופאָרשן די ראַפּאָרטן פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, וואָס קומען פון פּאַריז. אָבער זיין בייער שעף האָט געוווסט, אַז אויסער זיינע פעיקייטן ווי א קוואַליפיצירטער הענקער, איז ער אויך פעיק צו פירן "גרויס־פּאָליטיק". פּאַנוויץ

איז רייך אין פֿאַנטאַזיעס. באַלד נאָך זיין צוריקקומען פֿון פּראַג, האָט ער פֿאָרגעשלאָגן א פּלאַן, וואָס וועט לויט אים נאָך, דערמעגלעכן א סוף מאַכן צום טשעכישן ווידערשטאַנד. אויפֿן אָרט פֿון יעדן אַרעסטירטן פּאַטריאָט — און דאָס האָט ער גערעדט פֿון דערפֿאַרונג — שטייען אויף צען אַנדערע. איז נאָר פֿאַראַן איין לייזונג: אַרעסטירן די מנהיגים און זיי "איבערדרייען". אַז זיי וועלן אַריבער אויף דער דייטשער זייט, דאַרפֿן זיי צוריק אויפֿהאַלטן זייער אָרט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און זי צעשטערן פֿון אינעווייניק.

אויפֿן פּאַפּיר האָט דאָס אויסגעזען זייער פֿיין, אָבער נישט צוגעפּאַסט צו דרינגענדיקע סיטואַציעס. אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט נישט די געסטאַפּאָ קיין איין מינוט צו פֿאַרלירן, זי מוז קלאַפּן שנעל און שטאַרק — און ווענדט ווייטער אָן די אַלטע, אויסגעפּרוווטע מיטלען.

ווען פּאַנוויץ איז געקומען אין האַנט אַריין דער באַריכט פֿון דער פּאַריזער זאָנדערקאָמאַנדאָ, איז ער אויפֿגעשפּרונגען: דאַרט, וויניקסטנס, האָבן זיי פֿאַרשטאַנען און זענען אויפֿן וועג צו פֿאַרווירקלעכן זיין פּלאַן. פּאַנוויץ איז מערער איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פֿון דער אידעע, ווי גירינג, וואָס כדי זיך אַרויסצוהייבן, גיט ער צו וועגן דעם פּאַראַט פֿון "גרויסן שעף" און די אַנדערע מיטגלידער פֿון רויטן אָרקעסטער, אַז זיי האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט ביים אַריבערגיין אויף דער דייטשער זייט. פֿאַר אים איז קלאָר, אַז גירינג איז קראַנק און האַלט ביים פֿאַרלאָזן זיין אַמט. ער מוז פֿאַרנעמען גירינגס אָרט. כדי דאָס צו דערגרייכן, וועט ער זיך באַנוצן מיט אַלע פּראַטעקציעס, וואָס זענען אין זיין רשות.

ווען איך האָב געזען פּאַנוויצן צום ערשטן מאָל, האָב איך נישט געצווייפֿלט, אַז די הענט פֿון דעם באַלעבאַטישן מענטשל, מיטן אויסזען פֿון א קליינעם בוכהאַלטער אין א באַשיידענער אונטערנעמונג, זענען איינגעטונקט אין בלוט פֿון טשעכישע פּאַטריאָטן. איצט וועט ער שפּילן די ראָל פֿון א דזשענטלמען, וואָס פֿאַרנעמט זיך נאָר מיט "גרויס־פּאָליטיק". ער וועט דאָס קענען טאָן, ער איז געקומען צו דער ריכטיקער צייט. זיינע שעפֿן אין בערלין זענען ביי דער מיינונג, אַז די ערשטע פֿאַזע פֿון דעם "גרויסן שפּיל" איז שוין אַדורך. נאָך דעם ווי זיי האָבן אַלץ געטאָן און פֿיל מקריב געווען, כדי זיך פֿאַרזיכערן דעם צוטרוי פֿון דער צענטראַלע — מוז מען איצט גיין ווייטער און אָנהייבן דעם צווייטן עטאַפּ.

די געשעעניש גופֿא דיקטירן א נייע פּאָליטיק. די מלחמה האָט געביטן איר גאַנג. פֿון סטאַלינגראַד, איז די רוסישע "פּרעס־מאַשין" געלאָזט געוואָרן אין גאַנג און קיין שום זאַך וועט איר שוין נישט אָפּהאַלטן. דעם צענטן יולי 1943 האָבן די אַמעריקאַנער זיך אַרויס געזעצט אין סיציליע. דעם 25סטן האָבן די איטאַליענער אַראָפּגעוואָרפֿן דעם דוטשע. עס האָט זיך אויך דערנענטערט דער דעסאַנט פֿון די ענגליש־אַמעריקאַנער כּוחות אויף די מערבֿ־ברעגן. אין בערלין האָבן זיי שוין געוווסט, אַז א מיליטערישער נצחון איז אויסגעשלאָסן. הימלער, שעלענבערג, קאַנאַריס, וואָס האָבן שוין נישט געהאַט קיין אילוזיעס וועגן אויסגאַנג פֿון דער מלחמה, האָבן אַלע זייערע האָפֿענונגען געלייגט אויף א סעפּאַראַטן שלום מיטן מערבֿ. אין ליכט פֿון דער האָפֿענונג, האָט דער "גרויסער שפּיל" באַקומען אין זייערע

אויגן ערשטראנגיקע וויכטיקייט. מען מוז דעריבער פארשנעלערן דעם גאנג פון דעם ענין. פאנוויץ איז געקומען קיין פאריז מיט דער דאָזיקער אָנווייזונג.

פון זומער 1943, האָט מארטין באָרמאַן, די רעכטע האנט פון פירער, זיך פאראינטערעסירט פון דער נאָענט מיט דעם ענין. נישט נאָר וואָס ער האָט געשאפן אן עקספערטן־גרופע מיט דער אויפגאבע צוצוגרייטן דעם מאטעריאל פארן "גרויסן שפּיל", נאָר ער פערזענלעך האָט רעדאגירט די דעפּעשן. היטלערן איז דער ענין געווען באקאנט. אים איז אָבער זיכער נישט געווען באוווסט די אמתדיקע כוונות פון זיינע אדיוטאנטן. אין דעם קעגנערישן לאגער פון דער דאָזיקער סטראטעגיע, האָבן קאנאריס און ריבענטראָפּ זיך געפונען אויף די ערשטע ערטער. די קעגנערשאפט פון אויסערן־מיניסטער האָט געשטערט אין דער מאָס, אויף וויפל דער דיפּלאָמאַטישער מאטעריאל האָט געמוזט האָבן זיין הסכמה. זייט באָרמאַן האָט פערזענלעך גענומען די זאך אין זיינע הענט, האָט זיך די לאגע געביטן. ער האָט פארמאָגט די געהעריקע אויטאָריטעט צו באווירקן ריבענטראָפּן און פאָן רונדשטעטן אין זייער צוריקגעהאלטנקייט. פון דעם מאָמענט, האָט מען דעם "גרויסן שפּיל" גערופן "די בערן־אָפּעראַציע". אין טאָג פון מיין ארעסט, האָט בעמעלבורג, דער שעף פון דער פאריזער געסטאַפּאָ, אויסגערופן, ווען ער האָט מיר דערזען: "ענדלעך האָבן מיר אים געפאנגען, דעם רוסישן בער!".

די אלע סטראטעגן האָבן זיך שוין מער נישט געהיט פון א קלאַפּ פון דער ווילדער חיה, וועלכע זיי האָבן געהאלטן אין שטייג. זיי האָבן פארגעסן דאָס שפּריכוואָרט, אז מען טאָר זיך נישט איינטיילן מיט דער פעל פון בער...

און פאנוויץ האָט גענומען ריידן... צוערשט קריטיקירט זיינע פאָרגייערס, וואָס זענען געשטאנען בראש פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. ער האָט מיר דערקלערט, אז רייזער האָט באטראכט דעם ענין מיט די אויגן פון א באשרענקטן פּאָליציי־מאַן. וואָס שייך גירינגן, איז ער ביי דער מיינונג, אז ר'איז געווען צו פיל צוריק געהאלטן און דעם "גרויסן שפּיל" געפירט צו פאמעלעך. ער האָט מיר אויפגעקלערט — און איך האָב אים אויסגעהערט מיט א סך אויפמערקזאמקייט — אז מען האָט שוין פון לאנג באדארפט איבערגיין צום פּאָליטישן עטאַפּ. די ארגומענטאציע פון פאנוויצן האָבן נאָר באוויזן זיין גרויס אומוויסן אין די פּראָבלעמען פון געהיים־דינסט. הגם אין זיין געסטאַפּאָ־פּראקטיק איז ער שוין אדורך טויזנטער אופנים פון פעלשן און איבערטרייבן ראפּאָרטן, דאָך איז ער לגמרי געווען בלינד לגבי די שקרים פון די באריכטן, וועלכע גירינג האָט געשיקט קיין בערלין. דער נייער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט פאָרגעלייגט מיך איבערצופירן פון דער תפיסה אין נויאי אין א פּריוואטער וווינונג, ווו איך וועל זיך געפינען אונטער א דיסקרעטער וואך. ער האָט מיר דערקלערט, אז לויט זיין מיינונג, ווי אויך לויט דער מיינונג פון זיינע שעפן, איז דער קאָנטאקט מיט מאָסקווע דורך די דעפּעשן — נישט גענוג. איצט, אין צווייטן עטאַפּ, איז נייטיק איינצושטעלן א דירעקטע פארבינדונג. ער האָט זיך ארומגעטראָגן מיטן אמביציעזן געדאנק צו שיקן אין דער צענטראלע א שליח, וואָס זאָל אינפאָרמירן מאָסקווע וועגן דעם פארלאנג פון א וויכטיקער גרופּע דייטשישע מיליטער־לייט צו פארהאנדלען וועגן א סעפּאראטן שלום מיטן

ראַטן־פאַרבאַנד. דער ספּעציעלער שליח וועט מיטנעמען מיט זיך גענוג איבערצייגנדיקע דאָקומענטן פאַר דעם געדאַנקען־גאַנג. ער וועט אָבער אויך האָבן מיט זיך קעגנזעצלעכע באַווייזן פון אַנדערע דייטשישע גרופּן, וועלכע זוכן די זעלבע לייזונג... נאָר מיטן מערב.

די דאָזיקע אויסגעקלוגטע סטראַטעגיע האָט געהאַט אַ ציל: דערפירן צום אויפרייס פון דער אַנטי־נאַצישער קאָאַליציע... זיי האָבן פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם געדאַנק. פּאַנוויץ איז געווען זייער באַגרענעצט אין דענקען, אָבער פאַר אַלעם איז ער געווען אַ טיפּישער נאַצי פון "ריינעם אָפּשטאַם", אָן אָנהענגער פון ראַסן־העכערקייט. ער האָט גענוי געוווּסט, אַז איך בין אַ ייד און אין דער בלינדקייט פון זיין לעכערלעכער איינשטעלונג, האָט ער אונטערשאַצט דעם קעגנער. נאָר אַ חסר־דעה און אַ פאַרסמטער פון דער נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע האָט געקאָנט טראַכטן, אַז די קעמפערס פון רויטן אָרקעסטער האָבן אויף איין סעקונדע צוגעלאָזט דעם געדאַנק צו גיין מיט די נאַציס. נאָר אַ פּאַנוויץ איז געווען אומפעיק צו באַגרייפן, אַז דעם קאַמף, וועלכן מיר האָבן אונטערגענומען, איז געווען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

הימלער, אינפאָרמירט וועגן פּאַנוויצס פּראָיעקט, האָט געהאַלטן, אַז ס'איז צופיל ריזיקירט צו שיקן אַ וואַיאַזשאָר קיין מאָסקווע. פּאַנוויץ האָט מיר דערציילט, אַז הימלער שרעקט זיך פאַר דער ווירקונג פון קאָמוניזם אויף אַ דענקנדיקן נאַצי. דער ביישפּיל פון די מיטגלידער פון דער בערלינער גרופּע פון רויטן אָרקעסטער, האָט נאָך געשוועבט פאַר זיין זכרון. אַז אַזעלכע מענטשן, ווי שולצע־בויזען, אַרוויד האַרנאַק, האָבן געקענט ווערן "סאָוועטישע אַגענטן"; אַז פּערזענלעכקייטן, באַפרייטע פון פינאַנסיעלער זאָרג, זאָלן זיך אַנגאַזשירן אין קאַמף קעגן נאַציזם — דאָס האָט איבערגעשטיגן דעם שכל פון די געסטאַפּאָ־לייט.

פּאַנוויץ האָט נישט פאַרלוירן דעם מוט, ער האָט פאָרגעשטעלט אַן אַנדערן פּלאַן: פאַרלאַנגען פון דער צענטראַלע צו שיקן אַ פאָרשטייער קיין פּאַריז. סימולירנדיק מיין צופרידנקייט פון דעם נייעם פאָרשלאַג, האָב איך אים אָן וואַקלענישן געענטפערט, אַז די אידעע זעט מיר אויס צו זיין פולשטענדיק רעאַליזירבאַר. ער האָט אויך אָנגעפרעגט וועגן דעם ביי קענטן און דער האָט אים דערקלערט, אַז דאָס איז אַן אוטאָפּיע. ווי אַ גייער אויף אַ שטריק וואָס באַלאַנסירט צווישן איין פּאָזיציע און דער אַנדערער, איז קענט איבערגעגאַנגען צום פולשטענדיקן פאַראַט. ער האָט זיך געוואָלט באַווייזן פאַרן נייעם "באָס" און אַריבערגעשפּרייזט אויף דער אַנדערער זייט באַריקאַדע.

מאַרגאַרעט באַרטשאַ האָט געהאַלטן ביים געבוירן אַ קינד און קענט איז נישט געווען דער מאַן, וואָס זאָל ריזיקירן מיט דער מנוחה פון זיין משפּחה. צום סוף האָב איך דאָך געזיגט, איבערצייגנדיק פּאַנוויצן, אַז אויב ער וועט אַריינמישן קענטן אין דעם "גרויסן שפּיל", וועט פון דעם גאַנצן ענין ווערן אַ חוזק.

ס'איז געשיקט געוואָרן אַ דעפּעשע צו דער צענטראַלע, אַז אַ גרופּע אָפיצירן פאַרלאַנגען צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט מאָסקווע. אין דער זעלבער צייט האָט מען פאָרגעלייגט די רוסן צו דעלעגירן אַ פאָרשטייער צו די דייטשן. דער

פּראָיעקט איז אוועק אזוי ווייט, אז די טרעפונג איז געווען פאַרויסגעזען אין דער אמאַליקער וווינונג פון הלל כץ, אויף עדמאַן־ראזשע־גאַס 3. ס'איז געוואָרן באשטימט, אז אלע צען טעג וועל איך אין דער דירה אָפּווארטן דעם שליח פון מאָסקווע. די זאַנדערקאָמאַנדאָ האָט זיך פיבערהאַפט געגרייט צו דער טרעפונג. פאַנוויץ און זיינע מיטהעלפערס האָבן אומאויפהערלעך דיסקוטירט, ווי אזוי זאָל פאָרקומען די טרעפונג. צוזאמען מיט בערגן דאַרף איך איינשטעלן דעם ערשטן קאָנטאַקט און צוגרייטן די הויפּט־טרעפונג. פאַנוויץ וועט שפּילן די ראָל פונעם דעלעגאַט פון דער בערלינער גרופּע. ס'איז באמת געווען קאָמיש צוצוזען מיט וואָס פאַר א התלהבות ער בויט דעם קאָרטן־פּאַלאַץ... דער וואָלף האָט אויף זיך ארויפגעצויגן א שעפּסן־פעל; דער פּראַגער תלין וועט זיך שפּילן אין "מעקלערייי" מיט מאָסקווע!

וואַרטנדיק אויף דער "היסטאָרישער" טרעפונג, האָט דערוויייל דער אומדערמידלעכער פאַנוויץ זיך גענומען אין קאָפּ אריין, אז ער מוז אויסברייטערן דעם קרייז פון די "איבערגעדרייטע" ראַדיאָ־זענדערס אין די נייטראַלע לענדער. מיט שטוינונג האָב איך באמערקט, אז ער האָט געלאָזן אין א זייט ראַדאָס נעץ אין דער שווייץ, ווייל אין ענין ראַדאָ האָט שעלענבערג געהאַט די איבערהאַנט. ער איז געווען אין א שטילער, נאָר פאַרביטערטער מחלוקת מיט געסטאַפּאָ־מילער, דעם דירעקטן שעף פון פאַנוויצן.[1]) דער קאַמף צווישן די קליקעס אין נאַצי־דייטשלאַנד, איז ביי זיי געשטאַנען העכער ווי די אינטערעסן פון דריטן רייך. איך האָב געהאַט אויף דעם באַוויזן, ווען קיין פּאַריז זענען אָנגעקומען צוויי עמיסאַרן פון שעלענבערגן אויסצופרעגן מיך מיט קענטן וועגן ראַדאָס נעץ אין דער שווייץ. פאַנוויץ האָט מיר גאַנץ דייטלעך געגעבן אָנצוהערן, אז איך בין נישט מחוייב צו דערציילן דאָס וואָס איך ווייס וועגן דער נעץ.

די אמביציעס פון פאַנוויצן זענען געווען: אריינדרינגען אין די סאָוועטישע נעצן פון געהיים־דינסט אין שוועדן און אין טערקיי, מיט דער אויסזיכט אויסצוברייטערן דעם "גרויסן שפּיל". דאָס איז געווען אויסשליסלעך אָפּהענגיק פון לעאָנען און פון מיר צו באַנייען די פאַרבינדונגען, וועלכע מיר האָבן געהאַט אין דענעמאַרק, שוועדן און אין פינלאַנד. דאָס זענען געווען די לענדער, וווּ מיר האָבן אונטערן דעקמאַנטל פון דער האַנדלס־געזעלשאַפט "קעניג פון קאַוטשוק", פאַרלייגט באַזעס פאַר אונדזער טעטיקייט. מיר האָבן זיך באמיט, אז די פּוסטע פאַרלאַנגען פון פאַנוויצן זאָלן דורכפאַלן.

אין יענע טעג, נאָכן פאַלן פון מוסאָליניִן, האָט די צענטראַלע פאַרלאַנגט ידיעות, דער עיקר אזעלכע וואָס האָבן א שייכות צו איטאַליע. אין דער זעלבער צייט האָבן פאַרשידענע קרייזן אין בערלין פּרובירט אָנקניפּן קאָנטאַקטן מיטן מערב. דאַלעס

---

1) אין זיינע מעמואַרן, באַמיט זיך שעלענבערג צו באַווייזן, אז מילער איז ביסלעכווייז געוואָרן א באַוווּנדערער פון סטאַלינען און זיין רעזשים. ער איז אויך חושד באַרמאַנען, אז ער האָט געפירט א זעלבשטענדיקן שפּיל מיט מאָסקווע — ער ברענגט אָבער נישט קיין באַווייזן דערפאַר.

אַליין, דער שעף פון דער אַמעריקאַנער געהיים־דינסט, האָט זיך געטראָפן אין דער שווייץ מיט מערערע דייטשע אַגענטן. די צענטראַלע איז וועגן דעם אינפאָרמירט געוואָרן אַ דאַנק דעם "גרויסן שפּיל".

וואָס שייך פּאַנוויצן, איז ער געוואָרן אַלץ מער נערוועז, וואָרטנדיק אויפן פאַרשטייער פון דער צענטראַלע. זיין אילוזאָרישע איינשטעלונג, האָט אים געבראַכט שווערע אַנטוישונגען. דער מאָסקווער שליח איז בכלל נישט דערשינען. איך האָב דאָס געוווּסט, אָבער אין דער גאַנצער געשיכטע האָב איך געוווּנען עטלעכע אויספּלוגן אין דער וווינונג פון הללן אויף עדמאָן־ראָזשע־גאַס נומער 3. סוף אויגוסט בין איך אַוועק אין דער וווינונג, ווו איך האָב אַמאָל פאַרברענגט אַזוי פיל שעהן אין דער וואַרעמער היימישקייט ביי דער משפחה כץ. איצט איז די דירה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַסטקע, ווו רייכמאַן האָט באַדאַרפט זיין דער "פאַנגער" — אָבער דער געפאַנג איז נישט געקומען. רייכמאַן, זעענדיק מיך אַריינקומען אין דער וווינונג, האָט נישט געהאַט קיין מוט זיך צו דערנענטערן. ער איז געבליבן פון דער ווייטנס, האַלטנדיק די אויגן אַראָפּגעלאָזן. "וואַרטנדיק" אויפן שליח פון מאָסקווע, האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פון דעם פּאַטאַלן באַרג־אַראָפּ, וואָס האָט געפירט רייכמאַנען, יעפרעמאָוון און נאָך דעם מאַטיע — צום פאַראַט. זיי אַלע זענען אייגנטלעך געגאַנגען מיט באַזונדערע וועגן, אָבער איינער ווי דער אַנדערער, האָבן זיך געלאָזט אַריינציען, און דער סך־הכל איז געווען דער, אַז זיי האָבן פאַראַטן זייערע חברים. איבעריקנס, פּאַנוויץ האָט זיי באַהאַנדלט פאַרשיידנאַרטיק. מאַטיע איז ביי אים געווען אַ "בכבודיקער" מיטאַרבעטער, יעפרעמאָוו איז געוואָרן אַן אוקראַאינישער פּאַטריאָט, רייכמאַנען האָט ער אַוועקגעשטעלט אויפן לעצטן שטאַפּל. וואָס ער זאָל נישט האָבן געטאָן, איז ער אין די אויגן פון דעם סופּער־ראַסיסט פּאַנוויץ געווען און פאַרבליבן "אַ שמוציקער יודע".

פּאַנוויץ האָט נישט פאַרגעסן די אונטערשיידן אַפילו דעמאָלט, ווען פּאַריז האָט געהאַלטן ביים באַפרייט ווערן און ער האָט אין גאַייל געמוזט אַלץ פאַרלאָזן. בעת זיין צוריקציִען זיך ווי אַ באַזיגטער תלין, האָט פּאַנוויץ זיך דערמאָנט אין דער עיקר־לערע, וועלכע ער האָט באַקומען פון דריטן רייך: די זאָאָלאָגישע שנאה צום ייד. מאַטיע איז געוואָרן באַצאָלט — זעלבפאַרשטענדלעך! — און אָפּגעזאָגט. ער האָט גוט געדינט, גוט פאַראַטן און זיך "ערלעך פאַרדינט" דעם שכר פון זיין פאַראַט און די "פרייהייט". יעפרעמאָוו דער אוקראַאינער, האָט אויך געהאַט רעכט אויף אַ בעסערער באַלוינונג: זיי האָבן אים געגעבן פאַלשע פּאַפּירן און גענוג געלט ער זאָל אַנטלויפן קיין לאַטיין־אַמעריקע. רייכמאַנען האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ בעלגישער טורמע. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז אַ ייד קויפט זיך קיין מאָל נישט אויס אין די אויגן פון אַ נאַצי!

צען טעג שפּעטער, ווי ס'איז געווען אָפּגעמאַכט לויט פּאַנוויצעס פּלאַן, האָבן מיר זיך אומגעקערט אויף עדמאָן־ראָזשע־גאַס, אָפּוואַרטן דעם שליח פון מאָסקווע. כץ האָט אונדז באַגלייט. דערביי האָט רייכמאַן געמאַכט דעם לעצטן פּרוּוו אַרויסצוגיין אויף דער אויבערפלאַך. ער האָט אַוועק גענומען כצן אין אַ זייט און

אים געבעטן ער זאָל מיר זאָגן, אז ער ווייסט אז מיר זעצן פאר דעם קאמף און ער באדויערט זיין האנדלונג. ער האָט דאָס מאָטיווירט מיט דעם שאנטאזש, וועלכן זיי האָבן אָנגעווענדעט לגבי זיין פרוי און קינדער, ווי אויך דעם פאראט פון זיין שעף יעפרעמאָוו, וואָס האָט אויסגעגעבן אים און אלע אנדערע. איצט איז ער גרייט עפּעס צו טאָן, ער זאָל זיך אויסקויפן... כּך האָט זיך געמאכט, אַז ער פארשטייט נישט.

ס'איז געווען אוממעגלעך צו האָבן צו אים צוטרוי. ער האָט שוין איין מאָל פאראטן, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט — וועט ער ווידער פאראטן. ער אליין האָט פארמאכט אלע וועגן. ווען מען געפינט זיך אין די נעגל פון שונא, איז נאָר פאראן איין אויסוואל. צווישן "מיטארבעט" און "ווידערשטאנד", איז פאראן א תהום נישט אריבערצושפרייזן, און מען גייט נישט אריבער פון איינעם צום אנדערן.

25 דער גרויסער שעף איז אנטלאָפן

אָנהייב סעפטעמבער 1943. דעם טאָג איז ווילי בערג, ווי זיין שטייגער, געקומען מיך זען אין מיין געפאנגעשאפט אין נויאי. ווי נאָר ער איז אריבער די שוועל, האָב איך באמערקט ענדערונגען אין זיין פירונג. ר'איז געווען צוטראָגן, ווי ער וואָלט זיך דערוווּסט אן אויסערגעוויינלעכע נייעס. איך בין געוואָרן נייגעריק, אפילו אומרויק. איך האָב זיך באמיט מען זאָל דאָס אויף מיר נישט באמערקן, אָבער פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט — בין איך געוואָרן ווי געליימט:

— אויסערגעוויינלעך, דיוואַל איז ארעסטירט!

אין מיין באריכט קיין מאָסקווע אין יאנואר, האָב איך פארלאנגט, אז פערנאן פאַריאַל זאָל פארשווינדן. מען האָט אים כסדר ארומגעזוכט. אָנהייב זומער האָב איך זיך דערוווּסט פון זיכערע קוועלן, אז די דייטשן האָבן פארלוירן זיינע שפורן. ווי אזוי האָט ער געקענט אריינפאלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ? איך בין געווען דערשלאָגן. בערג האָט מיר אויפגעקלערט, ווי אזוי דאָס איז פאָרגעקומען: פערנאן איז געוואָרן ארעסטירט דעם 13טן אויגוסט אין פיערפיט (אין צפון פון פאריז). עטלעכע טעג פאר דעם איז א ראַדיאָ־סטאַציע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אריינגעפאלן צו דער געסטאַפּאָ. איינעם פון די "פיאניסטן" איז געלונגען זיך ארויסצודרייען פון דער געסטאַפּאָ און זיך קאָנטאקטירן מיט פאַריאַלן, וואָס האָט מסכים געווען מיט אים זיך צו טרעפן, הגם דער ענין איז געווען פארדעכטיקט — און... ער איז אריינגעפאלן אין דער פאסטקע, וועלכע די געסטאַפּאָ האָט פאר אים אויסגעשפרייט.

די געסטאַפּאָ האָט אָבער נישט געוווּסט מיט וועמען זי האָט צו טאָן. פון 1940, איז פערנאן, איינער פון די בעסטע אקטיוויסטן אין דער אומלעגאלער קאָמוניסטישער פארטיי. ער פירט אָן מיט דער ראַדיאָ־אָפּטיילונג, זייענדיק אין דער זעלבער צייט פארבונדן מיטן רויטן אָרקעסטער. דאָס האָט ער אויסגעשולט די "פיאניסטן" און אויך צונויפגעשטעלט א צאָל ראַדיאָ־זענדערס. נאָך מער, ער האָט פארזיכערט די פארבינדונג צווישן זשיליעטן און דער פארטיי־אָנפירונג. אין יאנואר האָט ער אין דער "אָפּעראציע זשיליעט" געשפילט די הויפטראָל. ווי נאָר ער האָט באקומען דעם מאטעריאל, וואָס איז געווען באשטימט פאר דער צענטראלע, האָט ער דאָס ווערטפולע פעקעלע גלייך איבערגעגעבן דער פארטיי. זייט די ארעסטן פון 13טן

דעצעמבער 1941 אין בריסל, אויף דער אטרעבאט־גאַס, האָט ער צוזאמען מיט לעאָ גראָספּאָגעל אויפגעשטעלט א ספּעציעלע גרופּע, וועלכע האָט געהאט פאר אן אויפגאבע צו קאָנטראָלירן די פאָרגעקומענע ארעסטן פון די גרופּן פון רויטן אָרקעסטער אין בעלגיע, ווי אין פראנקרייך. פאר מיין ארעסט, האָב איך מיט אים אויסגעארבעט די אופנים פון די קאָנטאקטן, וועלכע וועלן דערמעגלעכן אויפצודעקן די אקציעס פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ קעגן דער צענטראלע. ער איז דעריבער גוט באקאנט געווען מיטן גאנג פונעם ״גרויסן שפּיל״.

דאָס וואָס איך האָב דאָ אויסגערעכנט, גיט א באגריף פון דער גרויסער ראָל פון פערנאַן פּאָריאַל. ער פארטיידיקט זיך עקשנותדיק און טענהט, אז ער איז נאָר א פּשוטער מעכאניקער, א צווייטראנגיקער אקטיוויסט. ליידער, האָבן אין אויגוסט די מענטשן פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, פאַרשנדיק די קארטאָטעקע פון די אָנגעהעריקע צו דער קאָמוניסטישער פארטיי, געפונען די פּאָטאָ פון פערנאַן פּאָריאַל און אָריענטירן זיך, אז דעם ווען זיי האָבן ארעסטירט, איז דער באַרימטער דיוואַל, וועמען זיי האָבן צייטווייליק אויפגעהערט צו זוכן.

דער שאָדן איז אומגעהויער גרויס... איך קען זייער גוט פערנאַן און בין איבערצייגט, אז ער איז פעיק מקריב צו זיין זיין לעבן. אָבער טראָץ זיין מוט, ווי לאנג וועט ער אויסהאלטן די פּייניקונגען וואָס דערוואַרטן אים? ווער קאָן גאראנטירן, אז זיינע פארפּייניקטע ליפּן וועלן זיך נישט ארויסכאַפּן מיט א נאָמען? איינהיטנדיק מיין פולשטענדיקן צוטרוי צו אים, האָב איך דאָך פאָרגעזען די מעגלעכקייט, אז דאָס וואָס מיר איז געלונגען אויפצובויען, קאָן זיך איינברעכן און מיין ״שפּיל״ זאָל ווערן אויפגעדעקט.

פון בערגן האָב איך זיך דערוווּסט (איך האָב אים נישט באדארפט פרעגן), וועלכע ״באהאנדלונג״ ער איז אונטערגעוואָרפן. מיינע פאַרדאכטן האָבן זיך ליידער באשטעטיקט: דאָס זענען געווען צוגעטיילטע דאָזעס פון אומדערטרעגלעכע פּייניקונגען און פרידלעכע שמועסן. די הענקער שטעלן אים די פאר זיי גאָר ווי־כטיקע פראגע: צי האָט די אָנפירונג פון דער קאָמ. פארטיי צו וויסן געטאָן מאָסקווע וועגן מיין ארעסט און וועגן ארעסט פון די אנדערע מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער? די דאָזיקע פראגע האָבן זיי כסדר איבערגעחזרט. ער האָט געענטפערט, האלטנדיק זיך תמיד ביים זעלבן: ער פלעגט זייער זעלטן באקומען קליינע פּעקעלעך — ער האָט זיי קיין מאָל נישט געעפנט — און איבערגעגעבן א מענטשן, וואָס איז אים געווען אומבאקאנט. זיין גאנצע טעטיקייט, האָט ער געטענהט, איז געווען באגרענעצט צו דער ראָל פון א פארמיטלער צווישן זשיליעטן און די העכערע ראנגען.

נישט די פּרוּוון אים איבערצוציגן, נישט די פּייניקונגען און נישט דער שאַנטאַזש, זענען געווען ביכולת צו ענדערן זיין תשובה. ער האָט זיך פעסט געהאלטן. די זאָנדערקאָמאַנדאָ דראָט צו ארעסטירן און דערשיסן זיין פרוי און טאָכטער... און אומזיסטע טרחה. דער וווּנדערלעכער מענטש, דער אויסערגעוויינלעכער קעמפער, האָט אין משך פון א גאנץ יאָר זיך קעגנגעשטעלט זיינע פּייניקערס און נישט נאָכגעגעבן. א גאנץ יאָר ״באהאנדלונג״ פון דער

געסטאַפּאָ — נאָך פּאַנוויץ און זיינע יונגען האָבן אויסגעצייכנט געוווּסט דעם ווערט פון זייער "געפאַנג" און נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז אַ געוויסן טאָג וועלן זיי ביי אים אַרויסרייסן די סודות...

אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער 1943, האָב איך געלעבט אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד, נישט וויסנדיק פון דער העלדישער אויפפירונג פון פּאַריאַלן. אין מיינע טעג און נעכט — לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט — בין איך געוואָרן צעריסן פון קעגנזעצלעכע געפילן, פאַרפּלייצט פון זינלאָזע איינפאַלן, זוכנדיק ווי אַזוי צו האַנדלען, ווי אַזוי ענדערן דעם גאַנג פון די געשעענישן, וועלכע האָבן מיר שוין אויסגעוויזן נישט אָפּצוווענדן. פון בערגן האָב איך יעדן טאָג זיך דערוווּסט וועגן דעם יסורים־וועג, וועלכן עס מאַכט אַדורך פּערנאַן. ער אָבער רעדט נישט. פון מיין זייט בין איך גרייט אויפן שווערסטן: מיין גורל, דער עיקר די צוקונפט פון דעם "גרויסן שפּיל", שפּילט זיך איצט אָפּ אין די פּייניקונג־קעלערן, ווו אַ מענטש פּרעגט זיך אַליין, ווי לאַנג וועט ער אויסהאַלטן די יסורים? ער האָט אויסגעהאַלטן ביזן סוף.

די שווערע קלעפּ הערן נישט אויף. דעם צענטן סעפּטעמבער האָב איך זיך דערוווּסט פון בערגן, אַז דער זאָנדערקאָמאַנדאָ איז געלונגען צו אַנטדעקן אין ליאָנער ראַיאָן אַ ראַדיאָ־סטאַציע פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויך אַ גרויסע צאָל דעפּעשן און אַרכיוו־מאַטעריאַלן זענען געוואָרן פאַרהאַלטן. די דייטשן זענען איבערצייגט, אַז זיי האָבן ענדלעך אַנטדעקט די אונטערערדישע הויפּט־סטאַציע פון דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. צווישן די שיפרירטע דעפּעשן האָפן זיי צו אַנטדעקן די זענדונגען וואָס האָבן אַ שייכות צום רויטן אָרקעסטער און זענען געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע דורך דער אונטערערדישער פּאַרטיי־צענטראַלע.

דער שטורעם ווערט יעדן טאָג דראַענדיקער. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט באַשלאָסן צו ברענגען קיין פּאַריז די ספּעציאַליזירטע גרופּע דעשיפרירערס, מיט וועלכער עס פירט אָן דער באַרימטער ד"ר וואָק. דעם עלפטן סעפּטעמבער האָב איך טאַקע געזען אויף רי דע־סאָסיי דעם ד"ר וואָק ביי דער אַרבעט מיט זיינע מיטהעלפערס. אויך בערג איז געווען אַנוועזנד און מיר דערציילט, אַז דאָס דעשיפרירן גייט צו זייער גוט. דאָס איינציקע פּראָבלעם וועט זיין: צווישן די אַלע דעפּעשן דערקענען די, וועלכע האָבן אַ שייכות צום רויטן אָרקעסטער. און בערג האָט צוגעגעבן: "דאָס איז אַן ענין פון צוויי דריי טעג".

די רעוואַלאַציע איז געווען שטאַרק באַאומרויקנדיק, אָבער אויך באַלערנדיק. איך האָב געוווּסט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַזיצט ערגעץ־ווו אין דרום פראַנקרייך אַ גרויסע סטאַציע פון ראַדיאָ־זענדערס. איך האָב געגלויבט, אַז דער מאַטעריאַל וועלכן כ'האָב איבערגעגעבן זשיליעטן אין יאַנואַר 1943, איז געוואָרן איבערגעשיקט דורך דעם קאַנאַל. די זאַך איז דראַענדיקער, ווייל דער ראַפּאָרט איז נישט שיפרירט געוואָרן דורך מיר, נאָר דורך דעם קאָד פון דער פּאַרטיי. אויב דעם ד"ר וואָק געלינגט צו אַנטדעקן דעם קאָד, וועט די זאָנדערקאָמאַנדאָ נישט מער באַדאַרפן, ווי לייענען מיינע אינפאָרמאַציעס שוואַרץ אויף ווייס.

די אויספירן דערפון זענען פּשוט און קלאָר. דער "גרויסער שפּיל" געפינט זיך

אויפן וועג אויפגעדעקט צו ווערן. איך מוז האנדלען — און האנדלען שנעל. די נעכט פון צענטן, עלפטן און צוועלפטן סעפטעמבער, זענען פאר מיר געווען קאשמארפולע נעכט. יעדן מאמענט האב איך זיך געקאנט דערוויסן, אז זיי ווייסן דעם אמת; יעדן אויגנבליק איז צו דערווארטן, אז עס זאלן זיך באווייזן די צערייצטע פרצופים פון פאנוויצן און זיינע שפיצלעס. איך שרעק זיך נישט פאר קיין פייניקונגען, איך שרעק זיך נישט פארן טויט, זיי זענען תמיד געווען די באגלייטערס פון מיין לעבן. אבער אין יעדן טייל פון מיין קערפער פיל איך די דערנידערונג וועלכע דערווארט מיך. איך בין אויפגעציטערט פון געדאנק, אז עס ווערט אומפארמיידלעך פארווירקלעכט די דראונג, וועלכע ס'האט מיר פארגעזאגט גירינג בעת מיין ארעסט: "הער אטא, איר האט פארשפילט..." איצט וועל איך א באזיגטער מוזן דערשיינען פאר דער גענגסטער-באנדע!

אוממעגלעך, איך מוז אנטלויפן. אנטלויפן — איז א פארם פון ווידערשטאנד. אנטלויפן — איז די האפענונג צו שטארבן ווי א קעמפער. אין די טעג ווען אלץ אין מיר האט געברויזט, האב איך זיך באמיט מען זאל נישט דערקענען אויף מיין פנים דעם צעשטורעמעטן געמיט. איך האב שעהן-לאנג געפלוידערט מיט בערגן, גלייך ס'וואלט גארנישט געשען. איך האב זיך אויך געטראפן מיט פאנוויצן און אנדערע מיטגלידער פון דער זאנדערקאמאנדא. צוימענדיק מיין אינערלעכע שפאנונג, האב איך מיט דרייסטקייט זיי געזאגט, אז איך וועל זיין צופרידן צו זען, ווי די דעשיפרירטע דעפעשן וועלן באשטעטיקן מיינע פארשלאגן אין שייכות מיט די אינפארמאציעס, וועלכע מיר האבן איבערגעשיקט דורך דער קאמוניסטישער פארטיי קיין מאסקווע.

דעם 11טן סעפטעמבער, בעת דעם שפאציר וואס מ'האט אונדז דערלויבט אין גארטן, האב איך הללן באקאנט געמאכט מיטן גאנג פון די געשעענישן. ער איז געקומען צום זעלבן אויספיר ווי איך, אז ס'איז פאראן א געפאר, מען זאל אונדז צו יעדער מינוט אנטדעקן. איך האב אים פארגעשלאגן, אז אין דער נאכט פון צוועלפטן אויפן דרייצנטן, זאלן מיר צוזאמען אנטלויפן. ארויסגיין פון מיין צימער, און אז כך זאל ארויסגיין פון זיין קעלער-צימער — איז ממש א קינדער-שפיל. פיל שווערער איז אדורכצוגיין דעם הויפט-טויער, באוואכט פון א סלאוואקישן סאלדאט. מיט א ביסל אפטימיזם קאן מען האפן צו טויטן דעם סאלדאט — בפרט ווען מיר ווייסן, אז ער איז כמעט תמיד שיכור. דערנאך אדורכגיין דעם טויער און אים פארמאכן פון דרויסן. אמת, מיר מוזן זיך רעכענען אויך מיט די אנדערע וועכטער. פאראן אבער א שאנס, אז דאס זאל געלינגען.

מיטן עצם געדאנק פון אנטלויפן איז כץ מסכים, ער האלט אבער, אז ער האט נישט קיין רעכט דאס צו טאן. אפילו די פערספעקטיוו פון שטארבן אין תפיסה וועט נישט ענדערן זיין באשלוס. די סיבה: זיין פרוי סעסיל מיט די צוויי קינדער געפינען זיך אין ביראן, באוואכט פון דער געסטאפא. אויב ער וועט פארשווינדן, וועלן זיך די נאציס אין זיי נוקם זיין. איך האב ווי געהעריק אפגעשאצט דעם ארגומענט, אבער דאך אים דערמאנט, אז בעת דער זשיליעט-אקציע, האט ער שוין איין מאל ריזיקירט דאס לעבן פון זייניקע.

— די אומשטאַנדן זענען נישט די זעלבע — האָט ער געענטפערט. — בעת דער זשיליעט־אַקציע האָב איך געהאַנדלט אין אינטערעס פון דער אַלגעמיינער זאַך. עס האָט זיך געהאַנדלט אין געבן דער צענטראַלע אין מאָסקווע דעם שליסל קעגן די מאַנעווערן פון דער זאַנדערקאָמאַנדאָ. האָב איך געהאַט דאָס רעכט, וואָס איז דעמאָלט אויך געווען מיין פליכט, צו ריזיקירן מיט מיין לעבן און פון מייניקע. די באַדייטונג פון יענער אַקציע איז ווייט איבערגעשטיגן אונדזער פּערזענלעך לעבן. אָבער איצט האַנדלט זיך אויסשליסלעך אין מיין פּערזאָן, וואָס באַרעכטיקט נישט, אַז איך זאָל ריזיקירן מיטן לעבן פון מיין פרוי און קינדער.

וואָס האָב איך געקאָנט זאָגן אויף דעם? ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זיך קעגנשטעלן? מיר איז פּאַרבליבן נאָר צו שווייגן... כּך האָט געהערט צו די אויסדערוויילטע מענטשן, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז פולשטענדיקע קרבנות־גרייטקייט און אַבסאָלוטע איבערגעגעבנקייט. ניין, איך האָב אים נישט וואָס צו ענטפערן. פאַר מיר איז אָבער געווען קלאָר, אַז נאָך מיין אַנטלויפן, וועט די גאַנצע היהשע אכזריות פון דער געסטאַפּאָ זיין געווענדט קעגן אים.

צו מאָרגנס האָב איך הללן אָנפאַרטרויט מיין נייעם פּלאַן צו אַנטלויפן. ער האָט מיר געווונטשן הצלחה און געבעטן, אויב מיר וועט געלינגען דאָס אַנטלויפן, זאָל איך טאָן וואָס נאָר מעגלעך צו ראַטעווען זיין פרוי און קינדער. דאָס איז זיין איינציקער ווונטש. דעם צוועלפטן סעפּטעמבער, אין אָוונט, האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין לאַנגיאָריקן לעבנס־חבר. נישט לייכט איז אונדז אָנגעקומען צו באַהערשן אונדזערע געפילן. דערנאָך האָב איך אין גאַנצן זיך געווידמעט דעם פּלאַן פון אַנטלויפן. דאָס וועט זיין א שווערער געראַנגל, וואָס לאָזט נישט איבער קיין אָרט פאַר אימפּראָוויזאַציע. איך מאַך דעם סך־הכל פון אַלע עלעמענטן וואָס האָבן א שייכות צו דעם פּראָבלעם און אויך פון די שאַנסן — און קום צום אויספיר, אַז נאָך קיין מאָל זענען די אומשטאַנדן נישט געווען אַזוי גינסטיק צום אַנטלויפן ווי איצט: יעדן טאָג קומט בערג מיך באַזוכן אין דער תפיסה פון נויאי און פירט מיך אויף רי דע־סאָסיי. ביים איבערפירן, האָב איך א מעגלעכקייט צו אָבסערווירן, אַז די וואַך איבער מיר האָט זיך פאַרקלענערט. דער צווייטער אויטאָ, וואָס פלעגט אין אָנהייב מיך תמיד באַגלייטן, איז מער נישטאָ. אויך דער אַגענט וואָס האָט זיך געפונען מיט בערגן אין אויטאָ, ווו איך בין געזעסן — איז פאַרשוווּנדן. די וואָס פירן מיך איצט איבער, זענען: דער שאָפער (פאַרשטייט זיך — א געסטאַפּאָ־אַגענט) און בערג. דער שאָפער איז פאַרנומען מיט פירן דעם אויטאָ און בערג, א דאַנק די "פריינדלעכע" באַציונגען וועלכע מיר האַלטן אָן, איז זיין אומצוטרוי צו מיר אָפּגעשוואַכט. איך האָב דעריבער פּאַסיקע באַדינגונגען צום אַנטלויפן. איך דאַרף נאָך צוגעבן, אַז בערג איז שווער געטראָפן פון פאַרשידענע ערנסטע פאַמיליע־אומגליקן און איז דערפון זייער אָנגעווייטיקט. אויך זיין געזונט־צושטאַנד איז א שלעכטער — זוכט ער די רפואה אין פלעשל. תמיד צווישן איין גלעזל און צווייטן, קלאָגט ער זיך אויף שאַרפע ווייטיקן אין מאָגן.

בערגס צעבראָכן געמיט איז דער שוואַכער פּונקט אין דער פּאַנצער־שיף פון דער זאַנדערקאָמאַנדאָ, וועלכן איך האָב באַשלאָסן אויסצונוצן. איבעריקנס, איך

האָב עס שוין אויסגענוצט, כדי צו געווינען זיין צוטרוי. איך האָב זיך פּאַראַינטערעסירט מיט זיין געזונט־צושטאַנד און געראָטן ער זאָל זיך היילן. איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז אַ געוויסן טאָג וועל איך אים פירן אין דער בארימטער פּאַריזער אַפּטייק בייאַי, אויף דע־ראַם גאַס 15 און פאַרזיכערט, אַז אין דער אַפּטייק וועט ער באַקומען דעם פּאַסיקן רעצעפּט צו שטילן זיינע ווייטיקן. דער געדאַנק איז נישט געקומען צופעליק. די אַפּטייק בייאַי איז ביי מיר געווען פאַרויסגעזען פון לאַנג, ווי איינער פון די ערטער, וועלכע זענען זייער פּאַסיק אין פאַל פון אַנטלויפן. די אַפּטייק האָט זיך אונטערשיידט פון אַנדערע דערמיט, וואָס זי האָט צוויי אַריינגענג, איינעם דורך רי דע־ראַם און דעם צווייטן דורך רי די־ראַשע.

ווען איך בין דעם 12טן סעפּטעמבער אָנגעקומען אויף רי דע־סאָסיי, האָט מיר ד״ר וואַק מיטגעטיילט מיט אַ זיכערקייט, וואָס לאָזט נישט איבער קיין שום צווייפל, אַז צו מאָרגנס וועט ער זיין מסוגל צו דעשיפרירן די דעפּעשן. דאָס האָט מיר סיגנאַליזירט, אַז דער דרייצנטער איז דער לעצטער טערמין צום אַנטלויפן. דערנאָך וועט זיך פאַר מיר אומברחמנותדיק פאַרמאַכן די שטייג. איך האָב ענדגילטיק אויסגעאַרבעט מיין פּלאַן:

ווי יעדן טאָג, איז בערג אויך צו מאָרגנס געקומען מיך נעמען אויף רי דע־ סאָסיי, ווו מיר וועלן אָנקומען מיטאָגצייט. ער וועט זיכער פאַרלייגן, אַז מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן ביי דער אַפּטייק און ער וועט אהין אַריינגיין צוזאַמען מיט מיר. איך האָב פאַרויסגעזען צוצוגיין צו איינעם פון די טישן און צו דער קאַסע — און גלייך דערנאָך מאַכן פּליטה דורך דעם קעגנאיבערדיקן אַרויסגאַנג. בערג וועט ווערן צעטומלט, שרייען אויף דייטש צווישן אַ פראַנצויזישן עולם — אין דער בייאַי־אַפּטייק זענען תמיד פאַראַן זייער פיל קונים — וואָס וועט נישט זיין אַזוי ווירקזאַם. זאָל ער מיר נאָכשיסן — איז פאַראַן אַ זיכערע געפאַר ער זאָל טרעפן די אַנוועזנדע קונים. זאָל ער מיך נאָכיאָגן — האָב איך אויסגערעכנט אויף מיין שנעלקייט און... אויף זיין שיכרות. ער איז כמעט תמיד געווען בגילופין. איך האָב געהאָפט, אַרויסגייענדיק פון דער אַפּטייק, צו דערגרייכן אין עטלעכע מינוט די מעטראָ־סטאַציע, פאָרן ביז צום סוף פון דער ליניע, אויסשטייגן אין נויאַי און פאָרן מיטן אויטאָבוס קיין סאַן־זשערמען (אַ פּאַריזער פאָרשטאָט), ווו איך האָב אַ מעגלעכקייט איינצושטעלן די ערשטע פאַרבינדונג. אויסגעשלאָסן, איך זאָל זיך באַנוצן מיט דער באַן צו דערגרייכן סאַן־זשערמען, ווייל אויב איך נעם דעם צוג אויפן סאַן־לאַזאַר וואָקזאַל, נישט ווייט פון דער אַפּטייק, איז פאַראַן אַ זיכערע געפאַר, אַז די געסטאַפּאָ וועט תיכף נאָך מיין פאַרשווינדן, אָפּשליסן די אַרומיקע געגנט און פאַרלייגן אַ נעץ. איך האָב אויך נישט פאַרגעסן צו האָבן ביי זיך מיינע דאָקומענטן אין אָרדענונג. פאַרן אַרויספאָרן פון נויאַי, האָט בערג, ווי כ׳האָב שוין דערציילט, געגעבן מיר אַן אידענטיטעט־קאַרטע און אַ געוויסע סומע געלט.

איך בין גרייט אויסצופּרווון דעם לעצטן שאַנס. אין משך פון דער נאַכט האָב איך איבערגעלעבט אין דער פאַנטאַזיע דעם אַקט פון מיין אַנטלויפן, וועלכער מוז אומבאַדינגט געלינגען.

דרייצנטער סעפּטעמבער. איך בין אומרויק, איך האָף אז מיין פּלאַן וועט נישט צעשטערט ווערן, אז בערג, וואָס איז איצט מער קראַנק ווי אַלע מאָל, וועט נישט בטל מאכן זיין וויזיט אָדער שיקן אַן אַנדערן אויף זיין אָרט. ניין, אַלץ גייט ווי פאָרויסגעזען. בערג איז געקומען פּינקטלעך האַלב צוועלף. מיר זענען אַריין אין אויטאָ און אַדורך דעם טויער. איך האָב דערזען הלל, געמאַכט צו אים אַ געזעגענונג־צייכן. איך ווייס, אַז כ׳וועל מיין קאַמפּס־חבר שוין מער נישט זען. מיר קאָנען נישט אויסטוישן קיין וואָרט צווישן זיך, אונדזער לעצטע צעשיידונג איז אַ שווייגנדיקע.

אָט געפינען מיר זיך שוין אין האַרץ פון פּאַריז; מיר דערנענטערן זיך צום אָרט. מיט אַ מינע פון אַ שטאַרק מיטפילנדיקן, פרעג איך אים:

— ווי פילט איר זיך היינט?

— וואָס אַמאָל ערגער... (ער איז נאָך מער דערשלאָגן ווי געוויינלעך). מיר מוזן צוגיין אין דער אַפּטייק.

ער האָט געדרעמלט, ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער אַפּטייק בייאַי. כ׳האָב אים געגעבן אַ לייכטן שטויס מיטן עלנבויגן און זאָג אים:

— מיר זענען אָנגעקומען! איר גייט?

— גייט אַראָפּ קויפן דעם מעדיקאַמענט און קומט גלייך צוריק...

וואָס איז מיט אים געשען? איז דאָס נישט אַ מאַנעווער? וויל ער מיך אויספּרווון? איך קוק אים רויק אין די אויגן און לאָז פאַלן אַ באַמערקונג:

— אָבער בערג, די אַפּטייק האָט אויך אַן אַנדערן אַרויסגאַנג.

— כ׳האָב פולשטענדיק צוטרוי צו אייך, — וואַרפט ער מיר צו שמייכלענדיק,

— איבעריקנס, איך בין צו מיד צו קלעטערן אויף טרעפּ.

איך וואָרט נישט, ער זאָל איבערחזרן זיינע רייד. איך גיי אַריין אין דער אַפּטייק... און גיי גלייך אַרויס דורך דער אַנדערער זייט. עטלעכע מינוט — און כ׳בין שוין אין מעטראָ. איך בייט די ריכטונג צו דער נויאַי־בריק. דאָס מזל האָט מיר אויסערגעוויינלעך צוגעשפּילט. ביים אַרויסגאַנג פון מעטראָ, האָב איך גענומען דעם אויטאָבוס קיין סאַן־זשערמען. ביסלעכווייז געפין איך צוריק מיין רויקייט. פון דעסטוועגן האָב איך זיך אַרומגעקוקט. ס׳איז געוואָרן אַן אויטאָמאַטישער רעפלעקס. כ׳האָב נישט געצויגן קיינעמס אויפמערקזאַמקייט — און אָנגעהויבן זיך פאָרשטעלן די רעאַקציע פון בערגן. די ערשטע צען מינוט וועט ער זיך נישט וווּנדערן, הלמאי איך האָב זיך נאָך נישט אומגעקערט, ווייל דאָס איז די נייטיקע מינימום־צייט איינצוקויפן אין אַ גרויס געשעפט, בפרט אין אַ שעה, ווען ס׳זענען פאַראַן אַ סך קונים. פאַראינטריגירט, וואָס מען זעט מיך נישט צוריק, וועט ער אַרויפקלעטערן אויפן ערשטן שטאָק פון דער אַפּטייק און מיך זוכן אומעטום. דאָס וועט נעמען נאָך אַ גוטע צען מינוט. היות ער וועט מיך נישט געפינען, וועט ער זיך נייטיקן אין נאָך אַמאָל אַזוי פיל צייט, כדי צו קומען אויף רי דע־סאַסיי און מאַכן דעם אַלאַרם. די זאַנדערקאָמאַנדאָ וועט נישט אָנקומען פריער אויף דעם אָרט, ווי פערציק אָדער פופציק מינוט נאָך מיין אַנטלויפן. דעמאָלט וועל איך זיך שוין געפינען אין אַ פיל רויקערע געגנט...

ארום האלב איינס בין איך אָנגעקומען אין סאַן־זשערמען. איך בין פריי, נאָר איך ווייס ווי ס׳איז לייכט צו פארלירן די פרייהייט ווען מ׳איז אן אנטלאָפענער און פארפאָלגטער פון דער געסטאַפּאָ.

פאר וואָס איז מיין אויסוואל געפאלן אויף סאַן־זשערמען? ערשטנס, בין איך געווען דעצידירט צו זוכן א מקום־מקלט ביי מענטשן, וועלכע איך קען נישט פּערזענלעך, איידער ביי זיכערע פריינד. מיר האָט אויסגעוויזן אומנוצלעך און אפילו געפערלעך צו שטעלן אין א סכנה די מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער, וואָס זענען נאָך אויף דער פריי. איבעריקנס, האָט די געסטאַפּאָ געקענט אריינשמוגלען אירע אַגענטן צווישן מיינע באקאנטע. איך ווייס, אז אין יאָר 1942 האָט זשעאָרזשי דע ווינטער געדונגען א קליינע ווילע אין דער געגנט פון וועזינע. צי זי וווינט נאָך דאָרט — ווייס איך נישט. אגב, זי גופא איז נישט פארהיטן פון די אלע געפאַרן. זי איז אן אמעריקאנער בירגערין, און נאָך דעם ווי די פאראייניקטע שטאַטן זענען אריין אין קריג קעגן די אַקס־מלוכות, האָט זי זיך פארקאָנספּירירט. מיר האָבן איר באזאָרגט א בעלגישע אידענטיטעט־קאַרטע אויפן נאָמען פון טהעווענע, געבוירן אין א דערפל אין צפון פראנקרייך. בעת א לייטישער אויספארשונג, וואָלטן די פּאַפּירן פון זשעאָרזשין דורכגעפאלן.

מיר איז אויך באקאנט, אז זשעאָרזשיס זון, פּאַטריק, האָט מען אין זומער 1942 איינגעאָרדנט אין סאַן־זשערמען אין א פּענסיאָן, אָנגעפירט פון צוויי שוועסטער, לערערינס. אָבער דאָ שטעלט זיך א נייע פראגע: וועל איך זיי געפינען? האָט ער פון דעמאָלט נישט געביטן זיין אדרעס? אלנפאלס, איך בין ביי דער מיינונג, אז זוכן דאָ א מקום מקלט איז זיכערער און די סכנה — א קלענערע. איך וועל זיך קענען פּאררופן אויף זשעאָרזשי און בעטן מיך אויפנעמען. האָפנטלעך, וועל איך אויך געפונען אירע שפּורן.

דעם פּענסיאָן האָב איך געפונען אָן שוועריקייטן. א יונג מיידל מיט א טיפּיש רוסישן אויסזען, האָט מיר געעפנט די טיר. מיט פולן צוטרוי האָב איך די צוויי שוועסטער דערציילט מיין לאגע. צו מיין פארוואונדערונג, האָבן זיי נישט ארויסגעוויזן קיין שום אויפרעגונג צו דער געשיכטע פון מיין אנטלויפן. כ׳וועל דאָס קיינמאָל נישט פארגעסן. איך דערוויס זיך פון זיי, אז פּאַטריק איז נישטאָ מער אין פּענסיאָן, ער געפינט זיך ביי א פאמיליע אין סירען (א פאריזער פאָרשטאָט). בנוגע זשעאָרזשין, האָט זי שוין אויפגעגעבן דעם קאָנטראקט מיט דער ווילע, מעגלעך אז זי וווינט נאָך אין וועזינע. מיינע גאסט־געבערינס האָבן א גאנצן נאָכמיטאָג געפּרוווט זי אָנרופן טעלעפאָניש און פארגעשלאָגן, אז אין פאל ווען איך קאָן זי נישט אָפּגעפינען, זאָל איך דערווייל בלייבן ביי זיי. אין אָוונט האָבן זיי ענדלעך גערעדט מיט איר אין טעלעפאָן. זי איז תיכף געקומען און געווען שטארק גערירט פון דער באגעגעניש. זי האָט זיך נישט געשראָקן צו העלפן א מענטש, אפילו א גערודפטן פון דער געסטאַפּאָ. זי איז געווען דעצידירט צו טאָן פאר מיר עפּעס ממשותדיקס. מיר האָבן פארלאָזן די צוויי שוועסטער נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיי הארציק באדאנקט.

וואָס פאר א טאָג איך האָב דורכגעמאכט! פאר פאנוויצן אין זיינע לאָקייען איז

דער דרייצנטער סעפּטעמבער געווען אַ שוואַרצער טאָג...

איך בין איבערצייגט, אַז כ'האָב דערגרייכט אַ וויכטיקן פּונקט אינעם קאַמף מיט דער זאַנדערקאָמאַנדאָ. איך האָב צוריק איבערגענומען די איניציאַטיוו און קאָנטראָל איבער דער לאַגע. דער קאַמף הייבט זיך ווידער אָן. דאָך, ווי קאָן איך פאַרגעסן דאָס וואָס מיך דערוואַרט?

ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז די ווילע אין וועזינע ביי זשעראַזשין איז נישט דאָס אידעאַלע אָרט צו באַהאַלטן זיך. אין דעם איזאָלירטן ווינקל פון שטעטל, וועלן מיר ביידע ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. מיר מוזן פון דאַנען ווי אַמשנעלסטן זיך אַרויסציען. קלאָר, אַז איך בין נישט קיין "סתם" געראָודפּטער, נאָר טראָג אויך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ביז איצט האָט זשעראַזשי נישט געוווסט פון מיינע באַשעפטיקונגען, איר איז נאָר געווען באַקאַנט, אַז איך באַטייליק זיך אין קאַמף קעגן די נאַציס. זי האָט קיין מאָל נישט געשטעלט קיין פראַגן. נאָר איצט גיט זי זיך אָפּ אַ חשבון, אַז זי איז אוממיטלבאַר באַטייליקט אין מיין טעטיקייט און איר דראָען ערנסטע געפאַרן. איך האָב אַ התחייבות נישט נאָר לגבי איר און איר זון, נאָר אויך לגבי די אַלע וואָס האָבן מיר געהאָלפן.

דער קאַמף גייט ווייטער אָן. פון מיר איז ווייט דער געדאַנק, איך זאָל זיך פאַרשטעקן אין אַ לאָך און אָפּוואַרטן דעם סוף פון דער מלחמה. איך מוז וואָס שנעלער אָפּגעפינען דעם קאָנטאַקט מיט מישעלן, דעם פאַרבינדלער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און צו וויסן טאָן מאָסקווע פון מיין אַנטלויפן. פאַר יעדן פּרייז מוז איך וויסן, צי איז מיין ראַפּאָרט אַדורכגעגאַנגען דורכן ראַדיאָ־זענדער פון דער פּאַרטיי, וועלכער איז אַריינגעפאַלן צו דער געסטאַפּאָ. פון דעם ענטפער איז אָפּהענגיק די צוקונפט פון דעם "גרויסן שפּיל".

איך מוז אויך באַשיצן די אַרעסטירטע חברים, וואָס זענען באַדראָאַט צוליב מיין אַנטלויפן. דאָס איז פאַר מיר אַן ערשטראַנגיקער חוב. כדי דאָס צו פאַרווירקלעכן, איז מיר פאַרבליבן זייער ווייניק צייט. איך האָב נישט קיין סיבה צו צווייפלען, אַז אין גיכן וועט מען אַרויסלאָזן אַ מחנה יעגער־הינט צו געפינען מיינע שפּורן...

"אָטאָ איז אַנטלאָפן!"

ווען בערג, וואָס איז איצט מער קראַנק ווי אַלע מאָל, איז צוריק געקומען אויף רי דע־סאָסיי מיט דער נייעס, איז זיי באַפאַלן אַ פּאַניק און דערשלאָגנקייט. פּאַנוויץ האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז מען וועט אים האַלטן פאַר דעם הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכן. ער רעאַגירט, ווי איך האָב פאָרויסגעזען, אויפן שטייגער פון די געניטע יעגערס וואָס פאַרפאָלגן די חיות, נישט שפּאָרנדיק קיין שום מיטלען. פּאַנוויץ איז דער מאַן, וואָס האָט נאָך דעם אַטענטאַט אויף היידריכן, אָנגעפירט מיט דער אונטערדריקונג אין גאַנץ טשעכאָסלאָוואַקיע — ער איז געוווינט צו אַזעלכע סיטואַציעס. דאָס הויז ווו ס'געפינט זיך די אַפּטייק בייאַי, איז גלייך געוואָרן אַרומגערינגלט און צענדליקער קונים ווערן אַרעסטירט. פּאַנוויץ האָט אַדורכגענישטערט די גאַנצע געביידע, גלויבנדיק, אַז איך האָב זיך דאָרטן באַהאַלטן און וואַרט איבער די זוכונגען. דער וואָקזאַל סאַן־לאַזאַר איז אויך געוואָרן

אָפּגעשלאָסן (איך האָב עס פּאָרויסגעפּילט). די צוגן, וועלכע האָבן געהאַלטן ביים אָפּגיין, זענען געוואָרן אדורכגעזיפּט. די געסטאַפּאָ האָט קאָנטראָלירט אלע ערטער (געשעפטן, קאַפע־הייזער, רעסטאָראַנען, פריזיר־אַנשטאַלטן), וועלכע איך האָב מיט באַגלייטונג באַזוכט אין פּאַריז. פּאַנוויץ ווענדעט אָן די טאַקטיק פון פישפאַנג מיט א נעץ: אויב ער וועט פאַרהאַלטן הונדערט, וועט צווישן די הונדערט זיין איינער, וואָס וועט אים געבן די נייטיקע אָנווייזונגען. ער איז אָבער געבליבן ביי גאָרנישט. האָט ער זיך גענומען צום לעצטן מיטל: טעראָר קעגן די קעמפער פון רויטן אָרקעסטער.

צו פאַרווישן די שפּורן, האָב איך צוגעטראַכט צו שרייבן צו פּאַנוויצן:

"איך בין נישט אַנטלאָפן, נאָר געווען געצוווּנגען צו פאַרשווינדן. צוויי אומבאַקאַנטע פאַרשוינען האָבן זיך צו מיר געוואָנדן אין דער אַפּטייק און אָנגעגעבן, אַז זיי זענען פון דעם קאָנטער־שפּיאָנאַזש. די צוויי מענער האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז די געסטאַפּאָ איז אויפן וועג מיך צו אַרעסטירן, און אַז זיי האָבן באַקומען א פאַראָרדענונג מיך איבערצופירן אויף א זיכערן אָרט".

איך האָב נאָך אויפגעקלערט פּאַנוויצן, אַז כ'האָב געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק — "כדי נישט קאָמפּראָמיטירן אונדזער בשותפותדיקן ענין" — נישט קעגנשטעלן זיך די צוויי און מיט זיי מיטגיין. איך בין מיט זיי איינגעשטיגן אין אַן אויטאָ און פאַרלאָזן פּאַריז. הונדערט קילאָמעטער פון פּאַריז האָבן מיר גענומען די באַן, ביז דער שווייצאַרישער גרענעץ. כ'האָב אויסגענוצט די נישט אויפמערקזאַמקייט פון מיינע שומרים אָפּצושיקן דעם בריוו אין בעזאַנסאָן. איך האָב אים אויך פאַרזיכערט, אַז איך וועל אים האַלטן אין גאַנג פון די ווייטערדיקע געשעענישן. באַזונדערס האָב איך דערמאָנט, ער זאָל נישט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך בערגן פאַר דעם וואָס איז געשען, ווייל זיין אַנוועזנהייט אין דער אַפּטייק וואָלט סיי־ווי נישט געקאָנט שטערן מיין פאַרשווינדן.

איינע פון די צוויי שוועסטער פון דעם פּענסיאָן אין סאַן־זשערמען האָט מסכים געווען צו נעמען די באַן קיין בעזאַנסאָן און פון דאָרטן אוועקשיקן דעם בריוו אויף דער פּאָסט.

נעמענדיק די דאָזיקע איניציאַטיוו, האָב איך געוואָלט מאַכן גלויבן פּאַנוויצן, אַז איך געפין זיך ווייט פון פּאַריז — און דער זעלבער צייט צוימען זיינע זוכונגען. אָבער דער עיקר האָב איך געצילט, אַז אין פאַל ווען די געסטאַפּאָ וועט נישט געפינען מיין ראַפּאָרט אין די אַרכיוון פון די ראַדיאָ־זענדערס, דערמעגלעכן דער צענטראַלע פאַרצוזעצן דעם "גרויסן שפּיל", טראָץ מיין אַנטלויפן.

מיט א סך דרייסטקייט האָט גלייך נאָך דעם זשעאָרזשי זיך גענומען אויפזוכן די פאַרבינדונג מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך האָב פּאַקטיש געהאַט די מעגלעכקייט איינצושטעלן דעם קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי־אָנפירונג, דורך אָנרופן א טעלעפאָן־נומער און איבערלאָזן פאָלגנדיקע ידיעה: "הער זשאָן איז געוואָרן אָפּערירט, ער געפינט זיך אין מעדיקאַמענטן...".

ווי נאָר די פּאַרטיי באַקומט דעם טעלעפאָן, איז זי מחויב צו שיקן א

פאַרבינדלער אויף אַלע פיר אָפּגערעדטע פּונקטן פון פּאַריז: אין צפון, דרום, מזרח און מערב.

צוויי טעג נאָך דער טעלעפאָן־ידיעה פון זשעאַרזשי, האָט אַ יונג מיידל זיך געטראָפן מיט איר אין וועזינע, אַ פאָרשטאָט אין מערב פון פּאַריז. זשעאַרזשי האָט ביי איר פאַרלאַנגט פאַר מיינעטוועגן דאָקומענטן, סם און אַ ידיעה וועגן מיין ראַפּאָרט, וועלכן כ'האָב איבערגעגעבן זשיליעטן. צוויי טעג שפּעטער איז זי צוריק געקומען מיט די פּאַפּירן וואָס כ'האָב פאַרלאַנגט, מיט אַ קאַפּסול ציאַנקאַלי, צום אַראָפּשלינגען בעת אַן ערנסטער געפאַר. דערביי האָב איך זיך אויך דערוווּסט אַ נייעס, וועלכע האָט מיך צערודערט: דער ראַדיאָ־זענדער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ליאָנער ראַיאָן, האָט נאָר געדינט איבערצושיקן פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל פאַר אַנדערע געגנטן. אַז דער ראַדיאָ־זענדער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, האָט זי דאָרט געפונען נאָר אויפרופן, אָן באַזונדערע סודות. פיל שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זשאַק דיקלאָ האָט מיין ראַפּאָרט, וועלכן כ'האָב איבערגעגעבן זשיליעטן פאַר דער צענטראַלע אין מאָסקווע, געהאַלטן פאַר צו וויכטיק ער זאָל ווערן טראַנסמיטירט דורך דעם ראַדיאָ. דער ראַפּאָרט איז געוואָרן אַריבערגעפירט קיין לאָנדאָן דורך אַ ספּעציעלן קוריער און אָנגעקומען קיין מאָסקווע מיטן דיפּלאָמאַטישן וועג. מיר איז געוואָרן קלאָר, אַז מיין אַנטלויפן איז געווען אומנוצלעך. ווען דאָס וואָלט מיר געווען באַוווּסט דעם דרייצנטן, און נישט דעם זיבעצנטן, וואָלט איך וואַרשיינלעך נאָך איצט זיך געפונען אין נויאַי. די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט נישט געהאַט קיין שאַנס צו אַנטדעקן דעם סוד פון דעם „גרויסן שפּיל”.

דער ענין שטעלט זיך פאַר צו זיין נאָך ערנסטער, ווייל מיין אַנטלויפן האָט געדראָט צו צעשטערן דעם „גרויסן שפּיל”, וועלכן מאָסקווע האָט צוגעגעבן אַזאַ גרויסע באַדייטונג. ווי עס זאָל נישט זיין, וועל איך שוין קיין לעבעדיקער אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ נישט אַריינפאַלן. דער סם אין מיין קעשענע גיט מיר צו קוראַזש און בטחון. עס האָט נישט געפעלט קיין סך, כ'זאָל אים אַראָפּשלינגען צו מאָרגנס נאָך דעם ווי כ'האָב אים באַקומען.

יענעם פרימאָרגן האָט זשעאַרזשי, אַרויס גייענדיק, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, ווי זי האָט עס געטאָן יעדעס מאָל, ווען זי האָט פאַרלאָזט די ווילע. די לאָדנס זענען געבליבן פאַרמאַכט אַ גאַנצן טאָג. זי האָט דאָס געטאָן צוליב פּשוטע טעמים: צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז די ווילע איז אומבאַוווינט... פּלוצים דערהער איך ווי מען האָט צוויי מאָל לאַנג געקלונגען. איך בין אין שפּאַנונג, גרייט צו אַנטלויפן, אָבער דער באַזוכער איז אַוועק. ס'איז געווען אַ פאַלשער אַלאַרם.

צו מאָרגנס האָט זיך דער שפּאַס איבערגעחזרט: עטלעכע שטאַרקע קלעפּ אין טיר, האָבן אונדז אַרויסגעריסן פון שלאָף. איך האָב אויף שנעל גענומען זיך אָנטאָן און נאָכגעקוקט צי כ'האָב ביי זיך די ציאַנקאַלי. איך בין אַרויף אויפן פענצטער און געווען גרייט צו שפּרינגען, ווי נאָר מען וועט די טיר אויפרייסן. אָבער דאָס קלאַפּעריי האָט זיך דערווייל אָפּגעשטעלט. איך האָב געהערט, ווי דער בעל־הבית פון דער ווילע קלערט אויף זשעאַרזשין, אַז שוין עטלעכע טעג קומט ער ווייזן דאָס

הויז עווענטועלע נייע לאָקאַטאָרן. היות ער געפינט תמיד די ווילע פּאַרמאַכט, האָט ער פּרובירט זיין מזל אין דער פרימאָרגן־שעה.

דער דאָפּלטער אינצידענט האָט אונדז אָנגערעגט צו האַנדלען וואָס שנעלער. די אינצידענטן האָבן באַוויזן, אַז מיר זענען אָפּהענגיק פון אַ צופאַל. פאַר אונדז איז געוואָרן דרינגענד נויטווענדיק צו פאַרלאָזן דאָס אָרט. נאָר פון אָננעמען אַ באַשלוס ביזן אויספירן — איז אַ תהום, וועלכן ס'איז נישט תמיד לייכט איבערצושפּרייזן, בפרט ווען יעגער־הינט פון דער געסטאַפּאָ זענען אויף דיינע שפּורן.

אוועקגיין... אוועקגיין... אָבער וואוהין? מיר באַטראַכטן אַלע מעגלעכקייטן און באַשליסן צו ווענדן זיך צו דער משפּחה קוויער, וווּ עס האַלט זיך אויף דער קליינער פּאַטריק, זי זאָלן אויך מיך אויפנעמען. זייער מוטער וווינט נישט ווייט פון זיי אין אַ קליינער וווינונג, וועלכע געפינט זיך אין אַ גרויסן באַוווינטן גאָרטן. אַזוי ווי די מוטער איז אַוועק געפאָרן אויף עטלעכע טעג און די וווינונג איז פריי, קען איך דערווייל דערפון געניסן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך נישט געלאָזט בעטן צוויי מאָל.

איך געווין, אַלזאָ, עטלעכע טעג לגבי דער זאַנדערקאָמאַנדאָ, הגם די פּאַרזיכטיקייט פאַרלאַנגט, איך זאָל זיך צו פיל נישט שפּייזן מיט אילוזיעס. פּאַנוויצס לייט באַמיען זיך אוודאי, דורך אויפזוכן זשעאָרזשין, צו געפינען מיינע שפּורן. פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי דורך סאַן־זשערמען דערגרייכן וועזינע, און דורך וועזינע — סירען. און ווירקלעך: אַ וואָך שפּעטער האָבן זיי דערגרייכט דעם פּענסיאָן אין סאַן־זשערמען. דאָס איז געשען נאָך דעם, ווי זיי האָבן אַרעסטירט — ווי באַקאַנט שפּאָרט נישט פּאַנוויץ קיין מיטלען — אַ גרעסערע צאָל פריינד, מיט וועלכע זשעאָרזשי איז געשטאַנען אין פאַרבינדונגען. אין בריסל איז זשעאָרזשיס מוטער און מערערע פריינד געפּאַרשט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. וואַרשיינלעך, אַז דורך דעם וועג האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז זשעאָרזשיס זון געפינט זיך אין אַ פּענסיאָן, אין דער געגנט פון פּאַריז. יעטוועדע אינפאָרמאַציע ברענגט זיי גרויס נוצן. ווייסנדיק, אַז זשעאָרזשי האָט גענומען טאַנץ־לעקציעס אין אַ הויף אויף פּלאַץ־קלישי (אַ געגנט אין פּאַריז), זענען די געסטאַפּאָ־לייט אוועק אויף דעם אָרט און זיך דערוווּסט ביי איינע פון אירע חברטעס, דעניז, אַז פּאַטריק געפינט זיך אין סאַן־זשערמען.

אָן שום ספק, אַז די געסטאַפּאָ דערנענטערט זיך צו מיר, כ'בין אין דעם איבערצייגט. עס זענען נישט אַדורך קיין פולע דריי טעג, ווי איך בין אין סירען און באַקום אַ טעלעפאָן פון די צוויי שוועסטער, אַז אַ מאַן האָט זיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט מיטן אויסרייד, אַז ער האָט עטוואָס איבערצוגעבן פאַר מאַדאַם דע ווינטער (זשעאָרזשי). לויט דער שילדערונג פונעם אויסזען פון דעם מאַן, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז קענט. קענט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער "ברוינער עמינענץ" פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. איך האָב דערנאָך אַנטפּלעקט זיין אַנוועזנהייט אויף אַלע הייסע פּונקטן פון מיינע פאָרשונגען. דריי טעג שפּעטער איז דערשינען אַ נייע גרופּע פון "בייגעריקע" אין פּענסיאָן, צווישן זיי איז אויך געווען — הלל כץ!

נאָך מיין אַנטלויפן האָט פּאַנוויץ קאָנצענטרירט אַלע זיינע אָנשטרענגונגען אויף הלל כץ. דער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט זיך גענומען אין קאָפּ אַריין, אַז דורך הללן וועט ער געפינען דעם פאָדעם וואָס וועט פירן צו מיר. כדי דאָס צו דערגרייכן, האָט דער אויסוווּרף זיך באַנוצט מיט כיטרע מיטלען: פאַר אַלעם האָט ער פאַרלאַנגט ביי הללן, ער זאָל טעלעפאָנירן צו זיין פרוי סעסיל און באַשטימען מיט איר א דרינגנדע טרעפונג אין פּאַריז. סעסיל האָט געוווּסט, אַז פון דעצעמבער 1942 געפינט זיך איר מאַן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. זי האָט אויך געוווּסט, אַז זי איז כסדר באַוואַכט און אויב זי וועט זיך אָפּזאָגן צו גיין אויף דער טרעפונג, שטעלט זי זיך אויס אויף רעפּרעסיעס. איז איר געבליבן דער איינציקער אויסוועג: ענטפערן פּאָזיטיוו. זי האָט זיך געטראָפן מיט הללן און א קאַפע־הויז און באַמערקט, אַז ער איז באַגלייט פון אַן אומבאַקאַנטן מאַן. פאַרשטייט זיך, אַז כץ האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי אויספירן די אָנווייזונגען פון פּאַנוויצן. דאָך האָט ער באַוויזן אויפצודעקן פאַר סעסילן מיין לאַגע.

— מיינע פריינד, — זאָגט ער איר, — זענען זייער פאַרזאָרגט איבערן גורל פון אָטאָן. מען וואַרט, ער זאָל וואָס שנעלער זיך אומקערן...

אין א קלאָרער שפּראַך האָט דאָס באַדייט, אַז איך בין אַנטלאָפן. פּאַנוויץ האָט געגלויבט אין דער צוועקמעסיקייט פון אַזעלכע שריט. היות אָבער די אַלע מאַכינאַציעס האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן, האָט ער באַשלאָסן אָנצווענדן די כאַראַקטעריסטישע פאַר אים מיטלען: אַרעסטן און פּייניקונגען. פאַר דעם באַשליסט ער נאָך אויסצופּרובירן דאָס לעצטע מיטל: ער שיקט כצן, אין באַגלייטונג פון זיינע אַגענטן, קיין סאַן־זשערמען. אויך דאָ האָט כץ באַוויזן זיין אויסערגעוויינלעכע האַלטונג. נאָך דעם ווי ער האָט געשטעלט דער שוועסטער עטלעכע אובאַדייטנדיקע פראַגן וועגן זשאַרזשי און פּאַטריק, איז אים געלונגען אין לעצטן מאָמענט אַריינשושקען אין אויער איינער פון די צוויי שוועסטער: "הער זשילבער איז אין לעבנס־געפאַר, די געסטאַפּאָ יאָגט זיך נאָך אים".

העלדישער הלל! ביז דער לעצטער מינוט האָט ער געקעמפט פאַר אונדזער זאַך. כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אַנדערע, האָט ער זיין אייגן לעבן געשטעלט אין געפאַר.

פיל שפּעטער, אין טאָג פון באַפרייען פּאַריז, האָב איך באַזוכט די תּפיסה פון נויאַי, צוזאַמען מיט א חבר אַלעקס לעסאָוואַי. הער פּרודהאָם, דער פראַנצויזישער וועכטער, האָט מיר דערציילט וועלכע יסורים הלל כץ האָט געהאַט אויסצושטיין.

צען טעג נאָך מיין אַנטלויפן, האָט די זאָנדערקאָמאַנדאָ געפירט הללן יעדע נאַכט אויף רי דע־סאָסיי און אים צוריק געבראַכט אין די פּרימאַרגנס אין א שוידערלעכן מצב. די יסורים זענען געוואָרן וואָס אַמאָל פּיינלעכער. די אכזריותן האָבן זיך פאַרשטאַרקט. פון איין פּייניקונג־סעאַנס ביז דעם אַנדערן, האָבן די ווונדן נישט באַוויזן זיך צו פאַרהיילן. דער וועכטער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט ווען ער האָט אים געבראַכט עסן, כדי מיט אים אויסטוישן עטלעכע ווערטער און זיך דערוויסן וואָס ער האָט געליטן. די תּליינים פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ האָבן אים באַשולדיקט, אַז ער האָט צוגעגרייט מיין אַנטלויפן, אַז ער ווייסט ווו איך באַהאַלט

זיך אויס און וויל נישט אויסגעבן. זיי האָבן אים פאַרגעוואָרפן, אַז בעת דעם אָרגאַניזירטן וויזיט אין סאַן־זשערמען, זאָל ער מיך האָבן געוואָרנט.

הער פּרודהאָם דערמאָנט זיך אויסגעצייכנט דעם טאָג, ווען דאָס פּנים און די הענט ביי כּצן זענען געווען מערדערלעך צעשלאָגן און פול מיט ווונדן. ער האָט אים דאַן געזאָגט:

— נאָך דער מלחמה וועט הער זשילבער זיכער צוריק קומען דאָ אַהער, זאָלט איר נישט פאַרגעסן אים זאָגן, אַז טראָץ די פּיין און יסורים, באַדויער איך נישט און בין זייער גליקלעך, אַז כ'האָב געטאָן דאָס וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן. בעט אים, ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט מיינע קינדער...

עטלעכע שעה נאָך דעם, האָבן די געסטאַפּאָ־לייט אוועקגעפירט הלל'ן. מיר האָבן קיין מאָל נישט געקאָנט דערגיין, ווי אַזוי איז הלל כּץ אומגעקומען, אָבער דער הענקער פּאַנוויץ ווייסט. ער האָט אים געפּייניקט און דערמאָרדעט מיט אָדער אָן א כלומרשט געריכט. נאָך איצט זע איך פאַר מיר הללן. איך זע אים, דעם וווּנדערלעכן קעמפער. העלדישקייט איז פאַר אים געווען די נאַטירלעכע האַלטונג, ווי פאַר די אַלע וואָס האָבן אויסגעקליבן מקריב צו זיין זייער לעבן פאַר א בעסערער צוקונפט.

אין סאַן־זשערמען האָט די זאַנדערקאָמאַנדאָ אַרעסטירט די צוויי שוועסטער. זיי האָבן זיך געהאַלטן זייער מוטיק און קיינעם נישט אויסגעגעבן. זיי האָבן אויך נישט דערציילט פון זייער נסיעה קיין בעזאַנסאָן און פון דעם בריוו וואָס פּאַנוויץ האָט פון מיר באַקומען. צו מאָרגנס האָט די געסטאַפּאָ שוין געקלאַפּט אין דער ווילע פון וועזינע. די יעגער־הינט דערנענטערן זיך. אין עטלעכע טעג, מעגלעך אַז אין עטלעכע שעה, וועט זייער בילן אָפּהילכן אין סירעןן. מען מוז דעריבער ווידער אַמאָל שנעל האַנדלען. קודם ראַטעווען די פּרוי קוויער. מיר איז געלונגען זי איבערצוצייגן, אַז זי מוז פאַרלאָזן דאָס אָרט. זי איז אוועקגעפאָרן מיט פּאַטריקן צו איר שוועגערין אין קאָרעז (א דעפּאַרטאָמענט אין מיטל־פראַנקרייך). זשעאָרזשי און איך האָבן ווידער געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט. נאָר וווּ גיין? אין וועלכער ריכטונג? מיר האָבן דורכגעטראַכט דעם ענין און מיין אויסוואַל איז געפאַלן אויף די ספּאַאַקס, סוזאַן און קלאָד, וועמען איך האָב צום ערשטן מאָל באַגעגנט זומער 1942. איך בין דעמאָלט געגאַנגען זיי זען אין זייער וווינונג אויף דער באָזשאָלע־גאַס, כדי זיי צו וואָרענען צוליבן אַרעסט פון זייערע פריינד מירא און הערש סאָקאָל. איך בין געוואָרן דערשטוינט פון זייער קאַלטבלוטיקייט, מיט וועלכער זיי האָבן אויפגענומען די בייעס. זיי האָבן קיין איין מינוט נישט געצווייפלט אין דער פעסטער האַלטונג פון מירא און סאָקאָל און געווען איבערצייגט, אַז זיי וועלן גיכער אויסקלויבן דעם טויט, איידער זיך מודה זיין. און אַזוי איז טאַקע געשען: די סאָקאָלס האָבן צוגעגעבן זייערע נעמען צו דער לאַנגער רשימה מאַרטירערס פון די ווידערשטענדלעכער קעגן נאַציזם, און ווי פיל אַנדערע — מיטגענומען דעם סוד איז זייער קבר.

דער קעגנזייטיקער צוטרוי, וועלכן מיר האָבן אַרויסגעוויזן איינער צום אַנדערן, האָט באַרעכטיקט מיין באַשלוס. זשעאָרזשי איז אוועק צו די ספּאַאַקס און זיי דערציילט

וואָס מיט אונדז קומט איצט פּאַר. זיי האָבן איר פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן אַלץ טאָן מיר צו העלפן. אַ שטראַל אין דער פינצטערניש... קלאָר איז געקומען מיך זען אין מיין צימער אין סירען. ווי גוט איז צו וויסן, אַז מיר זענען מער נישט אַליין. דאָס ערשטע וואָס איז געווען דרינגענד — געפינען אַן אָרט, ווו מיך צו פאַרשטעקן, מיט דעם באַדינג, אויף וועלכן מיר זענען ביידע געווען מסכים, אַז דאָס אָרט זאָל נישט האָבן קיין שום שייכות צו די קעמפּערס פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. די צווייטע נויטווענדיקייט: איינשטעלן אַ רעגולערע פאַרבינדונג מיט דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פאַר אַלעם מוזן מיר אויסזוכן אַ באַהעלטעניש, ווייל עס קען נישט זיין קיין רייד פון בלייבן לענגער אין סירען. ביז מיר וועלן געפינען אַ זיכערן אָרט, וועט דאָס אונדז דערווייל דינען ווי אַ פּאָסט־טרעפּונג. דעניז, זשעאָרזשיס פריינדין פון די טאַנץ־לעקציעס, האָט איר אָנפאַרטרויט די שליסלען פון איר בוידעם־שטיבל אויף דער שאַבאַנע־גאַס. דעם 24־סטן נאָוועמבער אין אָוונט, זענען מיר אַריין אין דעם שטיבל. איך האָב דערצו מסכים געווען מיט אַ ווידערווילן. מיך האָט געפּייניקט אַ פאָרגעפיל, אַז דעניז איז נישט קיין זיכערע, און מעגלעך, אַז מיר אַליין יאָגן זיך צום וואָלף אין פּיסק. אַ שטאַרק אומרויקער האָב איך דורכגעמאַכט די נאַכט פון 24סטן אויפן 25סטן, שלעכט געשלאָפן, אויפגעכאַפּט זיך ביי יעדן שאָרך און יעדע מינוט געוואַרט צו דערהערן עמעצן ביי אונדזער טיר. מיט טיפער דערלייכטערונג האָב איך צו מאָרגנס, גאַנץ באַגינען, פאַרלאָזן די צווייפּלהאַפטע באַהעלטעניש און אַוועק צו די ספּאַאַקס. מיינע פאָרגעפילן האָבן נישט גענאַרט. מיר האָבן געהאַט מזל, וואָס מיר האָבן זיך באַצייטנס אַרויס געצויגן. גלייך נאָך דעם האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט דעניזן און זי האָט ביי דער ערשטער אויספאָרשונג גענומען "שיטן". זי האָט אויסגעגעבן דעם אַדרעס פון די קוויערס — און דערפאַר האָט מען זי אַרויסגעלאָזט. פּאַנוויץ האָט געגלויבט, אַז מיט דעם אַדרעס האָט ער שוין אַלץ אַנטדעקט. די יעגער־באַנדע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער ווילע. אָבער צו שפּעט. די צייט צו שרייען הורא איך נאָך נישט געקומען, הגם זיי האָבן זיך גענומען צום הער קוויער, וואָס איז פאַרבליבן אין דער ווילע.

פּאַנוויץ צילט דאַן זיין געווער אין אַן אַנדערער זייט. ער האָט אַ פּאַסטקע, פון וועלכער ער דערוואַרט זייער פיל. ער איז איבערצייגט, אַז פּאַטריק איז מיין זון. היות אים איז געלונגען צו באַקומען דעם אַדרעס, ווו עס האָט זיך אויפגעהאַלטן די פרוי קוויער מיטן קינד, גלויבט ער, אַז ער וועט דאָס קענען אויסנוצן מיך צו שאַנטאַזשירן. ער קלינגט צו דער פרוי קוויער דורך אַ "שכן", אַז איר מאַן האָט צעבראָכן אַ פוס און זי מוז שוין קומען. אָבער די שטריק פון דער נעץ זענען צו דיק. די פרוי קוויער דערפילט אַ געפאַר און פאַרבלייבט אין קאָרעז.

דער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ פאַרלירט נישט דעם קוראַזש און באַשליסט, אַז אויב דער "זון" פון אָטאָ וויל נישט צו אים קומען, וועט ער גיין צו אים. ער שטעלט צונויף אַ גאַנצע עקספּעדיציע צו זוכן דעם קליינעם פּאַטריק אין קאָרעז. פּאַנוויץ רעכנט זיך גאָר וויניק מיט די אויסגעדראָשענע רעדעס פון ד"ר געבעלס, וואָס נאָך ביים סוף פון יאָר 1943, האַלט ער אין איין שרייען וועגן

דעם נצחון פון דריטן רייך. היות פּאַנוויץ איז גוט אינפאָרמירט וועגן דער פּאַקטישער לאַגע אין קאָרעז, וועלכע איז באַהערשט פון די אויפשטענדלער, אָרגאַניזירט ער א ריכטיקע מיליטערישע אָפּעראַציע. אויטאָס, אָנגעשטאָפּטע מיט באַוואָפנטע געסטאַפּאָ־אַגענטן, לאָזן זיך אין וועג מיטן ציל — אַרעסטירן א געפערלעכן אַגענט פון רויטן אָרקעסטער, אין עלטער פון... פיר פרילינגס.

די אויפגאַבע איז געוואָרן אויסגעפירט, פּאַנוויץ רייבט זיך די הענט. נאָך דעם געיעג, וועלכן ער האָט אויף מיר געמאַכט אין די לעצטע צוויי וואָכן, גלויבט ער, אַז איצט האַלט ער שוין אין האַנט דעם שליסל פון מיין אַרעסט־קאַמער. דער זון פון גרויסן שעף איז אין זיין באַזיץ, דערפאַר איז ער זיכער, אַז אַזוי אַרום וועט ער דערגרייכן צום פאָטער. ער האָט זיך נאָך מער איבערצייגט אין דעם נאָך דעם עקזאַמען וואָס ער האָט אַדורכגעפירט אויפן קליינעם פּאַטריק און וואָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין דעצידירנדיק. ער האָט געוויזן מיין פאָטאָ דעם קליינעם, ער זאָל אים זאָגן ווער איז דער "הער" — און דערהערט אַן ענטפער: "פּאַפּאַ נאַנו". דאָס מאָל איז ער פולשטענדיק זיכער. דער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ איגנאָרירט, אַז דער קליינער פּאַטריק האָט די געוווינהייט צו רופן אויפן זעלבן אופן אויך די פרוי קוויער: "מאַמי אַני".

איך בין צופרידן פון פּאַנוויצס נאַרישקייטן, אָבער באַזאָרגט וועגן דעם גורל פון קינד. אָן ספק, אַז פּאַנוויץ וועט אָננעמען אַלע מיטלען צו אַרעסטירן זשעאָרזשין. פיל שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די געסטאַפּאָ איז נישט געווען צווישן זיך איינשטימיק וועגן דעם גורל פון פּאַטריקן. טייל האָבן פאָרגעשלאָגן אים צו שיקן קיין דייטשלאַנד. אַנדערע, אַז ער זאָל בלייבן צו דער דיספּאָזיציע פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. היות זיי איז געווען שווער צו האַלטן אים אין טורמע, האָבן זיי אים אָפּגעגעבן אין א רעקוויזירטער אינסטיטוציע אין סאַן־זשערמען, צוזאַמען מיט דער פרוי קוויער און דאָרט אים געהאַלטן ביז יאַנואַר 1944. דערנאָך האָבן זיי אים אַריבערגעפירט אין א הויז אין סירען, וואָס איז געווען באַוואַכט טאָג און נאַכט. דאָס האָבן זיי געטאָן מיטן גלויבן, אַז וואַרשיינלעך וועל איך זיך אַרומדרייען אין דער געגנט, באַעגנט פון "מיין זון" און לסוף אַריינפאַלן אין זייערע הענט.

פּאַנוויץ האָט זיך מוראדיק טועה געווען. איך האָב מיין באַהעלטעניש געהאַט ביי די ספּאָאַקס, אָבער נישט געקוקט אויף מיין צוטרוי צו זיי, האָב איך אַנערקענט, אַז דאָס באַהעלטעניש איז דאָס סאַמע אומזיכערסטע, וואָס איך האָב געהאַט זינט מיין אַנטלויפן. איך האָב געוווּסט, אַז ביידע געהערן צו דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, הגם איך האָב נישט געהאַט קיין אַנונג אין וועלכער מאָס זיי באַטייליקן זיך אין דעם. סוזאַן נעמט אַנטייל אין פיל געהיימע טעטיקייטן. אין 1942 האָט זי זיך געווידמעט צו ראַטעווען יידישע קינדער, איז געווען טעטיק אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג קעגן ראַסיזם. אָבער אין סעפּטעמבער 1943, ווען זי האָט מיך אויפגענומען ביי זיך, האָב איך נישט געוווּסט, אַז זי אַרבעט אויך מיט מערערע גאָליסטישע און קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, נעמט אָנטייל אין די געפערלעכסטע אַקציעס, נישט רעכנענדיק זיך מיט געפאַרן. זי איז דעריבער זייער באַדראָט. מיר קומען צו דער מיינונג, אַז ס'איז פיל שכלדיקער מיר זאָלן זיך

צעשיידן. די קומענדיקע צוויי נעכט האָבן מיר פאַרבראַכט אין אָראַטואַר־קלויסטער, נישט ווייט פון לוווּר. מיר זענען דאָס מאָל אויפגענומען געוואָרן דורכן פּראָטעסטאַנטישן גלח, וואָס פלעגט געבן צימערן פאַר יידישע קינדער, וועלכע סוזאַן ספּאַאַק האָט אַרויסגעריסן פון די דייטשע נעגל.

פון יענעם קלויסטער בין איך אַריבער, אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון די ספּאַאַקס, אין אַ פּענסיאָנערן־הויז, וואָס זאָל האָבן געווען, ווי אײניקע האָבן געמיינט, דאָס בעסטע אָרט זיך אויסצוהיטן פאַר דער געסטאַפּאָ. אָבער פון דעם וואָרט "פּענסיאָנער" איז מיר דורכגעגאַנגען אַ שוידער איבערן לייב.

26 שאַרפער דועל מיט דער געסטאַפּאָ

מיט מיינע ניין און דרייסיק יאָר און ווי דער שעף פון רויטן אָרקעסטער, בין איך געצוווּנגען צו שפּילן די ראָל פון א מער ווייניקער עלטערן פּענסיאָנער אין א רויק הויז, וואָס טראָגט דעם נאָמען "דאָס ווייסע הויז" (מעזאָן בלאַנש) און געפינט זיך אין בורג־לאַ־רען, א פאַרשטאָט אין דרום זייט פון פּאַריז. איך האָב אָבער נישט קיין ברירה און באַשליס צו דערשיינען ווי א ליידנדיקער פּענסיאָנער, וואָס נייטיקט זיך אין א קראַנקן־שוועסטער. זשעאַרזשיס אָנוועזנהייט אין דעם הויז איז אויסגעשלאָסן. האָבן מיר זיך געוואָנדן צו מאַדאַם מיי, די אלמנה פון א באַוווּסטן לידער־זינגער, וואָס האָט געטראָגן א ביטערע שנאה צו די נאַציס און איז גרייט געווען אנטייל צו נעמען אין אונטערערדישן קאַמף. מיר האָבן צו פאַרדאַנקען זשעאַרזשין די "זעלטענע פּערל", וואָס זי האָט אַנטדעקט (געפינען א פרוי צו וועלכער מען קאָן האָבן פולן צוטרוי, און איז אויך אַנטשלאָסן צו ריזיקירן — איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן). פאַר דער אויסערלעכער וועלט וועט זי זיין אונדזערס אַן אַלטע, טרייע מומע. פּאַקטיש האָט זי געדינט ווי א פאַרבינדלערין.

די ערשטע צייט זענען אין "ווייסן הויז" געווען רויקע טעג. איך האָב אָבער באַמערקט, אז פיל פּענסיאָנערן האָבן די זעלבע שוועריקייטן ווי איך, צו שפּילן די ראָל פון אַלטע לייט. אָן שום ספק, אז פיל סימנים פאַראַטן סיי די עלטער, סיי דעם ווירקלעכן מצב. כמעט אַלע זעען אויס ווי איך, וואָס האָט מיך שטאַרק באַאומרויקט. איך האָב דעם איינדרוק, אז אויך זיי זענען געצוווּנגען אויסצומיידן די דייטשע נייגעריקייט... די אַטמאָספער איז א פריינדלעכע, אָבער יעדער האַלט זיך פון דער ווייטנס, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן פאַרן שכנס אומדיסקרעטקייט און נעמט די מאָלצייטן צו זיך אין צימער. יאָ, ס'איז נישט קיין דורכשניטלעך עלטערן־הויז...

די מעגלעכקייטן צו קרייצן פּאַנוויצס פּלענער זענען נישט קיין גרויסע, דאָך איז כדאי פּרובירן דאָס צו טאָן. סוף סעפּטעמבער האָב איך געשריבן צו פּאַנוויצן א צווייטן בריוו. אין ערשטן, ווי מען דערמאָנט זיך, האָב איך אים געשריבן, אז איך פאָר אין דער שווייץ, באַגלייט פון אַגענטן פון סאָוועטישן קאָנטער־שפּיאָנאַזש. אָבער פון דעמאָלט האָט ער אָפּגעפונען שפּורן פון מיין זיין אין סאַן־זשערמען, אין וועזינע, אין סירען. האָט זיך גענייטיקט, איך זאָל אים איצט געבן א באַגלויבלעכע

אויפקלערונג וועגן דעם. איך האָב אים דערציילט, אַז מיט דער הסכּמה פון קאָנטער־שפּיאָנאַזש, בין איך צוריק געקומען קיין פּאַריז.

איך פאַרשטיי די באַמערקונג, וואָס וועט אייך קומען אויפן געדאַנק:

האָט איר נישט געפונען עפּעס בעסערס, ווי אָנווייזן דער זאָנדערקאָמאַנדאָ די שטאָט, וווּ איר געפינט זיך? פאַר אַ מענטש, וועמען ס'איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון זייערע הענט און ווערט כּסדר ווייטער פאַרפאָלגט, איז דאָס אַן אומפאַרשטענדלעכע איניציאַטיוו. עס הייסט פּשוט: אַוועקשטעלן דעם יעגער אויף די שפּורן פון דער חיה! איך פאַרשטיי זייער גוט די פאַרוווּנדערונג. מיין תּשובה אויף דעם: מען מוז נעמען אין אַכט די פּסיכיק פון אַ געסטאַפּאָ־אַגענט. איר זאָגט אים אַז איר זענט אין פּאַריז, וועט ער אייך זוכן אין אַלע ווינקלען פון אייראָפּע! איבעריקנס, האָב איך געהאַט ערנסטע סיבּות דערצו. פּאַריז איז אַ גן־עדן פאַר דעם אונטערגרונט. אויף וויפל אַ מענטש וואָס ווערט פאַרפאָלגט, איז מסוגל איבערצורייסן מיט זיינע אַמאָליקע פאַרבינדונגען, האָט ער דאָ רעאַלע שאַנסן צו ראַטעווען זיך פון די פאַרפאָלגערס.

איך האָב בכּיוון געשריבן דעם בריוו מיט אַ רויקן, זיכערן טאָן און אויסגעדריקט מיין פאַרביטערונג אויף דער האַלטונג פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. איך האָב זי באַשולדיקט אין אַרויסרופן באַוווּסטזיניק אַ פּאַניק, מיטן אַרעסטירן אומשולדיקע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו מיין נעץ. איך האָב צוגעגעבן, אַז אין דער צוקונפט וועל איך פון דער באַפרייונג פון די אַרעסטירטע מאַכן אָפּהענגיק מיין באַציונג צו דער זאָנדערקאָמאַנדאָ.

פּאַנוויץ, וואָס האָט פון אָנהייב געגלויבט, אַז די זאָנדערקאָמאַנדאָ איז דער בעל־הבית פון דעם "גרויסן שפּיל", האָט אים מיין בריוו באַוויזן, אַז ס'איז ווייט נישט אַזוי. ער האָט געזוכט צו דערגיין מיינע כּוונות און נישט פאַרשטאַנען, הלמאַי האָב איך נאָך מיין אַנטלויפן, נישט אויפגעדעקט פאַר דער צענטראַלע דעם גאַנצן אמת. פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט נישט געוווּסט, אַז פון פעברואַר 1943, ווען איך האָב איבערגעגעבן זשיליעטן מיין ראַפּאָרט, איז מאָסקווע געווען באַקאַנט מיט דער לאַגע.

מיין הויפּט־ציל איז איצט געווען: איינשטעלן די פאַרבינדונג מיט דער צענטראַלע, דורך דער אָנפירונג פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך האָב געהאָפט דאָס צו דערגרייכן, אַ דאַנק סוזאַן ספּאַאַק. זי אַליין איז נישט געווען קיין מיטגליד אין דער פּאַרטיי. זי האָט אָבער ביים ראַטעווען יידישע קינדער, מיטגעאַרבעט מיט אַ יונגן דאָקטער שערטאָק, וואָס איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן אַדוואָקאַט לעדערמאַן — אַ קאָמוניסטישער קעמפער, איינער פון די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דעם יידישן ווידערשטאַנד אין פראַנקרייך. איך האָב זיך מיט אים פיל מאָל באַגעגנט, ווען כ'בין געווען טעטיק אין די רייען פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

לעדערמאַן האָט געהאַט די פאַרבינדונג מיט דער אָנפירונג פון די אויסלענדישע קאַמפס־גרופּן, וועלכע האָבן זיך געפונען אינערהאַלב דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מיטן חבר קאָוואַלסקי, דער געהילף־שעף פון מ.א.י. (מ.א.י. — פראַנצויזישע

ראשי־תיבות פון דער אָנפירונג פון די אײַנגעוואַנדערטע אַרבעטס־כּוחות). איך האָב גוט געקענט קאָוואַלסקין. ער איז טאַקע דער מענטש, אין וועלכן איך האָב זיך איצט געניטיקט. קאָוואַלסקי איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּאַרטיי־אָנפירונג און מיט מישעלן. און מישעל איז דער, וואָס האָט פון 1941 פאַרזיכערט די פאַרבינדונג צווישן מיר און דער פּאַרטיי.

דערגרייכן קאָוואַלסקין איז נישט געווען פון די לײַכטע זאַכן. מיר האָבן דאָס געמוזט מאַכן שטופנווײַז. דורך דער צײַט וואָס איך האָב געזוכט אַ וועג אין דער ריכטונג, האָב איך דערווײַל יעדן ערשטן און פופצנטן פון חודש געשיקט אַ שליח צום קלויסטער פון ביטשאַמאַן (געגנט אין פּאַריז), וועלכער איז בשעתו געווען אַ סטאַבילער טרעף־פּונקט, באַשטימט פון לאַנג דורך דער צענטראַלע. עקזיסטירט ער נאָך? דעם ערשטן אָקטאָבער האָב איך געשיקט זשעאַרזשין צו דעם פּונקט, אָבער זי האָט דאָרטן קיינעם נישט געפונען.

אַ דאַנק דער מיטהילף פון צוויי ענגלישע פרײַנדינס, רות פּעטערס און אַנטאָניאַ ליאָן־שמיט, וואָס האָבן געלעבט אומלעגאַל אין פּאַריז, אין געלונגען די ספּאַאַקס אויסצובאַהאַלטן זשעאַרזשין. אַנטאָניאַ ליאָן־שמיט האָט פאַרגעלייגט צו שרײַבן צו איינעם פון אירע פאַרבינדונגען, ד"ר דע יאַנקער, וואָס האָט געוווינט אַ צוויי טריט פון דער שווייצאַרישער גרענעץ, אין שטעטל סאַן־פּיער דע שאַרטרעס, ער זאָל העלפן זשעאַרזשין אַדורכגיין אין דער שווייץ. דער דאָקטער איז געווען אַן איבערצייגטער און אַקטיווער אַנטי־נאַצי. אַ דאַנק זײַן פּריווילעגירטער לאַגע, האָט ער געהאָלפן אַדורכגיין די גרענעץ די אַלע, וואָס זענען געלאָפן זיך ראַטעווען אין דער שווייץ. ביז זײַן ענטפער וועט אָנקומען, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז זשעאַרזשי זאָל זיך דערווײַל באַהאַלטן אין אַ קליין דערפל אין באָס (אַ געגנט אין פראַנקרײַך), וואָס געפינט זיך נישט ווײַט פון שאַרטר. אין דעם דערפל וועט זי וואַרטן אויף דעם סיגנאַל אַריבערצוגיין די שווייצאַרישע גרענעץ. אָבער זשעאַרזשי האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן. דעם 14טן אָקטאָבער האָב איך זי געזען צוריק קומען אַ נערוועז דערשיטערטע אין בורג־לאַ־רען. לסוף איז מיר געלונגען זי איבערצוצייגן, זי זאָל זיך אומקערן אין דעם דערפל. דעם 15טן אָקטאָבער, אין דער פרי, פאָרן צוריק פאָרן, האָט זשעאַרזשי אָן מײַן וויסן איבערגעלאָזן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר איר נײַעם אַדרעס דער מאַדאַם מיי, כּדי ווען נייטיק זאָל זי וויסן וווּ איר צו געפינען. די מאַדאַם מיי האָט דאָס פּאַפּירל מיטן אַדרעס גענומען צו זיך. ס'איז געווען פאַרויסגעזען, אַז דעם זעלבן טאָג וועט מאַדאַם מיי גיין אויף דער טרעפונג צום ביטשאַמאַן.

די טרעפונג האָב איך זאַרגפעליק מיט איר צוגעגרייט. זי האָט זיך באַדאַרפט האַלטן אַ פאַרזיכטיקן מהלך פון דעם קלויסטער. איך האָב דאָס באַזונדערס אונטערגעשטראָכן און אָנגעזאָגט, אַז נאָך דעם ווי זי וועט אײַנשטעלן די פאַרבינדונג, זאָל זי פאַר קיין פאַל נישט אַרויפגיין צו זיך אין וווינונג, וועלכע געפינט זיך נישט ווײַט פון ביטשאַמאַן.

מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן אין דעניז, וואָס האָט פריער געטאַנצט מיט

זשעאָרזשין אויף די טאַנץ־לעקציעס. אָן שום ספק, אַז פון יענער צייט, האָט זי געטאַנצט מיט דער זאַנדערקאָמאַנדאָ. איך האָב די פולע איבערצייגונג, אַז פונעם געסטאַפּאָ־איבערפאַל אויף סירען, האָט זי זיך איינגעטונקט אין פּאַראַט פון אויבן ביז אראָפּ... דעגיז איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער מאַדאַם מיי, איר איז אויך געווען באַוווּסט דער אַדרעס פון איר וווינונג.

בעת מיין אויפהאַלט אין "וויסן הויז", האָב איך קענען געלערנט די מאַדאַם מיי. אַן עלטערער מענטש, גענוג אינטעליגענט און נישט ווייניקער אָפּנהאַרציק. געגנוי ווי די אַלע, וואָס האָבן מיר געהאָלפן זינט מיין אַנטלויפן, איז זי געווען אַ פאַרביסענע אַנטי־נאַצי, ברייטהאַרציק, קעמפעריש, נאָר אָן דער מינדסטער אַנונג וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אונטערערדישער קעמפער, וואָס צוליב זייער אומדערפאַרנקייט, האָבן זיי פאַרלייכטערט די אויפגאַבע פון די פּראָפעסיאָנעלע געסטאַפּאָ־לייט. זי האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז נאָכן טויט פון איר מאַן, האָט זי איר מוטערלעכע ליבע איבערגעטראָגן אויף איר איינציקן זון, אַ פראַנצויזישער אָפיציר, וואָס געפינט זיך איצט ווי אַ קריגס־געפאַנגענער אין דייטשלאַנד. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט דעם שוידערלעכן שאַנטאַזש, וועלכן די גענגסטער וועלן לגבי איר אָנווענדן, אויב זי וועט חס־ושלום אַריינפאַלן אין זייערע נעגל. מחמת דעם האָב איך זי געבעטן, אַז אין פאַל ווען דאָס אומגליק וועט געשען און זי וועט דורכפאַלן, זאָל זי פאַר יעדן פּרייז זיך באַמיען די ערשטע צוויי אָדער דריי שעה פולשטענדיק צו שווייגן.

די טרעפונג אין ביטשאָמאָן איז געווען באַשטימט אויף 12 אַ זייגער בייטאָג. איך האָב געוואָרט זי זאָל צוריק קומען אין אַ שעה אַרום, העכסטנס אַנדערטהאַלבן שעה. די צייט איז אַדורך — און זי איז נישטאָ. דער זייגער איז שוין דריי, און מען זעט זי נאָך אַלץ נישט צוריק. מען האָט נישט באַדאַרפט זיין קיין גרויסער טרעפער צו פאַרשטיין, אַז מיט איר איז עפּעס געשען. איך האָב אָנגעהויבן צוטראַכטן פאַרשידנאַרטיקע השערות.

לויט מיר, איז אויסגעשלאָסן, אַז מאַדאַם מיי זאָל ווערן פאַרהאַלטן אויפן אָרט פון דער טרעפונג דורך דער געסטאַפּאָ, מחמת פון דעם אָרט האָבן נאָר געוווּסט זשעאָרזשי, די צענטראַלע און איך. איז פאַרבליבן די צווייטע השערה: אַז טראָץ מיין וואָרענונג, זאָל מאַדאַם מיי האָבן אַרויפגעגאַנגען צו איר אין וווינונג. צום באַדויערן איז אַזוי געשען. פיל שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, ווי אַזוי דאָס איז פאַרגעקומען. זי האָט געוואָרט אַ פערטל שעה נישט ווייט פון קלויסטער. היות ס'האָט זיך קיינער נישט באַוויזן, איז אַנשטאָט צוריק קומען קיין בורג־לאַ־רען, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, האָט זי באַשלאָסן אַרויפגיין צו זיך אין וווינונג. ווער קאָן וויסן וואָס עס קומט פאָר אין האַרץ פון אַ מאַמען, וועלכע האָט נישט אַ לענגערע צייט קיין ידיעה פון איר באַליבטן זון, בפרט נאָך, ווען ער געפינט זיך אין געפאַנגענשאַפט אין דייטשלאַנד?

טראָץ מיין אָנזאָג, האָט זי געהאָפט, אַז אַ בריוו וואַרט אויף איר. ס'איז דאָך נישט מער ווי אַ צוויי טריט פון דאַנען. פאַרפאַלן, זי וועט ריזיקירן...

אַנשטאָט אַ בריוו, האָט זי געטראָפן די לייט פון דער לאַפאָן־באַנדע, די

פראנצויזישע משרתים פון דער געסטאַפּאָ. איר וווינונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א פולאַפּקע... אין טאַש פון דער מאַדאַם מיי האָבן זיי געפונען דאָס קליינע שטיקל פּאַפּיר מיטן אַדרעס פון זשעאַרזשי אין באַס.

דעניז איז נישט דערגאַנגען צו איר באַרוף פון א קליין, ווייס מייזל (באַלעט־טענצערין) און זיך פאַרנומען צו זיין א "גרוי־מייזל" (די באַצייכענונג האָט מען געגעבן די פרויען, וואָס האָבן בעת דער אָקופּאַציע מיטגעאַרבעט מיט דער גרוי־מונדירטער ווערמאַכט). דאָ האָט זי געהאַט פאַר זיך א צוקונפט.

פאַנוויץ האָט באַזעצט די וווינונג פון מאַדאַם מיי מיט זיינע מערדער־געהילפן פון דעם באַרימטן העברי שאַמבערלען־לאַפאָן. ער האָט געהאַט צו זיי צוטרוי, זיי האָבן אים שוין באַוויזן זייער דינסט־גרייטקייט און קענטעניש. ער האָט געוווּסט, אַז יעדער וואָס וועט באַזוכן די וווינונג פון מאַדאַם מיי, וועט מוזן אַדורכגיין א שאַרפן פאַרהער. אָבער דאָס איז נישט פאָרגעקומען אַזוי גענוי, ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט. מאַדאַם מיי, אַן אויפגעבראַוזטע פון דער נעץ וועלכע מען האָט פאַר איר פאַרשפּרייט, האָט אָנגעהויבן דערלאַנגען קלעפּ די לאַפאָן־מערדער, וואָס זענען גיכער געווען געווינט אַליין צו געבן, ווי צו באַקומען. די מערדער האָבן ווי געהעריק באַקומען זייער חלק. זיי איז נישט גרינג אָנגעקומען צו באַהערשן די דאָזיקע פרוי. זיי האָבן געררופן צו הילף פאַנוויצן, ער איז געקומען צו לויפן... און אויך באַקומען זיין חלק.

נאָך דעם האָט די לאַגע פון מאַדאַם מיי זיך פאַרשאַרפט. מ'האָט זי אַוועקגעפירט אויף דע־סאָסיי גאַס און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער שאַנטאַזש: אָדער דאָס לעבן פון איר זון, אָדער די אַדרעסן, ווי ס'איז געווען פאַרויסצוזען. דאָך איז איר געלונגען, אין משך פון עטלעכע שעה, צו שווייגן. אַרום זעקס אָוונט האָט זי נישט געקענט מער אויסהאַלטן און זיך צוזאַמענגעבראָכן. זי האָט אויסגעגעבן מיין אַדרעס פון "ווייסן־הויז", דעם פון די ספּאַאַקס און צוגעגעבן, אַז זי איז געווען א פאַרבינדלערין צווישן זיי און מיר.

פאַרפייניקטע מאַדאַם מיי — זי איז נישט געווען צוגעגרייט פאַר אַן אונטערערדיש לעבן. אין עטלעכע שעה איז געלונגען דער געסטאַפּאָ צו געבן א געפערלעכן קלאַפּ. די ספּאַאַקס, זשעאַרזשי און איך — זענען באַדראָאַט. מען דאַרף האַנדלען, שנעל האַנדלען. אַרום דריי א זייגער נאָך מיטאָג, פעסטשטעלנדיק אַז מאַדאַם מיי איז נישטאָ צוריק, האָב איך דרינגענד פאַרלאַנגט צו זען די דירעקטאָרין פון "ווייסן־הויז", מאַדאַם פאַרענד. איך האָב איר אינפאָרמירט וועגן די לעצטע געשעענישן און געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז די געסטאַפּאָ קאָן יעדע מינוט אָנקומען און איר געראַטן צו וואָרענען די אַלע "ספּעציעלע" קליענטן, וועלכע נעמען פּענסיאָן ביי איר אין הויז. מיט א ווונדערלעכער רויקייט האָט זי אָנגעזאָגט אַלע באַדראָאַטע פּענסיאָנערן, זיי זאָלן זיך תיכף אַרויסציִען.

וואָס שייך מיר, האָב איך אָפּגעמאַכט מיט מאַדאַם פאַרענד, אַז אין פאַל מען וועט זיך אָנפרעגן טעלעפאָניש וועגן מיר, זאָל זי ענטפערן, אַז איך בין אַוועק שפּאַצירן און וועל צוריק קומען צווישן זיבן און אַכט אָוונט. איך האָב געטראַכט, אַז פאַנוויץ וועט נישט גלייך וואַרפן זיינע באַנדעס אויפן "ווייסן־הויז". ער וועט

פּרוּוון מיך באַרויקן צוליב דער פּאַרשפּעטיקונג פֿון מאַדאַם מיי. מאַכנדיק גלויבן די זאַנדערקאָמאַנדאָ, אַז איך וועל קומען פֿון שפּאַציר אַרום זיבן, שאַף איך דעם איינדרוק, אַז כ'בין נישט באַאומרויקט. איך שטעל זיך פֿאָר, אַז פּאַנוויץ וועט פֿאַר אַלעמען קאָנצענטרירן אַלע זיינע כּוחות אויף בורג־לאַ־רען. ער איז נישט מסוגל צו מאַכן עטלעכע אָפּעראַציעס מיט איין מאָל. מוז איך איצט וואָס לענגער ציען זיין אויפֿמערקזאַמקייט אויפֿן "ווייסן־הויז".

אַרום האַלב פֿיר נאָך מיטאָג האָב איך פֿאַרלאָזן דאָס "ווייסע־הויז", נאָך דעם ווי כ'האָב פֿאַרניכטעט מיין אידענטיטעט־קאַרטע. מיינע רעזערוו־דאָקומענטן וועלכע איך האָב באַקומען פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן פּעסגעשטעלט, אַז איך בין אַ פֿאָלקס־דויטש. דאָס האָט געהאַט די מעלה, וואָס מיט די פּאַפּירן האָב איך געקענט זיך באַוועגן אַפֿילו אין די שפּעטע אָוונט־שעהן, ווען ס'איז געווען פֿאַרבאָטן צו געפֿינען זיך אין דרויסן. איך האָב בכיוון איבערגעלאָזט אין צימער אַלע מיינע זאַכן, נישט פֿאַרמאַכט די טיר, כּדי צו שאַפֿן דעם איינדרוק, אַז איך בין נישט אוועק אויף לאַנג. און כּדי נאָך מער אונטערשטרייכן דעם מאָמענט, האָב איך געלאָזט אויפֿן טיש אַן אָפֿן בוך, דאָס בעט נישט פֿאַרבעט און די מעדיקאַמענטן — אויפֿן נאַכט־טישל. דאָס אַלץ האָב איך אינסצעניזירט, כּדי איבערצייגן די געסטאַפּאָ צו וואַרטן אויף מיין צוריקקער.

איך בין פֿאַרבליבן קאַלטבלוטיק. דאָס איז ביי מיר געוואָרן אַ צווייטע נאַטור פֿון פֿאַרטיידיקונג קעגן אַן אַנקומענדיקער געפֿאַר. ליידער, זענען מיינע מעגלעכקייטן צו ראַטעווען איצט די ספּאַאַקס פֿון פּאַנוויצן און זיינע באַנדעס געווען זייער באַגרענעצט. איך בין אַן אָפּשטעל געגאַנגען ביז פּלעסיס־ראָבינזאָן. ס'איז געווען אַ שיין וועטער. די גאַסן זענען געווען פֿול מיט אַ שפּאַצירנדיקן עולם. די דורכגייערס האָבן אויסגעזען פֿריילעך און זאָרגלאָז. אפֿשר האָט זיך מיר אַזוי אויסגעוויזן. איך האָב דאָס געזען מיט אויגן פֿון מיין צעשטורעמט געמיט, אָנגעלאָדן מיט טויזנטער זאָרגן — להיפּך צו דער הייטערקייט פֿון דעם זונטיק־אויסגעפּוצטן עולם.

מיטאָמאָל — אַ צופֿאַל און העכסטע איבעררעראַשונג: כ'האָב דערזען מישעלס סילועט, וואָס איז געווען דער פֿאַרבינדלער צווישן מיר און די אָנפֿירונג פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געווען נישט אַליין. איך האָב געהאַט גרויס חשק אים אָפּצושטעלן, דערציילן פֿון דער דראַמע, וועלכע מיר קומט איצט אויס אַדורכצומאַכן און בעטן ביי אים אַן עצה און הילף. איך האָב זיך אָבער מאָמענטאַל דערפֿון אָפּגעזאָגט. איך האָב נישט געהאַט קיין רעכט אים צו קאָמפּראָמיטירן. אפֿשר גייט מען מיר שוין נאָך. זינט מיין אַנטלויפֿן, קומט פֿאָר איין אומגליק נאָכן אַנדערן (די דורכפֿאַלן פֿון די שוועסטער אין סאַן־זשערמען, פֿון די קוויערס, מאַדאַם מיי, דאָס "ווייסע־הויז", און איצט — די ספּאַאַקס). איך האָב זיך שטרענג פֿאַרבאָטן צו פֿאַרבינדן מיט אַ מענטשן, וועמען מיין פֿאַרבינדונג קאָן שטעלן אין געפֿאַר. איך האָב זיך באַמיט אַליין איבערצוצייגן, אַז אַן אַנטלאָפֿענער פֿון אַ תּפֿיסה, אָדער פֿון אַ נאַצי־לאַגער, מוז רעכענען נאָר אויף די אייגענע כּוחות. אויב דער געדאַנק האָט געשטאַרקט מיין מוט, האָט ער אָבער נישט געגעבן קיין תּשובֿה אויף דער

פראַגע: וואָס טאָן? וואוהין גיין? וואָס טאָן — האָב איך געוווּסט. איך מוז ראַטעווען די ספּאַאַקס. אָבער וואוהין גיין? דאָס איז שוין געווען אַן אַנדער פּראָבלעם...

די נאַכט איז צוגעפאַלן אויף אַן איינזאַמען, פאַרפאַלגטן מענטש... איך האָב געהאַלטן אין איין איבערחזרן: וואָס טוט מען? פּלוצים, מיט אַ כמעט אומבאַוואוסטזיניקן זשעסט, האָב איך אַ רוף געטאָן אַ טאַקסי און אָנגעגעבן דעם שאָפער די גאַס, דע באָזשאָלע, וווּ עס האָבן געוווינט די ספּאַאַקס...

אין פּלוג — אַ מאָדנער געדאַנק. איך אַליין באַנעם איצט זיין אויסטערלישקייט. מען האָט נישט באַדאַרפט זיין אַ גרויסער קענער פון אונטערערדישן קאַמף, כדי פאַרשטיין, אַז גיין איצט צו די ספּאַאַקס, הייסט בוכשטעבלעך זיך וואַרפן אין די אָרעמס פון פּאַנוויצן! מסכים, פולשטענדיק מסכים! האָב איך דען געהאַט אַן אַנדערן אויסוועג צו ראַטעווען מיינע פריינד? איך האָב געשפּילט „אַלעס אָדער אותיות" — קיין אַנדערע ברירה האָב איך נישט געהאַט.

פאַר דער קורצער צייט האָב איך אויסגערעכנט, אַז די געסטאַפּאָ האָט וואַרשיינלעך אָנגעהויבן די אַקציע אַרום זעקס אָוונט. און אַזוי איז טאַקע געווען: איך האָב טעלעפאָנירט אין „ווייסן־הויז" און אַן אומבאַקאַנטע שטים — נישט פאַר אַלע אומבאַקאַנט — האָט געענטפערט: „מאַדאַם פאַרענד איז נישטאָ..." איך האָב רויק געענטפערט:

— איר ווילט אַזוי גוט זיין, אַרויפגיין אין מיין צימער און זאָגן מיין מומע, דער מאַדאַם מיי, אַז איך וועל זיין צוריק אַרום אַכט אין אָוונט, זי זאָל אויף מיר וואַרטן מיטן נאַכט־עסן...

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די לייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ זענען געווען איבערגליקלעך פון דעם טעלעפאָנישן שמועס, זייענדיק זיכער, אַז זיי האָבן דערגרייכט זייער ציל און זיך איינגעאָרדנט באַקוועם, כדי מיך אָפּצוּוואַרטן. אַז מען וואַרט אויף מיר אין „ווייסן־הויז" — איז מיר שוין באַקאַנט. נאָר איך בין נישט זיכער, צו וואַרט נישט אויף מיר אין „אויפנעם־קאָמיטעט" אין דער וווינונג פון די ספּאַאַקס.

כ'האָב געטראַכט: אויב די הענקערס פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ איז געלונגען אין דער ערשטער פאַזע איינצוברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דער מאַדאַם מיי, באַנוצנדיק זייערע אויסגעפּרוּווטע מעטאָדן, איז נישט פאַראַן קיין שום אַנדערע סיבה, אַז זיי וועלן אויסנוצן זייער ערשטע דערגרייכונג און פאַרשטאַרקן די דראָונגען, כדי אויסצופּרעסן ביי דער מאַדאַם מיי ווייטערדיקע ידיעות. דער אופן פון פאָרשונגען איז ביי זיי געווען אַ געוויינלעכער ענין, און ליידער — דערפירט צו אומגליקלעכע רעזולטאַטן. דער מענטש וואָס ווערט איינגעבראָכן פון די פּייניקונגען, באַמיט זיך לכתחילה צו באַגרענעצן זיין „ווידוי" נאָר צו איין נאָמען, אָדער צו איין געשעעניש. נאָך דעם געפינט ער אין זיך פרישע כוחות זיך קעגנצושטעלן. אָבער די ספּעציאַליסטן פון מענטשלעכע יסורים און זייערע גרענעצן, די קענערס פון פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פון זייער קרבן, פאַרשטאַרקן די פּייניקונגען — ביזן פולשטענדיקן מודה זיין. זיי ווייסן, אַז זיי האָבן אַלע שאַנסן צו געווינען.

איך האָב זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס, וואָס שייך דער מאַדאַם מיי. זי איז שוין נישט יונג, און אין אַלע היגזיכטן ווייניקער ווידערשטאַנד־פעיק ווי א ייגגערע, וואָס איז פול מיט לעבן. זי איז אויך געווען שלעכט צוגעגרייט צו אונטערערדישער טעטיקייט און נישט פאַרמאָגט די ווידערשטאַנד־קראַפט פון א הלל כץ, פון א הערש סאָקאַל, וואָס זענען געשטאָרבן אונטער די עינויים, נישט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט.

די טאַקסי האָט זיך פאַרהאַלטן ביי ספּאַאַקס וווינונג. דער האַזאַרד־שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן. איך האָב זיך געפילט ווי יענער צאַרישער אָפיציר ביי דער רולעטקע, וואָס האָט צוגעלייגט דעם רעוואָלווער צו זיין שלייף, נאָך דעם ווי ער האָט אַריינגעלייגט א קויל אין דער לופע. טיילמאָל האָט די קויל געטראָפן אין חלל — און ס'האָט זיך גוט געענדיקט. אָבער אָפטמאָל...

איך בין פאַמעלעך אַרויס פון דער טאַקסי, צוזאַמענגעמענדיק אַלע מיינע כוחות. אָן צווייפל, כ'האָב זיך געפונען — שוין צום וויפלטן מאָל — אויף דער שוועל פון גורל. אוממעגלעך זיך צוריק צו ציען. כ'בין אַרויף אויף די טרעפ, האַלטנדיק פעסט אין האַנט דעם ציאַנקאַלי־קאַפּסול, וועלכן כ'האָב שוין נישט אָפּגעלאָזן. איך האָב געקלונגען, נאָך עטלעכע מינוט וואַרטן האָט זיך די טיר געעפנט. א קורצער בליק, וועלכער האָט זיך באַגעגענט מיט דעם בליק פון מיין פריינד. ער איז דאָ! אויסערלעך, זעט אַלץ אויס אין אָרדענונג. איך בין גליקלעך, אָבער איך האָב מורא צו פרייען זיך צו פרי. אין מיין בליק מיט וועלכן כ'האָב זיך צו אים געווענדעט, איז געווען נאָר איין פראַגע, איינע, וועלכע ער האָט תיכף פאַרשטאַנען. צו איז ער אַליין? צי „זיי" זענען דאָ? אין דעם אופן פון זיין באַנעמען זיך, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך קען זיין רויק. דאַן האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז מיין בלוט וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פאַרגליווערט צו ווערן, נעמט אויפסניי פליסן אין מיינע אָדערן. איך האָב אים געזאָגט אין איין אָטעם: „מיר מוזן שוין פאַרלאָזן די וווינונג!" די רעאַקציע פון קלאַדן האָט מיך פאַרוווּנדערט:

— ווען איר האָט געקלונגען, — זאָגט ער מיר, — האָב איך געמיינט, אַז דאָס זענען די דייטשן. עס איז דער גורל פון יעדן ווידערשטענדלער צו געפינען זיך א געוויסן טאָג אין אַן ענלעכער סיטואַציע... אָבער איר, וואָס ווערט אומאויפהערלעך פאַרפאָלגט פון דער געסטאַפּאָ, קומט מיך וואָרענען איך זאָל זיך ראַטעווען, אין א וווינונג וואָס איז אפשר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פּאַסטקע. נישט צו פאַרשטיין!

איך האָב געענטפערט:

— נאָך דעם וואָס ס'איז געשען אין סאַן־זשערמען, האָב איך נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג. איך האָב נאָר געטראַכט פון איין זאַך: עס טאָרן מער נישט זיין קיין קרבנות!

יאָ, די אידעע האָט מיך באַהערשט.

ס'איז אַדורך א ווײַלע פון אָנגעשטרענגטע נערוון... מיר האָבן אָבער נישט קיין צייט צו הערן ווי אונדזערע הערצער קלאַפּן און צולאָזן דאָס פאַרגעניגן נאָכצופאָלגן אונדזערע געפילן. מיר מוזן אָננעמען א באַשלוס און תיכף איבערגיין

צו מעשים. מיר זענען גלייך אריבער צו פּראַקטישע פראגן: ווו געפינט זיך דיין פאמיליע, ווי אזוי קאנען מיר זיי צו וויסן טאָן און פארהיטן קעגן רעפּרעסיעס פון פאנוויצן? מיר באשליסן, אז סוזאן מיט די קינדער דארפן נאָך דעם זעלבן טאָג צוריק קומען פון אָרלעאן (שטאָט אין פראנקרייך). ארום ניין אין אָוונט וועט קלאָד זיי אָפּנעמען אויפן וואקזאל און אוועקפירן צו פריינד. די פרוי ספּאַאַק מיט די קינדער וועלן ווי מעגלעך שנעל אוועק קיין בעלגיע, בעת קלאָד וועט אומלעגאַל פארבלייבן אין פאריז.

מיט דעם האָבן מיר דערווייל דערליידיקט דעם ענין מיט דער משפּחה ספּאַאַק. דערווייל האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ס'איז פאראן אן אנדערע געפאר, וועלכע איז פיל שווערער צו לייזן און זי פארלאנגט מיר זאָלן תיכף עפּעס אונטערנעמען. מיר האָבן באשטימט א טרעפונג מיט דעם פאָרשטייער פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, חבר קאָוואלסקי, אויף דעם 22סטן אין בורג־לא־רען. די שעה איז נישט געוואָרן באשטימט. ס'איז געוואָרן אָפּגערעדט: צוויי טעג פאר דער טרעפונג, וועט ד"ר שערטאָק אָנרופן טעלעפאניש ספּאאקן צו באשטימען די שעה. אָבער די דאטע פון דער טרעפונג האָט מיר איבערגעגעבן מאדאם מיי פאר איר ארעסט. מען מוז דאָס אלץ אנולירן.

נאָר איין וואָך טיילט אונדז אָפּ פון דער טרעפונג. צו דערגרייכן קאָוואלסקין, פירט דער וועג דורך ד"ר שערטאָק און אדוואָקאט לעדערמאן. זיי אויפצוזוכן צווישן די שאָטנס פון דער אונטערגרונט, איז פונקט ווי וועלן אנטדעקן אן ערלעכן מענטשן צווישן פאנוויצס רויבער־באנדעס. דאָס איז אוממעגלעך, אָדער כמעט ווי אוממעגלעך. אז קאָוואלסקי, דער פאראנטוואָרטלעכער פאר די אויסלענדישע קאמפס־גרופּן, וואָס געפינט זיך אין פארבינדונג מיטן הויפּט־שטאב פון די פראנצויזישע פּארטיזאנער און איז דער פארטרויונגס־מאן פון דער פראנצויזישער קאָמוניסטישער פארטיי — זאָל אריינפאלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, פון דעם געדאנק אליין באשלאָגט מיך א קאלטער שווייס. מען טאָר נישט צו דעם דערלאָזן פאר יעדן פּרייז. פאר אונדזער פונאנדערגיין זיך, האָב איך מיט קלאָדן אנגענומען א ריי מאָסמיטלען און באשלאָסן צו טרעפן זיך דעם 21סטן אָקטאָבער אין אָוונט, ביים קלויסטער דע לא טריניטע.

איך און קלאָד זענען פאמעלעך, אָן ארויסריידן א ווארט, אראָפּ פון די טרעפּ פון הויז. וועלן מיר זיך נאָך זען? מיר דריקן זיך די הענט. ביים צעשיידן זיך פאר דער טיר, גיט ער א פרעג:

— וואוהין גייט איר? איר האָט כאָטש ווו זיך צו פארשטעקן?

— זאָרגט נישט, איך האָב א מקום־מקלט...

אלס מקום־מקלט האָב איך פארמאָגט נישט מער ווי דעם פאריזער ברוק. א פיינלעכע סצענע פון צוויי מענער, וואָס פארשווינדן אין דער נאכט...

איך בין אריין אין א קליינעם קאפע־הויז, אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך און דורכגעטראכט די לאגע. מיט א רויקן קאָפּ, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקן, האָב איך ווידער אָמאָל איבערגעלעבט דעם דראמאטישן טאָג פון 15טן אָקטאָבער: זשעאַרזשיס אוועקפאָרן (איך האָב זיך געפרייט, וואָס זי וועט אין קורצן זיך געפינען

אין א זיכער באהעלטעניש) ; דאָס אָפּוואַרטן די מאדאם מיי ; מיין איילִיק אוועקגיין פון בורג-לאַ־רען ; מיין וויזיט ביי קלאָד ספּאַאַק. דאָס איינציקע וואָס האָט מיך געשטאַרקט, איז דער געדאַנק, אז כ׳בין נישט פאַרבליבן פּאַסיוו צו די געשעענישן. איך האָב פּרובירט אָפּשלאָגן די קלעפּ פון שונא. מיטן אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער זאַנדערקאָמאַנדאָ אויפן ״ווייסן־הויז״, איז מיר געלונגען צו ראַטעווען די ספּאַאַקס.

״מיר האָבן זיי איינגעצוימט״! — איז דער צופרידענער אויסרוף פון אַלע אַנטי־נאַציס, וואָס דערגרייכן וועלכן ס׳איז נצחון. איך האָב דאָס געפיל, אז כ׳האָב א רעכט אויך אויף מיין חשבון עפּעס צוצושרייבן. זיצנדיק אליין אין קאַפע־הויז, געזוכט פון דער גאַנצער געסטאַפּאָ, האָב איך דאָך א געפיל פון א זיגער. אָבער מיר האַלטן נאָך נישט ביים סוף פון דער מלחמה. איך היט זיך פאַר אַן איבערטריבענעם אָפּטימיזם. איך האָב זיי איינגעצוימט : אויף ווי לאַנג ? וואָס טאָן ? וואוהין גיין ? און מאָרגן ? שפּעטער ?

איך האָב נאָר וואָס פאַרלאָזן ספּאַאַקן און בין אויפסניי געצוווּנגען איבערצוטראַכטן דעם גאַנצן ענין. אין איין וויכטיקן פּונקט בין איך איבערצייגט : די זאַנדערקאָמאַנדאָ מיט די לאַפּאָנס און זייערע באַנדעס, ווענדן אָן אין איצטיקן מאָמענט אַלע מיטלען, כדי מיך צו כאַפּן. אָבער די אַרויסגעלאָזטע יאַגד־הינט זענען געצוווּנגען איינצוהאַלטן זייער בילן. צו וואָס די אויפגעצוווּנגענע פאַרזיכטס־מיטלען פון פּאַנוויצן און זיינע כנופיות ? ווייל זיי איז נישט באַוווּסט צי איך האָב אינפאָרמירט מאָסקווע. זיי מוזן זיך היטן נישט אויפצוהייבן קיין טומל אַרום מיין אַנטלויפן. אויב אָננעמען, אז די צענטראַלע איז נישט באַקאַנט מיט די לעצטע געשעענישן און ער וועט איצט פּראָוואָצירן אַן אַלגעמיינעם אַלאַרם און וואַרפן די גאַנצע פּאָליציי אויף מיינע שפּורן, איז פאַראַן א געפאַר, אז די צענטראַלע זאָל זיך דערוויסן.

איך האָב זיך געפילט פאַרהעלטנישמעסיק זיכערער אויף דער גאַס, אין קינאָ־זאַלן, אין קאַפע־הייזער. איך בין אין ערגעץ נישט געווען אזוי קאַלטבלוטיק און רויִק, ווי דעמאָלט, ווען איך האָב אין געאייל זיך פאַרלוירן צווישן פּאַריזער המון. מיינע פּאַפּירן אלס פאָלקס־דויטש, וועלכע האָבן מיר געגעבן ברייטערע רעכט ווי דעם פראַנצויזישן בירגער, דערמוטיקט אויך די רעכט צו באַוועגן זיך בייטאָג, האָבן געשאַפן א געפיל פון מערער זיכערקייט.

וואָס טוט א גליקלעכער פאָלקס־דויטש, ווען ער געפינט זיך אין פּאַריז עטלעכע טעג ? ער לאָזט זיך וווילגיין... טאָ וועל אויך איך מאַכן א לעבן. אין דערווירקלעכקייט בין איך נישט געווען ביכולת זיך פאָרצושטעלן, ווי שווער איז פאַר א מענטשן צו מאַכן זיך פריילעך, ווען דער טויט באַגלייט זיינע טריט. פאַרלאָזנדיק דאָס קאַפע־הויז, בין איך אריין אין א קינאָ. פּרובירט נישט פרעגן, וועלכן פילם האָט מען דעמאָנסטרירט יענעם אָוונט. איך דערמאָן זיך נאָר, אז ס׳איז געווען א באַקוועמער פאָטעל. די טונקלקייט אין זאַל האָט מיך באַרויקט און די צייט איז פאַריבער. פאַרלויפיק איז דאָס פאַר מיר געווען גענוג.

נאָך דעם פילם, בין איך אוועק צום וואָקזאַל מאָנפּאַרנאַס. ס׳איז שוין געווען

שפעטע נאכט. איך האָב זיך געדרייט אין די ארומיקע גאסן, אַפּווארטנדיק דעם פרימאָרגן. גאַר שנעל האָט דער הימל זיך גענומען ליכטיקן איבער די דעכער פון פאריז. די שטאָט האָט זיך אויפגעוועקט און אָנגעהויבן באַוועגן. א נייער טאָג איז געבוירן. נאָך די געשעענישן און אויפרעגונגען פון נעכטן, האָט די צייט וועלכע איך האָב געהאַט פאר זיך, מיר אויסגעזען פולשטענדיק אויסגעהוילט פון אלץ. איך וועל האָבן צייט צו ציילן די שעהן, די מינוטן און אָפּווארטן דאָס אומפאָרויסגעזעענע. היות איך האָב נישט דערוויַיל וואָס צו טאָן, האָב איך באַשלאָסן צו באַשעפטיקן די זאָנדערקאָמאנדאָ. פון א קאפע־הויז האָב איך אָנגערופן טעלעפאניש דאָס "ווייסע־הויז":

— אנטשולדיקט — האָב איך געזאָגט דער אומבאַקאַנטער שטים פון דער אנדערער זייט טעלעפאָן. — איך בין נעכטן אָוונט נישט געקומען אהיים, ווייל פריינד האָבן מיך פארהאלטן ביי זיך. איך וועל קומען אין אָוונט, נאָך מיין וויזיט ביים דאָקטער...

אזוי ארום האָב איך זיך פארזיכערט, אז כ׳וועל נישט זיין אליין צו ווארטן אומגעדולדיק ביזן סוף פון טאָג!

ליידיקע שעהן, גיין אָן א ציל, מיט איבעררייסן פון צייט צו צייט אין א קאפע־הויז, אָדער אין א רעסטאָראַן — און ווידער די גאס, וואָס ענדיקט זיך ערגעץ־ווו מיט א נייעם אַפּשטעל, ווי א ים־מושלע, אָן ארויסגעוואָרפענע אויפן זאמד. איך פארלאַנגזאם די טריט, אָבער דער מוח באַוועגט זיך שנעל, די אויגן זעגען וואַך און די שפּאַנונג גרויס. דער אָוונט דערנענטערט זיך, איך גיב זיך אָפּ א חשבון, אז כ׳וועל נישט זיין ביכולת צו פארברענגען נאָך א נאכט אונטערן פרייען הימל. איך בייטיק זיך אין א בעט, כאָטש אויף עטלעכע שעה. א "ריקשי" האָט מיך אוועק געפירט צום מאָנפּארנאַס־וואקזאל. איך בין אהין אריין, זיך פארהאלטן א קורצע ווײַלע און דערנאָך ווייטער געפאָרן צום אָרלעאַן־וואקזאל. בשעתן פאָרן, האָב איך איינגעדרעמלט. אָנקומענדיק צום אָרט, האָט דער שאָפער באַמערקט, אז איך שטייג נישט אויס און מיך אויפגעוועקט. וואָס פארא אויסזען האָב איך דעמאָלט געמוזט האָבן? ווארשיינלעך — א טרויעריקן, ס׳איז נישט שווער געוועזן צו דערקענען, אז נישט אלץ איז ביי מיר אין אָרדענונג.

מיין שאָפער, א מענטש אין די יאָרן, מיט א סימפּאַטיש און אינטעליגענט פנים, גיט א פרעג:

— איר האָט אפשר נישט ווו איבערצונעכטיקן? אויב איר ווילט, קומט צו מיר... איך מוז נאָך אָבער מאכן איין נסיעה פאָרן פאָרן אהיים.

נישט הערנדיק פון מיר קיין וואָרט, האָט ער באַגריפן, אז איך געפין זיך אין א עת־צרה. איך האָב געהאַט צו אים צוטרוי און פאָרגעשלאָגן צו באַצאָלן די נסיעה וואָס פעלט אים.

דער מענטש האָט געוווינט אליין אין א מאַנסאַרדע. ווען ער וואָלט געוווינט אין א פּאַלאַץ, וואָלט איך זיך נישט געפילט גליקלעכער! זיין אָנוועזנהייט האָט מיך געשטאַרקט, איך בין נישט מער אליין. א ליכט־שטראַל פון חברשאַפט אין דער נאכט פון א פארפאַלגטן... צו מיין גרויס פארוואונדערונג, האָט ער מיר נישט

געשטעלט וועלכע ס'איז אומדיסקרעטע פּראַגע. אַרום דעם מאַגערן מאַלצייט האָבן מיר געשמועסט וועגן דעם פאַרבאָט צו באַוועגן זיך אין די אָוונטן, וועגן מאַנגל אין שפּייז, צוגעטיילטע ראַציעס און שווערער לאַסט פון דער אָקופּאַציע... איך בין איינגעשלאָפן אַ גליקלעכער. ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט אַרום פיר פאַרטאָג — בין איך געווען אַ נייער מענטש! מיין שאָפער האָט מיך אַוועק געפירט צום צפון־וואָקזאַל, ווייל איך האָב אים דערציילט, אַז כ'דאַרף נעמען אַ צוג. איך האָב אים וואַרעם באַדאַנקט און מיר האָבן זיך געזעגנט ווי לאַנגיאָריקע פריינד. וואָס בין איך פאַר אים געווען? וואַרשיינלעך אַ פּראָווינצער, וואָס האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אין פּאַריז און איצט פאָרט ער צוריק אַהיים, צו זיך.

ליבער פריינד! איך ווייס נישט ווער דו ביסט, און וועל עס וואַרשיינלעך נישט וויסן. אויב דו לעבסט נאָך, און דו לייענסט די שורות, זיי וויסן, אַז כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן וואָס דו האָסט פאַר מיר געטאָן יענעם אָוונט.

17טער אָקטאָבער. איך האָב שוואַכע האָפענונגען אָנצובינדן קאָנטאַקטן. סוזאַן ספּאַאַק, האָט פּאַראַלעל צו די טרעפונגען וועלכע זי האָט געהאַט מיט די פאָרשטייערס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מיר איינגעאָרדנט אַ באַגעגעניש מיט איינעם פון אירע פריינד, אַ געוויסן גרו־ראַדענעז, וואָס האָט אָנגעהערט צו אַ ווידערשטאַנד־גרופּע, וועלכע איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט לאָנדאָן. מיין געדאַנק איז געווען, דורך דעם וועג צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד. ס'איז געוואָרן באַשטימט, אַז אין מיטאָג־שעה טרעפן מיר זיך ביים קלויסטער פון אַטוי (אַ געגנט אין מערב פון פּאַריז). איך בין געקומען צו דער באַשטימטער שעה. פאָרזיכטיק (ווי תמיד, איז פאָרזיכטיקייט דער ערשטער געבאָט) האָב איך אַרומגעקרייזט די סביבה פון קלויסטער. דערנענטערנדיק זיך, האָב איך באַמערקט אַ שוואַרצן סיטראָען־אויטאָ פון דער געסטאַפּאָ, וואָס איז געשטאַנען פאַרן קלויסטער־טויער. איך האָב נאָך געהאַט צייט צו מאַכן פיס... נישט פאָדערנדיק מיין רעשט. איך האָב זיך קיין מאָל נישט געקאָנט דערוויסן, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, און צי דער פאָרשטייער מיט וועלכן איך האָב זיך באַדאַרפט טרעפן, איז אַרעסטירט געוואָרן.

זשעאָרזשין האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט דעם 17טן אָקטאָבער אין דעם קליינעם דערפל פון באָס. פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב זיך דערפון דערוווּסט פיל שפּעטער. דאָס זענען געווען די לייט פון דער לאַפּאָן־באַנדע, וואָס האָבן דעם 15טן אַנטדעקט זשעאָרזשיס אַדרעס אויף דעם פּאַפּירל, וועלכן זי האָט אָנפאַרטרויט דער מאַדאַם מיי. די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט געוואַרט צוויי טעג, איידער זי האָט זיך געלאָזט אויף אירע שפּורן.

ווען פּאַנוויץ האָט געזען, אַז איך קום נישט צוריק אין "ווייסן־הויז", האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איך געפין זיך ביי זשעאָרזשין, וואָס וואָלט פון מיין זייט געווען די גרעסטע אומפאָרזיכטיקייט. דאָס דערפל איז געוואָרן אַרומגערינגלט מיט אַ פאַרשטאַרקטער באַנדע געסטאַפּאָ־אַגענטן. די לייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ זענען געבליבן אויף מיר וואַרטן ביז שפּעט אין אָוונט, כדי אַדורכצופירן דעם אָנגריף.

ענדלעך האָבן פאַנוויץ און בערג, מיט אָנגעצילטע רעוואָלווערן, בראש פון זייערע אגענטן, אָנגעהויבן דעם איבערפאַל. פאַנוויץ האָט, ווייזט אויס, זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע אספּיראַציעס, קעגנזעצלעכע פאַר א רעזשיסער. דורך זשעאַרזשין און איר זון, האָט ער געהאַפּט צו באַקומען אויסערגעוויינלעכע דרוק־מיטלען. נאָר מאָדנע, וואָס אַזעלכע דיפּלאָמירטע ספּעציאַליסטן פון פיזישע און מאָראַלישע פּייניקונגען האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז שאַנטאַזש, ווי זיכער ער זאָל נישט אויסזען, קאָן טײלמאָל נישט ברענגען קיין שום נוצן.

27 געזוכט פון אלע פּאָליציי־אמטן

איך האָב נישט געקאַנט פאַרשטיין זשעראַזשיס אַרעסט. אין משך פון א לענגערער צייט, ביז דער באַפרייונג, האָב איך זיך געשטעלט די זעלבע פראַגע: ווי אַזוי איז געשען, אַז די אַלע וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט איר אַפּאַראַט, זענען געווען מענטשן צו וועלכע מיר האָבן געהאַט דעם פולן צוטרוי, און וואַרשיינלעך, אויך זיך געפונען, אויף דער פריי. איך האָב די פראַגע באַטראַכט פון אַלע זייטן — און קיין תשובה נישט געפונען. דאָס איז גראָד געווען א פּשוטער ענין, ווייל אונדז זענען געווען אומבאַקאַנט די עטלעכע פאַרשריבענע שורות אויף דעם שטיקל פּאַפּיר, וואָס האָט זיך געפונען אין טאַש פון מאַדאַם מיי. נאָר וועגן דעם האָבן מיר זיך דערוווסט ערשט נאָך דער מלחמה.

דער 17טער אָקטאָבער, אין אָוונט. די נייעס פון זשעראַזשיס אַרעסט איז מיר נאָך נישט באַקאַנט. די דורכגעפאַלענע טרעפונג אין אַטוי איז א גענוגנדער אַלאַרם־אָנזאָג, אַז איך זאָל פאַרדאָפּלען מיין פאָרזיכטיקייט. די געסטאַפּאָ געפינט זיך אין דער געגנט. די העכסטע צייט, אַז איך זאָל א סוף מאַכן צו מיין אַרומשלעפּן זיך איבער די גאַסן פון פאַריז. היינט איז שוין צו שפּעט, איך זאָל אונטערנעמען עטוואָס ערנסטע שריט. איך האָב ווידער אָנגעהויבן מיין וואַנדערדיקן גאַנג, זוכנדיק מיטן אויג אַן אָפן קאַפע־הויז, ווען איך האָב פּלוצים באַמערקט אויף דער שאַבאַנע־גאַס א שילד: "נור פיר דויטשע". דאָס איז איינע פון די באַקאַנטע שאַנד־הייזער, רעזערווירט פאַר דער וועדמאַכט. נישט איין מאָל האָבן מיר די מיטגלידער פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ דערציילט פון דעם סאָרט "הייזלעך", וועלכע זיי זענען געוווינט צו באַזוכן אין דער געגנט פון שאַנז־עליזע.

ס'איז שוין האַלבע נאַכט, איך בייטיק זיך ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, כאָטש אויף א פיר, פינף שעה. פון דעם "הויז" הערן זיך געשרייען און שיכורע מעלאָדיעס. די אָנגעזויפטע סאָלדאַטן פאַרגעסן די מלחמה אין... אָרגאַניזירטע ליבעס. זיי זענען אויף אַזוי פיל שיכור, אַז זיי וועלן אויף מיר קיין אַכט נישט לייגן. פאַר די "פּריווילעגס", וואָס זייער באַשעפטיקונג איז צו צעשטרייען דעם זיגער, וועל איך זיין א "יעקע" ווי אַלע אַנדערע. נו, זאָל זיין. איך האָב א שטויס געטאָן די טיר און בין אַריין. איך מייד אויס דעם סאַלאָן, ווו עס הערשט א טומל. איך פאַרלאַנג ביי דער "מעטרעסע" גלייך מיך אַרויפפירן אויבן. די איינריכטונג פון די צימערן

זענען צוגעפּאסט צו די אויפגאַבן. איך באַזעץ זיך אין אַ באַקוועמען פאָטעל. אין עטלעכע מינוט באַווייזט זיך אַן "אָנגעשטעלטע" פון הויז און גיט מיך אומגעשטערט אַ פרעג: "אויף אַ האַלבע שעה, אָדער אויף אַ גאַנצע נאַכט?" איך האָב וועגן דעם פּרט נישט געטראַכט... אַ האַלבע שעה איז צו ווייניק, איך זאָל קאָנען פון דעם "מקום-מקלט" האָבן אַ נוצן. איך ענטפער, אַז איך אייל זיך נישט און אַ פלעשל שאַמפּאַניער וועט דערלויבן, מיר זאָלן מיט פאַרגעניגן זיך באַקענען. מיין "פריילין" האָט דאָס גוט אויפגענומען און צוריק געקומען מיט דער משקה. איך האָב נישט באַוויזן אויסצוטרינקען דאָס ערשטע גלעזל, ווי דער קאָפּ האָט זיך גענומען דרייען און מיר האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. איך האָב זיך אַ פאַרשעמטער אויפגעשטעלט, זיך געוואַקלט און אונטער די פאַרוואונדערטע בליקן פון דעם מיידל — מיט די מלבושים זיך אויסגעצויגן אויפן בעט. אַזוי איז אַדורך אַ האַלבע שעה, ביז איך בין געווען ביכולת צונויפצונעמען די געדאַנקען און זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג ווו כ׳געפין זיך.

דאָס מיידל האָט געדולדיק און רויק מיך אָבסערווירט. אין אַ האַלב-שלאָפנדיקן, האַלב-דרימלענדיקן צושטאַנד האָט זי געוואַרט, ביז איך וועל זיך אויפוועקן. איך האָב זיך אויסגעגלייכט — און מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן אונדזער פּלוידעריי. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַ "ספּעציעלער גאַסט" וואָס איז נישט געקומען אויסשפּילן דעם פּראָגראַם פון דעם הויז.

קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן, גיט זי אַ זאָג: "נאָך וואָס זענט איר געקומען אהער? איר וואָלט בעסער געטאָן, ווען איר גייט אין אַ האָטעל... איר שרעקט זיך פאַר עפּעס? דאָ האָט איר נישט וואָס מורא צו האָבן, די פעלד-זשאַנדאַרן קומען נישט אהער... איר קענט בלייבן ווי לאַנג איר ווילט, דאָ זענט איר ווייניקער אין געפאַר, ווי אַנדערש-ווו..." איך האָב געענטפערט, אַז איך האָב נישט קיין שום סיבה זיך צו שרעקן און איר געוויזן מיינע פּאַפּירן פון אַ פאָלקס-דויטש. אַז אומזיסטע טירחה! וואָס איך זאָל נישט זאָגן, וועט עס איר נישט איבערצייגן. זי האָט גענומען מיר דערציילן לאַנגע געשיכטעס וועגן די דייטשע אָפיצירן, וואָס באַזוכן דאָס הויז. פאַנוויץ און זיינע מיטהעלפערס האָבן פאַרגעסן אָנצוזאָגן די גאַסטגעבערינס צו זיין מער דיסקרעט... יענעם האַרבסט 1943, דערוויס איך זיך זייער אַ סך וועגן דער "הויכער" מאַראַל פון די ווערמאַכט-אָפיצירן, וועלכע איז אַזוי טונקל, ווי דער דנאָ פון די פלעשער, וועלכע זיי ליידיקן איצט אויס אונטן, אין סאַלאָן!

פינף אַ זייגער אין דער פרי האָב איך פאַרלאָזט דאָס גאַסטפריינדלעכע אָרט, געפרעגט דעם מיידל וויפל בין איך איר שולדיק...

— איך וויל גאָרנישט, איך האָב גאָרנישט געטאָן צו פאַרדינען דאָס געלט... — איך האָב אַרויסגענומען פון טאַש אַ סומע.

— דאָך, נעמט עס, אין צייכן פון פריינדשאַפט!

לסוף האָט זי עס גענומען, און ביים געזעגענען זיך, געראָטן:

— זייט פאָרזיכטיק, שלעפּט זיך נישט אַרום אין די גאַסן! אויב איר האָט נישט ווו צו גיין, קאָנט איר קומען צו מיר, איר וועט נישט זיין באַדראָט...

אָבער פון דעם אַלעם האָב איך געמאַכט דעם אויספיר, אַז די מנוחה פון די קריגערס אין דעם הויז איז נישט אויף אייביק!

18טער אָקטאָבער, דער פערטער טאָג, ווי כ'האָב אָנגעהויבן מיין וואַגאַבונדעווען. איך גיי "סתם אין דער וועלט אַריין", נישט וויסנדיק וועלכן וועג צו נעמען. אַזוי גאַס־איין גאַס־אויס, און דער צופאַל האָט מיר געדינט אַלס וועגווייזער. איך האָב זיך פאַרהאַלטן פאַר א הויז, וווּ ס'האָט זיך געפונען דאָס זיץ־אָרט פון דער פּראָ־נאַצישער פּאַרטיי פון מאַרסעל דעאַ. אין דעם מאָמענט קומט מיר אויפן זכרון דאָס באַרימטע אַרטיקל פון דעאַ, דערשינען אין דער צייטונג "ל'עוור" אונטערן קאָפּ "שטאַרבן פאַר דאַנציק". דער געוועזענער סאָציאַליסטישער פירער שטויסט איצט זיינע אָפּגענאַרטע אָנהענגערס צו שטאַרבן פאַר היטלערן: ס'איז א פראַגע פון אויסוואַל!

צוזאַמען מיט די זכרונות, האָט אויפגעבליצט א דערמאָנונג, אַז אין זעלבן הויז וווינט די קראַנקן־שוועסטער מאַדאַם לוסי, וואָס האָט בשעתו מיר געמאַכט איינשפּריצונגען. פון וואַנען איז צו מיר געקומען דער מטורפדיקער געדאַנק, אַז איך, דער אַנטלאָפענער און גערודפטער פון דער געסטאַפּאָ, זאָל זוכן א באַהעלטעניש אין דעם הויז, וווּ ס'געפינט זיך די אָרגאַניזאַציע "ראַסעמבלעמאַן נאַסיאָנאַל פּאָפּולער" (פּאָפּולערע נאַציאָנאַלע צענויפזאַמלונג). דאָס איז געווען די פאַרביסנסטע באַוועגונג, וועלכע האָט פּראָפּאַגירט מיטאַרבעט מיטן דייטשן אָקופּאַנט. אויב דאָס איז נאָך ווייניק, האָב איך, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, באַמערקט, אַז נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך די סאָסיי־גאַס, פון וואַנען פּאַנוויץ פירט אָן מיט די זוכונגען קעגן מיר. די געגנט איז ווירקלעך געווען נישט פאַר מיר.

אין פלוג האָט דער געדאַנק פון באַזעצן זיך דאָ, געהאַט סימנים פון משוגעת. אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז עס געווען ווייט דערפון. ווייל פון מיינע פאַרבינדונגען, האָט קיינער נישט געקענט די מאַדאַם לוסי, און דער זשאַנדערקאָמאַנדאָ וועט נישט איינפאַלן מיך צו זוכן אין איר נאָענטער סביבה. איר וועט בכלל נישט קומען אויפן געדאַנק, אַז איך באַהאַלט זיך אויס צוויי טריט פון איר שטאָב. אָבער דערווייל האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז דאָ דרייען זיך אַרום ציווילע וואַך־לייט, דעריבער איז גלייכער אָפּצוּוואַרטן, ביז זיי וועלן זיך דערווייטערן. איך האָב געדולדיק צוגעוואַרט, כדי צו שאַפן די מעגלעכסטע שאַנסן אויף מיין זייט. צען א זייגער אין אָוונט בין איך מיט א זיכערן טראָט צוגעגאַנגען צום הויז, צו דעם טייל, וואָס איז נישט געווען פאַרנומען דורך די קאָלאַבאָראַטאָרן.

אַרויפגעקומען אויפן דריטן שטאָק און אָנגעקלונגען אין טיר. מאַדאַם לוסי האָט געעפנט, מיך באַטראַכט — און געוואָרן בלייך ווי קאַלך.

— וואָס איז אייך, הער זשילבער, — האָט אויסגעשריגן די בראַווע פרוי. — איר זייט קראַנק?

איך האָב איר לייכט אַריינגעשטופּט אין פּאָדערהויז, אַז מיר זאָלן אַלץ אויפקלערן אינעווייניק. זי האָט צוגעגעבן:

— איר האָט זיך שרעקלעך געענדערט, איר זייט נישט מער דער מאַן, וועמען איך האָב געקענט...

דער מאַן, וועמען זי האָט געקענט ביז איצט, איז געווען אַ בעלגישער אינדוסטריעלער, וואָס האָט אַ טייל פון דער וואָך פאַרבראַכט אין פּאַריז.

— מאַדאַם לוסי, איך בין אַ ייד, — זאָג איך צו איר אין איין אָטעם. — אין אַנטלאָפענער, וואָס ווערט געזוכט פון דער געסטאַפּאָ. קענט איר מיך האַלטן ביי אייך אין וווינונג עטלעכע טעג? איך בעט אייך, ענטפערט אויפריכטיק: יאָ אָדער ניין. אויב ס'איז אוממעגלעך, וועל איך נישט האָבן קיין פּאַראיבל — און גיי תיכף אַוועק!

אירע אויגן האָבן זיך פאַרפולט מיט טרערן און זי ענטפערט מיט אַ צעוויינטיקט קול:

— ווי איז דאָס מעגלעך, ווי האָט איר געקאָנט אַפילו איין מינוט טראַכטן, אַז איך וועל אייך אָפּזאָגן?

זי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער.

— דאָ — זאָגט זי מיר, — זייט איר זיכער. איר קענט דאָ בלייבן ווי לאַנג איר ווילט. איך וועל אייך ברענגען עפּעס צום טרינקען...

איך האָב גלייך אָפּגעדעקט דאָס בעט: ווייסע ליילעכער, וואַרעמע קאָלדרעס האָבן געוואַרט אויף מיר... די לעצטע כוחות האָבן מיך פאַרלאָזט — און איך בין געבליבן ליגן פאַרחלשט.

איך בין צו זיך געקומען, ווען מאַדאַם לוסי איז אַריין אין צימער. איך האָב אוודאי געמוזט אויסזען ווי אַ טויט־קראַנקער, ווייל זי האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— וואָס האָבן זיי פון אייך געמאַכט? וואָס האָבן זיי פון אייך געמאַכט?

נאָך דעם ווי איך האָב עפּעס אָפּגעגעסן, בין איך גלייך אַוועק אין בעט אַריין. איך בין שוין געווען אַנטשפּאַנט, אָבער טראַכטנדיק פון די פאַרגאַנגענע טעג, איז מיר שווער געווען איינצושלאָפן. עס האָט געמוזט זיין צוועלף ביינאַכט, ווען איך האָב געהערט קלינגען ביי דער טיר. ווי געביסן פון אַ שלאַנג, בין איך אויפגעשפּרונגען און אָנגעשטעלט די אויערן. מען קלינגט — זענען דאָס נישט אַמאָל אונדזערע שכנים פון דער סאַסיי־גאַס, וואָס קומען אָפּשטאַטן אַ וויזיט? איך האָב איילעק אָנגעגרייט מיין קאַפּסול ציאַנקאַלי.

איך הער אַ מענער־שטימע, מען רעדט שטיל. טריט פאַר מיין טיר, מען קלאַפּט. מאַדאַם לוסי איז אַריין, ברענגענדיק מיט זיך אַ שטראַל ליכט.

— ווער איז דאָס? — האָב איך געפרעגט.

זי האָט אוודאי באַמערקט מיין אויפרודערונג, האָט זיך דערנענטערט צום בעט און מיר געזאָגט מיט צוטרוי און תמימות:

— אָ! באַרויקט אייך, הער זשילבער, באַרויקט אייך. דאָס איז איינער פון מיינע פריינד, אַן אָפיציר פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, וואָס באַטייליקט זיך אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ער איז דאָ געקומען פאַרברענגען די נאַכט...

צוויי ווידערשטענדלער אונטער איין דאַך, אונטערן נאָז פון פאַנוויצן — דאָס איז שוין צופיל... איך האָב דאָס רויק אויפגעקלערט דער מאַדאַם לוסי, פאַרשלאָגנדיק צו פאַרלאָזן דאָס אָרט. זי האָט דערפון נישט געוואָלט הערן און אַרויס פון צימער.

מען האָט ווידער געריעדט שטיל. אין א ווײַלע ארום איז מאדאם לוסי צוריק געקומען און אין דער זעלבער צײַט האָב איך אויך דערהערט פאַרמאַכן די אײַנגאַנג־טיר:

— ס'איז דערלײדיקט, ער איז אוועק אויף אַן אַנדערן אדרעס...

צו מאָרגנס, דעם 19טן אָקטאָבער, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט מיט שטאַרקער היץ. מיר איז געווען אוממעגלעך זיך אויפצוהייבן און בין פאַרבליבן אין בעט. דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן בין איך פאַרזונקען אין א שלאָף, פול מיט האַלוצינאַציעס. פון דער טיפעניש פונעם אונטערבאַוווסטזײַן, איז אויפגעשווומען א קאָשמאַר־פילם פון מײַן לעבן. ווי אין א קאַלײדאָסקאָפּ האָבן זיך געביטן בילדער, שטורמישע רעדעריק אײנע די אַנדערע. סצענעס פון מײַן יוגנט אין פּוילן, פון דער תּפיסה אין ארץ־ישׂראל, פון מאָסקווע, פּאַריז. די בילדער האָבן זיך געדרייט פאַר מײַנע אויגן אָן א צוזאַמענהאַנג, אַלץ האָט אויסגעזען ווײַט און נאָענט, טונקל און ליכטיק, צעמישט און געאָרדנט. איך האָב געזען שטאַרבן מײַן פאָטער. מיט דערשטוינטער, רעאַלער קראַפט, האָב איך נאָך אַמאָל איבערגעלעבט פאַרגאַנגענע געפילן, פריידן און לײדן, סענטימענטן, טרויער און ליבע.

ענדלעך זיך אויפגעכאַפּט פון דעם שווערן שלאָף און זיך באַפרײַט פון די היץ־פאַנטאַזיעס. ביסלעכווײַז האָט די קעגנוואַרט זיך צוריק אײַנגעשטעלט אין מײַן דענקען. א קעגנוואַרט, שוואַרץ ווי די נאַכט און פול מיט זאָרגן. אין צוויי טעג אַרום, ווי ס'איז פאַרויסגעזען, דאַרף איך זיך באַגעגענען מיט קלאָד ספּאַאַק ביים קלויסטער לא טריניטע. דעם 22סטן אָקטאָבער איז באַשטימט א טרעפונג מיט קאַוואַלסקין אין בורג־לא־רען. אין דעם הויז געפינט זיך איצט די געסטאַפּאָ! א שטאַרקער אומרו האָט מיך אויפסנייַ באַהערשט. צי זענען אַלע ספּאַאַקס אויסער דער געפאַר? האָט קלאָד געהאַט א מעגלעכקייט צו וואָרענען קאַוואַלסקין? א פאַרמאַטערטער, בין איך ווידער אײַנגעזונקען אין א שלאָף, פון וועלכן איך האָב זיך אויפגעכאַפּט מיטאָג־צײַט, דעם 20סטן.

„עדגאַר, פאַר וואָס טעלעפאָנירסטו נישט? זשעאָרזשי". איך האָב געהאַלטן אין בלעטערן דעם „פּאַרי־סואַר" — דאָס קאָלאַבאָראַציאָניסטישע שמוץ־בלעטל, ווען דער לאַקאָנישער אַנאָנס, איבערגעחזרט צוויי מאָל אויף דער צווייטער זײַט, איז מיר געשפּרונגען אין די אויגן. א דערשטוינטער, האָב איך צוויי מאָל געלייענט די ווענדונג. ס'איז געווען קלאָר: פּאַנוויצן איז געלונגען צו אַרעסטירן זשעאָרזשין. טריומפירנדיק אויף א דיסקרעטן אופן, האָט פּאַנוויץ אַזוי אַרום מיך געוואָרנט, אַז כ'וועל אין קורצן זיך מוזן אונטערגעבן. פיל שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי דער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ באַנוצט זיך מיט דער פּרעסע באַקאַנט צו מאַכן זײַנע נצחונות. שוין דעמאָלט, ווען ער איז צוריק געקומען פון קאָרעז (א דעפּאַרטאַמענט אין פראַנקרײַך), האָט מען אים דערלויבט צו פאַרעפנטלעכן פאָלגנדיקן אַנאָנס: „זשעאָרזשי, פאַר וואָס קומסטו נישט, פּאַטריק איז ביי זײַן פאָטער..."

זשעאָרזשיס אַרעסט איז געווען אַזאַ שרעקלעכער, נישט פאָרויסגעזעענער קלאַפּ, אַז ער האָט פאַרלאַנגט איך זאָל תּיכף צוריק איבערנעמען די איניציאַטיוו. אין

אָוונט פון 20סטן אָקטאָבער, בין איך אראָפּ פון לוסיס וווינונג צו מאכן צוויי טעלעפאָנען. דעם ערשטן — אויף דער באזשאלע־גאס, אויסצוגעפינען צו די געסטאַפּאָ האָט פארנומען ספּאַאַקס וווינונג. קיינער האָט נישט געענטפערט. אומגלויבלעך, אז די וווינונג פון מיינע פריינד זאָל נישט האָבן אנטדעקט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. מעגלעך, אז די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט דאָרט פארלייגט א פּאסטקע. אין דעם פאל דערקלערט זיך דאָס שטילשווייגן פון טעלעפאָן.

דעם צווייטן טעלעפאָן האָב איך געגעבן אין וויסן הויז אין בורג־לא־רעז. איך האָב פארלאנגט צו ריידן מיט מאדאם פארענד. מיר האָט געענטפערט א שטים מיט אן אויסלענדישן אקצענט, וואָס איז געווען ווייט צו זיין מעלאָדיש, אז מאדאם פערענד איז צייטווייליק אָפּוועזנד. האָב איך אים העפלעך געבעטן, אויב ער וויל אזוי גוט זיין און איבערגעבן מיין מומען, אז איך וועל מער נישט קומען אין בורג־לא־רעז, נאָר וועל זי באזוכן אין פאריז. א נערוועזער, האָט מיין מיטשמועסער פארלאנגט, איך זאָל איבערחזרן די בקשה. איך האָב עס געטאָן פּאמעלעך און זייער דייטלעך. וואָס האָב איך דערמיט באצוועקט? אָפּלענקן — אויף וויפל נאָר מעגלעך — די אויפמערקזאמקיים פון דער געסטאַפּאָ פון וויסן הויז און אוועקנעמען די נעץ, איידער קאָוואלסקי וועט קומען אהין. ס'איז כמעט א האָפענונגלאָזע אונטערנעמונג. איך בין אָבער אן אָנהענגער פון באקאנטן שפּריכוואָרט: "נישטאָ קיין האָפענונגלאָזע לאגע, עס זענען נאָר פאראן מענטשן וואָס גיבן אויף די האָפענונג..."

אין צווישן־צייט וועל איך זיך פארבינדן מיט קלאָד ספּאַאַק. מיר האָבן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן דעם 21סטן אָקטאָבער ביים קלויסטער דא־לא־טריניטע. דערווייל האָב איך געזוכט מיט וואָס אוועקצוהרגענען די צייט און פארטאָגן די מרה־שחורה. אין משך פון טאָג, האָב איך געקוקט דורכן פענצטער... געזען די אויטאָס פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, וואָס זענען ארויס און אריין פון דער סאָסיי־גאס. די הערן האָבן מיר אויסגעזען צו זיין פארטראָגן אין א פיבערהאפטן געווירבל... ארום ניין אין אָוונט האָב איך זיך דערנענטערט צום קלויסטער לא טריניטע. די נאכט איז געווען טונקל, אוממעגלעך געווען צו זען עטלעכע מעטער פאר זיך. איך האָב זיך באמיט צו זיין רויק, וואָס זינט די געשעענישן אין די לעצטע טעג, איז עס נישט געווען פון די לייכטע זאכן. איך האָב דערזען קלאָדן, וואָס האָט שוין אויף מיר געוואַרט. מיר זענען זיך געפאלן אין די אָרעמס, געווען אומפעיק ארויסצוברענגען א וואָרט, הגם איך בין געווען זייער אומגעדולדיק צו דערוויסן זיך נייעס. נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַרויקט פון די גרויסע עמאָציעס, איז דאָס איינציקע וואָרט וואָס איך בין געווען ביכולת ארויסצוברענגען, געווען: "נו?"

ווען מיר זענען געגאנגען אין דער ריכטונג צו דער קלישי־גאס, האָט מיר קלאָד דערציילט, אז זיין פרוי און קינדער זענען דעם 17טן אוועק געפאָרן קיין בעלגיע. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אז סוזאן האָט פאר קיין שום פּרייז נישט געוואָלט גלויבן, אז עס דראָט א געפאר און זיך אָפּגעזאָגט צו פארלאָזן פאריז. ער איז געווען געצוווּנגען מיט געוואלד זי ארייננצוזעצן אין צוג. אויף אלע פאלן האָט ער מיט איר אָפּגערעדט א קאָד: אויב זי וועט אונטערשרייבן אירע בריוו

"סוזעט", איז א סימן אז אַלץ איז אין אָרדענונג; אויב זי וועט אונטערשרייבן "סוזאַן", דאַרף ער נישט גלייבן דעם אינהאַלט פון בריוו.

סוזאַן ספּאַאַק — מיט וויפל וויטיקלעכע געפילן שרייב איך די שורות — איז מיט דריי וואָכן שפּעטער, דעם 8טן נאָוועמבער 1943, געפאַלן א קרבן פון א מסירה. פון דעם טאָג אָן, האָט זיך אָנגעהויבן איר יסורים־וועג, וואָס האָט גענומען א סוף ערשט אין אויגוסט 1944, מיט איר טויט.

אָבער דעם 21סטן אָקטאָבער, בין איך געווען גליקלעך זיך צו דערוויסן, אז זי מיט די קינדער געפינען זיך ווייט פון פּאַריז. איך האָב ווייטער געשמועסט מיט קלאַדן וועגן דער מאָרגנדיקער טרעפונג מיט קאָוואַלסקין. דאָס וואָס ער האָט באַריכטעט, האָט מיך גראָד נישט באַרויקט. ד"ר שערטאָק, ווי ס'איז געווען אָפּגעשמועסט, האָט אים באַדאַרפט טעלעפאָנירן דעם 19טן, צו באַשטימען די שעה פון דער טרעפונג. קלאַד איז אוועק צו זיך אין ווינונג אָפּצוּוואַרטן דעם טעלעפאָן. פּינקטלעך צו דער באַשטימטער צייט, האָט דער טעלעפאָן געקלונגען. ספּאַאַק האָט אַראָפּגענומען דאָס טרייבל און אַריינגעשריגן:

"עס ברענט, קיינער זאָל זיך נישט באַמיען!..."

פון דער אַנדערער זייט האָט מען גלייך אוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

צי האָט ד"ר שערטאָק דאָס פאַרשטאַנען? אויב יאָ, וועט ער באַווייזן צו וויסן טאָן וועגן דעם קאָוואַלסקין? — פראַגן וואָס האָבן באַאומרויקט...

דאָס איז געווען מיין לעצטע טרעפונג מיט קלאַד ספּאַאַק אין די מלחמה־יאָרן. מיר האָבן זיך ווידער געזען ערשט נאָך דער באַפרייונג. אין צווישן־צייט איז בלוט געפלאָסן אונטער די בריקן פון פּאַריז...

א שטאַרק פאַרזאָרגטער האָב איך זיך אומגעקערט צו מאַדאַם לוסי. דער ענין פון דער טרעפונג, באַשטימט מיט קאָוואַלסקין אין בורג־לאַ־רען, האָט מיך כסדר באַאומרויקט. היות איך בין דאָס ציל־ברעט פון פאַנוויצן, איז פאַרבליבן דאָס איינציקע מיטל אָפּצוּלענקן די זאָנדערקאָמאַנדאָ פון "ווייסן הויז" און ווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט אויף מיין פּערזאָן. נאָך דעם ווי איך האָב גוט דורכגעטראַכט דעם ענין, האָב איך אויסגעאַרבעט פאָלגנדן פּלאַן:

צו מאָרגנס, דעם 22טן אָקטאָבער, גאַנץ פרי, האָב איך טעלעפאָנירט צו קלאַד ספּאַאַק. א פרויען־שטים האָט מיר געענטפערט — און ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַן אומגלויבלעכער דיאַלאָג:

— מיט וועמען האָב איך דעם כבוד צו ריידן?

— איך בין די סעקרעטאַרין פון ה' ספּאַאַק.

די סעקרעטאַרין פון קלאַדן? ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט אַזעלכע. אַלנפאַלס איז זיכער, אז ער האָט נישט געהאַט קיין פּערזענלעכע סעקרעטאַרין. נישט אַנדערש, די געסטאַפּאָ איז דאָרט און די מכלומרשטע מיטאַרבעטערין פון מיין פריינד איז א געהילפין פון די הענקערס.

איך האַלט ווייטער אָן דעם שמועס, באַמיענדיק זיך צו זיין ערנסט:

— ביטע אים העפלעך זאָגן, אז זיין פריינד העברי וועט אים קומען זען צוויי א זייגער... א דאַנק פאַר דער באַמיונג, דאָס איז זייער וויכטיק.

— זייער גוט, איך וועל דאָס איבערגעבן...

מיר האָבן אוועקגעלייגט די טרייבלעך.

איך בין זיך מודה, אז די שטעך זענען צו גראָב געניית, אָבער מיט דער געסטאַפּאָ דאַרף מען זיך נישט תמיד באַנעמען אין זיידענע הענטשקעס. נישט פאַראַלגעמיינערנדיק דעם ענין, דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז גאָר אָפט גיבן זיך בעסער איין די ווייניקער קינסטלעכע פּאָסטקעס, ווי די מער קאָמפּליצירטע. נאָר מיין מאַנעוור פון אָפּלענקן, האָט דעם זעלבן טאָג געגעבן רעזולטאַטן: צוויי א זייגער האָט פּאַנוויץ, בראָש פון זיין קאָמאַנדאָ, באַזעצט דאָס הויז אויף רי דע באַזשאַלע. אין דער זעלבער צייט, האָבן אַדוואָקאַט שאַרל לעדערמאַן און ד״ר שערטאָק זיך געשטעלט אין בורג־לאַ־רען אָפּוואַרטן קאָוואַלסקין. זיי איז געלונגען אים ״אויפצוכאַפּן״. דאָס מזל האָט אונדז צוגעשפּילט!

דעם 22סטן אָקטאָבער איז געווען קלאָד ספּאַאַקס געבורטס־טאָג. צו פייערן די געשעעניש, האָט קלאָד געהאַט בדעה צו באַזאָרגן פון זיין ווײַנונג עטלעכע גוטע פלעשלעך וויין. פאַרן אַוועקגיין, האָט ער טעלעפאָנירט צו דער הויז־דינערין, פרוי מעלאַנדעס, מיט וועלכער ער האָט אָפּגערעדט געוויסע פאַרזיכט־מיטלען: אויב זי וועט אים רופן דורכן טעלעפאָן ״טייערער הער״, באַדייט דאָס, אַז אים דראָט נישט קיין געפאַר און ער מעג קומען. אויב זי רופט אים נאָר ״הער״, איז א סימן, אַז ס׳איז א געפאַר צו קומען.

קלאָד ספּאַאַק האָט אָנגעדרייט זיין אייגענעם טעלעפאָן נומער. פרוי מעלאַנדעס האָט אים געענטפערט, איבערחזרנדיק אומאויפהערלעך: ״הער, הער...״ און האָט זיך צעשריגן:

״דאָס איז אַלץ וואָס איך דאַרף אים זאָגן?״

אויב קלאָד האָט פון דעם אַלעם גאָרנישט פאַרשטאַנען, איז באמת צו באַדויערן. גענוי אין דעם מאָמענט האָט זיך די פאַרבינדונג ברוטאַל איבערגעריסן. דערצאָרנטע, האָבן די געסטאַפּאָ־לייט זיך געוואָרפן אויף דער אומגליקלעכער פרוי מעלאַנדעס.

דעם 22סטן אָקטאָבער איז אויך אין ״פּאַרי־סואַר״ דערשינען פאָלגנדער קליינער אַנאָנס: ״עדגאַר, פאַר וואָס טעלעפאָנירסטו מיר נישט?״ אָבער דער רוף פון פּאַנוויצן איז געבליבן א קול קורא במדבר...

28 די זאַנדערקאָמאַנדאָ אונטער אויפזיכט

פערציק טעג זענען פאַריבער זינט מיין אנטלויפן, פערציק דראמאטישע טעג פון אומאויפהערלעכער שפּאַנונג און אומרו... א דאנק דער גאָסטפריינדלעכקייט פון מאדאם לוסי, האָב איך צום ערשטן מאָל געקאָנט דורכטראכטן מיינע פּלענער מיט א רויקן קאָפּ, אויפשטעלן קאַלטבלוטיק, כמעט וויסנשאפטלעך, מיינע דערפאָלגן און מיינע דורכפאַלן.

קודם וועגן די דורכפאַלן: הגם די דראמאטישע געשעענישן איז נישט געווען אָפּהענגיק אין מיר, האָט דער פאַראַט פון דעניזן דערמעגלעכט דער געסטאַפּאָ צו אנטדעקן די שפּורן פון סאַן־זשערמען, פון וועזינע, פון סירען און גורם געווען צום ארעסט פון די צוויי שוועסטער אין סאַן־זשערמען, פון דעם מאַן און פרוי קוויער און דעם קליינעם פּאַטריק.

אויף מיין פּערזענלעכן חשבון האָב איך צו פאַרצייכענען צוויי פעלערן: דער ערשטער — וואָס איך האָב אויפגעהאַלטן דאָס דערוויילטער זשעאַרזשי פון פּאַריז. דער צווייטער איז שוין פיל געפערלעכער. איך האָב זיך באַנוצט מיט דער מאדאם מיי, בעת זי איז לחלוטין נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר דער טעטיקייט, אומדערפאַרן און נישט שטאַנדהאַפטיק. דורך איר האָבן זיך די דייטשן דערוווּסט גלייכצייטיק: מיין אנוועזנהייט אין בורג־לאַ־רען; דעם אדרעס פון זשעאַרזשי אין באַס; מיינע פאַרבינדונגען מיט די ספּאַאַקס און די טרעפונג וועלכע האָט באַדאַרפט פאָרקומען מיט קאָוואַלסקין.

מיינע דערפאָלגן זענען באַשטאַנען אין דעם קעגן־פייער, וועלכן איך האָב אָנגעווענדט, אין דער מיטאַרבעט פון מיינע פריינד, מיט וועלכע איך בין געווען ביכולת זיך קעגן צו שטעלן פאַנוויצעס איניציאַטיוון. איך האָב באַצייטנס צו וויסן געטאָן די ספּאַאַקס, געראַטעוועט אין דער לעצטער מינוט קאָוואַלסקין פון דער געסטאַפּאָ, און לסוף — מיין אייגענע פרייהייט.

פון די אַלע געשעענישן בין איך געקומען צום אויספיר, אז דער אופן פון אימפּראָוויזאַציעס האָט אונדז צו טייער געקאָסט. איך מוז שאַפן אן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיין מסוגל צו פאַרמיידן דראַמעס פון אַזאַ פאַרנעם. איך האָב זיך דעצידירט אויפצושטעלן א גרופּע אויסגעפּרוּווטע טוערס, וואָס זאָלן האָבן די אויפזיכט איבער אַנדערע און איינצייטיק פירן די טעטיקייט.

אין דער נייער פּערספּעקטיוו, איז דערשינען די געשטאַלט פון אַלעקס לעסאָוואַי, ווי אַן אידעאַלער מיטאַרבעטער.

לעסאָוואַי האָט נישט אָנגעהערט צום רויטן אָרקעסטער. א געבוירענער אין רוסלאַנד, איז ער נאָך אַלס קינד געקומען קיין פראַנקרייך. נאָך דעם ווי ער האָט געדינט עטלעכע יאָר אין פרעמדן־לעגיאָן, האָט ער באַקומען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט. פון פאַך איז ער געווען א צאָן־טעכניקער, פאַר דער מלחמה האָט ער געהאַט א גרויסע לאַבאָראַטאָריע אויף שאַסע־ד'אַנטאַן אין פּאַריז.

פּאָליטיש איז ער געווען שטאַרק אַנגאַזשירט. ווי אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז ער בעת דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע געפאָרן אַהין קעמפן און אין די שלאַכטן זיך דערוואָרבן א נאָמען פון א ספּעציאַליסט, וואָס האָט אָנגעוואָרפן א פחד אויפן שונא: ער האָט אויסגעאַרבעט קליינע אויפרייס־מאַטעריאַלן, זיי אַריינגעלייגט אין ביכער, אין בריוו, אין פאַרשידענע פּעקלעך — און זיי געשיקט צו די הענקערס פון שפּאַנישן פאָלק. אויף דעם געביט האָט ער פאַרצייכנט דערפאָלגרייכע רעזולטאַטן.

איך האָב געקענט די פרוי פון לעסאָוואַי, מירא, נאָך פון אירע יונגע יאָרן, ווען זי איז געווען א גימנאַזיע־שילערין אין תל־אביב. א געבוירענע אין ארץ־ישראל, האָט זי אין יענע יאָרן געקעמפט אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אַלעקס האָט נאָך אין 1941 מיר פאָרגעשלאָגן זיין מיטאַרבעט. מיט זיין מיליטערישער אויסבילדונג און טעמפּעראַמענט אונטערצונעמען ריזיקאַלישע אַקציעס, איז ער געווען דער פּאַסיקסטער מענטש אויסצופירן געפאַרפולע אויפגאַבן. אָבער די הסכמה פון דער צענטראַלע בנוגע זיין קאַנדידאַטור האָט פאַרשפּעטיקט צו קומען, האָט ער זיך דערווייל אַנגאַזשירט אין אַן אַנדערער קאַמפּס־גרופּע.

א קורצע צייט נאָך מיין אַרעסט, האָט די זאָנדערקאָמאַנדאָ מיט אים זיך פאַראינטערעסירט, ווייל זיין נאָמען האָט פיגורירט אין די דעפּעשן, וועלכע די דייטשן האָבן דעשיפרירט. מיר איז געלונגען אָפּצושלעפּן די געשיכטע אין דער לאַנגער באַנק אַריין, ביז ער איז געוואָרן אויסגעשטראָכן פון די זוך־רשימות ביי דער געסטאַפּאָ. מיין אינטערווענץ וואָלט אָן שום ספק געווען ווירקזאַם אויף א לענגערער צייט, ווען נישט דער שפּאַנישער קאָנטער־שפּיאָנאַזש, וועלכער האָט איבערגעגעבן פאַנוויצן און זיינע באַנדעס איינע פון זיינע פאָטאָגראַפיעס מיט דער באַצייכענונג „א געפערלעכער טיפּ״.

אויב אַלעקס וואָלט אַרעסטירט געוואָרן, וואָלט די געסטאַפּאָ אים תיכף איבערגעגעבן דער שפּאַנישער פּאָליציי. א געוויסע צייט איז מיר געלונגען צו ריכטן די זוכונגען פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ נאָך אַלעקסן קיין דרום־פראַנקרייך, ווייסנדיק, אַז ער באַהאַלט זיך אויס אין פּאַריז. די רינג אַרום אים האָט זיך אַלץ ענגער פאַרצויגן. דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען איך בין אַנטלאָפן. די ערשטע זאַך וואָס איך האָב געטאָן באַלד נאָך מיין אַנטלויפן, איז געווען אים צו וואָרענען. איך האָב אים געראָטן אַריינצוטרעטן אין א פּאַרטיזאַנער־גרופּע און פאַרלאָזן פּאַריז. ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן איך זאָל צוזאַמען מיט אים זיך אָנשליסן

צו דער "מאקי" (פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער). ווען איך האָב געענטפערט, אַז דאָס איז אויסגעשלאָסן, האָט ער געמאַכט פאָלגנדן פאָרשלאַג: "איך בלייב מיט דיר, איך וועל איבערגעבן אַלע מיינע פריערדיקע פאַרבינדונגען (דאָס איז געווען אַן עלעמענטאַר מאָסמיטל פון פאָרזיכטיקייט) און דיר העלפן אין דער אַרבעט..."

מיר האָבן דאָס אָפּגערעדט נאָך אין דער צייט, ווען איך האָב זיך געפונען אין "ווייסן הויז" פון בורג־לאַ־רען. מיר האָבן אָנגעצייכנט אַ טעטיקייט־פּלאַן, וואָס האָט געהאַט פאַר אַ ציל אויפצושטעלן אַ ספּעציעלע גרופּע צו וואַכן איבער דער טעטיקייט.

צום ערשט האָט אַלעקס באַדאַרפט אוועקשטעלן אַ גרופּע פון זעקס ביז אַכט פּערזאָן, פאַר יעדן באַזונדער אויסטיילן אַ באַשטימטע אויפגאַבע און לויט די שטרענגע כּללים פון קאָנספּיראַציע, האָבן די מיטגלידער פון דער גרופּע נישט באַדאַרפט זיך קענען איינער מיטן אַנדערן. די ערשטע אויפגאַבע פון דער גרופּע דאַרף זיין: נאָכפאָלגן טריט ביי טריט די טעטיקייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ; פּרוּווזן אירע אַטאַקעס און זיי אָפּשלאָגן; וואָרענען די מענטשן, וועמען עס דראָט אַ געפאַר און זיי העלפן אַנטלויפן; איינשטעלן די נייטיקע קאָנטאַקטן.

אַלעקס האָט נישט פאַרלוירן קיין צייט. ווען איך האָב אים סוף אָקטאָבער 1943 געזען ביי מאַדאַם לוסי, איז די פאַרבינדונג מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי שוין געווען איינגעשטעלט און פינף דערפאַרענע אַקטיוויסטן זענען געווען גרייט צו מעשׂים. איך האָב אויך פאַרלאַנגט פון אַלעקסן, וויסנדיק אַז ער האָט די געהעריקע באַציונגען דאָרט ווו מען דאַרף, ער זאָל מיר באַזאָרגן אַן אידענטיטעט־קאַרטע פון אַ סוחר וואָס שטאַמט פון צפון־פראַנקרייך, וועמענס געבוירן־אָרט איז צעשטערט פון באָמבעס, דער שטאָטראַט פאַרניכטעט און דער רעגיסטער פון דער ציווילער באַפעלקערונג איז פאַרשוווּנדן אונטער די חורבות. צו דעם אַלעמען, האָט דער אומגליקלעכער סוחר נאָך באַדאַרפט האָבן פאַרלוירן זיין משפּחה, פריינד און זיין הויז.

איך און לעסאָוואַי האָבן דעצידירט, אַז מיר טרעפן זיך אין דער נייער באַהעלטעניש, וועלכע מאַדאַם לוסי זוכט פאַר מיר.

זינט מיין אַנטלויפן, איז מיין עיקרדיקע זאָרג געווען: דערמעגלעכן מאָסקווע זי זאָל ווייטער אָנגיין מיט דעם "גרויסן שפּיל" — און דאָס איז געווען דער אייגנטלעכער ציל פון צוויי בריוו, וועלכע איך האָב געשיקט פּאַנוויצן.

דער פאַרהער פון זשעאַרזשי דע ווינטער דורך פּאַנוויצן, האָט ביים שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ פאַרשטאַרקט זיינע אילוזיעס, אַז דאָס זענען טאַקע מיינע כּוונות. זשעאַרזשי האָט שטרענג אויסגעפירט מיינע אָנווייזונגען, אַז אין פאַל פון אַרעסט, זאָל זי מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי פאַרשטייט גאָרנישט פון דער קאָמפּליצירטער געשיכטע און זאָל באַשטעטיקן אַלץ, וואָס איך האָב געשריבן צו פּאַנוויצן, צוגעבנדיק, אַז איך האָב אָפּט גערעדט פון אַ סעפּאַראַטן שלום און זיך פאַררופן אויף ביסמאַרקן.

פּאַנוויץ, וואָס האָט סוף־כּל־סוף באַנומען (ער האָט אין דעם געגלויבט, און דאָס איז דער עיקר), אַז דאָס איז נישט אָפּהענגיק נאָר פון מיין גוטן ווילן — איז

געוואָרן זייער נערוועז. ווילנדיק אויסנוצן די לאגע, וועלכע איז געווען לטובת אונדז, האָב איך נאָך סוזאן ספּאַאַקס ארעסט, ארויסגעשיקט פּאַנוויצן א דריטן בריוו. איך האָב אים דערמאָנט, אז ער האָט נישט באַפרייט קיין איינעם פון די ארעסטירטע, און אים געדראָט: "אויב איר וועט נישט באַפרייען די ערובניקעס, וועל איך א סוף מאכן צו דעם "גרויסן שפּיל". כדי נישט לאָזן אים צווייפלען אין מיין דעציזיע, האָב איך צו אים דירעקט טעלעפאָנירט און איבערגעחזרט די דראָונג. ס'וועט זיך ארויסווייזן, אז אין דער הינזיכט, האָב איך באַקומען מיין סאַטיספּאַקציע. נאָר אין דער זעלבער צייט, האָט דער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ פארלוירן דעם קאָפּ...

ווען איך האָב זיך ווידער געזען מיט אלעקס לעסאָוואַי, האָט ער מיר געוויזן א דערשטוינענדיקן דאָקומענט: "נא, — זאָגט ער מיר, — דאָס איז א מתנה פון דיין פריינד".

א מתנה? דאָס איז געווען א קאָפּיע פון א טעלעגראַמע, וועלכע פּאַנוויץ האָט ארויסגעשיקט צו אלע פּאָליציי־סטאַציעס: "זוכט זשאַן זשילבער, ער איז ארייננעדרינגען אין די פּאָליציישע אָרגאַניזאַציעס אין שליחות פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג. אנטלאָפן מיט דאָקומענטן. כאַפּן אים פאר יעדן פּרייז, באַריכטן לאַפּאָנען".

די מעלדונג איז געוואָרן באַגלייט מיט א פאָטאָגראַפיע, וועלכע די געסטאַפּאָ האָט געמאַכט נאָך מיין ארעסט און מיט א גענויער שילדערונג פון מיין אויסזען. ס'איז אויך צוגעזאָגט געוואָרן א הויכע באַלוינונג יעדן איינעם, וואָס וועט ברענגען ידיעות. גלייכצייטיק האָבן אלע אָפּטיילונגען פון דער געסטאַפּאָ און פון אַבווער אין פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, ווי אויך אלע דייטשע אדמיניסטראַטיווע, עקאָנאָמישע, ווי מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, באַקומען פּלאַקאַטן מיט מיין בילד. שפּעטער האָבן זיי אויך צוגעגעבן דאָס בילד פון קלאָד ספּאַאַקן מיט א צושריפט: "אנטלאָפן. זייער א געפערלעכער שפּיאָן".

דאָס איז שוין נישט גרינג צו שעצן... אָן שום ספק, אז די איניציאַטיוו פון פּאַנוויצן האָט באַדייט א ווענדפּונקט אין דער סטראַטעגיע וועלכע ער האָט געהאַט בדעה אָנצווענדן לגבי מיר.

איך האָב מיט אלעקסן דורכגעטראַכט די סיבות, וועלכע האָבן באַוויגן דעם שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ צו ענדערן די טאַקטיק. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אז ביז איצט האָבן פּאַנוויץ און זיינע געהילפן רעזערווירט אויסשליסלעך פאר זיך דעם גייעג אויף מיר, אויסמיידנדיק צו אלאַרמירן די פראַנצויזישע פּאָליציי און די אָקופּאַציע־ארמיי. זייענדיק איבערצייגט, אז זינט מיין אנטלויפן, האָב איך נישט געקאָנט זיך פאַרבינדן מיט דער צענטראַלע, האָט ער פּרובירט מיך צו קאָמפּראָמיטירן אין זייערע אויגן. אז דאָס איז פאַקטיש געווען זיין כוונה, האָט זיך באַשטעטיקט, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז קענט האָט באַקומען די אויפגאַבע ארויסצושיקן דער צענטראַלע א טעלעגראַמע, אז איך בין אנטלאָפן. פּאַנוויצעס אויסרעכענונג איז געווען, אז פון דעם מאָמענט, ווען די צענטראַלע וועט זיך דערוויסן פון מיין ארעסט, וועט זי מער נישט שענקען מיר קיין צוטרוי. ענלעך

איז געווען דער ציל פון לאָזן מיך אַנגיין אַלס פּראָוואָקאַטאָר, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין דער פּאָליציי, כדי ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס זאָלן מיך לאָזן פאַלן. אַנגעבנדיק אויף די אַפּישן דעם נאָמען לאַפּאַן, האָט פּאַנוויץ באַצוועקט אַרויסצורופן אַ צעמישונג אין דעם טונקעלן ענין.

אַזעלכע זענען געווען די כוונות פון פּאַנוויצן. איך האָב נישט געטאָרט פאַרגעסן, אַז זיין גרעסטע אַמביציע איז געווען צו פאַרציען אַ שטריק אויף מיין האַלדז. פון איצט אָן, איז די גאַנצע דייטשע סאָלדאַטעסקע, אַלע פּאָליציי־כוחות, די גאַנצע אונטערוועלט פון קאָלאַבאָראַטאָרן, די באַצאָלטע אַגענטן פון אַלע מינים, די אַמאַטאָרן פון לאָקנדיקע געלט־באַלוינונגען — פאַרבעטן געוואָרן צו מאַכן דעם יאַגד אויף מיר און מיך דעמאַסקירן. מיין לעבן איז געוואָרן אָפּהענגיק פון אַן אויפמערקזאַם אויג און גוטן זכרון. צו מיין מזל, איז אָבער מיין אויסערלעכער אויסזען געווען פיל אַנדערש ווי דאָס בילד פון דער געסטאַפּאָ אויף די אַפּישן. איך האָב מער נישט געהאַט דאָס קיילעכיקע פּנים פון אַמאָל. איך האָב זיך געלאָזט אַנוואַקסן דיקע וואָנסעס און געטראָגן ברילן. אויסער דעם האָט מאַדאַם לוסי מיר אויסגעפונען אַ באַהעלטעניש — דער מאַקסימום פון זיכערקייט. אין נאָוועמבער 1943 בין איך אַוועק וווינען אויף אַוועני דע מען (אין פּאַריז), ביי אַן אַנגעשטעלטן פון דער באַנק ״קרעדי־ליאָנע״.

אין דער געגנט וווּ איך בין געקומען וווינען, האָט מען וועגן מיר פאַרשפּרייט אַ לעגענדע, צוגעפּאַסט צו מיין לאַגע: אַז איך בין אַן איינזאַמער מאַן, אַ קראַנקער, אַ שווער געטראָפענער פון גורל, בעת אַ באָמבאַרדירונג פאַרלוירן מיין גאַנצע פאַמיליע. די שכנים, וועלכע איך האָב אָנגעטראָפן אויף די טרעפּ, און צו וועלכע ס׳זענען דערגאַנגען די קלאַנגען פון מיין אומגליקלעכער לאַגע — האָבן מיר אַרויסגעוויזן אַ סך מיטגעפיל.

מיין בעל־הבית מיסיע זשאַן (דעם פאַמיליע־נאָמען האָב איך פאַרגעסן), איז געווען אַ בחור, אַ רויקער, אינטעליגענטער מאַן. איך בין מיט אים זייער גוט אויסגעקומען. ער האָט נישט געהאַט די מינדעסטע אַנונג וועמען ער האָט ביי זיך אויפגענומען. מיין נייע באַהעלטעניש איז געווען אַזוי זיכער און באַקוועם, אַז איך בין דאָרט געבליבן וווינען ביז מיין אָפּפאָר קיין מאָסקווע אין יאַנואַר 1945.

פּאַנוויץ האָט פאַרשטאַנען די פאָדערונג, וועלכע איך האָב אים געשיקט אין פאַבריקן בריוו. אויס פּחד, אַז איך וועל אויפדעקן פאַרן צענטער דעם גרויסן שפּיל, האָט ער די אַרעסטירטע ערובניקעס באַפרייט איינעם נאָכן אַנדערן. אין דער זעלבער צייט האָט ער געוואָרפן זיינע באַנדעס אויף מיינע שפּורן.

דעם 8טן יאַנואַר 1944, האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע אַ נייעם אַנאָנס: ״פּאַטריקן גייט גוט, ער איז צוריק געקומען אַהיים״. אַ קורצע צייט נאָך דעם, איז די גאַנצע פאַמיליע קוויער געוואָרן באַפרייט און מאַדאַם מיי, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, האָט געגאַסן פון גרינגס אַ פּערזענלעכע באַגנעדיקונג (אַזאַ איז געווען די ווערסיע) און מ׳האָט זי געלאָזן פריי.

דער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט געשפּרודלט מיט איניציאַטיוו. ער האָט דעמאָלט אונטערגענומען אַ נייע טאַקטיק, אַ קאָנוועגציאָנעלע, אָבער זייער

א געפערלעכע. ער האָט אויפגעשטעלט א רשימה פון אלע פערזאָנען, די וועלכע איך האָב געקאָנט פון אַמאָל, און די פון איצט — און געדראָט זיי ארעסטירן, אויב זיי וועלן אים נישט צו וויסן טאָן וועגן מיינע וויזיטן. ווי נאָר אלעקס און איך האָבן זיך דערוווּסט פון דעם שאנטאזש, האָבן אויך מיר אויפגעשטעלט אן ענלעכע רשימה פון די וואָס זענען באַדראָט, און זיי געוואָרנט.

די פאָרשונג ביי מיינע אמאַליקע פארבינדונגען האָט באשטעטיקט, אז פאנוויצס דראָונגען זענען ממשותדיקע און אז ער איז איבערגעגאנגען צו מעשים. מיר האָבן אָפּגעשטאַט א וויזיט ביי דער אייגנטימערין פון א וועשעריי, וועלכע איך האָב געקאָנט א סך יאָרן. די וועשעריי האָט זיך געפונען אויף בולוואר האוסמאַן, אנטקעגן דעם הויז ווו מיר האָבן געהאט אונדזער פארקויף־צענטראלע "סימעקס". די אייגנטימערין האָט דערציילט, אז עטלעכע מענער, צווישן וועלכע מיר האָבן אידענטיפיצירט קענטן (די סימנים וועלכע זי האָט אנגעגעבן, האָבן נישט געלאָזן קיין ספק אז דאָס איז געווען קענט), זענען ביי איר געווען און אפילו געדראָט. א טעראָריזירטע, האָט זי צוגעזאָגט, אז ווי נאָר זי וועט מיך זען, וועט זי זיי צו וויסן טאָן און פארהאלטן, ביז זיי וועלן אָנקומען.

דעם זעלבן שאנטאזש און דראָונג האָבן פאנוויצס לייט אָנגעווענדט לגבי אן אלטער לערערין, וואָס האָט מיר געהאט פארדונגען א צימער אויף פלאץ פיגאַל, אין דער צייט, ווען איך בין אָנגעגאנגען ווי א בעלגישער אינדוסטריעלער. דער אָרעמער פרוי איז שלעכט געוואָרן, ווען זי האָט מיך דערזען. זי האָט דערציילט אז צוויי מענער, איינער איז זיכער געווען אונדזער גוט באקאנטער קענט, האָבן זיך פאר איר פאָרגעשטעלט אלס פּאָליציי־קאָמיסארן און פאָרגעלייגט א בריוו פון מארשאל פעטען, אין וועלכן ער פאָדערט אויף אלע "גוטע פראנצויזן" אויסליפערן דעם געפערלעכן שונא פון זייער לאנד, א געוויסן זשילבער. מיין אמאַליקע ווירטין האָט זיך מודה געווען, אז דאָס וואָס זיי האָבן זיך פאררופן אויף פעטענען, האָט אויף איר שטארק געווירקט. דאָך האָט זי געצווייפלט אין דער אויטענטישקייט פון בריוו, וועלכן זיי האָבן פאָרגעלייגט אין נאָמען פון מארשאל און חושד געווען, אז ער איז געפעלשט. קענט און זיין באגלייטער האָבן זי געצווונגען אונטערצושרייבן א דעקלאראציע, אז איר איז באקאנט דער אינהאלט פון פעטענס בריוו. דערמאָנענדיק זיך, אז כ'האָב ביי איר געלאָזן א טשעמאָדאן, האָבן זיי איר באפוילן צו האנדלען אויף דעם זעלבן אופן ווי דער וועשעריי־אייגנטימערין: זי זאָל אָראָפּגיין טעלעפאָנירן און בעטן איז זאָל מיט איר בלייבן נאָך א ביסל.

ס'איז געווען פיינלעך צוזען די שרעק, וואָס מיין וויזיט האָט אָנגעוואָרפן אויף דער אומגליקלעכער פרוי...

— און אויב זיי וועלן צוריק קומען, אויב זיי וועלן צוריק קומען? — האָט זי געהאלטן אין איין איבערחזרן. — וואָס וועט זיין, אויב זיי וועלן זיך דערוויסן, אז איך האָב נישט צו וויסן געטאָן...

איך האָב געזען, אז די עלטערע פרוי ריזיקירט צו פיל צוליב מיר, און מעגלעך, אז זי וועט פיזיש נישט אויסהאלטן קיין נייע אויספאָרשונג.

— הערט זיך איין — זאָג איך צו איר, — ווי נאָר מיר וועלן ארויסגיין,

מעגט איר זיי טעלעפאָנירן און דערציילן פון אונדזער וויזיט. איר וועט זיי אויפקלערן, אז איר האָט עס נישט געקענט מאכן שנעלער — און דער ענין וועט זיין פאר אייך דערליידיקט...

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט שטוינונג, ווי איינער וואָס האָט פארלוירן דעם שכל. איך האָב אָבער באמערקט, אז זי האָט זיך בארויקט.

איך האָב אָפּגענומען מיין טשעמאָדאַן. ווען מיר זענען אוועק, האָבן מיר געזען ווי זי איילט זיך צום טעלעפאָן. אלעקס האָט מיך באטראכט מיט אן אומפארשטענדלעכן בליק. מעגלעך, אז ער האָט געטיילט די פארוואונדערונג פון דער פרוי. ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. איך בין זיך געגאנגען פאמעלעך. ענדלעך האָב איך איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— איך קען זיי, די געסטאַפּאָ־לייט, — זאָג איך. — היינט איז זונטיק, דערצו, נאָך מיטאָג, זיי געפינען זיך איצט נישט קיין סך אויף דער סאָסיי־גאַס, דער גרעסטער טייל זיצט אין די ארומיקע קאפע־הייזער...

איך האָב זיך נישט טועה געווען. נאָך דער באפרייונג, איז מיר געוואָרן אינטערעסאנט צו וויסן דעם סוף פון דער געשיכטע: די לייט פון דער זאָנדער־קאָמאנדאָ, געשטערט אין סאמע מיט פון זייער פארווילן זיך, זענען געקומען מיט דריי שעה שפּעטער.

איך האָב פאנוויצן געשיקט מיין פערטן און לעצטן בריוו, אין וועלכן איך האָב צו וויסן געטאָן, אז כ׳בין קראנק און ציִ זיך צוריק פון דעם שפּיל — און צוגעגעבן:

— ... איך קענט פאָרזעצן דעם "גרויסן שפּיל", איך וועל אייך ניט שטערן, מיט א באדינג, איר זאָלט נישט ארעסטירן קיין אומשולדיקע.

29 די תלינים האָבן געלאָזן זייערע שפּורן

אין 1940 האָבן די דייטשן רעקוויזירט אויף דער קורסעל-גאַס, אין רייכן קוואַרטאַל פון פּאַריז, א פּריוואַטן פּאַלאַץ, וועלכער האָט געהערט צום הער ווייל-פּיקאַר. די איינציקע סיבה פאַר דער רעקוויזיציע: ווייל-פּיקאַר איז געווען א ייד. יידיש פאַרמעגן איז געוואָרן הפקר און צערויבט. דעם רויב האָט מען אין פולע וואַגאָנען איבערגעשיקט קיין דייטשלאַנד און באַרייכערט די פּריוואַטע קאָלעקציאָנערן און קונסט-ליבהאַבער, הויכע באַאַמטע פון נאַצי-רעזשים. גערינג אַליין האָט זיך באַשעפטיקט מיט דעם אָרגאַניזירטן רויב און גענומען פאַר זיך דאָס וואָס האָט אַנטשפּראָכן זיין ״עסטעטישן געשמאַק״. די בילדער-קאָלעקציע פון ווייל-פּיקאַר, איינע פון די שענסטע אין פראַנקרייך, האָט געררייצט די גיריקייט פון די רויבערס, אָבער דער בנין גופא איז נישט פאַרנומען געוואָרן.

פּאַנוויץ, וואָס האָט פאַרויסגעפילט אַז דאָס איז זיין לעצטער פרילינג אין פּאַריז, האָט אין אַפּריל 1944 זיך באַזעצט אין דעם פּאַלאַץ.

די תלינים האָבן דערשפּירט, אַז עס דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט דער טאָג פון זייער מפּלה. אין אייראָפּע האָבן די אונטערדריקטע פעלקער אומעטום אויפגעהויבן די קעפּ. אין פראַנקרייך האָט די ווידערשטאַנד-באַוועגונג אומאויפהערלעך פאַרפאָלגט דעם שונא. ״די אויסגעשטרעקטע האַנט״ צום פראַנצויזישן פאָלק, איז פאַרביטן געוואָרן אויף שטעכיקע דראָטן און מאַשין-געווער פאַר די טויערן פון די ווערמאַכט-גאַרניזאָנען. גראָטעסק-אַרטיק האָבן אויסגעזען די פּאַראַדן פון גרופּן פאַר דייטש-פראַנצויזישער פריינדשאַפט ״אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון פירער״.

דער פּאַלאַץ פון ווייל-פּיקאַר איז דורך דעם שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פעסטונג. דער אַריינגאַנג-טויער — פאַרבאַריקאַדירט. אויף אַריינצוגיין אין בנין, איז געבליבן א קליין טירל, וואָס האָט זיך געעפנט פון אינעווייניק מיט דער הילף פון אַן עלעקטרישן קנאָפּ. פאַר דער פּאַסאַדע פון בנין זענען אויפגעשטעלט געוואָרן מאַשין-געווער, און פון דער אַנדערער זייט זענען פאַרשטאַרקט געוואָרן די זיכערקייט-מיטלען. די ווערמאַכט האָט אויסגענוצט דעם פרייען באָדן אין דער לינקער זייט פון דעם הויז, פאַר א גאַראַזש פאַר די אויטאָמאָבילן. צוליב פאַרזיכטיקייט-טעמים, האָט די זאָנדערקאָמאַנדאָ נישט

אריינגעלאָזן די אויטאָס אין הויף. די באַזוכערס זענען אריין געגאַנגען דורך א ספּעציעלער עפענונג אין דער גרענעץ־וואַנט, כדי נישט באַמערקט צו ווערן פון דרויסן. אין א זייט פון דעם בנין האָט א טיר געפירט צו די קעלערן, וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין תפיסה־קאַמערן. די אַמאָליקע בילדער־גאַלעריע איז דורך א מאַקאַברישן איינפאַל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פייניקונג־צימער. די שיינקייט האָט אָפּגעטרעטן דאָס אָרט דער שוידערלעכקייט. אין דעם בנין איז אין אַפּריל 1944, געבוירן געוואָרן דער זון פון מאַרגאַרעט באַרטשאַ און קענט.

די אַלע פאָרזיכט־מיטלען פון פּאַנוויצן האָבן אָנגעזאָגט, אַז עס דערנענטערט זיך די דערוואַכונג פון פּאַריז, אַז אויף אירע גאַסן וועלן אויפגעשטעלט ווערן באַריקאַדן. מיט לעסאָוואַין האָבן מיר אויסגעאַרבעט א פּלאַן, צו פאַרמאַכן, מיט דער הילף פון די פּאַרטיזאַנער־גרופּן פון די פ.ט.פּ. (אַ קאָמוניסטישע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע) דעם וועג פאַר די אַנטלויפערס פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, ווען די שעה וועט קומען. אַלעקס גרופּע האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו אָבסערווירן דעם בנין, פאָטאָגראַפירן די הונדערטער אַריינגייערס און אַרויסגייערס. עס זענען אויך געוואָרן אָבסערווירט און פאַרשריבן די אַרויסגענג פון קענטן און מאַרגאַרעטן, די טראַנספּאָרטן פון אַרעסטירטע און די באַוועגונג פון די שוואַרצע סיטראָען־אויטאָס.

לעווי, אַן עלטערער יידישער אַרעסטאַנט וועמען די דייטשן האָבן באַנוצט אַלס גערטנער, האָט אונדז איבערגעגעבן ווערטפולע ידיעות. דער ציל איז געווען: בלאָקירן די זאָנדערקאָמאַנדאָ, ווען פּאַריז וועט באַפרייט ווערן און מיט דער הילף פון דרייסיק באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער, אוממעגלעך מאַכן די געסטאַפּאָ־באַנדעס צו אַנטלויפן. מיר האָבן דורך דער פאַרמיטלונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צו וויסן געטאָן דער צענטראַלע אין מאָסקווע פון אונדזער פּלאַן. נישט באַקומענדיק קיין תשובה, האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם פּלאַן.

פּאַנוויצס פאַרברעכערישע אַוואַנטורע האָט געהאַלטן ביים סוף, נאָר דער הענקער פון פּראַג האָט נישט געהאַט בדעה צו זינקען מיט דער אונטערגייענדיקער ברענענדיקער שיף. מיט דער כוונה זיך ריינצווואַשן, ווייל ער האָט געוווסט אַז סוף־כל־סוף וועט ער מוזן אָפּגעבן א חשבון פון זיינע שוידערלעכע מעשים און זיך שטעלן צום משפּט פון דער מענטשהייט, האָט ער פּרובירט, אויף וויפל ס׳איז געווען מעגלעך, צו פאַרווישן די שפּורן פון די גרויזאַמקייטן, פאַר וועלכע נאָר ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך. וואָס שייך מאָסקווע, האָט ער אויסגעשאָסן אַלע קוילן. ער האָט צו וויסן געטאָן דער צענטראַלע וועגן מיין אַנטלויפן, דורך די שרייענדיקע זוך־קאָמוניקאַטן, וועלכע ער האָט איבערגעשיקט צו אַלע פּאָליציי־אַמטן. ער האָט געגלויבט, אַז דערמיט וועט ער מיך נייטראַליזירן. גלייכצייטיק האָט ער אָבער אַנערקענט, אַז "דער גרויסער שעף" האָט זיך געפונען אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ און די זענדונגען, וועלכע זענען במשך הדשים געשיקט געוואָרן דער צענטראַלע, זענען געווען דיקטירט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. ער האָט אויפגעדעקט דעם "גרויסן שפּיל". ער האָט געוווסט, אַז אין דער מחנה פון די אַליאַנטן, בעמט קיינער נישט ערנסט די עווענטואַליטעט פון א סעפּאַראַטן שלום

מיט דייטשלאנד, וועלכע געפינט זיך ערב א צוזאמענברוך, אויסער באזונדערע איניציאטיוון פון עטלעכע לייט פון היטלערס סביבה, וואָס האָבן נישט אויפגעגעבן זייערע פאלשע האָפענונגען און זיך פארעקשנט צו שטעלן אין פארבינדונג מיט די אנגלאָ־אמעריקאנער. אלץ איז שוין געענדיקט. זינט דעם דורכגעפאלענעם אטענטאט אויף היטלערן, דעם 20סטן יולי 1944, האָט דער פירער פארבאָטן פאָרצוזעצן די "בער־אָפעראציע" — דער נייער נאָמען, מיט וועלכן זיי האָבן באצייכנט דעם "גרויסן שפיל".

אָבער פאנוויצן, פון די טרייעסטע דינערס פון נאצי־רעזשים, וואָס האָט זיינע הענט געטונקטן אין טייכן בלוט; דעם שעף פון די פראָגער רוצחים — גייט דאָס אלץ נישט אָן, איצט, ווען דער נאצי־רעזשים ברעכט זיך. ער זוכט צו ראטעווען זיין פעל! אָדער ער וועט אנטלויפן ווי אלע אנדערע און זיך אויסבאהאלטן ערגעץ־ווו אין לאטיין־אמעריקע, אָדער ער וועט ווי א האָז ארייינפאלן אין א פאסטקע און באהאנדלט ווערן דורך די ענגלענדער ווי אַ קריגס־פארברעכער — וואָס איז נישט פאר אים קיין לייזונג, אָדער ער וועט ווייטער אָנהאלטן די פארבינדונג מיט מאָסקווע, מיט דער האָפענונג, אז דער ראטן־פארבאנד וועט נעמען אין אכט די פארדינסטן פון זיין טעטיקייט פאר אירטוועגן.

פאנוויץ האָט אויסגעקליבן די דריטע לייזונג. מיר האָבן היינט זיכערע באווייזן, אז ביז מאי 1945, איז ער ביי דער מיטארבעט פון "טרייען" קענט, ווייטער אָנגעגאנגען מיט זיין פערזענלעכן שפיל. ביז דער לעצטער מינוט פון דער מלחמה, האָט ער געשיקט קיין מאָסקווע מיליטערישע ידיעות. קענט האָט צו וויסן געטאָן דער צענטראלע, אז ער געפינט זיך אין פארבינדונג מיט א גרופע דייטשן, וואָס פארנעמען וויכטיקע אמטן און אין די באדינגונגען איז אים מעגלעך צו שיקן ידיעות פון ערשטראנגיקער וויכטיקייט. דער זעלבער קענט האָט אין יולי 1944 אָנגעפרעגט די צענטראלע, צי דארף ער בלייבן אין פאריז, אָדער פארלאָזן די שטאָט, צוזאמען מיט זיינע דייטשע פריינד! די צענטראלע האָט אים געעצהט, ער זאָל אוועק מיט די נאציס, אָבער גלייכצייטיק זאָל ער אָנהאלטן מיט דער צענטראלע די פארבינדונג. פארשטענדלעך, אז פאנוויץ איז געווען צופרידן פון די דירעקטיוון: אין זיין קאָלאבאָראציע מיט די רוסן, זעט ער אן אומדערווארט מיטל ארויס צו נעמען זיינע קאשטאנעס פון פייער. אזוי ארום נעמט אָן דער "גרויסער שפיל", דורך דער אינטערווענץ פון פאנוויצן, א דריטע דימענסיע. דער אורשפרונגלעכער פלאן פון הימלערן האָט געצילט צו צעברעכן די אנטי־היטלערישע קאָאַליציע, מיטן גלייכצייטיקן שיטן זאמד אין די אויגן מאָסקווע און די אנגלאָ־אמעריקאנער. די זאָנדערקאָמאנדאָ האָט דורך די זענדונגען פון רויטן אָרקעסטער געמאכט גלויבן די רוסן, אז די אליאנטן זענען גרייט אונטערצוהאנדלען מיטן דריטן רייך. מיט די זעלבע מאנעווערן האָבן זיי גלייכצייטיק זיך באנוצט ביי די אליאנטן. אין דעם עטאפ פון "גרויסן שפיל", איז שוין נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו פארקריכן גאר ווייט. פון דער העלפט 1943, איז שוין נישט געווען קיין צווייפל אין דעם אויסגאנג פון דער מלחמה. פון יענער צייט, האָבן די נאצי־פירער באמת זיך אָריענטירט אויפן "גרויסן שפיל" צו דערגיין צו א סעפאראטן שלום — דורך

הימלערס פאַרמיטלונג מיטן מערב, הגם וואָס שייך באַרמאַנען, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דעם "גרויסן שפּיל", איז עס ווייניקער זיכער.

ווי עס זאָל נישט זיין — איז שוין געווען צו שפּעט. דער פּרווו האָט שוין נישט געהאַט קיין שאַנסן אויף דערפאָלג. נישט רוזוועלט, נישט טשערטשיל, און אוודאי נישט סטאַלין, וואָס זענען געווען איבערצייגט אין דעם ענדגילטיקן מיליטערישן ניצחון — האָבן שוין נישט געוואָלט פאַרהאַנדלען. אין די אומשטענדן פון יאָר 1944, האָט פּאַנוויץ זיך אנגעשטרענגט אויסצונוצן דעם "גרויסן שפּיל" פאַר זיינע פּערזענלעכע צוועקן.

פאַרן נעמען דעם וועג קיין מאָסקווע, האָט פּאַנוויץ געוואָלט זיך פאַרזיכערן זיין הינטערלאַנד, וואָס האָט געמיינט: אַפּרוימען די עדות פון זיינע גרויזאַמע מעשים, וועלכע ער איז באַגאַנגען בראש פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. דער תלין פון פּראַג האָט זיך תמיד באַוועגט אין דער מאַסקע פון א געהיים־אַגענט. אונטערדריקן, דערמאָרדן — איז געוואָרן זיין געוווינהייט. איינער נאָכן צווייטן זענען געפאַלן קעפּ. איינער נאָכן אנדערן זענען געוואָרן דערמאָרדערט אונדזערע אַרעסטירטע און פאַרפּייניקטע חברים. צו ערשט איז אומגעקומען לעאָ גראָספּאָגעל. אין מאַי 1944 האָט א דייטשער מיליטערישער טריבונאַל אים פאַרמשפּט צום טויט, נאָך דעם ווי ער האָט פון דעצעמבער 1942 זיך געפונען אין דער טורמע פון פרען און נישט געוווסט וועלכער גורל אים דערוואַרט.

ווען מיר האָבן זיך דערוווסט פון גראָספּאָגעלס טויט־אורטייל, איז דאָס פאַר אונדז געווען אן אַלאַרם־סיגנאַל. מיר זענען געווען זיכער, אז עס וועלן נאָכפאָלגן אנדערע, אז די זאָנדערקאָמאַנדאָ איז דעציִדירט, פאַרן אנטלויפן, אויסצומאָרדן אַלע אונדזערע אַרעסטירטע חברים. מאַקסימאָוויטש און ראַבינסאָן האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל. פערנאַן פּאָריאַל און סוזאַן ספּאַאַק זענען דעם 12טן אויגוסט 1944 דערשאָסן געוואָרן אין דער טורמע פון פרען. דעם 6טן יולי 1944, האָט מען אין בערלין אָפּגעהאַקט איזבוצקין דעם קאָפּ. דעם זעלבן טאָג האָט מען אויפן נאַציאָנאַלן שיספּלאַץ אין בריסל דערשאָסן ווינטערינקן. דעם 6טן אויגוסט 1944 האָבן זיי אומגעברענגט אין בערלין גראָספּאָגעלס פרוי, זשאַן פּעזאַן.

נאָך דער מלחמה האָט פּאַנוויץ פיל מאָל געגעבן אויפקלערונגען (ער האָט פּרובירט זיך צו באַרעכטיקן). אין איינער פון זיי זאָגט ער: "... די אַגענטן פון רויטן אָרקעסטער, וואָס זענען אויף מיין באַפעל אומגעבראַכט געוואָרן, האָט מען פאַרמשפּט צום טויט פאַר מיין אָנקומען..." דאָס איז נישט אמת! ווייל אויב אפילו דאָס זאָל זיין ריכטיק, האָט ער, ווי דער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, געהאַט די רעכט אָפּצולייגן דאָס אויספירן פון אורטייל. אויב ער האָט דאָס נישט געטאָן, איז עס פשוט דערפאַר, ווייל ער האָט פאַר זיין אוועקגיין געוואָלט אָפּרייניקן דעם באָדן.

איך וויל איצט צוגעבן עטלעכע פּרטים צו באַלייכטן דעם סוף פון פערנאַן פּאָריאַל און סוזאַן ספּאַאַק, ערב דער באַפרייונג פון פּאַריז, צו וועלכער זיי האָבן אזוי שטאַרק געשטרעבט — און נישט זוכה געווען. איך שטעל זיך פאָר ווי גרויס וואָלט געווען זייער פרייד צו באַטייליקן זיך אין דעם יום־טוב פון דער באַפרייונג,

צוזאמען מיטן צאַלרייכן פאַריזער עולם, וואָס האָט פאַרפּלייצט די גאסן און געפייערט די גרויסע געשעעניש...

אין משך פון לאנגע חדשים האָט פּאנוויץ געהאָפט, אז אים וועט געלינגען צו מאכן ריידעוודיק פערנאנדן און סוזאנען, וויסנדיק, אז זיי איז באקאנט דער "גרויסער שפּיל". אין דער מהומה וואָס איז אנטשטאנען פאַר זיין אָפּפאָרן, האָט ער באשלאסן זיי אָפּצורוימען. אונדזערע צוויי חברים זענען אויף א שענדלעכן אופן דערמאָרדעט געוואָרן אין זייערע קאמערן און אין געהיים געוואָרן באגראָבן. פּאנוויץ איז אזוי ווייט אוועק מיט זיין ציניזם, אז ער האָט געשריבן צו סוזאנס שוואָגער, פּאָל העגרי ספּאָאַק, דער אויסערן־מיניסטער פון דער בעלגישער רעגירונג אויף עמיגראַציע, אז ער האָט אָנגענומען אלע מיטלען צו באשיצן סוזאנען. פּאָל העגרי ספּאָאַק האָט געקענט זיין רויק, זיין שוועגערין וועט אין פולער זיכערקייט זיך דערוואַרטן צום סוף פון דער מלחמה. קענענדיק פּאנוויצן, איז נישט אויסגעשלאָסן, אז דעם בריוו צו ספּאָאַקן האָט ער געשיקט דעם זעלבן טאָג, ווען ער האָט איבערגעגעבן סוזאנען אין די הענט פון די תלינים!

נאָך דער באפרייונג, דעם 27־סטן אויגוסט 1944, בין איך מיט אלעקס לעסאָוואַי אוועק אין דער טורמע פון פרען, צו דערגיין וואָס איז געוואָרן מיט אונדזערע פריינד. קיינער איז נישט געווען אין שטאנד צו געבן גענויע ידיעות. אָבער נאָך אן ענערגישער פאָדערונג, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז די דייטשן האָבן זיי נישט מיטגענומען. קענענדיק די געסטאַפּאָ־געוווינהייטן, האָבן מיר זיך פאַרגעשטעלט דאָס ערגסטע: אויב סוזאן און פערנאן האָבן נישט "נאָכגעפאָלגט" די לייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, באדייט עס, אז מ׳האָט זיי דערמאָרדעט און וואַרשיינלעך באגראָבן אין דער געגנט. מיר האָבן אָנגעהויבן באזוכן איינעם נאָכן אנדערן די בית־עלמינס אין דער סביבה פון דער תפיסה אין פרען און נאָכגעפאָרשט זייערע אָקטן. מיר האָבן געטראכט, היות די דייטשן זענען תמיד פּינקטלעך, האָבן זיי אפשר פאַרשריבן זייערע נעמען און דאַטע פון אומקום.

דורכפירנדיק כסדרדיקע אויספאָרשונגען אויף די בית־עלמינס, וועלכע געפינען זיך אין דער פאָרשטאָט פון דרום פּאַריז, האָבן מיר אנטדעקט אויפן בית־הקברות פון באַניע שפּורן פון סוזאן ספּאָאַק און פערנאנד פּאָריאָל. אונטן, אויף א זייט פון אויפשריפט, ווו די דאַטע איז אויסגעפאַלן אין דער זעלבער צייט פון זייער אומקום, האָבן פיגורירט די ווערטער: "א בעלגערין", "א פראנצויז". אָן ספק, עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן סוזאנען און פערנאנדן. מיר האָבן גערעכנט, אז די שומרים פון בית־עלמין וועלן אונדז אינפאָרמירן. לכתחילה האָבן זיי געלייקנט, אז זיי ווייסן פון עפּעס, לסוף האָבן זיי דאָך זיי באַוויליקט אויפצודעקן דעם אמת. זיי האָבן זיך נאָך געפונען אונטערן איינדרוק פון דעם אָנפאַל פון די געסטאַפּאָ־לייט און זייערע דראָונגען מיט רעפּרעסיעס, אין פאַל ווען זיי וועלן דערציילן. נאָך אָנגעשראָקענע, האָבן זיי אונדז איבערגעגעבן, אז אין אָוונט פון 12טן אויגוסט, זענען די דייטשן געקומען מיט צוויי קאסטנס און פאַרלאַנגט, מ׳זאָל זיי צופירן צו א פייכטן אָרט, אויפגעצוווּנגען צוויי באגרעבערס אויסצוגראָבן צוויי קברים, אריינגעלייגט די טויטע

קערפּערס און זיי באַשפּריצט מיט אַ כימישן שטאָף צו פאַרשנעלערן דעם פונאַנדערפאַל.

אַ דאַנק די דאָזיקע פּאַרזיכט־מיטלען, האָט פּאַנוויץ געגלויבט, אַז זיין פאַרברעכן וועט נישט אַנטדעקט ווערן.

אין מערץ 1974 האָט מיר העלען פּאַריאַל דערציילט אין קאָפּענהאַגען, אין וועלכע אומשטאַנדן זי האָט זיך געזען צום לעצטן מאָל מיט פערנאַנדן, ווי אַזוי זי האָט זיך דערוווּסט פון זיין טויט און ווי אַזוי אַלעקס לעסאָוואָי און איך האָבן אַנטדעקט זיין קבר אין באַניע:

"דאָס איז געווען אָנהייב יאַנואַר 1944. איך גלויב, אַז דאָס האָט געמוזט זיין צווישן דעם 15טן און 16טן יאַנואַר, דערהאַלט איך אַ בריוו מיט אַן אַדרעס געשריבן פון מיין מאַן און אַדרעסירט צו מאַדאַם העלען פּאַריאַל, ביי מאַדאַם פּרוניע, 19 אַוועני דאַ לאַ גראַנד־פּעלוס, אין לאַ וועזינע. אין דעם בריוו זענען געווען נאָר עטלעכע שורות אין וועלכע ער האָט געבעטן, איך זאָל דעם 19טן קומען אויף סאָסיי־גאַס, וווּ איך וועל אים אפשר קענען זען און איך זאָל אים ברענגען אַן אַנצוג. איך האָב אַזוי געטאָן, און בין דעם 19טן יאַנואַר אַוועק אויף דער סאָסיי־גאַס מיט דעם בריוו. איך האָב מיטגענומען די קליינע. נאָר געפינענדיק זיך שוין אינעווייניק, האָב איך זיך געזאָגט: 'איך בין חסר־דעה, כ'האָב נישט באַדאַרפט מיטנעמען די קליינע מיט זיך'. איך האָב אין דער מינוט נישט געטראַכט, נאָר געהאַט אַ פאַרלאַנג צו זען, צי ער לעבט נאָך, צו זען אים. איך האָב נישט געטראַכט, אַז ס'איז אַ משוגעת מיטצונעמען אַ קינד. ווייל זיי האָבן דאָך מיר געקענט אויך צונעמען די קליינע. איר פאַרשטייט וואָס דאָס איז? מען ווייסט נישט אין געוויסע מאָמענטן ווי מען וועט רעאַגירן. אַזוי לאַנג, ווי מען האָט עס נישט אַדורכגעמאַכט, ווייסט מען נישט ווי מ'וועט רעאַגירן, וואָס וועט מען טאָן. מ'האָט מיך אַרויפגעפירט, איך ווייס נישט גענוי, מעגלעך אַז ס'איז געווען דער דריטער שטאָק, געלאָזט וואַרטן מיטן קינד אין אַ צימער אויף אַ קאַנאַפּע. פינף אָדער זעקס מינוט שפּעטער, זענען אַריין געקומען צוויי דייטשן און הינטער זיי — מיין מאַן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר. ער האָט געטראָגן דעם אַנצוג, אין וועלכן ער איז געוואָרן אַרעסטירט. דער אַנצוג איז געווען באַפלעקט מיט בלוט. ער האָט צוגענומען דעם טשעמאָדאַן וואָס כ'האָב געבראַכט. דאָס האָט אַזוי געדויערט אַ פערטל שעה, צוואַנציק מינוט — און מ'האָט מיך אַרויסגעפירט. איך האָב געוואַרט אין דרויסן און געזען אים אַוועקפירן אין אַ געסטאַפּאָ־וואָגן. און דאָס איז אַלץ.

דערנאָך, האָב איך שוין מער פון אים נישט געהערט. האָב איך געטראַכט, אפשר האָט ער אַנטייל גענומען, איר ווייסט... ס'איז געווען אַן אויפשטאַנד אין דער טורמע פון פרען, די אַרעסטירטע האָבן רעוואָלטירט, האָב איך זיך געזאָגט: אפשר איז ער געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער געשיכטע, אָבער אין יאַנואַר האָט ער דאָך געלעבט, און פון יאַנואַר ביז אויגוסט האָט מען אים נישט אומגעבראַכט. ס'איז אוממעגלעך, ער זאָל זיין טויט. איר ווייסט, מען האָט תמיד... מען גלייבט תמיד, אַז עס זענען פאַראַן אוממעגלעכע זאַכן, אַז זיי קענען טרעפן נאָר אַנדערע, אָבער נישט אייך. בפרט, ווען ער איז געווען אַזוי יונג. איך האָב געזאָגט: דאָס

איז אוממעגלעך, ער דאַרף זיך געפינען ערגעץ־ווו, אָדער ער איז געוואָרן דעפּאָרטירט, אָדער ער געפינט זיך מיט די אויפשטענדלער. נאָך דער באַפרייונג פון פּאַריז בין איך אוועק אין דער צייטונג „ל'הימאַניטע", ווייל דאָרטן האָבן זיך געפונען רשימות. מען האָט מיר געזאָגט: 'ניין, מיר האָבן גאָרנישט, מיר האָבן נישט קיין רשימות, מען דאַרף האָפן'...

דעם ערשטן זונטיק פון אָקטאָבער 1944, האָט מען געקלונגען ביי מיין טיר, איך האָב געעפנט און דערזען א יונג מיידל, וואָס פרעגט, צי איך בין מאַדאַם פּאַריאַל. איך ענטפער 'יאָ'. זאָגט דאָס מיידל: 'איך קאָן אריינגיין?' — 'אויב איר ווילט'... איך האָב זי געבעטן זיצן און זי פרעגט: 'אייער מאַן איז געווען ארעסטירט?' איך ענטפער: 'יאָ, אָבער איצט וועט שוין לאַנג נישט דויערן, ער וועט צוריק קומען, איך וועל האָבן פון אים נייעס'... זי האָט זיך א ביסל געוואַקלט און גיט א זאָג מיט איינמאָל: 'איך האָב א טרויעריקע נייעס אייך מיטצוטיילן. אייער מאַן איז...' ביי דעם האָב איך איר געוויזן די טיר און געהייסן גיין. דאָס איז דאָך אוממעגלעך! אין צוויי שעה ארום איז דאָס מיידל צוריק געקומען, האָב איך געבעטן זי זאָל מיר אנטשולדיקן, און געוואָלט איר דערציילן... זי האָט מיר דערלאַנגט א בריוו פון מיין מאַן און פשוט דערקלערט: 'דאָס איז דער לעצטער בריוו פון אייער מאַן'... דאָרט איז געווען דאָס חתונה־רינגל, אין בריוו האָט זיך אויך געפונען די צייגעניש, וואָס דער גלח האָט צוגענומען. איר ווייסט, דער דייטשער פּאַסטאָר וואָס איז געווען אין דער תפיסה פון פרען, האָט געזעגנט די פאַרמשפּטע צום טויט אין די קאַמערן און איז געווען מחוייב זיי נאָכצוגיין ביזן סוף. היות דער פּאַסטאָר האָט זיי באַגלייט אויפן בית־עולם אין באַניע, האָט ער דאָרט צוגענומען דאָס בלויע צעטל, אויף וועלכן ס'איז געווען געשריבן 'אומבאַקאַנטער פראַנצויז, דערשאָסן דעם 12טן אויגוסט'. דאָ, האָב איך שוין באַדאַרפט פאַרשטיין — אָבער נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלויבן, אז דאָס איז געווען מעגלעך. איך האָב זיך געזאָגט: 'ס'איז אפשר א טעות'. צו דער טרויעריקער איבערצייגונג בין איך געקומען ערשט דעם 14טן נאָוועמבער 1944 אין באַניע, ווען מען האָט זיי ארויס גענומען פון די קברים. עס זענען נאָר געווען צוויי אומבאַקאַנטע: א בעלגערין און א פראַנצויז, דערשאָסענע דעם זעלבן טאָג. מען האָט געעפנט די קאַסטנס — ער איז געווען אין דעם אנצוג, וואָס איך האָב אים געבראַכט... ס'איז געווען אן אנצוג פון גרויען פלאַנעל. דאָס איז געווען ער..."

אַלע ארעסטירטע פון רויטן אָרקעסטער, מיטן אויסנאַם פון סוזאַן ספּאַאַק און פערנאַן פּאָריאַל, וועמענס אויספאָרשונג ס'האָט געפירט פּאַנוויץ גופא, זענען אריבער געפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. ווען זשעאָרזשי דע ווינטער איז אריבער געפירט געוואָרן פון דער טורמע אין נויאי אין פרען, איז איר געלונגען צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט סוזאַן ספּאַאַק. דעם 10טן אויגוסט 1944, האָט מען זשעאָרזשי דע ווינטער אוועק געפירט אויפן מזרח־וואָקזאַל פון פּאַריז. אויפן פּעראָן האָט זי געטראָפן מאַרגאַרעט באַרטשאַ מיט אירע צוויי קינדער. פּאַנוויץ גופא האָט אָנגעפירט מיט דעם אָפּפאָר. ער האָט געוואָרנט זשעאָרזשין, אין פאַל ווען זי

וועט אַנטלויפן, וועט איר זון, דער קליינער פּאַטריק, דערפּאַר באַצאָלן... פּאַנוויץ איז ביז דער לעצטער סעקונדע פאַרבליבן דער מייסטער פון שאַנטאַזש.

דער צוג, וועלכער האָט געפירט זשעאַרזשין, האָט דעם ערשטן אָפּשטעל געמאַכט אין קאַרלסרוהע, אין דער שטאָט וווּ רייזער, ווי כ׳האָב שוין איבערגעגעבן, איז געוואָרן שעף פון דער געסטאַפּאָ, נאָך דעם ווי מען האָט אים אַראָפּגעזעצט פון דעם זעלבן אמט אין פּאַריז. זיי האָבן צו וויסן געטאָן רייזערן דעם אָנקום פון זשעאַרזשי. געשטויסן פון... דעליקאַטע כוונות (דאָס ווינציקסטע וואָס איך האָב געקענט פון אים דערוואַרטן), איז ער געקומען זי זען. אַנשטאָט א באַגריסונג, האָט ער באַנייט די דראָונג פון פּאַנוויצן. זשעאַרזשי דע ווינטער האָט מען געשלעפּט פון תפיסה אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. נאָך קאַרלסרוהע זענען לייפּציג, ראַווענסבריק, פראַנקפורט, זאַקסענהאַוזען געווען די עטאַפּן פון איר יסורים־וועג.

קענט איז געבליבן צוגעדריקט צו א בלינדער וואַנט. ווו ער זאָל זיך נישט האָבן געווענדט, האָט ער זיך געזען באַזיגט און פאַרלוירן... ער האָט געוווּסט, אַז אויב איך וועל אויסמיידן די געסטאַפּאָ, וועל איך אויפדעקן זיין פאַראַט פאַר דער צענטראַלע. פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, וועמען ער האָט פון מיין אַרעסט טריי געדינט, האָט ער אויך נישט געקאָנט דערוואַרטן עפּעס בעסערס: ער וועט אָן רחמנות אַרויסגעוואָרפן ווערן אויף דעם מיסט. דער נעגער האָט זיינס געטאָן, דער נעגער קאָן גיין... דער איינציקער וועג וואָס איז אים פאַרבליבן, כדי צו געווינען א ביסל איינזען ביי די געסטאַפּאָ־לייט איז געווען — איבערגעטריבענער אייפער צו דינען זיי, אַרויסווייזן זיינע פעיקייטן אויף אויסצופירן די שמוציקסטע, פאַרעטערישע אויפגאַבן.

סוף 1940, האָט די צענטראַלע ביי מיר פאַרלאַנגט אויסצופאָרשן א געוויסן וואַלדעמאַר אָזאָלס, אָדער סאָליא, וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט אין דער סאָוועטישער געהיים־דינסט. הגם די צענטראַלע האָט געהאַט א פאַרדאַכט אויף דעם געוועזענעם לעטישן גענעראַל וואָס האָט געקעמפט אין שפּאַניע אין די רייען פון די רעפּובליקאַנער און אונטערגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די ווישי־קרייזן, האָט זי דאָך געזוכט א מעגלעכקייט פון זיין מיטאַרבעט. איך האָב געענטפערט, אַז לויט די ידיעות וועלכע איך באַזיץ וועגן אים, איז ער ווייט פון פאַרצושטעלן מיט זיך די נייטיקע זיכערקייט־גאַראַנטיעס — און איך האָב געעצהעט זיך אָפּצוהאַלטן. קענט האָט אויסגעצייכנט געוווּסט פון דעם ראַדיאָ־אויסטויש מיט דער צענטראַלע וועגן דעם ענין. ער גופא האָט דאָך דעשיפרירט די דעפּעשן, די פראַגן און תשובות וועגן דעם.

גירינג האָט זיך פאַראינטערעסירט צו טרעפן מיט אָזאָלסן. פאַרויספילנדיק א מאַנעוור מצד דעם שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, האָב איך אָפּגעלענקט זיינע זוכונגען. נאָר עטלעכע טעג פאַר מיין אַנטלויפן, האָט פּאַנוויץ אויסגעפונען די שפּורן פון אָזאָלסן און קענטן איז געלונגען מיט אים זיך צו טרעפן. דאָ איז געשען די קאַטאַסטראָפע: ער האָט אַרויס באַקומען פון אָזאָלסן, ער זאָל אים פאַרשטעלן פאַר דעם קאַפּיטאַן לעזשאַנדר. דער געוועזענער שעף פון דער "מיטרידאַט־נעץ", לעזשאַנדער, האָט געגלויבט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַן אַגענט פון סאָוועטישן

געהיים־דינסט און אים איבערגעגעבן א רשימה פון פראנצויזישע ווידערשטענדלער. אויף דעם צודרינגלעכן פארלאנג פון קענטן, האָט ער אויך מסכים געווען — דאָ האָט קענט באוויזן א מייסטערשטיק — אים צו געבן מיליטערישע ידיעות פון די באפרייטע דורך די אליאירטע געביטן, וועלכע ער האָט געהאַט א דאנק דער מיטארבעט פון זיינע אייגענע גרופן. פאנוויץ איז דערפון געווען אין זיבעטן הימל, און ווי איך שטעל מיר פאָר, באגריסט קענטן פאר די דערגרייכטע רעזולטאטן. ווען לעזשאנדר האָט געפרעגט קענטן די סיבה פון דער סאָוועטישער ״בייגעריקייט״, זאָל ער אים האָבן געענטפערט, אז דער אנגלא־אמעריקאנער הויפּט־שטאב מיידט אויס, אויפן געביט פון אינפאָרמאציע, מיטצוארבעטן מיטן געהיים־דינסט פון דער רויטער ארמיי, און אז דער מאנגל פון קאָאָרדינאציע קען האָבן שווערע פאָלגן. ער רעכנט דעריבער אויף דער נעץ פון קאפּיטאן לעזשאנדר אויסצופילן דעם בלויז.

יאָ, קענט האָט זיך כשר פארדינט די עפּאָלעטן פון אָ פּולווערטיקן מיטגליד פון דער זאָנדערקאָמאנדאָ. ער האָט דערגרייכט פאנוויצס דאנקבארקייט, ער וועט נישט ווערן ליקווידירט. אין מאָמענט פון פאקן די טשעמאָדאנעס צום אנטלויפן, וועט דער שעף זיך דערמאָנען אין זיין לעצטן, רומפולן אקט. און קענט האָט מיט רעכט פאראדירט, ווי מיר זעען דאָס אויף א פאָטאָגראפיע, פארן טויער פון דעם בנין אויף דער קורסעל־גאס, קוים עטלעכע טעג פאר דער באפרייונג פון פאריז.

פאריז האָט רעוואָלטירט, מען מוז אוועק! די מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאנדאָ שטאָפּן אָן זייערע אויטאָס מיט באגאזש... א מאן ווארפט זיך אויפן הויז־וועכטער און שרייט: — גיב אכטונג, ווײ וועט זיין צו דיר, אויב וועסט ריידן! דער מאן, דאָס איז ער — קענט!

דער גרויסער טאָג איז ענדלעך געקומען... דעם 25סטן אויגוסט 1944, גאנץ פרי, איז אלעקס לעסאָוואַי צו מיר געקומען אויף אווענו די מען. מיר איילן זיך אָנצוקומען אויף רי דע קורסעל, אין דער ווילע וועלכע עס האָט פארנומען די זאָנדערקאָמאנדאָ.

ס'איז שווער געווען דורכצוגיין די גאסן פון פאריז, וואָס האָט דערוואכט צו באפרייונג. אויף רי דע ריוואָלי זענען נאָך אָנגעגאנגען קאמפן. מיר האָבן זיך געמוזט פארהאלטן. מיר האָבן זיך געוואָנדן צו די פארטיזאנער, וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט די דייטשן. די ווערמאכט־סאָלדאַטן האָבן געשטעלט דעם לעצטן ווידערשטאנד. פון פארשידענע זייטן האָבן זיך געהערט שיסערייען. נאָר די יונגעלייט מיט די אָרעם־בענדער און ברייט־צעעפנטע העמדער אויף דער ברוסט, מיט אויסגעמאטערטע פנימער, וואָס האָבן געשרעבט א סוף צו מאכן צו דער אונטערדריקונג; די דאָזיקע ייִנגלעך, וואָס זענען זיך אָנגעלאָפן פון אומעטום, כדי אָפּצורייניקן די לעצטע שפורן פון דער אָקופּאציע — האָבן פארמאָגט זייער פיל גראנאטן, — נאָר ליידער, נישט געוווּסט ווי אזוי זיך מיט זיי באגיין...

ווי דערפארענע אונטערגרונט־קעמפער וואָס זענען פון דער פינצטערניש ארויס אויף דער ליכטיקער שיין, האָבן מיר געמוזט זיי העלפן! אלעקס לעסאָוואַי, באגייסטערט צו קענען שלאָגן דעם שונא פנים־אל־פנים, נאָך דעם ווי ר'איז

יאָרנלאַנג געווען פאַרפאַלגט אין אונטערערדישן קאַמף — האָט זיך אין מאָמענט פאַרוואַנדלט אין אַ מיליטערישן אינסטרוקטאָר. ער האָט דאָס תיכּף באַוויזן מיט מעשׂים: די דייטשע גאַסן־באַריקאַדע איז געוואָרן אויפגעריסן.

עטוואָס ווייטער האָבן מיר אַנטייל גענומען אינעם קאַמף אַרום דעם האָטעל "מאַזשעסטיק", וווּ ס'האָט זיך געפונען דער הויפּטשטאַב פון דער ווערמאַכט. מיר האָבן דערגרייכט דעם פּלאַץ דע לאַ קאָנקאָרד — און אַ נייער קאַמף אַרום דעם האָטעל "קריאָן". נאָך מיטאָג זענען מיר ענדלעך צוגעקומען צו דער קורסעל־גאַס. ס'איז געווען צוויי שעה נאָך דעם, ווי די זשאַנדאַרקאַמאַנדאַ איז אַנטלאָפן פון דעם בנין.

מיר געפינען זיך און דער פייניקונג־הייל פון פאַנוויצן און זיינע באַנדיטן. דאָ זענען אונדזערע חברים געוואָרן געפּייניקט, דאָ האָבן זיי שרעקלעך געליטן. מיך שטיקט דער ווייטיק. מיר גייען פאָרזיכטיק פאָרויס, נישט אויס פּחד, נאָר מחמת מיר האָבן אַ פאָרגעפיל, אַז אָט־אָט וועלן מיר זיך אָנשטויסן אויף דעם גרויל גופא. זיי זענען אַוועק — און אַלץ ווייזט, אַז זיי זענען אַוועק אין געאייל. די ביוראָען זענען פול מיט פּאַפּירן, וועלכע זיי האָבן נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרברענען. אין קעלער, אויפן דיל פון די קאַמערן, וואַלגערט זיך נאָך אַרום דאָס פאַרפוילטע שטרוי, אויף וועלכן עס זענען געלעגן די אַרעסטירטע. מיר גייען אַריין אין אַ באָדצימער. אין דער וואַנע, אויפן דיל, אויף די ווענט — בלוט־פלעקן... דאָ האָט מען זיי געפּייניקט! אויפן ערשטן שטאָק, אין דער אַמאָליקער קונסט־גאַלעריע, די זעלבע גרויסע, טונקעלע פלעקן. מיר גייען אַרויף אויפן צווייטן שטאָק. אין איין צימער אויפן טיש געפינען מיר פּאַפּירן, באַדעקט מיט ציפערן. אָן ספק, דאָ איז איינגעשטאַנען יעפּרעמאָוו. דער הויז־וועכטער באַשטעטיקט אונדזער השערה: ער איז אַוועק מיט דער זשאַנדאַרקאַמאַנדאַ.

מיר נעמען צענויף אַלע דאָקומענטן וועלכע קענען אונדז נוצן און אויך די פּילצאָליקע פאָטאָגראַפיעס פון דעם הויז פון פאַרברעכן. די דאָזיקע באַשיינפּערלעכע באַווייזן פון שונאס באַרבאַריי, וועלן מיר איבערשיקן קיין מאָסקווע.

דריטער טייל

דער צוריקקער

1 אַן אויסטערלישע נסיעה

אין דער דירה אויף בולוואר דע שטראַסבורג, וווּ ס'האָט געוווינט אַן עלטערע פרוי, די פאַרבינדלערין צווישן מיר און אַלעקס לעסאָוואַי, האָב איך עטלעכע טעג נאָך דער באַפרייונג פון פאַריז, באַקומען אַ דעפּעשע פון דער צענטראַלע אין מאָסקווע. די דעפּעשע האָט מיך באַגריסט פאַר מיין טעטיקייט און פאַרלאַנגט כ'זאָל צוואַרטן, ביז עס וועט אָנקומען די ערשטע סאָוועטישע מיליטערישע דעלעגאַציע.

אומעטום האָט מען געאָטעמט מיט דער לופט פון דער צוריק געוווּנענער פרייהייט. אָבער טראָץ דער אַטמאָספער פון פרייד און באַגייסטערטן געפיל פון פאַרלייכטערונג, האָב איך נישט געטאָרט פאַרגעסן, אַז ס'איז נאָך צו פרי זיך צו אַנטוואָפענען. אָפּטמאָל, ווען מען ריכט זיך שוין אויף גאָרנישט און מען גלויבט אַז דער שונא איז צעשמעטערט, נוצט ער דאָס אויס צו דערלאַנגען אַ מעסער אין רוקן. נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער פאַרשוין פּאַנוויץ, ווען ס'איז געלונגען צו אַנטלויפן און אויסמיידן אַ פּראָצעס, אַז דער נפש האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך עטלעכע אויפרייס־באָמבעס, באַוואָפנט עטלעכע אונטערוועלט־טיפּן, כדי וואָס שנעלער מיך אָפּצורוימען.

דאָס איז געווען אַ באַגרינדעטער חשד: די גרופּע פון אַלעקסן, וועלכע איז תמיד געווען אויף דער וואַך, האָט אַנטדעקט שפּורן פון פאַרדעכטיקטע פּאַרשוינען, וואָס זאָלן מיך האָבן געזוכט. זיי זענען געקומען אין דער אַמאָליקער וווינונג פון כצן אויף דער עדמאַן־ראָזשע־גאַס און אין די אַנדערע וווינונגען, וועלכע האָבן פיגורירט אויף די ליסטעס פון דער געסטאַפּאָ. דער איבערגעבליבענער אונטערוועלט־חברה פון לאַפּאָנס באַנדעס, האָט פּאַנוויץ זיכער פאַראָרדנט (אַלעקס איז געווען אין דעם טיף איבערצייגט) מיך אויפצווזוכן און מאַכן צו מיר אַ סוף. איך האָב זיך נישט באַדאַרפט באַוויזן אין דער עפנטלעכקייט, אָפּזאָגן זיך פון אַנטייל נעמען אין דער פאַרשיכורנדיקער פרייד וואָס האָט אַלעמען באַהערשט און זיך נישט אַרויסשטעלן ווי אַ ציל־ברעט פאַר די שיסערס פון דער לעצטער מינוט. איך בין דעריבער פאַרבליבן האַלב אין אונטערערד, אין דער וווינונג אויף אַלעע דע מען.

דעם 23סטן נאָוועמבער 1944, האָט נאָענט פון פאַריז געלאַנדעט דער ערשטער

ערעפּלאַן פון ראַטן־פאַרבאַנד און געבראַכט מאָריס טאָרעזן און דעם שעף פון א סאָוועטיש־מיליטערישער דעלעגאַציע, קאָלאָנעל נאָוויקאָוו, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז געווען אַדורכצופירן דעם צוריקקער פון רוסן קיין מאָסקווע. נאָוויקאָוו האָט מיך זייער העפלעך אויפגענומען און אינפאָרמירט, אַז איך וועל קאָנען צוריק פליען מיט דעם זעלבן עראָפּלאַן, וועלכער קערט זיך אום בקרוב קיין מאָסקווע. איך האָב געמוזט לענגער וואַרטן, ווי ס׳איז געווען פאָרויסגעזען. דעם 5טן יאַנואַר 1945 בין איך איינגעשטיגן אין עראָפּלאַן, אויסגעשטאַט אין א סאָוועטישן פּאַספּאָרט, מיט א נאָמען פון דער הפטורה. מיר זענען געווען צוועלף פּאַסאַזשירן, צווישן זיי אויך ראַדאָ, וועמען כ׳האָב עטלעכע טעג פאַר דעם באַגעגנט צום ערשטן מאָל ביי נאָוויקאָוון. אים האָט אויך באַגלייט זיין מיטאַרבעטער אַלעקסאַנדער פּוט.

אין האַרץ פון אייראָפּע איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען די מלחמה. כדי צו דערגרייכן מאָסקווע, האָט דער עראָפּלאַן געמוזט מאַכן א לאַנגן אומוועג. צו ערשט אויף דרום, קיין מאַרסיי, דערנאָך קיין איטאַליע. אין צפון־אַפריקע האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אויף אַן ערעדראָם, וועלכער איז געווען אָקופּירט דורך די אַמעריקאַנער. דער אויפהאַלט האָט געדויערט צוויי פולע טעג, אַגב זייער אַנגענעם. מען האָט אונדז פייערלעך אויפגענומען. מיר האָבן מיט די פליערס געפירט אָפענע, פריינדלעכע שמועסן.

מיר זענען אויף ס׳ניי געפלויגן אין דער ריכטונג פון קאַיר. ראַדאָ איז געזעסן ביי מיין זייט און כ׳האָב גענאָסן פון זיינע גרויסע קענטענישן אין געאָגראַפיע (ווי דערמאָנט, איז ער געווען א געאָגראַף). ער האָט מיר דערקלערט די געגנטן, איבער וועלכע מיר זענען געפלויגן. די אַנדערע פּאַסאַזשירן זענען געווען ווייניקער באַריידעוודיק. דאָך האָט איינער פון זיי, א מאַן אין די זעכציקער, מיט א קאָפּ ווייסע האָר, א פעסט געבויטער, מיט קרעפטיקע הענט, אויף וועלכע מ׳האָט געזען אַז זיי זענען געוווינט צו שווערער אַרבעט — זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיר: ״שליאַפּניקאָוו...״

— שליאַפּניקאָוו, דער פירער פון דער אַרבעטער־אָפּאָזיציע?

שליאַפּניקאָוו! דאָס איז פאַר מיר געווען אַן אויסערגעוויינלעכע איבערראַשונג...

— דער זעלבער...

ער איז געווען א מעטאַל־אַרבעטער, אַן אַלטער באָלשעוויק. אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט שליאַפּניקאָוו, צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדראַ קאָלאָנטאַי, אָנגעפירט מיט דער גרופּירונג, וועלכע איז געווען פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון דער מלוכה און פאַרטיידיקט די רעכט פון די אַרבעטער צו שטרייקן. זיין באַרעכטיקטער שטאָלץ, וואָס ער איז אַן אמתער פּראָלעטאַריער, מיט ״מאָזאָלעס אויף די הענט״, האָט אַמאָל אין א דיסקוסיע אַרויסגערופן לענינס סאַרקאַסטישע באַמערקונג: ״ווי תמיד, וועט דער חבר באַלד אַרויסשטעלן זיין אויטענטישע פּראָלעטאַרישקייט״.

פון דעסטוועגן האָט לענין, הגם ר׳איז נישט געווען איינשטימיק מיט די מיינונגען פון שליאַפּניקאָוון, אויף א זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט זיך קעגנגעשטעלט דעם אויסשליסן די אַרבעטער־אָפּאָזיציע. איך בין געווען

איבערצייגט, אַז שליאַפּניקאָוו, ווי אַלע אַלטע באָלשעוויקעס, איז פאַרטראָגן געוואָרן מיט דער כוואַליע פון די ריייניקונגען.

— נאָכן דורכפאַל פון דער ארבעטער־אָפּאָזיציע — האָט ער מיר דערציילט — האָב איך מיט לעני׳נס הילף פאַרלאָזן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, זיך באַזעצט אין פּאַריז און געאַרבעט אַלס שלאָסער. דער נצחון פון דער רויטער אַרמיי און מיין צוגעבונדנקייט צום פאָטערלאַנד האָבן באַווירקט, כ׳זאָל זיך אומקערן אין מיין לאַנד. כ׳האָב געשריבן צו מיין פריינד מאָלאָטאָוו, ער זאָל מיר העלפן. ער האָט געענטפערט מיט זייער אַ וואַרעמען בריוו און מיך צוגערעדט זיך אומצוקערן. כ׳בין זיכער, אַז ער וועט מיט זיין אויטאָ קומען אויפן ערָאָדראָם מיך אָפּנעמען. איך בין שוין אומגעדולדיק אויף ס׳ניי אָנהייבן דינען דער פּאַרטיי און מיין לאַנד...

ס׳איז געווען רירנדיק די נאַיווע התלהבות פון דעם אַלטן באָלשעוויק, וואָס האָט אומבאַרירלעך אויפגעהיט זיין יוגנט־גלויבן, טראָץ די שווערע נסיונות מיט וועלכע ער איז געפּרוווט געוואָרן. כ׳האָב אים געוווּנטשן ער זאָל נישט ווערן צו פיל אַנטוישט...

אין קאַיר האָט מען אונדז איינקוואַרטירט אין אַ האָטעל, נאָענט פון דער אַלטער שטאָט. צו מאָרגנס, האָב איך צוזאַמען מיט די אַנדערע פּאַסאַזשירן, אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע. אַלע זענען געווען, אויסער ראַדאָ. פאַר וואָס איז ער נישט מיטגעגאַנגען מיט אונדז? אין דעם מאָמענט, האָט מיך נישט ספּעציעל פאַרוווּנדערט זיין אָפּוועזנהייט און איך בין מיט די אַנדערע אַוועק איינקויפן מתנות פאַר דעם טאַשן־געלט וועלכן מיר האָבן באַקומען צו דער רייזע. דאָס מאָל איז ראַדאָ יאָ געווען, נאָר איך האָב באַמערקט, צו מיין ווייטערדיקער שטוינונג, אַז דאָס געלט וואָס ער האָט באַקומען ווי מיר — האָט ער נישט אויסגעגעבן.

אַ טאָג שפּעטער, גאַנץ פרי, האָט מען אונדז פאַרזאַמלט פאַרן האָטעל אָפּוואַרטן דעם אויטאָבוס וואָס דאַרף פירן צום ערָאָדראָם. ראַדאָ איז נישטאָ. אַלע וווּנדערן זיך. מען זוכט אים אין זיין צימער — ער איז נישטאָ. דאָס בעט איז נישט געוואָרן באַנוצט. זעט אויס, ער איז נישט געשלאָפן אין האָטעל. פיל זענען אין דער מיינונג, אַז מ׳איז אים באַפאַלן אין דער אַלטער שטאָט, וואָס איז, אַגב געווען אָן אָפּטע דערשיינונג. אָבער איך האָב אייגנטלעך, נאָך נעכטן אָוונט געוווּסט וואָס מיט אים איז געשען. איך האָב זיך איינגעהאַלטן נישט אַרויס צו כאַפּן מיט אַ וואָרט. ווייל נעכטן איז ער געקומען צו מיר און געשטעלט עטלעכע פראַגן, וואָס האָבן נישט געלאָזן קיין צווייפל בנוגע זיינע כוונות:

— אפשר זענען דיר באַקאַנט די לעבנס־באַדינגונגען אין עגיפּטן? דו גלויבסט, אַז ס׳איז מעגלעך זיך איינצואָרדענען אין דעם לאַנד אָן שוועריקייטן?

ראַדאָן האָט מען נישט געפונען... מיטאָג־צייט איז דער עראָפּלאַן אָפּגעפלויגן אין דער ריכטונג פון איראַן. מיר זענען געווען נישט מערער ווי עלף פּאַסאַזשירן. דאָס וועטער האָט זיך מיט אַמאָל פאַרערגערט — און איך האָב געגלויבט, אַז מיין לעבן וועט זיך ענדיקן אין עראָפּלאַן וואָס האָט געזאָלט מיך צוריק ברענגען קיין מאָסקווע. נאָך אַ קורצער צייט פליען, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם און שטאַרקער

רעגן. כוואַליעס וואַסער האָבן געקלאַפּט אין עראָפּלאַן, וועלכער האָט דאָך זיך געריסן צו די הייכן. די זעבאַרקייט איז געווען אַ נישטיקע, אויף די פּנימער פון דער מאַנשאַפט האָט זיך אָנגעזען זאָרג. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פליגל פון עראָפּלאַן האָבן אָנגעהויבן צו פרירן, די לופט איז געוואָרן שיטערער און מיר האָבן נישט קיין זויערשטאָף־מאַסקעס. ביסלעכווייז האָבן אונדזערע אברים אָנגעהויבן פאַרשטייפט צו ווערן. די פליערס האָבן אומאויפהערלעך געשריגן, כדי צו בלייבן וואַך. דער עראָפּלאַן האָט זיך כסדר אויפגעהויבן און דער הייך. ס'האָט געדראָט מיט אַ קאַטאַסטראָפע. "ס'איז לעכערלעך" — האָב איך זיך געטראַכט. "נאָך דעם אַלעמען וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט, זאָל קומען מיין סוף אין דעם פליענדיקן טויטן־קאַסטן ?"

ענדלעך האָט דער עראָפּלאַן זיך באַרויקט, צוריק געפונען די גלייכגעוויכט און גענומען פליען אויף דער נאָרמאַלער הייך. אָנקומענדיק אין טעהעראַן, האָט דער פליער זיך פאַר אונדז פאַרטרויט, אַז צוליב דעם שלעכטן וועטער, האָט דער עראָפּלאַן פאַרלוירן די ריכטונג און געפלויגן אָן זעעוודיקייט און ער האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז ס'וועט געשען אַ קאַטאַסטראָפע. נאָר ווייזט אויס, אַז מיין לעצטע שעה איז נאָך נישט געקומען...

די אַטמאָספערישע באַדינגונגען האָבן נישט דערמעגלעכט אָפּצופליען פון טעהעראַן צו דער באַשטימטער צייט. פוט און איך זענען געוואָרן פאַרבעטן צום סאָוועטישן מיליטער־אַטאַשע. ער האָט אונדז צו וויסן געטאָן, אַז מאָסקווע איז שוין באַקאַנט ראַדאָס פאַרשווינדן. ער האָט געגלויבט, אַפשר וועלן מיר אים קענען אויפקלערן דעם ענין. פאַרשטענדלעך, אַז פוט איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט. פון דעם וואָס איז געשען, ביז באַטראַכטן אים ווי אַ שותף פון זיין שעף — איז נאָר געווען איין טריט. און ס'וועט זיך שוין געפינען ווער וואָס וועט אים איבערטרעטן — און מאַכן מיט אים דעם חשבון...

— ווי אַזוי — האָט ער געזאָגט דעם סאָוועטישן מיליטער־אַטאַשע — ווילט איר אַז איך זאָל נאָך דעם פאַל פליען קיין מאָסקווע און באַריכטן פון אונדזער טעטיקייט אין דער שווייץ ? איך וועל דאָך זיין פאַרדעכטיק. מ'וועט מיר נישט גלויבן קיין איין וואָרט וואָס כ'וועל זאָגן !

בעת דעם פליען, האָט ראַדאָס פאַרשווינדן מיך נישט צורו געלאָזט. איך האָב געוווּסט, אַז אין דער מלחמה האָט ער זיין שליחות אויסגעפירט בעסער ווי מ'האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן. ער האָט זיך גאָרנישט וואָס פאָרצוואַרפן. במשך די לאַנגע יאָרן פון זיין פּאָליטישער טעטיקייט — ווייל נאָך גאָר יונג האָט ער אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון בעלאַ קון אין אונגאַרן — האָט ער אָנגעזאַמלט אַ רייכע, פּאָליטישע דערפאַרונג. מיט זיין טעטיקייט אין דער שווייץ, האָט ער זייער פיל בייגעטראָגן צום נצחון. נאָר צי איז ער געקומען צום אויספיר — טאַקע אַ דאַנק זיין טיפער קענטעניש פון די פאַקטן און רעאַלן בליק אויף דער ווירקלעכקייט ווי אַ וויסנשאַפטלער, און אָפּגעשאַצט, אַז טראָץ דעם נצחון, האָט זיך גאָרנישט געענדערט אין קעניגרייך פון דער ג.פ.או ? ער האָט יאָ פאָרויסגעזען דעם גורל וואָס דערוואַרט אים אין מאָסקווע. ער איז נישט געווען

באגייסטערט פונעם געדאנק צו ענדיקן זיין לעבן אין סטאלינס א תפיסה. ער איז פארשוווּנדן אין קאיר און געזאָרגט, אז זיין פרוי און קינדער אין פּאַריז זאָלן זיין פאַרזיכערט.[1]

איך בין זיך מודה, אז דער דאָזיקער אמת, וועלכער איז פאַר מיר דערשינען מיט א פארבלענדנדיק ליכט, איז צו מיר דערגאנגען פיל שפּעטער. איך בין געווען נאיוו און געגלויבט, אז אין זכות פון די לעצטע קאמפן, וועט זיך אָפּשטעלן דער טעראָר, אז דער רעזשים וועט ווערן לייכטער. ס'איז באמת צו וואונדערן זיך איבער דער לייכטגלויביקייט פון א מענטשן ווי איך, וואָס האָט אדורכגעמאכט די רייניקונגען נאָך פאר דער מלחמה. אָבער איך האָב יעדנפאלס געמוזט זיך אומקערן אין ראטן־פארבאנד. פאר מיר האָט דעצידירט דער פאקט, וואָס מיין פאמיליע געפינט זיך דאָרטן. איך בין נישט געווען אין דער זעלבער לאגע ווי ראדאָ, וואָס האָט געהאט די רויקע איבערצייגונג, אז זיין משפחה אין פּאַריז איז פאַרזיכערט. איך האָב פּאָרויסגעזען, אין פאל כ'וועל פארשווינדן אין וועג, ריזיקיר איך מיטן לעבן פון מיין משפחה...

מיר דערנענטערן זיך צו מאָסקווע... איבער אלע קעגנזעצלעכע געפילן פון וועלכע כ'בין געווען אויפגערודערט, האָט נאָך אזוי פיל יאָרן פון צעשיידונג, דאָמינירט דאָס געפיל פון פרייד צו זען די מייניקע. ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך אראָפּגעלאזט און זיינע רעדער האָבן זיך גענומען באוועגן אויף דער ערד, האָב איך זיך געפילט ווי א מענטש וואָס איז צופרידן פון זיין אדורכגעפירטער ארבעט. איך בין געווען שטאָלץ מיט דעם וואָס איך האָב געטאָן און געחלומט פון א ביסל רו, וועלכע איך האָב זיך ערלעך פארדינט. מיינע מחשבות זענען איצט געווען געווענדט צו מיינע חברים — די געשטאָרבענע און די אומגעבראכטע.

אין דער טונקלקייט פון דער נאכט וואָס האָט געהאלטן ביים צופאלן, האָב איך בעתן אראָפּגיין פון די טרעפּ ביים עראָפּלאַן, געזוכט צו דערקענען די מייניקע. אומזיסט דאָס זוכן. איבעריקנס, קיינער האָט אויך נישט אָפּגעוואַרט די אנדערע פּאסאזשירן. א גרופּע אָפיצירן האָבן געבילדעט דעם אויפנאַם־קאָמיטעט. אז מיליטער־לייט זאָלן באגריסן קעמפּערס — דאָס האָט זיך נאָך געלאָזט פארשטיין.

אָפיצירן פון העכערן ראנג — קאָלאָנעלן — האָבן זיך צו מיר דערנענטערט און וואַרעם באגריסט. זיי האָבן מיך פארבעטן איינצושטייגן אין א אויטאָ. בעת א פּלוצימדיקער באלייכטונג, האָב איך דערקענט איינעם פון די אָפיצירן. אין 1937 האָט ער געהאט דעם ראנג פון קאפּיטאַן. די אוואנסירונג איז צוגעגאנגען זייער שנעל! איך האָב אים געשטעלט א פראגע, וואָס האָט מיך געפייניקט ווי נאָר איך בין אראָפּ פון עראָפּלאַן:

---

1) ראדאָס פרייהייט האָט נישט לאנג געדויערט. ער איז געוואָרן אינטערנירט אין אן ענגלישן פליטים־לאגער. מאָסקווע האָט ענערגיש געפאָדערט אים ארויס צו געבן. פון דעם מאָמענט איז ראדאָס גורל געווען געחתמעט. ווייל לויטן הסכם און די דעמאָלטיקע באציונגען צווישן ענגלאנד און רוסלאנד, איז נישט געווען צו האָפן, אז ענגלאנד וועט אים באשיצן. עטלעכע חדשים נאָך זיין "פארשווינדן", זענען אָפיצירן פון דער נ.ק.וו.ד. געקומען אים נעמען. די פּויסט פון טייוול האָט אים דערגרייכט.

— ווו זענען מיין פרוי און קינדער?

— זאָרגט נישט, אייער פרוי מאכט איצט דורך א קוראַציע אין אַן אָפּרו־הויז. מיר האָבן נישט געהאַט די נייטיקע צייט איר צו וויסן צו טאָן, ווייל מיר האָבן נישט געוווּסט די גענויע דאַטע פון אייער אָנקום. די אָנפירונג פון דער צענטראַלע איז ביי דער מיינונג, איר זאָלט פאַרבלייבן צוויי אָדער דריי וואָכן אין א וווינונג, ווו איר קענען רויק צוגרייטן אייער ראַפּאָרט. ס'איז טאַקע דאָרט, ווו מיר פירן אייך איצט.

פאַר מיר זענען געווען צוגעגרייט צוויי צימערן אין א וווינונג פון א קאַלאַנעל, וואָס האָט זיך געפונען אין שליחות. זיין פרוי און טאָכטער האָבן מיך אויפגענומען. פאַרן אוועקגיין פון מיינע באַגלייטערס, צוויי קאַלאָנעלן, האָבן זיי מיר אנגעוויזן אויף א יונגן קאַפּיטאַן:

— ער איז אייער אַדיוטאַנט און וועט אייך מיט אַלעם באַזאָרגן אין וואָס איר וועט זיך נייטיקן...

איך בין געוואָרן איזאָלירט כדי צו שרייבן מיין באַריכט. זיי האָבן מיר געגעבן אַן אָפיציר־אַדיוטאַנט, גלייך כ'וואָלט אין דעם זיך גענייטיקט! די פאַלשע העפלעכקייט אין דער באַציונג פון די צוויי קאַלאָנעלן, און דער עיקר — די אַפּוועזנהייט פון מיין פרוי — — — די אַלע פאַקטן צוזאַמען גענומען, האָבן ביי מיר אַרויסגערופן געפילן פון אומפאַרשטענדלעכקייט און פאַרדאַכט.

איך האָב זיך איינגעאָרדנט אין דער נייער דירה. ווינציקסטנס, איז זי דאָך געווען באַקוועמער ווי דער פּייכטער ברוק פון דער מאָנפּאַרנאַס־געגנט אין פּאַריז, ווו כ'האָב אַרומגעבלאָנקעט ווי א פאַרוואָגלטע חיה זינט מיין פאַרלאָזן דאָס ווייסע הויז.

צו מאָרגנס האָט מען מיר אָפּגעשטאַט א וויזיט... זיי זענען געווען דריי: צוויי אין אוניפאָרמען, דער דריטער — אין ציוויל־קליידונג. איך האָב דערקענט דעם לעצטן: ער איז אין 1938 געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּאָליטישער אַרבעט אין דער צענטראַלע. הינטער זיין אָפיציעלן טיטל, האָט זיך באַהאַלטן דער ראַנג — גענעראַל פון דער נ.ק.וו.ד.

זיי האָבן געברענגט א לוקסוס־אַרטיק נאַכט־עסן. איך האָב אָבער איבערגעריסן דעם גאַסטראָנאָמישן צוזאַמענטרעף, כדי צו שטעלן איינע פון די פראַגן, וואָס האָט מיך באַזונדערס געמאַטערט:

— האָט איר זיינערצייט דערהאַלטן מיין ראַפּאָרט פון יאַנואַר 1943, וועלכן איך האָב געשיקט דורך דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי?

— יאָ, יאָ, מיר האָבן אים באַקומען און מיט אים זיך גערעכנט.

ס'האָט זיך איינגעשטעלט א שטילשווייגן. דער גענעראַל האָט מיט אַמאָל געביטן די טעמע:

— אַלזאָ, — גיט ער א פרעג — וועלכע זענען אייערע פּלענער אויף דער צוקונפט?

איך האָב א טראַכט געטאָן: עס וועט זיין אַזוי, ווי איר וועט באַשטימען. נאָר געענטפערט האָב איך: — מיט דעם שפּיאָנאַזש האָב איך געענדיקט. דאָס

קאַפּיטל אין מיין לעבן איז געשלאָסן. נאָר פאַר מיין אומקערן זיך קיין פּוילן, וויל איך הערן אן אויפקלערונג פון דער צענטראַלע וועגן אלץ וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין משך פון דער מלחמה...

און כדי בולטער מאכן מיינע ווערטער, האָב איך צוגעגעבן:

— איך גלויב צו באקומען אויפקלערונגען לגבי אלע שווערע פעלערן פון דער אָנפירונג!

דאָס אינקוויזיטאָרישע פנים פון גענעראַל האָט זיך פאַרטונקלט:

— טאַקע? דאָס איז אלץ וואָס אייך אינטערעסירט?

— און אייך, למשל, אינטערעסירט דאָס נישט?... פאַר אלעם וויל איך פאָרשלאָגן צו אַנאַליזירן די לעצטע אָפּעראַציע פון רויטן אָרקעסטער...

— מסכים! — האָט אָפּגעהאַקט דער גענעראַל. — מיר וועלן מאָרגן באַטראַכטן אייערע פאָרשלאָגן...

צו מאָרגנס האָבן מיך באַזוכט צוויי קאָלאָנעלן. איך האָב זיך גלייך אָריענטירט, אַז זיי קענען אויסגעצייכנט דעם ענין רויטער אָרקעסטער.

— איך בין איבערצייגט — האָב איך אנגעהויבן — אַז גראָספּאָגעל, מאַקאַראָוו, ראַבינסאָן, סאָקאָלאָוו און מאַקסימאָוויטש — לעבן נאָך. מיר קענען און מוזן זיי ראַטעווען. דער עיקר, זייט איר נאָך אין פאַרבינדונג מיט פּאַנוויצן?...

— מיר האָבן זיך דערוווּסט פון זיכערע קוועלן, אַז ער באַהאַלט זיך אויס אין די עסטרייכישע אַלפּן־בערג.

איך האָב פּאָגעלייגט צו שיקן צו פּאַנוויצן צוויי אָפיצירן, וואָס זענען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון רויטן אָרקעסטער, זיי זאָלן אים דערקלערן, אַז פון פעברואַר 1943, אדאַנק מיין ראַפּאָרט, איז די צענטראַלע אינפאָרמירט וועגן דעם "גרויסן שפּיל" און אים פאַרלייגן ער זאָל טאָן דאָס בייטיקע צו ראַטעווען די אַרעסטירטע קעמפּערס פון רויטן אָרקעסטער[1]) און פאַרזיכערן אים, אַז נאָך דער מלחמה וועט מען דאָס פאַררעכענען צו זיין זכות. אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן דאָס צו טאָן, דאַרף מען אים וואָרענען, אַז מיר וועלן גלייך צו וויסן טאָן הימלערן און באָרמאַנען, אַז מאָסקווע, נישט ער, האָט געצויגן די שטריקלעך פון דעם "גרויסן שפּיל". פאַר דעם וועט ער זיין פאַראַנטוואָרטלעך און ס'וועט אים טייער קאָסטן. ווייל זיי זענען נאָך מסוגל אים צו באַשטראָפן.

דער דאָזיקער פאָרשלאָג האָט מיר אויסגעזען צו זיין פולשטענדיק יושרדיק און לאָגיש. מיינע צוויי מיטשמועסערס האָבן צוגעזאָגט דאָס איבערצוגעבן דער אָנפירונג פון דער צענטראַלע.

די ערשטע וואָך אין מאָסקווע בין איך געווען פאַרנומען מיט רעדאַגירן מיין ראַפּאָרט, מיט דער הילף פון א מאַשיניסטין. נאָר וואָס מערער טעג זענען פאַריבער,

---

1) איך דערמאָן נאָך אַמאָל, און ס'איז נישט פאַראַן וועגן דעם קיין שום ספק, אַז פּאַנוויץ, ווי דער שעף פון דער זאָנדערקאָמאַנדאַ, האָט געהאַט אלע פולמאַכטן אָפּצוהאַלטן די עקזעקוציעס, אויף וויפל ער האָט געהאַלטן, אַז די אַרעסטירטע קעמפּערס פון רויטן אָרקעסטער זענען נוצלעך פאַר זיין אַרבעט. נאַטירלעך, אַז אין דער צייט איז מיר געווען אומבאַקאַנט זייער גורל.

אלץ מער האָב איך זיך אָפּגעגעבן א רעכענונג, אז איבער מיין קאָפּ האָבן זיך אָנגעזאמלט דראָענדיקע וואָלקנס. מען האָט באמת באדארפט האָבן פארלוירן דעם פארשטאנד און זיין פארבלענדט, נישט צו באנעמען, אז איך האלט נאָך נישט ביים סוף פון מיינע צרות! ניין, איך בין נישט דער קעמפער, וועלכן מען נעמט אויף, צום ווינציקסטן, מיט אנערקענונג פאר זיינע פארדינסטן.

נאָך דריי טעג פון מיין געפונען זיך אין דער וווינונג, וועלכע די צענטראלע האָט פאר מיר רעזערווירט, האָבן די אָפיצירן פון דער נ.ק.וו.ד. מיר צוריק געבראכט מיין וואליזע. ביים פארלאָזן דעם עראָפּלאן האָב איך צו שפּעט באמערקט, אז איך האָב גענומען שליאפּניקאָווס וואליזע, וועלכע איז געווען ענלעך צו מיינע. די אָפיצירן פון דער נ.ק.וו.ד. האָבן אדורכגעפירט דעם אויסטויש.

די אויפפירונג פון די צוויי "אַמבאַסאַדאָרן" איז געווען זייער באלערנדיק: קלאָר, אז שליאפּניקאָוו געפינט זיך אין זייערע הענט. איך האָב שוין אויך פארשטאנען, ווי אזוי מאַלאַטאָוו, וואָס האָט שליאפּניקאָוון געשריבן אזא ווארעמען בריוו און אים איינגעלאדן צוריק צו קומען, האָט אויפגענומען זיין "טייערן חבר". דאָס איז געווען גרענעצלאָזער ציניזם. מיר האָט פארקלעמט ביים הארץ, ס'האָט מיך ארומגענומען א ווייטיק און טיפער עקל, פאַרשטעלנדיק זיך די גרויסע אנטוישונג פון דעם אלטן באָלשעוויק, וואָס האָט זיך געפילט אזוי גליקלעך צוריק צו געפינען דאָס פאָטערלאנד פון סאָציאליזם, פאר וועלכן ער איז גרייט געווען צו ווידמען זיינע לעצטע כוחות — האָט ער גאָר אנטדעקט, אז ר'איז ארייגעפאלן אין א פּאסטקע! ער האָט אוודאי געוואָרט אויף מאָלאָטאָווס אויטאָ און דאָ האָט מען צוגעגרייט די זיכערהייט-פּאָליציי, וועלכע האָט אים אוועק געפירט גלייך אין דער לוביאנקע!

די איינציקע אויפגאבע פון מיין "אדיוטאנט" איז געווען: באוואכן מיך מיט זיין בליק פון אן אויסשפּיר-הונט. די צייט, וואָס ער האָט נישט פארברענגט מיט מיר, האָט ער אוועקגעגעבן דער טאָכטער פון דעם הויז... א נאָך מיטאג, ווען ער איז ארויס געגאנגען, בין איך אריין אין זיין צימער און דאָס וואָס כ'האָב אנטדעקט, האָט מיך אלץ קלאָר געמאכט: דער אידיאָט האָט געלאָזט אויפן טיש א באריכט, אין וועלכן ער גיט איבער מיט אלע פרטים יעדער באוועגונג און זשעסט מיינעם. ער האָט דאָרט פארשריבן אלע מיינע רייד, אפילו אומבאדייטנדיקע, אויסער די פאלשע און טעותדיקע וועלכע ער האָט צוגעשריבן. אן אידעאַלן שכן האָט מען מיר געגעבן: אי א שפּיאָן, אי א פעלשער! איך האָב באשלאָסן צו קאָריגירן דעם ראַפּאָרט פון דעם מסור און אונטערשטרייכן מיט א רויטן בלייער אלע אומפּינקטלעכקייטן און צוגעבן אין דער זייט "פאלש".

מיין "מלאך-היטער" איז דעם טאָג געקומען שפּעט. צו מאָרגנס איז ער פארשוווּנדן... ער האָט אוודאי געהאלטן, אז ס'איז גלייכער ער זאָל פריער צו וויסן טאָן זיינע עלטסטע, איידער איך וועל מיט זיי ריידן.

דעם בילאַנס פון מיין צוריקקער קיין מאָסקווע לאָזט זיך פאָרמולירן קורץ: איך בין א געפאנגענער, אויף אזא אָדער אנדערן אופן!

מען האָט מיר געשיקט א נייעם "אדיוטאנט", א פּיל יונגערן פון דעם

פריערדיקן, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט נייע מעטאָדן. ער האָט מיך פאַרבעטן צו גיין מיט אים אין קינאָ, וואָס איך האָב גערן אָנגענומען... די בילדער אויפן עקראַן זענען אַדורכגעפּלויגן פאַר מײַנע אויגן, נאָר מײַן אויפמערקזאַמקייט אויף זיי האָט זיך פאַרהאַלטן נאָר עטלעכע סעקונדעס. איין איינציקע מחשבה האָט מיך פאַרפאָלגט: וואָס ווילן זיי מיט מיר טאָן?

צען טעג שפּעטער זענען ווידער געקומען די ערשטע דריי הויכגעשטעלטע לייט צו עסן נאַכטמאָל. איך האָב זיך מיט גאָרנישט באַדאַרפט פאַרנעמען. ווי דאָס איז געווען ס׳ערשטע מאָל, האָבן זיי אַלץ באַזאָרגט און צוגעגרייט אַ רײַכן אָונט־ברויט.

טראָץ די צאָלרײַכע מאכלים און דער שפע פון בראָנפן, האָט געפעלט די וואַרעמע אַטמאָספער.

אָן שום ספק, זיי האָבן געהאַט אַן אויפגאַבע מיך צו ״באַארבעטן״ מיט אַלע מיטלען, נאָך דעם ווי זייער אײַנדרוק וועגן מיר פון די ערשטע סעודה־טרעפונגען, איז נישט געווען קיין געהויבענער. זיי האָבן געהאָפט מיך צו טרעפן אין אַ בעסערער שטימונג. דער נ.ק.וו.ד.־גענעראַל האָט געבראָכן דאָס אײַז:

— אַלזאָ, — גיט ער מיר אַ פרעג — וואָס טראַכט איר צו טאָן אין דער צוקונפט?

— איך האָב אײַך שוין געזאָגט: אומקערן זיך קיין פּוילן, אין מײַן געבוירן־לאַנד. נאָר פאַר דעם האָב איך בדעה אויפצוקלערן מיט דער אָנפירונג די טעטיקייט פון דעם רויטן אָרקעסטער.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: אַ פאַרפאַלענער עקשן. זײַן ענטפער האָט טרוקן אויסגעשאָסן:

— אויב איר קלאַמערט זיך אַזוי אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַטאַ, איז נישט מיט אונדז וועט איר דערפון ריידן! דאָס וועט פאַרקומען ערגעץ אַנדערש (ער האָט שאַרף אונטערגעשטראָכן די לעצטע פינף ווערטער). — איר האָט פאַרשטאַנען?

— איך האָב אויסגעצייכנט גוט פאַרשטאַנען און זאָג עס גאַנץ אָפן: איך לאַך זיך אויס דערפון! מיר איז אַלץ איינס, ווער ס׳וועט זיך מיט מיר פאַרנעמען!

דאָס איז געווען שוין צו פיל. דער גענעראַל האָט זיך אויפגעהויבן, איז אַרויס צוזאַמען מיט זײַנע באַגלייטערט, נישט געזעגענענדיק זיך. איך וואָלט געשוווירן, אַז ער איז גלײַך אַוועק צוגרייטן זײַן ראַפּאָרט. מײַן אויפפירונג האָט מיך פאַרמשפּט. האָבן די חוצפה צו פאָדערן אויפקלערונגען בײַ דער צענטראַלע, חלומען וועגן אומקערן זיך קיין פּוילן — דאָס זענען אומפאַרגעבלעכע, אַבסורדאַלע פאַרלאַנגען. איך האָב באַמערקט, אַז מיר האָבן זיך קוים צוגערירט צו די געשמאַקע מאכלים, בשפע צעשטעלטע אויפן טיש.

איך בין יענע נאַכט געשלאָפן רויק. אָבער צו מאָרגנס בין איך גרייט געווען אויפן ערגסטן. זאָל געשען וואָס עס וויל! אַן אַנדערער קאַלאַנעל האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט. ס׳האָט נישט געפעלט קיין סך, איך זאָל אים פאָרלייגן: ״קומט אַרײַן, איך וואַרט אויף אײַך...״

ער האָט מיר געזאָגט:

— איר דאַרפט טוישן די וווינונג...

איך האָב געביסן די צונג, נישט צו פרעגן אים, צי איז די וווינונג געהייצט, די גרעב פון די אייזערנע קראַטן? איך האָב צענויפגענומען מיינע זאכן און אים נאָכגעגאנגען. מיר זענען אריין אין אויטאָ און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. די נאכט איז צוגעפאלן, איך האָב אָבער גענוג געקענט מאָסקווע, צו פארשטיין, וועלכע ריכטונג מיר האָבן גענומען... אָנקומענדיק אויפן דזשערזשינסקי־פּלאַץ, זענען מיינע לעצטע ספקות, אויב איך האָב נאָך אזעלכע געהאט — פארשוווּנדן.

דאָ געפינט זיך די בארימטע לוביאנקע! די מאסיווע טירן פון ערשטן אריינגאנג־טויער האָבן זיך הינטער אונדז פארמאכט. מיר זענען צוגעקומען צו א צווייטער, פארמאכטער טיר. דער קאָלאָנעל, וואָס האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן אויף קיין מינוט און די גאנצע צייט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, האָט געקלונגען און אויסגעביטן עטלעכע ווערטער מיט דעם פארשוין, וואָס האָט זיך געפונען הינטער דעם "אייגל". די טיר האָט זיך געעפנט. מיר האָבן זיך געפונען אין אויפנאם־זאל פון דער בכבודיקער אינסטיטוציע. דער קאָלאָנעל האָט ארויס גענומען פון זיין טאש א פאפיר, וועלכן דער דיזשורירנדיקער אָפיציר האָט אונטערגעשריבן. נאָך דעם האָט ער זיך צו מיר אויסגעדרייט און צו מיין גרויס פארוווּנדערונג, לאנג און ווארעם געדריקט מיין האנט — און איז פארבליבן אומבאַוועגלעך עטלעכע סעקונדעס. ער האָט געהאט, איך קאָן אויף דעם עדות זאָגן, טרערן אין די אויגן — און איז אוועק.

איך האָב זיך ארומגעקוקט... איך געפין זיך אין א געדיכטן נעפל. דאָך, איז עס די ווירקלעכקייט וואָס האָט מיך פארבלענדט: איך בין אן ארעסטאנט. אן ארעסטאנט אין דער לוביאנקע־תפיסה.

2 לוביאנקע

דער נאָמען לוביאנקע איז געוואָרן א שם־דבר איבער דער גאַרער וועלט. לוביאנקע איז דער סימבאָל פון ג.פּ.או.־טעראָר. א ריי הייזער וואָס געפינען זיך אין סאמע הארץ פון מאָסקווע, איז דאָס זיך־אָרט פון זיכערקייט־מיניסטעריום. אין צענטער פון די הייזער איז איינגעאָרדנט א קליינע תפיסה פאר עטלעכע הונדערט ״חשובע געסט״. לאנגע קאָרידאָרן פארבינדן דאָס מיניסטעריום מיט דער תפיסה, אָן דער נויטווענדיקייט ארויס צו גיין פון דער טורמע. אזוי ארום פארבלייבט אלץ ״צווישן זיך״...

איך געפין זיך אין א ווארטע־זאל, ווו פון יעדער זייט געפינען זיך א צענדליק קליינע קעמערלעך. מ׳לאָזט מיך אריין אין איינעם פון זיי. דאָס גאנצע מעבל דאָרט באשטייט פון א טישל מיט א בענקל. די טיר פארהאקט זיך הינטער מיר.

איך פיל זיך שטארק נידערשלאָגן, כ׳לאָז זיך אראָפּ אויף דעם בענקל. איך בין דערשעפּט, אָן כוחות און נישט אימשטאנד צו רעאגירן.

כ׳האָב דעם איינדרוק, אז מיין מוח ליידיקט זיך אויס, ער פונקציאָנירט נישט מער, ער רעגיסטרירט נישט מער. איך טאַפּ זיך דעם קאָפּ, די הענט. ״יאָ, ס׳איז איך, טאקע איך גופא, וואָס געפינט זיך דאָ — דער ארעסטירטער אין לוביאנקע״.

דער גערויש פון דער טיר וואָס עפנט זיך, פירט מיך ארויס פון דעם האלב־באוווסטלאָזן צושטאנד. איך דערהער א שטימע: ״פאר וואָס טוט איר זיך נישט אויס ?״

איך באנעם, אז צו מיר רעדט דער אונטער־אָפיציר אין ווייסן כאלאט. איך ענטפער:

— צו וואָס זיך אויסטאָן ? איך זע נישט קיין בעט !

— אויסטאָן זיך און ניט שטעלן קיין פראגן !

איך פאָלג און בלייב ווארטן א פולשטענדיק נאקעטער. די טיר עפנט זיך ווידער און עס קומען אריין צוויי פארשוויגענע אין ווייסע כאלאטן. אין משך פון א שעה זוכן זיי מיט אייפער אין מיינע מלבושים, לייגן זיי צענויף מיט די זאכן וועלכע זיי האָבן געפונען אין די קעשענעס. ווען זיי פארענדיקן, באפעלט איינער:

— אויפשטיין !

זיי נעמען מיך אונטערזוכן פון קאָפּ ביז די פיס. זיי פעלט נאָר דער

סטעטאָסקאָפּ, איך זאָל מיינען אז כ׳געפֿין זיך ביים דאָקטער. זיי טאָפּן די האָר, זוכן אין די אויערן, פאַרלאַנגען כ׳זאָל עפענען דאָס מויל, אויסציִען די צונג, באַטאַפּן פון אַלע זייטן, באַפעלן אויפהייבן די הענט.

— הייב אויף דעם געשלעכט־אָרגאַן, נאָך העכער! דריי זיך אויס! — איך פיר אויס דעם באַפעל, — נעם דעם הינטן אין דיינע הענט, צעשפּרייט אים, ברייטער, נאָך ברייטער.

ער לאָזט זיך אַראָפּ צו מיין הינטן. אַן אויפגערעגטער, וואַרף איך אים צו:

— איר האָט עפּעס פאַרלוירן אינעווייניק?

— פּראָוואָצירט מיך נישט, איר קאָנט טייער דערפאַר באַצאָלן. צוריק אָנטאָן זיך!

זיי זוכן אין מיין וואַליזע און נעמען אַרויס אַ קילאָ רויע, נישט געבּרענטע קאַפע, וואָס כ׳האָב נאָך געקויפט אין טעהעראַן, ביים אויפהאַלט פון עראָפּלאַן.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— גערשטן...

מיט צופרידנקייט באַמערק איך, אַז ער לייגט צו די קאַפע צו די זאַכן, וואָס זענען אין אַלגעמיין דערלויבט דעם אַרעסטירטן צו האַלטן מיט זיך. ער שטעלט צענויף אַ ליסטע פון די חפצים וועלכע ער נעמט מיט זיך — אַ קראַוואַט, שיך־בענדלעך, שעלקעס אד״ג״ל. איך שרייב אונטער אַ וועלט פּאַפּירן. עס קומט אָן אַ לייטענאַנט. ער חתמעט אונטער די באַשטעטיקונג, אַז די זאַכן זענען אים געוואָרן איבערגעגעבן און פאַרלאַנגט כ׳זאָל אים נאָכגיין. מיר גייען דורך לאַנגע, פּוסטע קאָרידאָרן. צום סוף עפֿנט ער אַ טיר און לאָזט מיך אַריין אין אַ קאַמער, ווו ס׳געפֿינען זיך צוויי בעטן. אין איינעם פון זיי שלאָפט אַ מאַן מיטן פּנים צו דער וואַנט און די הענט אויף דער קאָלדרע.

— דאָס איז דיין בעט, טו זיך אויס און לייג זיך!

איך פאָלג, נאָר דער שלאָף נעמט מיך נישט. אַ גאַנצע נאַכט האַלט איך אָפן די אויגן. זיי באַאומרויִקן דעם וועכטער. אַלע דריי מינוט עפֿנט זיך דער "יודאַש" און ס׳באַווייזט זיך אַן אויג וואָס באַטראַכט מיך. מיט איין מאָל פאַרבלייבט דאָס אויג אומבאַוועגלעך און איך באַקום די ערשטע לעקציע:

— אויב דו שלאָפסט נישט, האַלט דאָך די אויגן פאַרמאַכט, וועסטו זיין רויִקער.

אין דער פרי דערלאַנגט מיר אַ האַנט דעם "פרישטיק" דורכן פענצטערל — אַ שיסעלע שוואַרצע פליסיקייט וואָס דאַרף זיין קאַפע, אַ שטיקל צוקער און אַ פּענעץ ברויט. אַ שטימע דורך דער טיר זאָגט אָן: "דאָס ברויט איז אויף אַ גאַנצן טאָג".

איך פּרוּוו אַ זופּ טאָן די קאַפע, זי וויל אָבער נישט אַראָפּגיין. איך גיב אַ ביס פון ברויט — ווייך ווי ליים. צו דעם אַלעם פאַרבלייב איך גלייכגילטיק. מיין שכן וועקט זיך אויף, זאָגט "גוט מאָרגן" — און מער קיין וואָרט. איך באַמערק: ער איז אַן אָפיציר.

פיר טעג זענען אַזוי אַדורך, איך זע נישט קיינעם. אויפן פינפטן טאָג, אין דער פרי, ביים טוישן די וואַך, פרעגט מיך אַן אונטער־אָפיציר:

— איר האָט עפּעס אַן אָנקלאַגע?

— יאָ — זאָג איך מיט אַ שטימע וואָס זעט מיר אויס צו זיין אַנטשלאָסן: — איך וויל זען ווּעמען פון דער טורמע־לייטונג.

אַ שעה שפּעטער קומט אַ קאַפּיטאַן אין קאַמער:

— וועגן וואָס האַנדלט זיך?

— איך וויל תּיכּף זען עמעצן פון מיניסטעריום וועגן אַ וויכטיקן ענין, וואָס מיט מיר פּערזענלעך האָט עס נישט, אַגבֿ, קיין שייכות!

צוויי טעג גייען אַדורך, אַן אָפיציר קומט און פאַרלאַנגט איך זאָל אים נאָכגיין. ער פירט מיך דורך לאַנגע קאָרידאָרן, ביז מיר קומען אין אַ קליין צימער, וווּ אַ פּרוי גיט דעם אָפיציר אַ קבלה. אַ צווייטער אָפיציר חתמעט אַ פּאַפּיר. — אָ, די ביוראָקראַטיע! — ער נעמט מיך איבער, פירט מיך אין אַ נייעם, אומענדלעכן קאָרידאָר, אָבער געדעקט מיט אַ טעפּעך. צום סוף גייען מיר אַריין אין אַ ווינדע. ער פירט מיך אַריין אין אַ רחבותדיק צימער. אויף דער פּאָדלאָגע — אַ ריזיקער טעפּעך. אויף דער וואַנט — אַ פּאָרטרעט פונעם "פאָטער פון די פעלקער": אַ שטרענגער בליק, שווער־וואָגיקע וואָנצעס, "ער" וואַכט. אונטער אַ לאַנגן ביוראָ־טיש זיצט אַ געוויינלעך יונגער מענטש, אָנגעטאָן אין ציוויל, אויסגעפּוצט אין אַ ווונדער שיינעם קראַוואַט, וואָס ציט צו דאָס אויג. ער שטעלט זיך אויף, דערנענטערט זיך און ווענדט זיך צו מיר מיט אַ דרום־רוסישן אַקצענט:

— אָ, דאָס זייט איר וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער גרויסער נעץ פון אינפאָרמאַציע־דינסט, אָנגעפירט פון דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער קליקע בערזין און זיינע מיטהעלפערס?

זיין מויל איז אויסגעקרימט פון האַס, בעת ער זאָגט אַרויס די לעצטע ווערטער. איך ענטפער נישט...

ער גיט מיר אַ צייכן איך זאָל זיך דערנענטערן צו די ברייטע, באַגלאָזטע טירן, און אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף דער תּפיסה, פרעגט ער: — ווייסט איר וווּ איר געפינט זיך?

— איך שטעל זיך פאָר...

— פאַר וואָס האָט איר זיך געלאָזט אַריינשלעפּן אין דער קליקע צו אַרבעטן אין אויסלאַנד?

— אַנטשולדיקט, איך ווייס נישט ווי אַזוי דאַרף איך זיך צו אייך ווענדן?

— גענעראַל...

— חבר גענעראַל — זעץ איך פאָר, — איך האָב נישט געאַרבעט פאַר אַ קליקע. אין דער צייט פון דער מלחמה, האָב איך אָנגעפירט מיט אַ נעץ פון מיליטערישן שפּיאָנאַזש ביים הויפּט־שטאַב פון דער רויטער אַרמיי, און איך בין שטאָלץ מיט דעם וואָס איך האָב געטאָן.

בייטנדיק די טעמע, פרעגט ער:

— נאָך וואָס האָט איר פאַרלאַנגט צו זען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פון מיניסטעריום?

— ווען איך בין אָנגעקומען אין מאָסקווע, האָב איך עפּעס פאָרגעשלאָגן צוויי קאַנאַלן פון אינפאָרמאַציע־דינסט — און קיין ענטפער נישט באַקומען. עס

האנדלט זיך נישט וועגן מיר, נאָר וועגן ראַטעווען דאָס לעבן פון קעמפערס פון דער נעץ. איך פאָדער צו טרעפן זיך מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פון צענטער, כדי אויסאַרבעטן דעם פּלאַן פון דער אָפּעראַציע.

— ס'וועט געטאָן ווערן. דערווייל איז דאָס אַלץ.

דער זעלבער וועג צוריק, ביז צום גרענעץ־צימער, וואָס טיילט פונאַנדער דאָס מיניסטעריום פון דער תּפיסה. ווידער באַשטעטיקונגען, אונטערשריפטן — און איך ווער צוריק פאַרשפּאַרט אין מיין קאַמער.

צוויי טעג שפּעטער קומט מען מיך נעמען און מ'פירט מיך אין אַ צימער, ווו עס וואַרטן צוויי מענער אין ציוויל. געהערן זיי צום אינפאָרמאַציע־דינסט, אָדער צו "סמערש"? [1]) אַלנפאַלס, זיי איז גוט באַקאַנט מיין ענין.

— לאָמיר שמועסן פון אייער פּלאַן. עס קאָן נישט זיין קיין רייד פון ראַטעווען מענטשן, וועגן וועלכע איר רעדט. דער רוב פון זיי געהערט נישט צו די מיליטערישע קאַדערס פון שפּיאָנאַזש־דינסט.

איך בייל די פויסטן, נישט צו שרייען...

— די קעמפערס פון רויטן אָרקעסטער געהערן נישט צו די מיליטערישע קאַדערס? זייער לעבן האָט נישט פאַר אייך קיין ווערט, נאָך דעם אַלעם וואָס זיי האָבן געטאָן פאַרן נצחון?

— מיר זענען פאַראינטערעסירט אין איין זאַך: ברענגען קיין מאָסקווע פּאַנוויצן און סאָקאָלאָוון (קענט). אויב איר האָט צו דעם קאָנקרעטע פאָרשלאָגן, וועלן מיר זיי אַדורכפירן.

— אויסגעצייכנט. אין צוויי אָדער דריי טעג, וועל איך אייך געבן דעם פּלאַן פון דער אַקציע.

עטלעכע טעג גייען אַדורך, מיר טרעפן זיך ווידער. איך שטעל זיי די פראַגע:

— האָט איר אַ ראַדיאָ־פאַרבינדונג מיט פּאַנוויצן? אויב נישט, צי קענט איר דאָס צוריק איינשטעלן?

— מיר האָבן פאַרבינדונגען פון צייט צו צייט, מיר קענען זיך מיט אים קאָמוניקירן.

כ'בין אויף אַזוי ווייט צוריק אריין אין דער אַקציע, אַז כ'האָב פאַרגעסן ווו כ'געפין זיך. מיט איין מאָל האָב איך זיך אויפגעהערט צו פילן ווי אַן אַרעסטאַנט. כ'האָב פאָרגעשטעלט דעם פּלאַן פאַר מיינע צוויי צוהערערס.

— ביז מיין אַנטלויפן אין סעפּטעמבער 1943, זענען פּאַנוויץ און זיינע דעמאָלטיקע שעפן געווען איבערצייגט, אַז דער צענטער האָט נישט אַנטדעקט דעם "גרויסן שפּיל". זיי האָבן זיך געזאָרגט, אַז נאָך מיין אַנטלויפן, זאָל איך נישט צו וויסן טאָן מאָסקווע. צוליב דעם האָט פּאַנוויץ געלאָזט אָפּישירן אומעטום, אַז

1) ראשי־תּיבות פון "סמיערט שפּיאָנאָם" ("אַ טויט די שפּיאָנען") — אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון זיכערקייט־מיניסטעריום, אַנטשטאַנען אין יאָר 1943 און אָנגעפירט פון גענעראַל אַבאַקומאָוו.

עס ווערט געזוכט דער שפּיאָן זשאַן זשילבער, כדי פאַרבלייבן פאַר דער צענטראַלע א "פאַרברענטער".

— יאָ — גיט צו איינער פון די צוויי אָפיצירן. — אין יענער צייט האָט קענט דעפּעשירט צום צענטער וועגן די זעלבע אפּישן, וועלכע האָבן באַשטעטיקט דיין אַרעסט און דיין אַנטלויפן, אָבער דאָ, ביי אונדז אין צענטער, אויף פאַרצוזעצן דעם "גרויסן שפּיל", האָבן מיר געענטפערט קענטן, אַז וואַרשיינלעך האָט "אָטאָ" פאַראַטן...

— צוליב דעם טאַקע — זעץ איך פאָר — דאַרף מען אונטערהאַלטן די טעזע און מיט רעגולערע איבעררייסן שיקן דעפּעשן צו פּאַנוויצן און כסדר אים שטעלן די זעלבע פראַגע: ווו געפינט זיך "אָטאָ"? נאָך עטלעכע וואָכן, וועט איר אים צו וויסן טאָן, אַז אייך איז געלונגען צו דערוויסן זיך, אַז "אָטאָ" איז אַנטלאָפן קיין דרום־אַמעריקע. נאָכן באַקומען אַזאַ ידיעה, וועלן פּאַנוויץ און קענט ערנסט א טראַכט טאָן וועגן קומען קיין מאָסקווע. רעאַליזירנדיק אָבער דעם פּלאַן, פאַראורטיילט איר צום טויט די קעמפערס פון רויטן אָרקעסטער, וואָס געפינען זיך נאָך אין דייטשע הענט. פּאַנוויץ וועט פאַרן פאַרלאָזן, אַפּרוימען די עדות פון זיינע פאַרברעכנס... דעריבער מוזט איר אין דער זעלבער צייט אונטערנעמען אַלע שריט, כדי צו ראַטעווען די לעבן געבליבענע!...

זיי האָבן נישט געענטפערט, זיך אויפגעהויבן און אוועק.

מ'האָט מיך איבערגעפירט אין א קליינער קאַמער, אין וועלכער כ'האָב לאַנגע וואָכן פאַרבראַכט אַליין... דער רעזשים איז געווען פיל האַרבער, אָבער ביסלעכווייז געוווינט מען זיך צו צו דעם אומבאַוועגלעכן ריטם פון די טעג: זעקס פרי באַווייזט זיך דער קאָפּ פון וועכטער אין "יודאַש". זיין געשריי "אויפשטיין!" נעמט אַרויס די אַרעסטאַנטן פון שלאָף.

מ'הייבט זיך אויף, מ'נעמט דעם "קיבעל" צום קלאָזעט — מאַקסימום אויפהאַלט דריי מינוט. מ'גייט צום וואַש־קראַן — צוויי מינוט, און צוריק אין קאַמער.

זיבן א זייגער — פרישטיק: א שיסעלע קאַפע, וואָס אין רוב שטעלט עס מיט זיך פאָר געקאָכט וואַסער, א שטיקעלע צוקער און די ראַציע ברויט.

אין קאַמער הערשט דער פאַרבאָט: ס'איז שטרענג פאַרבאָטן זיך אַוועק צו לייגן אויפן בעט; זיך אַוועקזעצן מיט דער פּלייצע צו דער טיר; מ'קען נאָר גיין, גיין — אין דער לענג און אין דער ברייט, פון איין וואַנט צו דער אַנדערער. מ'קען עטלעכע סעקונדעס זיך אָפּרוען אויף א קליינעם בענקל, אָבער מען מוז תמיד גיין, נאָר גיין... מיט אַזאַ גאַנג מאַכט מען אַדורך טעגלעך פילצאָליקע קילאָמעטערס.

דער מיטאָג באַשטייט פון א טעפּל אָנגעפּעסטע וואַסער, אין וועלכן עס שווימען אַרום עטלעכע גערשטן־קיילעכלעך. דער זעלבער "מעניו" אין אָוונט.

אין די יאָרן פון דער מלחמה, ווען אַלע לענדער האָבן געליטן פון א מאַנגל אין שפּייז, זענען די צוגעטיילטע ראַציעס אין די תפיסות געוואָרן אַלץ מער איינגעשרומפּן. גאַנץ אָפט איז די זופּ באַשטאַנען פון הערינג־קעפּ. מ'האָט באַדאַרפט זיין גוט אויסגעהונגערט, צו קענען אַראָפּשלינגען אַזאַ פּליסיקייט, וואָס האָט נאָך

זייער געשטונקען. מען ווערט אָבער צו אַלעם צוגעוווינט. מ׳האָט דאָס פּאַרט געגעסן, כדי נישט אומצוקומען.

צען אין אָוונט עפנט זיך דאָס פענצטערל און די זעלבע שטימע פון אין דער פרי, שרייט: ״שלאָפן!״ דער קאַשמאַר הייבט זיך אָן, ווייל אפילו אין בעט קאָן מען זיך נישט אויסציען ווי מ׳וויל: מען מוז ליגן אויפן רוקן, ביידע הענט אויף דער קאָלדרע, דאָס פּנים געווענדט צום ״יודאַש״ — און די ליכט ברענט א גאַנצע נאַכט. אוממעגלעך אויסצומיידן די פאַרבלענדנדיקע שטראַלן, וואָס בייסן די אויגן־לעפלעך.

שפּעטער האָב איך זיך אויסגעלערנט פון די אַרעסטאַנטן דאָך צו קענען שלאָפן, אוועקלייגן די שקאַרפּעטקע אויף די אויגן, אָדער ענלעכע איינפאַלן.

דער צירק הייבט זיך ווידער אָן: מ׳איז געקומען מיך רופן און מען פירט מיך צו אַן אויספאָרשונג. אין א ווינקל פון צימער — א קליין טישל מיט א בענקל פאַר דעם אַרעסטאַנט. אנטקעגן — א ביוראָ־טיש, ווו עס זיצט א קאַפּיטאַן. איך זעץ זיך.

— האַלט אייערע הענט אויפן טיש!

דער אָפיציר נעמט א בויגן פּאַפּיר און די אויספאָרשונג הייבט זיך אָן:

— פאַמיליע־נאָמען און נאָמען.

— טרעפּער, לעאָפּאָלד.

— נאַציאָנאַליטעט?

— יידישע.

— אויב דו ביסט א ייד, פאַר וואָס רופסטו זיך לעאָפּאָלד?

— א שאָד וואָס איר קאָנט נישט שטעלן די פראַגע מיין פאָטער, ער איז שוין טויט.

ער זעצט פאָר:

— בירגערשאַפט?

— פוילישע.

— סאָציאַלע אָפּשטאַמונג?

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דיין פאָטער איז געווען אַן אַרבעטער?

— ניין! — ער שרייבט, רעדנדיק צו זיך ״אָפּשטאַמונג: קליינבירגערלעכע.

— פּראָפעסיע?

— זשורנאַליסט.

— פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט?

— פון 1925 מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ער שרייבט, ריידנדיק צו זיך הויך אויפן קול:

— און ער זאָגט, אַז ר׳איז א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון 1925.

די אויספאָרשונג איז געענדיקט. איך גיי אַרויס מיט א געפיל פון אַש אין מויל: פוילישער בירגער, ייד, קליינבירגערלעכע אָפּשטאַמונג. אַזאַ איז דער סך־הכל

פון מיינע צוואנציק יאָר פּאַרטיי־טעטיקייט. עס ווילט זיך ווייַנען — כ׳האלט איין מיינע טרערן, איך וועל זיי דאָס פאַרגעניגן נישט אָנטאָן.

אלע אָוונט, צען א זייגער, קומט מען מיך נעמען צו דער אויספאָרשונג, וואָס דויערט ביז האלב זעקס אין דער פרי. אזוי איז אדורך א וואָך אָן שלאָף. איך פרעג זיך: ווי לאנג וועל איך אזוי קענען אויסהאלטן?

איך דערמאָן זיך דעם הונגער־שטרייק אמאָל, אין דער ארץ־ישראלדיקער תפיסה און שטעל פעסט, אז א שלאָף־שטרייק איז שווערער.

אָבער דאָס מאָל — א שטרייק קעגן מיין ווילן. דערווייל האלט איך אויס די אויספאָרשונגען.

אויספאָרשונגען? דאָס זענען גיכער סעאנסן, וואָס צילן מיך איינצוברעכן. יעדע נאכט — דער זעלבער שפּיל: „דערציילט אייערע פארברעכנס קעגן ראטן־פארבאנד״, חזרט איבער אומאויפהערלעך דער אויספאָרשונג־אָפיציר. און איך ענטפער ווי אן אויטאָמאט:

— איך בין נישט באגאנגען קיין שום פארברעכן קעגן סאָוועטן־פארבאנד!

דער קאפּיטאן מאכט דעם אָנשטעל, אז ער איז לגמרי נישט פאראינטערעסירט אין מיר. ער לייענט צייטונגען און בלויז פון צייט צו צייט חזרט ער איבער זיין פראגע, נישט אויפהייבנדיק די אויגן.

איך ענטפער מעכאניש: „איך בין נישט באגאנגען״... די פראגן ציען זיך, די צייט גייט — איך בלייב שטיל און שטרענג זיך אָן צו בלייבן זיצן אומבאוועגלעך, זיבן שעה אָן איבעררייס, אויף דעם קליינעם בענקל.

פארטאג פירט מען מיך צוריק אין קאמער. אין עטלעכע מינוט ארום דערהערט זיך דאָס קול פון וועכטער, וואָס גייט פון טיר צו טיר: „אויפשטיין!״

כ׳האָב נאָך נישט באוויזן זיך צוצולייגן, ווי עס שטעלט זיך א צווייטער טאָג. „זיי ווילן מיך איינברעכן״ — זאָגט איך צו זיך אליין. „מען דארף מארשירן, אויסהאלטן״.

ס׳איז שוין די צווייטע און דריטע וואָך, ווי עס ווערט געפירט מיין אויספאָרשונג. מ׳לאָזט מיך שלאָפן איין נאכט אויף זיבן. איך פאל אריין אין א דרימל, קוים וואָס איך האלט זיך אויף די פיס. אין דער פרי הייבט זיך ווידער אָן דער שפּיל.

אן אָוונט פון דער פערטער וואָך, קומט אריין אין אויספאָרשונג־צימער א קליינער מאן מיט א פארגעלט, קרענקלעך פּנים. ער זעט אויס אָנגעשטרענגט, געשפאנט.

דאָס איז דער קאָלאָנעל, פאראנטוואָרטלעך פאר דער אויספאָרשונג־אָפּטיילונג, בארימט אין דער גאנצער לוביאנקע פון זיינע אכזריותן און סאדיזם. ער האָט א פארגעניגן צו דערלאנגען קלעפּ מיט די אייגענע הענט. אין איין אָטעם גיט ער א פרעג דעם קאפּיטאן:

— וועלכע רעזולטאט האָסטו שוין דערגרייכט?

— גאָרנישט. ער איז פארעקשנט, לייקנט זיינע פארברעכנס. ער האָט נאָך נישט אָנגעהויבן ריידן.

דער קאָלאָנעל דרייט זיך אויס צו מיר און לאָזט זיך אריין אין א לאנגער דרשה,

פול מיט קללות און דראָונגען, אגב באַפּעפּערטע מיט דער באַקאַנטער, רוסישער זידל־שפּראַך.

אין אַלגעמיין הייבט זיך אָן דאָס רוסישע זידלען פון דער מאַמען... נאָר ער איז אַ ספּעציאַליסט, ער דערגייט ביז דער פערטער און פינפטער גענעראַציע...

זיין "ערודיציע" האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז אַן איינגעחזרטע תּפילה, פון פאַרויס צוגעגרייט, אַ טייל פון דער עלעמענטאַרער דערציונג, וואָס ווערט געגעבן אַן אויספאָרשונג־קאַנאַנעל.

איך שווייג, רעאַגיר נישט. ווען ער איבערצייגט זיך, אַז ר׳האָט אָנגעטראָפן אויף אַ וואַנט, שטעלט ער זיך אָפּ און דראָט:

— דער אַפּרו אין לובּיאַנקע איז געענדיקט, איך וועל געפינען מיטלען צו מאַכן דיך ריידן. וועסט זיך מודה זיין אין דיינע פאַרברעכנס!

ער עפנט די טיר און שרייט היסטעריש:

— נעמט אַרויס פון דאַנען דאָס טינופת!

ס׳איז נישט מער ווי איינס אַ זייגער ביינאַכט. מ׳האָט באַדאַרפט אויסהאַלטן דעם קלאָונישן ספּעקטאַקל, כדי צו פאַרדינען עטלעכע שעה שלאָף...

אין די ווייטערדיקע נעכט איז מען נישט געקומען מיך פאַרשן.

3 לעפּאַרטאָווא

שוין מער ווי א חודש ווי איך געפין זיך אין דער לוביאנקע... א געוויסן אָוונט, איז דער וועכטער אריין אין מיין קאמער און צוגעוואָרפן:

— קומט מיט מיר...

איך גרייט זיך צו גיין מיט אים, נאָר ער גיט צו:

— נעמט מיט אייערע זאכן!

אלזאָ, איך וועל בייטן די וווינונג! איך דארף זיך נישט צו פיל אָנשטרענגען כדי צוזאמען נעמען מיין ביסל חפצים. איך בין ארויס פון תפיסה שטארק באוואכט. אין אויטאָ, וועלכער איז גוט באקאנט די מאָסקווער איינוווינערס (זיי רופן אים: "טשאָרני וואָראָן" ("די שווארצע ראָב"), האָט אויף מיר געוואַרט פארן טויער. דאָס איז א לאסט-אויטאָ וואָס שיידט זיך נישט אונטער פון אלע אנדערע וואָס פירן סחורות. מיט גרויסע אותיות איז געווען אויסגעמאָלט אויף די זייטן: פלייש, ברויט, פיש — אָבער אינעווייניק איז דער אויטאָ געווען איינגעטיילט אויף קליינע אָפּטיילונגען, איבערצופירן אן אנדערן סאָרט סחורה. די מחיצות זענען אזוי געווען איינגעטיילט, אז די ארעסטאנטן וועלכע מען פירט איבער, זאָלן זיך נישט קאָנען צווישן זיך פארשטענדיקן. מען האָט מיך אריינגעשטויסן אין דעם אויטאָ. דאָס פאָרן האָט געדויערט בערך א האלבע שעה.

מיר זענען אָנגעקומען אין דער תפיסה לעפּאַרטאָווא, באקאנט אין גאנץ ראטן-פארבאנד. די געביידע האָט מיר דערמאָנט די פעסטונג פון עכו. דאָס איז געווען א מיליטערישע תפיסה, אויפגעבויט נאָך אונטער דער צארישער הערשאפט. דער רעזשים אין לעפּאַרטאָווא איז געווען זייער א שטרענגער. די ארעסטאנטן, נאָכן פארלאָזן דאָס אָרט, זענען פון דאָרט ארויס אינוואלידן. נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט די תפיסה נישט פונקציאָנירט. אין יאָר 1937 האָט סטאלין פאראָרדנט צוריק עפענען די תפיסה און איינגעזעצט אין איר טוכאטשעווסקין מיט זיינע חברים. דער אינערלעכער אויסזען פון דער תפיסה איז געווען ווי פון א צירק: דריי שטאָקן רונדע גאלעריעס, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען קאמערן. אין מיטן — א גרויסער, ליידיקער פלאץ, פון וואנען מ'האָט געקאָנט אָבסערווירן אלע דריי שטאָקן.

מען האָט מיך ווידער באַזוכט, וואָס האָט מיר אויסגעזען לעכערלעך, ווייל מ'האָט דאָך מיך נאָר איבערגעפירט פון איין תפיסה אין אַן אַנדערער. אָבער דער פאַקט איז ווייזט אויס, געלם געוואָרן פונעם שכל־הישר פון דער אַדמיניסטראַציע. מיינע מלבושים האָבן זיי אוועק געגעבן צו אַ דעזינפעקציע, פון וואַנען זיי זענען צוריק געקומען נאַס און צעקנוידערט. מען האָט מיך אַריין געפירט אין אַן איינצל־קאַמער. פון די ווענט האָבן געטריפט טראָפּנס וואַסער. כ'האָב גלייך פעסטגעשטעלט, אַז די פייכטקייט דרינגט אַריין אין מיינע זאַכן. דאַקעגן האָט די קאַמער פאַרמאָגט אַ "לוקסוס" — אַ וואַסער־קראַן מיט אַ וואַשטיסל, פאַרבונדן מיט די רערן פון קלאָזעט. היות דער אָפּלויף איז געווען פאַרשטאָפּט, האָב איך געמוזט אויסשעפּן דאָס וואַסער מיט דעם טעפּל, וואָס איז געווען באַשטימט פאַרן עסן.

צו מאָרגנס נאָך מיין אָנקומען האָט זיך באַוויזן דער שערער. ער האָט מיך אָפּגעראַזירט און גענומען די שער...

— איצט — זאָגט ער — וועל איך דיר אָפּשערן די האָר...

— איך בין נאָך נישט קיין געמשפּטער!

— דאָס האָט נישט קיין באַדייטונג, מיר שערן אַלעמען אָפּ. אויב וועסט זיך קעגנשטעלן, וועל איך מיט דער מאַשינקע דיר אויסשערן אַ קרייץ אויפן קאָפּ.

די וועכטערס אין לעפּאַרטאָוואָ זענען געווען פיל שטרענגער ווי די פון לוביאַנקע. זיי האָבן נישט געלאָזן די אַרעסטאַנטן קיין איין מינוט רוען. אומאויפהערלעך געקלאַפּט מיטן טירעלע פון "יודאַש". צען מאָל אין משך פון דער שעה אונטער פאַרשידענע פּרעטעקסטן, זענען זיי אַריין אין קאַמער: "איר גייט צו פיל, איר זייט צו לאַנג געזעסן, איר באַוועגט זיך נישט גענוג" אאַז"וו. אויך די באַשפּייזונג איז געווען פיל ערגער ווי אין דער לוביאַנקע.

יעדן אָוונט, אַרום צען אַ זייגער, האָט זיך די תפיסה אויפגעוועקט צום פיבערהאַפטן נאַכט־לעבן. די טירן האָבן אָנגעהויבן אומאויפהערלעך צו קלאַפּן, עס האָבן אָפּגעהילכט די טריט פון די וואָס מ'האָט געפירט צו די אויספאָרשונגען... עטלעכע טעג נאָך מיין אָנקומען, איז געקומען מיין ריי.

דער קאַפּיטאַן וואָס האָט מיך געפאָרשט, שטעלט אויסטערלישע פראַגן:

— איר ווילט מיר אפשר דערציילן, ווי אַזוי איר, אַ פּוילישער בירגער, האָט געקאָנט אַריינקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד? ווער האָט אייך אין דעם געהאָלפן?

מיינע תשובות, וועלכע ער האָט אַגב נישט פאַרנאָטירט, האָט ער אויפגענומען מיט אַ ציניש געלעכטער. דער "סעאַנס" האָט אַזוי געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. עטלעכע טעג זענען אַדורך. מען האָט מיך ווידער גענומען צו דער אויספאָרשונג. דער זעלבער קאַפּיטאַן. ער איז אַריבער אין אָנגריף:

— ווייסט איר וואָס איז געוואָרן פון דער באַנדע וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דעם אַזוי גערופענעם קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט, אין וועלכן איר האָט געלערנט דריי יאָר?

איך האָב דערמאָנט עטלעכע נעמען פון אלטע באלשעוויקעס: מארכלעווסקי, בודזינסקי, פרומקינא...[1]

— די אלע אויסוורפן זענען געוואָרן דעמאסקירט ווי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. האָט מען אייך דאָס געזאָגט?

— אויב אזוי, דערקלער איך גאנץ אָפן, אז כ'בין שטאָלץ אָנצוהערן צו די אויסוורפן!

ער איז געוואָרן פארשטייפט, ווי אן אָפּגעגאָסענער מיט אייז־קאַלטער וואסער...

— א שאָד וואָס איר האָט פארלאָזן דעם ראטן־פארבאנד, אנדערש וואָלט אייער גורל שוין פון לאנג געווען א געחתמעטער און איך וואָלט היינט נישט באדארפט פטרן מיין צייט מיט אייך.

דערנאָך האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער אלטער פזמון:

— דערציילט וועגן אייערע פארברעכנס קעגן ראטן־פארבאנד...

אין משך פון דער גאנצער סעריע אויספאָרשונגען, האָט מען קיין איין מאָל נישט געשטעלט די פראגע וועגן מיין ארבעט אין דער צייט פון מלחמה. אויך נישט וועגן רויטן אָרקעסטער. איך האָב געהאט דעם איינדרוק, אז כ'געפין זיך אין תפיסה נאָר דערפאר, ווייל איך האָב באלאנגט צו דער "באנדע" אלטע קאָמוניסטן, וואָס זענען נאָך פאר דער מלחמה ליקווידירט געוואָרן... דאָס וואָס איך בין געבליבן לעבן, איז פאר מיינע אויספאָרשער געווען אן "אומנאָרמאלקייט", וועלכע זיי האָבן געזוכט צו "פארניכטן"...

א געוויסע נאכט, ארום פיר פארטאָג, איך בין נאָר וואָס געהאט צוריק געקומען פון דער אויספאָרשונג, האָט זיך געעפנט די טיר פון מיין קאמער און צוויי וועכטער זענען אריין מיט א טראָג־בעטל, אויף וועלכן ס'איז געלעגן א גוססדיקער מאַן. זיי האָבן דעם פארוואונדעטן ארויפגעוואָרפן אויפן ליידיקן בעט און צוריק ארויס פון דער קאמער, נישט ארויסריידנדיק קיין וואָרט. איך בין צו אים צו מיט א נאס טיכל און געוואשן זיין אָנגעשוואָלן פנים, וואָס האָט געהאט אויף זיך סימנים פון א סך קלעפּ. דער מאַן האָט מיט קרעכצן און ווייטיקן זיך איבערגעדרייט אויפן בויך. ער איז געווען אן אָפיציר פון דער רויטער ארמיי, וואָס איז איצט אדורכגעגאנגען אן "אינטענסיווע" אויספאָרשונג. אין דער פרי האָבן די וועכטערס אים איבערגעטראָגן אין אן אנדערער קאמער.

אין אָוונט איז מען געקומען מיך נעמען. די אויספאָרשונג האָט געפירט א קאָלאָנעל. זיין ערשטע פראגע האָט ער באגלייט מיט א צופרידענעם שמייכל...

— איר האָט אים געזען היינט אין דער פרי? וואָס זאָגט איר?

— איר מיינט אוודאי דעם מאַן, וואָס דערוועקט רחמנות און וועלכן מ'האָט געברענגט אין מיין קאמער?

1) אסתר פרומקין איז געווען א באקאנטע פירערין פון "בונד". נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז זי אריינגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פארטיי און געוואָרן רעקטאָרין פון קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון מארכלעווסקי, באשטימט פאר די נאציאָנאלע מינדערהייטן פון מערב.

— אוודאי מיין איך אים. מיר האָבן געוואָלט ווייזן, וואָס מיר זענען מסוגל אייך צו טאָן.

— הערט זיך איין, קאַלאַנעל, איך וואָרן אייך פֿייערלעך, אז אויב וועט פֿון אייך וועט מיך אָנרירן מיט א פינגער, נאָר מיט איין פינגער, וועט איר קיינמאָל נישט הערן מער דעם קלאַנג פֿון מיין שטים. אויב איר וועט לגבי מיר אָנווענדן די שענדלעכע באַהאַנדלונג, וועל איך אייך באַטראַכטן ווי שונאים פֿון ראַטן־פאַרבאַנד און וועל רעאַגירן מיט מיין גאַנצן איבערצייגונג־כוח. איך זאָל אפילו וויסן דערפֿאַר מקריב צו זיין מיין לעבן!

דער קאַלאַנעל האָט מיך א ווײַלע באַטראַכט, געווען פֿאַרוווּנדערט פֿון דעם טאָן, אָבער דערנאָך פֿונאַנדערגעבונדן די צונג. אויף מיר האָט א פֿלייץ געטאָן א כוואַליע פֿון זידל־ווערטער, וואָס האָבן באַרייכערט מיין לעקסיקאָן. צום סוף איז ער ארויס, מיט א זעץ אין טיר...

מיין שטענדיקער אויספֿאָרשער וואָס האָט זיך שוין באַרויקט, פֿאַרלאַנגט אַז איך זאָל זיין פֿאַרשטענדיק און אים נישט פּראָוואָצירן. מיט וואָס קאָן איך אַנטקעגן קומען זיינע פֿאַרלאַנגען? — איך זאָג אים:

— איך באַטראַכט אייך נישט ווי קיין פֿאָרשטייער פֿון סאָוועטישן רעזשים. איך האָב די האָפֿענונג און אויך דעם ווילן אייך איבערצולעבן, זאָל זיין כאָטש אויף איין טאָג. וואָס שייך דער "באַנדע" וועלכע איר האָט דערמאָרדעט, דאָ אָדער ערגעץ אַנדערש, און וועגן וועלכער איר האָט מיט מיר גערעדט דאָס פֿאַריקע מאָל, — טאָ מאַכט אייך נישט קיין אילוזיעס. איר וועט טיילן דעם זעלבן גורל...

— פֿאַר וואָס זידלט איר מיך? — האָט דער קאַפּיטאַן זיך צעבייזערט. — איך דערפֿיל נאָר מיין פֿליכט...

— אייער פֿליכט? איר גלויבט, אַז איך בין נאַיוו און ווייס נישט וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען נאָך דעם טויט פֿון קיראָוון? דאָ איז די "מיל פֿון טייוול!" איר דאַרפֿט אָבער נישט פֿאַרגעסן, אַז דאָ, אין דער "מיל פֿון טייוול", האָבן פֿיל פֿון אייערס גלייכן געהאַט דעם זעלבן סוף ווי די קרבנות, וועלכע זיי גופֿא האָבן פֿאַבריצירט!

ער האָט נישט געענטפֿערט. זיין כּעס האָט מיר פֿאַרלייכטערט דאָס געמיט. בעתן ארויסגיין האָב איך איבערגעחזרט: — יאָרן קענט איר שטעלן די פֿאָדערונג "איך זאָל זיך מודה זיין אין די פֿאַרברעכנס, וועלכע כ'בין באַגאַנגען קעגן ראַטן־פֿאַרבאַנד!" איר וועט תמיד פֿון מיר באַקומען די זעלבע תשובה: "איך בין נישט באַגאַנגען קיין שום פֿאַרברעכן קעגן ראַטן־פֿאַרבאַנד!"

אין משך פֿון לאַנגע וואָכן בין איך פֿאַרבליבן איזאָלירט אין מיין קאַמער. א געוויסן אָוונט האָט זיך די טיר געעפֿנט, און די באַקאַנטע איינלאַדונג האָט זיך איבערגעחזרט:

— נעמט צענויף אייערע זאַכן און קומט מיט מיר...

ווידער זיך איבערקלייבן? וווּהין? צו מיין גרויס פֿאַרוווּנדערונג, האָב איך זיך צוריק געפֿונען אין דער לוביאַנקע און מיט א געוויסן פֿאַרגעניגן ווידער זיך אָפּגעפֿונען אין מיין קאַמער. איך פֿיל זיך כמעט ווי ביי זיך. אין משך פֿון צוויי וואָכן האָט מען מיך צורו געלאָזט. אין איין אָוונט, ארום צען א זייגער, מ'נעמט

מיך ווידער צו דער אויספאַרשונג. א נייער אויספאַרשער, א קאַלאַגעל, האָט איבערגענומען מיינע אקטן. א מאן פון אומגעפער פערציק יאָר, א סימפאטיש געזיכט. ער בעט מיך זעצן. עס שאפט זיך אן אטמאָספער, פון וועלכער איך בין שוין אָפּגעוווינט. ער נעמט פון זיין טיש א שאכטל סיגארעטן "קאזבעק" און איז מיך מכבד. אין דער צייט פון דער מלחמה, בין איך געוואָרן א גרויסער רויכערער — און דאָ זענען שוין פאַריבער דריי חדשים, ווי איך האָב נישט טועם געווען קיין איין סיגארעט. איך קוק אויף אים און קוק אויפן ווייסן שאכטל. איך גיי אויס פון חשק צו פארויכערן, נאָר דאָך זאָג איך אים:

— ניין, א דאנק, איך רויכער נישט!

נעמען א סיגארעט באדייט — אריינגיין אין זיין שפיל, דאָס איז דער אָנהייב פון קאפיטולירן. זיין ערשטע פראגע קלינגט מאָדנע אין מיינע אויערן:

— ווי פילט איר זיך? זייט איר נישט פארמאטערט פון די אויספאַרשונגען?

ווו געפין איך זיך — אין דער לוביאנקע, צי אין א קאפע־הויז? שוין זייער לאנג, ווי קיינער האָט זיך נישט געפרעגט אויף מיין געזונט! די שעפן פון דער אויספאַרשונג־סעקציע האָבן ווארשיינלעך געביטן די טאקטיק... מיין אויספאַרשער האָט מיך באפרייט ארום צוויי א זייגער. אזוי אויך האָט ער געהאנדלט שפּעטער. אן אומגעהויערער פאַרשריט... אין משך פון צוויי חדשים האָט אָנגעהאלטן דער דאָזיקער רעזשים. מיין אויספאַרשער האָט נישט צונויפגעשטעלט קיין פּראָטאָקאָלן, נאָר פאַרנאָטירט. גאנץ אָפט האָט ער מיט מיר געשמועסט וועגן פאריז, בריסל, רוים און בערלין. איך האָב פארשטאנען, אז ער קען אייראָפּע, אז איך האָב דאָ צו טאָן מיט א געוויזענעם אָפיציר פון קאָנטער־שפּיאָנאזש, וואָס האָט זייער פיל "געררייזט". ביסלעכווייז האָט ער זיך פאראינטערעסירט מיט מיין ארבעט אין דער צייט פון דער מלחמה. ער אינפאָרמירט זיך וועגן דער אונטערנעמונג אין בריסל. ער וויל וויסן, צוליב וואָס האָב איך אראָפּגעברענגט מיין פאמיליע, ער פארצייכנט מיינע זכרונות פון די ערשטע מלחמה־טעג אויפן מערב... ער איז שטארק נייגעריק. אין גאנג פון אונדזערע "שמועסן" האָב איך זיך איבערצייגט, אז אים איז גוט באקאנט די געשיכטע פון רויטן אָרקעסטער, ס'איז אים נאָר שווער צו באנעמען, ווי אזוי האָט די נעץ געקאנט פונקציאָנירן מיט אזא קליינער צאל פּראָפעסיאָנאַליסטן פון געהיים־דינסט, און ווי איז געווען מעגלעך אונטערצונעמען אָפּעראציעס אין אזא ברייטן מאסשטאב. די פראגע מאטערט אים: דער רויטער אָרקעסטער האָט נישט אנטשפּראָכן קיין שום אָרגאניזאציאָנעלער סטרוקטור, ווי ער פארשטייט. עטלעכע נעכט האָט ער מיך געלאָזט צורו. איך האָב צוריק געפונען דעם שלאָף און אויך די האָפענונג, אז די געשיכטע וועט זיך סוף־כל־סוף ענדיקן צום גוטן. חלומען איז דאָך נישט פארבאָטן, אפילו צווישן די ווענט פון דער לוביאנקע.

דער גורל פון מיין משפחה באאומרויקט מיך. כ'ווייס זייער גוט, וואָס עס קומט געוויינלעך פאָר מיט די משפחות פון די ארעסטירטע. איך קאָן זיך אָבער נישט פאָרשטעלן מיין פרוי און קינדער, פארשיקטע אין סיביר. געהערן צו א משפחה פון אן ארעסטירטן, איז א שרעקלעכע זאך...

איין נאכט האָב איך מער נישט געקאָנט אויסהאלטן און געזאָגט מיין

אויספאָרשער, אַז איך שרעק זיך פאַר מיין משפחה, אויב זייער גורל איז נישט טראַגישער פון מיינעם. ער האָט אויף דעם נישט געענטפערט, נאָר עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט געזען די מייניקע. ער האָט זיי געבראַכט די מתנות וועלכע כ'האָב פאַר זיי געקויפט אין קאַיר (ער האָט זיי אַרויסגענומען פון תפיסה־דעפּאָזיט. ער האָט דערציילט מיין פרוי, אַז ער קומט פון אויסלאַנד און איר איבערגעגעבן פיל גרוסן פון מיר...).

— האָט מען זיי נישט פאַרשיקט קיין סיביר?

— זאָרגט אייך נישט, ס'וועט זיי גאָרנישט געשען.

אפילו ווען איך האָב נישט אין אַלץ געגלויבט, האָט ער דאָך מיך באַרויקט. מיר איז לייכטער געוואָרן איבערצוטראָגן דאָס לעבן פון אַן אַרעסטאַנט.

אַ נאַכט אין חודש יוני, אַרום צוויי פאַרטאָג, איז מען געקומען מיך נעמען. שמייכלענדיק, פרעגט מיך דער אויספאָרשער:

— טרעפט ווען מען איך בין געגאַנגען אָפּנעמען אויפן עראָפּאָרט?

— פאַנוויצן און קענטן!

איך בין געווען זיכער; ער לאַכט:

— נאָך עפּעס: פאַנוויץ איז געקומען מיט זיין סעקרעטאַרין, ראַדיאָ, און פּופּצן וואַליזעס! אין זיין אייפער צו דינען, האָט ער אפילו מיטגעבראַכט די רשימה פון די דייטשע אַגענטן, וואָס זענען טעטיק אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע, ווי אויך דעם קאָד וואָס דערמעגלעכט צו דעשיפרירן די קאָרעספּאָנדענץ צווישן רוזוועלטן און טשערטשילן.

דעם זעלבן אָוונט זענען פאַנוויץ מיט זיינע באַגלייטערס שוין געשלאָפן אין דער לוביאַנקע. וואָס פאַר אַן איראָניע פון דער געשיכטע: דער שעף פון רויטן אָרקעסטער און דער פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ געפינען זיך עטלעכע מעטער איינער פון אַנדערן, אין דער זעלבער תפיסה.

אין יענער נאַכט האָט די אויספאָרשונג זיך פאַרנומען מיט אויספרעגן מיך וועגן פאַנוויצן און פון דער לאַנגער רשימה פון זיינע פאַרברעכנס. איך האָב דערציילט וועגן דעם מאָרד פון סוזאַן ספּאַאַק און פערנאַנד פּאָריאָל און די פּרוון פון פאַנוויצן אָפּצורוימען אַלעמען פאַר זיין פאַרלאָזן.

אין משך פון פיר חדשים האָבן מיר אַרומגערעדט אַלע פּרטים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום רויטן אָרקעסטער: דער "גרויסער שפּיל", די טרעפונג מיט זשיליעטן, די באַציונגען מיט בערלין אאַז"וו. דעם פינפטן חודש האָט ער מיך מער נישט געפאָרשט. מיין אויספאָרשער האָט צוגעגרייט דעם פּראָטאָקאָל אויפן סמך פון זיינע נאָטיצן. אַ געוויסן אָוונט האָט ער מיך גערופן און דערלאַנגט דעם דאָקומענט:

— דאָ האָט איר דעם פּראָטאָקאָל, לייענט אים אַדורך. אויב איר געפינט אים פאַר ריכטיק, שרייבט אונטער.

איך האָב געלייענט איין מאָל, צוויי מאָל — און געוואָרן אויפגעציטערט. ער האָט געשריבן גענוי דאָס פאַרקערטע וואָס איך האָב אים דערציילט...

— הערט זיך איין, קאַלאַנעל, איינער פון אונדז ביידע האָט פארלוירן דעם שכל... דער פּראָטאָקאָל איז פאלש פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער.

— אלזאָ, ווילט איר נישט חתמענען ?

— איר אליין גלויבט דען, אז איך וועל חתמענען די פיר זייטן ליגנס ?

ער באאומרויקט זיך נישט...

— איר חתמעט נישט ?

— פאַרשטייט זיך, אז ניין !

ער האָט ביי מיר געגומען דעם דאָקומענט, אים אוועקגעלייגט אויפן טיש, גלייך ס'וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען און אריבערגעפירט דעם שמועס אויף אומבאַדייטנדיקע טעמעס... צוויי וואָכן צייט האָט זיך געצויגן די קאָמעדיע.

— איר חתמעט ?

— ניין.

— איר ווילט נישט חתמענען ?

— ניין !

— פאַר וואָס ווילט איר נישט חתמענען ?

איין נאכט איז געקומען דער שעף פון דער אָפּטיילונג. זיין פּרצוף פאַרביטערט און פאַרצאָרנט ווי תמיד. ער פרעגט דעם קאָלאָנעל :

— נו, ווי נאָך לאַנג וועט זיך ציען דער ענין ?...

איך האָב דערויף געענטפערט : — ביזן לעצטן טאָג פון מיין לעבן !

א כוואַליע פון זידלערייען. דער קאָלאָנעל דראָט אויך :

— פאַרגעסט נישט אז איר האָט א משפחה, אייער עקשנות קאָן זיי טייער קאָסטן...

צוויי אָדער דריי טעג שפּעטער, בין איך גערופן געוואָרן אין מיטן נאכט. אין קאָרידאָר וועלכער פירט צום אויספאָרשונג־צימער, איז שטיל. אנשטאָט מיך אריינפירן אין דעם געוויינלעכן צימער, געפין איך זיך אין א זאל ביים סוף פון קאָרידאָר. דער אויספאָרשער איז שוין דאָ. איך גיי צו צו מיין קליין טישל, ער פאַרבעט מיך אָבער אוועקזעצן ביי זיין שרייבטיש. איך זע נישט מער דעם פּראָטאָקאָל.

— איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פאַרצוזעצן די אויספאָרשונג. איך האָב אייערע אקטן איבערגעגעבן מיינע שעפן.

איך בין געבליבן סקעפּטיש צו דער דאָזיקער דעקלאַראַציע...

— אויב איר האָט געקענט צונויפשטעלן א פּראָטאָקאָל מיט אזוי פיל שקר, ענדערט דאָס פאַר מיר גאָרנישט, אפילו אן אנדערער אויספאָרשער וועט אייך פאַרטרעטן. איר זייט אלע די זעלבע.

ער לאַכט...

— איר זייט, אלזאָ, ביי דער מיינונג, אז מיר זענען אלע דינער פון טייוול ?

— יאַ, איך מיין אַזוי. די פֿאַרמען בייטן זיך, אָבער דער ציל בלייבט דער זעלבער. פֿון מיניסטער ביז צום נידעריקסטן אָנגעשטעלטן פֿון דעם "הויז", האָט איר אַלע דעם זעלבן ציל: אומברענגען די בעסטע קאַדערס פֿון דער פּאַרטיי!

— איך וואָלט מיט אייך געוואָלט ריידן אונטער פֿיר אויגן... ווען איך האָב נישט צו אייך קיין צוטרוי, וואָלט איך וועגן דעם נישט גערעדט. אויב איר וועט מיינע שעפֿן דערציילן דאָס וואָס איך וועל אייך זאָגן, וועל איך נאָך היינט אין אָוונט טיילן מיט אייך די קאַמער...

און נאָך אַ קורצער הפסקה:

— די ערשטע זאַך וואָס כ'וויל אייך זאָגן: האַלט אויף אייער אַנטשלאָסנקייט און אייער אומדערשיטערלעכן ווילן אין די לאַנגע יאָרן פֿון תּפֿיסה וואָס דערוואַרטן אייך. דער עיקר — טוט נישט אָפּ קיין נאַרישקייט...

— אַ נאַרישקייט? איר גלייבט, אַז איך וועל באַגיין זעלבסטמאָרד? אָ, ניין! איך וועל קעמפֿן ביזן סוף. מיין גאַנצער ווילן איז געריכטעט צו איין ציל: אייך איבערצולעבן...

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ טרויעריקן שמייכל:

— איך האָב זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז איר וועט אַזוי ריידן. איך האָב באַשלאָסן זיך אָפּצוזאָגן פֿון אייערע אַקטן, ווייל מיין געוויסן פֿון אַ מענטש און קאָמוניסט, האָט עס מיר פֿאַרבאָטן. איך ווייס, אַז דאָס וועט מיר פֿאַרשאַפֿן אַ סך אומאַנגענעמלעכקייטן. איך בין אָבער גרייט אויף אַלץ. איידער מיר גייען זיך פֿונאַנדער, וואָלט איך געוואָלט עפּעס אויפֿקלערן, וואָס פֿיל אַרעסטירטע, אויך איר, באַנעמען עס נישט. איר גלייבט, אַז די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַר דער טראַגעדיע וועלכער מיר לעבן איבער, געפֿינען זיך דאָ, אין זיכערהייט־מיניסטעריום. אַ טעות! מיר זענען נאָר די אויספֿירערס פֿון סטאַלינס פּאָליטיק און פֿון דער פּאַרטיי־אָנפֿירונג...

— טרייע אויספֿירערס...

— געוויס, אָבער די נ.ק.וו.ד. איז נישט קיין אינסטיטוציע וואָס שטייט איבער דער פּאַרטיי. זי פֿירט נאָר אויס אירע באַפֿעלן. מעגלעך, אַז די אָנפֿירונג פֿון דער נ.ק.וו.ד. ווייזט אַרויס צו פֿיל אייפֿער ביים אויספֿירן סטאַלינס אָנווייזונגען און כאַפּט איבער די מאָס. סטאַלין דערקלערט למשל, אַז אין גאַנג פֿון דער סאָציאַליסטישער בויונג, פֿאַרטיפֿט זיך אַלץ מערער דער קלאַסן־קאַמף. כּדי צו באַווייזן די ריכטיקייט פֿון דער פּאָליטיק, ליקווידירט די נ.ק.וו.ד. וואָס אַמאָל מערער "שונאים".

— פֿון וואַנען נעמט זיך, וואָס די אָפּיצירן־אויספֿאָרשערס ווייזן אַרויס אַזוי פֿיל אכזריות לגבי די אַרעסטירטע, ווען זיי אַליין ווייסן, אַז די וועלכע זיי פֿאָרשן, זענען אומשולדיק?

— די אַלע וואָס אַרבעטן דאָ, דאַרף מען נישט אַריינלייגן אין איין זאַק. די יונגע האָבן נישט קיין דערפֿאַרונג. זיי פֿירן אויס די אַרבעט מיט דער איבערצייגונג, אַז זיי פֿאַרניכטן די שונאים פֿון דער פּאַרטיי, פֿון סטאַלינען און פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. אַנדערע טוען די מלאָכה אָן שום איבערצייגונג. זיי גלייבן נישט אין דעם וואָס זיי טוען. נאָר אויב זיי וועלן זיך אָפּזאָגן דאָס צו טאָן, איז זיי באַוווּסט,

אז מאָרגן וועלן זיי גופא זיצן אויף דער באשולדיקונג־באנק. דער טעראָר איז די טרייב־קראפט פון סיסטעם. אויסער דעם זענען אויך פאראן סאדיסטן און אזעלכע וואָס זוכן צו מאכן א קאריערע.

— איין פראגע מאטערט מיך — זאָג איך אים — ווען איך האָב זיך נאָך געפונען אין פאריז, האָט מארשאל גאָליקאָוו באזוכט די געפאנגענע־לאגערן אויף די באפרייטע געביטן. נאָכן באזוך, האָט ער פייערלעך דערקלערט, אין נאָמען פון סטאלינען און אין נאָמען פון דער פארטיי, אז אלע רוסן וואָס זענען אריינגעפאלן אין די הענט פון שונא, וועלן זיין גוט געזען אין זייער פאָטערלאנד. אז די הונדערטער טויזנטער קריגס־געפאנגענע האָבן זיך אומגעקערט קיין ראטן־פארבאנד, זענען זיי געוואָרן ארעסטירט און פארשיקט. פאר וואָס?

— איר דארפט פארשטיין, אז סטאלין האָט נישט בעגירט די עווענטואליטעט פון א מלחמה אין דער נאָענטסטער צייט מיט זיינע נעכטיקע פארבינדעטע. ארויסגייענדיק פון דער הנחה, האָט ער אונטערגענומען א רייניקונג אין גרויסן מאסשטאב אין די אלע קרייזן, וועלכע ער באטראכט, אז זיי זענען געפערלעך פאר דער זיכערקייט פון דער מלוכה. אויפן ערשטן אָרט גייען די, וואָס האָבן אין דער צייט פון דער מלחמה, זיך געשלאָגן אין אייראָפּע — סאָלדאטן, אָפיצירן, אגענטן. סטאלין האָט אויך דערקלערט, אז אין דער לאנגער קייט פון נאציאָנאליטעטן אין ראטן־פארבאנד, זענען פאראן ״שוואכע רינגען״. נאָכן נצחון, האָט ער געהאַלטן א טאָסט ״פארן לעבן פון רוסישן פאָלק״ און דערמיט געגעבן אָנצוהערן דער נ.ק.וו.ד. אויף די פארדעכטיקטע — אוקראַינער, ווייסרוסן, די אזיאטישע פעלקער, אוזבעקן, יידן און די אנדערע נאציאָנאלע מינדערהייטן. א געוויסן טאָג וועט צו דעם אלעם נעמען א סוף. ס׳וועט זיך טוישן די פארטיי־אָנפירונג, איך אָבער וויל נישט זיין קיין אנטיילנעמער אין די פארברעכנס. אייער גורל, ווי דער גורל פון די אלטע קאדערס פון בערזינס גרופע, איז נאָך געוואָרן באשטימט פאר אייער ערשטער אויספארשונג...

ער האָט מיט קראפט ווידער איבערגעחזרט:

— מיין געוויסן פון א קאָמוניסט דערלויבט נישט, אז איך זאָל דאָס מיטמאכן...

בעת ער האָט גערעדט, האָב איך צו זיך צוגערוקט דאָס שאכטל סיגארעטן וואָס איז געלעגן אויפן טיש און פארויכערט איינעם... א פארוואונדערטער האָט ער איבערגעריסן זיינע רייד און געפרעגט: — איר רויכערט?

— איך בין א ליידנשאפטלעכער רויכערער!

— אין משך פון פינף חדשים האָט איר נישט געוואָלט ביי מיר נעמען קיין סיגארעט, ווייל איך געפין זיך אויף דער אנדערער זייט! איך באדויער נישט וואָס כ׳האָב געהאט מיט אייך דעם אָפנהארציקן שמועס. איר האָט מיר געגעבן נאָך א באווייז פון א דעצידירטן ווילן איבערצוהאלטן. איך בין איבערצייגט, אז איר וועט נישט ענדיקן ווי די וואָס האָבן פארלוירן יעטוועדע האפענונג און אויסגעקליבן דעם פאמעלעכן טויט...

ס׳איז געווען זיבן אין דער פרי. עס האָט גענומען שאריען אויף טאָג. מיר האָבן זיך לאנג געדריקט די הענט. בעתן פארלאָזן דאָס צימער, האָט דער קאָלאָנעל

צוגעגעבן: "איך האָף, אז מיר וועלן זיך נאָך זען אויסער דער תפיסה!" [1]

דער שמועס צווישן מיר, דעם ארעסטאנט און דעם קאַלאָנעל פון דער נ.ק.וו.ד. וואָס האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע מיך צו פאַרשן — האָט אין משך פון לאַנגע וואָכן באַהערשט אַלע מײַנע מחשבות. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ קוואַל פון טרייסט, ווי אויך געטראָגן מיט זיך אַ געוויסע האָפענונג. איך בין געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז דער אמת מוז זיגן אויך אין דעם קעניגרײַך פון שקר און פאַלשקייט. דערווײַל איז עס געווען נאָר אַ צײַטווײַליקער נצחון, ער האָט אָבער געוואָרפן אַ ליכט־שטראַל אין מײַן קאַמער...

אין משך פון דער צײַט האָט די נ.ק.וו.ד. זיך באַמיט צו פאַרווישן די שפּורן פון מײַן אַנוועזנהייט אין דער לוביאַנקע. אגב בין איך נישט געווען דער איינציקער, לגבי וועמען די נ.ק.וו.ד. האָט אָנגעווענדט די טאַקטיק. מײַן פרוי לובאַ האָט באַקומען אַן אָפיציעלן בריוו פון דער געהיים־דינסט פון דער אַרמיי, אין וועלכן מען האָט איר מיטגעטיילט, אַז אין דער צײַט פון דער מלחמה בין איך פאַרשוווּנדן... דער "פאַרשוווּנדענער" האָט זיך געפונען נישט מער ווי צוואַנציק מינוט גאַנג פון זײַן היים! מײַן גורל איז אַלץ פאַרבליבן אומזיכער. (דער באַגריף "פאַרשווינדן" האָט אַנטהאַלטן זייער פיל השערות). מײַן משפּחה וועט נישט באַקומען קיין פּענסיע, אָבער די לייזונג וועט זי אויך פאַרהיטן פון פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר. מײַן פרוי האָט זיך געקויפט אַ קליינעם באַראַק אין אַ פאַרשטאָט פון מאָסקווע און זיך באַזעצט אין אים מיט די קינדער. אויב וועד פון מײַנע פרײַנד, פון פראַנקרײַך אָדער פון ערגעץ אַנדערשוווּ, האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט מײַן גורל, האָט די נ.ק.וו.ד. געהאַט די מעגלעכקייטן צו באַווײַזן, אַז די מײַניקע זענען געזונט און לעבן אין פרײַהייט.

נאָך מײַן צוריקקער קיין פּוילן אין 1957, האָב איך זיך דערוווּסט פון איינער פון מײַנע אַמאָליקע באַקאַנטע, אַז ווען זי האָט געלעבט אין מאָסקווע, האָט זי געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע "על־פּי־צופאַל" זיך צו טרעפן מיט די פּערזאָנען, וואָס זענען געווען באַזאָרגט איבער מײַן גורל — און זיי באַרויקן... "טרעפער", האָט זי בסוד־סודות אָנפאַרטרויט די מענטשן, "געפינט זיך אין שליחות אין אויסלאַנד. דער עיקר — רעדט נישט דערפון! אויב איר ווילט, קענט איר זיך טרעפן מיט זײַן פרוי און קינדער"...

דער יידישער שרײַבער איציק פעפער איז געוואָרן אַרעסטירט אין 1948, צוזאַמען מיט אַלע מיטגלידער פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. אַ צײַט שפּעטער האָט דער אַמעריקאַנער זינגער, דער נעגער פּאָל ראָבסאָן, זײַענדיק אין מאָסקווע, פאַרלאַנגט צו זען זיך מיט זײַן פרײַנד פעפער.

— אוודאי קאָנט איר זיך מיט אים זען, איר מוזט אָבער האָבן געדולד און צוּוואַרטן אַ וואָך צײַט, ער רוט זיך איצט אָפּ ביים שוואַרצן ים...

---

1) אין 1955 האָב איך אים באַגעגנט אין אַ מאָסקווער באָד־אַנשטאַלט. נאָך אונדזער "געשיכטע", איז ער געוואָרן דעגראַדירט. צוויי יאָר שפּעטער איז אים געלונגען צו פאַרלאָזן די נ.ק.וו.ד.

אין משך פון דער וואָך האָבן די נ.ק.וו.ד.־לייט געשטאָפּט פּעפּערן מיט רפֿואות און שפּייז, כדי צו ענדערן דעם וואַקס־קאָליר פון זיין פּנים, באַקליידט אים מיט נייע מלבושים און אוועק געפירט צו ראַבסאָנען אין האָטעל. נאָכן וויזיט, האָבן זיי אים צוריק געפירט אין תפיסה און אין אויגוסט 1952 האָבן זיי אים דערשאָסן.

אָנהייב 1946 האָט מען מיך ווידער איבערגעפירט קיין לעפאָרטאָוואָ, ווו איך בין פאַרבליבן א קאַרג יאָר. א נייער אָפיציר, א מאַיאָר, האָט איבערגענומען מיינע אַקטן. אָנהייבנדיק פון בראשית און וויסנדיק אז מיין גורל איז סיי ווי געחתמעט, האָט ער נישט געזוכט צו דערגרייכן באַזונדערע רעזולטאַטן. ער האָט אָבער באַנייט אַן אַנדערע טאַקטיק — די פאַנטאַזיע פון די סאַדיסטן איז אָן א גרענעץ — ער האָט מיט א באַזונדערן אייפער געזאָרגט דערפאַר, אז מיינע באַדינגונגען אין תפיסה זאָלן זיין וואָס פּיינלעכער... איך האָב לכתחילה געטיילט די קאַמער מיט א רוסישן אָפיציר, וועמען מ׳האָט באַשולדיקט, אז ער איז א שפּיאָן לטובת די פאַראייניקטע שטאַטן — ווייל דער לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע אין וועלכן ער איז אינטערנירט געוואָרן דורך די דייטשן, איז געוואָרן באַפרייט דורך די אַמעריקאַנער טרופּן. דער פאַקט, וואָס די גאַנצע משפּחה פון דעם אומגליקלעכן מאַן איז געוואָרן אויסגעמאָרדעט דורך די נאַציס אין זיין געבוירן־דערפל פון ווייסרוסלאַנד, האָט ביי דער נ.ק.וו.ד. נישט אַרויסגערופן קיין שום מיטלייד. מען האָט אונדז מכבד געווען מיט נאָך א שכן אין קאַמער. דער מענטש האָט זיך פאַר אונדז פאָרגעשטעלט: זייער א רייכע פאַרגאַנגענהייט. ער איז געווען דער הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער געסטאַפּאָ אין ווייסרוסלאַנד — וואָס פאַרא צופאַל!
— ער טאַקע האָט אויסגעמאָרדעט די באַפעלקערונג פון דער מינסקער געגנט.

נאָך דעם ווי איך האָב אויסגעהערט זיינע דערציילונגען פון די פאַרברעכנס, האָב איך אים געפרעגט: — איר האָט נישט טיילמאָל קיין געוויסן־ביסן?

— געוויסן־ביסן? — קיין מאָל נישט! איך האָב נאָר אויסגעפירט די באַפעלן פון מיינע עלטסטע. עס טרעפט אמאָל, אז איך לעב איבער אין מיינע קאָשמאַרן די אויפשוידערנדיקע סצענעס, וועלכע איך האָב בייגעוווינט. אויב איר וועט מיך הערן שרייען ביינאַכט פון שלאָף, זאָלט איר זיך נישט וווּנדערן!

דער סאָוועטישער אָפיציר וואָס האָט דאָס אַלץ געהערט, איז געוואָרן בלאַס און אויפגעטרייסלט, נישט געווען ביכולת אַרויס צו ברענגען א וואָרט. איך האָב באַמערקט, ווי זיין קערפּער ציטערט, דער בליק איז פאַרשטאַרט און ער באַהערשט זיך מיט שוועריקייטן. מיט א שטיל קול, קוים צו הערן, האָט ער כסדר איבערגעחזרט:

— אפשר איז דאָס דער וואָס האָט אויסגעמאָרדעט מיין משפּחה!

דער נאַצי איז אוועק צו דער אויספאָרשונג. מיר האָבן פאַרלאַנגט ביים דעזשורנע־אָפיציר ער זאָל אונדז באַפרייען פון דער אַנוועזנהייט פון דעם נפש אין אונדזער קאַמער. ער האָט אונדז אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק פון קאָפּ ביז פּיס און געענטפערט:

— איר פאַרגעסט, אז איר געהערט צו דער זעלבער באַנדע. עס קען נישט זיין קיין רייד פון אַרויס נעמען אים פון דאַנען.

ארום איינס פאַרטאָג איז דער געסטאַפּאָוויעץ צוריק געקומען פון דער אויספאַרשונג. ער האָט זיך אוועק געלייגט און תיכף איינגעשלאָפן. מיך האָט קיין שלאָף נישט גענומען. איך האָב באַמערקט, אַז אויך ביי מיין שכן זענען די אויגן ברייט צעעפנט. פּלוצים האָט דער נאַצי אָנגעהויבן שרייען פון שלאָף. ס'איז געווען אויפשוידערנדיק און אומדערטרעגלעך. איך האָב געזען דעם אָפיציר זיך אויפהייבן, ער האָט אָנגענומען דעם נאַצי פאַרן האַלדז און געקלאַפּט מיט זיין קאָפּ אין וואַנט... דאָס האָט אים, פאַרשטענדלעך, אויפגעוועקט. ער האָט גענומען דעם קאָפּ אין זיינע הענט און געפרעגט: — וואָס האָט דאָ פּאַסירט מיט מיר?

איך האָב אים דערקלערט:

— איר האָט אונדז געוואַרנט, אַז איר שרייט נאָר ביינאַכט פון שלאָף. אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז איר וואַרפט זיך אויך. אין חלום האָט איר געקלאַפּט מיטן קאָפּ אין וואַנט!

די געשעעניש האָט אָנגעמאַכט אַ שטאַרקן טומל. די וועכטערס זענען אַריין אין קאַמער. מיר האָבן נישט אויסגערעדט צו זיי קיין וואָרט. דערזעענדיק אונדזער שכן, האָבן זיי אַלץ פאַרשטאַנען. זיי זענען אַוועק און גאָרנישט געפרעגט.

דעם זעלבן אָוונט, ווען איך בין געקומען צו דער אויספאָרשונג, האָט מיין אויספאָרשער מיך אויפגענומען מיט אַ שמייכל:

— אַלזאָ, איר באַטראַכט זיך שוין נישט ווי אַרעסטאַנטן? איר האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ריכטער?

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— נו, זייט אַזוי גוט, מאַכט נישט קיין אומשולדיקע מינע... דער געסטאַפּאָ־מאַן, דאָס איז אייער מלאכה, אָדער אייער חבר'ס?

איך האָב געענטפערט:

— אונדזער ביידנס! איך וואָרן אייך, אויב מיר וועלן נישט ווערן באַפרייט פון דעם פאַרשוין, בין איך נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס אים קאָן טרעפן! מעגלעך, אַז ס'וועט זיין פיל ערגער...

צוריק קומענדיק אין מיין קאַמער, האָב איך פעסטגעשטעלט אַז מ'האָט דעם נאַצי צוגענומען.

אַ צייט שפּעטער האָבן זיי אים פאַרביטן מיט אַ געוועזענעם קאַפּיטאַן פון דער רויטער אַרמיי, וואָס איז בעת דער מלחמה געטראָפן געוואָרן פון אַ שראַפּנעל־שפּליטער אין קאָפּ, און אים אָפּגעריסן אַ טייל פון שטערן. אים זענען פאַרבליבן נאָכווייען פון דער וווּנד, ער האָט לאַנגע חדשים זיך געהיילט אין אַ פּסיכיאַטרישער קליניק.

צו מאָרגנס נאָך זיין אָנקומען, האָט מען אונדז געבראַכט צו מיטאָג אַ "קרויט־זופּ". קיין קרויט איז אין דער זופּ נישט געווען. עס זענען בלויז אַרומגעשווומען עטלעכע איבערגעבליבענע שטיקלעך פון עסן אין אַ פליסיקייט אָן אַ טעם. דער נייער שכן האָט אַ דערשלאָגענער באַטראַכט דאָס מאָגערע ביסל עסן און אַרויס מיט לשון:

— אָ! די זשידעס, די זשידעס, די שמוציקע זשידעס! דאָס זענען זיי שולדיק אין אונדזער אומגליק!

איך האָב אים אָנגענומען פאַר די אַקסלען און גענומען טרייסלען:

— הער זיך צו, דו מענטש! באַרויק זיך און שווייג! איך וואָרן דיך — דו האָסט פאַר זיך אַ ייד!

ער האָט זיך תיכף באַרויקט און זיך אַנטשולדיקט. ער איז געווען קראַנק, נישט תמיד געקאָנט זיך באַהערשן... איך האָב געהאַט די געלעגנהייט דאָס פעסטצושטעלן און ווילנדיק נישט ווילנדיק געמוזט זיך צוגעוווינען צו דעם האַלב־מטורפדיקן, וואָס האָט געפּרעסן יידן ביי יעדן מאַלצייט.

דערנאָך איז געקומען די ריי אויף קאַלאַנעל פראַנין... ווי נאָר ער איז אַריין אין דער קאַמער, האָב איך אים תיכף דערקענט, הגם פיזיש האָט ער זיך אַ סך געענדערט. אין אָנהייב, ביים אַנטשטיין פון רויטן אָרקעסטער, איז פראַנין באַשטימט געוואָרן פון דער צענטראַלע צו פאַרנעמען זיך מיט אַלע פּראָבלעמען וואָס האָבן געהאַט צו איר אַ שייכות. ער איז אַלט געוואָרן. זיין פּנים האָט געהאַט אויף זיך סימנים פון אַדורכגעמאַכטע יסורים. מיר האָבן זיך צעקושט און ביידע זענען געווען איבערראַשט זיך אָפּצוגעפינען אויף דעם אָרט...

— ווי אַזוי? אויך דו, דו ביסט אויך דאָ?

— און דו, וואָס טוסטו דאָ?

דער עטוואָס לעכערלעכער דיאַלאָג האָט אַזוי אָנגעהאַלטן עטלעכע סעקונדעס.

די טיר האָט זיך ווידער געעפנט. אַן אָפיציר איז אַריין, גענומען פראַנינען פאַרן אָרעם און געזאָגט:

— אַ טעות, נישט אין דער קאַמער דאַרפט איר זיין!

אַ טעות? וואָס פאַר אַ טעות! די טרעפונג איז בכיוון אָרגאַניזירט געוואָרן, כדי צו באַווייזן מיר, אַז די רייניקונג פון די אַלטע מיטאַרבעטער פון דער געהיים־דינסט גייט ווייטער אָן. דעם זעלבן מאָנטיק האָבן זיי שפּעטער ווידער איבערגעחזרט מיט קלאַוזענען, דעם ראַדיסט פון רישאַרד זאָרגע. קלאַוזען איז געקומען פון וולאַדיוואָסטאָק, ווו ער איז אַ לענגערע צייט געלעגן אין שפּיטאָל. ער איז געווען זייער אויסגעדאַרט, דאָס פּנים פאַרקרימט און קרענקלעך. פון דער קראַנקייט האָט זיין הויך־וווקסיקער קערפּער זיך איינגעבויגן און ער האָט געהאַט שוועריקייטן זיך אויסצוגלייכן. ער איז געווען מאַראַליש דערשלאָגן און הילפלאָז. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, הלמאי נאָך אַזוי פיל יאָרן אָפּזיצן אין די יאַפּאַנישע תפיסות, איז ער געוואָרן אַרעסטירט גלייך נאָכן צוריק קומען אין ראַטן־פאַרבאַנד. אין דער אמתן, איז דאָס ווירקלעך נישט צו באַגרייפן פאַר יעדן געזונטן בר־דעת, וואָס פאָלגט נישט נאָך די לאָגיק פון דער נ.ק.וו.ד. פון קלאַוזענען האָב איך זיך אויך דערוווּסט, אַז רישאַרד זאָרגע איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1941. די יאַפּאַנער האָבן אים אויפגעהאָנגען ערשט דעם 7טן נאָוועמבער 1944.

שפּעטער האָב איך געטיילט מיין קאַמער מיט אַ מאַן אין די זעכציקער יאָרן, נאָר מיט אַ גאַנץ יונגן אויסזען. זיין רויקע האַלטונג און זיכערקייט האָבן שטאַרק באַאיינדרוקט. ער איז געווען דער לעצטער שעף פון דער סאָוועטישער געהיים־

דינסט אין כינע. צוריק קומענדיק, איז ער געוואָרן ארעסטירט. ער האָט גערעדט פון זיין ארבעט, ווי דאָס וואָלט צו אים נישט געהאט קיין שייכות, ווי דאָס וואָלט געווען א זאך פון דער פארגאנגענהייט, וואָס וועט זיך שוין מער נישט אומקערן. וואָס שייך מיר, בין איך אין די שמועסן וועגן מיין פארגאנגענער טעטיקייט, געווען צוריק געהאלטן. ווייל ווי האָב איך געקענט וויסן, אז צווישן די ״לאָקאטאָרן״ געפינט זיך נישט קיין מסור, אָדער אז אין דער קאמער געפינט זיך נישט קיין באהאלטענער אונטערהער־אפאראט וואָס רעגיסטרירט אונדזערע שמועסן. ווי דיק די תפיסה־ווענט זאָלן נישט זיין, זענען זיי נישט ביכולת צו שטערן דער צירקולאציע פון סודות.

מיט א לענגערער פארשפעטיקונג האָב איך זיך דערוווּסט ברעקלעך פון ווענצעלס געשיכטע: אַן אָפיציר וואָס איז געווען ארעסטירט פון יאָר 1945, האָט מיר דערציילט, אז ער האָט געהאט פאר א שכן אין זיין קאמער א דייטשן אָפיציר, וואָס איז געזעסן צוזאמען מיט ווענצעלן. דורך דעם וועג האָב איך זיך דערוווּסט, אז נאָך זיין ארעסט, האָט מען אים שרעקלעך געפייניקט. אַן אויסגעשעפּטער ביז די לעצטע כוחות, האָט ער אלץ געהאָפט, אז עס וועט א סוף נעמען צו דעם קאָשמאר. דאקעגן פאנוויצן און קענטן האָב איך מער נישט געזען. [1]

---

1) אין 1955 איז פאנוויץ באפרייט געוואָרן אויפן סמך פון אַן אָפּמאך צווישן דער מערב־דייטשער רעפּובליק און דעם ראטן־פארבאנד.

4 דאָס הויז פון די טויט־לעבעדיקע

אדיע, לעפאָרטאָוואָ...

דאָס מאָל האָט דער תפיסה־אויטאָ וואָס פארלאָזט מאָסקווע, גאָר זיך פארנומען אויף א וועג וועלכער פירט אין א וואלד. נאָך עטלעכע שעה פאָרן, זענען מיר אָנגעקומען צו א בנין, פארשטעקט צווישןביימער. דער אויסערלעכער אויסזען פון דעם הויז האָט לחלוטין נישט דערמאָנט קיין תפיסה. איך האָב שוין אמאָל געהערט ריידן פון דעם באזונדערן "הויז", וועלכן די ארעסטאנטן האָבן גערופן "דאטשע". אָבער נאָך היינט איז מיר נישט באקאנט זיין ריכטיקער נאָמען. א וועכטער האָט זיך דערנעענטערט און מיר איינגערוימט אין אויער:

— דאָ רעדט מען שטיל!

אין דעם הויז האָט מען ביזן קלענסטן פרט אויסשטודירט, כדי אויסצומיידן אָ גערויש. די טירן קרעכצן נישט ביים עפענען, די שליסלען אין די שלעסער דרייען זיך שטיל און אין די קאָרידאָרן הערט זיך נישט קיין שום באוועגונג. אָנקומענדיק, האָט מען מיך נישט באזוכט, נאָר גלייך אריין געפירט אין א קאמער, וועלכע האָט מיך דערשטוינט. איר גרויס: דריי טריט די לענג און צוויי טריט די ברייט. אן אויפלייגבעטל צוגעפעסטיקט צו דער וואנט, א קליין ברעטל מיט א בענקל האָבן דערגאנצט דאָס "מעבל". די ווענט באדעקט מיט איזאָליר־מאטעריאל. אין דער הייך — א קליינטשיק פענצטערל, וואָס האָט אריין געלאָזט אָ ביסל לופט. שטיל! איך הער די שטילקייט! עס הערשט אן אבסאָלוטע, טיפע, דערדריקנדיקע שטילקייט. איך בין אָנגעקומען אין מיטן דער נאכט. אין אנדערע תפיסות הערשט פון דער פרי און אָ גאנצע נאכט אן אומאויפהערלעכער טומל און גערויש. דאָ איז א שטילע וועלט. פארבלענדט פון דעם ליכט וואָס האָט געלויכטן א גאנצע נאכט, איז מיר געווען אוממעגלעך איינצושלאָפן. איך האָב אומזיסט געזוכט צו דערהערן עטלעכע קלאנגען, וועלכע זאָלן צעשטערן דעם ים פון רויקייט.

איך בין אויפגעשפרונגען פון שלאָף א דערשראָקענער. עס האָט ווער מיר געשושקעט אין אויער. דאָס איז געווען דער וועכטער, וואָס האָט פארלאנגט איך זאָל זיך אויפהייבן. איך האָב אים נישט געהערט אריין קומען, ווייל ער האָט געטראָגן גראָבע, פילצענע שטעקשיך. אפילו די טיר האָט זיך געעפנט, נישט ארויסלאָזנדיק קיין קלאנג.

עס איז שוין באגינען. די שעהן, וועלכע זענען נישט ריטמיזירט דורך דעם כאראקטעריסטישן גערויש ווי אין אנדערע תפיסות, גייען דאָ אדורך אומבאמערקט. טעג און וואָכן גייען דאָ פארביי אין א טויטער שטילקייט. מען פארלירט דאָס געפיל פון טאָג און נאכט, דעם שטראָם פון דער צייט. קיינער פרעגט מיך נישט, קיינער רעדט נישט צו מיר. מ׳דערלאנגט דאָס עסן דורכן פענצטערל, אָן אויסצורעדן א וואָרט, אָן לאָזן הערן א קלאנג. מיין קאמער איז א קבר — און כ׳הייב אָן גלויבן, אז איך בין באגראָבן לעבעדיקערהייט. פון צייט צו צייט רייסט דורך די שטילקייט אן אוממענטשלעך, אויפשוידערנדיק געשריי, וואָס דרינגט אדורך די שטומע ווענט. ערגעץ־ווו, עטלעכע מעטער פון מיין קאמער, גייט אן ארעסטירטער אראָפּ פון זינען. ער שרייט ווי א מטורפער, ער פילט דעם טויט ארומשוועבן אין זיין ״קבר״. ער שרייט, כדי כאָטש הערן דעם קלאנג פון זיין אייגענער שטים.

ווי איז מעגלעך זיך קעגנצושטעלן דעם פחד פון דער שטילקייט וואָס דריקט ? נישטאָ וואָס צו טאָן פון פרי ביינאכט, אויסער גיין די עטלעכע שפּאַן פון איין וואנט צו דער אנדערער, דריי טריט פאָרויס, דריי צוריק... מען דארף באזיצן אן איבערמענטשלעכן ווילן דאָס איבערצוהאלטן, כדי זיך ארויסצורייסן פון דעם דאָזיקן טויט־נעווראָז. נאָר מערקווירדיק, וואָס נאָך א יאָר אויפהאלט אין לעפאָרטאָוואָ, האָט מיר די טאָטאלע שטילקייט אויסגעזען ווי א בארויקונג. איך קאָן שלאָפן וויפל איך וויל. שלאָפן אָן פחד, אז מ׳וועט מיך פלוצים אויפוועקן צו אן אויספאָרשונג. איך האָב זיך צוגעוווינט צו לעבן מיט מיינע מחשבות. איך בייטיק זיך נישט אין קיין מיטשמועסער. איך לעב מיט מיינע געדאנקען, מיט מיינע זאָרגן, מיט מיין שכל. די דאָזיקע ״פּאַרטנערן״ האָבן מיך פארזיכערט, אז איך וועל אויסהאלטן.

מיט אמאָל, קעגן אלע דערווארטונגען, איז מען געקומען מיך נעמען און אריינגעפירט אין א צימער, ווו ס׳האָט זיך געפונען אן אויספאָרשער־אָפיציר און צוויי אין ציוויל. די צוויי זענען געווען מומחים אויף פעסטצושטעלן דעם גייסטיקן צושטאנד פונעם ״לעבעדיקן מת״.

דער אָפיציר ווענדט זיך צו מיר:

— אלזאָ, ווי פילט איר זיך ?

— א דאנק, זייער גוט, איך בין זייער צופרידן...

מיין ענטפער, זעט אויס, האָט זיי איבערראשט...

— זייער צופרידן ? וואָס טוט איר דען איינער אליין א גאנצן טאָג, נישט זעענדיק קיינעם און נישט האָבנדיק גאָרנישט צום לייענען ?

— ביכער ? איך שרייב א בוך !

זיי קוקן זיך איבער. די ״באהאנדלונג״ האָט, ווייזט אויס, געווירקט...

— א בוך ? ווי אזוי שרייבט איר א בוך ?

— איך שרייב דאָס אין מיין קאָפּ.

— אפשר קען מען וויסן דעם אינהאלט ?

— אוודאי ! איר און אייערס גלייכן זענען דער אינהאלט פון מיין בוך.

— אלזא, איר פארלאנגט נישט מ׳זאָל אייך איבערפירן אין א נאָרמאלער תפיסה ?

— מיר איז אלץ איינס, איך קען דאָ בלייבן !

מען האָט מיך צוריק אָפּגעפירט אין מיין קבר. איך בין אויף ס׳נײַ פארזונקען אין דער שטילקייט, וועלכע ווערט נאָר פון צייט צו צייט איבערגעריסן דורך א ווילד געשריי פון אן ארעסטירטן, וועמען ס׳איז באפאלן א משוגעת. איך האָב דעם איינדרוק, אז ס׳איז גענוג א קלייניקייט, אז אזא געשריי זאָל ווערן אָנשטעקנדיק ווי ביי וועלף.

אויך איך האָב געפילט א באדערפעניש צו עפענען דאָס מויל און שרייען. איך גיב זיך נישט אָפּ קיין חשבון פון דער צייט וואָס פארגייט. מ׳האָט מיך צום צווייטן מאָל גערופן צו אן אויספאָרשונג, ווו איך האָב געטראָפן די זעלבע פארשוינען...

—אלזאָ, נאָך צוויי חדשים ווי איר זייט דאָ, ווי פילט מען זיך איצט ?

צוויי חדשים ! צוויי חדשים ווי איך בין דאָ ! צוויי חדשים צייט, ווי זיי פרוּוון מיך איינברעכן ! זיי האָפן, אז איך וועל פאר זיי פאלן אויף די קני און בעטן זיי זאָלן מיך פון דאנען ארויס נעמען. זיי ווארטן, איך זאָל זיך אונטערגעבן. שפּאָטיש און זיכער אין זיך, גלויבן זיי, אז די צייט ארבעט פאר זיי ; אז דער ריטם פון די טעג און נעכט אין דער תפיסה וועט זיך לייגן אויף מיין מוח און דערפירן צום מצב פון א צעבראָכענעם נפש, וואָס וועט וואשן דעם שטויב פון זייערע פיס. דאָס דארף זיין, לויט זיי, דער אומפארמיידלעכער אויסגאנג פון דער איזאָלירונג, דער לאָגישער רעזולטאט פון דער ״באהאנדלונג״.

אויב אזוי — איז ניין ! איך מוז צעשטערן זייער אָפּטימיזם. איך בין נאָך נישט זייערער. איך שריי :

— אויב איר ווילט מיך דאָ אומברענגען, וועט עס דויערן זייער לאנג, א גאָר לאנגע צייט ; איך פיל זיך דאָ אויסגעצייכנט גוט...

זיי ענטפערן נישט, נאָר באטראכטן דעם האלב־משוגענעם, וואָס קומט שטערן זייער איינגעשטעלטן סיסטעם.

אין מוח פון א נ.ק.וו.ד.־ביוראָקראט מוז אן ארעסטאנט, וואָס געפינט זיך אין א תפיסה וועלכע איז באשטימט משוגע צו מאכן — ווערן משוגע. דאָס איז פאר זיי אן אומבאשטרייטבארע לאָגיק ! אָבער זיי געלינגט איינצוברעכן נאָר די, וואָס האָבן פארלוירן דעם ווילן און קראפט צו קעמפן. כל זמן אין מיר וועט ברויזן דער ווילן — וועל איך קעמפן. האָבן זיי באמערקט מיין אומדערשיטערלעכן דראנג וואָס באוועגט מיך אויסצוהאלטן און איבערצולעבן ? א דראנג, וואָס נישט קיין דראָונגען און נישט די ״מויערן פון שטילקייט״, וועלן זיין ביכולת צו דערשטיקן ?

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיך צוריק געפירט אין דער לוביאנקע.

איך האָב פארשטאנען, אז כ׳האָב שוין אדורכגעמאכט די שווערסטע צייט, די אויספאָרשונגען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, מ׳האָט מיך געלאָזן צורו. אן איין־און־איינציק מאָל האָב איך געהאט דעם כבוד, מ׳זאָל מיך ארויסרופן אין מיניסטעריום. אין דעם לאנגן קאָרידאָר וואָס איך בין דורכגעגאנגען צום מיניסטער, איז מיין בליק געפאלן אויף א פלאקאט, וואָס דאָס אָרט ווו ער האָט זיך געפונען — האָט ארויס

גערופן א שמייכל... דער אפיש האָט אָנגעזאָגט א גרויסן אָוונט אין אָפּיצירן־קלוב, מיט דער באַטייליקונג פון לעבינגראַדער אַרטיסט רייקין. די טעמע פון דעם אָוונט: ״קומט אויף א פריינדלעכן שמועס״.

אַריינקומענדיק אין ביוראָ פון גענעראַל אַבאַקומאָוו, וואָס איז אין דער צייט פון מיין לעצטן שמועס מיט אים, געוואָרן זיכערהייטס־מיניסטער, האָב איך נאָך אַלץ געשמייכלט.

אַבאַקומאָוו, וואָס איז ווי תמיד, געווען אויסגעפּוצט אין א הערלעכן קראַוואַט, האָט מיך געפרעגט:

— וואָס זייט איר אַזוי פריילעך?

— אין די אויגן פון אַן אַרעסטאַנט מאַכט א קאָמישן איינדרוק א פּלאַקאַט, וואָס לאַדט אים איין אויף אַ ״פריינדלעכן שמועס!״ איר האָט צוגעוווינט די אַרעסטירטע צו שמועסן פון אַן אַנדערן כאַראַקטער...

אויף דער באַמערקונג האָט ער נישט געענטפערט, אָבער...

— זאָגט מיר, פאַר וואָס האָבן אין אייער נעץ זיך געפונען אַזוי פיל יידן?

— אין מיין נעץ, בירגער גענעראַל, האָבן זיך באַטייליקט קעמפערס פון דרייצן נאַציאָנאַליטעטן; די יידן האָבן זיך נישט געניייטיקט אין א ספּעציעלער דערלויבעניש און קיין שום ״נומערוס קלאַוזוס״ האָט זיי נישט געשטערט צו באַטייליקן זיך. די איינציקע קריטעריע ביים אויסוואַל אַנטייל צו נעמען אין דער שפּיאָנאַזש־טעטיקייט איז געווען: דער ווילן צו קעמפן ביזן סוף קעגן נאַציזם. די בעלגער, פראַנצויזן, רוסן, אוקראַינער, דייטשן, יידן, שפּאַניער, האָלענדער, שווייצער, סקאַנדינאַווער — האָבן ברידערלעך צוזאַמען געאַרבעט. איך האָב געהאַט אַבסאָלוטן צוטרוי צו מיינע יידישע פריינד, וועלכע איך האָב געקענט פון לאַנגע צייטן. איך האָב געוווּסט, אַז זיי וועלן קיין מאָל נישט פאַראַטן. די יידן, בירגער גענעראַל, האָבן געפירט א דאָפּלטע מלחמה: קעגן נאַציזם און קעגן דער אויסראָטונג פון זייער פאָלק. אפילו פאַראַט איז פאַר זיי נישט געווען קיין אויסוועג. דאָס איז נישט דער פאַל מיט א יעפרעמאָוו אָדער סאָקאָלאָוו, וואָס האָבן פּרובירט ראַטעווען זייער פעל, פאַרקויפנדיק זי.

אַבאַקומאָוו האָט אויסגעמיטן אויף דעם צו ענטפערן. ער האָט אָנגעהויבן א טעמע, וועלכע מיר האָבן שוין געהאַט באַרירט בעת אונדזער ערשטן שמועס:

— איר זעט, פאַראַן צוויי מעגלעכקייטן צו דאַנקען אַן אַגענט פון דער געהיים־דינסט. אָדער באַדעקן זיין ברוסט מיט מעדאַלן, אָדער אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ... — ער האָט פאַרגעזעצט מיט באַדויערונג אין דער שטים: — ווען איר וואָלט נישט מיטגעאַרבעט מיט דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער קליקע, טוכאַטשעווסקי־בערזין, וואָלט איר היינט געווען א הויכגעשטעלטער, בכבודיקער מאַן. נאָר איר האָט עס געטאָן אויף אַזא אופן, אַז היינט זייט איר געגנוי צוגעפּאַסט פאַר א תפיסה־קאַמער... צי איז אייך באַקאַנט, אַז איר ווערט איצט געזוכט פון די אַמעריקאַנער און קאַנאַדער שפּיאָנאַזש־דינסטן? איינע פון אונדזערע נעצן איז דורכגעפאַלן אין קאַנאַדע. אין עטלעכע צפון־אַמעריקאַנער צייטונגען האָבן ספּעציאַליסטן דערקענט, אין דעם אופן פון האַנדלען פון די נעצן, די האַנט פון

"גרויסן שעף"... — מיט א פריילעכן ציניזם, צופרידן פון זיין שפאס, האָט אַבּאַקומאָוו צוגעגעבן:

— איר גיט זיך אָפּ א רעכענונג אויף וואָס פאר א געפאר איר וואָלט געווען אויסגעשטעלט, ווען איר זייט אויף דער פריי? דאָ זייט איר רויק און אין פולער זיכערקייט!

איך האָב אָנגענומען א שטרענגן, ערנסטן אויסדרוק, ווי אַן אגענט פון דער נ.ק.וו.ד., און אים געענטפערט:

— איך דאנק אייך, הער מיניסטער, פאר אייער זאָרג פאר מיין זיכערקייט...

— אַ, אַ קלייניקייט, א קלייניקייט! איך ווייס, אז דער רעזשים אין וועלכן איר געפינט זיך, איז אפשר נישט דער אידעאלער... מיר האָבן נישט, ליידער, קיין מעגלעכקייטן. דער קיניג פון ענגלאנד, ווען ער נעמט אויף זיינע געהיים־אגענטן, דערהייבט ער זיי צום ראנג פון לאָרדן און באדאנקט זיי מיט שיינע גיטער; מיר זענען אָרעם. מיר, ווי איר ווייסט, גיבן נאָר דאָס וואָס מיר האָבן... און דאָס וואָס מיר האָבן — זענען תפיסות... א תפיסה איז נישט אזוי שלעכט, הא, ווי מיינט איר?

מיט א האנט־באוועגונג האָט ער מיר געגעבן א צייכן צו פארלאָזן.

איך בין צוריק געקומען אין קאמער מיט דער איבערצייגונג, אז מיין טעטיקייט אין רויטן אָרקעסטער איז נישט אונטער א פארדאכט. ניין! זיי קאָנען מיר נישט מוחל זיין, וואָס איך בין געוואָרן אויסגעקליבן דורך בערזינען; דער אָפיציר־אויספאָרשער, וואָס האָט געהאט די דרייסטקייט זיך אָפּצוזאגן פון מיינע אקטן, האָט געזאָגט דעם אמת: איך בין געווען פארדעכטיקט פון 1938.

5 היסטאָרישע לעקציעס

די אויספאָרשונג פון מיין ענין איז פאַרענדיקט: נאָר כ'האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אַז מ'האָט מיך דערקלערט פאַר שולדיק און פאַרמשפּט, איידער מ'האָט מיך אויסגעהערט...

דעם 19טן יוני 1947 האָט אַ קאָמיסיע פון דריי: אַ פאָרשטייער פון זיכערקייט־מיניסטער, אַ פּראָקוראָר און אַ ריכטער, מיך פאַרמשפּט אויף 15 יאָר איזאָלירונג, ד.ה. — 15 יאָר שווערע תּפיסה.

לויט דער דעציזיע פון סטאַלינס עקזעקוציע־אַגענטן, בין איך, ווי פיל אַנדערע, אַ פאַרדעכטיקטער און אַ שולדיקער.

כ'האָב אַפּעלירט קעגן דעם אורטייל און פאַרלאַנגט צו רעווידירן דעם פּראָצעס. אין אַ צייט אַרום האָט מען מיך גערופן צום געהילף־פּראָקוראָר...

— די אַנטשיידונג לגבי מיר איז פולשטענדיק אומיושרדיק און כ'וועל אייך זיכער נישט איבערראַשן, אויב כ'וועל דערקלערן, אַז איך פּראָטעסטיר...

— איר דאַרפט וויסן, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד באַקומען פאַרעטער און שפּיאָנען טויט־שטראָף. נאָר אייך, צוליב מלוכהשן אינטערעס, האָט מען פאַרמשפּט בלויז אויף איזאָלירונג.

— איך האָב דעם איינדרוק, אַז אייך איז נישט באַקאַנט מיין טעטיקייט בעת דער מלחמה!

— אויב אַזוי, שרייבט צום פּראָקוראָר...

אונטער דעם אַבסקוראַנטישן רעזשים איז פאַר די פאַרמשפּטע פאַרבליבן אַ קליינע האָפענונג: צוויי מאָל אין חודש האָבן זיי געהאַט אַ מעגלעכקייט צו ווענדן זיך שריפטלעך צום פּראָקוראָר, אָדער צום מיניסטער, צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און צו סטאַלינען גופא.

איך האָב טאַקע אויסגענוצט די געלעגנהייט און מיט אַ געדיכטער, דראָבנער שריפט, אַנגעשריבן די געשיכטע פון רויטן אָרקעסטער. ווי נאָר כ'האָב פאַרטיק געמאַכט אַ טייל פון מיין שרייבן, האָב איך דאָס איבערגעשיקט צום הויפּט־פּראָקוראָר פון ראַטן־פאַרבאַנד.

צו יענער צייט זענען אין די ברייטע מדבר־שטחים פון סיביר און אין טונקעלע, פאַרוואָרפענע קעלערן, אומגעקומען מיליאָנען פאַרשיקטע. איך האָב זיך אָבער פאַרלאָזט אויף דער גרויסער ליבע וועלכע די סטאַלינישע ביוראָקראַטן האָבן צו די

"פאַפּירלעך". דער מענטש פאַרשווינדט, דאָס געשריפטס בלייבט און די ארכיוון וואַקסן...

איך האָב געוווּסט, אַז די סטאַליניש ביוראָקראַטיע קאָנסערווירט דעם געשמאַק פאַר "פאַפּירלעך" און ס'איז נישט אין גאַנצן אומנוצלעך איבערצולאָזן שפּורן אין די ארכיוון.

דעם 9טן יאַנואַר 1952, האָט די "טראָיקאַ" פאַרקלענערט מיין תפיסה־שטראָף פון פופצן אויף צען יאָר. כ'האָב די נייעס אויפגענומען גאַנץ גלייכגילטיק און זיך נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס וועגן מיין גורל. כ'האָב געוווּסט, אַז אויב דער רעזשים וועט זיך נישט ענדערן, וועל איך צום סוף פון די צען יאָר זיין געצוווּנגען זיך איבערצוטראָגן ווינען אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין סיביר.

פיל שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין ראַפּאָרט איז נישט געווען אומנוצלעך... אין 1964, נאָך עטלעכע יאָר ווי כ'האָב שוין געלעבט אין פּוילן, טעלעפאָנירט צו מיר אַ זשורנאַליסט פון "נאָוואָסטי" (אַ וואָכנשריפט וואָס דערשיינט אין עטלעכע שפּראַכן און איז באַשטימט פאַר אויסלענדער).

— געדענקסט מיך, — פרעגט ער, — אין 1935 האָבן מיר געאַרבעט צוזאַמען אין "עמעס"? מען האָט מיר מיט צוויי אַנדערע שריפטשטעלערס באַפוילן אָנצושרייבן די געשיכטע פון רויטן אָרקעסטער. אונדז פעלן פּרטים וועגן דער גרופּע "איחוד", מיט וועלכער האָסט אַ געוויסע צייט אָנגעפירט אין ארץ־ישראל...

— און דאָס איבעריקע — פרעג איך אים, — ווייסט איר?

— יאָ, איך האָף אַז מיר וועלן אין קורצן האָבן די געלעגנהייט דערפון צו שמועסן.

עס זענען אַדורך עטלעכע חדשים. מיר זענען שוין אין אַפּריל 1965. דער זשורנאַליסט איז מיט אַ דעלעגאַציע געקומען קיין וואַרשע, אַנטייל צו נעמען אין דער פייערונג לכבוד דעם 22סטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. ער האָט מיר דאַן דערציילט אין וועלכע באַדינגונגען ער האָט זיך באַקענט מיט דער געשיכטע פון רויטן אָרקעסטער...

— אין 1964 בין איך געגאַנגען זען — דערציילט ער מיר — דעם געהילף־פּראָקוראָר פון ראַטן־פאַרבאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אַרטיקל אין "נאָוואָסטי", וועלכן איך האָב געווידמעט דער געשיכטע פון רישאַרד זאָרגע, פון וועמען מ'האָט זייער פיל גערעדט אין יענער צייט. ער האָט אויסגעהערט וועגן דעם ציל פון מיין וויזיט, זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו דער אייזערנע קאַסע און זאָגט צו מיר: "וועגן רישאַרד זאָרגע איז שוין אַלץ באַוווּסט, מיר האָבן אָבער ביי אונדז אויך אַ באַשרייבונג וועגן דער טעטיקייט פון אַ געהיים־דינסט־נעץ, וועלכע האָט זייער פיל בייגעשטייערט צום נצחון"... דער געהילף־פּראָקוראָר עפנט די אייזערנע קאַסע, נעמט פון דאָרט אַרויס אַ טעקע מיט פּאַפּירן: "דאָס זענען די נאָטיצן, נאָר איך וואָרן אייך, אַז אָן דער דערלויבעניש פון צענטראַל־קאָמיטעט, טאָר מען זיי נישט פאַרעפנטלעכן"... ווען איך האָב אים געפרעגט, ווער איז געווען דער שעף פון דער געהיים־דינסט־נעץ און דערהערט "טרעפּער" — טאָ שטעל דיר פאָר מיין

איבערראַשונג. היות דער ענין האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט, האָב איך זיך געוואָנדן צום צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע פון דריי שריפטשטעלערס, צווישן זיי — אויך מיך, צוצוגרייטן אַ בוך וועגן רויטן אָרקעסטער.

ליידער, איז דאָס ווערק נישט דערשינען, ווייל די פירערס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין מזרח־דייטשלאַנד האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז נאָך צו פרי צו ריידן וועגן דער בערלינער גרופּע...

אַזאַ איז די געשיכטע פון די קליינע שטיקלעך פּאַפּיר, וועלכע כ׳האָב בשעתו געשיקט צום פּראָקוראָר. זיי זענען נישט געגאַנגען לאיבוד... די אַרכיוון אין ראַטן־פאַרבאַנד פאַרלירן גאָרנישט. ווער ווייסט וואָס מ׳וועט אַנטדעקן אין דעם טאָג, ווען מ׳וועט זיי עפענען...

ס׳איז נאָך געווען ווייט צו מיין באַפרייונג, ווייל מיין לעבן אין די סטאַליניסטישע תפיסות האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. כ׳האָב זיך באַקענט מיט זייער פיל פון זיי, נאָר פון דער תפיסה פון בוטירקי, אַ געוועזענע קאַזאַרמע נאָך פון די צייטן פון יעקאַטערינע די צווייטע, איז מיר פאַרבליבן נישט קיין שלעכטער איינדרוק. די קאַמערן גרויסע, ליכטיקע און לופטיקע. אַז אין לוביאַנקע האָט אויסגעפעלט אָרט, האָט מען אונדז אַריבער געפירט אַהער. נאָר בדרך כלל איז דאָס געווען אַ שלעכטער סימן. די רעפּרעסיעס האָבן זיך דעמאָלט פאַרשטאַרקט.

סטאַלין האָט זיך צוגעאייגנט דאָס אַלטע רוסישע פאָלקס־ווערטל ״אַ הייליק אָרט בלייבט קיינמאָל נישט ליידיק״. די זיכערקייט־דינסט האָט געאַרבעט מיט סטאַכאַנאָווישע נאָרמעס. הינטער די הויכע, מיט שטעכלדראָט פאַרצוימטע מויערן, האָט געשמאַכט די עליטע פון לאַנד. די אומאויפהערלעכע רעפּרעסיעס האָבן אַריין געוואָרפן אין די קאַמערן אינזשעניערן, אָפיצירן, שרייבערס, פּראָפעסאָרן.

אין 1947, ביים אָנהייב פון דער קאַלטער מלחמה, האָט סטאַלין ליקווידירט די יעניקע, וועלכער ער האָט באַטראַכט פאַר נישט זיכערע עלעמענטן אין פאַל פון אַן עווענטועלן, נייעם וועלט־קאָנפליקט. די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס לויטן איינזען פון דעספּאָט, שטעלן מיט זיך פאָר דעם באַרימטן ״שוואַכן רינג״ — זענען שאַרף געטראָפן געוואָרן. די אַרמיי האָט מען ווידער ״געררייניקט״.

אין דער אמתן, האָט גענעראַליסימוס סטאַלין, ״דער געניאַלסטער סטראַטעג נאָך אַלעקסאַנדער מוקדון״, נישט פאַרטראָגן דעם גלאַנץ פון גענעראַל זשוקאָוו רום, ווי ״דער דעראָבערער פון בערלין״. די פאַרבעטונג, וועלכע אייזנהאַוער האָט געמאַכט דעם מאַרשאַל זשוקאָוו בעת זיין באַזוך אין מאָסקווע, צו קומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט סטאַלין באַטראַכט ווי אַ פּאַטש אין פּנים פאַר אים. זשוקאָוו איז פאַר אים געוואָרן אַ קעגנער, אַ קאָנקורענט, אַ געפאַר. האָט ער אים מיט גרויס כבוד און לויב באַשטימט פאַרן אַרמיי־שעף אין... אָדעס — און אַלע אָפיצירן וואָס האָבן אין דער צייט פון די שלאַכטן זיך געפונען אונטער זיין אָנפירונג — זענען אַוועק אין טורמע.

די יידן, דער פאַרדעכטיקסטער עלעמענט אין דעם ״שוואַכן רינג״, זענען אין 1948 שטאַרק געטראָפן געוואָרן פון די רעפּרעסיעס.

די צאָל "גערייניקטע" האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט מיט די "רעצידיוויסטן". דאָס זענען געווען אינזשעניערן און וויסנשאַפטלייט, וואָס מ'האָט אַרויסגענומען פון די לאַגערן אין אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה, זיי זאָלן אַרבעטן אין דער קריגס־אינדוסטריע. צו זיי זענען צוגעקומען אַלע אַנדערע, וועלכע מ'האָט באַשולדיקט, ווייל זיי זענען געווען... אומשולדיק!

אָן שום ספק, אַז ס'איז געווען אַ געוויסע צאָל פאַרהאַלטענע, וועלכע האָבן באמת פאַרדינט די שטראָף — אָבער דאָס איז געווען אַ קליינע מינדערהייט: וולאַסאָוו און זיין אַרמיי־שטאַב, וואָס זענען איבער צו די דייטשן; געסטאַפּאָ־לייט, וואָס האָבן אויסגעפירט זייער מערדערישע מלאכה אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע; ווייס־רוסן וואָס האָבן אויפגעהויבן דאָס געווער קעגן דער רויטער אַרמיי. די אַלע זענען געווען באַקאַנט, ווי קאַלאַבאָראַנטן מיטן שונא. אין רוב פאַלן זענען זיי געמשפּט געוואָרן אויפן אָרט פון זייערע פאַרברעכנס.

חוץ די אויסנאַמען, זענען די אַלע געפאַנגענע, מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט אויף די אויספאַרשונגען און אין די טורמעס, — געווען פולשטענדיק אומשולדיקע בירגער. פון יעדן איינעם פון זיי וואָלט מען געקענט אָנשרייבן גאַנצע ביכער מיט דערציילונגען וועגן שווערע, קרבנותפולע יאָרן, וועגן גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט דער פּאַרטיי, דעם ראַטן־פאַרבאַנד — און צום סוף האָט מען זיי "באַלוינט" מיט צען, פופצן און אַפילו פינף־און־צוואַנציק יאָר תפיסה. יעדער אַזאַ פאַל איז געווען אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך, אָבער אין דעם אומגעהויערן געווירבל, האָבן די מענטשלעכע גורלות זיך אויסגעמישט און געוואָרן צו זיך ענלעך.

איך בין דאַנקבאַר דעם "פאָטער פון די פעלקער" פאַר דער מעגלעכקייט, וועלכע איך האָב געהאַט זיך צוזאַמען צו טרעפן מיט דער אינטעלעקטועלער עליטע פון ראַטן־פאַרבאַנד.

אין די תפיסות פון לוביאַנקע, לעפאָרטאָוואָ און אין בוטירקי, האָב איך זיך גאָר אָפט אָנגעטראָפן אויף מענטשן, וואָס זייער ביישפּיל און פאַסצינירנדיק לעבן האָט מיך פיל געלערנט וועגן דער געשיכטע פון דעם יאָרהונדערט.

אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך וועל איך איבערגעבן פון עטלעכע אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע טרעפונגען אין סטאַלינס תפיסות.

6 אויסטערלישע באגעגענישן

אינטערעסאנטע פּרטים וועגן די דורכפאלן פון דער רויטער ארמיי אין אָנהייב פון דער מלחמה, האָב איך זיך דערוווסט פון די ארעסטירטע העכערע אָפיצירן. דער סאָוועטישער סאָלדאט האָט פארן גיין אויפן פראָנט געמוזט אָפּגעבן א שבועה, אז ער וועט פאר קיין פאל נישט לאָזן זיך נעמען א לעבעדיקער אין געפאנגענשאפט. די לעצטע קויל וועט ער האלטן פאר זיך. מלחמות פירט מען אָבער נישט מיט קיין שבועות. באלד ביים אָנהייב פון דער דייטשער אָפענסיווע, איז דער ווערמאכט געלונגען ארומצורינגלען גאנצע דיוויזיעס. פיל פון די סאָלדאטן זענען אנטלאָפן, פיל זענען גענומען געוואָרן אין געפאנגענשאפט. די געפאנגענע האָט מען דערנאָך באשולדיקט, הלמאי זיי זענען נישט באגאנגען קיין זעלבסטמאָרד. די אנדערע ווידער וואָס האָבן געפונען דעם וועג אויף ס׳גיי צו פארבינדן זיך מיט דער רויטער ארמיי — זענען באשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש. איןביידע פאלן זענען געוועזן שווערע תפיסה־שטראָפן.

איך האָב מערערע חדשים זיך געפונען מיט דריי גענעראלן אין איין קאמער.[1] איינער פון זיי האָט געקעמפט אין דער רויטער ארמיי זינט דעם בירגער־קריג, אין וועלכן ער האָט אנטייל גענומען נאָך גאָר א יונגער. אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ער אָנגעפירט מיט א קאָזאקן־דיוויזיע, וועלכע איז געוואָרן איזאלירט און ארומגערינגלט פון שונא. א שווער פארוואונדעטער איז אים דאָך געלונגען זיך צו ראטעווען. ער האָט זיך אויסבאהאלטן ביי פויערים, וואָס האָבן אים א סך חדשים געהיילט אין קאָנספּיראציע. ווי נאָר ער איז געוואָרן געזונט, האָט ער נאָך לאנגע וואנדערונגען און פאסירונגען, זיך צוריק פארבונדן מיט די סאָוועטישע כוחות. מ׳האָט אים גלייך גענומען פארשן: „נאָך וואָס זייט איר צוריק געקומען? וועלכע שפּיאָנאַזש־אויפגאבן האָבן די דייטשן אויף אייך ארויפגעלייגט? די פראגן האָבן ביי אים אָפּגענומען דאָס לשון. מ׳האָט אים אפילו נישט געגעבן קיין צייט צו ענטפערן. ער איז געוואָרן ארעסטירט און איבערגעשיקט אין דער לוביאנקע.

א צווייטער שכן — א קאָמוניסט נאָך פון דעם בירגער־קריג. ביים אויסברוך

---

1) זיי לעבן נאָך. איז פארשטענדלעך די סיבה, וואָס איך פארשווייג זייערע נעמען.

פון דער מלחמה, איז ער געווען א דיוויזיע־גענעראַל. הגם געשטויסן פון דייטשן אַנגריף, האָבן זיינע איינהייטן זיך קעגנגעשטעלט און מוטיק געשלאָגן, אָבער געהאַט גרויסע פאַרלוסטן. די דיוויזיע איז זיך שנעל פונאַנדער געפאַלן. דער גענעראַל מיט א קליינער גרופּע סאָלדאַטן האָבן זיך געראַטעוועט אין א וואַלד און דאָרט געשאַפן א פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וואָס האָט אין משך פון לאַנגע חדשים פאַרגעזעצט דעם קאַמף, ביז זי איז געוואָרן אַנטדעקט און אַטאַקירט פון די דייטשן. דער גענעראַל מיט צוויי מיטקעמפערס האָבן אין דער לעצטער מינוט אויסגעמיטן אריינצופאַלן אין דייטשע הענט. מיט דער הילף פון די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געדעקט זיין צוריקטריט, האָט ער דערגרייכט די ליניע פון דער רויטער אַרמיי. ער איז געוואָרן פאַרדעכטיקט אין שפּיאָנאַזש און אַרעסטירט. ער האָט געמאַכט דעם פעלער, וואָס ר'איז געבליבן לעבן... און טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין דער לוביאַנקע.

דער לעצטער גענעראַל פון דער "טראַיקע" איז, אָן וועלכער ס'איז סיבה, אַרעסטירט געוואָרן. זיין פאַרברעכן איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט, בעת דער מלחמה, געאַרבעט אין זשוקאָווס הויפּט־שטאַב... דעריבער — לוביאַנקע.

די דריי גענעראַלן האָבן זיך נישט געלאָזט אַנטמוטיקן. זיי האָבן אָן אויפהער דערקלערט, אז זיי זענען פאַרבליבן איבערצייגטע קאָמוניסטן און זיך געמאַכט א קנאַפּ וועזן פון דער דערנידערנדיקער באַציונג מצד די אויספאָרשערס. זיי האָבן ביי זיך אויפגעהיטן דאָס מיליטערישע פּוטערנע היטל מיטן רויטן שטערן. איך דערמאָן זיך ווי זיי האָבן אָן איבעררייס געשפּילט אין דאָמינאָ, כדי "אוועקצוהרגענען" די צייט. דאָס איז געווען א דאָמינאָ, וואָס זיי אליין האָבן פאַבריצירט פונעם ווייכן ברויט.

א געוויסן טאָג איז אָנגעקומען א נייער וועכטער, אן אונטער־אָפיציר. ער איז אריין אין קאַמער און פאַרלאַנגט פון די אַנוועזנדיקע, זיי זאָלן זיך אויפשטעלן און אים באַגריסן. די דריי גענעראַלן האָבן אָבער פאָרגעזעצט זייער דאָמינאָ־שפּיל און נישט געלייגט אויף אים קיין אכט. איינער פון זיי, וואָס האָט זיך אפילו נישט געגעבן די מי זיך אויסצודרייען, האָט אים צוגעוואָרפן:

— פון ווען איז א גענעראַל פון דער רויטער אַרמיי מחויב זיך אויפצושטעלן פאַר אן אונטער־אָפיציר?

דער איז שוין מער נישט צוגעשטאַנען, די לעקציע האָט אים געדינט אויף להבא.

צווישן איין דאָמינאָ־שפּיל און צווייטן, האָבן מיר געפירט לאַנגע געשפּרעכן וועגן די געשעענישן. דער פּאָליטיש רייפערער פון מיינע דריי שכנים האָט געוווּסט, אז זיין פּערזענלעכע געשיכטע איז נישט קיין איינצלנער צופאַל פון געוויסנלאָזע געפּעאו־אַגענטן. ער האָט מיט קראַפט און איבערצייגונג מיר אונטערגעשטראָכן:

— דאָס אַלץ וואָס די הענקערס פון זיכערהייט־מיניסטער טוען — איז מיט דער הסכמה פון סטאַלינען, אָנגעפירט פון סטאַלינען גופא...

פון די אַלע עדות האָט זיך באַקומען אן אויפשוידערנדיק בילד פון א

סיסטעמאַטישער מאַסן־אונטערדריקונג. דער גענעראַל האָט מיר דערציילט וועגן דעם גורל פון צוויי יידישע דאָקטוירים, צוויי ברידער.ביידע האָבן געאַרבעט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל אין ווייסרוסלאַנד. מיטן פאַרויסגיין פון דער דייטשער אַרמיי, האָבן זיי געפרעגט ווי אַזוי זיך פירן. איינער פון די ברידער איז געווען דער שעף פון שפּיטאָל און נישט געוואָלט דעצידירן צו פאַרלאָזן זיינע קראַנקע — און מיט זיי פאַרבליבן אונטער דער אָקופּאַציע פון שונא און אַזוי אַרום געראַטעוועט פיל לעבנס. דער צווייטער ברודער האָט נישט געוואָלט אַריינפאַלן אין די דייטשע הענט און מיט נאָך דאָקטוירים פון שפּיטאָל אַנטלאָפן און זיך פאַרבונדן מיט די פּאַרטיזאַנער. נאָך דער מלחמה זענען די צוויי יידישע דאָקטוירים געוואָרן אַרעסטירט: דעם שעף פון מיליטערישן שפּיטאָל האָט מען באַשולדיקט אין מיטאַרבעטן מיטן שונא; דעם צווייטן ברודער — ווייל ער איז אַנטלאָפן און פאַרלאָזן זיינע קראַנקע...

און זאָל לעבן די דיאַלעקטיק!

מיר האָט דערציילט אַ מיטגליד פון דער רומענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועגן אַ געוויסער אויפנאַמע אין קרעמל.

פאַר זיין אַרעסט, האָט ער געדינט ווי אַ דאָלמעטשער, ווייל ר׳האָט אויסגעצייכנט גוט גערעדט רוסיש. די אויפנאַמע איז פאָרגעקומען פאַר אַ דעלעגאַציע פון זיין לאַנד, וואָס איז געקומען קיין מאָסקווע, בראָש מיט זשעאָרזשו דעזש, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער רומענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נאָך אַ לאַנגן טאָג פאַרהאַנדלונגען, האָט סטאַלין איינגעלאַדן די דעלעגאַציע אויף אַן אינטימען אָוונט־ברויט, אין וועלכן ס׳האָט אויך אַנטייל גענומען דער דאָלמעטשער. ביים סוף פון דער סעודה, ווען די שטימונג איז געווען אַ פרייע און פריילעכע, האָט סטאַלין, אַן אויפגעהייטערטער, זיך דערנעענטערט צו דעזשן, פריינדלעך אַרומגענומען און געזאָגט:

— הער זיך איין, זשעאָרזשו, דו ביסט אַ בראַווער חברה־מאַן, נאָר פאַרבליבן זייער פּרימיטיוו. דו ווייסט נישט קיין סך — און פירסט אָן מיט אַ לאַנד. ביסט געגליכן צו אַן אונטער־אָפיציר, וואָס איז געשטעלט געוואָרן בראָש פון אַ גאַנצער אַרמיי. בקיצור, דאַרפסט נאָך פיל לערנען, כדי צו זיין אויף דער געהעריקער הייך!

די ברוטאַלע רייד האָבן מיט איין מאָל אויסגעניכטערט די איינגעלאַדענע געסט, וואָס האָבן מער נישט געוואָגט צו עפענען דאָס מויל. סטאַלינס רייד האָבן זיי פאַררעכנט אויפן חשבון פון זיין באַרימטן הומאָר, פון וועלכן עס האָט זיך קיין מאָל נישט געגלוסט צו לאַכן... ער האָט אַזוי זשאָנגלירט מיט זיינע וויצן, ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער טעאָריע! אַזוי האָבן אויסגעזען די פריינדלעכע באַציונגען צווישן די ברידער־פּאַרטייען.

מיר האָט דערציילט אַן אַנדערער שכן, אַן אַלטער קעמפער פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט על־פּי־נס אויסגעמיטן די רייניקונג פון 38־סטן יאָר — וועגן אַן אויפנאַמע ביי סטאַלינען. אין 1945 האָטן דער פירער פון דער

אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג אויפגענומען אין קרעמל א דעלעגאַציע פון פוילישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך געגרייט אויפצושטעלן די נייע אָנפירונג פון דער פּאַרטיי. סטאַלין האָט געדריקט די האַנט פון די דעלעגאַטן, מיט זיי געשמועסט איבער פאַרשידענע קלייניקייטן און לסוף געפרעגט:

— פאַר דער מלחמה איז אין דער אָנפירונג פון דער פּוילישער פּאַרטיי געווען טעטיק זייער אַן אינטעליגענטע, איבערגעגעבענע פרוי מיטן נאָמען קאָסטשעווא. וואָס איז מיט איר געשען?

די אַנוועזנדיקע פּוילישע חברים האָבן זיך איבערגעקוקט, אַראָפּגעלאָזן די אויגן און געשוויגן. די חברטע קאָסטשעווא, ווי די גאַנצע אָנפירונג פון דער פּוילישער פּאַרטיי, זענען אין יאָר 1938 דערמאָרדעט געוואָרן אויף סטאַלינס באַפעל. כדי וואָס בעסער מאַסקירן די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועלכע ער האָט געטראָגן פאַר די רייניקונגען, האָט „דער גרויסער ליקווידאַטאָר פון קאָמוניסטן" געשפּילט די ראָל פון אַן אומוויסנדיקן. ער האָט אויך אַנדערע אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע צו ליקווידירן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט בעלא קון, פון וועלכן איך האָב שוין דערציילט. מאַנואילסקי, דער סעקרעטאַר פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט געהאַט די אויפגאַבע אויסצופירן די שענדלעכע מלאכה.

אָן ענלעכע געשיכטע האָט מיר אויך דערציילט דער פּסיכיאַטער פון סטאַלינס זון...

אין 1949 אָדער 1950, איז מיין שכן אין קאַמער געווען איינער פון די גרעסטע פּסיכיאַטערס אין ראַטן־פאַרבאַנד. א ייִד, געבוירן אין ווילנע, אין א שטאַרק רעליגיעזער משפּחה. זיין פאָטער איז געווען שמש אין דער גרויסער שיל. גאָר יונג האָט ער פאַרלאָזן די רעליגיעזע היים און די ייִדישע סביבה און אין פאַרלויף פון יאָרן, לגמרי זיך אַסימילירט. איבערגענומען די שפּראַך, געוווינהייטן און קולטור פון די רוסן און זיך געפירט ווי א רוס. בעת דער מלחמה, האָט ער אָנגעפירט מיט דער מעדיצינישער דינסט אין דער אַרמיי, וואָס האָט באַפרייט די באַלטישע לענדער. נאָך דער באַפרייונג, איז ער ווי א וועלט־באַרימטער פּסיכיאַטער באַשטימט געוואָרן צו זיין דער פּערזענלעכער דאָקטער פון סטאַלינס ייִנגערן זון, וואַסילי. (דער עלטערער זון איז געגומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט דורך די דייטשן. סטאַלין האָט זיך פון אים פולשטענדיק אָפּגעזאָגט און אים איבערגעלאָזן זיין אייגענעם גורל). דער וואַסילי איז געווען א דורכשניטלעכער פליער, אָן באַזונדערע פעיקייטן, דאָך איז ער אין עלטער פון 23 יאָר באַשטימט געוואָרן אַלס גענעראַל. פון זיין כראָנישער שיכרות האָט מען גערעדט אין גאַנץ ראַטן־פאַרבאַנד. דער פּסיכיאַטער האָט געהאַט די שווערע אויפגאַבע דערפון אים אויסצוהיילן. נאָך א געוויסער צייט, האָבן די לייט פון דער נ.ק.וו.ד. געהאַלטן, אַז ער ווייסט צו פיל און באַשלאָסן אים צו אַרעסטירן. בעת די אויספאָרשונגען איז לחלוטין נישט געווען קיין רייד וועגן סטאַלינס זון, זיי האָבן אים גאָר באַשולדיקט אין „ייִדישן שאָוויניזם". באַווייזן? ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין אין דער צעשטערטער ריגע וואָס איז געלעגן אין חורבות, האָבן אין שטאָט זיך געפונען הונדערטער פאַרלאָזענע, אויסגעהונגערטע

יתומים, וואָס האָבן זיך אָרגאניזירט אין באנדעס פון יונגע פארברעכערס. דער גענעראל, וואָס איז געווען פאראנטוואָרטלעך פאר דער געגנט, האָט פאָרגעשלאָגן דעם פסיכיאטער צו שאפן אויפנאַם־פּונקטן פאר די פארלאָזענע קינדער. דער פסיכיאטער האָט זיך דערמיט ערנסט פארנומען און צענויפגעזאמלט די יתומים, וואָס דער רוב פון זיי זענען געווען יידישע קינדער. די לייט פון דער נ.ק.וו.ד. האָבן זיך אין דעם אָנגעכאפּט און אים פאָרגעוואָרפן, אז ער האָט דאָס געטאָן מחמת יידישן שאָוויניזם:

— ס׳איז קלאָר, — האָבן זיי צו אים געטענהט, — אז איר האָט געזוכט צו העלפן יידישע קינדער גיכער ווי די אנדערע.

— דאָס איז נישט ריכטיק, — האָט דער פסיכיאטער זיך פארטיידיקט. — אויב די מערהייט קינדער זענען געווען יידישע, אז עס דערפאר, וואָס זייערע משפחות האָבן מערער געליטן ווי די אנדערע!

די אויספאָרשונג האָט שוין אָנגענומען אן אויסגעשפּראָכן אנטיסעמיטישן כאראקטער. בשעת דעם אויספילן זיין פערזענלעכן אנקעטע־בויגן, פרעגט אים דער אויספאָרשער:

— נאציאָנאליטעט?

— רוסישע.

— איר זייט נישט קיין רוס, נאָר א שמוציקער ייד! פאר וואָס פארבאהאלט איר אייער נאציאָנאליטעט?

דער פסיכיאטער, וואָס האָט אזוי גוט געקאנט היילן אנדערע — האָט פארלוירן דעם מוט. פאר היילן סטאלינס פארדאָרבענעם זון, איז ער געוואָרן פארמשפט, אָן דער מעגלעכקייט צו אפּעלירן. זיין אויספאָרשונג־אָפיציר האָט זיך געביטן. דער נייער האָט ווידער אָנגעהויבן פאָרשן:

— נאציאָנאליטעט?

דאָס מאָל האָט מיין שכן געענטפערט:

— ייד!

דער אויספאָרשער האָט אים מכבד געווען מיט די געוויינלעכע רוסישע זידלערייען:

— איר האָט נישט קיין בושה צו דעקלארירן זיך ווי אַ ייד, בעת איר זייט א רוס!

— אין תפיסה האָב איך פארשטאנען, אז כ׳בין א ייד — האָט דערווידערט דער פסיכיאטער. — איך שעם זיך נישט צו געהערן צו א פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער מענטשהייט ישוע, שפינאָזאַ, מארקסן. אויב אין א סאָציאליסטיש לאנד דערלויבט איר נישט קיין ייד צו אינטעגרירן זיך, איז ווײ צו אייך! אין דעם טאָג ווען די מענטשהייט וועט אָפּשאפן די אונטערשיידן צווישן פעלקער, ראסן און נאציעס — וועלן מיר יידן זיין די ערשטע צו באווייזן אונדזער אינטערנאציאָנאליזם!

ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין קאמער, האָט ער מיר איבערגעגעבן זיינע רייד פארן אויספאָרשער און איז געווען דערפון זייער שטאָלץ. דאָס בילד האָט אים דערמאָנט דעם טאָג, ווען ער האָט זיין פאָטער געשיקט דאָס ערשטע

וויסנשאפטלעכע בוך, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. דער פּאָטער האָט אויף דעם אים געענטפערט:

— איך בין זייער גליקלעך, מיין זון, מיט דיין דערפאָלג. איך האָף, אז דאָס וועט האָבן א המשך און אז א געוויסן טאָג וועט מען דיר נישט געבן צו פילן, אז האָסט פארנומען אן אָרט אין א וואַגאָן וואָס איז נישט באשטימט פאר אזעלכע יידן ווי דו...

זיין געזונט־צושטאנד האָט זיך פארערגערט. א דערשלאָגענער, האָט ער שוין מער נישט געקעמפט און ביסלעכוויז שלום געמאכט מיטן גורל. מ׳האָט אים אוועק געגומען אין א שווערן מצב. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט פון דער דאָקטערין אין לוביאנקע, אז ער איז געשטאָרבן פון א הארץ־קראנקייט.

א סברה, אז דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט, ווען אין יאָר 1948 איז געקומען אין מיין קאמער א געוועזענער דאָקטער פון ים־פלאָט, א צוגעלאָזענער און גוט־געשטימטער מענטש פון א יאָר פופציק. א פעסט געבויטער און געזונטער, תמיד אָפּטימיסטיש, פול מיט הומאָר, רייך אין גוטמוטיקע וויצן. ער האָט אריינגעבראכט אין קאמער אנטשפּאנונג, אפילו פריילעכקייט. די הויפּט־טעמע פון זיינע וויצן זענען געווען אייגענע, אוואנטוריסטישע איבערלעבונגען.

בעת דער מלחמה, איז ער א דאנק זיינע קענטענישן אין ענגליש, צוגעטיילט געוואָרן צום פלאָט־מיניסטעריום אין מאָסקווע ווי א פארבינדלער מיט א גרופּע אמעריקאנער דאָקטוירים. נאָכן נצחון — האָט מען אים ארעסטירט. די סיבה? נאַטירלעך, אן אמעריקאנער שפּיאָן. א באווייז? בעת דער ערשטער אויספאָרשונג, האָט דער אָפיציר געפּאַכעט פאר זיינע אויגן מיט א בריוו, וואָס ער זאָל האָבן געשריבן צו איינעם פון זיינע קאָלעגן אין אמעריקע. דער בריוו האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער אין ענגליש "טייערער פריינד".

— "טייערער פריינד" — האָט טריומפירט דער אויספאָרשונג־אָפיציר. — וואָס זאָל דאָס באדייטן?... אפשר האָט מען אויך צו מיר געשריבן פון אמעריקע "טייערער פריינד"? ניין, איר זעט...

א לאָגיק, אין וועלכער דאָס אבסורדאלע וואקסט אויס צו א זיכערן ארגומענט, וואָס נאָר מיט הומאָר לאָזט זיך דאָס בייקומען. מיין פריינד האָט זיך טאקע דערמיט באנוצט, נאָר אָן א האָפענונג עפּעס צו דערגרייכן. ווי ס׳זאָל נישט זיין, איז ער דערפון געווען צופרידן.

אין יענער צייט האָבן מיר זיך דערוווסט פון ניי־אָנגעקומענע ארעסטאנטן, אז דער ראטן־פארבאנד האָט אנערקענט מדינת ישראל און שיקט אהין אָפיצירן אויסצושולן די ישראלדיקע ארמיי. מיין דאָקטער האָט נישט אדורכגעלאָזט די געלעגנהייט צו חוזק פון די אויספאָרשערס. בעת אן אויספאָרשונג, האָט ער פארלאַנגט:

— אנשטאט דאָ מיך צו האלטן, שיקט מיך בעסער קיין פּאַלעסטינע, דאָרט וועל איך כאָטש נוצן ברענגען אונדזער לאנד...

— שיקן א הונט, א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער קיין פּאַלעסטינע? דאָרטן שיקן

מיר נאָר די בעסטע אָפּיצירן, וואָס האָבן באַוויזן זייער איבערגעגעבנקייט...

די קליינע געשיכטעס אין אונדזער ארעסטאַנטן-וועלטל, זענען געווען דער איינציקער קוואַל פון אונדזערע פאַרגעניגנס און דערמעגלעכט אויסצוהאַלטן. דערפאַר האָבן מיר הויך אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון אַזעלכע חברים אין קאַמער. אין די גרויע טעג וועלכע האָבן זיך געצויגן אָן א סוף, האָט זייער פריילעכקייט אריינגעבראַכט א ביסל לעבן.

אין 1956 האָב איך אים געטראָפן אין מאָסקווע. ער האָט גאָרנישט פאַרלוירן פון זיין הומאָר. אויב ער איז געבליבן לעבן, איז עס א דאַנק דעם. ליידער, האָבן מיר נישט געהאַט בלויז "גוטע באַגעגענישן". איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז אין דער גרויסער כוואַליע אומשולדיקע, וואָס זענען אריינגעפאַלן אין דער נעץ פון דער נ.ק.וו.ד., האָבן זיך אויך געפונען פאַרשידענע אויסוואָרפן. א גליקלעכער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין דעם געזעמל פון מיינע נעכטיקע שונאים, זאָל איך אָנטרעפן עטלעכע אינטערעסאַנטע טיפּן וועלכע מ'האָט איינקוואַרטירט צוזאַמען מיט מיר.

א געוויסן פּרימאָרגן, ארום פינף א זייגער, עפנט זיך די טיר און די וועכטער האָבן אריינגעפירט א מיליטער-מאַן, פיין אָנגעטאָן. אין דער טונקלקייט איז שווער געווען אונטערצושיידן צי איז ער א כינעזער, אָדער א יאַפּאַנער. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט: "גענעראַל טאָמינאַגאַ". ער איז געווען שעף פון דער יאַפּאַנישער ארמיי אין מאַנדזשוריע. ביים סוף פון דער מלחמה איז ער גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. מ'האָט אים אהערגעבראַכט פון א לאַגער, כדי עדות זאָגן אויף א פּראָצעס קעגן יאַפּאַנישע קריגס-פאַרברעכער, וואָס האָט באַדאַרפט פאָרקומען אין טאָקיאָ.

גלייך אין ערשטן טאָג, זעענדיק דאָס עסן וואָס מ'האָט אונדז דערלאַנגט, האָט ער געפאָדערט צו זען דעם תפיסה-נאַטשאַלניק:

— איך האָב א שווערע מאָגן-קראַנקייט — האָט ער דערקלערט. — מיר איז אוממעגלעך צו עסן די שפּייז.

ווי א קריגס-געפאַנגענער גענעראַל, האָט ער געהאַט א רעכט צו באַקומען פון דער אָפּיצירן-קאַנטינע עסן, וואָס איז געווען פיל בעסער פון דעם וועלכן ס'האָבן באַקומען זיינע שכנים אין קאַמער.

אָבער טאָמינאַגאַ האָט זיך ווייטער באַקלאָגט:

— איך נייטיק זיך נישט אין דעם אַלעם, איך דאַרף נישט קיין סך — נאָר עטלעכע באַנאַנעס א טאָג!

ער האָט נישט פאַרשטאַנען אונדזער געלעכטער, וועלכן ער האָט ארויסגערופן צוליבן פאַרלאַנגען באַנאַנעס. צו באַקומען אין מאָסקווע נאָך דער מלחמה באַנאַנעס, דערצו נאָך אין תפיסה — איז ווי צו באַקומען מאַראַנצן אויפן צפון-פּאָל...

טאָמינאַגאַ האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זיין באַנאַנעס-רעזשים. מ'האָט אָבער צוגעגרייט פאַר אים א באַזונדערע קיך. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון אונדז האָט נישט גערעדט קיין יאַפּאַניש. נאָר די תפיסה-אדמיניסטראַציע האָט געגלייבט, אַז מיר פאַרשטייען אויך נישט קיין ענגליש — און מורא האָבנדיק, ער זאָל נישט

דערציילן קיין סודות פון זיינע אויספאָרשונגען, האָבן זיי אים אריינגעזעצט אין אונדזער קאמער. זייער חשבון איז אָבער געווען א פאלשער. דער אָפיציר וואָס האָט זיך געפונען מיט מיר אין קאמער פון פריער און איך גופא, האָבן פארשטאנען די שפּראך פון שעקספּירן, הגם מיר האָבן זי שלעכט גערעדט.

עטלעכע טעג נאָך דעם, האָב איך געהאט די אנגענעמע איבערראשונג צו הערן טאָמינאגאן רעדן פראנצויזיש, און זיך דערוווּסט, אז ער איז געווען מיליטער־אטאשע אין פאריז. פון דעם מאָמענט איז צווישן אונדז נישט געווען מער קיין פּראָבלעם פון פארשטענדיקן זיך...

— ווייסט איר עפּעס וועגן רישארד זאָרגע? — האָב איך אים געפרעגט.

— נאטירלעך, ווען דער ענין זאָרגע איז אויפגעקומען, בין איך געווען וויצע־מיניסטער פאר פארטיידיקונג.

— ווי באקאנט, איז זאָרגע פארמשפּט געוואָרן צום טויט סוף 1941, פאר וואָס איז ער דערשאָסן געוואָרן ערשט דריי יאָר שפּעטער, דעם 7טן נאָוועמבער 1944? פאר וואָס האָט איר נישט פאַרגעלייגט אים אויסצוטוישן? יאַפּאַן און ראטן־פארבאנד זענען דאָך נישט געווען אין קריג? [1]

טאָמינאַגאַ האָט מיט אנטשלאָסנקייט מיר איבערגעריסן:

— דאָס איז אבסאָלוט פאלש. דריי מאָל האָבן מיר זיך געוואָנדן צו דער סאָוועטישער אמבאסאדע אויסצוטוישן זאָרגען אויף א יאַפּאַנישן געפאנגענעם... און דריי מאָל האָבן מיר באקומען דעם זעלבן ענטפער: — רישארד זאָרגע איז אונדז אומבאקאנט.

רישארד זאָרגע אומבאקאנט? דער, וואָס די יאַפּאַנישע פּרעסע האָט ברייט באריכטעט וועגן זיינע פארבינדונגען מיט דעם סאָוועטישן מיליטער־אטאשע אין טאָקיאָ. דער וואָס האָט געוואָרנט דעם ראטן־פארבאנד וועגן דעם דייטשן אָנגריף — איז אומבאקאנט? דער מענטש, וואָס האָט צו וויסן געטאָן דער צענטראלע, בעת די פארביסענע שלאכטן ארום מאָסקווע, אז יאפּאַן וועט נישט אטאקירן דעם ראטן־פארבאנד און אזוי ארום דערמעגלעכט דעם סאָוועטישן גענעראַל־שטאב צו ברענגען אויפן פראָנט פרישע דיוויזיעס פון סיביר — דער מענטש איז אומבאקאנט?

מ'האָט ליבערשט געוואָלט אז זאָרגע זאָל ווערן דערשאָסן, איידער אים האָבן אלס באשולדיקונג־עדות נאָך דער מלחמה. דער באשלוס איז נישט געקומען פון דער סאָוועטישער אמבאסאדע אין טאָקיאָ. דאָס איז געקומען דירעקט פון מאָסקווע. רישארד זאָרגע האָט באצאָלט פאר זיין פריינדשאפט מיט בערזינען. אז דער לעצטער איז געוואָרן באזייטיקט, איז זאָרגע געוואָרן פארדעכטיקט פאר מאָסקווע און באשולדיקט ווי א דאָפּל־אגענט און אויך ווי א טראָצקיסט. לאנגע חדשים זענען זיינע זענדונגען נישט געוואָרן דעשיפרירט — ביז דעם טאָג, ווען די צענטראלע האָט זיך אָפּגעגעבן א חשבון וועגן דעם אומגעהויערן ווערט פון די מיליטערישע ידיעות, וועלכע ער האָט געשיקט פון טאָקיאָ.

נאָך זיין ארעסט אין יאפּאַן, האָט אים מאָסקווע פארלאָזן. זי האָט אים מפקיר

---

1) דער ראטן־פארבאנד האָט דערקלערט קריג יאפּאַן ערשט דעם 8טן אויגוסט 1945.

געווען ווי אַן אומנוצלעכע זאַך. אַזאַ איז געווען די פּאָליטיק פון דער נייער קליקע.

דעם 7טן נאָוועמבער 1944, האָט מאָסקווע געלאָזט דערשיסן דעם "אומבאַקאַנטן" רישאַרד זאָרגע. איך בין באַזונדערס צופרידן אויפצודעקן היינט דעם שענדלעכן פאַקט און ברענגען די באַשולדיקונג פאַר דער גאַנצער וועלט. רישאַרד איז געווען פון אונדזעריקע. די וואָס האָבן אים געלאָזן אומברענגען, האָבן נישט קיין רעכט זיך צוצואייגענען זיינע זכרונות און זיך רימען מיט זיינע מעשים.

א נייע גבית־עדות פאַר דער געשיכטע... דער מאַן וואָס איז געקומען אין אונדזער קאַמער, איז געווען פון קליינעם וווקס, אַ מאָגער געזיכט מיט ענערגישע שטריכן. ער האָט געזאָגט זיין נאָמען, וועלכן איך געדענק שוין נישט. אויפן ערשטן בליק האָט ער נישט געמאַכט קיין באַזונדערן איינדרוק. נאָר ביי די ערשטע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט געשילדערט זיין לעבן, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען מיט וועמען כ'האָב צו טאָן און אויפגעציטערט: ער איז געווען וולאַסאָווס געהילף! דער מענטש האָט געהאַט אַן אומגעוויינלעכן גורל.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אים געטראָפן ווי אַ יונגן אָפיציר אין דער צאַרישער אַרמיי. הגם אַ פאַנאַטישער אַנטי־באָלשעוויק, האָט ער דערשטיקט אין זיך זיין שנאה צו דער טריומפירנדיקער רעוואָלוציע און אַריינגעטרעטן אין דער רויטער אַרמיי. די יאָרן האָבן נישט געמילדערט זיין קעגנערשאַפט צום סאָוועטישן רעזשים. ער האָט מיט געדולד געוואַרט אויף זיין שעה. דעם דייטשן אָנגריף האָט ער אויפגענומען מיט פרייד. גלייך אין אָנהייב פון דער מלחמה, האָט ער געזוכט אַריבערצוגיין אויף דער צווייטער זייט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט זיך פאַרבונדן מיט וולאַסאָוון, ווען יענער האָט אונטער דער דייטשער השגחה געגרינדעט די באַרימטע "רוסישע באַפרייונג־אַרמיי".

די אַנטוישונג איז אָבער שנעל געקומען. דער באַוווּנדערער פון אַמאָליקן צאַרישן רעזשים, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די נאַציס צוליב אידעאָלאָגישע טעמים, האָט אַנטדעקט דעם בלאָף פון וולאַסאָווס אַרמיי, וועלכע האָט געדינט דער עיקר דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע. ער איז געוואָרן דער פּאָליטישער קאָמיסאַר פון וולאַסאָווס איינהייטן, נאָר ער האָט אומזיסט זיך באַמיט אויפצוקלערן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע תורה. די רוסישע מענטשן, וואָס דער הונגער האָט זיי געשטויסן צו דינען אונטער דעם שונאס פאָן, האָבן זיך געפונען פאַר אַ שווערן אויסוואַל — אָדער שטאַרבן פון אונטערדערנערונג אין אַ געפאַנגענען־לאַגער, אָדער אָנטאָן דעם דייטשן אוניפאָרם פון וולאַסאָווס אַרמיי. פיל פון די געפאַנגענע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי, האָבן אויסגעקליבן דעם שאַנס צו בלייבן לעבן.

וולאַסאָווס געהילף האָט אונדז געשילדערט, ווי אַזוי זייערע מענטשן האָבן ביי דער ערשטער ערנסטער שלאַכט דעזערטירט פון פראָנט און מאַסנווייז אַריבער אויף די רוסישע ליניעס. ווי אַזוי אַן איינהייט פליערס פון דער וולאַסאָוו־אַרמיי, וועלכע איז צענויפגעשטעלט געוואָרן מיט גרויסע שוועריקייטן, איז זיך צעפלויגן צו די סאָוועטישע ערעדראָמען. אפילו די אָפיצירן פון וולאַסאָווס הויפּט־שטאַב

זענען דאָרט גיכער געוווען אויס צוואַנג, ווי אויס איבערצייגונג. זיי האָבן מערער געצויגן פונעם "פלעשל", ווי פון "מיין קאמף". מיט דער צייט האָט די אָנפירונג פון וולאסאָווס ארמיי זיך פארוואנדלט אין א באנדע ברוטאלע נפשות, וועלכע האָבן גאָר קנאַפּ זיך געזאָרגט וועגן דער באפרייונג פון רוסלאנד. וולאסאָווס ארמיי האָט נישט געהאט קיין שום מיליטערישן ווערט. דער דייטשער גענעראַל־שטאַב האָט זיך מיט זיי באנוצט צו דער שמוציקער ארבעט פון אונטערדריקן די באפעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער.

אין משך פון דער גאנצער צייט וואָס האָט געדויערט דער פּראָצעס פון זיין שעף און זיין הויפּט־שטאַב, האָט וולאסאָווס געהילף געטיילט מיט אונדז די קאַמער. יעדן אָוונט האָט אונדזער פּאַרשוין, וואָס איז געווען אזוי ציניש ווי פאנאטיש, געשילדערט פאר אונדז דעם פאַרלויף פון טאָג אין טריבונאַל. ער האָט איבערגעגעבן פון די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען מיט אזא פּריילעכקייט, גלייך ווי ער גופא וואָלט נישט געווען קיין באשולדיקטער, נאָר אַן אָבסערוואַטאָר.

— דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן, — האָט ער אונדז דערציילט — האָט וולאסאָוו געוואָלט אָפּגעבן א פייערלעכע דעקלאַראַציע. ער האָט אנגענומען די פּאָזע פון א העלד און צוגעוואָרפן די ריכטער: "א וואָסער ס'זאָל נישט זיין אייער אורטייל, וועל איך אריין אין דער געשיכטע!" — אין דער שטילקייט, וועלכע האָט זיך נאָך דעם איינגעשטעלט אין געריכטס־זאַל, האָט זיך דערהערט א דינע שאַרפע שטימע, וואָס איז געקומען פון דער באשולדיקונג־באַנק:

— יאָ, יאָ, דו וועסט אריין אין דער געשיכטע, אָבער דורך דעם לאָך פון הינטן.

דאָס האָט אונדזער פּאַרשוין, וולאסאָווס געהילף, אויסגענוצט דעם מאָמענט, צו חוזק ביזן סוף פון זיין געוועזענעם שעף. באַכן לייענען דעם אורטייל, וואָס האָט זיי פאַרמשפּט צו הענגען, האָט דער געריכט־פּאָרזיצער געפרעגט די באשולדיקטע, אויב זיי האָבן נאָך וואָס צו זאָגן.

אונדזער שכן פון קאַמער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט דער גאנצער ערנסטקייט זיך געוואָנדן צו די ריכטערס:

— איך האָב א ווונטש צום טריבונאַל: איך בעט מ'זאָל מיך נישט אויפהענגען נעבן וולאסאָוון!

— פאַר וואָס? — פרעגט דער פּאָרזיצער.

— דאָס וועט זיין א קאָמישער ספּעקטאַקל. וולאסאָוו איז זייער א הויכער, איך בין זייער קליין. איז פאַראַן א געפאַר, אז דאָס וועט פאַרמינערן די פייערלעכקייט פון דעם מעמד...

ווען מ'איז געקומען אים נעמען אין דער קאַמער פון די צום טויט־פאַרמשפּטע, האָט ער אלעמען געדריקט די האַנט און דערקלערט:

— איך בין געווען און פאַרבליבן א פאַרביסענער שונא פון סאָוועטישן רעזשים. איך באדויער נאָר איין זאַך, וואָס כ'האָב איינגעטונקט מיינע הענט אין דעם טינופת וואָס האָט זיך גערופן וולאסאָווס ארמיי...

ער האָט גערעדט פון פּערזענלעכער דערפאַרונג.

נאָך וולאסאָווס געהילף און פיל אנדערע, האָט די ארעסטאַנטן־וועלט נישט אויפגעהערט אונדז צוצושטעלן נייע איבערראַשונגען. דער אופן פון באַקענען זיך מיט די נייע, האָט זיך נישט געביטן: אַן אָפענע טיר, א פּנים, דער סילועט פון דעם ניי־געקומענעם. עטלעכע סעקונדעס פון אַנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט, כדי פּרובירן אים געבן א נאָמען, צענויפנעמען עטלעכע דערמאָנונגען... זיינע ערשטע טריט און זשעסטן צווישן אונדז. די ערשטע אוממיטלבאַרע שטריכן, וועלכע האָבן קיין מאָל נישט פאַרפירט. פון וואַנען קומט ער? איז ער פון אונדזעריקע?

די עלטער פון דעם ניי־געקומענעם האָט נאָך נישט איינגעבויגן זיין הויך־וואוקסיקן קערפּער און נישט געענדערט זיין אינטעליגענטן אויסזען. די מלבושים, וועלכע ער האָט געטראָגן אויף זיך, זענען געווען דער קאָנטראַסט פון זיין עלעגאַנטער האַלטונג: די צו קורצע הויזן האָבן אויפגעדעקט די קנעכלען פון זיינע פיס, די צו ברייטע מארינאַרקע האָט ער געהאַט פאַרוואָרפן אויפן אַקסל. ער איז אַריין אין דער קאַמער, ווי מ׳קומט אריין אין א סאַלאָן פון א ״פיינער געזעלשאַפט״. ער האָט זיך דערנענטערט צו יעדן פון אונדז, זיך פאָרגעשטעלט, לייכט איינבויגנדיק דעם קאָפּ. ווען ער האָט זיך צו מיר דערנענטערט, האָב איך ערשט דערהערט זיין נאָמען:

— וויטאַלי שולגין...

א שטאַרק פאַרוווּנדערטער האָב איך זיך אין אים איינגעקוקט:

— וויטאַלי שולגין, דער שעף פון די ״שווארץ־מאַהניקעס״? [1]

— בכבודו ובעצמו! איך זע, איר האָט געלייענט די בראָשור וועגן מיר וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע. נאָר פּאַרזיכטיק, ווייל נישט אלץ וואָס דאָרט איז געשריבן, שטימט מיט דערווירקלעכקייט...

— איך האַלט פאַר בייטיק אייך גלייך זאָגן, אַז איך בין א ייד.

— אין תּפיסה האָבן מיר נישט וואָס צו באַהאַלטן. איך מאַך אייך אָבער אויפמערקזאַם, אַז שוין יאָרן, ווי איך בין נישט מער קיין אַנטיסעמיט. אין 1935 האָב איך אין פּאַריז געהאַלטן א פאָרטראַג פאַר א מאַסאָנען־לאָזשע אויף דער טעמע: ״פאַר וואָס בין איך נישט מער קיין אַנטיסעמיט״.

שולגין האָט איינגעשטעלט זיין בעט נישט ווייט פון מיינעם און אין משך פון לאַנגע שעהן האָט ער מיר דערציילט די געשיכטע פון זיין לעבן.

אין אָנהייב פון דער מלחמה האָבן די נאַציס אים איינגעלאַדן קיין בערלין און אים פאָרגעשלאָגן אנטייל צו נעמען אין דעם אַנטי־באָלשעוויסטישן קרייצצוג. אָבער ער, דער אויסגעשפּראָכענער רעאַקציאָנער, דער אַנטי־קאָמוניסט פון קאָפּ ביז די פיס — האָט אָפּגעזאָגט. ער האָט געהאַלטן, אַז די דייטשן גייט אָן ווי דער

---

1) ״שווארצע מאה״ (״טשאָרנאַיאַ סאָטניאַ״) — דער נאָמען פון באַוואָפנטע, אַנטיסעמיטישע באַנדעס, וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין אדורכפירן פּאָגראָמען אויף יידן אין די צארישן צייטן.

פאראיאַריקער שניי, צי וועט רוסלאַנד זיין רויט אָדער ווייס. זייער איינציקע כוונה איז צו באַהערשן וואָס מערער שטחים.

שולגין האָט אַדורכגעמאַכט די מלחמה ווי אַן אַנאָנימער איינוווינער אין אַ קליין דערפל אין יוגאָסלאַוויע. נאָך דער מפּלה פון די היטלעריסטישע חילות, האָט ער זיך דעצידירט אומצוקערן אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער נצחון האָט גערייצט זיין גרויס־רוסישן שאָוויניזם. צוגעבונדן צו זיין געבוירן־לאַנד, האָט ער געוואָלט ענדיקן זיין לעבן, אַפילו אין תּפיסה — אָבער ביי זיך, אין היימלאַנד.

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר דער סאָוועטישער מיליטערישער מיסיע אין בעלגראַד. דער יונגער אָפיציר פון דער נ.ק.וו.ד., וואָס האָט אים אויפגענומען, האָט מיט פאַרוווּנדערונג באַטראַכט דעם מענטש, וואָס שטעלט זיך פריי־וויליק צום אַרעסט. דער אָפיציר האָט דורכגעקוקט די רשימה פון די מענטשן וואָס ווערן געזוכט, נאָר דער נאָמען שולגין האָט נישט פיגורירט.

— איר קאָנט גיין, מיר קענען אייך נישט — האָט מען אים געזאָגט.

שולגין האָט זיך אָבער פאַרעקשנט און צו מאָרגנס ווידער געקומען. דאָס מאָל האָט אים אויפגענומען אַ קאָלאָנעל. ווי נאָר ער האָט דערהערט זיין נאָמען, איז ער אויפגעשפּרונגען און זיך צעשריגן:

— דאָס זייט איר שולגין, דער אָרגאַניזאַטאָר פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד?

— ענדלעך האָט מיך איינער דערקענט! — האָט קאַלטבלוטיק געענטפערט דער געוועזענער פירער פון די ״שוואַרץ־מאַהניקעס״.

מ׳האָט אים אין אַן עראָפּלאַן אַוועק געפירט קיין מאָסקווע. שולגין, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געחלומט צו זיין אַ פליער, האָט זיין ערשטן פלי געמאַכט אויף דער ליניע בעלגראַד־לוביאַנקע.

ווי נאָר ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג, האָט ער דערקלערט דעם אָפיציר:

— צו וואָס דאַרפט איר פאַרלירן צייט מיט מיר? אָרדנט מיך איין אין אַ באַזונדערער קאַמער. איך וועל שרייבן די געשיכטע פון מיין לעבן און פון מיינע פאַרברעכנס קעגן ראַטן־פאַרבאַנד...

ער האָט ״פאַרשוואַרצט״ עטלעכע הונדערט זייטלעך פּאַפּיר. יעדעס מאָל ווען מ׳האָט אים גערופן צו דער אויספאָרשונג, איז דער זאַל פול געווען מיט אָפיצירן, וואָס זענען געקומען הערן זיינע ״פּאָרטראַגן״...

צום ערשטן מאָל איז אַן אויספאָרשונג געווען באַלערנדיק! שולגין האָט געגעבן אַן אומבאַקאַנטן ביז איצט ביישטייער צו דער געשיכטע פון רוסלאַנד פון פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ווי דער פירער פון דער ״שוואַרצער מאה״, האָט ער מיט נאָך צוויי פאַרשטייער זיך באַטייליקט אין אַ דעלעגאַציע צום צאַר, מיט דער פאָדערונג, אַז ער זאָל אַבדיקירן... ניקאָליי דער צווייטער האָט געהאַלטן אין שפּילן אַ פּאַרטיע שאַך, ווען די דעלעגאַציע איז געקומען און נישט געוואָלט מען זאָל אים שטערן. ווען ער האָט זיך דערוווּסט דעם ציל פון דער דעלעגאַציעס באַזוך, האָט ער פריילעך אויסגערופן: ״ענדלעך האָט עס אַ סוף גענומען!״

— וואָס ווילט איר? — האָט שולגין צוגעגעבן. — ער איז געווען דער גרעסטער שוטה פון אלע דינאַסטיעס רוסישע הערשער!

שולגינס פּאָליטישע מחשבות זענען ווירקלעך געווען אייגנאַרטיקע, אויך זיין אופן פון דענקען. ער האָט אָפט געפירט דיסקוסיעס איבער זיין באַליבטער טעמע — די גרויסקייט פון רוסלאַנד:

— אונטער סטאַלינס אָנפירונג איז אונדזער לאַנד געוואָרן א וועלט־אימפּעריע. ער האָט דערגרייכט דעם ציל, צו וועלכן עס האָבן געשטרעבט א סך דורות רוסן. דער קאָמוניזם וועט פאַרשווינדן ווי א פעסט, אָבער די אימפּעריע וועט בלייבן. א שאָד וואָס סטאַלין איז נישט קיין ריכטיקער צאַר. ער האָט דערצו אלע אייגנשאַפטן! איר, קאָמוניסטן, קענט נישט די רוסישע נשמה. דאָס פאָלק האָט א רעליגיעזע באַדערפעניש געפירט צו ווערן פון א פאָטער, וועמען ער זאָל זיך פאַרטרויען. אָ! ווען סטאַלין וואָלט נישט געווען קיין באָלשעוויק!

שולגין האָט אלע זיינע האָפענונגען געלייגט אויף דער גרויסקייט פון סטאַלינס אימפּעריע.

— איך וויל נישט מען זאָל מיך באַפרייען — האָט ער געטענהט. — ווייל אומעטום וועל איך ווערן אויפגענומען, ווי איר האָט מיך אויפגענומען. איך האָף, אז מען וועט מיר געבן א קאַמער, וווּ כ׳וועל קאָנען פאַרזעצן צו שרייבן ביכער איבער דער געשיכטע פון מיין לאַנד.

דער פאַרביסענער אנטיסעמיט, דער אָרגאַניזאַטאָר פון פּאָגראָמען, איז א סך פריער באַפרייט געוואָרן ווי די קאָמוניסטישע קעמפערס. מ׳האָט אים צוגעטיילט א דאַטשע אין א דערפל, ווּ נאָך היינט זעצט ער פאָר זיין ארבעט פון זינגען שבחים דעם סטאַלין־רעזשים...

די אלע באַגעגענישן אין דעם לאַנגן, פינצטערן וועג, זענען געווען באַרויקונג־מיטלען, וועלכע האָבן אריינגעבראַכט א ביסל לעבן אין דער איינטאָניקייט פון די תפיסה־טעג. אויף עטלעכע זייטלעך בין איך אדורכגעלאָפן די יאָרן, אין וועלכע כ׳האָב צעטרענצלט מיין לעבן. פון דער צייט פון מיין זיין הינטער די מויערן, האָב איך נאָר אויפגעהיט אין זכרון די אומגעווייטלעכע געשעענישן. די איבעריקע טויזנטער טעג, וואָס זענען צו זיך געווען ענלעך — זענען צערונען געוואָרן אין געדאַנק. די שעהן, ווען מ׳האָט פאַרלוירן די האָפענונג; די הונדערט מאָל אין טאָג איבערגעחזרטע באַוועגונגען; דער פאַרדרוס אויף דער פאַרלוירענער, נישט צוריקגעקערטער צייט; די איינגעשטעלטע געוווינהייטן — בילדן די אומפאַרענדערלעכע כראָניק פון ארעסטירטן. וואָס זאָגן, וואָס דערציילן? מיר האָבן נישט געלעבט אין דער צייט, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אויף אייביק. מיר האָבן זיך באַגנוגנט מיט דעם וואָס מ׳איז געבליבן לעבן.

7 באפרייט!

אַנהייב מערץ 1953, איז מיט איין מאָל דער רעזשים אין לוביאנקע געוואָרן שטרענגער. אין די קאַמערן זענען געוואָרן פארדעקט די פענצטערלעך און אין משך פון צען טעג האָט מען אָפּגעשאַפט די שפּאַצירן. די וועכטערס זענען ארומגעגאַנגען מיט פינצטערע פּנימער. מיר האָבן געפרעגט איינער דעם אנדערן: איז נישט אויסגעבראָכן א נייע מלחמה?

א געוויסן פרימאָרגן האָבן אָפּגעהילכט הארמאטן־שאָסן. די אָפּיצירן פון אונדזער קאמער האָבן דערקענט אין דעם סאלוט, אז ער איז פארבונדן מיט אן אָפיציעלער פייערונג. נאָר צי לכבוד א יום־טוב אָדער א טרויער־טאָג? קוקנדיק אויף די פּנימער פון די וועכטער, האָבן מיר זיך געגוויגט צו דער צווייטער השערה. דערנאָך איז ווידער געוואָרן אלץ נארמאל. די וואָכן פארגייען... א געוויסן טאָג האָט א ניי־געקומענער ארעסטאנט דערציילט, אז סטאלין איז טויט. די ארעסטאנטן האָבן אויף דעם פארשידנארטיק רעאגירט. קיינער האָט נישט באדויערט סטאלינען, אָבער א טייל האָט זיך געשראָקן, אז דער רעזשים זאָל זיך נישט פארשארפן. די שרעק האָט זיך פארגרעסערט, ווען מ'האָט אונדז איבערגעפירט אין לעפאָרטאָווא.

אין חודש מאי האָט מען מיך גערופן צום נאטשאלניק פון דער תפיסה...

— איר קאָנט שרייבן צו די העכערע אינסטאנצן, — האָט ער מיר צו וויסן געטאָן, — און פארלאנגען צו רעווידירן דעם באשלוס פון דער קאָמיסיע פון דריי.

אויפן אָרט, אין ביוראָ פון נאטשאלניק, האָב איך אָנגעשריבן א ווענדונג צום סעקרעטאר פון צענטראל־קאָמיטעט, חבר בעריא, דער פאראנטוואָרטלעכער פאר דער מלוכה־זיכערקייט. עס זענען פאָריבער צוויי חדשים און קיין תשובה איז נישט געקומען. אין יולי האָב איך געשיקט א בריוו צום נאטשאלניק, הלמאי איך האָט נישט קיין ענטפער אויף מיין ווענדונג. צו מאָרגנס האָט ער מיך גערופן צו זיך. האלטנדיק מיין ווענדונג אין האנט, פרעגט ער:

— איך נעם אָן אייער ווענדונג, אָבער נאָך וואָס אדרעסירט איר זי צו בעריאן?

איך באטראכט אים א דערשטוינטער און פרעג:

— נישט אזוי איז דער סדר? צו וועמען דען דארף איך שרייבן?

— צום זיכערקייט־מיניסטער, אָדער צום סעקרעטאַריאַט פון צענטראַל־קאָמיטעט...

איך בין צוריק געקומען אין קאַמער מיט דער נייעס, אַז בעריא האָט פאַרלוירן דעם צוטרוי, ער פירט מער נישט אָן מיט דער זיכערקייט! אויפן סמך פון דער נייעס, האָבן די אַרעסטאַנטן גענומען בויען פאַרשידענע השערות בנוגע דער צוקונפט. אין אויגוסט האָט מען אונדז צוריק געפירט אין דער לוביאַנקע. ס'זענען ווידער אַדורך צוויי חדשים. סוף 1953 בין איך גערופן געוואָרן צום מיניסטער. איך האָב ווידער אַדורכגעמאַכט דעם זעלבן וועג, וואָס האָט מיך שוין געפירט אין ביוראָ פון אַבאַקומאָוון.

אַן איבערראַשונג:

דאָס מאָל זיצט ביים טיש אַן אַלטער, גרויער גענעראַל, מיט וואָנצעס. ער שטעלט זיך אויף ביי מיין אַריינקום און באַגריסט מיך פריינדלעך:

— זעצט זיך, לעוו זאַכאַרעוויטש. (דאָס איז מיין פּאַטערס פאָרנאָמען. רוסישער שטייגער פון ווענדן זיך צו אַ נאָענטן מענטשן).

איך ציטער אויף, שוין יאָרן ווי קיינער האָט מיך אַזוי נישט גערופן! ער פרעגט העפלעך:

— האָט איר געלייענט צייטונגען די לעצטע יאָרן?

— צייטונגען? פאַרשטענדלעך אַז ניין!

— פאַר אַלעם וויל איך זיך פאַר אייך פאַרשטעלן: איך בין זינט עטלעכע וואָכן וויצע־מיניסטער פאַר זיכערקייט. איך בין געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון דזשערזשינסקין (גרינדער פון דער "טשעקאַ" אין 1918), נאָר פאַרלאָזן די אַרבעט, וועלכע האָט מיר נישט אַנטשפּראָכן. דאָ זענען פאַר אייך צוגעגרייט עטלעכע צייטונגען. לייענט און זאָגט מיר אייער מיינונג. פאַרגעסט דערביי, אַז איר זייט אַן אַרעסטאַנט...

דער גענעראַל באַשטעלט טיי מיט סאַנדוויטשן און דערלאַנגט מיר אַ צייטונג, דאַטירט פון 13 טן יאַנואַר 1953. דער קאָפּ אויף דער ערשטער זייט הייבט זיך אָן:

"נעבעכדיקע שפּיאָנען און מערדערס הינטער דער מאַסקע פון מעדיצין־פּראָפעסאָרן". אונטערן קאָפּ — אַ לייט־אַרטיקל פון דער רעדאַקציע. אויף דער לעצטער זייט — אַ קאָמוניקאַט פון דער "טאַסס"־אַגענטור וועגן דעם זעלבן ענין: "פאַרשווערונג פון ווייסע כאַלאַטן". און ווייטער: "שוין אַ געוויסע צייט, אַז די זיכערקייט־אָרגאַנען פון דער מלוכה האָבן אַנטדעקט אַ טעראָר־גרופּע, מעדיקערס, וואָס זייער ציל איז געווען אומצובריינגען די אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון ראַטן־פאַרבאַנד, מיט דער הילף פון שעדלעכע רפואות". דערנאָך פאָלגן ניין נעמען, צווישן זיי — זעקס יידישע פּראָפעסאָרן, באַקאַנט אין גאַנץ ראַטן־פאַרבאַנד. דער קאָמוניקאַט שטרייכט אונטער, אַז די מערהייט פון דער גרופּע טעראָריסטן זענען געווען פאַרבונדן מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון בורזשואַזע יידישע נאַציאָנאַליסטן.

דער גענעראַל האָט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט מיין רעאַגירונג. ווען כ'האָב געענדיקט לייענען, האָט ער זיך צו מיר געוואָנדן:

— זאָגט מיר אויפריכטיק אייער מיינונג וועגן דעם ענין?

— לעכערלעך! אויב ס׳האָט ווער געהאַט בדעה אומצוברענגען די אָנפירונג פון לאַנד, וואָלט ער זיך געוואָנדן צו ספּעציאַליסטן, נישט צו קיין דאָקטוירים...

— ריכטיק! אין דעם ענין איז אונדז געלונגען צו דערגיין דעם אמת, נאָר ליידער — מיט א פאַרשפּעטיקונג.

ער דערלאַנגט מיר די ״פּראַוודאַ״ פון 4טן אַפּריל 1953, אויף דער צווייטער זייט געפינט זיך א קאָמוניקאַט פון אינערן־מיניסטעריום: ״מ׳האָט פעסטגעשטעלט, אַז די דערקלערונג פון די באַשולדיקטע, וואָס זאָלן האָבן אליין זיך מודה געווען אין די פאַרברעכנס וועלכע מ׳האָט זיי פאַרגעוואָרפן, האָט מען פון זיי אַרויס באַקומען מיט דער הילף פון אומדערלאָזבאַרע מיטלען, וועלכע זענען שטרענג פאַרבאָטן דורך דער סאָוועטישער געזעצגעבונג — דורך די לייט פון דער אויספאָרשונג, וואָס האָבן זיך געפונען אין דינסט פון געוועזענעם זיכערקייט־מיניסטער״.

דער גענעראַל האָט ביי מיר צוגענומען די צייטונג און דערלאַנגט א צווייטן נומער ״פּראַוודאַ״, ווו אויף דער ערשטער זייט, איז אין א שוואַרצן ראַמל געווען אָנגעזאָגט דער טויט פון סטאַלינען. איך האָב, נישט לייענענדיק, אָפּגערוקט פון זיך די צייטונג: איך ווייס שוין די נייעס.

ער האָט אַרויס גענומען דעם לעצטן נומער ״פּראַוודאַ״, פון יולי 1953, מיט דער ידיעה, אַז בעריאַ, דער שונא פון פאָלק, איז געוואָרן באַזייטיקט פון צענטראַל־קאָמיטעט און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מ׳האָט ביי אים צוגענומען אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אין זיכערקייט־מיניסטעריום.

— איר זייט אויף דער ערשטער רשימה פון די אַרעסטירטע — זאָגט מיר דער גענעראַל, — ווען די אָנפירונג פון מיניסטעריום האָט באַשלאָסן אויף ס׳ניי איבערקוקן די אַקטן, ווייל מיר ווייסן, אַז איר זענט אומשולדיק.

ווען כ׳האָב געבראַכט די נייעס אין דער קאַמער, האָט א וואַרעמע אויפרודערונג אַרומגעכאַפּט דעם עולם. ביי יעדן איינעם האָבן, מיט רעכט, זיך דערוועקט נייע האָפענונגען. עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען גערופן צו דער אויספאָרשונג א שכן פון קאַמער, א גענעראַל, און אויך אים צו וויסן געטאָן, אַז זיין באַשולדיקונג־אַקט וועט אויף ס׳ניי באַטראַכט ווערן.

אין משך פון דער צייט איז אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע רייניקונג, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט דער נייער זיכערקייט־מיניסטער סעראָוו, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו כרושטשאָוון. נאָכן באַזייטיקן בעריאַן, זענען דעם 26סטן יוני אַרעסטירט געוואָרן דער מאַן מיט די פאַרבן־שרייענדיקע קראַוואַטן, אַבאַקומאָוו און ריומין, דער ״דערפינדער״ פון די ״ווייסע כאַלאַטן״־פאַרשווערונג.

אין דעצעמבער 1953, איז באַשטימט געוואָרן א נייער אויספאָרשער צו רעווידירן מיינע אַקטן. די אויספאָרשונגען זענען נישט פאָרגעקומען ביי נאַכט, נאָר אין סאַמע העלן טאָג. דאָס אליין איז שוין געווען מער ווי א סימבאָל! די שפּראַך האָט זיך לגמרי געביטן. דער אָפיציר, וואָס איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון רויטן אָרקעסטער, האָט זי מער נישט באַצייכנט ווי א ״נעץ פון אַגענטן״, נאָר ווי ״העלדן אין קאַמף קעגן נאַציזם״. אין יאַנואַר איז די אויספאָרשונג געווען

פאַרענדיקט. מיין אויספאָרשער האָט מיר געמאָלדן, אַז ער האָט שוין איבערגעשיקט זיינע מסקנות דעם העכסטן מיליטערישן טריבונאַל פון ראַטן־פאַרבאַנד — און אין קורצן וועל איך ווערן באַפרייט.

אין פעברואַר 1954 האָט מען מיך, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן וואָס זייערע באַשולדיקונג־אַקטן זענען געוואָרן רעווידירט, איבערגעפירט אין שפּיטאָל פון דער בוטירקי־תפיסה. אין משך פון וואָכן האָבן די דאָקטוירים זיך באַמיט צו פאַרבעסערן אונדזער געזונט, וואָס איז צעשטערט געוואָרן אין די יאָרן פון אַרעסט. ווען מיר זענען געקומען צוריק, האָבן די קאַמערן אונדז אויסגעזען ווי האָטעל־צימערן. די באַשפּייזונג — בשפע, מיר האָבן באַקומען ביכער, צייטונגען, און די וועכטער — העפלעך ווי קעלנערס אין קאַפע־הייזער... די צייטן האָבן זיך געביטן!

דעם 23סטן פעברואַר בין איך גערופן געוואָרן אין מיניסטעריום, ווו אַ גענעראַל האָט מיך באַגריסט צו מיין פופציקסטן געבוירן־טאָג און צום יום־טוב פון דער רויטער אַרמיי. דריי חדשים שפּעטער, דעם 23סטן מאַי 1954, בין איך אויף ס׳ניי גערופן געוואָרן אין זיכערקייט־מיניסטעריום, ווו מ׳האָט מיך אויפגענומען מיט גרויס פיירלעכקייט. אַן אָפיציר האָט פאָרגעלייענט די דעציזיע פון העכסטן מיליטערישן טריבונאַל: איך בין פולשטענדיק רעהאַביליטירט, אַלע באַשולדיקונגען קעגן מיר זענען גרונטלאָז.

פאַמעלעך רעגיסטרירט מיין מוח די ווערטער און קאָמענטירט זיי פּראַקטיש: ״איך וועל אַרויסגיין... צוריק דערגרייכן די פרייהייט... געפינען די מייניקע״... נאָר מיר האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ. איך שטאַמל אַרויס די עטלעכע ווערטער:

— און מיין משפּחה? וואָס איז מיט איר געוואָרן?

— זאָרגט נישט, איינער פון אונדזערע אָפיצירן וועט אייך צו זיי אָוועקפירן. מאָרגן וועט די לייטונג פון שפּיאָנאַזש־דינסט אייך אויפנעמען און רעגולירן די ענינים פון מאַטעריעלן כאַראַקטער, וואָס וועט אייך דערמעגלעכן, אין אָנערקענונג פאַר אייער אומגעהויערער דינסט לטובת דעם ראַטן־פאַרבאַנד, אַז איר און אייער משפּחה זאָלן קאָנען לעבן בכבודיק...

מען דערלאַנגט מיר דעם פּראָטאָקאָל פון מיין באַפרייונג, איך שרייב אונטער און בשעת מעשה וואַרף איך אַ בליק אויף דעם אַלטן גענעראַל און פרעג:

— נישטאָ נאָך עפּעס צו חתמענען?

ווי געוויינלעך, האָט אַן אַרעסטאַנט וואָס איז געוואָרן באַפרייט, געמוזט אונטערשרייבן אַ דאָקומענט, אין וועלכן ער האָט זיך פאַרפליכטעט צו מאַכן אַ שוויג פון דעם אַלעם וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען אין משך פון זיין אַרעסט. דער גענעראַל האָט זיך פאַררויטלט...

— ניין, אַבסאָלוט גאָרנישט! איך האָט דאָס רעכט, ס׳איז אַפילו אייער חוב, צו דערציילן פון אַלץ וואָס איר האָט אַדורכגעמאַכט אין די טראַגישע יאָרן... מיר שרעקן זיך נישט מער פאַרן אמת, מיר נייטיקן זיך אין אים ווי אין זויערשטאָף, ווי אין לופט צום אָטעמען.

לײדער, האָט די קאַמפּאַניע ״הונדערט בלומען״ לאַנג נישט אָנגעהאַלטן — און מ׳האָט ווידער פאַרלאַנגט פון די באַפרייטע אַרעסטאַנטן צו שוויגן... איך בין

אַבער אין חודש מאַי 1954 געווען גליקלעך צו הערן רייד, וואָס לויט זיי האָב איך זיך געפירט מיין גאַנץ לעבן. זיי זענען געקומען געגנוג שפּעט — די ווונדערלעכע ווערטער וועגן אמת. אז מען שטעלט אויף א קעניגרייך אויף יסודות פון שקר און פעלשונגען, איז נישט לייכט צו געפינען דעם וועג צום אמת.

ס׳איז געשען! אין באַגלייטונג פון א קאַלאָנעל, בין איך אַרויס פון דער לוביאַנקע. צוריק מיט ניין יאָר און זיבן חדשים, בין איך דאָרט אַריין צום ערשטן מאָל. מיר קומט אויס מאַדנע די ערשטע באַרירונג מיט דעם פולן טאָגליכט. איך פיל זיך ווי א שיכור, מיט שווערקייטן שטעל איך מיינע טריט. דער בליק איז פאַרנעפּלט, נישט לייכט קומט מיר אָן צו אַנטדעקן מיט איין מאָל אַזוי פיל פרייען רוים, וואָס קיין שום צוים באַגרענעצט זי נישט.

מיר שטייגן איין אין אן אויטאָ, וואָס פאָרט תיכף אַוועק. מיך פאַרפאַלגט איין געדאַנק און שטיקט אַזש אין האַלדז: אין וועלכן צושטאַנד וועל איך געפינען די מייניקע? וועלן מיינע זין מיך דערקענען? און לובאַ? האָט מען זיי צו וויסן געטאָן וועגן מיין באַפרייונג?

מיר פאָרן א שטיקל צייט. אָט זענען מיר אין באַבושקין, א קליין דערפל, א צען קילאָמעטער פון מאָסקווע. מיר פאַרהאַלטן זיך אויף דער נאַפּרודנאַיאַ גאַס נומער 22. ״דאָ איז עס״, זאָגט מיר גאַנץ פשוט דער קאַלאָנעל...

איך גיי אַרויס, דער אויטאָ פאָרט אַוועק. איך בלייב א צייט אומבאַוועגלעך, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, אַזוי גרויס זענען מיינע עמאָציעס. איך כאַפּ א בליק אויף דעם אַרום, אויף מיין אויסערלעכן אויסזען, מיט דעם פעקל וועלכן כ׳האַלט אין האַנט, אָנגעטאָן אין די הויזן און סוועטער, וועלכע ס׳האָבן מיר געגעבן די שכנים פון דער קאַמער — איך זע אויס ווי א וואַגאַבונד... דער אַנצוג וועלכן כ׳האָב געטראָגן בעת מיין אַרעסט, האָט אין לויף פון די יאָרן פולשטענדיק זיך אָפּגענוצט. מיר איז פאַרבליבן פון יענער צייט נאָר אן אַלטער מאַנטל, וועלכער איז מיר שטאַרק צונוץ געקומען אין די קאַלטע נעכט. ביים נומער 22 פרעג איך א מאַן, ווו וווינט די משפּחה טרעפּער־ברוידע. יענער באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז פיס און האַלב אומגערן, האַלב פאַראינטריגירט, וואַרפט ער מיר צו:

— אין באַראַק הינטער דעם בנין...

א באַראַק? האָט מען פאַר זיי נישט געפונען עפּעס בעסערס צו וווינען, ווי א באַראַק? איך גיי אַרום דעם הויז און געפין זיך פאַר א הילצערנער כאַטע — דאָס כאַראַקטעריסטישע בילד פון גרויס אָרעמקייט... איך דערנענטער זיך מיט פאַמעלעכע טריט און קלאַפּ אָן אין טיר. עס עפנט א יונגער בחור. דאָס איז עדגאַר, מיין זון... ער דערקענט מיך נישט און וואַרפט א פאַרדעכטיקטן בליק. איך הייב אָן באַנעמען, אַז מיין קומען אהיים וועט נישט דורכגיין אַזוי לייכט. איך בין טאַקע פריי, נאָר כ׳וואָלט זיך קיין מאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז עס קומט אָן אַזוי שווער צוריק צו דערגרייכן די פרייהייט. איך זאָג צו מיין זון, באַהערשנדיק מיינע געפילן:

— איך בין א פריינד פון אייער פאָטער, איך ברענג פון אים א גרוס...

ער באַטראַכט מיך אויפמערקזאַם און, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, זאָגט ער:

— איר האָט א טעות, מיר האָבן נישט קיין טאטן, ער איז געשטאָרבן אין צייט פון דער מלחמה.

איך הייב אָן פילן, ווי מיינע פיס ברעכן זיך אונטער מיר. ס'פאָדערן זיך איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען אויף איינצוהאלטן די גלייכגעוויכט:

— און דיין עלטערער ברודער איז נישטאָ?

— ניין, ער איז אין מאָסקווע, ער קומט צוריק אין אָוונט...

— און דיין מאמע?

— זי איז אויף דער פראָווינץ...

איך פיל זיך שטארק מיד און דערשעפט. מיין אייגענער זון נעמט מיך אויף ווי א פרעמדן, וואָס איז געקומען אים באלעסטיקן.

— איך בין זייער מיד — זאָג איך צו אים. — אפשר איז מעגלעך, איך זאָל זיך אָפּרוען אין זייטיקן צימער?

— אויב איר ווילט, לייגט אייך אויפן בעט...

עדגאר האָט מיר געבראַכט א טעפעלע קאַפע און פארשוואונדן. איך האָב גענומען זינקען אין ענדלאָזער האָפענונגסלאָזיקייט. איך, וואָס בין דורכגעגאנגען אזוי פיל געפארן און קיין מאָל נישט פארלוירן די האָפענונג — בין איצט איינגעבראָכן. די עמאָציעס צעטראָגן מיך, איך פיל ווי טרערן רינען איבער מיינע באקן. איך בין א פרעמדער פאר די וואָס כ'האָב ליב. דער שווידערלעכער געדאנק צעטרייסלט מיך אין גאנצן. איך פיל א טיפן ווייטיק, וואָס צעאַקערט מיין ברוסט. אין משך פון לאנגע שעהן האָבן פון מיינע אויגן זיך געגאָסן טרערן, ווי ביי א קינד. פון צייט צו צייט האָב איך פּרובירט אליין זיך בארויקן, אליין אויפקלערן, אָנהענגען זיך אין עפּעס א האָפענונג — נאָר אומנוצלעך! איך פארמאָג מער גאָרנישט, אלץ פארלוירן...

איך בין אזוי פארבליבן אויסגעצויגן אויפן בעט, ביז כ'האָב דערהערט א קלאַפּן מיט דער טיר און א שושקען זיך אין צווייטן צימער. איך בין אויפגעשטאנען, געעפנט די טיר און דערזען מיין עלטערן זון מישעל. איך האָב זיך פאר אים פאָרגעשטעלט און נאָך געהאט גענוג כוח ארויס צו שטאמלען:

— דערקענסט מיך?

ער האָט מיך לאנג באטראַכט און געענטפערט:

— ניין, מיין הער. אנטשולדיקט, איך דערמאָן זיך נישט, כ'זאָל אייך האָבן וועכן באגעגנט...

אויך ער... מיט דער גאנצער צודרינגלעכקייט, אויף וועלכער כ'בין נאָך געווען פעיק, זאָג איך צו אים:

— פּרוביר זיך דערמאָנען דיין קינדהייט...

— איך מיין, אז איר האָט רעכט. איך האָב דעם איינדרוק, אז כ'האָב אייך ערגעץ־ווו געזען...

מישעל האָט שפּעטער דערציילט, אז דער מענטש וואָס איז פאר אים געשטאנען, האָט אים קוים־קוים דערמאָנט זיין פאָטער, אָבער דער אלטער מאן מיט די גרויע האָר און קרענקלעכן אויסזען, איז קוים געווען ענלעך צו דעם בילד, וועלכן ער

האָט פאַרגעדענקט. איבעריקנס, האָט מען דען נישט אָפיציעל זיי געמאָלדן, אַז איך בין אומגעקומען אין דער צייט פון מלחמה?

איך האָב זיך אָנגעשטרענגט צו בלייבן רויק און געזאָגט צו מישעלן:

— איך בין דיין פאָטער... שוין צען יאָר, ווי כ'בין צוריק געקומען קיין רוסלאַנד — און די צען יאָר האָבן זיי מיך געהאַלטן אין תפיסה. מ'האָט מיך נאָר וואָס באַפרייט און געבראַכט צו אייך... האָסט עפּעס צו פרעגן?

— נאָר איין פראַגע: פאַר וואָס האָבן זיי דיך פאַרמשפּט? אומשולדיקע געפינען זיך נישט ביי אונדז צען יאָר אין תפיסה...

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און, ווייזט אויס, געווען זייער בלאַס. איך האָב אַרויס גענומען אַ פּאַפּיר פון קעשענע און אים דערלאַנגט מיין זון. ס'איז געווען דער באַשלוס פון העכסטן סאָוועטישן געריכט, וועלכער האָט באַשטעטיקט, אַז אַלע באַשולדיקונגען קעגן מיר זענען געווען גרונטלאָז און אַז איך בין רעהאַביליטירט.

מישעל האָט געלייענט דעם דאָקומענט און אַנטשוויגן געוואָרן. דער אויסדרוק פון פּנים האָט זיך ביי אים געביטן.

— איך גלויב, אַז איצט מעגן מיר זיך צעקושן... — ער האָט זיך דערנענטערט. ענדלעך האָב איך אים געדריקט אין מיינע אָרעמס...

אַ זיסע, שטאַרקע פרייד האָט מיך באַהערשט.

— ווו איז די מאַמע? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— שוין צוויי טעג ווי זי איז אַוועק קיין גרוזיע. זי איז אַ וואַנדערנדיקע פאָטאָגראַפין. זי פאָרט רעגלמעסיק אויף דריי וואָכן און ברענגט געלט צום לעבן. איך וועל איר שיקן אַ טעלעגראַמע „דער פאָטער איז צוריק געקומען, קום גלייך אַהיים"...

ווען לובאַ האָט באַקומען די טעלעגראַמע, האָט זי געטראַכט, אַז ס'איז אַ פּראָוואָקאַציע פון דער געהיים־דינסט. זי האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז איך בין דאָ צוריק. דאָך האָט זי געהאַלטן, אַז ס'איז אויך מעגלעך אַזאַ עווענטואַליטעט. זי האָט זיך געבאָרגט געלט און אונטערגענומען די נסיעה. די באַנען זענען געווען איבערפולט. לובאַ האָט געוויזן דעם קאָנדוקטאָר די טעלעגראַמע, ער האָט פאַרשטאַנען איר לאַגע און דערלויבט איינשטייגן אין דער קאַבינע, וואָס איז באַשטימט פאַר די באַן־אַרבעטער.

לובאַ איז ענדלעך אָנגעקומען... אונדזער ערשטער בליק נאָך פופצן יאָר צעשיידונג — איז געווען מער ווי טויזנט רעדעס... טרערן פון פרייד און צער האָבן זיך אויסגעמישט. קיין שום רעהאַביליטאַציע וועט מיר נישט צוריק געבן די פאַרלוירענע יאָרן — און די איבערצייגונג האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אונדזער ווייטיק. דאָס צוריק געפונענע גליק האָט מיר אויסגעזען צו זיין זייער קרישלדיק... איך האָב די מינוטן איבערגעלעבט ווי אַ חלום, וועלכן די אכזריותדיקע ווירקלעכקייט איז מסוגל ברוטאַל צו צעשטערן.

די נייעס האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער גאַס: „לובאַס מאַן איז צוריק געקומען!" שכנים, סתם נייגעריקע, און אַ חברה פון אומפאַרמיידלעכע

מוסרים, זענען געקומען מיך זען, געשטרעקט זייערע הענט. איך האָב געמוזט אויפקלערן, דערציילן...

עטלעכע טעג שפּעטער האָט א פּרעכטיקע לימוזינע זיך פאַרהאַלטן פאַר מיין הויז. א קאָלאָנעל האָט זיך פאָרגעשטעלט און איבערגעגעבן, אז אויפן פאַרלאַנג פונעם שעף פון מיליטערישן שפּיאָנאַזש, איז ער געקומען מיך נעמען אין דער צענטראַלע. איך געפין זיך אין דער זעלבער ביוראָ, ווו אין 1937 האָט מיך אויפגענומען גענעראַל בערזין. אן עלטערער גענעראַל איז צו מיר צוגעקומען, וואַרעם געדריקט די האַנט:

— ענדלעך, ענדלעך!

דערשטוינט פון דעם קבלת־פּנים, האָב איך געפרעגט אָן פּאַרדרוס:

— פאַר וואָס האָט איר מיך נישט פאַרטיידיקט אין משך פון די אלע יאָרן?

ער האָט זיך צעלאַכט פון מיין פראַגע...

— ווער האָט אייך געקאָנט פאַרטיידיקן?! מיר האָבן זיך געפונען אויפן זעלבן אָרט ווי איר. ערשט נאָך סטאַלינס טויט, איז אונדז געלונגען צו באַזייטיקן די באַנדע, וועלכע טראָגט די שולד פאַר די אַרעסטן פון אונדזערע פאַראַנטוואָרטלעכע אין אויסלאַנד, נאָך זייער צוריק קומען אין ראַטן־פאַרבאַנד. באַטראַכט די יאָרן תפיסה, ווי יאָרן פון קאַמף קעגן שונא. פאַרגעסט די פאַרגאַנגענהייט. ביי פופציק יאָר, זייט איר נאָך יונג. מיר וועלן טאָן דאָס נייטיקע צוריק צו פאַרבעסערן אייער געזונט און שאַפן פאַר אייך א וווינונג אין צענטער פון מאָסקווע. מיר האָבן שוין פאַרלאַנגט פון דער רעגירונג צו באַשטימען א פּענסיע פאַר אייערע פאַרדינסטן. און איצט: וואָס טראַכט איר צו טאָן?

— וואָס איך האָב געהאַט בדעה צו טאָן אין 1945: אומקערן זיך אין מיין לאַנד, קיין פּוילן. מיין אַרבעט אין געהיים־דינסט האָט זיך פאַר מיר געענדיקט אין דעם טאָג, ווען פּאַריז איז באַפרייט געוואָרן. דאָס וואָס ס'איז פאָרגעקומען נאָך דעם, איז געשען קעגן מיין ווילן.

דער גענעראַל האָט זיך א ווײַלע געוואַקלט און באַמערקט:

— אָבער אייערע קינדער זענען דאָך דערצויגן אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז נישט שכלדיקער, איר זאָלט בלייבן אין ראַטן־פאַרבאַנד ווו איר קאָנט געניסן פון אלע כיבודים, וועלכע ס'האָט זיך פאַרדינט אזא מענטש ווי איר? איר וועט זייער לייכט באַקומען באַשעפטיקונג...

— ניין, איך בין געבליבן אָ פּוילישער בירגער. דריי מיליאָן יידן זענען אין דער לעצטער מלחמה אומגעבראַכט געוואָרן אין מיין לאַנד. מיין אָרט איז מיט דער שארית־הפליטה, וואָס איז געבליבן נאָך דעם אומקום.

ער האָט מיר געווונטשן הצלחה און מיר האָבן זיך געזעגנט. דאָס איז געווען מיין לעצטער קאָנטאַקט מיט דער געהיים־דינסט. פון דעם טאָג, האָב איך גענומען זאַמלען אין זכרון מיין פאַרגאַנגענהייט ווי דער שעף פון א נעץ פון סאָוועטישן געהיים־דינסט. דער דאָזיקער אומגעווייניקלעכער פּעריאָד פון מיין לעבן געהערט פאַר מיר צו דער פּרע־היסטאָריע.

דער שעף האָט געהאַלטן וואָרט. עטלעכע וואָכן האָב איך פאַרבראַכט אין א

סאנאטאָריום. שפּעטער האָט מען מיר צוגעטיילט א וווינונג. אין 1955 איז באשטעטיקט געוואָרן א פּענסיע פאר מיינע פארדינסטן פארן ראטן־פארבאנד. אין מיין ארבעטס־ביכל זענען די תפיסה־יאָרן פאררעכנט געוואָרן ווי יאָרן פון אקטיווער טעטיקייט אינעם געהיים־דינסט.

דאָס זענען טאקע געווען יאָרן פון א באזונדערער שליחות!

8 צוריק קיין ווארשע

פון דערפארונג האָב איך געלערנט, אז די פרייהייט איז שווער צו דעראָבערן, ס'איז אָבער נישט גענוג צו האָבן זי דערגרייכט, כדי צו קאָנען רויק לעבן. אין משך פון דער מלחמה האָב איך באקעמפט דעם נאציזם. ווי נאָר איך בין אריבער די שוועל פון תפיסה, וואָס האָט זיך פאר מיר געעפנט אונטער סטאלינס הערשאפט, האָב איך אנטדעקט די סיבות, וועלכע האָבן בארעכטיקט אונדזערע קאמפן און אונדזערע קרבנות. איך האָב געזען, אז טראָץ דעם בושעווען פון דער נאצישער באַרבאַריי, די טויט־לאגערן, די מיליאָנען דערמאָרדעטע — האָט אנטיסעמיטיזם — אין ראטן־פארבאנד מער ווי אומעטום — נישט אויפגעהערט.

אין דער תקופה פון מיין ארעסט, זענען צו מיר דערגאנגען ידיעות וועלכע האָבן בולט געמאכט די פארפאָלגונגען, פון וועלכע יידן זענען געווען די הויפּט־קרבנות. מיר איז באקאנט געוואָרן, אז אין 1948 זענען ארעסטירט געוואָרן אלע מיטגלידער פון יידישן אנטי־פאשיסטישן קאָמיטעט, אויסער איליא ערענבורג, ווי אויך דער ארעסט — כלומרשט פאר פאראט — פון די סאָלדאַטן און אָפיצירן, וואָס האָבן אין די יאָרן 1947—1948 פרייוויליק זיך געמאָלדן צו העלפן ישראל.

נאָך אין לוביאנקע האָט מיר א וויכטיקע פערזענלעכקייט איבערגעגעבן, אז אין 1945 האָט סטאלין צונויפגערופן א געשלאָסענע באראטונג, מיטן אנטייל פון בעריא, מאלענקאָוו, שטשערבאקאָוו (העכסטער פּאָליטישער קאָמיסאָר פון דער ארמיי), און נאָך עטלעכע. דער צענטראלער פונקט פון דער דעבאטע איז געווען: די יידן־פראגע. די קאָנפערענץ איז געווען א שטרענג געהיימע און סטאלין גופא האָט באהאנדלט דאָס פּראָבלעם — מיט וועלכע מיטלען שטופנווייז רעדוצירן דעם אנטייל פון יידן אין די מלוכה־אינסטאנצן, ווי אזוי פארווערן די יידן וואָס האָבן זיך עוואקואירט בעת דער מלחמה, צוריק זיך אומצוקערן אין זייערע פריערדיקע וווין־ערטער אין אוקראינע, ווייסרוסלאנד און אין די געגנטן, ווו זיי ווערן שלעכט אויפגענומען דורך דער באפעלקערונג. אויף דער פראגע פון שטשערבאקאָוו, צי די באגרענעצונגען זענען אויך חל אויף דער ארמיי, האָט דער דיקטאטאָר אונטערגעשטראָכן: קודם־כל אויף דער ארמיי!

אין תפיסה איז מיר אויך געוואָרן באקאנט, אז א שטרענג געהיימער צירקולאר איז געשיקט געוואָרן צו אַלע פּארטיי־קאדערס אדורכצופירן די נייע דירעקטיוון.

דעם 12טן אויגוסט 1952, זענען 25 יידישע שרייבערס און אינטעלעקטואלן דערשאָסן געוואָרן. צווישן זיי: איציק פעפער, פּרץ מאַרקיש, דוד האָפשטיין, דוד בערגעלסאָן, דאָברושין, נוסימאָוו און לאָזאָווסקי, געוועזענער סעקרעטאַר פון פּראָפינטערן. אין די לעצטע חדשים פון סטאַלינס לעבן איז אויך אויסגעבראָכן דער ענין קרים. די עלטערע יידישע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָבן פאָרגעשלאָגן צו שאַפן א נאַציאָנאַלע יידישע היים אין דעם ראַיאָן, זענען געוואָרן אַרעסטירט און באַשולדיקט אין וועלן אָפּרייסן קרים פון ראַטן־פאַרבאַנד.

דער טויט פון סטאַלינען האָט גאָרנישט געענדערט וואָס שייך דער לאַגע פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד. אָנהייב 1955 האָב איך באַשלאָסן צו שיקן א מעמאָראַנדום צו כרושטשאָוון וועגן דעם פּראָבלעם. איך האָב אים געשריבן: „ס'איז אַנאָרמאַל, אַז נאָך סטאַלינס טויט און נאָכן באַזייטיקן בעריאַן, זאָל ווייטער אָנהאַלטן דיסקרימינאַציע לגבי די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד". נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָב איך געשיקט א צווייטן, א דריטן און א פערטן מעמאָראַנדום וועגן דעם זעלבן ענין. מיט פאַרביטערונג האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז געוויסע אַלטע, יידישע פּאַרטיי־חברים, זענען נישט גרייט אונטערצושטיצן מיין אַקציע. דער פירער פון דער יידישער סעקציע, וואָס איז בשעתו געווען מיין פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין דעם אוניווערסיטעט פון קאָמינטערן, האָט נאָכן איבערלייענען דעם מעמאָראַנדום, אים שטאַרק אויסגעלאַכט:

— מיין טייערער פריינד, וואָס טוט איר? איר קומט נאָר וואָס אַרויס פון תפיסה — און ווען זיך אומקערן אַהין.

— ווייניקסטנס, — האָב איך גאַנץ ערנסט געענטפערט — וועל איך דאָס מאָל כאָטש וויסן פאַר וואָס איך בין אַרעסטירט.

אין 1956 בין איך געוואָרן אויפגענומען דורכן פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג ביים צענטראַל קאָמיטעט, וואָס איז גלייכצייטיק געווען שעף־רעדאַקטאָר פון דער טעאָרעטישער אויסגאַבע פון דער פּאַרטיי.

— איך קאָן אייך פאַרזיכערן, — האָט ער מיר געזאָגט, — אַז כרושטשאָוו האָט געלייענט אַלע אייערע פיר מעמאָראַנדומס. ער האָט אָבער אויך באַקומען די מיינונג וועגן דעם פּראָבלעם פון זייער פיל פּערזענלעכקייטן פון יידישער אָפּשטאַמונג, וואָס טיילן נישט אייער שטאַנדפּונקט בנוגע דער נויטווענדיקייט צו באַנייען א יידיש קולטור־לעבן, ווי: יידיש טעאַטער, צייטונגען, שולן אאז"וו. זיי האַלטן, אַז די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען פולשטענדיק אַסימילירט און דאָס צוריק שטעלן דעם מצב פון אַמאָל, וועט זיין א רעגרעסיווער אַקט. אַלנפאַלס, מיר וועלן וואַרשיינלעך עפענען א דעבאַטע אין א פּאַרטיי־צייטונג איבער דעם פּראָבלעם און די באַנטסטע זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט וועט אָננעמען וועגן דעם אַן ענדגילטיקע שטעלונג.

מיר איז נישט באַוווּסט, צי דאָס פּראָבלעם איז ווען געקומען אויפן טאָג־אָרדענונג און צי ס'איז פאָרגעקומען א דעבאַטע. וואָס איך ווייס יאָ: דער אַנטיסעמיטיזם בושעוועט ווייטער.

צוריק געפינען זיך אין פוילן, ווידער טרעטן אויף דער ערד פון מיין געבוירן־לאנד, צוריק זען נאָווי־טארג, דאָס וויגעלע פון מיינע אור־עלטערן — מיט דער האָפענונג האָב איך געלעבט אין די יאָרן פון מיין ארעסט. ווי נאָר איך בין געוואָרן באפרייט, האָב איך פארלאנגט זיך אומצוקערן. מ׳האָט מיר געענטפערט, אז איך מוז צוווארטן. (די ערשטע רעפּאטריאציעס זענען פאָרגעקומען באלד ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט). אין אפּריל 1957 האָט מען מיר איבערגעגעבן די פריילעכע בשורה, אז מיר איז דערלויבט זיך אומצוקערן קיין פוילן. איך בין געווען א גליקלעכער מענטש. מיינע פארבינדונגען מיט די מנהיגים פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פארטיי זענען געווען זייער דערמוטיקנדיקע. נאָך פון הארבסט 1956, האָט מען געפילט די ליבעראליזאציע פון גאָמולקא־רעזשים (״דער פוילישער אָקטאָבער״).

די פארטיי־פאראנטוואָרטלעכע מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן, האָבן מיר פארזיכערט זייער פארלאנג אויפצוהאלטן דאָס נאציאָנאלע יידישע לעבן. דעם 7טן אפּריל האָט דער סעקרעטאריאט פון צענטראל־קאָמיטעט געשיקט א צירקולאר צו אלע פארטיי־אינסטאנצן, אז אנטיסעמיטן וועלן באטראכט ווערן ווי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן און וועלן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פארטיי. די פארטיי־אָנפירונג האָט זיך פארפליכטעט צו העלפן דער קולטור־טעטיקייט פון דער יידישער געזעלשאפט און אויפהאלטן איר קיום ווי א נאציאָנאלע מינדערהייט. אין דער זעלבער צייט האָט זי פארזיכערט די אסימילירטע יידן, אז זיי וועלן נישט ליידן פון קיין שום דיסקרימינאציע. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט מיך פולשטענדיק באפרידיקט.

די אָנוועזנהייט פון די פארטיי־פירערס אויף דער אָנדענק־פייערונג פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאנד, האָט מיר אויסגעזען ווי א באשטעטיקונג פון דעם נייעם ווילן. ווען דער כאָר פון דער פוילישער ארמיי האָט צוזאמען מיטן יידישן כאָר אויפגעזונגען אין יידיש דעם פארטיזאנער־הימן — בין איך ממש געווען איבערגענומען פון דעם בשותפותדיקן ארויסטריט, וואָס האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין מער ווי א סימבאָל.

איך בין צוריק אוועק קיין מאָסקווע צו ברענגען מיין משפחה. אין הארבסט 1957 זענען מיר אלע געווען אין ווארשע.

איינע פון מיינע ערשטע וויזיטן איז געווען אין מיין געבוירן־שטעטל נאָווי־טארג, וואָס איז געווען פאר מיר א טיפע איבערלעבונג. נאָווי־טארג האָט זיך געענדערט. מ׳האָט דאָרט אויפגעבויט די גרעסטע שיך־פאבריק פון לאנד, וואָס האָט באשעפטיקט טויזנטער ארבעטער. די געסלעך פון שטעטל וווּ כ׳בין געבוירן, האָבן זיך אויפגעהיט. איך האָב געטראָפן עטלעכע אלטע לייט, וואָס האָבן נאָך געדענקט די משפחה טרעפּער. איך בין אוועק אויפן בית־עולם: דאָ האָט מיר דער אלטער קברן דערציילט, ווי אזוי ס׳זענען אומגעקומען די יידן פון נאָווי־טארג.

עס איז געווען זומער 1942... א פראכט־צוג איז אָנגעקומען אויפן וואָקזאל מיט א גרויסער צאָל געסטאַפּאָ־מערדערס, ווארשיינלעך עטלעכע הונדערט... זיי האָבן צוזאמען גענומען אלע יידישע מענער פון שטעטל, זיי אריינגעשטויסן אין די וואַגאָנען און אָפּגעשיקט קיין אוישוויץ. פּופציק יונגע בחורים האָבן זיי

אוועק געפירט אין דעם טאַרטאַק, וואָס האָט זיך דעמאָלט געגייטיקט אין ארבעטס־הענט. די פרויען און קינדער האָבן געמוזט גיין צום בית־הקברות.

— דו זעסט — זאָגט מיר דער אלטער, — אויף דעם אָרט האָבן די נאציס געצוואונגען זייערע קרבנות אויסצוגראָבן דעם קבר און דערנאָך זיי אויסגעשאָסן מיט מאשין־געווער. איך דערמאָן זיך, ווי אייניקע, וואָס זענען לעבעדיקערהייט ארייגעפאלן אין גרוב, זענען דערשטיקט געוואָרן אונטער דעם בארג מתים, וואָס זענען אויף זיי געפאלן.

דער שומר פון בית־הקברות האָט גענוי אויסגערעכנט די מיטגלידער פון מיין משפחה, וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ און פון די וואָס זענען אומגעקומען אין מאסן־קבר. צום סוף פון דער מלחמה זענען עטלעכע צענדליק יידן, וואָס האָבן איבערגעלעבט די שחיטה און צוריק געקומען קיין נאָווי־טאַרג — דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פּוילישע באנדעס וואָס האָבן געקעמפט קעגן נייעם רעזשים און אויסגענוצט די געלעגנהייט פאַרצוזעצן פּאָגראָמען אויף יידן.

דאָס וואָס דער אלטער קברן האָט דערציילט, האָט מיך פארפאלגט לאנגע, לאנגע וואכן. איך בין צוריק געקומען פון מיין געבורט־שטעטל מיטן באשלוס צו ווידמען מיין צייט און ענערגיע דער קליינער יידישער באפעלקערונג אין פּוילן. איך בין געוואָרן דער דירעקטאָר פון פארלאג "יידיש־בוך", וואָס איז געווען דער אייציקער יידישער פארלאג אין אלע, אזוי גערופענע סאָציאליסטישע לענדער. שפּעטער בין איך געוואָרן אויסגעוויילט אלס פאָרזיצער פון "קולטור־פארבאנד פון די יידן אין פּוילן". אונדזער טעטיקייט האָט זיך געפירט אין פארשידענע ריכטונגען: א טאָג־צייטונג, א ליטעראַרישער חודש־זשורנאל, א יידיש מלוכה־טעאטער, א היסטאָרישער אינסטיטוט, אין 35 שטעט — פאָלקס־קלובן פאר דערוואקסענע און יוגנט און פארשידענע ארבעטס־קאָאָפּעראַטיוון.

פון די 25 ביז 30 טויזנט יידן וואָס האָבן צו יענער צייט געלעבט אין פּוילן, איז א באדייטנדיקער טייל געווען פולשטענדיק אסימילירט. ניין טויזנט מיטגלידער האָבן זיך גרופּירט אין דעם פארבאנד. די רעגירונג און די פּארטיי האָבן אונדז געהאָלפן פּאָליטיש, מאָראַליש און פינאַנסיעל. דאָך זענען נישט פארשוווּנדן אלע שפּורן פון אנטיסעמיטיזם... א געוויסער פּיאסעצקי, וואָס האָט פאר דער מלחמה אָנגעפירט מיט דער רעאקציאָנערסטער פּארטיי פון פּוילן און זאָל איצט האָבן געווען, ווי מ'האָט געשמועסט, א סאָוועטישער אגענט — האָט ביים נייעם סאָציאליסטישן רעזשים אויפגעהויבן די פאָן פון אנטיסעמיטיזם.

אין אלגעמיין איז די אנטוויקלונג דאָך געווען א גינסטיקע לטובת אונדזער טעטיקייט. אויף דער פּוילישער יוגנט האָבן די אַמאָליקע אנטיסעמיטישע לאָזונגען נישט געהאט קיין איינפלוס. אויך די קירכע האָט באקעמפט די אנטיסעמיטישע איבערבלייבעכצן פון די קאטוילישע קרייזן.

די דאָזיקע יאָרן, וואָס כ'בין געווען פאראייניקט מיט מיין משפּחה, זענען געווען די גליקלעכסטע אין מיין לעבן. מיינע פאראנטוואָרטלעכקייטן אין יידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן, האָבן מיך פולשטענדיק אבסאָרבירט. אין דער זעלבער צייט האָב איך באמערקט אן אומגינסטיקע דערשיינונג — דעם וואקסנדיקן איינפלוס

פון גענעראַל מאַטשאַר אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג. עס זענען אַנטשטאַנען שוועריקייטן ביים אויספירן מיינע פליכטן. מיר, פּוילישע יידן, האָבן זיך אָפּגעגעבן א חשבון, אַז כל זמן ס'וועט נישט פּאַרקומען א ראַדיקאַלע ענדערונג אין קרעמל, איז אונדזער לאַגע נישט קיין זיכערע.

טיילמאָל, אין די רויקע טעג, וועלכע זענען, לײדער געווען צייטווייליקע, האָב איך געהאַט דעם פאַרלאַנג, עס זאָל דערשיינען א בוך וואָס זאָל דערציילן די געשיכטע פון רויטן אָרקעסטער. איך האָב געהאַט אין מיין רשות אַלע מאַטעריאַלן פון דער טעטיקייט פון אונדזער נעץ, נאָר זיי האָבן נישט געהאַט קיין גרויסן ווערט, ווייל זיי האָבן געשטאַמט פון קעגנער וועלכע האָבן געפעלשט די רעאַליטעט. אין 1964 האָב איך געלייענט א בוך פון א יאַפּאַנישן מחבר וועגן רישאַרד זאָרגע. וועמען ס'איז געלונגען אַרויסצובריינגען די רייכע און קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט, ווי ער איז דאָס געווען. דאָס ווערק האָט מיר אויסגעזען ווי א מאָדעל פאַר דעם זשאַנער.

איך בין שטאַרק געוואָרן אַנגערעגט צו לאָזן זיך אַליין אויף אַזא "אַוואַנטורע" און וועגן דעם דערציילט די פאַראַנטוואָרטלעכע פּוילישע אויטאָריטעטן. מ'האָט מיר אָבער געגעבן אָנצוהערן, אַז די אונטערנעמונג איז פּריצייטיק. ווי ס'זאָל נישט זיין, וועט דאָס בוך אונטערליגן דער צענזור.

אַדורכטראַכטנדיק געגנוי דעם ענין, האָב איך זיך אָפּגעגעבן א חשבון, אַז לעבנדיק אין וואַרשע מיט מיין משפּחה, וועל איך נישט זיין פריי צו שרייבן וועגן אַלץ. ווי אַזוי, למשל, וועל איך קאָנען איבערגעבן וועגן באַזײיטיקן בערזינען ? אָדער וועגן דייטש־סאָוועטישן פּאַקט ?

אין יענער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט זשיל פּעראָ. איך האָב געאַרבעט, ווי געוויינלעך, אין מיין ביוראָ פון "יידיש־בוך". ס'איז געווען דער 15טער אָקטאָבער 1965, ווען מ'איז געקומען אָנזאָגן, אַז א פראַנצויזישער שרייבער וויל מיך זען. אַזוי ווי איך האָב לעצטנס געהאַט פאַרעפנטלעכט עטלעכע ביכער פון יידיש־פראַנצויזישע שרייבערס, האָב איך געגלויבט אַז דאָס איז איינער פון זיי.

פאַר מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט א יונגער מענטש מיט א סימפּאַטיש געזיכט און אָפּענעם, אויפריכטיקן און עטוואָס אומדרייסטן בליק.

— הער טרעפּער — זאָגט ער מיר — איך שרייב איצט א בוך וועגן רויטן אָרקעסטער...

איך האָב אים באַטראַכט מיט א שמייכל און געזאָגט :

— אויב איר האָט נישט עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן, טאָ שטערט אייך נישט...

אין דער אמתן בין איך געווען איבערצייגט, אַז אַזא יונגער מענטש וועט נישט זיין מסוגל אויפצונעמען און באַאַרבעטן אַזא קאָמפּליצירטע געשיכטע. לויט מיין רעאַגירונג האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איך בין סקעפּטיש לגבי אים, מחמת ער האָט מיר דערלאַנגט א בוך מיט זיין נאָמען און זאָגט מיר, מיט דער בפירושער כוונה מיך איבערצוצייגן :

— דאָ האָט איר מיין לעצט בוך, לייענט...

דאָס בוך האָט געהייסן „דער סוד פון דעם טאָג". מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו טרעפן דעם קומענדיקן מאָנטיק.

ס'איז געווען א פרייטיק. איך האָב פאַרלאָזן ווארשע, צו קאָנען רויק לייענען דאָס בוך. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן עפּיגראַף פון טשערטשילס א פראזע: „אין א מלחמה דאַרף דער אמת באַגלייט ווערן מיט וואַלקנס". דאָס בוך דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון ענגלישן געהיים־דינסט ביים צוגרייטן דעם דעסאנט פון ענגליש־אמעריקאנער מיליטער אויף די ברעגעס פון נאָרמאנדיע. איך האָב אדורכגעלייענט דאָס בוך אין איין אָטעם. אָן שום ספק, אז דער מחבר איז ראוי צו שרייבן די גרויסע געשיכטע פון רויטן אָרקעסטער.

ווען מיר האָבן זיך געטראָפן דאָס צווייטע מאָל, איז מען געווען מער צוטרוילעך איינער צום אנדערן. זשיל פּערא האָט אין א לענגערן שמועס מיר דערציילט פון די פאָרשונגען וועלכע ער האָט אדורכגעפירט אין משך פון צוויי יאָר, כדי צו זאמלען מאטעריאלן פאַר דעם בוך. איך האָב שנעל באַנומען, אז אים זענען באַקאַנט די פּראָבלעמען פון רויטן אָרקעסטער. פאַרשטייט זיך, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך פאַר איינעם וואָס האָט אליין נישט אנטייל גענומען אין דער טעטיקייט. מיט געדולד האָט ער אויפגעזוכט די עדות און די לעבן־געבליבענע מיטגלידער פון דער נעץ, געפאָרשט די ארכיוון, ארומגערייזט גאַנץ אייראָפּע, כדי אויפצושטעלן די אמתע געשיכטע פון רויטן אָרקעסטער. אין משך פון צוויי טעג האָבן מיר געשמועסט אויספירלעך וועגן די מאטעריאלן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקענט פאַר דער געשיכטע. ס'איז געווען צו מערקן, אז ער איז ווייט פון צו זיין צופרידן.

— אפשר דערציילט איר דאָס וואָס איז מיר נאָך נישט באַוווסט? — גיט ער מיר מיט אמאָל א זאָג.

— די צייט איז נאָך נישט געקומען צו דעם, שפּעטער וועט מען קאָנען אַלץ דערציילן. באַזונדערס, איך וועל פאַר אייך נישט באַהאַלטן, איך אליין האָב בדעה דאָס צו טאָן...

איך האָב צוגעגעבן, אז לעבנדיק אין פּוילן, ביז איך אין אלע פאַלן באַגרענעצט אין מיינע רעוואָלאַציעס. נאָכן געזעגענען זיך מיט אים, האָב איך זיך געפרעגט, צי כ'האָב נישט אמאָל גערעדט קיין איבעריקע רייד...

זשיל פּערא האָט מיך שפּעטער געפרעגט, צי כ'וועל מסכים זיין צו לייענען זיין מאנוסקריפּט. נישט וועלנדיק נעמען אויף זיך די פאַראנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין ווערק, האָב איך אָפּגעזאָגט. דאָך האָב איך אים איינגעלאַדן צו קומען מיך זען אין ווארשע, נאָכן דערשיינען פון בוך. ער איז טאַקע געקומען מיטן בוך אונטערן אָרעם.

איך האָב געוווּסט, אז דער „רויטער אָרקעסטער" וועט האָבן גרויס דערפאָלג. עטלעכע טעג פריער האָט טעלעפאָנירט דער דירעקטאָר פון „ער פראנס" אין פּוילן:

— שטעלט אייך פאָר — דערציילט ער מיר, — איך האָב געקויפט דאָס בוך פון זשיל פּערא א שעה פאַר מיין אָפּפאָרן פון פּאַריז קיין ווארשע. איך האָב נישט געקאָנט אָפּפליען, ביז איך האָב עס דורכגעלייענט!

איך האָב געטיילט זיין באַגייסטערונג: איך האָב געהאַט אַ טיפע איבערלעבונג, לייענענדיק די זייטלעך פון אונדזער דראַמאַטישער אַוואַנטורע. איך האָב פעסטגעשטעלט מיט צופרידנקייט די וואָרהאַפטיקייט פון דעם בוך, געשריבן פון אַ מענטש מיט האַרץ און נאָבעלע געפילן פאַר די קעמפער פון רויטן אָרקעסטער.

די קליינע אומפינקטלעכקייטן בנוגע מיינע קינדער־יאָרן אין פוילן, פון דער צייט ווען כ׳האָב זיך געפונען אין ארץ־ישראל און וועגן מיין ערשטן אויפהאַלט אין פראַנקרייך — זענען אָן באַדייטונג.

זשיל פּעראָ איז גראָד געווען ביי מיר, ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען:

— דאָ רעדט דער שעף־רעדאַקטאָר פון "פּאָליטיקאַ" (אַ וואָכנשריפט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי). איר ווייסט, אין פראַנקרייך איז דערשינען אַ בוך וועגן רויטן אָרקעסטער, וואָס גייט אָן ווי אַ "בעסט סעלער"?

— יאָ...

— נו, ווערלן מיר זיין די לעצטע דאָס איבערצוגעבן?

— איך פערזענלעך וואָלט נישט געוואָלט מיט אייך רעדן וועגן דעם בוך.

— וואָס קאָנען מיר טאָן?

— זייער פשוט — דער מחבר איז איצט דאָ ביי מיר.

צו מאָרגנס זענען מיר געווען אין דער רעדאַקציע פון "פּאָליטיקאַ" און אנטייל גענומען אין אַ דעבאַטע וועגן רויטן אָרקעסטער. דער געהילף פון שעף־רעדאַקטאָר, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו שרייבן דאָס אַרטיקל, איז קראַנק געוואָרן. ערשט דעם 17טן יוני 1967, האָט "פּאָליטיקאַ" פאַרעפנטלעכט אָן אָפּשאַצונג וועגן זשיל פּעראָס בוך. עטלעכע טעג פאַר דעם, האָט גאָמולקאַ אויפגעהויבן די אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע. אין רעזולטאַט דערפון, איז אין קיין שום אַנדערער פּוילישער צייטונג נישט דערשינען דאָס אַרטיקל — ווי דאָס האָט זיך פּראַקטיצירט ביז איצט — איבערצודרוקן אַזעלכע אַרטיקלען אין רוב צייטונגען.

דאָס בוך פון פּעראָ האָט אָן שום ספק געעפנט אַ נייַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון רויטן אָרקעסטער. אַוועק געבנדיק דריי יאָר פון זיין לעבן פאַר דעם ווערק, האָט פּעראָ אַרויסגעהויבן דעם רויטן אָרקעסטער פון די פּאָליצייאישע אַרכיוון און פאַרנעפּלטע זכרונות. אַ דאַנק אים, האָט די ברייטע וועלט זיך באַקאַנט מיט דער דראַמאַטישער עפּאָפּעע פון די מענער און פרויען, וואָס האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס פאַר דער מענטשהייט.

איך וועל זיך נישט אומקערן צו דעם דערפאָלג, וואָס דאָס בוך האָט געהאַט אין די מערב־לענדער. דער אָפּקלאַנג פון בוך איז ווייניקער באַקאַנט אין די מזרח־לענדער, ווו ס׳איז נאָך אין קיין איינעם פון זיי נישט דערשינען. (ס׳איז געווען פאָרויסגעזען, אַז דאָס בוך וועט דערשיינען אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין דער צייט פון "פּראַגער פרילינג", נאָר די רוסישע טאַנקן זענען צו פרי אָנגעקומען!). אין פוילן גופא איז די פראַנצויזישע אויסגאַבע געגאַנגען פון האַנט צו האַנט און די צאָל לייענערס פון יעדן בוך איז געווען אַזוי גרויס, אַז די זייטלעך האָבן זיך צעשאָטן.

דער עיקר פאַרדינסט פון זשיל פּעראָס בוך איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט באַקאַנט געמאַכט און געגעבן צו פאַרשטיין סיי די ספּעציאַליסטן, סיי דעם

ברייטן עולם, די ווירקלעכקייט פון רויטן אָרקעסטער, טראָץ די שקרים פון די נאַציס, טראָץ דעם שאָטן פון דער קאַלטער מלחמה און טראָץ דער אָפּוועזנהייט פון אונדזער אוואַנטורע אין דער גרויסער צאָל ווידערשטאַנד־מיטאָלאָגיעס.

די לעבן געבליבענע פון דער גרופּע שולץ־בויזען, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, ווי פּראָפעסאָר הײנץ שעל, וויצע־פּאַרזיצער פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, אָדער גרעטע קוקהאָף, האָבן פּאַרעפנטלעכט זייערע עדות־דערקלערונגען. אין אויגוסט 1969, איז אין דער צייטשריפט "די וועלט־בינע" דערשינען אַן אָפּהאַנדלונג "דער פּיאַניסט פון רויטן אָרקעסטער". דאָס אַרטיקל איז געווען אַ לויב־געזאַנג פאַר פּעראָס בוך. אויך דער ראַדיאָ פאַר שולן אין דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק האָט געווידמעט אַן עמיסיע פאַר אונדזער "נעץ" אונטערן קאַפּ "דער גרויסער שעף נאַרט אָפּ די געסטאַפּאָ". אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא האָט מען זיך דערציילט, אין פאַרשידענע וואַריאַנטן, די געשיכטע פון רויטן אָרקעסטער!

אין דעצעמבער 1968 האָב איך זיך געטראָפן אין מאָסקווע מיט אַ באַקאַנטן שרייבער, וואָס האָט געבעטן מיר זאָלן אים מהנה זיין מיט אַ איבערזעצונג פון פּעראָס בוך. סוף 1969 האָט אים מיין פרוי געלייענט דעם מאַנוסקריפּט. דאָס בוך האָט נישט דערזען די ליכטיקע שיין.

אַנדערע ביכער, געשריבן דורך געהאָרכזאַמע הענט, זענען פאַרקויפט געוואָרן אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן, צווישן זיי: "פּאַרגעס דיין נאָמען" און "הייזער אונטער שליסלען"... די מאָסקווער וואָכנשריפט "אָגאָניאָק" האָט חדשים לאַנג פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען אויף דער טעמע.

אויך אין פּוילן איז סוף־כל־סוף דער "רויטער אָרקעסטער" אַרויס פון דער פאַרגעסנקייט. ענדע 1969, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אויסשטעלונג לכבוד אַדאַם קוקהאָף, איינער פון די אָנפירער פון דער בערלינער גרופּע.

אין סעפּטעמבער 1970, ווען איך האָב זיך געפונען מיט מיין פרוי אויף אָפּרו ביים ים, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אַ זשורנאַל מיטן "קאָפּ": "זשאַן זשילבער וואָרנט דעם שעף". דאָס זענען געווען אויסגעקליבענע פראַגמענטן פון פּעראָס בוך, וואָס אַלע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ פרעג צייכן, ווי למשל: "ווו איז אהין געקומען זשאַן זשילבער? ווו געפינט ער זיך היינט?"

דער טעקסט, וואָס האָט געשטאַמט פון דער פּוילישער פּרעסע־אַגענטור, איז דערשינען, ווי כ'האָב זיך דערוווּסט שפּעטער, אין פאַרשידענע צייטונגען. ווען דאָס בוך פון זשיל פּעראָ איז געוואָרן באַקאַנט, האָבן די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען געזוכט אַרויסצוהייבן די פּערזאָן זשאַן זשילבער און דערנידעריקן אַ געוויסן לעאָפּאָלד טרעפּער.

טרעפּער, ווי באַוווּסט, איז אַ ייִד, בעת זשאַן זשילבער איז...

9 דער לעצטער קאַמף

דעם 17טן יוני 1967, האָט דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, גאָמולקא, גענומען אַ וואָרט אויפן קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אין זיין רעדע איז ער אַרויס מיט אַ ווילדער, בייזוויליקער קריטיק קעגן יידן. אויפן נאָענטן מזרח האָט די זעקס־טאָגיקע מלחמה שוין געהאַט זיך פאַרענדיקט. גאָמולקא האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט צו וואַרפן די לאָזונג: "דער יידישער יישוב — איז די פינפטע קאָלאָנע!" אין דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען איז דורך דעם אינערן־מיניסטער גענעראַל מאָטשאַר אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע פון אומדערהערטער אָנגרייפערישקייט. די סטודענטן־מאַניפעסטאַציעס אין פרילינג 1968 אין וואַרשע, האָבן געגעבן אַ נייעם פּרעטעקסט פונאַנדערצובלאָזן די אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע אונטערן אויסרייד, אַז דאָס האָבן די יידישע סטודענטן פּראָוואָצירט דעם צוזאַמענשטויס צווישן דער פּאָליציי און די פּוילישע סטודענטן. דער אָנגריף האָט דער עיקר זיך געפירט קעגן דעם "קולטור־פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן", ווען מענס פאַרזיצער איך בין געווען. אין די הונדערטער זענען די יידישע סטודענטן באַזייטיקט געוואָרן פון די אוניווערסיטעטן. לאַנגיאָריקע פּאַרטיי־מיטגלידער האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון דער פּאַרטיי. מאָטשאַר האָט אָרגאַניזירט "ספּאָנטאַנע" דעמאָנסטראַציעס מיט אויסגעשרייען "די זשידעס צו דיינען!" עס האָט נישט געפעלט קיין סך, אַז די פונאַנדערגעבלאָזענע היסטעריע זאָל דערפירן צו אַ קליינעם פּאָגראָם.

יאָ, איבער פינף־און־צוואַנציק יאָר נאָך דער מלחמה, איז אין דעם לאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, וווּ יידן האָבן מערער ווי ערגעץ אַנדערש געליטן פון דער נאַצישער באַרבאַריי; אין אַ לאַנד, וואָס פּרעטענדירט צו זיין סאָציאַליסטיש — איז צוריק אויפגעשטאַנען דער מאָנסטער פון אַנטיסעמיטיזם. דער האַס צו ישראל, צום ציוניזם, האָט זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין אַן אָפענער, דעקלאַרירטער שנאה צו די יידן פון פּוילן. וואָס ווייטער איז געוואָרן קלאָרער, אַז די רעגירונג זוכט אַ סוף צו מאַכן צום יידישן יישוב. דער איינציקער אויסוועג וואָס איז פאַרבליבן — אויסוואַנדערן. מיר האָבן געוווסט, אַז דאָס איז אייגנטלעך אויך דער טיפער באַגער פון די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען. (צום גרויס באַדויערן האָב איך זיך שפּעטער דערוווסט, אַז גראָד איך בין אַן אויסנאַם...).

וואָלט איך אין יענעם מאָמענט פאַרלאַנגט אַ וויזע, אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז גענעראַל מאַטשאַר וואָלט געווען איבערגליקלעך צו דערלויבן אויסצוואַנדערן דעם פאַרזיצער פונעם "קולטור פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן". מיין עלטערער זון מישעל, וואָס איז געווען אַרבעטלאָז, איז אַוועק דער ערשטער. מיין אַנדערער זון פּיער, אַן אינזשעניער־עלעקטראָניקער, איז געוואָרן באַשולדיקט אַלס "סטודענטן־העצער". ער האָט צוריק געגעבן דער פּאַרטיי זיין מיטגליד־קאַרטע און פאַרלאַנגט אַ וויזע. אויך ער מיט זיין פרוי אַננאַ האָבן פאַרלאָזן פּוילן. אַננאַס פאָטער, אַ פּאַראַליזירטער, און איבערגעגעבענער קאָמוניסטישער טוער פון זיינע יונגע יאָרן, האָט נאָכגעפאָלגט די געשעענישן דורך דער טעלעוויזיע. פילנדיק אַז עס דערנענטערט זיך זיין סוף, האָט ער צוגערופן זיין פרוי און איר געזאָגט:

— איך בין איבערצייגט, אַז אויפן נאָענטן מזרח וועלן די יידן און אַראַבער סוף־כל־סוף זיך פאַרשטענדיקן. אין אונדזער לאַנד וועט דער אויטענטישער סאָציאַליזם זיגן, אָבער דאָס וועט נעמען לאַנגע יאָרן. דערווייל איז די לאַגע אָן אַן אויסוועג. שטעל צענויף אַ רשימה פון אונדזערע פּוילישע פריינד, וואָס זענען גרייט אייך צו באַהאַלטן און באַמיט זיך פון דאַנען צו אַנטלויפן, כל זמן ס'איז נאָך צייט...

מיין דריטער זון עדגאַר, לעקטאָר פון רוסישער ליטעראַטור, האָט פאַר זיך געזען אַלע אוניווערסיטעטן־טירן פאַרמאַכט. נאָך פיל שוועריקייטן, האָט אויך ער גענומען דעם וואַנדער־שטעקן.

פאַר מיר איז נישט געבליבן קיין אַנדערער אויסוועג, ווי אויפסגיי אויפנעמען דעם קאַמף! איך האָב געשיקט צו גאָמולקאַן אַ מעמאָראַנדום וועגן דער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע. פאַרשטענדלעך, אַז דער מעמאָראַנדום איז געבליבן אָן אַ תשובה, און איך בין זיך משער, אַז מען האָט דאָס אויסגענוצט, כדי פאַרן באַזייטיקן מיך פון עפנטלעכן לעבן, צוטשעמפּען דעם עטיקעט "ציוניסט".

אָן מיינע קינדער, אָן דער מעגלעכקייט צו ווידמען זיך דעם יידישן ישוב, וועלכן ס'האָט געדראָט פולשטענדיקע אויסראָטונג, בין איך אין מיין געבוירן־לאַנד געוואָרן אַ פאַרדעכטיקטער אויסלענדער. פרילינג 1968 האָב איך אָנגעגעבן מיין דעמיסיע ווי דער פאַרזיצער פונעם "קולטור־פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן". אַלע עקזעקוטיוו־מיטגלידער, אויסער צוויי, האָבן געטאָן דאָס זעלבע. אין אויגוסט 1970 האָב איך געבעטן אַ דערלויבעניש צו עמיגרירן קיין ישראל. צען חדשים שפּעטער, אין מערץ 1971, איז אָנגעקומען אַ תשובה: אויפן סמך פון פּאַראַגראַף 4 פון אַרטיקל 2 — איז מיין בקשה אָפּגעוואָרפן. אין משך פון צוויי יאָר, האָב איך זיבן מאָל באַנייט די ביטע און זיבן מאָל באַקומען דעם זעלבן ענטפער. פון מערץ 1971, האָב איך זעקס מאָל געשריבן צום אינערן־מיניסטער, פינף מאָל צום ערשטן סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און זעקס מאָל צום סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט. די כאַראַקטעריסטישסטע תשובה איז געווען די פון אינערן־מיניסטער, פון 15טן מערץ 1972. ער האָט זיך דאָס מאָל פאַררופן אויפן 4טן פּאַראַגראַף פון 9טן אַרטיקל, וועלכער באַפרייט די מאַכט־אָרגאַנען צו מאָטיווירן זייערע באַשלוסן. מיין עקשנות

האָט די מנהיגים פון פּוילן ארויס געפירט פון די כלים. זיי האָבן אויסגענוצט די ערשטע געלעגנהייט צו פארשאפן מיר אומאנגענעמלעכקייטן...

אין חודש יוני 1971 איז קיין פּוילן געקומען א גרופּע זשורנאַליסטן פון דער בעלגישער טעלעוויזיע, כדי צוגרייטן א דאָקומענטארן פילם וועגן רויטן אָרקעסטער. איך און מיין פרוי האָבן באגלייט די זשורנאַליסטן קיין זאקאָפּאנע. דעם אכטן יוני, נאָך מיטאָג, ווען מיר זענען געווען פארנומען מיט דרייען דעם פילם, זענען דערשינען א צענדליק פּאָליציי־לייט אין ציוויל און אונדז ארומגערינגלט. צוויי קאָלאָנעלן פון דער זיכערהייט־דינסט, מיינענדיק אז זיי געפינען זיך אויף א שלאכטפעלד, האָבן אונדז אלע פארנומען און אוועק געפירט אין דער פּאָליציי־סטאנציע פון זאקאָפּאנע און אין משך פון עטלעכע שעה געמאטערט מיט זינלאָזע פארשונגען. נאָכן קאָנפיסקירן דעם טעלעוויזיע־מאטעריאל, זענען די בעלגישע זשורנאַליסטן געצוווּנגען געוואָרן צו פארלאָזן פּוילן. איידער זיי האָבן פארלאָזט, האָבן זיי באמערקט ווי א פּאָליציייאישער וואָגן האָט מיך מיט לובאן אוועק געפירט אין אן אומבאקאנטער ריכטונג. איבערצייגט, אז מ׳האָט אונדז ארעסטירט, האָבן די זשורנאַליסטן, ווי נאָר זיי זענען געקומען קיין בעלגיע, אלארמירט די אינטערנאַציאָנאַלע עפנטלעכע מיינונג. עטלעכע שעה שפּעטער , האָט די פּאָליציי אונדז ארויסגעלאָזט, אָבער ווייטער געהאלטן אונטער אָבסערוואציע.

אייניקע חדשים שפּעטער, זענען געקומען זשורנאַליסטן אויך פון דער פראנצויזישער טעלעוויזיע, אונטער דער אָנפירונג פון זשאן פּיער עלקאַבאַש, כדי מיך אינטערוויואירן. אויך זיי האָבן אדורכגעמאכט עטלעכע שווערע מאָמענטן מיט דער פּאָליציי.

אונדזערעליידן האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן. מיר זענען געוואָרן א צילברעט פאר פּאָליצייאישע פארשונגען... דורך דער צייט, וואָס מיר זענען געפּאָרשט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, איז די וווינונג וועלכע מיר האָבן געדונגען אין זאקאָפּאנע, באזוכט געוואָרן פון פּערזאָנען, וואָס האָבן גאָר קנאַפּ זיך געזאָרגט צו פארווישן זייערע שפּורן. די פּאָליציי האָט זיך געפונען אומעטום. אין דער שכנותדיקער וווינונג, א שטאָק העכער, אין דער וווינונג אונטן, אין דעם גאנצן הויז, אין דעם הויז קעגנאיבער, פוןביידע זייטן גאס — אומעטום האָבן זיך געפונען געהיים־אגענטן, וואָס האָבן אונדז נאָכשפּיאָנירט בייטאָג און ביינאכט. די ארומיקע גאסן־ליכט האָט געלויכטן אָן איבעררייס. ווען מיר זענען ארויס אין גאס, האָט זיך תמיד געפונען א גרעסערע צאָל אגענטן, וואָס זענען אונדז נאָכגעגאנגען אויף טריט און שריט. ווען מיר זענען געגאנגען אויף קבר־אבות קיין נאָווי־טאַרג [1]), האָט נאָך פאר אונדז די פּאָליציי זיך געפונען אויפן אָרט...

נאָך צען טעג אין אזעלכע אומשטענדן, האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין ווארשע מיט דער איבערצייגונג, אז דאָרט וועלן מיר ווערן ארעסטירט. לובאן איז געלונגען פאַרן פאָפציען די אויפמערקזאמקייט פון דער פּאָליציי און שיקן א בריוו צו

---

1) אויף דעם אָרט וווּ ס׳איז געווען די מצבה לזכר די אומגעבראכטע יידן, איז איצט פאראן נישט מער ווי א ברייט צעעפנטע גרוב...

אונדזערע פריינד קיין אויסלאַנד וועגן דער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך. דעם וואַגאָן־קופּע אין וועלכן מיר זענען געפאָרן, האָט מען געהיט פוןביידע זייטן. אויפן וואָקזאַל אין וואַרשע האָב איך גלייך באַמערקט די נייע פּאָליציי־לייט, וואָס פאַרטרעטן די וועלכע האָבן ביז איצט געהאַט איבער אונדז די שמירה. ווי נאָר מיר האָבן גענומען גיין צו דער טאַקסי־סטאַציע, האָט זיך צו אונדז דערנענטערט איינער פון די הערן און אויף דעם זעלבן אופן ווי דאָס טוען די ווינדע־באַדינערס האָט ער זיך צו אונדז געווענדט:

— איר ווילט אפשר איך זאָל אייך אָפּפירן אין אייער וווינונג?

— ניין, א דאַנק! מיר וועלן אליין קומען אַהין.

אין דעם מאָמענט ווי מיר זענען אַריין אין טאַקסי, איז דערשינען א פּאַרשוין, וואָס האָט זיך מיט חוצפּה באַזעצט פון פאָרנט און געגעבן דעם שאָפער... אונדזער אַדרעס. דער זעלבער האָט דערנאָך אַרויפגעטראָגן דעם באַגאַזש אין דער דירה. פאַרשטייט זיך, אַז בעת אונדזער אָפּוועזנהייט אין די וווינונג געוואָרן גרינטלעך דורכגעזוכט. א שטאַרק אויפגעבראַכטער פון די געשעענישן, שאַקירט פון דער שמירה וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט אַרום דעם הויז, בין איך דעם זעלבן אָוונט קראַנק געוואָרן און זיך געמוזט לייגן אין בעט. כ׳האָב טעלעפאָנירט צו מיין דאָקטער, וואָס האָט מיר באַפוילן צו בלייבן אין בעט. איך האָב נישט באַוויזן אָוועקצולייגן דאָס טעלעפאָן־טרייבל, ווי ס׳האָט תיכּף זיך באַוויזן, פייפנדיק מיט אַלע סירענעס, א פּאָליציייִשער אַמבולאַנס!

די לאַגע האָט אַזוי אָנגעהאַלטן א וואָך צייט. דערנאָך זענען די מלאכי־השמירה פאַרשוווּנדן. איך בין אַוועק אין צענטראַל־קאָמיטעט פּראָטעסטירן. א פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער זיכערקייט האָט מיר אויפגענומען און מיט א היפּאָקריטישן טאָן פון מיטלייד, האָט ער זיך באַמיט מיך צו באַרויקן:

— איר האָט נישט קיין גרונט זיך צו באַאומרויקן, נישט אייך האָבן מיר געמיינט, נאָר די בעלגישע פילם־זשורנאַליסטן, וואָס האָבן נישט געבעטן קיין דערלויבעניש...

א שלעכטער וויץ פון א ביוראָקראַט... ער האָט פאַרפילפאַכט איבער אונדז די שמירה און אומאַנגענעמלעכקייטן און עצהט נאָך מיר זאָלן זיך דערפון נישט איבערנעמען. אין צווישנצייט האָבן מיינע פריינד אין אויסלאַנד, וואָס זענען געוואָרן אַלאַרמירט, שטאַרק זיך באַאומרויקט וועגן אונדזער גורל. זשיל פּעראָ איז אויף שנעל געקומען קיין וואַרשע. ער האָט אָבער נישט געקאָנט מער פעסטשטעלן, אַז איך געפין זיך אויף דער פריי. די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן נאָך א געוויסע צייט, לפּנים וועגן, אָנגעהאַלטן לגבי מיר א טאָלעראַנטע באַציונג, פון וועלכער איך האָב זיך נישט געלאָזט נאַרן. פאַר מאָטשאַרס באַנדעס בין איך א פאַרדעכטיקטער, א שונא, א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער (מ׳קאָן די רשימה פאַרלענגערן). אין דעצעמבער 1971, האָט דער אינערן־מיניסטער ווידער אָפּגעזאָגט די אַרויספאָר־דערלויבעניש. איך האָב וועגן דעם געשריבן צו מיינע פריינד, וואָס האָבן באַשלאָסן אונטערצונעמען אַן אַקציע. ביים אַדוואָקאַט מאַטאַראַסאָ, האָבן זיך פאַרזאַמלט זשיל פּעראָ, אַדוואָקאַט סולעז־לאַריוויער, ווערקאָר, וולאַדימיר פּאָזנער, זשאַק מאָדאַל, די פּאַנפּאַניס און

געשאַפן אין פאַריז א קאָמיטעט צו העלפן מיר ארויסצופּאַרן פון פּוילן. דעם 12טן יאַנואַר 1972 האָט דער "טרעפּער־קאָמיטעט" אפּגעהאַלטן אין פּאַריז א פּרעסע־קאָנפערענץ, פון וועלכער די צייטונגען האָבן צו מאָרגנס ברייט באַריכטעט. אין א קורצער צייט זענען ענלעכע קאָמיטעטן אויך אנטשטאַנען אין דער שווייץ, בעלגיע, ענגלאַנד און דענעמאַרק. אין האָלאַנד איז א פּעטיציע צו דער פּוילישער אמבאַסאַדע אונטערגעשריבן געוואָרן פון אַלע דעפּוטאַטן (חוץ די קאָמוניסטישע) און אנדערע פּערזענלעכקייטן. איך בין געווען טיף גערירט פון דעם פאַרנעם וועלכן ס'האָט אָנגענומען די באַוועגונג פון סאָלידאַריטעט און פּראָטעסט. פון זשענעווע האָט אַפּעלירט צו דער פּוילישער רעגירונג די ליגע פאַר מענטשן־רעכט, די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע פון יוריסטן און די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן. אין בריסל האָט דער קאָמיטעט, בראש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען דער פּאָרזיצער פון דער "ליגע פאַר מענטשן רעכט", ארומגענומען דעפּוטאַטן, מיניסטאָרן און די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס. אין פּאַריז האָבן דעם קאָמיטעט אונטערגעשטיצט פּערזענלעכקייטן פון אַלע ריכטונגען, פון עקסטרעם לינקס ביז ציוניסטן. אנדריי מאַלראָ און דער ארציבישאָף פון פּאַריז, מאַגיסטער מארטי, האָבן צוגעשיקט אונטערשטיצונג־בריוו דעם קאָמיטעט. די סאָציאַליסטישע פּארטיי האָט דורך פּראַנסואַ מיטעראַן ארויסגעדריקט איר אומרו. פון לאָנדאָן האָבן דער געוועזענער בריטישער אויסערן־מיניסטער מייקל סטיוואַרט, די מלוכה־לייט פּאַטריק גאָרדאָן וואָלקער און עלווען זשאָנס, געשריבן צו עדגאַר גיערעק, דעם ערשטן סעקרעטאַר פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי:

"... לעאָפּאָלד טרעפּער האָט זיך באַטייליקט אין צאָלרייכע, געפערלעכע קאַמפן קעגן די פאַשיסטישע כוחות. ער האָט געגעבן אן אויסערגעוויינלעכן ביישטייער צו דער פארניכטונג פון דער נאַצישער הערשאַפט און אזוי ארום געהאָלפן פאַרטרייבן דעם נאַצישן טעראָר פון די אָקופּירטע לענדער, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען פּוילן..."

דעם בריוו האָבן אונטערגעשריבן 21 דעפּוטאַטן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, זיבן קאָנסערוואַטיסטן און פינף ליבעראַלן. אויך אמעריקאַנער סענאַטאָרן האָבן אין דעם זין געשריבן צו דער רעגירונג אין וואַרשע. סינדיקאַלע טוער פון בראַזיל, אויסטראַליע, קאָלומביע, ענגלאַנד, קאָסטאַ־ריקאַ און ישראל האָבן אונטערגעשריבן א בשותפותדיקע פּעטיציע.

די פּוילישע רעגירונג, באַאיינדרוקט פון דער באַוועגונג וואָס האָט זיך אַנטוויקלט לטובת מיין פּערזאָן, ווי אויך אטאַקירט אומאויפהערלעך מיט פראַגן פון קאָרעספּאָנדענטן פון די פּרעסע־אַגענטורן — איז ענדלעך געווען געצוווּנגען צו געבן אויפקלערונגען. דעם 29סטן פעברואַר 1972, האָט דער אינפאָרמאַציע־מיניסטער יאַניורעק איבערגעגעבן דעם פּאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער פּרעסע־אַגענטור פּאָלגנדיקע דערקלערונג:

"די סיבות פון דער דעציזיע פון די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען לגבי דעם הער טרעפּער, זענען נישט פון אידעאָלאָגישן אָדער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דאָס זענען מלוכהשע טעמים, צוליב וועלכע דער ה׳ לעאָפּאָלד טרעפּער קאָן נישט פאַרלאָזן

פוילן. וואָס שייך דער פרוי טרעפּער, איז איר דערלויבט ארויס צו פאָרן צו אירע קינדער...״

די פוילישע רעגירונג האָט זיך געדעקט מיט כלומרשט ״מלוכהשע טעמים״, כדי מיך צו פארהאלטן... לובא האָט אויסגענוצט די דערלויבעניש און אין אַפּריל 1972 האָט זי פארלאָזן פוילן. מיין זון מישעל האָט אָנגעהויבן א הונגער־שטרייק אין קאָפּענהאַגען, עדגאר האָט געטאָן דאָס זעלבע אין ירושלים. אין אייראָפּע, ווי אין אמעריקע, האָט די סאָלידאַריטעט־קאַמפּאַניע אָנגענומען אן אלץ גרעסערן פארנעם.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך געפונען אין פאריז א מאַן, הער ראָשע, שעף פון דער פראנצויזישער געהיים־דינסט (ד.ס.ט.), וועמען די סאָלידאַריטעט־אקציע האָט ארויס געפירט פון גלייכגעוויכט. דעם 13טן יאנואר 1972, צו מאָרגנס נאָך דער פרעסע־קאָנפערענץ פון פאריזער קאָמיטעט, האָט ער טעלעפאָנירט צום אדוואָקאט סולעז־לאַריוויער און אים געוואָרנט:

״עס זענען פאראַן אנדערע יידן צו פארטיידיקן״.

ווי צופעליק, האָט דער פראנצויזישער אינערן־מיניסטער גלייכצייטיק אָפּגעזאָגט די אריינפאר־וויזע פאר מיין פרוי. צו באַרעכטיקן די דעציזיע, האָט הער ראָשע פארעפנטלעכט אין דער צייטונג ״לע מאָנד״ א בריוו, וועלכן ער האָט באַטיטלט ״דער ענין טרעפּער״. אין דעם בריוו האָט דער שעף פון דער פראנצויזישער געהיים־דינסט ארויסגעהויבן קעגן מיר שווערע באַשולדיקונגען. ער האָט מיר נעמלעך פאָרגעוואָרפן, אז נאָך מיין ארעסט דורך דער אבווער סוף נאָוועמבער 1942, איז מיין פארהאלטן זיך מיט דער געסטאַפּאָ געווען זייער פארדעכטיקט און ער האָט מיך באַשולדיקט, אז איך האָב איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן פיל מיטגלידער פון מיין נעץ. ״קיינער קאָן נישט צווייפלען״, האָט געשריבן ה׳ ראָשע, ״אז צום ווינציקסטן האָט טרעפּער מסכים געווען אויף א באַשטימטער קאָלאַבאָראַציע מיטן שונא, כדי צו ראַטעווען זיין לעבן״...

איך האָב נישט געקאָנט אדורכלאָזן אזעלכע פארלוימדונגען און נישט רעאגירן. אויף דער עצה פון פריינד, האָב איך אים אָנגעקלאָגט אין געריכט. דעם אמט וועלכן ס׳האָט פארנומען הער ראָשע, בראש פון פראנצויזישן קאָנטר־שפּיאָנאַזש, האָבן געגעבן אן אומבאַשטרייטבארן קרעדיט זיינע באַהויפּטונגען. ס׳איז געווען געפערלעך צו לאָזן די עפנטלעכע מיינונג זי זאָל דאָס אָננעמען פאר ווירקלעכע פאקטן. באַזונדערס האָבן די פוילישע מאכט־אָרגאַנען תיכף אויסגענוצט דאָס ארטיקל פון הער ראָשע, כדי צו ברעכן די סאָלידאַריטעט־אקציע. אין דענעמארק האָט דער פרעסע־אטאשע פון דער פוילישער אמבאַסאַדע צוגעשיקט די דענישע צייטונגען דאָס באַשמוצנדיקע ארטיקל פון ״לע מאָנד״. ער האָט אָבער באַקומען איבער דער נאַז... די רעדאקציעס האָבן אים געענטפערט, אז זיי וועלן נישט אנטייל נעמען אין א נייער ׳דרייפוס־אַפערע׳. די אונטערגראָבונג־ארבעט האָט אָבער ווייטער אָנגעהאלטן...

דעם 23סטן יוני 1972, איז דער אדוואָקאט סולעז־לאַריוויער, וואָס האָט איבערגענומען מיין פארטיידיקונג, צוזאמען מיטן אדוו. מאַטאַראַסאָ, געקומען מיך

זען אין וואַרשע, כדי צוצוגרייטן דעם פּראָצעס. ס'האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד, אַז מיר זאָלן דערפון שמועסן אין מיין וווינונג. מיר האָבן געמאַכט גרויסע שפּאַצירן אין די פּאַרקן, ווייט פון אומדיסקרעטע אויערן. ווי נאָר א דורכגייער האָט זיך דערנענטערט, האָבן מיר איבערגעטראָגן אונדזער שמועס וועגן צייט און וועטער...

דעם 26סטן יוני האָב איך באַגלייט סולעזן צום עראָפּאָרט... די טאַקסי וואָס האָט זיך "ספּאָנטאַניש" צוגעשטעלט אונדז אָפּצופירן, איז געווען א טאַקסי אָן א זייגער... אין דעם שפּיגעלע פון אויטאָ האָב איך עטלעכע מאָל באַמערקט דאָס "וואַכזאַמע אויג" פון וואַרשע. ווי נאָר איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין פריינד און זיך אויסגעדרייט אוועקצוגיין, האָבן זיבן פעסט־געבויטע "צאָל־באַאַמטע" אים פאַרהאַלטן, אריינגעשלעפּט אין א צימער, אויסגעטאָן און באַזוכט פון קאָפּ ביז די פיס. זיין באַגאַזש איז געוואָרן דורכגענישטערט. די טובקעס מיט צאָן־פּאַסטע און ראַזיר־זייף זענען געוואָרן אויסגעליידיקט. די פּאַטאָ־פילמען — קאָנפיסקירט. סולעז האָט פעסט געדריקט צו זיך זיין טעקע מיט די אַקטן און מיט עקשנות זיך אָפּגעזאָגט זי צו עפענען. זיי האָבן געדראָט אָנצוווענדן "ווולגאַרע מיטלען". לסוף איז ער געווען געצוווּנגען נאָכצוגעבן. די פּוילישע פּאָליציי האָט ביי אים צוגענומען די אַקטן. נאָך עטלעכע שעה, איז מיין אַדוואָקאַט דערלויבט געוואָרן איינצושטייגן אין עראָפּלאַן.

ווי נאָר איך האָב זיך דערוווּסט פון דער געשיכטע, האָב איך פּראָטעסטירט אין צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, וועמען עס איז אגב געווען באַקאַנט דאָס קומען פון סולעזן קיין וואַרשע. פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז מען ווייסט פון גאָרנישט — און פון דעם ביוראָקראַט האָב איך באַקומען די נאַיווע תשובה:

— אָן שום ספק, אַז דאָס איז געווען א געוויינלעכע קאָנטראָל פון צאָל־אַמט...

סוף יולי 1972 איז סולעז, א פאַרעקשנטער און אומצוטרוילעכער, ווידער געקומען קיין וואַרשע. מיר האָבן גלייך באַמערקט, אַז מיר ווערן נאָך שטאַרקער נאָכשפּיאָנירט ווי דאָס פאַריקע מאָל. מיר האָבן באַשלאָסן צו קאָמוניקירן זיך דורך געשריבענע קליינע שטיקלעך פּאַפּיר און גלייך נאָך דעם זיי אריינוואַרפן אין דער קלאָזעט־שיסל.

א פאַרצווייפלטער האָט ער מיך געפרעגט:

— ווי קאָן מען אזוי לעבן?

מיין אַדוואָקאַט האָט אויף א בויגן פּאַפּיר אָנגעשריבן דאָס וווּנדערלעכע פראַנצויזישע זידל־וואָרט, וואָס באַשטייט פון פינף אותיות... און וועלכן איך האָב געשוווירן איבערצולאָזן אויף אָן אָנזעעוודיק אָרט, ווען איך וועל פאַרלאָזן פּוילן.

דאָס מאָל האָט סולעז לאַריוויער פאַרלאָזן פּוילן אָן שוועריקייטן. מיינע פריינד אין פּאַריז האָבן פאַרזיכערט זייער אַקטיווע אונטערשטיצונג: דעם 2טן אָקטאָבער 1972, ווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז געקומען מיט אָן אָפיציעלן וויזיט קיין פּאַריז, איז ער געוואָרן אויפגענומען מיט פּלאַקאַטן פון דעם אונטערשטיצונג־קאָמיטעט, וועלכע האָבן אים געשטעלט די פראַגע: "און טרעפּער, הער גיערעק?" אויך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט

פון איר זייט פאַרעפנטלעכט א קאָמוניקאַט "וועגן דעם פיינלעכן ענין טרעפּער".

דער פּראָצעס קעגן הער ראַשע איז באַשטימט געוואָרן אויף סוף חודש. מיינע אַדוואָקאַטן האָבן פאַרלאַנגט ביים פראַנצויזישן אינערן־מיניסטער א דערלויבעניש פאַר מיר צו קומען קיין פראַנקרייך. אויף אונטערצושטיצן מיין ווענדונג, האָבן זשיל פּערא און די זשורנאַליסטן פון "נוּוועל אָבסערוואַטער", בערנאַר גיעטאַ, רות וואַלענטיני און קריסטיאַן יעלען, אָנגעהויבן א הונגער־שטרייק. דער פראַנצויזישער אינערן־מיניסטער האָט מסכים געווען צו געבן אַן אריינפאָר־דערלויבעניש. אָבער די פּוילישע רעגירונג האָט אָפּגעזאָגט מיך ארויס צו לאָזן.

אין מיין אָפּוועזנהייט איז דעם 26סטן אָקטאָבער 1972, דערשינען פאַר דער זיבעצנטער געריכט־קאַמער אין פּאַריז דער שעף פון דער פראַנצויזישער געהיים־דינסט. די באַקאַנטע פריינד: העלען פּאַריאַל, סעסיל קאַץ, אַדוואָקאַט לעדערמאַן, קלאָד ספּאַאַק, זשאַק סאָקאַל און אויך אומבאַקאַנטע, זענען געקומען צום געריכט עדות זאָגן לטובת מיר. ווערקאָר (באַקאַנטער פראַנצויזישער שרייבער און ווידערשטאַנד־קעמפער) האָט געשריבן צום טריבונאַל:

"איך באַטראַכט לעאָפּאָלד טרעפּער ווי איינעם פון די גרויסע העלדן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן נאַצי־דייטשלאַנד אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווי דער שעף פון רויטן אָרקעסטער, האָט ער בייגעשטייערט צום ענדגילטיקן ניצחון אין א פיל גרעסערער מאָס, ווי דאָס האָט געטאָן, למשל, א מענטש ווי איך..."

קאָלאָנעל רעמי (באַרימטער ווידערשטאַנד־קעמפער אין דער באַפרייונג־באַוועגונג אין פראַנקרייך) האָט מיר אויך געגעבן זיין אונטערשטיצונג: "אויב איך וואָלט געדינט אין די רייען פון רויטן אָרקעסטער, האָט ער געשריבן אין א בריוו, וועלכער איז געלייענט געוואָרן פאַרן געריכט, וואָלט איך זיך געפילט שטאָלץ פון דער ווירקלעכער מיטאַרבעט פאַרן נצחון פון די אַליאירטע, און אין רעזולטאַט — פאַר דער באַפרייונג פון פראַנקרייך".

אין זיין רעדע פאַרן געריכט, האָט זשיל פּערא געשילדערט די געשיכטע פון רויטן אָרקעסטער און געענטפערט פּרעציז און קלאָר אויף אַלע פראַגן. אַדוואָקאַט מאַטאַראַסאָ האָט געהאַלטן א סאָליד־געבויטע רעדע, מיט איבערצייגנדיקע אַרגומענטן. אַדוואָקאַט סולעז האָט צום סוף פון זיין פלאַמיקער רעדע באַרירט דעם אמתן סקאַנדאַל פון דעם פּראָצעס: "איך האָב זיך געפרעגט: וואָס איז געוואָרן פון די אַלע געסטאַפּאָ־לייט? איך האָב דורכגעטראַכט און נאָכגעפאָרשט: רעדער, היטלערס יאַגדהונט, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט פּערציק ווידערשטאַנד־קעמפערס פון רויטן אָרקעסטער געשיקט אויפן עשאַפאָט, איז היינט וויצע־פאָרזיצער פון שטאָטראַט אין גלאַסהיטן, טאַנוס. ער פירט אָן מיט א פּראָספּערירנדיקע יורידישע ביוראָ. פּיפּע, וואָס האָט געפירט די אויספאָרשונג מיט דער הילף פון היינט, איז געשטאָרבן פאַר צוויי יאָר. ער איז געווען פּרעזידענט פון "ראָטאַרי קלוב" אין האַמבורג. רייזער איז היינט א פּענסיאָנער אין שטוטגאַרט. פּאַנוויץ, דער פּראַגער תלין, באַקומט א פּענסיע פון דער רעגירונג און איז פּראָקורענט אין א באַנק. פאַר די אַלע לייט, איז די מלחמה בעצם, נישט קיין

גרויסע זאַך. א ביסל אַש אין זייערע הענט, איבער וועלכן זיי בלאָזן. איך האָב געטראַכט וועגן די לייט און איך האָב געטראַכט וועגן טרעפּערן..."

דער פּראָצעס איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט, ווי הער ראַשע האָט פאַרלאָזן דעם אַמט פון שעף פון דער געהיים־דינסט און באַשטימט געוואָרן אַלס פּרעפעקט פון דעפּאַרטאַמענט מערט־ע־מאָזעל. די נאָמינאַציע פון ה׳ ראַשע, אין גאַנג פון א פּראָצעס קעגן אים, האָט געצווונגען דעם ה׳ מאַרסעלען, אינערן־מיניסטער און יענער צייט, אויפצוקלערן דעם פאַל פון א בריוו, וועלכן ער האָט געשריבן צום געריכט: "זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס׳איז נישטאָ די מינדסטע שייכות צווישן דער באַשטימונג פון ה׳ ראַשע אַלס פּרעפעקט און דעם פּראָצעס פון טרעפּערן. ס׳איז א פּשוטער צופאַל"...

זעלבסטפאַרשטענדלעך... דער פּרעפעקט ראַשע און נישט דער שעף פון דער געהיים־דינסט איז פאַרמשפּט געוואָרן דורכן טריבונאַל.[1]

א געוויסע צייט איז די סאָלידאַריטעט־קאַמפּאַניע נישט געגאַנגען פאָרויס. אין מערץ 1973, האָבן אין לאָנדאָן אָפּגעהאַלטן א באַראַטונג די טרעפּער־קאָמיטעטן פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, האָלאַנד, דענעמאַרק, שווייץ — אונטערן פאָרזיץ פון ה׳ שאַר, פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

נישט נעמענדיק קיין אַנטייל אין די דעבאַטן, ווו ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין מיין כבוד, האָב איך אין דער צייט זיך געפונען אין וואַרשע, אין אַבסאָלוטער איינזאַמקייט... פון 23סטן יאַנואַר 1973, האָט מען מיך געשטעלט אונטער אַן אויסערגעוויינלעכער פּאָליצייאישער באַוואַכונג. כ׳בין געוואָרן א פרייער אַרעסטאַנט אין מיין אייגענער וווינונג. פון אָפיציעלע קוועלן האָט מען מיר צו וויסן געטאָן, אַז איך בין נישט, חס־וחלילה, אונטער פּאָליצייאישער קאָנטראָל. די פאַרשטאַרקטע פּאָליצייאישע שמירה איז גאָר לטובת מיר, ווייל איר ציל איז: "היטן מיין זיכערקייט". ווער האָט מיך דען באַדראָט, פאַר וועמען בין איך געווען א דראָונג? וואָס ווילן זיי פון מיר? וואָס האָבן זיי מיר פאָרצוּוואַרפן? כ׳האָב זיך געשטעלט די פראַגן בייטאָג און ביינאַכט, באַטראַכט זיי פון אַלע זייטן — און קיין תשובה נישט געפונען. מיר איז געוואָרן קלאָר, אַז אויב איך וועל רעאַגירן, קאָן די דאָזיקע סיטואַציע אַזוי אָנהאַלטן ביז דעם טאָג, ווען די פּוילישע רעגירונג וועט מיר איינאָרדענען א שיינע לוויה מיט בלומען און קרענץ. אין סעפּטעמבער 1973, בין איך געוואָרן ערנסט

1) די פראַנצויזישע געזעצגעבונג פאַרלאַנגט א באַזונדערע פּראָצעדור צו משפּטן א פּרעפעקט אין א קרימינעלן פּראָצעס. היות הער ראַשע איז נאָמינירט געוואָרן אַלס פּרעפעקט בעת די געריכט־פאַרהאַנדלונגען, האָט דאָס העכסטע געריכט עטלעכע חדשים שפּעטער אַנולירט דעם אורטייל, מאָטיווירנדיק דערמיט, אַז דער פּראָקוראָר פון דער רעפּובליק איז געווען פאַרפליכטעט אַריינטראָגן די נאָמינאַציע פון ה׳ ראַשע אין דער קרימינאַל־קאַמער פון קאַסאַציע־געריכט, כדי זיך דערוויסן די קאָמפּעטענטע יוריסדיקציע. דאָס קאַסאַציע־געריכט האָט באַדאַרפט באַשטעטיקן די דעציזיע אין יאַנואַר 1975 און איבערגעגעבן דעם טריבונאַל אין... ווערסיי צו באַשטימען די יוריסדיקציע אין דעם ענין. מיינע באַציונגען מיט די פראַנצויזישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך דורך דער צייט נאָרמאַליזירט. מיר האָט אויסגעזען אומנוצלעך אויפצוהייבן אויפסניי א פּראָצעס, וואָס האָט שוין, אייגנטלעך, אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל.

קראנק. נאָך א טעלעפאָנישן געשפּרעך מיט זשיל פּערא, וואָס האָט מיר געגעבן אָנצוהערן, אז מיר מוזן אָננעמען שאַרפערע מיטלען, האָב איך אנגעשריבן א בריוו צום צענטראַל־קאָמיטעט, און זיין אינהאַלט אויך איבערגעגעבן די פּרעסע־אַגענטורן:

"ווייסנדיק אויסגעצייכנט, אז אַלץ וואָס איך רעד אין טעלעפאָן, ווערט רעגיסטרירט דורך דער פּוילישער פּאָליציי, האָב איך באַשלאָסן, צום ערשטן מאָל, אויפדעקן דעם גאַנצן אמת, וואָס פאר א לעבן מען לאָזט מיך פירן אין ווארשע.

איך בין אונטער א שמירה בייטאָג און ביינאַכט. זיי זענען אומעטום: איבער מיין וווינונג, אונטער מיין וווינונג, אין גאַס. איך בין ארויס פון שפּיטאָל, ווו זיי האָבן מיך אַוועקגעפירט, גלויבנדיק, אז מיין לעצטע שעה איז שוין געקומען. זיי זענען אויך געווען אין שפּיטאָל, ווו זיי האָבן מיך איזאָלירט און באַוואַכט. קיינער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, ווי גרויס איז מיין איינזאַמקייט. דאָס איז נישט קיין לעבן. דאָס איז וועגעטאַציע... די נערוון־שפּאַנונג איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, מיין געדולד קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן. זיי האָבן מיך צוגעדריקט צו דער וואַנט. איך ווייס וואָס מיר בלייבט צו טאָן: שטאַרבן! אָבער איך וועל שטאַרבן שטייענדיק, ווי עס דאַרף טאָן דער וואָס איז געווען דער שעף פון רויטן אָרקעסטער.

אויב אין משך פון פופצן טעג וועט נישט פּאַרקומען קיין ענדערונג, וועל איך אָנהייבן א הונגער־שטרייק, וועלכער וועט זיך נישט ענדיקן פריער, ווי נאָר מיט מיין פאַרלאָזן פוילן, אָדער מיט מיין טויט.

אומברענגענדיק זיך, וועל איך אויספירן אן אקט פון מענטשלעכקייט לגבי מיין משפּחה, וועלכע איז אומגליקלעך פון מיין איצטיקער לאַגע. מיין פרוי און קינדער האָבן רעכט אויף א נאָרמאַל לעבן — און נישט אויף דעם גיהנום. מיין לעבן איז ווי פון א געפאַנגענעם. איך וועל אויף אַזא אָדער אנדערן אופן פאַרלאָזן די תּפיסה".

עטלעכע טעג שפּעטער איז א באַאַמטער פון אינערן־מיניסטעריום און א פאַראַנטוואָרטלעכער פון געזונטהייט־מיניסטער געקומען אָנזאָגן, אז די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען דערלויבן מיר צו פאָרן קיין לאָנדאָן זיך היילן.

די טיר פון פרייהייט האָט זיך געעפנט... דעם 2טן נאָוועמבער 1973, בין איך אָנגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט פון ענגלאַנד. א שטאַרק געריטער, פול מיט עמאָציעס, האָב איך אָפּגעפּונען מיין משפּחה. איך בין אויך געוואָרן האַרציק אויפגענומען פון דער פּרעזידענטין פון ענגלישן טרעפער־קאָמיטעט, די פרוי מאַגטלעווענדי. א דאַנק זיי און א דאַנק דער וווּנדערלעכער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט־באַוועגונג, האָב איך געזיגט אין לעצטן פייגלעכן געראַנגל קעגן די, וואָס זענען אַמאָל, אין דער פאַרגאַנגענהייט, געווען פון די "מייניקע".

נאָך איין וואָרט: איך געהער צו א דור, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר דער געשיכטע. די מענער און פרויען, וואָס זענען געקומען צום קאָמוניזם ביים שפּראָץ פון אָקטאָבער, געטראָגן פון דעם שטאַרקן אָטעם פון דער אויפגייענדיקער רעוואָלוציע, האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אז פופציק יאָר שפּעטער, וועט פון

לעגינען נישט בלייבן מער ווי זיין אייבבאלזאמירטער קערפער אויפן רויטן פּלאַץ. די רעוואָלוציע האָט דעגענערירט — און מיר האָבן זי באַגלייט אין איר ירידה.

א האלבער יאָרהונדערט נאָכן איינגעמען דעם ווינטער־פּאַלאַץ, נאָך די "אַפּנויגן", וועלכע מ'האָט געהיילט מיט עלעקטרישע שאָקן, נאָך די יידן־פאַרפאָלגונגען, נאָך דער צוואַנג־נאָרמאַליזאַציע פון מזרח־אייראָפּע — וואָגן נאָך אייניקע צו ריידן פון סאָציאַליזם!

איז עס דאָס וואָס מיר האָבן געוואָלט? צי פאַר דער פאַרדאָרבנקייט האָבן מיר געקעמפט? איז דאָס די נייע וועלט, פאַר וועלכע מיר האָבן מקריב געווען אונדזערע לעבנס? מיר האָבן געלעבט מיט דער צוקונפט — און די צוקונפט, ווי דער גן־עדן פאַר גלוביקע, האָט באַרעכטיקט אונדזער אומזיכערן היינט...

מיר האָבן געוואָלט ענדערן דעם מענטש און זענען דורכגעפאַלן. דער יאָרהונדערט האָט געבוירן צוויי מאָנסטערס — דעם פאַשיזם און דעם סטאַליניזם. אונדזער אידעאַל איז געזונקען אין דעם תהום. די אבסאָלוטע אידעע, וואָס האָט געגעבן א זין אונדזער לעבן, האָט אנגענומען א פּרצוף, וועמענס שטריכן מיר האָבן מער נישט דערקענט. אונדזער דורכפאַל פאַרווערט אונדז צו געבן לעקציעס אנדערע. היות די געשיכטע איז רייך אין אנדערע מעגלעכקייטן — איז אונדז דערלויבט צו האָפן, אז דאָס וועט זיך מער נישט איבערחזרן.

איך באַדויער נישט די אידעישע פאַרפליכטונגען, וועלכע איך האָב אויף זיך גענומען ביי מיינע צוואַנציק יאָר. איך באַדויער נישט דעם וועג, וועלכן איך האָב אויסגעקליבן.

אין הארבסט 1973 האָט מיך געפרעגט א יונגער מענטש אין דענעמאַרק, אויף אן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג:

— צי האָט איר נישט מקריב געווען אייער לעבן בחינם?

איך האָב אים געענטפערט: — ניין. ניין, אָבער מיט איין באַדינג: אז די מענטשן זאָלן לערנען פון מיין לעבן ווי פון אַ קאָמוניסט און רעוואָלוציאָנער. נישט פאַרקויפן זייער נשמה אַ פּאַרטיי, וואָס ווערט פאַרגעטערט. איך ווייס, אז דער יוגנט וועט געלונגען צו דערגרייכן, דאָרט וווּ מיר זענען דורכגעפאַלן; אז דער סאָציאַליזם וועט זיגן און וועט נישט האָבן די פאַרב פון די רוסישע טאַנקן, וואָס האָבן דערשטיקט פּראָג.

1972 — 1974

איייניקע פאקטן און ציפערן

I

לויט די געסטאַפּאָ־קוועלן וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צום רויטן אָרקעסטער, זענען 76 פּערזאָן פאַרמשפּט געוואָרן אין דייטשלאַנד צו טויט־שטראָף, תּפיסה, דעפּאָרטאַציע און שטראָף־באַטאַליאָנען.

פון די זעלבע קוועלן ווערט אָנגעגעבן, אַז 28 פּערזאָן וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן אין פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד, איז נאָר אַ דריטל פון זיי געוואָרן פאַראורטיילט צום טויט (לויט דער דעקלאַראַציע פון הויפּט־פּראָקוראָר, ד״ר מאַנפרעד רעדער).

בסך־הכל זענען געוואָרן פאַרמשפּט 104 פּערזאָן.

נאָך אַן אויספירלעכער פאָרשונג וועלכער מיר האָבן אַדורכגעפירט, און וועלכע איז, אגב, נאָך נישט פאַרענדיקט, זענען אַרום דעם ענין פון רויטן אָרקעסטער אַרעסטירט געוואָרן 217 פּערזאָן, פון וועלכע 143 זענען אומגעקומען. אַ טייל פון זיי איז געוואָרן דערמאָרדעט בעת די אויספאָרשונגען, און אַ טייל איז געשטאָרבן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָדער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ביים סוף פון דער מלחמה, זענען 74 פון די אַרעסטירטע געבליבן לעבן.

65 קעמפּערס פון רויטן אָרקעסטער האָבן אויסגעמיטן דעם אַרעסט (20 אין דייטשלאַנד, 31 אין פראַנקרייך, 9 אין האָלאַנד, 5 אין בעלגיע). פון 290 קעמפּערס, באַטייליקטע אין רויטן אָרקעסטער, זענען 139 געבליבן לעבן ביים סוף פון דער מלחמה.

II

די שענדלעכע פאַרברעכנס, וועלכע די אָנפירונג פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ איז באַגאַנגען לגבי אַ ריי מיליטאַנטן פון רויטן אָרקעסטער אין פראַנקרייך און אין בעלגיע — און זיי געהאַלטן בסוד:

1) ספּאַאַק סוזאַן; 2) פּאָריאַל פּערנאַן; 3) פּעזאַן יאַאַננאַ (פרוי פון גראַספּאָגעל); 4) דריילי זשערמען; 5) דריילי נאַזאַרען; 6) הילבאָלינג יאַקאָב; 7) וועלאַערטץ פלאָר (פרוי פון איזידאָר שפּרינגער); 8) קלעי זשעאָזעפין (שוועסטער פון זשערמען שנײַדער); 9) קלעי רענע (שוועסטער פון זשערמען שנײַדער); 10) גאָלדענבערג יוסף; 11) זשעיסער זשאַן; 12) ווינטערינק אַנטאָן; 13 שנײַדער פראַנץ; 14) שנײַדער זשערמען; 15) זשיראָ פּיער; 16) כּץ הלל; 17) קאַרבען אַלפרעד; 18) זשאַספּאַר קלער.

אין פאַרשידענע קאַפּיטלען פון דעם בוך, גיב איך אָן די אופנים פון די שוידערלעכע פּייניקונגען, וועלכע די געסטאַפּאָ האָט אָנגעוואַנדן לגבי יעדן איינעם פון די 18 קרבנות.

III א

„טעלעגראַפן־שפּיל״ פון אָרקעסטער

אויפן סמך פון ידיעות פון געסטאַפּאָ־קוועלן, האָבן פאָלגנדע ראַדיאָ־זענדערס אָנטייל גענומען אין דעם „טעלעגראַפן־שפּיל״:

1) ראַדיאָ־זענדער „ביש פּאַסקאַל״, אָנגעפירט פון יעפרעמאָוו און באָב.
2) ראַדיאָ־זענדער „אײַכע״, אָנגעפירט פון סעזע.
3) ראַדיאָ־זענדער „טאַנע״, אָנגעפירט פון ווינטערינק (אַמסטערדאַם).
4) ראַדיאָ־זענדער „וויידע״, אָנגעפירט פון ווענצעל.

5) ראַדיאָ־זענדער "אײַפעל 1", אָנגעפירט פון קענט ("פּיאַניסט" פון ניס).
6) ראַדיאָ־זענדער "אײַפעל 2", אָנגעפירט פון רײַכמאַן און קענט (פון סוף יאַנואַר 1943 ביז סעפּטעמבער 1943, איז דער ראַדיאָ־זענדער "אײַפעל 2" געוואָרן אָנגעפירט פון "אָטאָן").

אין דערווירקלעכקייט, האָבן נאָר יעפּרעמאָוו און קענט אויסגעגעבן דער זאָנדערקאָמאַנדאָ זייער באַזונדערן קאָד, און דער וועלכער איז זיי געווען באַקאַנט. ווינטערינק, איזבוצקי (באָב) און סעזעע, האָבן קיינמאָל נישט אָנטייל גענומען אין דעם "טעלעגראַפן־שפּיל" פון דער געסטאַפּאָ. ביז זייער אומקום, האָבן זיי נישט פאַרלאָזן די געסטאַפּאָ־תפיסה פון ברענדאָנק, אין וועלכער מ'האָט זיי געהאַלטן בסוד־סודות, באַקאַנט נאָר מיט זייערע אַרעסט־נומערן. ווענצעל פון זײַן זײַט, האָט פון נאָוועמבער 1942 ביז יאַנואַר 1943 סימולירט, אַז ער נעמט כלומרשט אָנטייל אין דעם "שפּיל" כדי צו קענען אינפאָרמירן די צענטראַלע אין מאָסקווע וועגן דער טעטיקייט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ. יאַנואַר 1943, איז אים געלונגען צו אַנטלויפן.

III ב

פאָלגנדע ראַדיסטן און שיפרירערס, האָבן נאָך זייער אַרעסט, מקריב געווען זייערע לעבנס און נישט אויסגעגעבן דעם קאָד:

1) מאַקאַראָוו מיכאיל; 2) קאַמי דוד; 3) פּאָזנאַנסקאַ סאָפיע; 4) סאָקאָל הערש; 5) סאָקאָל מירא; 6) איזבוצקי הערמאַן; 7) סעזעע אויגוסט; 8) פּאָריאָל פערנאַן; 9) זשיראָ פּיער; 10) ראַדיסט אין ניס — דערמאָרדעט געוואָרן דעם 12טן נאָוועמבער 1942.

III ג

די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט זיך קיינמאָל נישט דערוווּסט די פאָלגנדע קאָדן, וועלכן נאָר געאָ גראָספאָגעל און איך האָבן פון זיי געוווּסט.

1) געווען אַ קאָד, מיט וועלכן מיר האָבן זיך געקאָנט באַנוצן נאָר אין דרינגענדע פאַלן, דורך דער פאַרמיטלונג פון דער אומלעגאַלער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און אויך נאָר אין פאַלן, ווען ס'איז געווען נייטיק צו קאָמוניקירן מאָסקווע.

2) זיי האָבן זיך אויך נישט דערוווּסט מײַן פּערזענלעכן קאָד, מיט וועלכן איך האָב זיך באַנוצט פון יאַנואַר 1942, פון וועלכן, ס'האָט אויך געוווּסט נאָר גראָספאָגעל.

3) זיי האָבן אויך נישט אַנטדעקט דעם קאָד מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט הערש און מירא סאָקאָל.

III ד

די געסטאַפּאָ האָט קיינמאָל נישט אַנטדעקט פאָלגנדע ראַדיסטן און שיפרירערס:

1) אַקערמאַן ווערא (זי האָט שיפרירט פאַר דעם ראַדיאָ־זענדער פון הערש און מירא סאָקאָל); 2) זשיראָ לוסיען (אויך זי איז געווען ספּעציאַליזירט אין שיפרירן); 3) פּינף פּערזאָן פון דער שפּאַנישער גרופּע (צוויי ראַדיאָ־זענדערס); 4) דער רעזערוו־ראַדיאָ פון ווילהעלם וועגעלער (אַמסטערדאַם); 5) צוויי אַנדערע אויפנעם־זענדערס זענען נישט אַנטדעקט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ אין האָלאַנד (פון די 12 מיטגלידער פון דער האָלענדישער גרופּע פון רויטן אָרקעסטער, האָט מען נאָר דריי אַרעסטירט).

IV

דער גרויסער פּאַראַט

נאָך דער מלחמה, האָבן די לײַט פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ באַשולדיקט די אָנפירערס און אַקטיווע אַנטיילנעמערס פון רויטן אָרקעסטער, זיי זאָלן האָבן אויסגעגעבן דער געסטאַפּאָ די פאָלגנדע חברים זייערע: 1) שולצע־בויזען האַראָ; 2) קוטשקאָף אַדאַם;

3) האַרנאַק אַרוויד ; 4) טרעפּער לעאָפּאָלד ; 5) ווינטערינק אַנטאָן ; 6) ווענצעל יאָהאַן ; 7) כּץ הלל ; 8) שניידער זשערמען און אַנדערע.

די פאַלשקייטן און רכילות מצד דער זאָנדערקאָמאַנדאָ, האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו פאַרדעקן די פאַרברעכנס, וועלכע זיי זענען באַגאַנגען לגבי די קעמפערס פון רויטן אָרקעסטער, וואָס זענען אריינגעפאַלן אין זייערע הענט. זיי האָבן אַנגעוואַנדן קעגן זיי די פאַרברעכערישע מיטלען פון שאַנטאַזש, פייניקונגען, מאָרדן בעת די אויספאָרשונגען ; פון אומברענגען די ארעסטירטע קעמפערס אָן אַ משפט, ארעסטירן און באַשולדיקן אומשולדיקע מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צום רויטן אָרקעסטער.

דער פאַקט, וואָס אויפן באַפעל פון הימלערן, זענען פאַרברענט געוואָרן די ארכיוון פון רויטן אָרקעסטער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין פּאַלאַץ פון גאַמבורג אין טאָובערטאַל — האָט פאַרלייכטערט דער געסטאַפּאָ צו פאַרשפּרייטן די לעגענדע פון פאַרראַט.

די שפּעטערדיקע פאָרשונגען וועלכע מיר האָבן אדורכגעפירט האָבן באַוויזן, אַז צווישן די 130 ארעסטירטע אין דייטשלאַנד, זענען געווען בלויז עטלעכע פאַלן, ווען אַ קלייגער טייל האָט זיך מאָראַליש איינגעבראָכן, אין רעזולטאַט פון די שווערע פייניקונגען. נאָר איינער האָט מסכּים געווען אַנטייל צו נעמען אין דעם "טעלעגראַפן־שפּיל" אויף דער זייט פון דער געסטאַפּאָ.

אין פראַנקרייך, האָלאַנד און אין בעלגיע, האָט דער פאַרראַט פון קאַפּיטאַן קאָנסטאַנטין יעפּרעמאָוו, וואָס איז פאַרהאַלטן געוואָרן זומער 1942, גורם געווען צו די ארעסטן פון דער גאַנצער בעלגישער גרופּע פון רויטן אָרקעסטער און פון דריי מיטגלידער פון דער האָלענדישער גרופּע. דער פאַרראַט פון יעפּרעמאָוון האָט אויך דערמעגלעכט דער געסטאַפּאָ צו אַנטדעקן געוויסע פאַרבינדונגען פון סאָוועטישן געהיים־דינסט אין דער שווייץ, און פון האַרי ראָבינזאָן אין פּאַריז. ער האָט אויך אויסגעגעבן דער געסטאַפּאָ דעם קאָד, מיט וועלכן עס האָט זיך באַנוצט די בעלגישע גרופּע פון רויטן אָרקעסטער. די זאָנדערקאָמאַנדאָ האָט דאָס שפּעטער אויסגענוצט אין איר "טעלעגראַפן־שפּיל" מיט מאָסקווע.

דער ארעסט פון וויקטאָר סאָקאָלאָוו (קענט) אין מאַרסיי, דעם 12טן נאָוועמבער 1942, האָט דערמעגלעכט דער זאָנדערקאָמאַנדאָ אריינצודרינגען אין דער אַלגעמיינער אַקטיוויטעט פון רויטן אָרקעסטער אין פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, ווי אויך אין דער גרופּע פון סאָוועטישן מיליטערישן געהיים־דינסט, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט ראָדאָ אין דער שווייץ. ער האָט אויסגעגעבן דער זאָנדערקאָמאַנדאָ אַ ריי קאָדן : זיין אייגענעם קאָד ; דעם קאָד וועלכן איך האָב באַניצט ביז סוף 1941 ; דעם קאָד וועלכן ער האָט באַקומען פון דער צענטראַלע אין מאָסקווע פאַר ראָדאָן און ער גופא האָט אין 1940 געבּרענגט דעם קאָד קיין שווייץ און אים דאָס איבערגעגעבן.

ער האָט אויסגעגעבן דער זאָנדערקאָמאַנדאָ מיין פאַרבינדונג־ליניע מיט מאָסקווע, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן דורך דעם צענטראַלן ראַדיאָ־זענדער פון דער אונטערערדישער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט אויך אינפאָרמירט די זאָנדערקאָמאַנדאָ וועגן דער טעטיקייט פון הלל כּץ, אַלפרעד קאָרבען, נאָזאַרען דריילי, האַרי ראָבינזאָן און לעאָ גראָספאָגעל. אין משך פון דעם "טעלעגראַפן־שפּיל" וועלכן עס האָט געפירט די געסטאַפּאָ קעגן צענטער אין מאָסקווע, האָט ער אונטער דער אויפזיכט פון דער געסטאַפּאָ שיפרירט די דעפּעשן וואָס זענען אהין געשיקט געוואָרן.

אַברהם רייכמאַן, ארעסטירט אין סעפּטעמבער 1942, האָט אויסגעגעבן דער געסטאַפּאָ, נאָכן דורכמאַכן די פייניקונגען אין ברענדאָנק, געוויסע אַנווייזונגען, נעמען, אַדרעסן און די פאַרבינדונגען פון די מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער אין פראַנקרייך. זיין פריינדין מאַלווינאַ גרובער, וואָס האָט נישט אָנגעהערט און זיך נישט באַטייליקט אין דער טעטיקייט פון רויטן אָרקעסטער, האָט אים צוגעהאָלפן אין זיינע פאַררעטערישע מעשים.

אַרנאָלד ריטאָ, ארעסטירט געוואָרן דעם 13טן דעצעמבער 1941, אין הויז אויף דער אַטרעבאַט־גאַס אין בריסל, האָט נאָכן אדורכמאַכן דעם שאַנטאַזש פון קאַפּיטאַן פּיפּע,

דערציילט דער געסטאַפּאָ, אַז דאָס הויז אויף דער אַטרעבאַט־גאַס איז געווען אַ צענטער פון ראַדיאָ־זענדער און איבערגעגעבן די נעמען פון די פיר מיטגלידער, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די זענדערס. אַ דאַנק די באַלדיקע קעגנמיטלען וועלכע מיר האָבן אָנגענומען, זענען זייערע מסירות געבליבן אָן רעזולטאַטן. טראָץ איר פאַרראַט, איז ריטאַ אַרנאָלד געקעפּט געוואָרן אין 1943 אין פּלעצנזעע.

דער געסטאַפּאָ איז געלונגען אַריינצופירן צוויי שפּיאָנען אין דער בעלגישער גרופּע פון רויטן אָרקעסטער: אַטאָ שומאַכער, אַ געוועזענער מיטגליד פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט געאַרבעט ביי ווענצעלס ראַדיאָ־זענדער. ער האָט אַ חלק אין דעם אַרעסט פון ווענצעלן און אַרלעט הומבער־לאַראַש; בנוגע דעם צווייטן שפּיאָן פון דער געסטאַפּאָ, מאַטיע, דעם געוועזענעם הויפּט־אינספּעקטאָר פון דער בעלגישער פּאָליציי, וואָס האָט געפירט די געסטאַפּאָ צו יעפּרעמאָוון — האָבן מיר אים דעמאַסקירט נאָך אין זומער 1942.

V

באַמערקונגען צו אַן ענדגילטיקן סך־הכּל

לויט דער געסטאַפּאָ, איז זייער נצחון איבערן רויטן אָרקעסטער, געווען אַ פולשטענדיקער. לאָמיר דעריבער פעסטשטעלן, וועלכע זענען דיווירקלעכע פאַקטן:

1) פון חודש מאַי 1940 ביז נאָוועמבער 1942, זענען העכער 1500 ראַדיאָ־דעפּעשן געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע פון די לאַנד־סעקציעס פון רויטן אָרקעסטער. די געסטאַפּאָ־גרופּע פון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ אויפצוכאַפּן די דעפּעשן (אָנגעפירט פון ד״ר ווילהעלם וואָק אין בערלין), האָט דעשיפרירט בלויז פון 200 ביז 250 דעפּעשן. פון מאַי 1940 ביז יוני 1941, איז קיין איין ראַדיאָ־דעפּעשע נישט געוואָרן דעשיפרירט. דאָס זעלבע איז געשען מיט די הונדערטער ראַדיאָ־דעפּעשן וועלכע זענען געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע פון ראַדיאָ־זענדער "לאַפּיט" אין פּאַריז, אָנגעפירט פון הערש און מיראַ סאָקאָל.

2) די פּילצאָליקע דעפּעשן וועלכע מיר האָבן געשיקט צום צענטער אין מאָסקווע, מיט דער הילף פון דער אונטערערדישער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — זענען אויך נישט געוואָרן דעשיפרירט.

3 דער גרעסטער טייל פון די מיליטערישע ידיעות פון דער בערלינער גרופּע פון רויטן אָרקעסטער, האָט אויסגעמיטן די געסטאַפּאָ, און גאָר באַזונדערס די דעפּעשן, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע דורך שוועדן, האָלאַנד, שווייץ און פראַנקרייך.

4) אין דעם "טעלעגראַפן־שפּיל" צווישן בערלין און מאָסקווע, האָט די געסטאַפּאָ באַהערשט דעם שפּיל נאָר אין דער קורצער צייט צווישן אויגוסט 1942 און יאַנואַר 1943. פון פעברואַר 1943 ביזן סוף פון דער מלחמה, האָט דער צענטער פון סאָוועטישן מיליטערישן געהיים־דינסט אין מאָסקווע איבערגענומען די שליטה, אַ דאַנק דעם דערפאָלג פון דער "זשיליעט־אונטערנעמונג", וועלכע איך האָב אַדורכגעפירט.

5) הגם די געסטאַפּאָ האָט אָנגעוואָנדן אַלע מיטלען וועלכע זענען געווען אין איר רשות, איז איר נישט געלונגען צו אַרעסטירן 65 מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער. אַלע אירע באַמיונגען אַריינצודרינגען, מיט דער הילף פון די אַרעסטירטע מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער, אין די גרופּן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און אין דער אָנפירונג פון דער אונטערערדישער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — זענען דורכגעפאַלן.

ירושלים, יאַנואַר 1978.

ל. טרעפּער

בילדער

די בילדער זענען פון די יאָרן 1920 ביז 1925, ווען לייב טרעפּער איז געווען טעטיק אין דער לינק־ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג השומר הצעיר אין פּוילן, אין זיין געבוירן־שטעטל נאָווי־טאַרג און שפּעטער אין דאָמבּראָווע זאַגלעמבּיע.

לינקס: לובא ברוידע אין 1925, דאָס יאָר פון זייער באַקענען זיך.









„Перед вами задача строительства, и вы ее можете решить, только овладев всем современным знанием".

(Ленин).

Мосгублит М.—875—14. Типография

№ 57

УДОСТОВЕРЕНИЕ

Тов. Трепер Л. З.

окончил полный курс

...ктора Коммунистического

Университета Национальных Меньшинств Запада им.

Ю. Ю. Мархлевского, с общей оценкой „отлично".

...ниверситета

Проректор по учебной Части

Секретарь Ун-та

בילד אויבן: 1925, די גרופּירונג ״איחוד״ אין תּל־אביב.
עם שטייען: דער צווייטער לינקס — טרעפּער, דער ערשטער רעכטס — לעאָ גראָספּאַגעל.
עם זיצן: דער דריטער פֿון דער רעכטער זייט — הלל כּץ, דער פֿערטער — יחזקאל שרײַבער.
בילד אין צענטער: 1938 אין בריסל, ווען לייב און לובאַ טרעפּער רופֿן זיך אַדאַם און אַננאַ מיקלער.
אונטן לינקס: זייער זון עדי פֿאָטאָגראַפֿירט פֿאַרן הויז אויף רישאַר־נויבערג גאַס וווּ זיי האָבן געוווינט.
רעכטס: טרעפּערס סטודענטן־ביכל פֿון מאַרכלעווסקי־אוניווערסיטעט אין מאָסקווע, פֿון 1932 ביז 1935.

פּאַטאַקאַפּיע אויבן: די באַקאַנטמאַכונג וואָס טרעפּערס פרוי, לובא, האָט באַקומען אָקטאָבער 1945, ביים סוף פון דער מלחמה, וועגן טרעפּערן, צוגעשיקט פון סאָוועטישן צענטראַלן פאַרטיידיקונג־קאָמיסאַריאַט, אַז לעאָפּאָלד טרעפּער איז "שפּורלאָז פאַרשוווּנדן", בעת פון יאַנואַר 1945 האָט ער זיך געפונען אין דער לוביאַנקע.

דאָס בילד אונטן: דאָס באַרימטע לוביאַנקע־הויז אין מאָסקווע, אין וועלכן טרעפּער איז געווען פאַרשפּאַרט צען יאָר.

אין מעדאַליאָן: טרעפּער, ווען ער איז ארויס פון דער לוביאַנקע.

אויבן: 1960, די משפחה טרעפער אין וואַרשע.
אין צענטער: טרעפער ווי דער לייטער פון פארלאג ״יידיש־בוך״ און פאַרזיצער פון דעם קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד פון ידן אין פוילן, האַלט אַ רעדע אויפן לעצטן קאָנגרעס (1966) פון דעם פארבאנד.
אונטן: 1974, לייב און לובא טרעפער אין קאָפּענהאַגן (דענעמאַרק).

Копия.

ТРУДОВАЯ КНИЖКА

ТРЕППЕР Леопольда Захаровича, 1904 года рождения, образование - высшее, профессия - журналист.

Дата заполнения трудовой книжки " 21 " марта 1955 г.

Общий стаж работы до поступления в Министерство Обороны СССР составляет 13 лет /тринадцать лет/.

Министерство Обороны СССР - в/часть 38729

1. 1936 XII.	-	Принят в войсковую часть на должность сотрудника части.	Распоряжение командира част от 1936 года
2. 1954 VI.	-	Уволен из части по ст.47 п."а" КЗОТа РСФСР.	Распоряжение командира част

п.п. НАЧАЛЬНИК ОТДЕЛА В/ЧАСТИ 38729
ПОЛКОВНИК - ГОРБАЩЕНКО.

Верно: ПОЛКОВНИК А/С /И.ШУСТОВ/

"12" марта 1955 года.

רעכטס: גענעראל יאַן פּאַוולאָ־וויטש בערזין, לעגענדאַרער שעף פון דער מיליטערישער געהיים־דינסט פון דער רויטער אַרמיי. סוף 1938 געוואָרן דער־שאָסן, ווי אַ קרבן פון די סטאַלינישע ״רייניקונגען״.

דער דאָקומענט איז פון יאָר 1955, ארויסגעגעבן פון דער סאָוועטישער מיליטערישער גע־היים־דינסט. דער דאָקומענט באַווייזט, אַז פון 1936 ביז 1954 איז טרעפּער געווען טעטיק אין דער געהיים־דינסט פון דער רויטער אַרמיי. די צייט פון די תּפיסה־יאָרן זענען אים געוואָרן פאַררעכנט פאַר דינסט־יאָרן.

דאָקומענט אין מיטן, איז דער רעהאַביליטאַציע־אַקט, אַז די באַשולדיקונג קעגן טרעפּערן ווערט פולשטענדיק אַנולירט. דער דאָקומענט איז ארויסגעגעבן פון א מיליטערישע קאָמיסיע פון העכסטן סאָוועטישן געריכט.

(די פולע איבערזעצונג פון טעקסט געפינט זיך אויף זייט 440.

Форма № 30

Военная Коллегия
Верховного Суда
Союза ССР

8 июня 1955
№ 4н-04094/54
Москва

СПРАВКА

Дело по обвинению ТРЕППЕРА Леопольда Захаровича пересмотрено Военной Коллегией Верховного Суда СССР 26 мая 1954 года.

Постановления Особого Совещания от 18 января 1947 года и 9 января 1952 года в отношении ТРЕППЕРА Л.З. отменены и дело за отсутствием состава преступления прекращено.

ВРИО ПРЕДСЕДАТЕЛЯ ВОЕННОЙ КОЛЛЕГИИ
ВЕРХОВНОГО СУДА СОЮЗА ССР
ПОЛКОВНИК ЮСТИЦИИ
/БОРИСОГЛЕБСКИЙ/





לינקס: קאָפּענהאַגן, 1972. מי־שעל טרעפּער פירט א הונגער־שטרייק, אז עס זאָל דערלויבט ווערן זיין פאָטער לעאָפּאָלד טרעפּער צו פאַרלאָזן פוילן. אויף דעם בילד זעען מיר דעם הויפּט־ראַבינער פון קאָפּענהאַגן בענט מעלכיאָר, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דעם פּראָטעסט.

רעכטס: ירושלים 1973, ד״ר עדוואַרד טרעפּער אפעלירט צו דער עפנטלעכקייט, דורך א פּלאַקאַט, צו דערמעגלעכן זיין פאָטער צו פאַרלאָזן פוילן.

לובא און לייב טרעפער אויף אן אויפנאמע ביים נשיא המ־דינה (פרעזידענט פון מדינת ישראל) אפרים קציר, אין ירו־שלים.

נשיא מדינת ישראל

MAR 24 1976

ירושלים, כ׳ באדר ב׳ תשל״ו
22 במרס 1976.

נכבדי,

רוב תודות על ספרו של לאופולד טרפר ״התזמורת האדומה שלי״, שהואלתם לשלוח לי. קראתיו בעניין רב, תוך שאני לומד ממנו פרטים רבים ומאלפים על המלחמה באויב הנאצי, מלחמה בה חלק נכבד למחבר הספר ולתזמורתו. אכן, זו עדות אמיתית ומדהימה למאבקו של אדם אמיץ ולגלגוליו של יהודי יליד גליציה, שהלך - כרבים וטובים - לרעות בשדות זרים ושב בסופו של דבר למדינת ישראל, כי רק בה יכולים חייו של היהודי להיות שלמים.

ב ב ר כ ה,

אפרים קציר

א בריוו פון פרעזידענט אפרים קציר, צום פארלאג אין ירוש־לים וואָס האָט אַרויסגעגעבן טרעפערס בוך אין העברעיש ״התזמורת האדומה שלי״, ״מיין רויטער אָרקעסטער״. ער שריי־בט אין דעם בריוו צווישן אַנ־דערן, אַז ער האָט דאָס בוך געלייענט מיט גרויס אינטערעס און דערפון פיל געלערנט, באַ־קענענדיק זיך מיט זייער פיל פּרטים פון דעם קאמף קעגן נאַצישן שונא אין וועלכן טרע־פּער און זיינע חברים פון ״רויטן אָרקעסטער״ האָבן אַ גרויסן חלק, און צום סוף פון אַקערן אַ גאַנץ לעבן אויף פרעמדע פעלדער, זיך אומגעצ־קערט אין מדינת ישראל, ווו אַ ייד קאָן לעבן א פולבלוטיק ידיש לעבן.



COLONEL REMY.
le 18 mai 1975

Cher Monsieur Trepper,

J'ai été heureux de pouvoir exprimer publiquement hier, à la radio, la grande estime que je vous porte ainsi qu'à tous vos amis de l'"Orchestre rouge", qui ont su vous rendre hommage, le témoignage de mon admiration pour leur constant courage, et croyez moi votre amicalement dévoué

"Rémy"

אַ בריוו פון קאָלאָנעל רעמי צו טרעפּערן. קאָלאָנעל רעמי איז געווען בעת דער אָקופּאַציע פון פראַנקרייך, דער שליח פון גע־נעראַל דע גאָל אָנצופירן מיט דער געהיים־דינסט און העלפן די פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער אין זייער קאַמף קעגן נאַצישן אָקופּאַנט.
פולע איבערזעצונג פון טעקסט 444.

די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ פון יידישע פראָנט־קעמפערס, ווידערשטענדלערס און דעפּאָר־טירטע, פאָרגעקומען אין תל־אביב, יאַנואַר 1977.
אויפן בילד: טרעפּער ביים מיקראָפאָן, בעת זיין רעפעראַט.





די געשעפט־פירער פון "סי־מעקסקאַ" אין בעלגיע דעם 13טן יאַנואַר 1941, ווען די געזעל־שאפט האָט זיך געגרינדעט. דער צווייטער פון פראַנט, לינקס איז קענט (דער סאָוועטישער אָפיציר וויקטאָר סאָקאָלאָוו). געקומען קיין בעלגיע זומער 1939. דעמאָלט זיך גערופן ווענסען סיעררא פון אורוגוואי. ער איז געוואָרן דירעקטאָר פון "סימעקסקאָ".

דאָס זיץ־אָרט פון די געשעפט־אָפטיילונגען פון "רויטן אָר־קעסטער" אין פּאַריז — "סי־מעקס". אונטן, רעכטס: דאָס קאַפע הויז אויף בולוואַר מאָנ־פּאַרנאס, וואָס האָט געטראָגן דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען "צום הונט וואָס רויכערט". אין דעם קאַפע־הויז פלעגט הלל כץ באַשטימען די טרעפונגען מיט די מיטארבעטער פון "רויטן אָרקעסטער".

די באַטייליקטע מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער אין פּאַריז און אין בעלגיע

יאָהאַן ווענצעל

מיכאיל מאַקאַראָוו

סאָפי פּאָזנאַנסקאַ

דוד קאַמי

זשיל זשאַספּאַר

פרוי זשאַספּאַר

זשאַן גראָספּאָגעל — פּעזאַן
(גראָספּאָגעלס פרוי)

לעאָ גראָספּאָגעל

הערמאַן איזבוצקי

וועראַ אַקערמאַן

פלאָר שפּרינגער וועלאַערץ

איזידאָר שפּרינגער

מאַרי קאַרבען
(פרוי פון אַלפרעד קאַרבען)

אַלפרעד קאַרבען



הערש און מיראַ סאָקאָל מיט אירע עלטערן

הלל כַץ



19 Juin 1943

Ma douce petite Annette,

Tu as 7 mois aujourd'hui. Quand tu avais 7 jours j'ai commencé à m'habituer à ta présence, je te voyais tous les jours. J'ai commencé à me faire à la réalité du miracle de ton apparition, quoique longtemps attendue. Quand je t'ai vue la dernière fois, tu avais douze jours. Je t'ai regardée d'un coup d'œil attendri et rapide, car j'étais pressé. J'avais beaucoup de soucis. Je devais préparer ton départ à la campagne. J'avais apporté des nouvelles de ton frère, ta maman avait le cœur gros d'être séparée de lui. Moi aussi, car son regard, plein de reproches muets, qu'il m'a lancé au moment de le quitter, ...

בריוו פון הלל כַץ צו זיין טעכטערל אַנעט
(פולע איבערזעצונג פון בריוו, אויף זייט 441).

פערנאַן פאַריאַל

אַ גאַס אין מאַרסיי אויפן נאָמען פון פאַריאַל





אינמיטן:
שרה גאָלדבערג
רעכטס: סוזאַן ספּאַק.
לינקס: זשעאַרזשי דע־
ווינטער, העלדישע אָנ־
טיילנעמערינס אין דער
טעטיקייט פון רויטן
אָרקעסטער אין בעלגיע
און אין פּאַריז.

בילד אויבן: די אוי־
סערלעכע זייט פון דער
פעסטונג ברענדאָנק,
וועלכע די נאַציס האָבן
פאַרוואַנדלט אין אַ
תפיסה.



אינמיטן: די דערשי־
סונג־סלופּעס אין ברענ־
דאָנק. אונטן — די תל־
יות אויף וועלכע עס
זענען אומגעקומען צענ־
דליקער העלדישע קעמ־
פערס.

האַראָ שולצע־בּויזען, ווי אַן איבערצייגטער
נאַצי־קעגנער, האָט זינט היטלערס קומען
צו דער מאַכט, אַנגעפירט מיט די דייטשע
ווידערשטענדלער און דערנאָך מיט דער גע־
היים־דינסט "רויטע קאַפעליע" קעגן היטלער־
דייטשלאַנד. אומגעקומען אין פּלעצנזעע.

ד"ר אַדאַם קוקהאָף, מיטבאַטייליקטער
אין דער אָנפירונג פון דער "רויטער קאַפעליע"
אין דייטשלאַנד. אומגעקומען אין פּלעצנזעע.



ארוויד האַרנאַק און זיין פרוי מילדרעד האַרנאַק, ווי איבערצייגטע מאַרקסיסטן, זענען געווען
מיטאַרבעטער מיט דער סאָוועטישער געהיים־דינסט. זיי האָט מען אומגעבראַכט מיט דער
ווידערשטאַנד־גרופּע פון שולצע־בּויזען אין דייטשלאַנד.

ליאַנע בערקאָוויטש

קארל בערענס

ליבערטאָס שולצע־בויזען

ווילהעלם גודארף

זשאָן גראודענץ

הילדע קאָפי

זשאָן ריטמייסטער



וואלטער קיכנמייסטער

פיליפ שעפער

זשאָן זיעג

עליזאבעט שומאכער

קורט שומאכער

האַנס קאָפּי

עריקא גרעפין פאָן ברוקדאָרף

קאַטאַ באַנטזשעס וואַן בעק


וואַלטער היסעמאַן


עמיל היבנער

האָרסט היילמאַן

קורט שולצע

אַדאַ שאַטמילער

קלאַראַ שאַבעל


סטאַניסלאַוו וועסאַלעק

פרידאַ וועסאַלעק

אילזע שטעבע



מצבה פון די 32 יידישע יוגנטלעכע קעמפערס פון דער הערבערט באום גרופע, וואָס האָבן אויך מיטגעאַרבעט מיט דער רויטער קאַפּעליע אין בערלין.

אומגעקומען אין די יאָרן 1942/43. 28 פון זיי זענען געוואָרן געקעפּט.

— —

אונטן — די תליה־שטוב אין פּלאָצנזעע.

אויבן, רעכטס: אויסגעקריצטע אויפשריפטן אין די לעצטע מי־נוטן פאַרן אומקום פון די אַרעסטירטע קעמפערס, אויף די ווענט פון דער ברענדאָנק־תפיסה.

— —

אונטן, פייניקונג־צימער אין דער תפיסה פון ברענדאָנק.







דאָקומענטן און צוגאָבן

צוגאָב נ' 1, רשימות

זינט מיין אָנקומען קיין מערב־אייראָפּע, אין האַרבסט 1973, איז מיין עיקר־זאָרג ביים שרייבן די זכרונות געווען אויסצוגעפינען, וואָס איז געשען מיט מיינע חברים פון רויטן אָרקעסטער. ביי די זוכונגען האָב איך דורכגעמאַכט דעם זעלבן וועג, וואָס מיין פריינד זשיל פּעראָ, ווען עס איז געלונגען זיך צו דערוויסן דעם גורל פון זייער פיל פון מיינע מיטאַרבעטער. ער האָט דער ערשטער אויפגעדעקט די טרויעריקע ראָל פון דער ברענדאָנק־פעסטונג אין בעלגיע, אין וועלכער עס זענען געוואָרן פאַרשפּאַרט הערש און מירא סאָקאָל. א דאַנק די בעלגישע מאַכט־אָרגאַנען, האָב איך געקאָנט ממשיך זיין די אַנקעטע, צו וועלכער עס האָבן מיר צוגעהאָלפן מיינע פריינד זשאַק און שרה גאָלדבערג, די דירעקציע פון זוכונגען ביים בעלגישן געזונטהייט־מיניסטעריום, די דירעקציע פון דער צענטראַלע פון די היסטאָרישע שטודיר־פאָרשונגען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין בעלגיע און דער פּראָפעסאָר זשאַן פּאָל שאַרל פון דער בעלגישער מיליטערישער אַקאַדעמיע. די אַלע האָבן פאַר מיר געעפנט זייערע אַרכיוון.

אַזוי אַרום איז פאַר מיר געוואָרן מעגלעך צענויפצושטעלן די רשימות, וועלכע זענען ווייט נישט פולשטענדיק, און אונטערציען א געוויסן סך־הכל, וועלכער איז בלי־ספק נישט ענדגילטיק.

זיבן און צוואַנציק מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער זענען דורכגעגאַנגען די תפיסה פון ברענדאָנק.

פיר און צוואַנציק מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער זענען געוואָרן דערשאָסן אָדער געקעפּט.

זעקס מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער זענען געוואָרן דערשאָסן אויף איין אָרט און אין דער זעלבער דאַטע, וועלכע זענען אומבאַקאַנט.

דריי מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

פינף מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער זענען פאַרשוווּנדן.

צען זענען אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע.

אין סך־הכל, זענען אַכט און פערציק מיטגלידער פון רויטן אָרקעסטער, וועלכע זענען געוואָרן אַרעסטירט אין פראַנקרייך און אין בעלגיע, אומגעקומען בעת דער מלחמה.

פיר און דרייסיק זענען געבליבן לעבן.

פאַראורטיילטע צום טויט, געקעפּטע און דערשאָסענע

אַרנאָלד ריטאַ, אַרעסטירט דעם 13טן דעצעמבער 1941, אין הויז אויף דער אַטרעבאַט־גאַס (בעלגיע), פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דער תפיסה סאַן־זשיל און נאָך דעם אין דער תפיסה מאָאַביט אין בערלין. פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט אין אַפּריל 1943. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן דעם 20סטן אויגוסט 1943, אין פּלעצנזע.

בייפלע מאַרים, אַרעסטירט דעם 4טן דעצעמבער 1942 אין בריסל, פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה סאַן־זשיל ביז דעם 12טן פעברואַר 1943, דערנאָך אין ברענדאָנק (נ' 1165) און נאָך דעם זיך געפונען אין דער תפיסה מאָאַביט (בערלין), ביז יולי 1943. דעם טויט־אורטייל אויסגעפירט דעם 28סטן יולי 1943 אין פּלעצנזע. דעם 27סטן מערץ 1950, נאָכן טויט, אָנערקענט געוואָרן אַלס פּאָליטישער אַרעסטירטער.

בּרעיער ראָבּער, אַרעסטירט דעם 25סטן נאָוועמבּער 1942 אין פּאַריז. פאַרשפּאַרט אין דער תּפיסה "פרען". פאַראורטיילט צום טויט אין מערץ 1943, געקעפּט אין פּלעצנזעע, דעם 28סטן יולי 1943.

קוּאַנט סוזאַן, אַרעסטירט דעם 19טן נאָוועמבּער 1942, פאַראורטיילט צום טויט אין מערץ 1943, געקעפּט אין פּלעצנזעע, יולי 1943.

קאָרבּען אַלפרעד, אַרעסטירט דעם 19טן נאָוועמבּער 1942, פאַראורטיילט צום טויט דעם 8טן מערץ 1943, געקעפּט אין פּלעצנזעע, דעם 28סטן יולי 1943.

דריילי נאַזאַרען, אַרעסטירט אין בּריסל דעם 6טן יאַנואַר 1943, פאַרשפּאַרט אין בּרענדאָנק (נ' 977) בּיז דעם 18טן אַפּריל 1943. פאַראורטיילט צום טויט אין בּרענדאָנק, געקעפּט אין פּלעצנזעע, דעם 28סטן יולי 1943. דעם 6טן פעבּרואַר 1951 אָנערקענט געוואָרן, נאָכן טויט, אַלס פּאָליטישער אַרעסטירטער.

גאָלדענבּערג יוסף, אַרעסטירט אָנהייב 1942, געווען פאַרשפּאַרט אין בּרענדאָנק פון סעפּטעמבּער 1942 בּיז מערץ 1943 (פּ.א. נ' 14, נ' 557). נאָך אַן אויספאָרשונג געשטאָרבּן אין בּרענדאָנק. דעם 13טן אַפּריל געבּראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן בּית־עולם אין איקסעל. ער האָט נישט אָנגעהערט צום רויטן אָרקעסטער. די געסטאַפּאָ איז געווען איבּערצייגט, אַז ער האָט יאָ געהאַט אַ שייכות.

גריאָטאָ מעדאַרדאָ, אַרעסטירט אין דעצעמבּער 1942. אין מערץ 1943 פאַראורטיילט צום טויט. דעם 28סטן יולי 1943 געוואָרן געקעפּט אין פּלעצנזעע.

גראָספאָגעל־פּעזאַן זשאַן, אַרעסטירט דעם 25סטן נאָוועמבּער 1942 אין בּריסל, פאַרשפּאַרט אין בּרענדאָנק (נ' 1133), דערנאָך זיך געפונען אין דער תּפיסה מאָאַבּיט. געקעפּט געוואָרן דעם 6טן יולי 1944 אין בּערלין — שאַרלאָטענבּורג. נאָכן טויט, דעם 26־סטן אָקטאָבּער 1949, אָנערקענט געוואָרן אַלס פּאָליטישער אַרעסטירטער.

הילבּאָלינג יאַקאָב, אַרעסטירט דעם 17טן אויגוסט 1942 אין אַמסטערדאַם, פאַרשפּאַרט אין בּרענדאָנק (נ' 408, פּ. א. 214). דעם טויט־אורטייל אויסגעפירט אין 1943 (לויט דער רשימה פון דער בּרענדאָנק־פעסטונג איז דער טויט־אורטייל פון דעם געפאַנגענעם נ' 214, אויסגעפירט געוואָרן דעם 24סטן יאַנואַר 1943).

איזבּוצקי הערמאַן, אַרעסטירט דעם 13טן אויגוסט 1942 אין בּריסל, פאַרשפּאַרט אין בּרענדאָנק, געוואָרן געקעפּט דעם 6טן יולי 1944 אין בּערלין — שאַרלאָטענבּורג.

זשעיספער זשאַן, אַרעסטירט אין אָקטאָבּער 1942, פאַרשפּאַרט און דערשאָסן געוואָרן אין בּרענדאָנק.

קאַמי דאַוויד (דעסמעץ, דאַנילאָוו) אַרעסטירט דעם 13טן דעצעמבּער 1941 אין הויז אויף דער אַטרעבּאַט־גאַס אין בּריסל, פאַרשפּאַרט אין בּרענדאָנק, פאַראורטיילט צום טויט דעם 18טן פעבּרואַר 1943, דערשאָסן געוואָרן דעם 30סטן אַפּריל 1943 אין בּרענדאָנק (נ' 803).

קריאַט וויליאַם, אַרעסטירט אין יולי 1942, פאַרשפּאַרט אין בּרענדאָנק (נ' 368), ווו תּיכף מ'האָט אים דערשאָסן.

פּאָריאָל פערנאַנד, אַרעסטירט אין אויגוסט 1943 אין פּאַריז, פאַראורטיילט צום טויט דעם 19טן יאַנואַר 1944, דערשאָסן געוואָרן אין דער תּפיסה פון פרען דעם 12טן אויגוסט 1944.

פּעפּער מאָריס, אַרעסטירט אין אויגוסט 1942 אין בּריסל, פאַרשפּאַרט אין בּרענדאָנק, דערשאָסן געוואָרן דעם 24סטן פעבּרואַר 1944.

פּאָדסיאַלדאָ יאָהאַן, אַרעסטירט אין יאַנואַר 1943 אין פּאַריז, געוואָרן פאַראורטיילט צום טויט דעם 15טן מערץ 1943 און געוואָרן געקעפּט דעם 28סטן יולי 1943 אין פּלעצנזעע.

סעזעע אויגוסט, אַרעסטירט דעם 28סטן אויגוסט 1942 אין בּריסל, געוואָרן פאַראורטיילט צום טויט אין אַפּריל 1943, אין בּרענדאָנק. אין יאַנואַר 1944 דערשאָסן געוואָרן אין בּערלין. דעם 16טן סעפּטעמבּער 1949 אָנערקענט געוואָרן אַלס פּאָליטישער אַרעסטירטער.

סאָקאָל הערש, אַרעסטירט געוואָרן דעם 9טן יוני 1942, אין מעזאָן־לאַפיט (פאַרשטאָט

פון פּאריז), פאַרשפּאַרט אין בּרענדאָנק (נ׳ 546). אין יאַנואַר 1943 דערמאָרדעט געוואָרן בעת די פּייניקונגען. כּדי צו פאַרמאַסקירן דעם מאָרד, האָבּן די דייטשן, אויפן קבר וואָס געפינט זיך אויפן בית־הקברות אין "טיר־נאַסיאָנאַל" אין בּריסל, אָנגעגעבּן די בּאַמערקונג "דערשאָסן".

פּאָקאָל מירא, אַרעסטירט דעם 9טן יוני 1942 אין מעזאָן־לאַפיט, פאַרשפּאַרט אין בּרענדאָנק. אין אַפּריל 1943 געוואָרן איבּערגעפירט קיין דייטשלאַנד. געשטאָרבּן פון די פּייניקונגען.

ספּאַאַק סוזאַן, אַרעסטירט אין נאָוועמבער 1943, אין בּעלגיע. פאַראורטיילט צום טויט אין יאַנואַר 1944, דערשאָסן געוואָרן אין פרעזן, דעם 12טן אויגוסט 1944, אין תּפיסה־קאַמער.

ספּרינגער־וועלאַרץ פלאָר, אַרעסטירט דעם 19טן דעצעמבער 1942, אין דער געגנט ארום ליאָן. געקעפּט געוואָרן אין יולי 1943, אין בּערלין.

וועלקנער קעטע, אַרעסטירט דעם 31סטן יאַנואַר 1943 אין פּאַריז. פאַראורטיילט צום טויט דעם 15טן מערץ 1943. געקעפּט געוואָרן אין פּלעצנזעע, אין יולי 1943.

ווינטעררינק אַנטאָן, אַרעסטירט דעם 16טן סעפּטעמבער 1942 אין אַמסטערדאַם. פון 18טן נאָוועמבער 1942 פאַרשפּאַרט געוואָרן אין בּרענדאָנק (נ׳ 409, 1806). דערשאָסן געוואָרן אין בּריסל, דעם 6טן יולי 1944, אויף "טיר־נאַסיאָנאַל". יחידישער קבר 312, ריי נ׳ 11.

צייט און אָרט פון די עקזעקוציעס אומבּאַקאַנט

גראָספּאָגעל לעאָ, אַרעסטירט דעם 6טן דעצעמבער 1942, אין בּריסל. פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט אין מאַי 1944. דעם 21סטן דעצעמבער 1951 אָנערקענט געוואָרן אַלס פּאָליטישער אַרעסטירטער (אַקט נ׳ 9465).

כּץ הלל, אַרעסטירט דעם 2טן דעצעמבער 1942. פאַרשוווּנדן אין נאָוועמבער 1943.

מאַקסימאָוויטש אננא, אַרעסטירט אין דעצעמבער 1942.

מאַקסימאָוויטש וואַסילי, אַרעסטירט דעם 16טן דעצעמבער 1942.

פּעטער סימאָן, אַרעסטירט אין דעצעמבער 1942.

ראַבּינסאָן האַרי, אַרעסטירט דעם 12טן דעצעמבער 1942.

זעלבּסטמאָרדן

זשיראָ פּיער, אַרעסטירט אין דעצעמבער 1942, אין פּאַריז. בּאַגאַנגען זעלבּסטמאָרד אָנהייב 1943, אין דער תּפיסה פון פרעזן.

פּאָזנאַנסקאַ סאָפי, אַרעסטירט דעם 13טן דעצעמבער 1941, אין בּריסל. בּאַגאַנגען זעלבּסטמאָרד דעם 29סטן סעפּטעמבער 1942, אין דער תּפיסה סאַן־זשיל, אין בּריסל.

שפּרינגער איזידאָר, אַרעסטירט דעם 19טן דעצעמבער 1942, אין ליאָן. בּאַגאַנגען זעלבּסטמאָרד דעם 24סטן דעצעמבער 1942, אין דער תּפיסה פרעזן.

געשטאָרבּן אויף דעפּאָרטאַציע

קליי זשאָזעפין (שוועסטער פון זשערמען שניידער), פאַרשפּאַרט אין בּרענדאָנק (169 פּ.א., 1160) פון 16טן אַפּריל 1943 בּיז דעם 12טן פעבּרואַר 1944. דעפּאָרטירט אין ראַווענסבּריק דעם 3טן מערץ 1944, געשטאָרבּן אין אָנהייב 1945. געוואָרן אָנערקענט אַלס פּאָליטישע אַרעסטירטע דעם 3טן אויגוסט 1960.

קלעיי רענע איז גלייך נאָך דעם אַרעסט פאַרשפּאַרט געוואָרן אין בּרענדאָנק, דערנאָך אין מאַאַבּיט בּיז דעם 1טן אָקטאָבּער 1943. פאַראורטיילט געוואָרן אויף 5 יאָר צוואַנג־אַרבּעט. דעפּאָרטירט אין ראַווענסבּריק דעם 24סטן יאַנואַר 1945, געשטאָרבּן אין

מאטהאוזען דעם 10טן מערץ 1945. אָנערקענט געוואָרן אלס פּאָליטישע ארעסטירטע דעם 3טן אויגוסט 1960.

דע ריק הענרי, ארעסטירט דעם 25סטן נאָוועמבער 1942, אין בריסל. געשטאָרבן אין מאטהאוזען.

דרייַלי שאַרל, ארעסטירט דעם 25סטן נאָוועמבער 1942, דעפּאָרטירט אין מאטהאוזען, בוכענוואלד, געשטאָרבן אין ווייהינגען דעם 4טן יאנואר 1945. געוואָרן אָנערקענט אלס פּאָליטישער ארעסטירטער דעם 31סטן מערץ 1949.

הימבער-לאַראָש ארלעט, ארעסטירט אין דעצעמבער 1942, אין פּאריז. דעפּאָרטירט אין ראווענסבריק. געשטאָרבן קורץ פאר דער באפרייונג.

לעגראַן קלער (פרוי פון זשיל זשאַספּאַר), ארעסטירט דעם 30סטן נאָוועמבער 1942, אין מארסיי, דעפּאָרטירט אין ראווענסבריק. אין יאנואר 1944 זיך געפונען אין אוישוויץ און אין נאָוועמבער 1944 פארגאזט געוואָרן. אָנערקענט געוואָרן אלס פּאָליטישע ארעסטירטע דעם 23סטן מערץ 1949.

ראַוך הענרי, ארעסטירט דעם 28סטן דעצעמבער 1942 אין בעלגיע. געשטאָרבן אין מאטהאוזען דעם 8טן יאנואר 1944. אָנערקענט געוואָרן אלס פּאָליטישער ארעסטירטער דעם 11טן סעפּטעמבער 1950.

שניידער זשערמען, ארעסטירט געוואָרן דעם 31סטן יאנואר 1943, אין פּאריז. פאראורטיילט צום טויט אין מערץ 1943. געוואָרן באגנעדיקט א דאנק דעם אָפּמאַך צווישן שווייץ און דייטשלאנד, אז שווייצארישע בירגער קאָנען נישט פאראורטיילט ווערן צום טויט. ביז דעם 19טן אפּריל 1943 געווען פארשפּארט אין דער תפיסה פון פרען, דערנאָך זיך געפונען אין דער תפיסה מאָאַביט ביז דעם 30סטן נאָוועמבער 1944. א יאָר שפּעטער, אין נאָוועמבער 1945, געשטאָרבן אין א שפּיטאָל, אין ציריך. דעם 8טן מאי 1955 אָנערקענט געוואָרן אלס פּאָליטישע ארעסטירטע.

טהעווענע לואי, ארעסטירט דעם 25סטן נאָוועמבער 1942, אין בריסל. פארשפּארט אין ברענדאָנק, דעפּאָרטירט אין קאָנצענטראַציע-לאַגער זאקסענהאוזען. געשטאָרבן עטלעכע טעג נאָך דער באפרייונג, אין א שפּיטאָל אין ברעמען.

לעבן-געבליבענע

בארטשאַ מאַרגאַרעט, ארעסטירט דעם 12טן נאָוועמבער 1942, אין מארסיי. געווען דעפּאָרטירט ביז דעם 11טן מאַי 1945.

קריסטען ראַבער, ארעסטירט דעם 25סטן נאָוועמבער 1942, אין בריסל. דעפּאָרטירט געוואָרן אין מאטהאוזען. דעם 20סטן אפּריל 1949 אָנערקענט געוואָרן אלס פּאָליטישער ארעסטירטער.

קאָרבען דעניז, ארעסטירט דעם 25סטן נאָוועמבער 1942, פארשפּארט געוואָרן אין דער תפיסה פון פרען. באפרייט אין מאַי 1943.

קאָרבען ראַבער, ארעסטירט דעם 25סטן נאָוועמבער 1942, דעפּאָרטירט אין מאטהאוזען.

דרייַלי זשערמען, ארעסטירט דעם 25סטן נאָוועמבער 1942, אין בריסל. פארשפּארט אין דער תפיסה סאַן-זשיל, ביז דעם 18טן אפּריל 1943. דערנאָך אין מאָאַביט. געווען דעפּאָרטירט אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן ראווענסבריק, שענפעלד, אָריאַנענבורג. געוואָרן פאראורטיילט צום טויט דעם 13טן מערץ 1945. אנטלאָפן בעת א באָמבאַרדירונג, אָנטייל גענומען אין "טויטן-מאַרש". אָנערקענט געוואָרן אלס פּאָליטישע ארעסטירטע דעם 10טן אפּריל 1948.

דרייַלי פּאָלאַנזש, ארעסטירט דעם 16טן דעצעמבער 1942. אלס ערובניק פארשפּארט אין דער תפיסה פון סאַן-זשיל ביז דעם 16טן אפּריל 1943. געוואָרן אָנערקענט אלס פּאָליטישער ארעסטירטער דעם 12טן אפּריל 1950.

יעפּרעמאָוו, אַרעסטירט געוואָרן אין יולי 1942. פאַראַטן, הגם מ'האָט אים נישט געפּייניקט.

גאָלדבערג שרה (לילי), אַרעסטירט דעם 2טן יוני 1943, דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ דעם 4טן אויגוסט 1943, אָנטייל גענומען אין "טויטן־מאַרש".

האַריקס גיידם, אַרעסטירט דעם 28סטן דעצעמבער 1942, פאַרשפּאַרט אין ברענדאָנק, דעפּאָרטירט אין מאַטהאַוזען, דעם 28סטן אַפּריל 1943. אָנערקענט אַלס ציווילער ווידערשטענדלער דעם 5טן סעפּטעמבער 1957.

זשאַספאַר זשיל, אַרעסטירט דעם 30סטן נאָוועמבער 1942, אין מאַרסיי, פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דער תפיסה "סאַן־פּיער" ביז דעם 2־טן דעצעמבער 1942, דערנאָך אין דער תפיסה פרען דעם 17טן אַפּריל 1943, דעפּאָרטירט אין מאַטהאַוזען ביז דעם 19טן יוני 1945. אָנערקענט געוואָרן דעם 2טן אַפּריל 1948 אַלס פּאָליטישער אַרעסטירטער און דעם 7טן מערץ 1957 אַלס ציווילער ווידערשטענדלער

קענז לודוויג, אַרעסטירט אין דעצעמבער 1942, אין פּאַריז. פאַראורטיילט אויף 3 יאָר תפיסה.

קעלער וולאַדימיר, אַרעסטירט דעם 19טן נאָוועמבער 1942, אין פּאַריז. אין מערץ 1943 פאַראורטיילט געוואָרן אויף 3 יאָר תפיסה.

לוסטבאַדער מאַרקוס, אַרעסטירט דעם 25סטן אויגוסט 1942, אין בריסל. פאַרשפּאַרט געוואָרן אין ברענדאָנק ביז דעם 11טן אַפּריל 1943 (נ' 425), שפּעטער דעפּאָרטירט אין אוישוויץ, בוכענוואַלד. דעם 16טן מערץ 1949 אָנערקענט געוואָרן אַלס פּאָליטישער אַרעסטירטער.

ליאָן־שמיט אַנטאָניא.

מאַקאַראָוו מיכאַעל (אַלאַמאַ), אַרעסטירט דעם 31סטן דעצעמבער 1941, אין בריסל, פאַרשפּאַרט געוואָרן אין ברענדאָנק. אין מערץ 1943 פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. דער טויט־אורטייל איז נישט אויסגעפירט געוואָרן.

מאַי (פּרוי), אַרעסטירט דעם 15טן אָקטאָבער 1943 אין פּאַריז. אין חודש מאַי 1944 געוואָרן פאַראורטיילט צום טויט, דערנאָך באַגנעדיקט.

פאַרענדי (פּרוי), אַרעסטירט אין אָקטאָבער 1943. דעפּאָרטירט.

פּאַסעלעק זשאַן, אַרעסטירט דעם 25סטן נאָוועמבער 1942, אין בריסל. פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה סאַן־זשיל ביז דעם 17טן אַפּריל 1943. דורכגעמאַכט 6 תפיסות, 10 קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דעם 15טן דעצעמבער 1947 אָנערקענט געוואָרן אַלס פּאָליטישער אַרעסטירטער.

פּאָנסאָן זשאַן (פּרוי), אַרעסטירט דעם 11טן דעצעמבער 1942, אין בריסל. געווען פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה סאַן־זשיל ביז דעם 18טן אַפּריל 1943. דעם 24סטן אַפּריל געוואָרן דעפּאָרטירט אין ראַווענסבריק, דעם 7טן מערץ 1945 אין מאַטהאַוזען. אין זעלבן יאָר — דעם 24סטן אַפּריל געוואָרן באַפרייט (לויט דייטשע דאָקומענטן). דעם 15טן דעצעמבער 1947 אָנערקענט געוואָרן אַלס פּאָליטישע אַרעסטירטע.

קוויערי עהעבאַר, אַרעסטירט אין אָקטאָבער 1943, אין סירען (פּאַריזער אומגעבונג).

רייכמאַן אברהם, אַרעסטירט דעם 2טן סעפּטעמבער 1942. פאַראַטן בעת די פּייניקונגען, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט אין ברענדאָנק (נ' 479).

שניידער פראַנץ, אַרעסטירט אין אָקטאָבער 1942, אין בריסל. ביז דעם 20סטן אַפּריל 1943 זיך געפונען אין תפיסה סאַן־זשיל. אין מערץ 1943 געוואָרן פאַראורטיילט צום טויט אין ברענדאָנק. דורכגעמאַכט 7 תפיסות אין דייטשלאַנד. באַגנעדיקט געוואָרן ווי א שווייצאַרישער בירגער.

שומאַכער אָטאָ, פּאָליציי־שפּיאָן פון דער געסטאַפּאָ, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין רויטן אָרקעסטער אין בריסל.

סעגהערס העגרי, ארעסטירט דעם 24סטן נאָוועמבער 1942, אין בריסל. פארשפארט אין ברענדאָנק (ב' 814), דעפּארטירט אין מאטהאוזען דעם 27סטן אפריל 1943, דערנאָך אין דאכאו דעם 30סטן אָקטאָבער 1944. דעם 31סטן מערץ 1948 אָנערקענט געוואָרן אלס פּאָליטישער ארעסטירטער.

ספּאָקאָלאָוו (קענט), ארעסטירט דעם 12טן נאָוועמבער 1942 אין מארסיי. געוואָרן שאנטאזשירט און לסוף פאראטן.

טרעפּער לעאָפּאָלד (אָטאָ), זשאן זשילבער, אדאם מיקלער, ארעסטירט דעם 24סטן נאָוועמבער 1942 אין פאריז. אנטלאָפן דעם 13טן סעפּטעמבער 1943.

וואנקס מארסעל, ארעסטירט דעם 13טן דעצעמבער 1941. אין פעברואר 1943 פאראורטיילט אויף 5 יאָר תפיסה פאר שפּיאָנאַזש. פון 1943 ביז 1945 זיך געפונען אין תפיסה, אין בערלין. באפרייט געוואָרן דעם 27סטן אפריל 1945. דעם 15טן אָקטאָבער 1948 געוואָרן אָנערקענט אלס פּאָליטישער ארעסטירטער. ער האָט קיינמאָל נישט אָנגעהערט צום רויטן אָרקעסטער.

ווינטער זשעאָרזשי דע, ארעסטירט דעם 19טן אָקטאָבער 1943, געווען פארשפארט אין די תפיסות פון פרען, קארלסרוע, פראנקפורט און לייפציג, ווי אויך אין די קאָנצענטראציע-לאגערן ראווענסבריק, בערלין. אָנטייל גענומען אין "טויטן-מארש".

אייגע פון די צוויי שוועסטערן פון סאן-זשערמען (נאָמען אומבאקאנט).

30 (דרייסיק) פערזאָן, געזוכטע דורך דער געסטאַפּאָ, איז געלונגען אויסצומיידן ארעסטן. צווישן זיי: **קלאָד ספּאַאַק, וועראַ אקערמאן, זשיליעט מוסיע, דוב, לוסי זשיראָ, אלעקס לעסאָוואָי**, 5 שפּאנישע ראַדיאָ-זענדער, 9 מיטגלידער פון דער האָלענדישער גרופּע, **מישעל** — פארבינדונג-אגענט מיט דער פראנצויזישער קאָמוניסטישער פארטיי און **איוואן קיסליטגער**.

6 (זעקס) מיטגלידער פון סוזאן ספּאַאַקס משפחה זענען ארעסטירט געוואָרן אין בעלגיע ווי ערובניקעס:

לאָרגע אנזשעל, ארעסטירט דעם 7טן נאָוועמבער 1943 אין בריסל, באפרייט דעם 14טן מאי 1944.

מאסאָן זשאן, ארעסטירט דעם 31סטן אָקטאָבער 1943 אין בריסל, באפרייט דעם 14טן מאי 1944.

מאסאָן פּאָל, ארעסטירט דעם 31סטן אָקטאָבער 1943 אין בריסל, באפרייט דעם 14טן מאי 1944.

ספּאַאַק לוסי, ארעסטירט דעם 31סטן אָקטאָבער 1943 אין בריסל, באפרייט דעם 14טן מאי 1944.

ספּאַאַק מאדלען, ארעסטירט דעם 31סטן אָקטאָבער 1943 אין בריסל, באפרייט דעם 14טן מאי 1944.

ספּאַאַק מאדלען, ארעסטירט דעם 31טן אָקטאָבער 1943 אין בריסל, באפרייט דעם 14טן מאי 1944.

ווערבאָרען מאַרי-טערעז, ארעסטירט דעם 6טן נאָוועמבער 1943 אין בריסל, באפרייט דעם 3טן מאי 1944.

אומגעקומענע אויף דעפּאָרטאַציע
(צייט און אָרט אומבאַקאַנט)

הילבּאָלינג העגריקא, ארעסטירט דעם 19טן אויגוסט 1942, אין אמסטערדאם (איר גורל איז אומבאקאנט).

מאריוזע מארגעריט, ארעסטירט נאָוועמבער 1942, אין מארסיי.

ערליך מארעסט, ארעסטירט דעצעמבער 1942.

פּיק יוסף, ארעסטירט דעצעמבער 1942, אין ליאָן.

שרייבּער יחזקאל, ארעסטירט דעצעמבער 1942.

דייטשע גרופּע פון רויטן אָרקעסטער

פון 31סטן אויגוסט 1942 ביז אָנהייב 1943 זענען געוואָרן ארעסטירט אומגעפער 130 פּערזאָן פון דער גרופּע און 28 פּערזאָן פון א ווידערשטאנד־גרופּע פון דער יידישער יוגנט, אָנגעפירט פון הערבּערט באום.

49 פון דער גרופּע רויטער אָרקעסטער און 28 פון דער יידישער יוגנט ווידערשטאנד־גרופּע זענען געוואָרן אומגעבראכט.

5 זענען דערמאָרדעט געוואָרן בעת די אויספאָרשונגען.

2 זענען באגאנגען זעלבּסטמאָרד.

אלע אנדערע זענען געוואָרן דעפּאָרטירט.

40 זענען געבליבן לעבן.

נעמען פון די אָנטיילנעמערס פון דער יידישער ווידערשטאנד־גרופּע, אָנגעפירט פון הערבּערט באום, וואָס זענען געוואָרן אומגעבראכט אין די יאָרן 1942—1943:

באום מאריאַן, 30 יאָר אלט.
קאָכמאן מארטין, 30 יאָר.
קאָכמאן סאלא, 30 יאָר.
מעיער האנני, 22 יאָר.
וועסע סוזאן, 29 יאָר.
וואלטער אירען, 22 יאָר.
בּירנבּוים היינץ, 23 יאָר.
מעיער גערד, 22 יאָר.
ראָטהאָלץ היינץ, 21 יאָר.
הירש העללא, 22 יאָר.
הירש אליס, 19 יאָר.
בודזשיסלאווסקי הערבערט, 22 יאָר.
נוימאן העלמוט, 21 יאָר.
היימען הארדעל, 31 יאָר.
פרענקעל עדית, 21 יאָר.
היימאן פעליקס, 26 יאָר.
שטיינברינק ווערנער, 26 יאָר.
יאדאמאָוויטש הילדע, 26 יאָר.
אדלער האנס, 30 יאָר.
יאָאכים האנס, 21 יאָר.
ראָטהאָלץ סיגי, 21 יאָר.
ראָטהאָלץ לאָטע, 20 יאָר.
סאלינגער לאָטהאר, 23 יאָר.
יאָאכים מאריאָן, 20 יאָר.
לעווי הילדע, 20 יאָר.
בערנהארד קורט, 40 יאָר.
מעיער הערבערט, 32 יאָר.

די דאָזיקע נעמען זענען פארצייכנט אויף דער מצבה פון הערבערט באום, וועמענס קבר געפינט זיך אויפן יידישן בית־עולם אין בערלין — ווייסנזעע.

צוגאב נ' 2, א

ציטאטן פון לעניגען און סטאלינען אונטער זייערע פּאָרטרעטן: "איר האָט צו לייזן די פּראָבלעמען פון בויונג. איר וועט דאָס אָבער נישט קאָנען טאָן, אויב איר וועט נישט באַהערשן אלע קענטענישן פון דער צייט" (לענין).

"די טעאָריע קאָן זיך פארוואנדלען אין א גרויסער קראפט פון דער ארבעטער־באוועגונג נאָר דעמאָלט, ווען זי פארבלייבט אין ענגער פארבינדונג מיט דער רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיק" (סטאלין).

אין יאָר 1945 האָט לובא, פרוי פון טרעפער, באקומען צוגעשיקט די באקאנטמאכונג, אז איר מאן לעאָפּאָלד טרעפער איז פארשוואונדן, בעת אין דער ווירקלעכקייט האָט דער "פארשוואונדענער" זיך שוין געפונען, זינט 8 חדשים, אין דער לוביאנקע.

צוגאָב נ' 2, ב

רעהאביליטאציע־אקט

מיליטערישע קאָמיסיע
פון הויפּט־געריכט פון פ.ס.ס.ר.
8טער יוני 1955
נ' — 04094/54 — מ 4
מאָסקווע, וואָראָווסקי 13

באשטעטיקונג

די באשולדיקונג קעגן טרעפער לעאָפּאָלד זאכאראָוויטש איז נאָך אמאָל אויסגעפאָרשט געוואָרן דורך דער מיליטערישער קאָמיסיע פון העכסטן געריכטן פון פ.ס.ס.ר., דעם 26סטן מאי 1954.

די באשלוסן פון דער ספעציעלער קאָמיסיע פון 18טן יאנואר 1947 און פון 9טן יאנואר 1952 בנוגע טרעפער ל. ז., זענען אנולירט געוואָרן.

עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן א פאראָרדענונג אָפּצושטעלן די באשולדיקונג צוליבן פעלן פון פאקטישע באווייזן פונעם פארברעכן.

פארן פאָרזיצער פון דער מיליטערישער קאָמיסיע
פון העכסטע געריכט פון פ.ס.ס.ר.
מיליטערישער ריכטער
קאָלאָנעל (ל.ס.) וו. באָריסאָגלעבסקי

צוגאָב נ' 2, ג

ארבעט־קארטע

אין דעם דאָקומענט ווערט אָנגעוויזן, אז ל. טרעפער איז ארייַנגעטראָטן אין דער סאָוועטישער געהיים־דינסט, אין דעצעמבער 1936. די תפיסה־יאָרן ווערן פאררעכנט ווי אקטיווע דינסט.

אין דער ווירקלעכקייט האָט די פאקטישע אקטיוויטעט געדויערט פון אפּריל 1938 ביז יאנואר 1945.

צוגאָב נ' 3, א

דער לעצטער "אדיע" פון פערנאַן פּאָריאָל

דעם בריוו האָט פערנאַן פּאָריאָל געשריבן צו זיין פרוי, עטלעכע מינוט פארן ווערן דערשאָסן.

מיין הייס־געליבטע!

דעם בריוו, וואָס וועט דיר צערייסן דאָס הארץ, שרייב איך דיר מיט געפילן, וועלכע

דו קענסט זיך פאָרשטעלן. איך האָב דיר אַמאָל געזאָגט, אַז אויב איך וועל שטאַרבן, וועלן מיינע לעצטע מחשבות זיין פאַר דיר. ווייל פאַרלאָזן דאָס לעבן — הייסט דיך פאַרלאָזן. דער טאָג איז פאַר מיר געקומען.

דו ווייסט וואָס איך טראַכט, וואָס איך וואָלט דיר געזאָגט, ווען איך קאָן צו דיר ריידן, ווען איך קאָן דיך האַלטן אין מיינע אָרעמס. עס בלייבט מיר נישט עפּעס אַנדערש צוצוגעבן — איך פיל זיך אַזוי, ווי איך וואָלט אַ מעסער אַריינגעשטראָכן אין דיין האַרץ.

דעם לעצטן 20סטן יאַנואַר, בין איך געוואָרן פּאַראַורטיילט צום טויט. דאָס איז געווען צוזאַמענגעס פון דעם טאָג, ווען איך האָב דיך געזען (דיך און מיריי, וואָס איך קאָן פון דיר נישט אָפּטיילן, מיין געליבטע). דו קאָנסט דיר פאָרשטעלן, וועלכע זענען געווען מיינע מחשבות אין מיין לעבן, זינט דעמאָלט ווען איך האָב אייך געזען. ביסט געווען אַזוי געטרוי ענלעך צו דער, וועלכע איך האָב געזען אין מיינע הייסטע חלומות.

איך וויל דיר זאָגן נאָך אַמאָל — עס איז מיין אויפריכטיקער ווונטש, אַז אין דער צוקונפט זאָלסטו בעממען פון לעבן אַלץ וואָס עס קאָן נאָר געבן, אָן אויסנאַם. אַזוי אַרום וועסטו בלייבן טריי מיין ווונטש, אַז דו זאָלסט זיין גליקלעך. לאָז דיך נישט דערשלאָגן, גיב זיך נישט אונטער דעם צער. דאָס דאַרפסטו טאָן פאַר דיר און פאַר מיריי. מיריין וועסטו קאָנען זאָגן, אַז זי איז געווען פאַר מיר דאָס בילד פון דער צוקונפט און איך ווינטש איר אַ ליבע ווי אונדזערע.

דו וועסט זאָגן אונדזערע פריינד, אַז איך בין געשטאָרבן אַזוי ווי איך האָב געלעבט ביז היינט. איך נעם אויף מיין חשבון די ווערטער פון אונדזער טייערן גאַבריאַל... דו וועסט זאָגן אַלע מייניקע קושנדיק, אַז מיינע מחשבות האָבן זיי נישט פאַרלאָזן. אין לויף פון די חדשים, ווען איר האָב דורכגעקוקט מיין קינדהייט, האָב איך געפילט ווי גרויס עס איז געווען מיין ליבע צו זיי, צו מיינע טייערע עלטערן, צו מיין שיין לאַנד.

מעגלעך, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען איך וועל קאָנען רוען ביי דיין זייט. דאָס איז מיין לעצטער פאַרלאַנג.

לעב, מיין טייערע, מיט די געפילן אַז איך לעב אין דיר און יעדעס מאָל וואָס דו וועסט זיין גליקלעך — טראַכט, אַז איך וואָלט געווען צופרידן.

אַדיע, מיין הייס-געליבטע!

דיין פערנאַן

צוגאָב נ׳ 3, ג

הלל כּץ

אַ בריוו פון הלל כּץ צו זיין טעכטערל אַנעט, וועלכע איז געוואָרן 12 טעג פאַר זיין אַרעסט — דעם 19טן נאָוועמבער 1942. ער גופא איז אַרעסטירט געוואָרן אין דער נאַכט פון 1טן אויפן 2טן דעצעמבער 1942. אין דעם בריוו וויל ער, כּלומרשט, באַווייזן אַז ער געפינט זיך אויף דער פריי.

19טער יוני, 1943.

מיין זיסינקע, קליינע אַנעט!

דו האָסט היינט 7 חדשים. ווען דו האָסט געהאַט 7 טעג, האָבב איך זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו דיין אָנוועזנהייט. איך האָב דיך געזען יעדן טאָג, איך האָב אָנגעהויבן באַנעמען די רעאַליטעט פון דעם נס פון דיין דערשיינען, הגם מיר האָבן דיך פון זייער לאַנג אויסגעקוקט. ווען איך האָב דיך געזען דאָס לעצטע מאָל, האָסטו געהאַט 12 טעג. איך האָב אויף דיר געוואָרפן אַ גיכן, צערטלעכן בליק, ווייל איך האָב זיך געאיילט. איך האָב געהאַט זייער פיל דאגות. איך האָב געדאַרפט צוגרייטן דיין אָפּפאָר אויפן דאָרף. איך האָב געבראַכט בייס פון דיין ברודער. דיין מאַמען איז געווען שווער אויפן האַרצן צוליב דעם זיין מיט אים צעשיידט. אויך מיר, מחמת אין מאָמענט, ווען איך האָב אים פאַרלאָזן,

איז זיין פארלאָזן, איז זיין בליק וואָס ער האָט מיר צוגעוואָרפן, געווען אָנגעפילט מיט א שווייגנדיקן פאָרווורף. דער בליק האָט זיך אין מיר איינגעקריצט. איך בין זיך מצער און נישט בכוח דערפון זיך צו באפרייען.

איך האָב נאָך געהאַט אנדערע שווערע עגמת־נפשן. דיין מאמע האָט מיך אָבער דערמוטיקט מיט א ליכטיקן שמייכל, וואָס האָט מיר גוט געמאַכט. איך זע נאָך איצט זייער אָפט דעם שמייכל, וואָס גיט מיר צו מוט אין די זייער טרויעריקע מאָמענטן.

ווי געוויינלעך, ביסטו דעם טאָג געשלאָפן. אפשר האָסטו שוין געוווּסט, אז דו ביסט געצווינגען זיך צו האלטן אין געהאַרכזאמקייט. אין דעם מאָמענט ווען איך האָב אויף דיר געוואָרפן מיין לעצטן בליק, האָט דיין קארשן־מיילעכל זיך באַוועגט, ווי דו וואָלסט איבערגעלעבט א זיסן מילך־חלום, וואָס האָט זיך דיר אוודאי אין דער מינוט געחלומט.

איך האָב דיך פארלאָזן. פון דעמאָלט טראַכט איך אָפט פון דיר. דיין ווילן צו דערשיינען אין אונדזער לעבן, איז געווען אכזריותדיק, דו האָסט זיך מיט גאָרנישט גערעכנט — נישט מיט די געפאַרן פון דער מלחמה־צייט און נישט מיט אונדזער פארלאַנג, אז זאָלסט קומען ערשט נאָך דער מלחמה. דו האָסט, פארשטענדלעך, נישט געקאָנט טיילן אונדזער ערדישן שטאַנדפונקט, דו — וואָס ביסט נאָך געווען אין דער אייביקייט. מיט ליבע, מיט פרייד און מיט מוט האָבן מיר זיך אונטערגעגעבן דיין הערשנדיקן ווילן. דיין געבורט האָט אונדז אַוועקגעשטעלט פאר דעם גורל, וועלכן מיר מאַכן איצט אדורך. צי אָן דיין געבורט וואָלט אונדזער גורל געווען לייכטער? מעגלעך, אז שווערער. וואָס קאָנען מיר וויסן?

אָבער מיר האָבן דיך אויפגענומען מיט אָן אָפן הארץ, שמייכלענדיק, צערטלעך און מוטיק. אזוי האָט עס אויך געטאָן דיין ברודער. מיר האָבן דיך אויפגענומען מיט אונדזער גאנצער פאָטערלעכער און מוטערלעכער ליבע, אינסטינקטיוו און באַרעכנט. מיר זענען געווען דעצידירט אלץ צו טאָן, כדי צו מאַכן אייך פעיק צו זיין גליקלעך, מחמת גליק איז נישט קיין ענין וואָס געפינט זיך אויסער דעם מענטש, גליק פארשאַפט מען זיך. עס איז אָן אינערלעכע פעיקייט וואָס באַשטימט די רייכקייט פון דער נשמה און הארץ. און די רייכקייט זענען מיר מסוגל, אין דעם בין איך איבערצייגט, אייך צו פארשאַפן. איך וויל האָפן, אז מיר וועלן נאָך האָבן צו דעם א גינסטיקן מצב און פאַסיקע באַדינגונגען.

איך קאָן זיך פאר דיר מודה זיין, נישט מחמת שוואַכקייט, נאָר למען האמת, אז איך בין באַזייטיקט פון דער פרייד, פון דעם טיפן גליק וואָס וואָלט מיר פארשאַפט די אַנטוויקלונג פון דיינע געפילן צום לעבן, דער פראָגרעס פון דיינע ערשטע דערקענטענישן, דיין קערפּערל און בכלל אלץ וואָס איז מיט דיר פארבונדן. דיין מוטיקער און ווונדערלעכער גערּאנגל צו דערגרייכן די פעיקייט זיך צו באַוועגן אין רוים, דיין שמייכל, דיין חן, דיין פּלאַפּלען און דאָס איבריקע, וואָס איך פרוּוו זיך פאָרשטעלן, מיט דער הילף פון דיין מאַמען, ווען איך האָב געהאַט דאָס מזל און דאָס גרויסע גליק אויסצוקלייבן פאר דיר.

איך בין גליקלעך, ווייסנדיק וועגן די גלענצנדיקע באַדינגונגען, וועלכע דו האָסט פאר דיין פיזישער אַנטוויקלונג און פאר דיין געזונט. דאָס פארלייכטערט מיין צער.

איך ווייס, אז מיינע רייד וועלן צו דיר דערגיין ערשט פיל שפּעטער. אָבער איך פיל א באַדערפעניש צו דיר איצט צו רידן. דערווייל וועט די מאַמע דיר פרוּוון דאָס אויפקלערן — אויף וויפל עס וועט איר נאָר זיין מעגלעך דאָס צו טאָן.

איך ווינטש דיר זאָלסט אויסוואַקסן אן אינטעליגענטע, מוטיקע און שיינע יונגע פריילין.

צערטלעכע קושן

אנדריי

צוגאָב נ' 3, ג

דער לעצטער "זיי געזונט" פון סוזאן ספּאַק

די אויפשריפטן, וועלכע עס האָט איבערגעלאָזן סוזאן ספּאַק, אויף די ווענט פון איר קאַמער, אין דער תפיסה פון פרען.

אלץ פארשטיין, הייסט אלץ מוחל זיין.

אָ, זאָלן מיינע קראַטעס ווערן אויפגעריסן און איך זאָל גיין צום ים! (רעמבאָ).

האָסט געקאָנט געפינען א בעסערע פרוי ווי איך. איך האָב דיר אָבער געגעבן אונדזער זון.

אָ, ווי איך וואָלט געוואָלט בלייבן זיצן אין שאָטן פון וועלדער... (ראסין).

אליין מיט מיינע מחשבות איז נאָך אלץ די פרייהייט.

מיינע שונאים קאָנען מיך טויטן, זיי קאָנען אָבער מיר נישט איינברעכן (סאָקראַטעס).

זייט געגריסט און מוטיק, חברים!

ווו עס זענען די קינדער, דאַרפן זיך אויך געפינען די מוטערס, אז זיי זאָלן איבער זיי וואַכן (קיפּלינג).

מעלאַדישער שפּיל־פויגל.

זינג א זמר, וואָס זאָל שליסן מיינע אויגן.

(דער חלום פון א זומער־נאַכט).

איך האָב אויף גאָרנישט קיין חרטה.

צוגאָב נ' 3, ד

עטלעכע זייטלעך פונעם טאָגבוך פון אַלפרעד קאַרבען, געשריבן אין דער בערלינער תפיסה. אין די זייטן 6 און 7 ברענגט ער ארויס די געשעענישן וואָס זענען מיט אים פאָרגעקומען, פון דעם 19טן נאָוועמבער 1942, דעם טאָג פון זיין ארעסט. די פייניקונגען, וואָס ער האָט פון דעם מאָמענט אָן דורכגעמאַכט. דער טאָגבוך רייסט זיך ברוטאַל איבער דעם 28סטן יולי, אין טאָג, ווען קאַרבען איז געוואָרן געקעפּט.

"... דעם 3טן דעצעמבער, האַלב 7 אין אָוונט, האָט מען מיך אוועקגעפירט אין אינערן־מיניסטעריום. זיי רופן עס דער טריבונאַל. דאָ בין איך געוואָרן געפייניקט דורך א ספּעציאַליסט! יאָ, ער האָט מיך געלאָזן א האַלב־טויטן. איך האָב באַקומען קלעפּ...

... דעם 27סטן איז פאָרגעקומען אַן אויספאָרשונג, ענדלעך איז די אויספאָרשונג פון דעם 27־סטן שוין געווען די לעצטע... עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דיר. דאָ האָב איך זיך שטאַרק אויפגערעגט. זיי האָבן ביי מיר געפאָדערט, אז איר זאָל זאָגן, אז דיר איז געווען באַקאַנט די אַקטיוויטעט פון מענטשן, פון וועלכע דו האָסט קיינמאָל אפילו נישט געהערט ריידן וועגן זיי. איבריקנס, איך גופא אויך נישט.

אָט דאָס מיין טרייע, איז די קורצע געשיכטע...

אָבער זינט דעמאָלט האָב איך פארשטאַנען, אז ווי עס זאָל נישט זיין..."

אַ בריוו פון קאָלאָנעל רעמי צו טרעפּערן

קאָלאָנעל רעמי אין אַ באקאנטע און אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין פראַנקרייך. ער האָט בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע אָנגעפירט מיט דער מיליטערישער געהיים־דינסט פון גענעראל דע־גאָל און מחבר פון עטלעכע ביכער זכרונות פון יענער צייט.

טייערער הער טרעפּער,

איך בין געווען גליקלעך צו קאָנען אויסדריקן עפנטלעך, נעכטן אין ראַדיאָ, דעם גרויסן דרך־ארץ וואָס איך האָב פאר אייך, ווי צו אַלע פריינד פון רויטן אָרקעסטער, וועלכע האָבן אונטער אייער אויסגעצייכנטער אָנפירונג אדורכגעפירט אַ וווּנדערלעכע אַרבעט. איר האָט פארן פרייז פון אזוי פיל קרבנות געצילט צו פארטיליקן דעם נאַצישן טאָטאַליטאַריזם. ליידער, זענען נאָך פארבליבן אַנדערע אויף דער ערד.

איך האָב מיט גרויס אינטערעס געלייענט אייער בוך ״די גרויסע שפּיל״ (דאָס איז דער נאָמען פון דעם בוך אין פראנצויזיש — מ. מ.) און איך ווינטש, פאר דער טובה פון יעדן איינעם, אַז דאָס בוך וואָס איז אַ רעוועלאַציע, זאָל האָבן גרויס דערפאָלג.

איך בעט אייך איבערגעבן דער מאַדאַם לעאָפּאָלד טרעפּער מיינע הארציקע ברכות און מיין באוווּנדערונג פאר איר אויסגעהאַלטענעם מוט.

אייער איבערגעגעבענער פריינד

ק א ל א נ ע ל ר ע מ י

די רעדאקציע פון ״ירושלימער אלמאנאך״, דער ארויסגעבער פון ״די רויטע קאַפּעליע״, צוזאמען מיטן מחבר פון בוך, דריקן אויס זייער טיפן דאנק די קאָמיטעטן פון לעאָפּאָלד טרעפּער בוך אין:

ירושלים, פּאריז, בריסל, ניו־יאָרק, טאָראָנטאָ, שטאָקהאָלם און קאָפּענהאַגן, וואָס האָבן בייגעטראָגן צו דער רעאַליזירונג פון אונדזער אויפגאבע, אז דאָס בוך זאָל דערשיינען אין יידיש.